STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09151

# GEZAMLTE SHRIFTN

Joseph Ehrlich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Donated by:

Mr. & Mrs. N. Knobel
100 Antibes Drive, apt. 1106
Willowdale, Ontario
Canada M2R 3N1

יוסף ערליך

# דער אָנהייב

געזאַמלטע שריפטן

באַנד 1

פאַרלאַג המנורה

תל־אביב תשמ״ב

JOSEPH ERLICH

# THE BEGINNING

פאַרלאַג „המנורה״, עין־ורד 6, תל־אביב
יוסף ערליך / דער אָנהייב

"Hamenora" Publishing House
6, Ein Vered St., Tel Aviv, Israel

©
All rights reserved
Copyright by Joseph Erlich

Printed in Israel 1982
נדפס בישראל תשמ״ב

סידור והדפסה: דפוס משה חמיאל
יצחק שדה 34, תל־אביב, טל. 330555 - (03)

מיין מורי ורבי **דב סדן**
דער תלמיד־חכם און בר־סמכא אין אונדזערע
ביידע ליטעראַטורן
און זיין עזר כנגדו **מרת גוסטאַ**

מיינע שריפטן פון אַלע יאָרן

יוסף ערליך, אַן אָריגינעלער און קערניקער באַשרײַבער פֿון אונדזער לעבן סײַ אין פּוילן, וווּ ער איז אויסגעוואַקסן, סײַ אין ישׂראל, וווּ ער איז אַרײַנגעוואַקסן. אַ נאַטוראַליסט פֿון כאַראַקטער און אָבסערוואַציע, איז ער אַ יורש פֿון נאַטוראַליסטישער, אָדער ווי יחיאל האָפֿער האָט עס אָנגערופֿן, סורנאַטוראַליסטישער שול, פֿון ווײַסנבערג און א. מ. פֿוקס, האָט אָבער אַ ווײַטערן און ברייטערן סובסטראַט פֿון — אַ ווײַטערן, אַ שפּעטערן, שטורמישן דור. נעמט אַרום מער ייִדישע קאָמפּלעקסן, אַשכּנז, ספֿרד, עולי פּוילן, דײַטשלאַנד און אַפֿריקע, דעם גאַנצן צערודערטן דינאַמישן גלאָבוס ייִדן: זייער גורל, זייער באַזונדערקייט, זייער בשותּפֿותדיקן נעכטן און זייער בשותּפֿותדיקן מאָרגן און אַלץ קלאָר געזען און געשריבן, ווי זײַן שאַרף אויג און אַנאַליז האָט עס געכאַפּט.

דב סדן

ירושלים, תשרי תשל״ז

# דער עולה

# א

די שיף האָט זיך גענומען וואַקלען, גיין לאַנגזאַמער, זיך דערנענטערט צום ברעג. די מאַטראָזן האָבן אָנגעהויבן גרייטן די שטריק און קייטן צום אַנקערן.

זעליג האָט אָנגעטאָן אַ ווייסן אַנצוג, זיך פאַרקעמט, צופאַרפורמירט און אַרויפגעשלעפּט אויפן דעק זיינע פּעק. ער איז געשטאַנען אויפן דעק, איבערגעבויגן איבער דער באַריערע, פאַרקוקט אין דער ווייטקייט, אין דעם פאַרנעפּלטן ברעג. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק, געוואָלט זען אַ סימן פון אַ יִישוב. ער האָט מיט די פינגער זיך געגלעט די צוגעקעמטע טשופּרינע, זיך געגרייט באַגעגענען דעם פעטער, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געזען. ער האָט געוואָלט, אַז דאָס ערשטע געשפּרעך, ווען ער וועט אים איבערגעבן דעם גרוס פון די עלטערן, זאָל אויף דעם פעטער ווירקן, אַז ער איז אַן אינטעליגענטער, גוט דערצויגענער בחור.

די שיפּס־סירענעס האָבן געשריגן, די קוימענס האָבן אַרויסגעוואָרפן שוואַרצן רויך. די מאַשין־שרויפן האָבן געגרילצט. די שיף איז שטיין געבליבן אַ היפּש שטיקל וועג פון יפוער ברעג. באַלד זענען אויף דער שיף אַרויפגעקומען די באַאַמטע קאָנטראָלירן די פּעסער. ס׳זענען אַרויפגעקומען די פאָרטטרעגער מיט זייערע ווילדע געשרייען און געפילדער.

זעליג איז פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט די אַראַבער געבליבן געפּלעפט. די אַראַבער זענען געווען אָנגעטאָן אין ברייטע הויזן, אין די אויגן האָבן זיי געהאַט ווילדע בליקן און זיי זענען געשפּרונגען צווישן די פּעק און וואַליזעס ווי ווערוויקעס. מיט ווילדקייט האָבן זיי געשלעפּט די געפּעק צו די קליינע שיפלעך, וואָס האָבן געוואַרט אויף די פּאַסאַזשירן. ער האָט זיך אַליין נישט געגלויבט. ביז ער האָט זיך אָריענטירט וואָס עס קומט פאַר אַרום אים האָט אַן אַראַבער אין אַ גראַנאַטענעם סוועטער מיט אויסגענייטע אויף דער ברוסט גרויסע, ווייסע יידישע אותיות „לויד־טרייסטין" אַ כאַפּ געטאָן זיינע וואַליזעס אין איין האַנט, אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, אַראָפּגעפירט פון די שטיגן און אַריינגעשטופּט אין אַ שיפל איבערפולט מיט פּאַסאַזשירן און איז באַלד אָפּגעפאָרן צום ברעג.

די אַראַבער האָבן גערודערט אין וואַסער און צום טאַקט פון די קלעפּ פון די רודערס זיך צוגעזונגען אַ ווילדן מזרח־ניגון. דאָס שיפל האָט געשניטן די אויפגעשוימטע וואַסער־כוואַליעס, זיך געהוידעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער אונטער דער לאַסט פון דער משא און געשווומען פאָרויס צום ברעג. די מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט דורך די עטלעכע טעג פאָרן, צוגעוווינט צו די שיפּס־

טרייסלונגען האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס טרייסלען זיך פון שיפל און האָבן געבראָכן. אויך זעליג האָט דערפילט איבל און האָט געבראָכן, נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט אים.

ווען דאָס שיפל איז צוגעקומען צום ברעג האָט אַ געזונטער אַראַבער אים ווידער אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם ווי אַן אַנגעפילטן זאַק און אים אַוועקגעשטעלט אויף דעם שטיינערנעם פּאָל אין צאָלאַמט. זעליג האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אַלץ אַרום אים פאָרט, באַוועגט זיך, אַנטלויפט פון אים. נאָר באַלד האָט ער זיך אויס־געניכטערט. דער קאָפּ האָט אויפגעהערט אים ווײ טאָן, ער האָט דערפילט אונטער די פיס דעם באָדן.

אַ צאָל־באַאַמטער האָט רעוווידירט זעליגס וואַליזעס און ווען ער האָט נישט געפונען קיין קעגנשטאַנד פאַר וועלכן ער זאָל דאַרפן אָפּצאָלן צאָל — האָט ער אים דערלויבט אַריבערגיין, דורכגעלאָזט צום דורכגאַנג.

אין דער פּאָרטגאַס איז זעליג שטיין געבליבן מיט די וואַליזעס אין די הענט. דער גערויש פון די אויטאָס און איבערגעלאָדנטע וועגענער און דער מענטשן־ליאַרעם האָבן אים צעטומלט. זעליג דער אינטעליגענט האָט נישט געוווסט ווו איין און ווו אויס. פּלוצים האָט ער דערהערט פון דער ווייטנס פון איבער דער באַריערע אַ קול, וואָס האָט גערופן: — זעליג! זעליג!. ער האָט זיך דערפרייט, און געגאַנגען נאָכן קול.

ביים טויער האָט אים באַגעגנט אַ געזונטער, אָפּגעברענטער פון דער זון אַ פאַרשוין מיט פאַרשאַרצטע אַרבל איבער דיקע, האָריקע הענט. ער האָט אים געפרעגט צי ער הייסט זעליג און צי ער איז עדהס געשוועסטערקינד. ער האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט אַלס חיים איר מאַן. זעליג האָט נייגעריק אָנגעקוקט דעם פאַרשוין, זיינע אָפּגעדעקטע אָרעמס, זיין קערפּערבוי פון וועלכער עס האָט געשפּראָצט געזונט, וואָס האָט ווי פאַרשטעלט די זון. זעליג, דער קליינער, דאַרער האָט אָנטקעגן אים אויסגעזען ווי אַ יינגל, כאָטש ער האָט שוין מיט צוויי יאָר צוריק געענדיקט די גימנאַזיע. מיט זיינע קרומלעכע פיס, שיטער באַהאָרטע, מיט אַ לאַנגער שמאָלער נאָז, גלאַטיקן שטערן, ברייט מויל, שיטערע ציין און דעם רויטן פון געבורט פלעק ביי דער שליף — האָט ער נעבן חיימען אויסגעזען נאָך קלענער ווי ער איז. ער האָט זיך פאַרלוירן ווי אַ יינגל ביים דאָקטאָר בשעת דער אונטערזוכונג. די אינטעליגענטע באַגריסונג, וואָס ער האָט צוגעגרייט שוין פריער, האָט ער פאַרגעסן. ער האָט אַפילו נישט געדענקט איבערגעבן דעם קרוב דעם גוטן וואַרשעווער ווורשט, וואָס דער פאָטער האָט מיטגעשיקט פאַר די קרובים.

נאָר חיים האָט פון זעליגס צעטומלקייט נישט געמאַכט קיין ווענז, ווי נישט באַמערקט די טראָפּנס שווייס, וואָס זענען אים גערונען פון שטערן און זיין נאַסער פּלייצע, און אים געפרעגט: — אויף וואָס וואַרטסטו? — ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיינע וואַליזעס, זיי אויפגעהויבן ווי דאָס זאָלן זיין פּיצעלעך שוועבעלעך, געהייסן אים איינשטייגן אין דער דראָזשקע, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט. ער מיטן בעל־עגלה האָבן פאַרבונדן די וואַליזעס. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין דער

דראָזשקע, זיך אַוועקגעזעצט נעבן זעליגן און געהייסן דעם בעל־עגלה פאָרן אויף באָראָכאָוו־גאַס.

דער בעל־עגלה האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש און די פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס. זעליג איז געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל ווי ער זאָל מורא האָבן זיך אָנשטויסן אין קרוב. חיים האָט זיך געגעבן די מי צו פאַרבינדן מיט אים אַ שמועס, געפרעגט אים וועגן פאַרשידענע ענינים. זעליג האָט אים געענטפערט פון דער האַנט אַוועק און געקוקט אין די שמאָלע, ענגע געסלעך אָנגעשטאָפּטע מיט אַראַבער, וואָס האָבן אויפן קול אויסגערופן זייערע סחורות פונאַנדערגעלייגטע אויף טישלעך, סטראַגאַנעס און אויף דער ערד. די געסלעך זענען געווען ענג, מיט אַ המון, די פערדקלאָען האָבן אָנגעריַרט די מענטשן.

די דראָזשקע איז געשפּרונגען, זיך געטרייסלט איבער די שפּיציקע ברוק־שטיינער און אונטערגעוואָרפן זעליגן. די געסלעך האָבן אים אויסגעזען ווי אַ לאַבירינט, פון וועלכן ער וועט שוין קיין מאָל נישט אַרויס.

נאָר ווען די קרומע ווי שטיגן הייזלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי איינס זאָל אַרויפקריכן אויפן אַנדערן, זענען וואָס ווייטער אַלץ מער שיטערער געוואָרן און די דראָזשקע איז אַריינגעפאָרן אין דער ברייטער, מאָדערנער גאַס, איז זעליגן גרינגער געוואָרן אויפן געמיט. מיט נייגער האָט ער אָנגעהויבן באַטראַכטן די תל־אביבער גאַסן. ער האָט גאָרנישט באַמערקט נאָר געזען פרעמדע מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען שנעל, זיך געאײַלט, אַ סך שנעלער ווי די יידן אין וואַרשע. פּלוצים האָט ער דערהערט דעם קרובס קול, וואָס האָט אַריבערגעשריגן איבערן געזעס צום בעל־עגלה. ער האָט דערזען ווי חיים ווייזט אים אָן אויף אַ הויז. דער בעל־עגלה איז אָפּגעפאָרן נאָך אַ פּאָר שפּאַן, אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש, אַ צי געטאָן די לייצעס, פאַרהאַלטן די פערד.

די דראָזשקע האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ גרויס, שיין ווייס הויז. פון הויז איז אַרויסגעלאָפן אַ קאָרפּולענטע, אָפּגעברענטע פון דער זון, פרוי. לויט אירע פּנים־שטריכן איז זי געווען ענלעך צו זיין מומען. זעליג האָט דערקענט זיין קרובה עדה, וואָס האָט מיט צען יאָר צוריק פאַרלאָזט ס׳שטעטל און עולה געווען קיין ישראל. חיים איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער דראָזשקע און אַ שריי געטאָן אויפן קול:

— איך האָב אים געבראַכט! ער איז דאָ!

עדה האָט נישט דערקענט זעליגן. ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל ווען זי האָט פאַרלאָזט ס׳שטעטל. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען, אים באַטראַכט. באַלד איז זי צו אים צוגעפאַלן, אים אַרומגעכאַפּט, געקושט. די פרייד פון דער באַגעגעניש האָט זי אויפגעטרייסלט.

דער בעל־עגלה האָט אַריינגעטראָגן די וואַליזעס אין שטוב. חיים האָט אים באַצאָלט. ער האָט פונאַנדערגעשיידט עדהן פון זעליגן, זיי גענומען אונטער אָרעם און מיט זיי אַריין אין שטוב.

זעליג האָט זיך אַרומגעוואַשן און צוגעקעמט זיינע צעשויבערטע האָר. עדה

האָט זיי פֿאַרבעטן צום מיטאָג, וואָס זי האָט צוגעגרייט לכּבֿוד דעם גאַסט. זי אַליין האָט אַפֿילו נישט טועם געווען. זי האָט זיך אויסגעפּרעגט וועגן דער היים, וועגן דער משפּחה אין דעם שטעטל. חיים האָט געגעסן מיט אַפּעטיט און יעדעס מאָל אונטערגערוקט זעליגן אַ קאַלט גלאָז סאָדע־וואַסער מיט לימאָנזאַפּט. זעליג האָט בשעת דעם עסן געענטפֿערט אויף אַלע פֿראַגן און זיך דערפֿילט היימיש, נאָענט.

## ב

שוין עטלעכע טעג ווי זעליג געפֿינט זיך אין תּל־אָבֿיבֿ און באַוווּנדערט די יידישע שטאָט. די מורא פֿאַרן ווייטן, פֿרעמדן לאַנד, וואָס ער האָט געהאַט אין דער היים, איז פֿאַרשוווּנדן. די גרויסע, העלע ארץ־ישׂראל־זון, וואָס בלענדט, שימערט, שטראַלט און דרינגט אַריין אין יעדן ווינקל, האָט אים פֿאַרכאַפּט.

שוין פֿון גאַנץ פֿרי געפֿינט ער זיך אויף די גאַסן און שפּאַנט מיט גרויסע טריט אין זיינע מאָדערנע, ברייטע הויזן, וואָס וואַרפֿן זיך אים איבער די פֿיס ווי זעגלמאַסטן אויף אַ פֿאַרשלעפּטער שיף. ער האָט זיך אַנטציקט מיט די ישׂראל־מיידלעך, וועלכע טראָגן קורצע הייזלעך ווי די מענער, מיט זייערע אָפּגעדעקטע, מוסקולירטע פֿיס ביז איבער די היפּטן אַריבער. ער האָט זיך געכליניעט פֿון נחת פֿון די פֿאַרשידענע קליינע און גרויסע, בייכיקע בוכשטאַבן אין אַלערליי פֿאַרבן אויף די פּלאַקאַטן און שילדן. ער לייענט זיי הויך אויפֿן קול ווי אַ מאָל אין סידור, ווען ער איז אַלס ייִנגל מיטן פֿאָטער געגאַנגען דאַווענען אין שול. מיט אַנטציקונג און פֿרייד געלייענט די אים פֿרעמדע און דאָך באַקאַנטע אותיות. יעדעס מאָל אַ פּליסטער געטאָן ווי ער זאָל מיט וועמען רעדן „אַן עפּנטלעכע שפּראַך ווי אין אַלע לענדער", געגאַנגען ווייטער און זיך פֿאַרצויגן מיט רויך פֿון דעם סיגאַר, וואָס ער האָט כּמעט נישט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל פֿון זינט ער איז געקומען. אַ פּאָר שריט ווייטער אין ראָג גאַס האָט ער זיך ווידער פֿאַרהאַלטן. אויף אַ וואַנט פֿון אַ הויז איז געווען צוגעפֿעסטיקט אַ רויטער פּאָסטקאַסטן, מיט ניקלנע, גלאַנציקע טעוולעך מיט אַ העברעיִשער אויפֿשריפֿט „תּיבת דאר". ער האָט פֿאַרגעסן זיין אייראָפּעיִשע דערציִונג, זיך אַנטציקט און באַטאַפּט דעם פּאָסטקאַסטן ווי ער זאָל זיין אַ קאָסטבאַרער קעגנשטאַנד. אין יעדן פּאָסטקאַסטן האָט ער אַריינגעוואָרפֿן אַ קאַרטל מיט אַ בילד פֿון ישׂראל וואָס ער האָט געקויפֿט דעם ערשטן טאָג ווען ער איז געקומען אין לאַנד. די קאַרטלעך מיט אויפֿגעקלעפּטע מאַרקעס האָט ער געהאַלטן אין טאַש גרייט. אין יעדן קאַרטל האָט ער געשריבן צו די עלטערן, אַז ער איז פֿאַרשיכּורט מיט דער שיינקייט און הערלעכקייט פֿון לאַנד.

ער איז געגאַנגען פֿון גאַס צו גאַס און באַוווּנדערט די הייזער. פֿאַר יעדן גרעסערן הויז איז ער שטיין געבליבן, באַטראַכט די פּילאַרן. די אויסגעלייגטע מיט מאַרמאָר ווענט אין פֿאַרטער האָט ער געגלעט ווי קליינע קינדער. ער האָט

באַוווּנדערט די קאָנסטרוקציע, באַטראַכט דעם סטיל: צי איז ער ביזאַנטיש, גאָטיש, צי מאָדערן־אורבאַניסטיש און שטענדיק פּאַרענדיקט — „יידן האָבן עס געבויט". ווי ער אַליין זאָל זיך שעמען פון זיינע געדאַנקען איז ער איילִיק געגאַנגען איבער די גאַסן און יעדן פאַרבייגעגאַנגענעם אָנגעקוקט ווי ער זאָל אים פרעגן: — זעסט מיך? איך בין זעליג, אַ נייער עולה פון פּוילן! — און געשפּרייזט ווייטער איבער די גאַסן אַ צעטומלטער, פאַרכלִיניעטער און אויפגערעגטער.

ווען אין איינעם פון די טעג איז ער פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַ נישט פאַרבויטן פּלאַץ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען אַלץ באַטראַכטן. דער פּלאַץ איז געווען פאַרלייגט מיט פאַרשידענע בוי־מאַטעריאַלן איבער וועלכע עס האָט זיך געפילט אַן אָנגעפּוישטער, זויערער שווייס־ריח פון די אַרבעטער, וואָס האָבן דערנעבן געבויט אַ הויז; געטראָגן ציגל און קאַלך, צעפּירט טאַטשקעס בעטאָן פון דער מאַשין אַוועק, וואָס האָט געקלאַפּט, פאַרהילכט די סביבה מיט רעש. ער איז געשטאַנען און באַטראַכט דעם טעמפּאָ פון דער אַרבעט, די פאַרשוויצטע, צעיאָכמערטע אַרבעטער מיט זייערע באַהאָרטע ברוסטן און באַוואָקסענע, דיקע שטאַרקע הענט. ער האָט זיך דערפילט קליין, נאָך קלענער און שוואַכער ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. ער איז געשטאַנען ביי אַ קופּע ציגל און מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ געקוקט אויף די ווענט, וואָס ווערן כסדר העכער און געטראַכט: — צי וועל איך אויך קענען אַזוי אַרבעטן ווי זיי?

אַ ציטער איז אים אַדורך, אַ צווייפל האָט אים באַהערשט. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך. עס איז אים הייס געוואָרן, דער שווייס האָט גערינזלט פון זיין שטערן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגער אַ דערשטוינטער, דערזען ווי שפּעט עס איז שוין און איז איילִיק אַוועק צום קרוב אויף מיטאָג.

עטלעכע טעג שפּעטער ווען זיי זענען געזעסן ביים טיש און געמיטאָגט, האָט חיים אָפּגעווישט זיך מיט דער האַנט די איבערגעבליבענע ברעקלעך עסן פון די ליפּן, איינגעריבן זיך די הענט און איידל אַ פרעג געטאָן זעליגן:

— ווי געפעלט דיר ס'לאַנד? — און ניט וואַרטנדיק אויף תשובה צוגעגעבן:

— נו, ווען ווילסטו אָנהייבן אַרבעטן?

זעליגס פּנים און קאַרק זענען רויט געוואָרן פון פרייד, ווי אָנגעשוואָלן. ער איז האַסטיק אויפגעשטאַנען פון בענקל, געוואָלט אַרומנעמען חיימען, אים קושן.

— אוודאי! — האָט ער אַן אויפגעהייטערטער און אויפגערעגטער געזאָגט, ווי אים פאַרזיכערט — נאָך וואָס בין איך געקומען אויב נישט אַרבעטן, בויען ס'לאַנד?

חיים האָט אַ יאָג געטאָן די פליג, וואָס האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט אויף דער נאָז, אויסגעצמאָקעט מיט דער צונג דאָס שטיקל איבערגעבליבענע פלייש אין די ציין און זיך געוואָנדן צום ווייב:

— עדה, גרייט אים צו אויף מאָרגן אַרבעטס־בגדים — און צו זעליגן האָט ער געזאָגט — מאָרגן גייסטו מיט מיר אַרויס צו דער אַרבעט.

גאַנץ פרי האָט חיים אויפגעוועקט זעליגן. זעליג האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן אויפגערעגטער, געוואָלט אָנשרייען אויפן מענטש, וועלכער האָט געהאַט אַ חוצפּה אַזוי פרי אים אויפוועקן פון שלאָף, נאָר דערזעענדיק, אַז נעבן אים שטייט חיים איז ער שנעל אַראָפּ פון בעט און דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אָנגעטאָן אַרבעטס־בגדים, וואָס זענען געלעגן גרייט אויפן טיש צוזאַם מיט דעם עסן אויף אַ גאַנצן טאָג. עדה איז נאָך געשלאָפן. זי האָט נישט געזען ווי זעליג זעט אויס אין חיימס אַרבעטס־בגדים, וואָס זי האָט אונטערגעבויגן, איינגענייט זיי זאָלן אים ווי עס איז פּאַסן.

זעליג האָט אויפגעלאָזט און איינגעצויגן דעם הויזן־רימען, אַראָפּגעלאָזט און אַרויפגעצויגן די הויזן, וואָס זענען אויף אים געווען לאַנג און אים געריבן צווישן די פיס. ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און זיך דערזען אין פאַרצערעוועטן העמדל מיט די קורצע אַרבל, מיט זיינע אַרויסשטאַרנדע לאַנגע, דאַרע, ווייסע הענט וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויסגעצויגענע גומי־בענדלעך. ער איז פאַר דעם שפּיגל געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער, זיך נישט דערקענט, נאָר חיימס הילכיקער רוף — קום! — האָט אים אַרויסגענומען פון זיין פאַרטעמפּטקייט.

זעליג איז נאָכגעגאַנגען חיימען ווי אַ קינד וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך אַ פאַרשמועסטער אויף דער גאַס ניאַניע. ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן אַרבעטס־פּלאַץ וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט אַ שטויס אָנגעסדרטע פרישע בעטאָן־ציגל, אַן אָנגעשיטן באַרג זאַמד און אַ פּאָר צענדליק זעק מיט צעמענט, זענען די אַרבע־טער, חיימס קאָאָפּעראַטיוו־שותּפים שוין געשטאַנען און געקלאַפּט ציגל. זיי האָבן אָנגעקוקט זעליגן און געשוויגן. זיי האָבן שוין געוווּסט, אַז חיימס פלימעניק וועט היינט קומען צו דער אַרבעט. חיים האָט אַ זאָג געטאָן: — דאָס איז ער און מיט אים אַריין אין באַראַק — דעם כּלים־מאַגאַזין. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס עסן און געהייסן זעליגן נעמען צוויי שויפלען. ער איז מיט אים אַרויס אויפן פּלאַץ. ער האָט אים געוויזן ווי מען האַלט אַ שויפל אין האַנט, אים געהייסן מיט איר שיטן און ציילן די שויפלען זאַמד.

די שויפל האָט זיך זעליגן געדרייט אין דער האַנט ווי אַ לעפל ביי אַ קינד וואָס וויל ס׳ערשטע מאָל עסן אַליין. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אויף זיינע פינגער האָבן זיך באַוויזן וואַסערבלאָזן וואָס האָבן כּסדר געפּלאַצט. די וווּנדן האָבן אים געברענט ווי מען זאָל אויף זיי גיסן יאַד. ער איז שוין נישט געווען מסוגל האַלטן די שויפל אין האַנט. זיין רוקן האָט זיך ווי איבערגעבראָכן און אַלע גלידער האָבן אים וויי געטאָן. יעדע ווײַלע האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ היץ ווי פון אַ באַק־אויוון אַרויס און ער האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס וואָס איז גערונען פון אונטערן היטל אויף די ברעמען. די אויגן האָבן אים געברענט און ער האָט זיי נישט געקענט האַלטן אָפן.

חיים האָט באַוויזן אָנציילן זיבעציק שויפלען, זעליג ערשט דריי און צוואַנציק. חיים האָט אַ קוק געטאָן אויף זעליגן און דערזען אַז אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט און די שויפל איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. חיים האָט אים

געהייסן צושיטן נאָך זיבן שויפלען זאַמד און געברענגט צוויי זעק צעמענט און זיי אַרויפגעשיט אויף דער קופּע זאַמד. חיים האָט אים באַלערנט ווי מען מאַכט אַ מישונג. ווען זיי האָבן געענדיקט צוגרייטן די מישונג האָט חיים אים געהייסן ברענגען דעם שלויך און עפענען דעם וואַסערקראַן. גייענדיק מיטן שלויך האָט זעליג פאַרכליאַפּעט אַ שטיק פלאַץ. די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַ טומל, אַז ער וועט נאָך צעשיטן די פרישע נאָך נישט אויסגעטריקנטע ציגל. חיים האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שלויך און גענומען באַנעצן די מישונג. זעליג האָט דערווייל אויסגע־רענגט זיך די ביינער, אַרויפגערוקט זיך די נאַגאַוויצעס, אַז דאָס ווינטל וואָס האָט געוויעט זאָל אים אַ ביסל אָפּקילן און מיטן מויל געבלאָזן אויף די געפּלאַצטע וווּנדן אויף די הענט.

דער איבעררייס האָט זיך געענדיקט. די מישונג איז געווען נאַס. חיים האָט אים ווידער באַלערנט ווי מען מישט איבער די נאַסע מישונג. זעליג האָט ווייטער געאַרבעט און דער שווייס איז אים גערונען אין די אויגן און אים געברענט. די אָנגעזאַפּטע מיט וואַסער מישונג איז וואָס אַ מאָל שווערער געוואָרן. זעליג האָט געמוזט אָנשטרענגען אַלע כוחות ער זאָל קענען אָננעמען די שויפל. ער האָט דערפילט אַ ווייטאָג אין דער רעכטער האַנט. סוף סוף, איז די מישונג פאַרטיק געוואָרן. חיים האָט זיך געשטעלט קלאַפּן ציגל און זעליגן געהייסן שיטן מאַטעריאַל אין דער פאָרם אַריין. ביי יעדער האַנט־באַוועגונג האָט זעליג דערפילט אַ ווייטאָג אין האַנט ווי דער ביין זאָל זיך אים האָבן צעבראָכן אָבער פון פחד און בושה האָט ער ממשיך געווען די אַרבעט ביז ער האָט דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטאָג און מער נישט געקענט האַלטן די שויפל אין האַנט. ער האָט זיך דערשראָקן און איבערגעריסן די אַרבעט. ער איז געווען זיכער, אַז די האַנט האָט זיך אים צעבראָכן.

חיים האָט אים אָנגעקוקט:

— פאַר וואָס אַרבעטסטו נישט? — האָט ער אים געפרעגט.

אָבער, אַז ער האָט דערזען, אַז זעליג האַלט זיך די רעכטע האַנט און זיינע אויגן זענען פול טרערן, האָט ער מיטן היטל אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און אַ קוק געטאָן אויף זעליגס האַנט. זעליקס דאַרע האַנט האָט אין חיימס הענט אויסגעזען ווי אַ בייטש אָן אַ רימען ביי אַן אַלטן בעל־עגלה.

חיים האָט באַטראַכט זעליקס האַנט און גאָרנישט באַמערקט. נאָר זעענדיק, אַז ער קאָרטשעט זיך פון ווייטאָג האָט ער אים געהייסן גיין אַהיים און גיין מיט עדהן צום דאָקטאָר.

זעליגס ווייטאָגן זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך אַפילו נישט אַרומגעוואַשן. ער איז געגאַנגען אַהיים אַ פאַרשוויצטער און אויסגעשמירטער.

— ווען קומסטו צוריק? — האָבן די אַרבעטער אים שפּאָטיש געפרעגט.

זעליג האָט פאַרביסן די ליפּן, נישט געענטפערט.

אַז עדה האָט זעליגן דערזען דורכן פענצטער איז זי אַרויס פון שטוב. זי האָט אים געוואָלט באַגעגענען מיט אַ שמייכל, אים פרעגן ווי עס איז אים אַריבער

דער ערשטער טאָג אַרבעט, נאָר דערזעענדיק זיין הולך, זיין פאַרקרימט פון וויטאָג פּנים, איז זי שטיין געבליבן, זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

זעליג האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון חרפּה און בושה און איר נאָר געזאָגט, אַז די הענט טוען אים וויי און חיים בעט זי, זי זאָל מיט אים צוגיין צום דאָקטאָר.

עדה איז נאָך געווען אין שלאָפראָק. זי האָט זיך אפילו נישט איבערגעטאָן נאָר גלייך מיט אים געגאַנגען אין דער קראַנקן־קאַסע. אויפן וועג האָבן זיי נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט ווי איינער זאָל האָבן פאַרדראָס אויפן אַנדערן.

ווען חיים איז פאַרנאַכט אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט האָט ער זעליגן געטראָפן אַן אַרומגעוואַשענעם. ער איז געווען איבערגעטאָן און מיט אַ באַנ־דאַזשירטער האַנט וואָס איז געווען אונטערגעבונדן אויף אַ ברעטל.

זעליג איז געבליבן אין שטוב. טראָץ דעם וואָס ער האָט געטראָגן דעם העלן אַנצוג פון חוץ־לארץ האָט ער שוין נישט אויסגעזען אַזוי עלעגאַנט ווי פריער. דער ליידיקער רעכטער אַרבל וואָס איז אים נאָכגעהאָנגען האָט אים אָוועקגענומען די עלעגאַנץ.

יעדן צווייטן טאָג איז ער געגאַנגען צום דאָקטאָר איבערבייטן דעם באַנדאַזש. זיין פרייע צייט האָט ער פאַרברענגט אין שטוב, געזעסן אויף דער סאָפע. ער איז געווען אויפגערעגט, מוטלאָז, נישט געוווּסט ווי לאַנג ער וועט נישט קענען אַרבעטן און זיך געשראָקן צי ער וועט נאָך בכלל קענען אַרבעטן.

ער איז געלעגן אויף דער סאָפע, געטראַכט וועגן זיין צוקונפט און געררויכערט איין סיגאַר נאָכן אַנדערן. ער האָט געמיינט, אַז דער ביין אין האַנט איז צעבראָכן און כדי אים צו באַרויִקן זאָגט דער דאָקטאָר, אַז ער האָט אַן אָדערן־אַנצינדונג. ער האָט געמיטן חיימען, זיך געשעמט אים קוקן אין פּנים.

אויפן צענטן טאָג פון זיין קראַנקייט, ווען חיים האָט זיך געזעצט עסן מיטאָג, איז זעליג אַ צעפלאַמטער פון פרייד אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט אַן אויפגעבונדענע שוין האַנט און געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן גיין צו דער אַרבעט אין דריי טעג אַרום.

חיים האָט אים אָנגעקוקט, אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ און מיט אַ שמייכל אים געזאָגט:

— דערווייל רו זיך אויס, דערנאָך וועלן מיר זען. עדהן האָט ער געזאָגט מיט שפּאָס: — גיב אים גוטע ביסנס, ער דאַרף זיך דערהאָלן.

דערהערנדיק חיימס רייד האָט עדה אויסגעפּלאַצט מיט אַ קלינגענדיק געלעכ־טער וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער דער גאַנצער שטוב. זעליג איז רויט געוואָרן. פון אויפרעגונג האָט ער פאַררייכערט אַ סיגאַר.

חיים האָט נישט באַמערקט, אַז זעליג איז רויט געוואָרן. ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש, צו אים צוגעגאַנגען, אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און אים געזאָגט:

— דיינע ביינער זענען נאָך ווייך.

זעליג האָט אים נישט באַוויזן ענטפערן. חיים איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, געזאָגט שלום און אַוועק צוריק צו דער אַרבעט.

אין אָוונט, אַלע זענען געזעסן ביים טיש, געגעסן אָוונטברויט. זעליג האָט געפּרוּווט ווירקן אויף חיימען ער זאָל אים צוריק נעמען צו דער אַרבעט. אין זיין טאָן האָט זיך געהערט אַנטשלאָסנקייט און גלייכציייטיק געבעט.

— איך מוז אַרבעטן. איך קען לענגער ביי אייך נישט זיין קיין גאַסט!

עדה האָט אַ קוק געטאָן אויף זעליגן אַ צעפּלאָמטע פון בושה. ס'האָט איר פאַרדראָסן וואָס איר פלימעניק פילט זיך אַ פרעמדער ביי איר אין שטוב.

— וואָס, אַזוי שלעכט איז דיר ביי אונדז? — האָט זי אים געפרעגט.

זעליג האָט געשטאַמלט:

— פאַרקערט! אָבער איך בין נישט געקומען קיין ישׂראל צו אייך אויף קעסט.

— וועסט נאָך באַוויזן אַרבעטן. און ווי אַרבעטן! — האָט עדה אים געענטפערט.

ווען זעליג איז אַריין אין קיך פאַררויכערן אַ סיגאַר האָט עדה שנעל און שטיל געפרעגט חיימען: — וואָס וועט זיין מיט אים?

— עס וועט גוט זיין! — האָט זי חיים כמעט ווי אָנגעשריגן, און זיך אַוועקגעזעצט ביים ראַדיאָ, אים געדרייט. דער ראַדיאָ האָט גערוישט און חיים האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט געוואָלט איינאַרדענען זעליגן ביי עפּעס אַן אַרבעט, נאָר זיינע לאַנגע, דאַרע פינגער, וואָס זענען געוועזן געוווינט ציילן געלט און שרייבן, האָבן אים צוריקגעהאַלטן, נישט געטרויט זיך ווענדן צו וועמען פון די באַקאַנטע נאָך אַרבעט פאַר אים.

דערווייל האָט זעליג געבטלט, נישט געאַרבעט און מיט יעדן טאָג געוואָרן נערוועזער.

אין איינעם פון די טעג מיטאָגצייט איז חיים נישט צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט נאָר איז אַוועק אין דער הסתדרות. ער איז צוריקגעקומען ווען דער טאָג האָט אָנגעהויבן גרויען. זעליג מיט עדהן האָבן אויף אים געוואַרט מיטן אָוונטברויט.

חיים איז צוגעגאַנגען צו זעליגן אים אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל און געזאָגט:

— דו ביסט שוין אַן אַרבעטער. — אים געגעבן אַ צעטל פון הסתדרות, אַז זי שיקט אים קיין מגדיאל אַרבעטן.

זעליג איז שטיין געבליבן ווי מען זאָל אים האָבן אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער וואַסער. ער האָט נישט געוווּסט צי דאַרף ער זיך פרייען אָדער ערגערן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט נאָר געטראַכט: — אין דאָרף צווישן פויערים — און עס איז אים באַפאַלן אַ מורא. אין שטוב איז געוואָרן שטיל.

— קומט עסן — האָט עדה געזאָגט.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און געשוויגן. מען האָט נאָר געהערט דעם קלאַנג פון גאָפּל־מעסער אין די טעלער.

אויפן אַנדערן טאָג, גאַנץ פרי איז זעליג געגאַנגען צום אויטאָ וואָס פירט קיין מגדיאל. עדה האָט אים צוגעגרייט אַ פּעקל: אַ ביסל טיי, אַ ביסל צוקער,

עטלעכע שאַכטלען סיגאַרן, אַ פּרימוס און אַ טשייניק אויף טיי. חיים האָט אים באַגלייט, אים געהאָלפן טראָגן די וואַליזע. חיים האָט אים געקויפט אַ בילעט, און אָנגעסדרט די וואַליזעס אויפן דאַך פון אויטאָ. ווען זעליג איז אַריין אין אויטאָ האָט חיים אים אַריינגערוקט אין האַנט אַ האַלבן פונט. זעליג איז רויט געוואָרן און דערשטוינט אָנגעקוקט חיימען. חיים האָט זיך פאַרלוירן און אַ ברום געטאָן אונטער דער נאָז:

— נעם, וועסט מיר צוריקגעבן ווען דו וועסט פאַרדינען.

זעליג איז געווען אַנטשלאָסן נישט נעמען ס׳געלט. נאָר אַז ער האָט אַ טראַכט געטאָן, געמאַכט דעם חשבון פון זיין קאַסע און דערצו נישט געוווסט ווען ער וועט אָנהייבן אַרבעטן האָט ער דעם האַלבן פונט שנעל אַריינגערוקט אין פאָדערשטן קליינעם הויזן־טעשל און שנעל ווי ער אַליין זאָל נישט וועלן הערן די רייד, געזאָגט חיימען:

— אונדזער חשבון ענדיקט זיך נישט מיטן האַלבן פונט!

חיים האָט אים חבריש אַ דריק געטאָן דעם קאַרק נאָר אַז ער האָט דערפילט זיינע דאַרע ביינער האָט ער שנעל אַראָפּגענומען די האַנט פון מורא, אַז ער קען מיט דער האַנט צעמאַרשן זיין קאַרק. חיים האָט זיך מיט זעליגן האַרציק געזעגנט, אים אָנגעזאָגט — זיי אַ חברהמאַן און שרייב! — זעליג האָט אים געדאַנקט, זיך מיט אים צעקושט און פון אויטאָבוס אַרויס, דורכן פענצטער אים געזאָגט אויפן קול: — גריס האַרציק עדהן!

דער אויטאָ האָט גערירט פון אָרט. זעליג איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט, נישט געפילט די וועג־זיגזאַגן, געזעסן אַ פאַרטראַכטער און דערשראָקענער: — אַליין צווישן פויערים, אפילו ווען זיי זענען יידן! דער אויטאָ איז געלאָפן שנעל, זיך געטרייסלט. זעליג האָט פלוצים זיך דערמאָנט אין זיין שטעטל, זיינע עלטערן און באַקאַנטע און נישט באַמערקט ווי דער אויטאָ פאַרקערעוועט אויף רעכטס, פאָרט אַריין אין דער קאָלאָניע, בלייבט שטיין אויף אַ זאַמדיקן פּלאַץ. ווען די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אויסשטייגן איז ער אויך אויסגעשטיגן. ער איז אַרויף אויפן דאַך פון אויטאָ, אַראָפּגענומען זיינע וואַליזעס. ער האָט זיך אויפן דאַך לאַנג געפּאָרעט ביז ער האָט אָפּגעבונדן און אַראָפּגענומען די וואַליזעס.

איבער די ווייטע בערג־שפּיצן איז שוין די זון אויפגעגאַנגען און באַלויכטן דעם עמק, דעם תבואה־דיוואַן וואָס האָט זיך געצויגן אַרום דעם דאָרף און געשי־מערט, געבלאַנקט די זונענשטראַלן אַנטקעגן וואָס האָבן געגלעט יעדעס שטענגל און אָנגעפילט די סביבה מיט הייסער לויטערקייט. פאַרשוויגענע זענען געשטאַנען דיביימער אין די פּרדסים, געוואָרעמט זייערע פּרוכטן אין די זונענשטראַלן, זיי געזעטיקט און גערייפט.

איבערן דאָרף איז געווען אויסגעשפּרייט די שטילקייט פון אַן אַרבעטסטאָג. מען האָט נאָר געהערט דעם גערויש פון ברונעם־מאָטאָר וואָס האָט רעגלמעסיק געקלאַפּט און צעשטערט די שטילקייט.

ביי איינער פון די שטאַלן איז געשטאַנען אַ קו מיט שווערע אייטערס פון מילך

און אַ מעקע געטאָן: מ—ו—ה—ה וואָס האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין דער לויטערער לופט און זיך פאַרטראָגן ביז די בערג־מרחקים.

זעליג האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט וועמען, כדי זיך קענען נאָכפרעגן ווו ער דאַרף זיך ווענדן. ער האָט נישט געזען קיין מענטש. נאָר אַ ברוינער, ווייס־געפלעקטער ברודיקער הונט איז געשפּרונגען הינטער אַ פּלויט פון לאַנגווייליקייט אָדער בענקשאַפט. די קייט אויף זיין האַלדז האָט געקלונגען. דער הונט מיט אַן אונטערגעבויגענעם ווידל צווישן די פיס איז אַרומגעלאָפן אַרום דעם פּירקאַנטיקן פּלאַץ, זיך אומגעקוקט צי עס יאָגט אים ווער נישט נאָך.

זעליג האָט זיך אומגעקוקט. ער האָט געמיינט, אַז עס רופט אים ווער, אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען. ער האָט זיך געלאָזט גיין איבערן פּלאַץ, געדרעפּטשעט אין זאַמד מיט די שווערע וואַליזעס אין די הענט וואָס האָבן אים געצויגן צו דער ערד.

אינסטינקטיוו איז ער נאָכגעגאַנגען די פוסטריט פון הונט, זיך אָפּגערוט, געגאַנגען ווייטער ביז ער האָט דערזען אַ קליין פאַרטער־הייזל, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען אַ קליין, אויסגעקרימט שילדל מיט רויטע, אָפּבלאַקירטע פון דער זון בוכשטאַבן — „קאַפע־רעסטאָראַן".

זעליג האָט זיך דערפרייט און געגאַנגען שנעל אַהין. דער שווייס איז אים גערונען פון פּנים ווי אַ פאַרע פון אַ טאָפּ וואָס זידט.

ער איז אַריין אין רעסטאָראַן, אַ לאַנגע, שמאָלע שטוב, ווי אַ קאָרידאָר, מיט אַ קאַסע־טישל און פאַליצע, מיט עטלעכע פאַרשטויבטע וויין־פלעשלעך וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז שוין לאַנג האָט אַ מענטשלעכע האַנט זיי נישט אָנגערירט. ביי איינעם פון די טישלעך וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געווען איבערגעדעקט מיט אַ ווייסער צעראַטע, האָט ער דערזען אַ שאָטן פון אַ מענטש. דער שאָטן האָט זיך באַוועגט, געפאָרעט זיך מיט טעלער נאָר צוליב דעם איבערגאַנג פון טאָגליכט צו שטוביקער גרויקייט איז זיין געשטאַלט נישט געווען בולט. זעליג האָט פון ווייטנס באַטראַכט דעם פאַרשוין, געוואָלט אין אים געפינען אַן ענלעכקייט צו מאָטלען, דעם שענקער אין זיין שטעטל. מאָטל דער שענקער איז געווען אַ ייד מיט אַ גרויער אויסגעקעמטער באָרד, פּעטע, גלאַטיקע באַקן און קליינע, כיטרע אויגן, וואָס האָבן כסדר געשוועבט פון פלעשל צום גלעזל און פון גלעזל צוריק צום פלעשל.

ער האָט אַוועקגעשטעלט די וואַליזעס ביי דער וואַנט און פון מידקייט אַנידערגעפאַלן אויפן ערשטן בענקל וואָס איז געשטאַנען נעבן אים. דער רעסטאָראַטאָר איז צו אים צוגעגאַנגען. ער איז געווען אַ הינקענדיקער מיט איין שיך־קלעצל אַ העכערן פון אַנדערן. זעליג האָט דערזען פאַר זיך אַ הויכן, דאַרן ייד, מיט אַ לאַנגער באָרד וואָס איז פריציייטיק גרוי געוואָרן, מיט טיפע פאַלדן אַרום די אויגן, געריינצלט פּנים, גרויסע, ברייטע הענט מיט אָנגעצויגענער הויט ווי פאַרמעט, אויף וועלכע עס זענען קענטיק געווען סימנים פון שווערער אַרבעט.

דער ייד איז שטיין געבליבן נעבן זעליגן, אים געזאָגט שלום און געוואַרט.

זעליג האָט אָן אויפהער זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער וואָס איז געהאָנגען איבער די פּלעשער. לויט דער צייט האָט ער געזען, אַז עס איז שוין מיטאָגצייט. דאָך האָט ער נישט געפילט קיין הונגער, נישט געהאַט קיין אַפּעטיט. ער האָט נאָר באַשטעלט אַ גלאָז גאַזאַז, אַ פּעקל ביסקוויטן און ווייטער געווישט פון זיך דעם שווייס.

ער איז געווען אַזוי מיד, אַז ער האָט נישט געקענט אויפעסן דעם ביסקוויט. ער האָט נאָר אויסגעטרונקען דעם גאַזאַז. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, באַצאָלט און ביים אַוועקגיין געפרעגט דעם רעסטאָראַטאָר ווו עס געפינט זיך די הסתדרות.

דער רעסטאָראַטאָר האָט לויט די מלבושים דערקענט אין אים אַ נייעם עולה. ער האָט אים געהייסן איבערלאָזן די וואַליזעס און געוויזן ווו ער דאַרף גיין אין הסתדרות.

זעליג האָט אים באַדאַנקט און אַוועק אין גאַס.

אַרום דעם באַראַק פון הסתדרות איז נאָך געווען לייִדיק, שטיל. נאָר דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַרויסגעשטאַרט אַן אָפּגעגאָלטער גלאַטער קאָפּ איבערגע־בויגן איבערן שרייבטיש, אַריינגעטאָן אין אַ שטויס פּאַפּירן.

זעליג האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און איז אַריין. דער גאָלער קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן און געוואָנדן צו זעליגן. ער האָט דערזען אַ לאַנג, אויסגעצויגן פּנים מיט צוויי טיפע, איינגעזונקענע אויגן וואָס האָבן געקוקט אויף אים פאַרוווּנדערטע.

— וואָס דאַרפט איר ? — האָט יענער געפרעגט זעליגן. זעליג האָט אים דער־לאַנגט דעם בריוו פון דער הסתדרות אין תל־אביב.

דער סעקרעטאַר האָט שנעל איבערגעלייענט דעם בריוו, פון דער זייט באַטראַכט זעליגן און אים געהייסן זיצן.

זעליג האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעאָטעמט ווי ער זאָל האָבן פון זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שווערע משא.

דער סעקרעטאַר האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די ציין, אָפּגעביסן אַ שטיק נאָגל פון לינקן, גראָבן פינגער און אים געזאָגט: — פאַראַן אַרבעט! — און פינטלענדיק מיט די אויגן צוגעגעבן:

— פאַרשטענדלעך, צו אַרבעט מוז מען זיך געוויינען. די ערשטע צייט וועט זיין שווער ווי עס איז שווער געווען די אַרבעט אַלע חברים וואָס זענען געווען קרעמער.

זעליגן האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּנים פון בושה. ער האָט געוואָלט פּראָטעסטירן, אים זאָגן, אַז ער איז נישט קיין קרעמער, אַז ער האָט מאַטורע. אָבער דער סעקרעטאַר האָט ממשיך געווען:

— איר וועט וווינען אין די אַגענץ־הייזער, באַקוועמע צימערן און צאָלן דרייסיק פּיאַסטער אַ חודש.

ער האָט עפּעס אָנגעשריבן, געגעבן זעליגן דעם צעטל צום פאַרוואַלטער ער זאָל אים איינאָרדענען אין אַ דירה, אים געוויזן דעם וועג און געהייסן קומען אַכט, האַלב נייַן, צו דער אַרבעט־פאַרטיילונג.

זעליג איז אַרויס אַ צעטומלטער מיט קאָפּווייטאָג. פון אויפרעגונג האָט אים אַ

קלעם געטאָן ביים האַרץ און ער האָט דערפילט אַ פאַרשטייפונג אין די גלידער. ער איז אַוועק אין רעסטאָראַן נעמען די וואַליזעס.

דער רעסטאָראַטאָר איז געשטאַנען אָן אַנגעלענטער אין קאַסעטיש. ער האָט אים געוואָלט פרעגן ווי ער האָט דערליידיקט זיינע ענינים, אָבער זעליג האָט אַ כאַפּ געטאָן די וואַליזעס, אפילו נישט געזאָגט אַ דאַנק און שלום און איז אַוועק. ער איז געגאַנגען צו די אַגענץ־הייזער, געשלעפּט די וואַליזעס וואָס האָבן זיך געהוידעט און אָפּגעהאַקט די פּיס. ער האָט געסאָפּעט, געשוויצט, כמעט ווי זיך אונטערגעריסן.

ווי נאָר ער איז אַריין אין הויף פון דער אַגענץ, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די וואַליזעס און נישט געקענט אויסגלייכן דעם רוקן. פון ווייטאָג האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די זייטן און אַ קרעכץ געטאָן. ער האָט דערזען אַ פאַרשוין פון אַ יאָר פערציק, אין קורצע הייזלעך, אַריינגעלאָזט העמד איבער זיי, וואָס האָט זיך אַרומגע־דרייט אַ באָרוועסער. ער האָט אים געפרעגט ווו עס געפינט זיך דער פאַרוואַלטער.

אַלס תשובה האָט ער דערהערט אַ הילכיקע באַסשטימע, וואָס האָט אים ווי אַריינגעשריגן אין אויער:

— איך בין גרשון, דו זוכסט מיך. האָסט אַ בריוו?

זעליג האָט געמיינט, אַז דער פאַרשוין ציט אים אָן, זיך נישט געגלויבט, אַז ער איז דער פאַרוואַלטער. זעענדיק, אַז יענער שטייט און וואַרט האָט ער אים דערלאַנגט דעם בריוו. דער פאַרוואַלטער האָט שנעל דורכגעלייענט דעם בריוו, און אַ ברום געטאָן: — אַ גרינער — און געהייסן אים גיין נאָך אים. ער האָט אים אַרויפגעפירט מיט שמאָלע, שטיינערנע טרעפּ אויפן צווייטן שטאָק ביז דעם צימער נומער צען. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און זי געעפנט. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. ער האָט אים אָנגעוויזן אַ ליידיק בעט ביים פענצטער און געזאָגט:

— דאָ וועסטו שלאָפן. — אים געוויזן די פאַרשלאָסענע שאַנק, אין וועלכער ער וועט קענען אַריינהענגען זיינע מלבושים ווען די חברה וועלן קומען פון דער אַרבעט.

— דערווייל רוק אַרונטער די וואַליזעס אונטערן בעט — האָט ער געזאָגט.

זעליג איז געבליבן געפּלעפט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט וואָס גרשון האָט אים געזאָגט. ווען גרשון איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער זיך אַרומגעקוקט, געזען דריי בעטן — צוויי זענען געווען פאַרבעט, די געפאַרבטע שאַנק, אַ שמאָלן נישט גערעמטן שפּיגל אויף דער וואַנט און אַ ברייט, אָפן פענצטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון ליידיקן בעט, זיין בעט פון איצט אָן. ער איז זיצן געבליבן פאַרגליווערט, אָן שום מחשבה, איינגעהאָרכט אין דער שטילקייט וואָס האָט אים געקלונגען אין די אויערן, געדריקט אויף אים, אויף זיין געמיט, ווי די ווענט פון הויז זאָלן אויף אים פאַלן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ענדיקט זיך, צעגייט זיך אין דער שטילקייט. פּלוצים איז ער אויפגעשפּרונגען, ווי אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף, שנעל אַרונטערגערוקט די וואַליזעס אונטערן בעט און אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

די פרישע לופט האָט אים אַ ביסל אויפגעמונטערט. ער האָט דערפילט אַ

קאַפּווייטאַג. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, געפּרווווט אָפּשאַצן זיין לאַגע. דער מוח האָט אים געקלאַפּט, ווי געטאָן און אים נישט געלאָזט זיך קאָנצענטרירן. אַזוי האָט ער זיך געשלעפּט ביז ער איז צוגעקומען צום הסתדרות־באַראַק.

אין באַראַק האָט זיך געטומלט. מענער און פרויען האָבן געשמועסט, דיסקו־טירט, געשטופּט זיך, געוואַרט אויף דער אַרבעט־פאַרטיילונג. זעליג איז אַריין אין באַראַק. אַרבעטער וואָס זענען געשטאַנען אין וועג, האָבן אים אַדורכגעלאָזט. ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען האָבן זיי זיך אַ סודע געטאָן הינטער זיין רוקן: — ווער איז דער נייער?

זעליג האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די צימערן ווי אַ פאַרנומענער אין אַ פרעמד לאַנד. ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. ער האָט געשפּאַנט אַהין און צוריק און באַטראַכט די אויסגעהאַרעוועטע פון דער אַרבעט מענטשן, וואָס ווילן פון איצט אָן זיין זיינע חברים. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, פאַרמאַכט די אויגן און באַטראַכט זיין מצב און די צוקונפט. אים האָבן אָבער באַהערשט זכרונות פון אַ מאָל. ער האָט זיך דערמאָנט אין טאָטן ווי ער שפּאַנט איבערן צימער מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן און פירט איבער פון איין האַנט אין דער אַנדערער זילבערנע מטבעות וואָס קלינגען ווי ער זאָל זיי ציילן. דערזען די מאַמע ווי זי זיצט, פאַרריכט אַ בגד און קוקט אַפּיר פון די ברילן וואָס זיצן איר אויף דער שפּיץ נאָז. אויך דאָס שטוב־מיידל האָט ער דערזען ווי זי העלפט דער מוטער קאָכן און וואָס ביים רוימען איז זי געגאַנגען פאַרשאַרצט דאָס קלייד איבער די נאַקעטע קני‌ען.

אַ זשום ווי פון אַ בינען־שוואַרם און מענטשן־געדראַנג האָבן אים צוריק־געבראַכט צו דער ווירקלעכקייט. ער האָט געעפנט די אויגן, דערזען ווי די מענטשן שטופּן זיך צום סעקרעטאַר. ער האָט אָן אַלעם באַלד פאַרגעסן און פאַמעלעך זיך צוגעשטופּט צו דעם טיש. ער איז געשטאַנען אָן געדולד, געוואַרט אויפן ערשטן טאָג אַרבעט, כדי באַקומען דעם פאַרדינטן לוין.

פון אויפרעגונג און אומגעדולד האָט ער נישט געקענט איינשטיין, געוואָלט אַרבעטן. פון צווייפל אין זיינע מעגלעכקייטן האָט ער געפיבערט, נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. עס האָט אים אַ קלעם געטאָן ווי עס זאָל זיך אין אים האָבן עפּעס אָפּגעריסן.

נאָר ווען דער סעקרעטאַר האָט אָנגעהויבן אַרויסלייענען די נעמען פון די, וועלכע גייען מאָרגן צו דער אַרבעט, האָט ער דערהערט זיין נאָמען. אַלס נייער עולה איז ער געשיקט געוואָרן אַרבעטן אויסער דער ריי. אַ דראָשטש איז אים אַדורך. ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן, געוואָלט זיין זיכער, אַז ער האָט זיך נישט טועה געווען. אים האָט זיך נישט געגלייבט, אַז ער גייט מאָרגן אַרויס אַר־בעטן. נאָר דער סעקרעטאַר האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ זוך געטאָן צווישן די מענטשן און אים געפרעגט: „דו האָסט אַ טוריע? — און אָן צו וואַרטן אויף ענטפער אים געזאָגט — דעם ערשטן טאָג שיק איך צו לייכטער אַרבעט זאָלסט זיך געוויינען". ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשעמט יינגל און געדרייט דעם קאַפּעליוש

אין די הענט. ווען דער סעקרעטאַר האָט אים געגעבן אין האַנט דעם אַרבעטס־צעטל, אים אָנגעזאָגט מיט וועלכן וועג ער זאָל גיין צו דער אַרבעט, אים געהייסן פרי גיין שלאָפן ער זאָל אויפשטיין צו דער צייט, האָט זעליג אַ כאַפּ געטאָן דעם צעטל און אַרויסגעלאָפן פון באַראַק. די אַרבעטער האָבן זיך צעלאַכט, זיך געוויצלט אויף זיין חשבון: „אַ גרינער", „אַ כאַליפּוץ".

זעליג איז געגאַנגען אין שטוב מיט אויסגעצויגענע שריט. ער האָט זיך געפילט שטאַרק, מוטיק און צו זיך גערעדט: „איך גיי מאָרגן אַרבעטן!" ער איז מיט אימפּעט אַרויף אויף די טרעפּ, איז אַריין אין צימער, ער האָט דאָס ליכט נישט אָנגעצונדן. ער האָט נאָר אַראָפּגעצויגן פון זיך די שיך און אין די בגדים זיך אויסגעצויגן אויף דעם גאָלן מאַטראַץ. אויס מורא, ער זאָל זיך נישט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט, האָט ער נאָר געדרימלט.

## ג

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט נאָך געגרויט אין דרויסן. ער האָט זיך אויסגערענגט די ביינער. זיי זענען פאַרשטאַרט געוואָרן אין די בגדים, אין וועלכע ער איז געשלאָפן. שטיל אויף די שפּיץ פינגער, ער זאָל נישט אויפוועקן די צוויי וואָס זענען געשלאָפן, איז ער צוגעגאַנגען צום וואַסערקראַן, זיך שנעל אַרומגע־וואַשן און אַראָפּ אויף דער גאַס.

דאָס דאָרף איז נאָך געשלאָפן. מען האָט נאָר געהערט דעם הענערקריי פון די שטייגן, דעם רעדערטראַסק פון ברויטוואָגן מיט דעם דרימלענדיקן בעקער אויפן געזעס. די קעץ האָבן פון הינטער די פּלויטן נאָכגעקוקט די הינט וואָס זענען אַרומגעלאָפן איבער די שטילע גאַסן נאָך זייער נאַכטוואַנדער.

זעליג האָט געשפּאַנט איבער די זאַמדן און זיך אַרומגעקוקט איבער דער סביבה. ער האָט געאָטעמט מיט דער פולער ברוסט דעם נאַסן מאָרגנטוי און געפילט אַז ער פרישט אים אָפּ. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קראָם, וואָס דער קרעמער האָט ערשט אויפגעמאַכט. ער איז אַריין, געוואָלט קויפן עסן, נאָר נישט געוווסט וואָס. ער איז געוווינט געווען עסן פון גרייטן, וואָס די מאַמע האָט אים צוגעגרייט. ער האָט זיך פאַרטראַכט און אַ באַפעל געטאָן דעם קרעמער: „גיט מיר עסן צו דער אַרבעט אויף אַ גאַנצן טאָג". דער קרעמער האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט נאָר איינזעענדיק, אַז דער פאַרשוין גייט צו דער אַרבעט אין האַלבע גוטע שיך און אין געקראַטעטע הויזן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ נייעם עולה. ער האָט אויפגעשניטן אַ פרישע ברייטל, באַשמירט עס מיט פּוטער, אַדורכגעלייגט מיט לאַקערדע. אין אַ טיטל האָט ער איינגעפּאַקט מישמיש. זעליג האָט באַצאָלט, גענומען דאָס עסן און אַוועק צו דער אַרבעט. ער האָט געשפּאַנט איבער דער גאַס, באַטראַכט דאָס דאָרף. אַלץ איז פאַר אים געווען ניי. די הייזער,

די גערטנער און דיביימער. ער האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך די מאָרגן־פרישקייט און יעדע ווײַלע זיך אומגעקוקט צי ער גייט מיטן ריכטיקן וועג. צוקומענדיק צום סוף פון דער גאַס, האָט ער פאַרקערעוועט אויף לינקס און אַדורכגעגאַנגען די וואַדי. ער איז אַרויס פון דאָרף און אַריין צווישן די פּרדסים. דערנאָך איז ער צוגעקומען צו אַ ליידיקן שטח וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט וואַסער־רערן און פול מיט גריבער. אַ שטילקייט האָט געהערשט אין דער סביבה. פון מאָל צו מאָל זענען פאַרבייגעפלויגן פייגל מיט צעשפּרייטע פליגל, געטשוויטשערט און פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער. אויך אין דערבייִקן אַראַבישן דאָרף, וואָס איז געשטאַנען ווי פאַרזונקען אין דער ערד, האָט מען נישט געזען קיין מענטש. מען האָט נאָר געהערט פון צווישן די הייזער דעם אָפּהילך פון בילן. די אַרבעטער זענען נאָך נישט געקומען צו דער אַרבעט. זעליג איז געשטאַנען איינער אַליין אויפן גאַנצן שטח. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען מיט די פינגער אָנטאַפּן די שטילקייט פון אַרום.

אַ מורא איז אים באַפאַלן פאַר דער אַרבעט וואָס שטייט אים פאָר. צי וועט ער ביישטיין? צי וועט ווידער געשען דאָס, וואָס בעת דער אַרבעט ביי חיימען?... דער גאַנצער חשק צו דער אַרבעט איז געוואָרן ביי אים צוגענומען. אַ פאַרשוין מיט אַן אַרויסגעשטאַרטן בויך ווי אַ פּויק וואָס האָט זיך אין גיין געקאַטשעט ווי אַ קאַטשקע, איז אָפּירגעקומען פון אונטערן פּרדס־פּלויט. דאָס איז געווען וואַלאַדיע. ער איז שטיין געבליבן, מיט דער האַנט זיך אויסגעריבן די גאַמבע וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט אַ געלער, לאַנג נישט ראַזירטער, באָרד. ער האָט זיך איינגעקוקט אין זעליגן, דעם פרעמדן און געפרעגט: „וואָס זאָגסטו?“ זעליג האָט אים נישט געענט־פערט. ער האָט ווידער געפרעגט: „געקומען צו דער אַרבעט?“ אויך איצט האָט זעליג אים נישט געענטפערט, נאָר דערלאַנגט דעם סעקרעטאַרס צעטל. וואַלאַדיע האָט איבערגעלייענט דעם צעטל און אַ קוק געטאָן אויף זעליגן פון דער זייט. זייערע אויגן האָבן זיך געטראָפן, ווי אָפּגעשאַצט זיך צי זיי וועלן צו זיך פּאַסן. זעליג האָט אויסגעזען אין זיינע בגדים ווי ער זאָל האָבן אין זיי טובל געווען זיך. וואַלאַדיע האָט אַ שפּיי געטאָן „טפו!“. ער האָט צוזאַמענגעלייגט און אַריינגערוקט דעם צעטל אין דער הויזן־טאַש אָן צו זאָגן אַ וואָרט האָט ער גענומען שפּרייזן צום אַרבעטס־אָרט.

זעליגן האָט אַרומגעכאַפּט אַ היץ. ער איז רויט און איינגעשרומפּן געוואָרן, נאָך קלענער געוואָרן ביי זיך אין די אויגן. נאָר, אַז ער האָט פון ווייטנס דערזען דריי געזונטע פון דער זון פאַרברענטע אַרבעטער מיט טוריעס אויף די אַקסלען, דער־נענטערן זיך צו אים, האָט ער אָפּגעאָטעמט.

די אַרבעטער האָבן אים געזאָגט „שלום“. זעליג האָט זיי שטיל געענטפערט: „שלום“!. די אַרבעטער האָבן אַריינגעשטעלט אין גרוב די דזשאָרעס מיט וואַסער וואָס זיי האָבן געבראַנגט, אָוועקגעלייגט זייערע פּעקלעך עסן און באַטראַכט זעליגן. איינער פון די אַרבעטער, דער אָמשטאַרקסטן פאַרברענטער פון דער זון, אַ הויכער, דאַרער מיט לאַנגע הענט וואָס זענען אים אַראָפּגעהאָנגען ווי בעקער־שויפלען, האָט געפרעגט זעליגן: „דו ביסט אַ נייער?“.

זעליג האָט געעפנט ס׳מויל, געוואָלט אים ענטפערן נאָר וואָלאַדיע, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט מיטן זייגער אין האַנט, האָט אַ געשריי געטאָן: „צו דער אַרבעט!״.

די דריי אַרבעטער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי אין דער ברייט און באַלד האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון די טוריעס, וואָס האָבן געגראָבן די ערד.

וואָלאַדיע האָט אַ רוף געטאָן זעליגן: „ע! נייער, קום אַהער!״.

זעליג איז צו אים ווי צוגעלאָפן. וואָלאַדיע האָט אים אָנגעקוקט ווי ער זאָל זיך אויף אים מרחם זיין, אים געגעבן זיין טוריע און געוויזן, ווי ער זאָל מיט איר אַרבעטן, אָנגעזאָגט אים ער זאָל אַרבעטן סיסטעמאַטיש, רעגלמעסיק, זיך נישט יאָגן.

זעליג האָט אַ כאַפּ געטאָן די טוריע און מיט אימפּעט געגראָבן אַ גרוב. פון אָנהייב האָט די אַרבעט אים נישט אויסגעזען זיין שווער. ער האָט געוואָרפן מיט די הענט ווי מיט דרעש־דרענגער, שנעל געגראָבן די ערד, צעשפּריצט גרודעס ערד אויף די אַרבעטער אין דער נאָענט. אים איז באַפאַלן אַ פּאַסיע פון אַרבעט.

— דו! באַלד וועט דיר פעלן באַדן צו דער אַרבעט! — האָבן די אַרבעטער פון אים געחוזקט און אים געלערנט ווי מען אַרבעט סיסטעמאַטיש.

זעליג האָט געפּרוווט אַזוי אַרבעטן אָבער ער האָט נישט באַוויזן איינהאַלטן דעם ריכטיקן טעמפּאָ און ווייטער זיך געאיילט. ער האָט געענדיקט איין גרוב און אָנגעהויבן די צווייטע. וואָלאַדיע איז געשטאַנען ווייט אין דער זייט, זיך געריבן זיין נישט ראַזירטע באָרד, פון וועלכער עס זענען גערונען ריטשקעלעך שוויס און פון ווייטנס געשריגן מיט זיין הייזעריק קול אַ צאָרנדיקער: „גראָבט טיפע גריבער לויט דער ריכטיקער מאָס! — און נישט געגאַנגען זען צי מען גראָבט ריכטיק.

די ערשטע דריי גריבער האָט זעליג שנעל געענדיקט, נאָר ביים פערטן איז ער שוין געבליבן הינטערשטעליק. ער האָט די טוריע שוין אַזוי הויך נישט געהויבן. ער האָט מיט אַלע זיינע כוחות געהאַקט די ערד וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פון אים גראָבן ווי זי זאָל האָבן האַרט געוואָרן ווי אַ שטיין. דער שוויס האָט געטריפט פון אים. זיין העמד, די הויזן זענען נאַס געוואָרן פון שוויס און ער האָט איבערגעריסן די אַרבעט. אַ צעפלאַמטער, צעהיצטער, מיט אַ קורצן אָטעם, ווי עס זאָל אים שווער זיין אָטעמען, האָט ער אַ ווײַלע געקוקט צי מען האָט אים באַמערקט. די אַרבעטער, געבוקטע, האָבן ממשיך געווען די אַרבעט מיט טעמפּאָ, געגראָבן גריבער.

זעליג האָט באַנייט זיין אַרבעט, געוואָלט אָניאָגן דאָס פאַרשפּעטיקטע. ער האָט איצט געאַרבעט נישט בלויז מיט די הענט, נאָר מיט דעם גאַנצן קערפּער, מיט אַלע זיינע כוחות, אָבער זיין טוריע האָט נישט געגראָבן טיף. ער האָט נאָר געגראַטשעט די ערד ווי אַ קינד וואָס מישט מיט אַ לעפעלע. ער איז געווען מיד, פאַרמאַטערט. די אָדערן אויף זיין האַלדז זענען געווען רויט, אָנגעשוואָלן ווי דיקע שטריק. יעדע

ווײַלע איז ער שטיין געבליבן, זיך אָפּגערוט. ער איז געוואָרן מער און מער הינטערשטעליק.

די זון איז שוין געשטאַנען אין מיטן הימל. אירע צעגליטע שטראַלן האָבן געשפּיזט די מענטשן און די ערד. וואָלאָדיע האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. זעענדיק, אַז עס איז שוין צוועלף, האָט ער אַ שריי געטאָן: „מיטאָג!".

די אַרבעטער האָבן שנעל אַוועקגעלייגט די טוריעס, אַ כאַפּ געטאָן די פּעקעלעך עסן, די דזשאַרעס וואַסער און געלאָפן אין שאָטן. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן פון די פּרדס־ביימער און געגעסן מיט אַפּעטיט זייער מאָלצייט. זיי האָבן נישט באַמערקט, אַז זעליג זיצט נישט מיט זיי, נאָר וואָלאָדיע וואָס איז געזעסן אין דער זייט האָט דערזען, אַז זעליג ליגט אויסגעצויגן און סאָפּעט שווער. „שטיי אויף, וועסט קריגן אַ לונגען־אָנצינדונג!" — האָט וואָלאָדיע אים אָנגעשריגן. ערשט איצט האָבן די אַרבעטער דערזען, אַז ער איז נישטאָ. זיי האָבן אויפגעהערט עסן, אים גערופן ער זאָל זיך צו זיי צוזעצן. זעליג האָט קוים זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און זיך צוגעשלעפּט צו די אַרבעטער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פּלויט, אָנגעשפּאַרט זיך אויף אים פון מידקייט, פאַרמאַכט די אויגן. אַלע האָבן אים באַטראַכט און געפרעגט פון וועלכן לאַנד ער קומט, ווי לאַנג ער איז אין לאַנד און אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל מיט זיי מיטעסן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, זיי געוויזן, אַז ער האָט מיטגעבראַכט עסן.

וואָלאָדיע האָט אַ ווונק געטאָן די אַרבעטער זיי זאָלן אים אָפּלאָזן און אים דערלאַנגט אַ פלאַש טיי מיט ציטרין. זעליג האָט אַ כאַפּ געטאָן די פלאַש, פון איר געצויגן ווי אַ קינד וואָס זייגט. ער האָט מיט איין אָטעמצוג אויסגעטרונקען אַ האַלבע פלאַש און געבליבן זיצן ווי פאַרחלשט. ער האָט וואָלאָדיען צוריקגעגעבן די פלאַש, זיך ווידער אָנגעלענט אויפן פּלויט, געפּרוווט דרימלען, ער איז אָבער געווען אַזוי מיד, אַז ער האָט נישט געקענט איינדרימלען.

וואָלאָדיע האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— צו דער אַרבעט! די האַלבע שעה מיטאָג איז פאַרביי! — האָט ער געזאָגט.

די אַרבעטער האָבן פאַרפּאַקט די רעשטלעך עסן און צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. אויך זעליג האָט זיך אויפגעשטעלט און פּאַמעלעך צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

דאָס גיין איז אים שווער אָנגעקומען. די ערד האָט אים ווי געצויגן צו זיך ער זאָל זיך אויף איר אויסרוען, אויסציען. ער איז געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט, די פיס זענען אים געזונקען אין דער ערד. מיט אָנשטרענגונג האָט ער געצויגן די פיס פון דער באַוואַסערטער ערד וואָס האָט זיך געקלעפּט צו זיינע שיך. ווען ער איז צוגעגאַנגען צום גרוב וואָס ער האָט פריִער אָנגעהויבן גראָבן האָט ער נישט געקענט אויפהייבן די טוריע. די אָדערן אויף די הענט זענען פאַרשטייפט געוואָרן און ער האָט נישט געקענט איינבייגן די פינגער. זיינע

אָרעמס האָבן אים גערייסן ווי זיי זאָלן זיך אָפּרייסן פון קערפּער. ער האָט נישט געקענט זיך רירן פון אָרט ווי ער זאָל זינקען אין דער ערד.

וואָלאָדיע, וואָס האָט פון זיין לאַנגיאָריקער פּראַקטיק געקענט אָפּשאַצן אַן אַרבעטער, האָט באַלד דערקענט זעליגס לאַגע און אַ שריי געטאָן: „העי, גרינער !". די שטילקייט אין דער סביבה האָט אויפגעציטערט פון וואָלאָדיעס קול. אויך זעליג האָט זיך אָפּגעטרייסלט, געוואָרן באַוועגלעך. ער האָט אַוועקגעוואָרפן די טוריע און מיט די לעצטע כוחות גענומען לויפן.

וואָלאָדיע האָט אים אָנגעקוקט, אַ קראַץ געטאָן זיך אין דער באַק ווי אַוועק־געיאָגט אַ בייזע פליג. פון כעס אָדער רחמנות אויסגעשפּיגן און געהייסן זעליגן דערלאַנגען פּלאַנצן, געוויזן אים ווי ער זאָל זיי זעצן, נישט צעברעכן. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָט זעליג געשפּאַנט הין און צוריק צווישן די קופּעס פּלאַנצן און גריבער, אַ באַלאָדנטער מיט צוויי באַנאַנע־פּלאַנצן — איינע אויפן אַקסל, די אַנדערע אונטערן אָרעם. ער איז געגאַנגען, געסאָפּעט און דער שווייס איז גערונען פון אים. פון מידקייט און שוואַכקייט האָבן די קני זיך געבראָכן אונטער אים. די פיס האָבן זיך אים געפּלאָנטערט און ער האָט נישט געקענט אונטערשיידן צווישן לינקן און רעכטן פוס. ער האָט געשפּאַנט איבער דער צעגראָבענער ערד אַ געבוקטער אונטער דער משא.

ווען ער האָט דערהערט אַ קלונג, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, שטיין געבליבן ווי אַן אַריינגעשטעקטער אין דער ערד. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען ווי וואָלאָדיע קלאַפּט אָן איין טוריע אין דער אַנדערער און די אַרבעטער לייגן צוזאַמען די כלים, גרייטן זיך גיין אַהיים.

זעליג איז קוים געשטאַנען אויף די פיס. ער האָט לייכט אָפּגעאָטעמט פון פרייד. עס איז אים גרינגער געוואָרן, זיך באַפרייט פון דער אַרבעטסלאַסט. די וועלט איז ווי גרעסער געוואָרן, געהאַט פּאַר אים פּלאַץ. ער האָט גענומען גיין אין שטוב. נאָך עטלעכע טריט האָט וואָלאָדיע אים פאַרהאַלטן און אים געגעבן ווי אַלע אַרבעטער צוואַנציק פּיאַסטער פאַר זיין טאָג אַרבעט. זעליג האָט צוגע־נומען זיין לוין און גענומען גיין ווי אויף שטאַלצן. ביי יעדן טריט וואָס ער האָט געשטעלט האָט ער געפילט אַ ווייטיק אין קערפּער ווי מען זאָל אים שטעכן מיט שפּילקעס. זיינע מידע אויגן האָבן כסדר זיך פאַרמאַכט ווי געוואָלט רוען נאָך דער שווערער האַרעוואַניע, אָבער ער איז געגאַנגען ווייטער און מיט נצחון־פרייד כסדר געקוקט אויף זיין ערשטן לוין פאַר זיין פּראַצע.

ווען ער האָט זיך סוף סוף דערשלעפּט אין צימער איז ער אַרויפגעפאַלן אויף זיין בעט, אַ פאַרשוויצטער אין די ברודיקע אַרבעטס־בגדים, ווי אַ טויטער. ער איז נישט איינגעשלאָפן נאָר געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן אָן באַוועגונג ווי פּאַראַליזירט, נישט געקענט זיך רירן. ווען אין דרויסן האָט גענומען גרויען איז ער אויפגעשטאַנען, אָפּגעצויגן פון אונטערן בעט אַ וואַליזע, אַרויסגענומען זיין בעטציייג און זיך אויסגעבעט. דרימלענדיק האָט ער זיך אויסגעטאָן, אַוועקגע־וואָרפן אויפן פּאָל די בגדים און ווי אַ לונאַטיקער אַריין אין בעט.

ווען ער האָט דערפילט אונטערן קאָפּ ס׳קישן האָט ער אַ קרעכץ געטאָן ווי די נשמה זאָל אים אויסגיין און איז איינגעשלאָפן.

*

ווען זעליג האָט זיך איבערגעוועקט איז שוין געווען טאָג. צו דער אַרבעט איז ער נישט געגאַנגען. דער גאַנצער קערפּער האָט אים ווײ געטאָן. ער האָט זיך נישט געקענט רירן. דער רוקן און די ריפּן האָבן אים ווײ געטאָן. ער האָט נישט געקענט ליגן. יעדער אבר האָט אים ווײ געטאָן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט, געלעגן אויף אַ זייט מיטן פּנים צו דער וואַנט בכדי זיינע שכנים זאָלן מיינען, אַז ער שלאָפט נאָך, געוואַרט ביז זיי וועלן אַוועק צו דער אַרבעט ער זאָל מיט זיי נישט דאַרפן רעדן. ליגנדיק האָט ער צוריק איינגעדרימלט און נישט געהערט ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען און אַוועקגע־גאַנגען. ער האָט געקרעכצט אין שלאָף.

ווען ער האָט זיך ווידער איבערגעוועקט האָט אים געגאַגט ביים האַרץ. ער איז געווען הונגעריק. אין דרויסן האָט שוין געגרויט דער אָוונט. מיט וואַקלדיקע טריט איז ער אַראָפּ פון בעט, אָנגעטאָן די הויזן און די שיך, אין וועלכע ער איז נעכטן געווען ביי דער אַרבעט און אָן אַ העמד זיך צוגעשלעפּט צום קרעמער.

דער קרעמער האָט אים באַלד דערקענט, צו אים אויסגעדרייט דעם קאָפּ אָבער אים נישט געקוקט אין די אויגן ווי ער זאָל זיך פילן שולדיק אין זיין מצב. זעליג האָט באַשטעלט אַ קאַלטע פלאַש מילך און זי אויסגעטרונקען אויפן אָרט, פאַרביסן מיט אַ ביסקוויט און אָן צו זאָגן אַ וואָרט ווי ער זאָל זיין אין כעס אויפן קרעמער, באַצאָלט און אַרויס פון קראָם.

ער האָט זיך געשלעפּט ווי אַ זקן איבער די גרודעס און זאַמדן, אויף וועלכע עס זענען געבליבן די צייכנס פון די דורכגעפאָרענע אויטאָס. ווי אַ שאָטן האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום הויז וווּ ער וווינט, נאָר נישט אַריין. ער האָט נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט זיינע שכנים פון צימער, וועלכע ער האָט נאָך נישט געקענט. נישט געוואָלט זיי זאָלן אים זען אין זיין חרפה. ער האָט זיך געדרייט אַרום דעם הויז ביז ער האָט דערזען, אַז אין פענצטער פון זייער צימער איז שוין פינצטער. ערשט איצט איז ער אַרויף אין צימער, זיך געלייגט שלאָפן.

די נאַכט איז ער אַדורכגעשלאָפן ווי אַ געהרגעטער, נישט געפילט, אַז די קאַלדרע איז אַראָפּגעפאַלן און ער ליגט אָן אָפּגעדעקטער. פאַרטאָג האָט ער זיך איבערגעוועקט. אַלע אברים האָבן אים ווײ געטאָן נאָר ער האָט זיך געפילט מונטערער. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, נישט צוגעבעט ס׳בעט און אַוועק צו דער אַרבעט. אויפן וועג האָט ער איילִיק געקויפט עטלעכע זעמל ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט. ווען ער איז צוגעקומען צום אָרט איז אים אַנטקעגנ־געקומען וואַלאַדיע וואָס האָט זיך שוין דאָ אַרומגעדרייט פון גאַנץ פרי און מיט זיין בויך אים פאַרשטעלט דעם וועג, נישט געלאָזט אים גיין ווייטער. „נישט

כדאי געווען צו קומען. נישטאָ דאָ מער קיין אַרבעט. היינט ענדיקט זיך די אַרבעט" — האָט ער אַ פּאָנפּע געטאָן אונטער דער נאָז. כדי אים פּטור ווערן, האָט ער אַ שריי געטאָן אין דער ריכטונג פון אַ קופּע פלאַנצן: עש בידאַק? — ווי דאָרט זאָל זיך געפונען אַן אַראַבער און זיך געלאָזט אַהין לויפן. זעליג האָט אים נאָכגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען צו וועמען ער האָט געשריגן. דאָרט איז דאָך קיינער נישטאָ. באַלד האָט ער אָבער פאַרשטאַנען. זיינע אויגן האָבן זיך באַדעקט מיט אַ פּייכטער מאַטקייט, דורך וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט אַ כעס פון באַליידיקונג. אַ דערשלאָגענער איז ער פּאַמעלעך צוריק אַוועק אין דאָרף.

ער האָט ווידער זיך געשלעפּט איבער די זאַמדיקע דאָרפס־וועגן אָן אַ ציל, געפילט ווייטיקן, זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט, געווען זיך אַליין איבעריק.

ערשט פאַרנאַכט, ווען איבער דער סביבה האָט זיך געשפּרייט די גרויקייט און אָנגעזאָגט די נאַכט, און פון די פענצטער אין די נידעריקע הייזלעך וואָס האָבן געטונקען אין די גרינע גערטנער האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן פלעמלעך, וואָס האָבן געוואָרפן שאָטנס אויף די וועגן, איבער וועלכע עס האָבן נאָר געשפּרייזט איינצלנע מענטשן, איז זעליג פּאַמעלעך געגאַנגען אין דער הסתדרות.

דער הסתדרות־באַראַק איז געווען באַלויכטן און אין אים האָט זיך געטומלט. מענטשן האָבן גערעדט הויך, מען האָט זיי געהערט פון ווייטנס. שטיל, נישט דרייסט איז זעליג אַריין אין באַראַק מען זאָל אים נישט באַמערקן. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דער קופּע אַרבעטער וואָס זענען געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל ביי דער וואַנט.

נאָר דער סעקרעטאַר, וואָס איז אַרומגעלאָפן איבער די צימערן מיט פּאַפּיר און בלייפעדער אין האַנט, האָט דערזען זעליגן. ער האָט זיך יעדע ווילע אַרויפגערוקט די ברילן וואָס זענען געווען אַרומגעוויקלט מיט אויסגעשוויצטער וואַטע. ער האָט פאַרהאַלטן זעליגן.

— די אַרבעט איז שוין געענדיקט? — האָט ער אים געפרעגט.

אין באַראַק איז געוואָרן שטיל. די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטער האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן סעקרעטאַר און אויף זעליגן. זעליג האָט נישט פאַרשטאַנען דעם סעקרעטאַרס פראַגע און אים נישט געענטפערט. דער סעקרעטאַר האָט אים חבריש אַ קלאַפּ געטאָן אויפן אַקסל. אָנווייזנדיק אויף זעליגן מיטן פינגער האָט ער געזאָגט דעם נידעריקן, ברייטביייניקן בחור מיט עטוואָס אויסגעקרימטע פיס וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט: „ער גייט צו דיר".

דער בחור, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרינעם כאַקי־מונדיר, טראָפּישן העלם און האָט אויסגעזען ווי אַ זעלנער, האָט זיך געאיילט און שנעל אַ זאָג געטאָן זעליגן: „מאָרגן זיבן אַ זייגער וואַרט אויף מיר ביי אַבראַמסקיס פּרדס. — און איז פאַרשוווּנדן.

זעליג איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער ווי אַ יינגל ווען דער טאַטע נעמט אים ס'ערשטע מאָל מיט אויף אַ יאַריד. ער איז געווען מבולבל, נישט

געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט נישט געקענט דעם פּרדס און נישט דעם וועג צו אים. נאָר אַ דאַרער בחור, אַן אַרבעטער וואָס איז געווען ענלעך צו זעליגן און איז געשטאַנען נישט ווייט פון אים, האָט געוווּסט, אַז זעליג איז אַן עולה חדש. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און אים אויפגעקלערט, וואַרפנדיק דערביי מיט די הענט, ווו מען גייט צו אַבראַמסקין אין פּרדס.

זעליג האָט אים נישט פאַרשטאַנען און געוואָלט פרעגן אויך אַנדערע אַרבעטער; נאָר זעענדיק, אַז זיי זענען פאַרשמועסט און קיינער לייגט אויף אים נישט קיין אַכט, האָט ער געזאָגט „שלום" דעם דאַרן אַרבעטער. ער איז שטיל אַרויס פון באַראַק, געגאַנגען אַהיים.

דאָס זאַמד האָט אים געסקריפּעט אונטער די פיס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען גייט אים נאָך. ער איז געגאַנגען און געטראַכט „צי וועט ער איצט אויסהאַלטן? צי וועט ער מוזן פאַרלאָזן די אַרבעט אין דער מיט?". פאַרביי־גייענדיק אַ קראָם איז ער אַריין, געקויפט עסן אויף מאָרגן. ער איז אַריין אין צימער, געלייגט זיך שלאָפן אויף זיין בעט און באַלד איינגעשלאָפן.

מאָרגן פרי נאָך איידער די שכנימס וועקזייגער האָט געקלונגען פינף, האָט זעליג זיך אויפגעכאַפּט און אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און אַרומגעוואַשן, גענומען מיט זיך דאָס צוגעגרייטע עסן און אַרויס פון שטוב.

ער איז געגאַנגען מיטן וועג, יעדע ווילע שטיין געבליבן, זיך אומגע־קוקט צי ער גייט גוט. ווען ער איז צוגעקומען צו דער וואַדי האָט ער דערזען אַ רויט, אָפּגעפאַרבט טויער מיט צוויי אייזערנע אותיות: ד. א. אַזוי ווי דער בחור האָט אים נעכטן געזאָגט. דער טויער איז געווען נאָך פאַר־שלאָסן מיט אַ קייט און אַ גרויסן שלאָס. זעליג האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טויער, געוואַרט. נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער דערזען אַ געשטאַלט פון אַן אַרבעטער וואָס האָט זיך דערנענטערט פון ווייטנס. ווען די געשטאַלט איז צוגעקומען צו אים האָט ער געזען, אַז דאָס איז דער נעכטיקער אַרבעטער פון הסתדרות־באַראַק, וואָס האָט מסכים געווען אים נעמען צו דער אַרבעט. זעליג האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעצויגן ווי אַ זעלנער. דער אַרבעטער האָט אַ צייט געגראַבלט ביים פאַרזשאַווערטן שלאָס. ער האָט אויפ־געשלאָסן, אַראָפּגענומען די קייט און אַ קוק געטאָן אויף זעליגן, מיט אַ שמייכל זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים.

— איך הייס דב! און דו?

— זעליג — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

— אַ, זעליג. אַ פּוילישער נאָמען! — האָט ער אַ שפּאַס געטאָן — און ווו איז דיין טוריע? — האָט ער אים געפרעגט.

זעליג איז רויט געוואָרן.

— מען האָט מיר נישט געזאָגט, אַז איך דאַרף ברענגען אַ טוריע — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

נאָר אין אמתן האָט ער מורא געהאַט זיך מודה זיין, אַז ער האָט נישט קיין טוריע.

— איך וועל באַלד זען ווי דו וועסט אַרבעטן מיט מיין טוריע — האָט דב געשפּאַסט. ער האָט געעפנט דעם טויער. ביידע זענען אַריין אין פּרדס. דב האָט אויסגעזוכט איין טוריע צווישן די אַרבעטס־כלים פאַר זיך, אַ צווייטע טוריע דערלאַנגט זעליגן און איז מיט אים אַוועק טיף אין פּרדס צו די וואַסער־קאַנאַלן.

דב האָט געעפנט די קראַנען. ס׳וואַסער האָט גענומען פליסן אין די קאַנאַלן. דב האָט זיך געשטעלט גראָבן נאָך אַ קאַנאַל. זעליג איז דערווייל געשטאַנען מיט דער טוריע אונטערן אָרעם ווי מיט אַ שירעם און געקוקט ווי ס׳וואַסער פליסט.

דבס געוואַלד „ס׳וואַסער רינט אויס! פאַרמאַך די לעכער!״ — האָבן אים אַ באַוועג געטאָן. ער האָט גענומען לויפן נאָכן שטראָם וואַסער, פאַר־שיטן מיט ערד די אויסגעריזלטע לעכער. די טוריע האָט זיך אים געדרייט אין די הענט און די אַרבעט איז אים נישט געגאַנגען. ער האָט געגראָבן די ערד, געוואָלט פאַרשיטן די לעכער נאָר זיך אָנגעשיט פולע שיך מיט זאַמד. „אין אַלדינאַך,—יאַ—כמאַר!״ — האָט דב געשריגן, געשאָלטן אויף אַראַביש נאָר געהאָלפן זעליגן. זעליג האָט געשוויצט, געלאָפן פון איין אָרט צום אַנדערן, געלעגן אויף די קני, געשאַרט מיט די הענט די ערד, געוואָלט פאַרשטעלן די לעכער נאָר נישט באַוויזן. ער איז געווען נאַס פון וואַסער און שווייס. ער האָט מיט ברודיקע הענט זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים און האָט זיך אַזוי אויסגעשמירט, אַז עס איז שווער געווען אים דערקענען. דב, וואָס איז אויך געווען פאַרמאַטערט, איז געווען אין כעס אויף זעליגן, אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט נאָר געשוויגן.

אָבער דער אויפזעער איז אָפּירגעקומען פון צווישן די ביימער. דער־זעענדיק ווי זעליג אַרבעט האָט ער אַ שריי געטאָן: „גענוג!״.

זעליג איז אונטערגעשפּרונגען פון פּחד, שטיין געבליבן.

— קום מיט מיר!״ — האָט דער אויפזעער אים געזאָגט — דב וועט ממשיך זיין די אַרבעט אַליין.

זעליג האָט אַ כאַפּ געטאָן די טוריע און האָט פון אויפרעגונג פאַרגעסן נעמען זיין פּעקל עסן, איבערגעלאָזט עס אונטערן בוים. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם מענטש, וואָס איז פון היינטערוואַל געווען ענלעך צו חיימען זיין קרוב.

דער אויפזעער האָט אים צוגעפירט צו אַ גרופּע אַרבעטער וואָס האָבן פאַרראָכטן די ביימער־טעלער. ער האָט זעליגן צוגעשטעלט צו איינעם אַ מיטלוווּקסיקן, דאַרן, נישט ראַזירטן אַרבעטער, וואָס האָט געהאַט אַ צע־פּלאַטשעטע נאָז צווישן זיינע קליינע אייגעלעך און אים געהייסן אַרבעטן צוזאַמען מיט זעליגן.

זעליג איז געווען אויפגערעגט. זיינע אויגן האָבן אים געברענט פונעם

שוויס וואָס האָט געטריפט פון זיינע ברעמען. ער איז געשטאַנען און נישט געוווסט וואָס צו טאָן, נאָר זעענדיק ווי אַלע פאַרטיפן די טעלער און הייבן אויף זייערע ווענט, האָט ער זיי נאָכגעטאָן. ער האָט די אַרבעט געטאָן אָן דערפאַרונג און זי איז אַרויס אַ שלעכטע. די טעלער זענען נישט געווען פּירקאַנטיק נאָר ווי קרומע רעדער.

דער אויפזעער וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט האָט זיך צוגעקוקט און געכעסט. ער האָט אַ רוף געטאָן זעליגן: „האַלאָ! דו, קום אַהער!". ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש דאָס בייטעלע, אָפּגעציילט צוואַנציק פּיאַסטער, זיי געגעבן זעליגן און אים געהייסן פאַרלאָזן די אַרבעט.

זעליג איז שטיין געבליבן ווי אַריינגעוואַקסן אין דער ערד. אים האָט געשווינדלט פאַר די אויגן, ער האָט געפילט, אַז באַלד חלשט ער. ער האָט אָוועקגעלייגט די טוריע און אַ פאַרשעמטער, דערשלאָגענער האָט ער פאַרלאָזט דעם פּרדס. די האַנט זיינע וואָס האָט געהאַלטן די צוואַנציק פּיאַסטער האָט געהיצט ווי זי זאָל ברענען.

זעליג האָט זיך אַרומגעדרייט אין הסתדרות־באַראַק אָפּגעזונדערט פון אַלע, אפילו זיינע צימער־שכנים אויסגעמיטן. ער איז געווען דערשלאָגן. ער האָט אפילו נישט געוואָגט בעטן אַרבעט ביים סעקרעטאַר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט שוין קיין מאָל נישט קענען האַלטן אַ טוריע אין האַנט. ער האָט געקוקט אויף זיינע פינגער און געטראַכט: זיינע הענט פּאַסן צו דער פעדער און נישט צו דער טוריע. ער האָט זיך דערמאָנט אין די זאָרג־לאָזע טעג אין דער היים, אין די אָוונטן וואָס ער האָט פאַרברענגט מיט די חברים און מיידלעך. ער האָט געפילט ווי די כוחות גייען אים אויס צווישן מיטן געלט וואָס דער טאַטע האָט אים מיטגעגעבן ביים אָוועקפאָרן. ער איז געווען הילפסלאָז, זיך נישט געקענט קיין עצה געבן.

ער איז געוואָרן אַפּאַטיש צו אַלעם, זיך געשראָקן פאַר זיין צוקונפט. ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבערן דאָרף אָן אַ ציל און אויסגעמיטן מענטשן, נאָר יעדן פאַרנאַכט האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו דעם הסתדרות־באַראַק, געוואַרט אויף דער אַרבעטס־פאַרטיילונג און ווידער געגאַנגען אין צימער שלאָפן ווי יעדן טאָג. אויך אין די שבת־פאַרנאַכטן, ווען דער הסתדרות־באַראַק איז געווען ליידיק, אָן מענטשן און נאָר דער סעקרעטאַר איז געזעסן און געלייענט אַ ציטונג, איז ער זעליג, געזעסן אין ווינקל אויף אַ באַנק. ער איז געזעסן נישט ווייל ער האָט געוואַרט אויף אַרבעט, נאָר ווייל ער האָט נישט געהאַט וווּ צו גיין און געווען געוווינט יעדן פאַרנאַכט אַריינגיין אין דער הסתדרות און אָפּזיצן אַ פאָר שעה.

איין מאָל איז אים נמאס געוואָרן דאָס זיצן אין באַראַק. ער איז אויפ־געשטאַנען, געוואָלט גיין שלאָפן. אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען אַ נידעריקער, דיקלעכער ייד מיט אַ קיילעכיק בייכל מיט אויסגעשמירטע הענט און רויטע בעקלעך וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז נישט לאַנג

אויפגעשטאַנען פון שלאָף. ער איז שטיין געבליבן אין דער טיר, ווי ער זאָל מורא האָבן אַריבערטרעטן די שוועל. ער האָט פון ווייטנס אַ שריי געטאָן צום סעקרעטאַר און אים געוויזן מיטן פינגער: „איינעם אויף מאָרגן! פינף אין דער פרי!".

דער סעקרעטאַר האָט אַרויסגעלאָזט פון האַנט די צייטונג, זיך איינגעקוקט מיט זיין קורצזיכטיקער ראיה אין דער אָפענער טיר און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. דער ייד איז פאַרשוואונדן.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, געזוכט אַן אַרבעטער. ווען ער האָט געזען אַז חוץ זעליגן איז קיינער נישטאָ האָט ער מיט דער בלייפעדער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, שפּעטער צוגערופן זעליגן און אים געזאָגט: „מאָרגן גייסטו צו אביגדורן אין פּרדס אַרבעטן!".

זעליג איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטער: „גיב מיר אַן אַרבעטס־צעטל" — האָט ער געשטאַמלט. דער סעקרעטאַר האָט אים אָנגעקוקט, זיך אַרויפגערוקט די ברילן ווי ער זאָל אים וועלן בעסער זען:

— אַן אַ צעטל — האָט ער אים געזאָגט. ער האָט נישט געוואָלט שרייבן דעם פּרייז, געוווּסט, אַז זיין אַרבעט איז נישט ווערט דעם טאָגלוין. ער האָט נאָר געזאָגט זעליגן — אביגדורס פּרדס געפינט זיך אַנטקעגן אַבראַמסקין.

דערהערנדיק דעם נאָמען אַבראַמסקי, האָט זעליג אַ ציטער געטאָן. זיין שטערן האָט זיך באַדעקט מיט גרויסע טראָפּנס שווייס. ער האָט נישט געזאָגט שלום און אַרויסגעלאָפן פון צימער. דער סעקרעטאַר איז געשטאַנען און געקוקט דורך זיינע ברילן ווי זעליג דערווייטערט זיך.

זעליג איז געגאַנגען שנעל. זיין האַרץ האָט געטיאַכקעט. דער קאָפּ האָט אים וויי געטאָן. ער האָט געטראַכט וואָס וועט זיין? ער האָט זיך געשראָקן, אַז מען וועט אים ווידער אַוועקשיקן אין מיטן דער אַרבעט, אים באַצאָלן אַ נדבה־לוין. דער געדאַנק האָט אים באַהערשט ווי אַ קאָשמאַר, ער האָט אים פון זיך געטריבן, נישט צוגעלאָזט, און געלאָפן ווי יעדן פאַרנאַכט נאָכן אַרומשלעפּן זיך אַ גאַנצן טאָג, אין שטוב שלאָפן.

ווי יעדעס מאָל ווען ער האָט געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט האָט זעליג זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי. ער איז אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטאָן, זיך געוואַשן און געלאָפן צו דער אַרבעט. דעם וועג האָט ער שוין געקענט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אַן ווילן, נישט געוווּסט ווי אַזוי ער וועט היינט אַרבעטן.

אַז ער איז צוגעקומען צו אביגדורס פּרדס האָט ער דערזען אַן אַרבעטער זיצן ביים פאַרשלאָסענעם טויער מיט אַ פולן קויש טעפּ מיט עסן. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ טוריע וואָס איז געווען איבערגעלייגט איבער די קני און געגלימערט ווי זי זאָל זיין פון ניקל. דער אַרבעטער איז געווען אָפּגעברענט. זיין פּנים איז געווען ווי פון ניקל. זיינע טיף איינגעזעצטע אויגן

האָבן געגליט. ער איז ענלעך געווען צו אַן אַראַבער. זעליג האָט שוין געוווּסט, אַז ביי יידן איז דאָ אַן עדה וואָס מען רופט פרענקען און וואָס קענען נישט קיין יידיש, אָבער ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם אַרבעטערס שאַרפן, דורכדרינגלעכן בליק. אַ פּחד איז אים באַפאַלן. ער איז געוואָרן אומרויִק. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי און נישט געזאָגט זיך שלום. דער פרענק האָט גערעדט נאָר העברעיִש. זעליג האָט כמעט נישט פאַרשטאַנען דאָס לשון. ביידע האָבן נישט געפונען קיין שותפותדיקע שפּראַך.

עס איז געקומען דער אויפזעער, אַ נידעריקער, דאַרער מאַן. זיין הויט אויפן פּנים און די הענט איז געווען געפלעקט מיט גרין־בלויע פלעקן ווי זיי זאָלן זיין אָפּגעברענט. זעליג האָט אים געזאָגט שלום און שטיל שוין צוגעגעבן: „מען האָט מיך געשיקט דאָ אַהער אַרבעטן" און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויפן אויפזעער.

דערווייל זענען אָנגעקומען די רעשט אַרבעטער וועלכע האָבן שוין געקענט זעליגן און זיין אַרט אַרבעט. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, אַז דער אויפזעער זאָל נישט מערקן. אַריינגייענדיק אין פּרדס האָבן זיי אויך אַריינגעפירט זעליגן. זעליג האָט צווישן זיי דערקענט דעם הויכן מיט די הענט וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען ווי בעקער־שויפלען, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט ביי וואָלאָדיען. זעליג האָט זיך צו אים געוואָנדן, ביי אים געבעטן אַ טוריע. דער לאַנגער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער איז באַלד אַריין אין כלים־באַראַק און אים געברענגט אַ קליינע טוריע, נומער דריי.

דער אויפזעער האָט די אַרבעטער אַוועקגעפירט צום שטח, וואָס איז ביי אים געווען פאַרצייכנט מיט נומער פינף. דאָס איז געווען די שווערסטע חמרה־ערד פון גאַנצן פּרדס. ער האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ שורה איינעם הינטערן אַנדערן און ווי אַ דיריגענט זיי געגעבן דעם סימן זיי זאָלן אָנהייבן אַרבעטן, אָנזאָגנדיק זיי: „אַקערט טיף, די גאַנצע טוריע!"

זעליג איז געשטאַנען דער פינפטער אין דער רעכטער שורה. באַלד פון אָנהייב איז ער געבליבן הינטערשטעליק און געשטערט די אַנדערע אַרבעטער. דער אויפזעער, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט האָט אים אונטערגעיאָגט: „שנעלער, פאָרויס!" נאָר, זעענדיק ווי אַזוי ער אַרבעט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ גרינעם, אַן אָנפאַנגער. פון אויפרעגונג האָט ער זיך נאָך טיפער אַראָפּגערוקט ס'היטל איבער די אויגן, אַז מען האָט אים קוים אַרויסגעזען די אויגן פון אונטערן דאַשיק. פון כעס האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַפלאַכן פון זעליגן: „כאַלעפּוץ! ריר זיך! דאָס קומט אַ פּרדס אַקערן! יעדער מאַראַנץ וועט קאָסטן אַ טאַלער!"

זעליג האָט פאַרביסן די ליפּן פון חרפּה, געפלאַמט פון בושה און מיט אַלע זיינע כוחות געאַקערט, זיך אָנגעשטרענגט. דער שווייס איז אים גערונען פון פּנים שוין פון דער פרי.

דער אויפזעער איז געלאָפן צווישן דיביימער אַן אויפגערעגטער מיט

פאַרביילטע פויסטן פון כעס און יעדע ווײלע אַ קוק געטאָן צו זעליגן. זעענדיק די איבעריקע, וואָס אַקערן אַן איבעררייס ווי מוראַשקעס זאָלן זיך ראַיען, האָט ער אים אַרויסגענומען פון דער ריי, אים אַוועקגעשטעלט אין דער צווייטער זייט, ער זאָל אַקערן אַליין, קיינעם נישט שטערן.

טעג זענען אַוועק. די ביימער אין די פּרדסים האָבן אָפּגעבליט, שוין באַוויזן פרישע פרוכט. זעליג האָט דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון אַלע חלוצים. ער איז אָפּגעברענט פון דער זון. זיין הויט איז האַרט, זיינע האָר אָפּבלאַקירט, זיינע הענט מוסקולירט מיט דיקע אָדערן, מאָזאָלעס, מיט געלבלעכע הערלעך ווי אַ וואַלדמאַך, וואָס גלאַנצט אַנטקעגן דער זון. די הענט האַלטן שטאַרק די טוריע. ער גייט אין איין ריי צוזאַם מיט נאָך אַרבעטער. ער איז אויסגעאַרבעט, שווער ווי אַ ייד, אַן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

# פלאַמענדיקע האָריזאָנטן

צווישן ים פון מערב, דעם פלאַכן קוקאַר־באַרג פון דרום און די זומפּן פון צפון, איז געלעגן פונאַנדערגעלייגט העט ביז אונטערן האָריזאָנט אַרונטער דער לאַנגער, פלאַכער, זאַמדיקער ערד־שֶטח. פון מזרח איז דער שטח געווען אָפן און זיך געצויגן ענדלאָז ביז ער איז פאַרשווונדן פאַרן מענטשלעכן אויג. נאָענט צום באַרג האָט אַ וואַדי וואָס האָט זיך געשלענגלט אַראָפּ צום ים, אים אַדורכגעשניטן. אין זאַמד האָט געבלאַנקט דער שוואַרץ פון אַספאַלט־וועג, וואָס האָט זיך געצויגן און דערווייטערט.

אויף דעם געצוימטן שטח צווישן ים, דעם באַרג און דער זומפּ זענען געלעגן פונאַנדערגעלייגט פיר ישובים. שיף, ווי צוויי אַנטקעגן זיך ליגנדיקע פיילבויגנס, האָבן זיך געפונען דער קיבוץ גנון און דער מושב אריח. אין די אָפענע אָרעמס פון די צוויי יידישע דערפער איז געלעגן אַריינגערוקט דאָס אַראַבישע גוט בית־סלמה. די הייזער פון די זידלונגען האָבן ווי געשאָפן דעם דרייעק. הינטער בית־סלמה, צופוסנס דעם באַרג, ווי זיי זאָלן האָבן אַרויסגעוואַקסן פון דער אורערד, זענען געשטאַנען פונאַנדערגעשטעלט דיביידלעך פון דעם אָפּגעריסענעם בעדו־אינער שבט אבו־שוש.

אין די הייזער האָט געווימלט מענטשלעך לעבן. פון די דערפער האָט געשפּראָצט זאַטקייט. איבער דער סביבה האָט געהילכט לעבנס־שאַפונג. דער גאַנצער שטח איז געווען באַאַרבעט — געגעבן פרוכט. פון דעם צעשניטענעם, ווי אויף דאָמינאָ־קלעצלעך ערדקוואַדראַט, איז אויפגעגאַנגען דער זונען־שימער פון אַנטקעגן דער ברכה פון גערעטעניש. די ערד־זאַפטן האָבן זיך געשפּאַרט און אָנגעפילט די קערנדיקע זאַנגען וואָס האָבן געשטייגערט אין דער הויך. דאָס גרינצייג האָט פונאַנדערגעשפּרייט די בלעטער און שטענגלעך און געזויגן די לופט־פרישקייט און די ערד־פייכטקייט — ווי געפּרוווט זייער כוח־גערעטעניש.

די עלאַסטישע באַנאַנען־שטאַנגען מיט זייערע ברייטע, פונאַנדערגעלייגטע בלעטער און די צעצווייגטע מאַראַנצן־שטאַמען זענען געוואַקסן אַלץ העכער, העכער אין חלל אַריין. דער גרין־געמיש פון די פלאַנצן האָט געשימערט און זיך צונויפגעגאָסן אין אַ גרינעם טעפּיך־געוועב. פון דער געוויקסן־שפע האָבן אַרויסגעשטאַרט די פאַרביקע דעכער פון די הייזער. יעדער ווינט־ווי האָט פונאַנדערגעוויגט די צווייגן און בלעטער, זיי צעפלאָשעט און צוריק פאַרוויגט אין דעם פאַרבליבענעם פון זיי רויש. ווי אויגן וואָס קוקן אַריבער האָבן די פאַרגליווערטע וואַסער־פענצטער אָפּט זיך פונאַנדערגעשפּרייט ווי אַזיערעס. די זונען־שטראַלן האָבן זיי איבערגעצויגן ווי אַ נעץ און אין זיי געשפּיגלט די באַשאָטענע מיט פּירות ביימער־קרוינען.

פאַר די מתישבים איז די ערד־ברכה אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע, אָבער די קיבוץ־וועטעראַנען געדענקען די צען געצעלטן וועלכע האָבן אַרומגערינגלט די צוויי באַראַקן וואָס איינער פון זיי איז געווען די שטאַל. זיי האָבן געדענקט ווי מען האָט געבערענגט דעם ערשטן טראַקטאָר פון שכנותדיקן קיבוץ, ווען מען האָט געבערענגט די מויל־אייזלען צו דער אַרבעט, ווי נאַכט, נאַכט זענען זיי געגאַנגען מיט דער סטאַדע הינט היטן דאָס וואָס זיי האָבן שוין געטאָן. זיי האָבן געדענקט נישט נאָר יעדע אַרבעט באַזונדער, נאָר אויך זייער ציטער־געפיל ביי יעדער נייער אַרבעט זייערער. איינגעקריצט אין זכרון איז ביי זיי געווען דער מאָרגן־דעמער, ווען די גלאַנציקע מעסער פון אַקער־אייזן האָבן דאָס ערשטע מאָל זיך איינגעשניטן אין זייער ערד. גאַנץ פרי, ווען די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן גענומען שפּיזן, איז פון אונטערן באַרג אַפּירגעקומען און שטיין געבליבן ווי אַ דיקער, אָפּגעטע־סעטער גרענעץ־קלין — אַן אַראַבער. ער האָט זיי באַגריסט, זיי האָבן אים באַגריסט. ער איז צוריק אַוועק אין דער ריכטונג פון באַרג. זיי האָבן ממשיך געווען זייער אַקערן.

דאָס דערשיינען פון דעם אַראַבער האָט אין דער חלוצים־מחנה אַריינגעבערענגט אומרו. די אַקערער האָבן אונטערגעטריבן די מויל־אייזלען. זיי האָבן אין זייערע פויסטן שטאַרקער פאַרדריקט די שטעקנס. מיט אַ מאָל איז פון אונטערן באַרג אַפּיר אויסגעוואַקסן אַ מחנה צעיושעטע אַראַבער וואָס האָבן ווילד געפּאַכעט מיט זייערע שטעקנס און געשריגן: „איטבאַח אל יאַהוד!” מיט די ווילדע געשרייען זענען זיי נאָר אויסן געווען פאַרהאַלטן דאָס אַקערן די ערד, וואָס איז ביז איצט געווען פאַר־וויסט און זי איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון דעם עפענדי אין יפו. זייערע ווילדע געשרייען זענען באַגלייט געוואָרן מיט רעש און געפילדער. זייערע ווייבער האָבן געפּויקט אין בלעכן. דער הילך איז זיך צעגאַנגען איבער דער גאַנצער סביבה.

אַ געשלאָסענע קייט פון חלוצים־לייבער האָט די אַראַבער פאַרשטעלט דעם וועג. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ געשלעג צווישן די צוויי פיינטלעכע מחנות. דאָס געשלעג האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערע מחנה געהאַט די איבערמאַכט. ווען די קריגעריי איז דערגאַנגען צו רציחה, בלוט האָט אַ פליס געטאָן, האָבן די אַקערער אָפּגעלאָזט זייערע הינט וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אימה. די אַראַבער האָבן נאָך געפּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָבער די אימה פאַר די הינט

האָט זיי צוריקגעהאַלטן. די חלוצים האָבן באַלד ממשיך געווען, געאַקערט זייער ערד וואָס איז באַנעצט געוואָרן מיט בלוט פון זייערע פינף פאַרווונדעטע. ווי נאָר די חלוצים האָבן פאַרענדיקט דאָס אַקערן זענען אָנגעקומען ענגלישע פּאָלי־ציסטן פון יפו. זיי האָבן געפּאַרשט און נאָך אַ מאָל געפּאַרשט און צוריקגעפּאָרן.

די אויפגעאַקערטע ערד האָט דורות נישט מפרנס געווען די אייגנטימער נישט מיט ברויט און נישט מיט וואַסער. טאָג, טאָג האָבן די חלוצים געזוכט אין דער סביבה אַ סימן פון אַ קוואַל. דערווייל האָבן זיי געבערענגט וואַסער אין פּעסער, זיי זאָלן קענען שטילן דעם דאָרשט פון די בעלי־חיים און אויך זייער דאָרשט.

וואָכן גאַנצע האָט אַ טראָפּן וואַסער נישט אייַנגענעצט זייערע קערפּערס. ווי מור־ראַשקעס, וואָס שנאַפּן יעדעס ערד־קערנדל אַרום זייער נעסט אַזוי האָבן די חלוצים באַשנאַפּט יעדן שטיין און יעדעס ערד־קערנדל, געוואָלט געפינען דעם לעבנס־אָדער — וואַסער פאַר דעם מענטש, דער בהמה און דער ערד. מישקע, ווען זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט פון טבריה האָט דורכגענישטערט דעם שטח אין דער לענג און ברייט און האָט אָנגעוויזן דאָס אָרט דעם באַרג צופוסנס: — גראָבט דאָ! ער אַליין מיט נאָך פינף חלוצים האָבן זיך געשטעלט גראָבן. יעדן אויסגעגראָבענעם הויפן ערד האָבן זיי אויסגעטאַפּט אין די הענט צי ער איז פייכט.

די אַראַבער פון יענער זייט באַרג, וועלכע האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן דאָס אַקערן, האָבן געוואָלט שטערן גראָבן דעם ברונעם. זייערע שיקלענדיקע אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון די גרעבער. רפאל דער שומר האָט געהיטן די שיקלענדיקע אַראַבער זאָלן נישט פאַרווירקלעכן זייערע דראָונגען. זיין לענגלעכער קאָפּ, אויף וועלכן עס איז נישט געוואַקסן קיין איין האָר, מיט זיין גרויסן אויס־געביילטן שטערן האָט מיט זיינע פאַרזשמורעטע אויגן געפּאַרשט און געהערט יעדן ריר און באַוועגונג. נישט איין מאָל אין דער נאַכט האָט זיין שאָס פאַרטריבן אַ שאָטן וואָס האָט זיך געשלייכט. ער האָט געהיטן ווי זיין אויגאַפּל די ברונעם־עפּענונג. אין אַ נאַכט פון די נעכט וואָס איז געווען פינצטער, האָט אַ באַנדע אים אַרומגערינגלט. ער האָט נאָר באַוויזן צוויי מאָל אויסשיסן און ער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ בינטל בליי־שרויטן. ווען די חברים פון קיבוץ זענען אָנגעלאָפן האָבן זיי געפונען רפאלן אָפּגיין אין בלוט, דעם ברונעם־בויערער צעבראָכן, אויסגעבויגן און די ברונעם־עפּענונג פאַרשיט מיט צעהאַקטע שטיינדלעך.

מיטן מאַרגנגרוי האָט מען רפאלן אַוועקגעפירט אויף אַ פור אין שפּיטאָל אין שטאָט אַריין. מישקע מיט די חלוצים האָבן זיך געשטעלט בויערן דעם ברונעם פונסניי.

די פּראַצע פון די מתישבים האָט באַפרוכפּערט די ערד. דער אַקעראייזן האָט כסדר אַרויסגעריסן נאָך אַ שטיק און נאָך אַ שטיק ערד פונעם פאַרוויסטן שטח און אים איבעראַקערט דער זון־ליכט אַנטקעגן. דער צווייטער אָרעם, דער בויגן פון שטח — דאָס דאָרף מיט זיינע מתישבים האָבן זייער לעבן און די אַרבעט נישט באַזירט ווי אַ קיבוץ־קאָלעקטיוו. זיי האָבן זייער ערד פאַרטיילט גלייך אויף גלייך

צווישן זיך לויט אַ גורל. יעדער האָט באַקומען צוואַנציק דונאַם, אויף וועלכע ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ באַראַק צום וווינען. די דאָרפס־איינוווינער זענען געווען טאָגלוין־אַרבעטער, וועלכע האָבן פריִער געאַרבעט אין דער סביבה. זייערע פינאַנ־סיעלע מיטלען זענען געווען באַשרענקטע אָבער זייער ווילן צו ציען יניקה פון זייער ערד איז געווען אומבאַגרענעצט. זיי האָבן אויך איצט געפלאַסטערט וועגן, געמויערט הייזער און געאַקערט פרדסים זיי זאָלן האָבן אויף קיום. ערשט אין די אָוונטן נאָך אַ טאָג אַרבעט האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן זייער ערד, וואָס האָט דורות, דורות געטריקנט, און זיך געמיט אויף איר ביז אין דער נאַכט אַריין. זייערע ווייבער און קינדער האָבן אין דער נאַכט צונויפגעקליבן די שטיינער פון זייער ערד און זי געאַקערט מיט צעבלוטיקטע הענט. מיט יעדן מאָרגן־דעמער האָט דער שטח פון דער צוריק אויפגעלעבטער ערד כסדר זיך דערנענטערט צום האָריזאָנט. די אַלט־יונגע פויערים, פּאַרטריקנטע פון דאָרשט און דעם איינגעגעסענעם אין זייער הויט שטויב האָבן אָפּגעניגלט דאָס ביסל וואַסער און נישט אָפּגעשווענקט דעם טעלער פון עסן. זיי האָבן געגעסן טרוקנס, געהיטן דאָס ביסל וואַסער וואָס דאָס קליינע קראַנדל האָט יעדן טאָג זיי אָפּגעטראָפּט. דאָס ביסל וואַסער האָבן זיי געהיטן פאַר דער ציג און פאַר די עטלעכע הינער וואָס יעדער האָט געהאַלטן ביי זיך אין צימער. קיינער האָט נישט געהאַט קיין שטאַל און נישט קיין שטייג. די עטלעכע בייטן גרינס אַרום דעם וווין־באַראַק האָט יעדער זאָרפעליק באַגאָסן מיט אַ האַנט־גיסער ווי אַ מאַמע וואָס וואַשט איר ניי־געבוירן קינד.

די בעדויִנער פון יענער זייט באַרג, איינגעהילטע אין אַבאַיעס, אויסגעמאַ־טערטע, אַפּאַטישע געשטאַלטן האָבן זיך געשלייכט איבער דער סביבה. זייערע שטומע, אויסגעצויגענע שאָטנס זענען געגאַנגען פאַר זיי. זייערע דרימלענדיקע אויגן האָבן געהיטן זייער ביסל שאָף. אַרום זייערע געצעלטן, וואָס זיי האָבן אַוועקגעשטעלט ווי אויף דערוויילן, האָט ווייטער ווי מיט דורות צוריק געוועלטיקט די וויסטעניש. נאָר צווישן די קוקאַר־ווענט אין אַבו אַליס הויף האָבן זיינע ווייבער און אַרבעטער זיך געפּאָרעט. אַבו אַלי אַליין איז כסדר געקומען קוקן ווי אַזוי די יידן באַאַרבעטן זייערע פעלדער און געפּאָדערט פון זיינע מענטשן: „זעט און טוט אויך אַזוי". ער איז געווען נידעריק און פליישיק און אויך געציכטעט מאַראַנצן און אויפּס־ביימער. צוליב זיין רייכטום האָט ער באַקומען דעם נאָמען עפענדי. ווי גרויס זיין רייכטום — אַזוי גרויס איז געווען זיין אַמביציע. ער האָט געוואָלט זיין דער הערשער פון דער סביבה. ער האָט די בעדויִנער נישט אַריבער־געלאָזט איבער דער שוועל פון זיין הויף אָבער זיי געהעצט קעגן די יידן, זיי באַפוילן נישט לאָזן אַרבעטן. ער האָט אויך זיי געמסרט ביי דער מאַכט: די יידן טוען דאָס און דאָס און ער פאַרלאַנגט די מאַכט זאָל זיי שטערן די אַרבעטן. פאַרשטאַרקט זיינע מסירות ביי דער מאַכט האָט ער ווען פאַטראָלן האָבן אָנגע־הויבן היטן די ים־ברעגן, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די עליה פון די אומלע־גאַלע עולים.

דאָס וואַסער אין ירדן איז אַן אויפהער געפּלאָסן אין ים אַריין. די זונען־שטראַלן האָבן אויסגעדעמפּט און געגליוועט דאָס וואַסער, אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעטריקנט די יבשה.

אַפילו דער נישט געצערטלטער פון דער נאַטור קאַקטוס האָט דאָרט נישט לאַנג אויסגעהאַלטן. דער טאָל איז געווען צעפּראַלט פאַר די צעהיצטע פון די בערג אַראָפּגעקומענע ווינטן וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט די שטויביקע טרוקנקייט, וואָס האָט די סביבה איינגעהילט אין אַ מדבר־זאַמד־מאַנטל. אָבער אין דער הויך אויף די בערג זענען די צעהוליעטע ווינטן געוואָרן געצוימט. דאָרט האָט זייער פאַרניכטונגס־כּוח שוין נישט געוועלטיקט. פון די היץ־שפּיזן וואָס שטעכן איז אַוועקגענומען געוואָרן זייער אימפּעט און פאַרנעם. די נעץ האָט דורכגעזאַפּט די ערד־זעטיקייט, די פלאַנצן־וואָרצלען. די יידישע פראַצע האָט שוין טיילוויז פאַרטריבן די דורות וויסטעניש. זייער אַקעראייזן האָט די ערד צעשניטן אויף קוואַדראַטן.

די פאַרלייגטע זידלונגען האָבן געשפּרודלט מיט לעבן. אַ פרישער טוי־גרין האָט זיי געדעמט ווי אַן אָאַזיס אין מדבר. די גרעזער האָבן געקוויקט די באַגוי־דערטע און באַאייטערטע טשערעדעס. די זאַטקייט האָט געגלאַנצט אין די אויגן פון די בהמות. איבער דער באַרג־שיפּקייט האָבן געקלעטערט די מיט וואָל באַוואַקסענע שעפּסן וואָס האָבן געגריזשעט מיט זייערע שמאָלע פּיסקלעך די גראָזן און געמעקעט מיט זאַטקייט און דאַנקבאַרקייט.

ווי דער גייסט אין די זידלונגען אַזוי איז דער גייסט אין לאַנד און אין קיבוץ גנון, וואָס זיינע תבואות אין די פעלדער האָבן זיך געצייטיקט אין דער זון אַזוי ווי עס האָבן זיך געצייטיקט זיינע וויינגערטנער און פּרדסים. די פיש־סאַזשלקעס אין מיטן די פעלדער האָבן געקוקט ווי בלויע אויגן. דער שאַרך פון די זאַנגען און די בלעטער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם מעקען פון די בהמות און דעם קוואַקען פון די הינער און זיך געטראָגן ווי אַ בת־קול פון עקזיסטענץ און פראַצע. יעדער חבר אין קיבוץ איז געווען אַריינגעטאָן אין עול פון דער אַרבעט, וואָס האָט כּסדר זיך צעצווייגט און זיי נישט געקאַרגט קיין צרות, דאגות און פּיין וואָס האָבן געשאַפן פּראָבלעמען. אויך היינט האָט דער סעקרעטאַריאַט צונויפגערופן אַ פאַר־זאַמלונג, בכדי אויפצוקלערן דעם פּלאַן ווי אַזוי צו אַנטוויקלען די ווירטשאַפט. די לעצטע פורן זענען שוין דורכגעפאָרן דעם אַריינפאַר־טויער. אין הויף זענען אַרומגעלאָפן די אייזלען. די צוויי צערייצטע הינט זענען זיי נאָכגעלאָפן און געבילט. די חברים האָבן זיך געאיילט, יעדער האָט געוואָלט זיך אַרומוואַשן, זיך איבערטאָן און אַ ביסל זיך אויסרוען.

אין דעם לענגלעכן באַראַק, דעם עסצימער מיט צעלאָזטע שוין פון אַלטקייט ווענט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ האָרב אויף דער ערד, זענען זיך צונויפגעקומען די אונטערגעוואַקסענע קינדער, געגרייט זיך אויפנעמען זייערע עלטערן מיט דער פרייט, גאַרמאַשקע און האָראַ, אָבער דאָס מאָל זענען די עלטערן נישט צוגעשטאַנען צו זייער טאַנץ ווי יעדן ערב שבת. זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט צוקלאַפּן מיט די

הענט צום טאַקט פון טאַנץ. דער טומל איז געווען גרויס ווי שטענדיק נאָכן עסן. די וואָס האָבן היינט געאַרבעט אין קיך זענען אַרומגעפּאָרן מיט די עס־ווערגעלעך און צונויפגענומען די כלים און שיריים. די טיר האָט נישט גערוט. ווען מען האָט זי געעפנט האָבן די קאָלירטע אַפּישן און די בילדער אויף די ווענט זיך אונטער־געהויבן. מענטשן זענען געקומען און געגאַנגען. איבער זייערע קעפּ איז געהאַנגען דער רויך־טומאַן פון די אויסגערויכערטע סיגאַרן.

מיט אַ מאָל האָט אַ הייזעריקער גלאָק זיך אַריינגעריסן אינעם דעמפּיקן חלל פון עסצימער. אַ פּאָר הענט האָבן מיט אַן אייזן־שטאַבע געקלאַפּט אין דעם שטאָ־לענעם ראָד וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען — צונויפגערופן די חברים אויף דער אסיפה. דאָס עסצימער האָט באַלד גענומען זיך אָנפּילן מיט מענטשן. דער „לוקס", וואָס איז געהאַנגען אויף דעם האָק אין דער סטעליע, האָט אָנגעהויבן צאַנקען. די דעמפּיקע לופט האָט אים געלאָשן. די חברים האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום די טישן. דער סעקרעטאַר — אַ נידעריקער, דאַרער מיט איינגעפאַלענע באַקן, משהלע, ווי אַלע האָבן אים גערופן, כאָטש ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון דריי קינדער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עק טיש און מיט אַ טרוקענער שטימע איבערגעגעבן דעםווירטשאַפטס־באַריכט. ער האָט גערעדט און אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר וואָס איז געווען פאַרשריבן מיט לאַנגע שורות ציפערן; געגעבן און גענומען. ער האָט זיך באַמיט באַווייזן, אַז די ווירטשאַפט איז אין דעפיציט. כדי צו פאַר־בעסערן די פינאַנסיעלע לאַגע מוז מען פאַרקלענערן די הוצאות און פאַרגרעסערן די הכנסות. דערפאַר מוז מען פאַרגרעסערן די הינער־שטייגן, דעריבער מוז דער יסוד פון דער ווירטשאַפט זיין די בהמות, די עופות און נישט די פלחה (תבואות). ווזווקע דער פלח, אַ הויכער, דאַרער מיט אַ פלאַכן קאָפּ און מיט ווי אַריינגע־שטופּטע אין אים אויגן, האָט פּראָטעסטירט אָבער נאָר מיט עטלעכע מאָנאָטאָנע ווערטער: „וואָס ווערסטו געבן עסן דיינע בהמות?" משהלע האָט געפּרווווט אים ענטפערן מיט שפּאַט, געזאָגט איין וואָרט: „שפּענער", אָבער, ווי נאָר עס האָט זיך איינגעשטילט דאָס כאָכעניש פון זיין שפּאַס, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין: „ירקות זענען נישט קיין תבואות. מען דאַרף נאָר קויפן צוויי לאַסט־אויטאָס ווען די טראַנספּאָרט־הוצאות קלענער ווערן". ווען ער האָט געענדיקט האָט דאָס וואָרט גענומען איציק דער שמיד, אַ נידעריקער, ברייטבייניקער מיט אַ פליישיקער נאָז אַריינגעדריקט אין פּנים. ער האָט גערעדט מיט אַ טיפער באַס־שטימע, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז געקומען די צייט נישט נאָר צו מעכאַניזירן נאָר מען דאַרף אינדוסטריאַליזירן די ווירטשאַפט. ער האָט געפאָדערט מען זאָל אויפשטעלן אַ גרויסע שלאָסעריי וואָס וועט אַרבעטן פאַר דער גאַנצער סביבה. דאָס וועט מער אַריינטראָגן ווי די שטאַלן און שטייגן. דערצו איז אים נויטיק נישט קיין סך געלט און מען זאָל אים באַפרייען די צוויי שלאָסערס: יאָסקען מיט יעקבן וואָס אַרבעטן אין קיך. איצט איז געקומען זרחס ריי, דעם ממונה איבער דער פלחה. ער איז געווען הויך און ברייט געוואָקסן, זיין הויט אויפן פּנים און אויף די הענט איז געווען געקאַרבט ווי די ערד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געגאַנגען פאַרויס עטלעכע

שווערע טריט ווי ער זאָל אַלץ אונטער זיך צעטרעטן. ער האָט צו וויסן געטאָן מיט זיין ווייך און הילכיק קול, אַז ער איז קעגן מעכאַניזאַציע און קעגן אינדוס־טראַליזאַציע. דאָס זאָל טאָן די שטאָט. פויערים דאַרפן באַארבעטן זייער ערד. ער האָט מיט זיין קורצער האַנט אָפּגעווישט זיינע פלײשיקע ליפן. ער האָט זיך אומגעקערט און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט.

אַ צייט לאַנג איז אין עסצימער שטיל געווען. עס האָט זיך נאָר געפילט די געדיכטע מיט רויך לופט און דאָס פאַרנעפּלטע, אַנעמישע ליכט וואָס האָט ווי געצאַנקט איבער די קעפּ פון די חברים. מיט אַ מאָל האָט אין ווינקל האַסטיק זיך אויפגעשטעלט חנה — די אייביקע אַלטע איבערגעוואַקסענע מויד, מיט אַ קאַנטיקן ווי ביי אַ מאַן קאָפּ. איר פּנים האָבן געראַמט שטייפע, שאַטיגענע האָר. זי האָט גענומען טענהן מיט איר באַס־שטימע ווי זי זאָל אַרויסרעדן פון אַ פאַס און דערביי געוואָרפן מיט די הענט: „איר זענט נאָך יונג, כלומר איר זענט ערשט יונגע פויערים. איר דאַרפט נאָך אַ סך לערנען. אין אונדזערע קאַנטן אין פּאָדאָליע האָב איך נישט געהערט מען זאָל וועלן פאַרלייגן סאַזשלקעס. דאָס איז אַ גאָטזאַך כלומר אַ נאַטור־ענין. עס איז אַ ספק צי אַ פיש מערט זיך אין אַ סאַזשלקע וואָס אַ מענטש האָט געמאַכט. ממילא איז אַ שאָד דאָס געלט". אויף דעם זעלבן אָרט האָט זי ממשיך געווען, נישט פונאַנדערגעטיילט די ווערטער אין זאַץ: „אַלס געניטע שטאָל־אַרבעטערין וועל איך נישט דערלאָזן פייניקן די בהמות, זיי צונעמען זייער איינציק פאַרגעניגן. איך בין קעגן קינסטלעכער באַפרוכפּערונג".

ווען זי האָט געענדיקט האָט זי זיך נישט אומגעקוקט אויף די חברים, אויך נישט געוואַרט אויף זייער ענטפער און מיט גרויסע טריט אַרויס פון זאַל. אין מאָמענט איז דער וויכוח איבערגעריסן געוואָרן. פון אַרום האָבן זיך געהערט די שושקערייען: — חנה נעבעך... דער יונגער דור — די סאַבּרעס האָבן זיך שוין גענומען פונאַנדערגיין, נאָר מיט אַ מאָל האָט זיך פון ווינקל אַרויסגערוקט מולכו — דער קולטור־לייטער. ווען די ליכט איז געפאַלן אויף זיין באָרד און וואָנסעס האָט זיין דאַרע, אויסגעטערקנטע פיגור אויסגעזען נאָך מער אַסקעטיש ווי שטענדיק. ער איז געשטאַנען ביים טיש. זיין צעכראַסטעטע העמד איז געווען אַריבערגעלאָזט איבער די הויזן. ער האָט זיך אָנגעלענט אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט ווי ער זאָל נישט בדעה האָבן רעדן. אָבער, ווען ער האָט זיך אָפּגעצויגן זיין באָרד מיט די לאַנגע פינגער, האָט אַ הילך געטאָן זיין באַס־שטימע: „מען רעדט דאָ וועגן אַרבעט. אָבער ווער וועט אַרבעטן? מיר ווערן אַלט. דער נאָכוווקס — ער האָט אַ בליק געטאָן אויף די סאַבּרעס — טראַכט שוין נישט וועגן אַרבעט. דער עול פון אַרבעט איז זיי פרעמד. דאָס פּעכטן מיט די שטעקנס און ביקסן איז ביי זיי אין די אויגן שענער. ער האָט אויפגעהויבן זיין קול און צוגעגעבן: טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, זע איך, אַז עס קלייבט זיך צו אונדז אַ גאַנצע פּלמ"ח־מחנה. איך פאָדער — האָט ער געשריגן — און צעפירט די הענט פון אומבאַהאָלפנקייט — איך פאָדער די חברים זאָלן זאָגן איצט און דאָ: מיר ווילן אייך נישט!"

ווי נאָר ער האָט געענדיקט רעדן איז צום טיש צוגעקומען מיט אַ דרייסטן

זיכערן טריט דני, שלאַנק ווי אַ ציפּריסן־בוים מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר. די חברים האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דני וויל רעדן. נאָר ווען עס האָט זיך דערהערט זיין צעקלונגען קול: „חברים״ — האָט זיך איבערן זאַל דערהערט אַן אויסגעצויגענער שאַרף ש—אַ—אַ!״ די אָנגעדראָלטע לופט האָט זיך ווי דורכגע־לייטערט מיט איין מאָל. אַלע בליקן האָבן זיך געוואָנדן צו דניק. ער האָט מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער ווי ער זאָל רעדן צו זיינע יונגע חברים אַ ווענד געטאָן זיך צו די פאַרזאַמלטע: „גענוג רעדן, עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אונדז פאַרטרעטן. מיר זענען גרייט איבערנעמען די אַרבעט. מיר ווילן די פעלדער נישט נאָר באַאַרבעטן נאָר אויך באַשיצן. אויף דער ערד זענען מיר געבוירן געוואָרן — אויף דער ערד ווילן מיר שטאַרבן. איר — און געוואָנדן זיין קאָפּ צו מולכון — איר זענט שוין מיד. מיר זענען נאָך יונג״.

ביי די פאַרזאַמלטע אין די אויגן האָט מען געזען דעם — האַ, האַ, האַ? אַט זענען אונדזערע זין. אָבער די זין האָבן שוין נישט געוואַרט אויף תשובה און באַשלוסן. זיי האָבן מיט שווונג צערוקט די טישן, זיי צוגעשטעלט צו די ווענט, אַרויפגעלייגט אויף זיי די בענק, איבערגעוואָרפן די הענט איבער די אַקסלען און זיך געלאָזט אין אַ האָראַ וואָס האָט פאַרהילכט. ווען די עלטערן זענען אַוועק מיט מידע טריט שפּעט אין דער נאַכט זיך אויסרוען האָט דער אָפּהילך פונעם טאַנץ און געזאַנג נאָך לאַנג געריסן די פינצטערע נאַכטשטילקייט, דערוויטערט דאָס שאַקאַלן־געוויין.

די רויט־האָריקע אורה מיט אירע בלויע אויגן און איר פול קיילעכיק פּנים מיט די עטלעכע זומער־שפּרענקעלעך איז די גאַנצע צייט פון דער פאַרזאַמלונג געשטאַנען אַן אָנגעלענטע אויפן פילאַר, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם דאַך פונעם עסצימער און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט. אַ בעל־הביתישע טאָכטער וואָס האָט געלערנט אין דער גימנאַזיע אין פּיאָטרקאָוו. זי איז עולה געווען נאָך דריי וואָכן שווימען אויפן ים אין אַ פינצטערער נאַכט. זי אַרבעט אין הינער־שטייג. פון איר נאַטור אויס האָט זי געשוועבט צווישן איר היים ביי די עלטערן און דעם לעבן אין קיבוץ. אויך, ווען זי האָט זיך צוגעהערט צו דעם שאַרפן ווערטער־אויסטויש בעת דער פאַרזאַמלונג, האָט זי זיך געפונען אויף דער גרענעץ פון היים און פרעמד. אַלע חברים אין קיבוץ זענען איר אָנגענעם אָבער בערקע איז איר אפילו נאָענט — נאָר ער האָט אַ פליך, אַ לענגלעך פּנים, שפּיציקע וואָנסעס, שיף צוגעשווירענע באַקנבערד און איז פון טבע אַ שווייגער. ער איז אַן אינסטרוקטאָר אין דער „הגנה״ און איז רוב טעג נישט אין דער היים. אורה האָט זיך מיט אים גערן געטראָפן ווען ער איז נאָר געקומען אַהיים. זיין קאַלטע, רויִקע געלאַסנקייט האָט איר אימפּאָנירט. אויך איצט, ווען די יוגנט האָט זיך געשטעלט טאַנצן, האָבן בערקעס שטאַרקע הענט אַרומגענומען אירע לענדן און ביידע זענען אַריין אין שטורעם פון טאַנץ.

די גרענעץ פונעם דאָרף אריחה איז געווען אַ באַשטימטע. אויף דער תחום

פון זייערע פעלדער איז געווען אַ באַשטימטער. יעדער פויער, וואָס איז געזעסן אויף דעם אים צוגעטיילטן שטח צווישן ים, דעם זומפּ און דעם וועג, האָט מיט לייב און לעבן געהיטן זיין ערד וואָס האָט אים מפרנס געווען. דער שימער פון די גרינסן אין וועלכן אריח איז געווען איינגעהילט, די רויטקייט פון די שיפּע, שפּיציקע הייזער־דעכער האָט כסדר זיך געביטן. די ביימער־קרוינען האָבן געשפּרייט שאָטן אויף די ווענט פון די פּירקאַנטיקע הייזער. אויך די הייזער האָבן געביטן זייער צורה. פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן צוגעבויט אַ פליגל אין דער פאָרם פון אַ „דלת”. פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן צוגעבויט צוויי פליגלען ווי אַ „חת”. די משפּחות פון די מתישבים, זענען זיך צעוואַקסן. דער דור, זייערע קינדער זענען אונטער־געוואַקסן, די יונגע אַרבעטס־כוחות האָבן דאָס גוטס אינעם דאָרף פאַרמערט. די צאָל קי אין די שטאַלן און די צאָל הינער אין די שטייגן איז געוואַקסן און געוואַקסן. דאָס רחבות האָט געפּאָדערט נאָך מי און נאָך אַרבעט. די אַרבעטס־הענט האָבן נישט געסטאַיעט. אַ סך אַרבעטן זענען געמאַכט געוואָרן בשותפות — דעם טיפן, בייכיקן שפּייכלער, דאָס גרייטן די פּאַשע, דאָס פאַרברייטן דעם הינערברי. דער דאָרפס־בוכהאַלטער שאול, אַ הויכער, ברייטביינִיקער פאַרשוין, וואָס האָט אונטערגעהינקט אויף אַ פוס, האָט זיך אויך מתעסק געווען מיטן אינקובאַטאָר. בטבע איז ער געווען אַ מענטש וואָס האָט געוואָרצלט אין דער ערד, אָבער צוליב זיין הינקענדיקן פוס האָט ער זיך נישט געקענט פריי באַוועגן. יעדעס מאָל ווען ער האָט געדאַרפט איינשרייבן אין בוך די ציפערן וואָס האָבן זיך אים ווי געשאָקלט אונטער דער פעדער, האָט ער עס געטאָן שנעל, געוואָלט אָפּפּטרן און זיך אומקערן צו זיין אינקו־באַטאָר. ער האָט זיך געשלייכט אַרום דעם אינקובאַטאָר, פון אים נישט אָפּגעטרעטן, אויפגעפּאַסט אויף די פּיקנדיקע זיך הינדלעך וואָס האָבן אויסגעזען ווי געלע, פּוכיקע בעלעכלעך און זייערע ערשטע באַוועגונגען זענען געווען ווי ביי פאַרנעצטע ווינט־בלומען.

אויך אין פּרדס אין אריח וואָס האָט זיך געפונען אין דרום פון דאָרף און איז געווען געגוי פאַרטיילט, יעדער תושב אין זיין חלק, איז די אַרבעט געמאַכט געוואָרן בשותפות. דער עיקר די טעלער־עפּענונג און דאָס באַוואַסערן די ביימער. אָבער נישט אַלע פּראָבלעמען איז דאָס דאָרף געווען אין שטאַנד צו לעזן. דעם וואַסער־טורעם וואָס שטייט פעסט און הערשט מיט זיין שפּיץ איבער דער סביבה האָט דאָס דאָרף געבויט אַליין, אָבער דאָס בויען דעם קינדער־גאָרטן־בנין, די שול און דעם בית־הכנסת ווי אויך די פּראָגטן פון די הייזער האָבן זיי כסדר אָפּגעלייגט. זייער גרעסטע דאגה איז געווען דער דאָרפסוועג וואָס האָט געדאַרפט פאַרבינדן זיי מיטן הויפּטוועג. דער צייטווייליקער וועג איז שוין געווען אויס־געפאָרן, פון צעפּלאַצטן אַספאַלט האָט מען אַרויסגעזען די נאַקעטע שטיינער. דאָס דאָרף האָט געוואָלט שניידן אַ נייעם וועג לענגאויס די פעלדער, כדי פאַר־קלענערן דעם אומוועג מיט זיבן קילאָמעטער. די עפּנטלעכע ווענדונג האָבן זיי באַגלייט מיט אַ בקשה, אַז דער וועג דאַרף זיין ווייט פון קיבוץ. די איינוווינער פון אריח האָבן באַאַרבעט זייערע פעלדער מיט מי און שוויס, אָבער ווען זיי זענען

פֿאַרבײַגעפֿאָרן דעם קיבוץ האָבן זײ געהאַט דאָס געפֿיל, אַז זײ געפֿינען זיך אין זײַן שאָטן. דעריבער האָבן זײ געפֿאָדערט בײַ דער מאַכט: גיט אונדז געלט װעלן מיר שנײַדן דעם װעג.

אָבער נישט נאָר דער װעג איז געװען די פּרעסטיזש־פֿראַגע צװישן גנון און אריח. אױך די פֿיש־סאַזשלקעס האָבן פֿאַרשטאַרקט דעם באַהאַלטענעם כעס צװישן זײ. דער שטח, אױף װעלכן עס האָבן זיך געפֿונען די צװײ ײִדלונגען איז געװען עטװאָס שיף. די קיבוץ־פֿעלדער זענען געלעגן העכער איבער די פֿעלדער פֿון דאָרף. די דאָרפֿס־פֿעלדער אין דער נאָענט פֿון די סאַזשלקעס זענען געװען דורכ־גענעצט. „די סאַזשלקעס פֿאַרפֿױלן די װאָרצלען פֿון אונדזערע פֿלאַנצן" — איז געװען זײער טענה. כאָטש זי איז נישט געזאָגט געװאָרן בפֿירוש האָבן די דאָרפֿס־אײַנװױנער געזוכט די געלעגנהײט זיך מיט זײ אָפּצורעכענען.

דער זומפּ אין צפֿון װאָס האָט אַרום זיך געזאַמלט די טשאַטשעס מיקן מיט גרינע אױגן און שמאָלע פֿליגל, װאָס האָבן פֿאַרפּעסטעט די סביבה מיט מאַלאַריע, האָט געפֿאָדערט אַ סך מענטשלעכע מי זײ אױסצוראָטן. לױט אַן אָפּמאַך האָבן צװײ מענטשן פֿון יעדן ײשוב געדאַרפֿט זיך דערמיט באַשעפֿטיקן. די מענטשן, אָנגעטאָן אין גומי־שטיװל, האָבן געדאַרפֿט שפּריצן איבער דעם זומפּ, אים באַשפּריצן אױס־צוראָטן די מיקן. אריח אָבער האָט געשיקט נאָר אײן מענטש — סאַפֿין, שאול דעם בוכהאַלטערס זון, דעם שלאַנקן בחור מיט לאַנגע פֿיס, מיט אַ געלאָקטן קאָפּ האָר, װאָס האָט די אַרבעט געטאָן אָפּגעזונדערט פֿון די מענטשן פֿון גנון. אָבער אײן טאָג האָט ער דערזען די רױט־האָריקע און פֿול־בלוטיקע אורה. זי איז געשיקט געװאָרן צײַטװײַליק צו טאָן מיט זײ די אַרבעט. ער איז שטײן געבליבן אַ געפּלעפּ־טער מיט דער קאַן אין האַנט. זײַנע אױגן האָבן געפֿלאַמט פֿון איבערראַשונג. ער איז געשטאַנען װי צוגעשמידט צום אָרט. װען ער האָט זיך באַהערשט האָט ער אַריבערגעשריגן צו די גנונער: „יאַסקע אַרבעט הײַנט מיט דיר?!" „קום באַקען אונדזער אורה!" — האָט ער אים געענטפֿערט. זײ האָבן זיך געדריקט די הענט און אײנער האָט דעם אַנדערן אָנגעקוקט — זי מיט איר מילדן בליק, ער מיט זײַן װילדן קוק. זײער באַטראַכטן זיך האָט באַדײַט פֿרײַנדשאַפֿט.

די באַציאונגען צװישן די צװײ ײִדלונגען האָבן כסדר זיך פֿאַרשאַרפֿט, אָבער נאָר בײַ די עלטערן און נישט בײַ דעם יונגן דור. דער געהײמער ציל האָט זײ פֿאַראײניקט און האָט גובר געװען אױף די אונטערשידן װאָס האָבן זײ דערװײַ־טערט. דער געהײמער ציל איז געװען די צוגרײטונג צום באַשלוס. די יוגנט פֿון אריח איז געװען פֿונאַנדערגעטײלט אין גרופּן. יעדע גרופּע האָט געהאַט איר אױפֿ־גאַבע. זײער הױפּט־אינסטרוקטאָר איז געװען סערוני דער שול־לײַטער. ער איז געװען מיטלװוּקסיק מיט ברײטע ברילן און דיקע גלעזער אױף זײַן לאַנגער, שפּי־ציקער נאָז. ער האָט געטראָגן קורצע האַקי־הױזן אין די הײסע טעג און אױך אין די רעגנטעג. ער האָט נישט געשװױנט די יוגנט װי ער האָט זיך נישט געשװױנט. זײַן משפּחה איז געװען אַ פֿאַרצװײַגטע — זײַן פֿרױ און קינד, די שול און די „הגנה". ער האָט נישט גערוט אַ רגע. ער האָט נאָר געטראַכט װי אַזױ בעסער

אויסבילדן די יוגנט, וועלכער ער אינסטרוקטירט. זיי זענען געווען פלייסיק און מיט לייב און לעבן גרייט געווען באַשיצן דאָס האָב און גוטס.

אויך רפאל, דער ערשטער שומר פון ברונעם, וועמען די בעדויִנער זענען באַפאַלן, אים געמאַכט פאַר אַ קאַליקע (ער איז געבליבן אַ שטאַמלער), האָט אויפּ־געפּאַסט די יוגנט זאָל אויספירן אירע פליכטן. רפאל איז געווען געניזוקט קער־פּערלעך אָבער נישט גייסטיק. זיינע שטימבענדער זענען געווען געליימט אָבער זיין בליק האָט איצט דורכגעדרונגען. זיין סטאַבילע אַרבעט איצט איז געווען דאָס וואַסער־פּאַרטיילן. זיין דירה, אַ דירה פון אַן איינזאַמען, אַ חדר איבער דעם ברונעם. זיין ממלכה איז געווען דער ברונעם־מעכאַניזם וואָס האָט געשעפּט דאָס וואַסער פון דער ערד פאַר לעבעדיקע באַשעפעניש. אַן אָפּגעזונדערטער איז ער געזעסן איבער ביכער, אין וועלכע ער האָט געלערנט די וועלט און דאָס לעבן פון די שכנים. אָבער ווי נאָר עס איז זיך צונויפגעקומען אַ קלייזל יוגנט, אין וועלכן עס איז וויבקל אין דער סביבה וואָס זענען געקומען איבן זיך מיט געוווער, איז פאַר זיי אויסגעוואַקסן זיין געשטאַלט מיט דעם לאַנגן שטעקן וואָס ער האָט געשיקט פאַרויס. ער האָט שטיל זיך צוגעקוקט צו זייער געניטקייט און אַ צופרידענער צוריק אַוועק מיט פאַמעלעכע טריט.

ווען אַ יוגנט־גרופּע איז אַוועק אויף די זאַמדן אין דרום ביים ברעג ים זיך איבן צו טרעפן אין ציל האָט דער אָפּהילך פון די שאָסן געבערענגט די פּאָליציי וואָס האָט פּאַטראָלירט אין דער געגנט אויף זייערע שפּורן און נאָך אַ לענגערן געראַנגל זיי פאַרהאַלטן. צווישן די פאַרהאַלטענע איז אויך געווען חנן פון אריה. ווען די ידיעה איז אָנגעקומען קיין אריה איז קמחי — דער מוכתר פון דאָרף געגאַנגען פון הויז צו הויז און מודיע געווען וועגן דער געשעעניש. זי איז אויפגענומען געוואָרן ווי יעדע טאָג־טעגלעכע געשעעניש. די אַרבעט אין דאָרף איז ווי פריער געטאָן געוואָרן, נאָר די מאַמעס, וואָס זענען געקומען אין קאָנסום־הויז, האָבן מיט וויניק ציטערדיקע ווערטער ווי ביי אַ תפילה געפרעגט: „פּאַראַן שוין פרטים?"

אַלע האָבן אין האַרצן באַדויערט דעם בלאָנדן, שלאַנקן בחור מיט דער פאַר־ריסענער נאָז. ער איז פאַר אַלע געווען נאָך אַ יינגל. סערוני, וואָס איז נישט געווען זיכער ווי דאָס יינגל וועט זיך האַלטן ביי דער אויספאָרשונג, האָט איבערגעפירט די „כלים" אויף אַנדערע זיכערע פלעצער. חנניס משפחה, דער טאַטע, די מאַמע, די צוויי יינגערע שוועסטער האָבן אויפגענומען זיין אַרעסט ווי אַ פאַקט. ער האָט אויסגעפעלט אַלעמען. די מאַמע האָט די געשעעניש אויפגענומען אויף איר שטייגער. זי האָט אין יעדן שמועס אַריינגעפלאָכטן זיין נאָמען, ווי באַטייליקט אים אין אַלע משפּחה־ענינים, ווי ער זאָל זיין אין שטוב און נישט זיצן אין טורמע. אין די שבתים, ווען זי האָט געדעקט דעם טיש, האָט זי אויך געגרייט אַן אָרט פאַר אים. יעקב דער פאָטער האָט זיך געהיטן ברענגען אויף זיינע ליפּן דעם נאָמען חנן, אָבער ער האָט די געשעעניש איבערגעלעבט. דאָס איז געווען קאָנטיק פון זיין פאַרשטאַרקטער אַרבעט און עקשנותדיקן שווייגן. פונעם שווייגן זענען זיינע שליפן בסדר גרויער געוואָרן. אויך חנגס באָבע, דעם פאָטערס מוטער, אַ פליישיקע זקנה

מיט האָר ווי געוואַשענער פלאַקס, האָט געזיפּצט שטיל, און ווען קיינער האָט נישט געזען אויסגעווישט זיך אַ טרער. זי איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט צו אים און זיך געטרייסט דערמיט וואָס זי שיקט אים פּעקלעך אין דער ירושלימער תפיסה. סאַפי איז צוויי מאָל אין חודש געפאָרן זיך זען מיט דעם אַרעסטאַנט. ער האָט געוואַרט אין שאָטן פון די דיקע טורמע־ווענט ביז מען האָט אים דערלויבט ער זאָל צו וויסן טאָן דעם אַרעסטאַנט, אַז זיין קו האָט זיך געקאַלבט, אַז זיין הונט איז געפגרט, ווער מיט וועמען האָט זיך געקריגט, ווי עס וואַקסט אין די פעלדער און נאָך און נאָך. עס זענען אויך געווען ענינים וואָס ער האָט אים נישט דערציילט — וואָס צווישן אים און אורהן געשעט.

צוליב איר טאַקע, אורהן, האָט ער כמעט זיך נישט געטראָפן מיט די חברים, מיט וועלכע ער איז אויפגעוואַקסן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער זיך געאיילט טרעפן מיט איר. אורה, וועמען עס האָט געפעלט די וואַרעמקייט פון איר ווייטער היים, האָט גערן זיך מיט אים געטראָפן. זיי האָבן שפּאַצירט איבער די פעלדער, איבער די שטעגן און סך מאָל געזעסן ביי די סאַזשלקעס. זי האָט גערן געהאַט די וואַסער־פלאַכן מיט די שאָטנס אין זיי, וואָס האָבן זיך געהוידעט. איבערהויפּט האָט זי גערן געהאַט קוקן ווי ריטמיש די קאַרפּן שווימען און לאָזן נאָך זיך רעדער אויפן וואַסער. זי איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרן ווען אַ פיש האָט אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופט, צוריק אַריינגעפאַלן, ס׳וואַסער בלעזלט זיך און באַרויִקט זיך צוריק. אים האָט נישט געצויגן דער וואַסער־שפּיגל נאָר איר אָפּשפּיגל אין אים. אים האָט געפרייט און ער איז געווען גליקלעך מיט יעדן שמייכל, וואָס ער האָט געזען אין דער וואַסער־פלאַך. בכלל האָט ער גערעדט ווייניק. ווען שוין יאָ, האָט ער זיך באַגנוגנט מיט איין פראַגע: אורה, נו?

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום קיבוץ און מיט אירע גרויסע אויגן געשמייכלט ווי זי זאָל אים זאָגן: דאָ איז מיין היים!

דאָס שכנות פון די אַראַבער אין דער סביבה בית־סלמה און אַבו־שוש איז געווען אַ פיינטלעכע צו די יידן פון אַנטקעגן אין גנון און אריה. למראית־עין האָבן די אַראַבער צו זיי זיך באַנומען פריינטלעך און גוטהאַרציק אָבער סולימאַן דער עפענדי האָט נישט אַדורכגעלאָזט די מינדסטע געלעגנהייט וואָס האָט געקענט זיין אַ מכשול פאַר די צוויי זידלונגען. די בעדויִנער וועלכע זיצן אין די שמאָלע, קרומע געצעלטן, וואָס זענען געווען צעשטעלט הינטער בית־סלמה ביים באַרג, האָבן ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן זייערע שכנים, די יידן. די געצעלטן, וואָס זענען געווען אַריינגעזעצט אין דער צעפּלאַצטער פון דאַרשט ערד, האָבן אויסגעזען ווי די ערד זאָל זיי האָבן אויסגעשפּיגן, זייערע איינוווינערס מיט זייערע אויסגעטריקנטע פון ווינט צעפּייטשטע פּנימער, האָבן פלעגמאַטיש זיך באַוועגט צווישן די געצעלטן מיט די אויפגעהויבענע יריעות ווי זיי זאָלן דרימלען אין גאַנג. זייערע באָרוועסע פרויען מיט צעשויבערטע האָר און געלאַטעטע, צעלאָזטע קיטלען מיט איינגעדאַרטע פון פראַצע און זייגן ברוסטן, האָבן אַפּאַטיש זיך געפּאָרעט ביי זייערעביידעלעך.

שוין פון ווייטנס האָט מען געפילט פון יעדן געצעלט אַרויס דעם בייסיקן רויך פון טרוקענעם געברענטן מיסט. די מענער מיט זייערע דיקע וואָנסעס און דינע ווי רייפלעך צוגעשוירענע בערד, איינגעהילט אין די אַבאַיעס, זענען גאַנצע טעג געזעסן אויף אונטערגעלייגטע פיס אונטער זיך און שטאַר געקוקט אויף איין פונקט. אַ סך מאָל האָבן זייערע געשטאַלטן אויסגעזען ווי צעשטעלטע איבער די פעלדער מומיעס. אַרום זיי זענען אַרומגעלאָפן מאָגערע הינט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן און אַריינגענומענע צווישן די פיס ווידלען. אָבער דאָס דרימלען פון די מענטשן איז געווען למראית־עין נאָר. אין זיי האָט געטליעט דער אייביקער פונק — אַן אָנגעשטרענגטע מחשבה: חיונה פאַר דער משפחה. אָבער יעדע אַרבעט איז זיי געווען פרעמד. יעדע קלענסטע אָנשטרענגונג איז זיי געווען איבעריק. זייער איינציקע אַרבעט איז געווען דאָס אויפקראַצן די ערד מיטן אַקער־נאָגל, וואָס אַן אייזל אָדער קעמל האָט געשלעפּט. די ערד האָבן זיי באַקומען אין אַרענדע פון דעם עפענדי סולימאַן. נאָך איין אַרבעט האָבן זיי געטאָן. איין מאָל אין יאָר אַראָפּגענומען די דורה פון פעלד. צווישן זייער אַקער און שניט האָבן זיי געפוילענצט. זעענדיק ווי די יידן האָרעווען, גייען אָפּ אין שווייס האָבן זיי געמרוזשעט די אויגן ווי שפּאַרבער פון איבעררעשונג און ביטול. זייער גאַנץ פאַרמעגן איז געווען דאָס ביסל הינער און ציגן. די דאַרע הינער מיט די אויסגעפליקטע גאָרגלען האָבן געלייגט זייערע אייער אַרום די געצעלטן. די שוואַרצע ציגן מיט זייערע לאַנגע אויערן און פיס האָבן אויסגעגעסן די מאָגערע גרעזעלעך און געמעקעט פון דאָרשט. צום וואַסער איז געווען ווייט. די ווייבער האָבן עס געברענגט אין בלעכן. ברענגען דאָס וואַסער איז געווען שווער. נאָך שווערער איז זיי אָנגעקומען מאַכן פון זייער שיטערער און מאָגערער מילך יוגורט וואָס זיי האָבן קילאָמעטערס געטראָגן אויף די קעפּ פאַרקויפן אין שטאָט.

די וויסטע אָרעמקייט האָט זיי נישט דערמעגלעכט קיין עקזיסטענץ. דערפאַר האָבן זיי אויסגעשטרעקט די הענט נאָך פרעמד אייגנטום. די מתישבים פון גנון און אריח האָבן געמוזט גוט אויפפּאַסן אויף יעדער שפּאַרע אין די פּלויטן אַרום זייערעווירטשאַפטן. אָוונט, אָוונט האָט מען פאַרשלאָסן די שטאַלן און שטייגן און אָפּגעלאָזט די הינט פון די קייטן זיי זאָלן אויפפּאַסן אויף די פרעמדע, באָרוועסע פּוסטריט פון די שאָטנס וואָס קריכן און שלייכן זיך איבער דער סביבה. די נאַכטשומרים האָבן נישט תמיד דערזען אין דער געדיכטער פינצטער די שאָטנס וואָס האָבן געוווסט זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג. די בעדוינער זענען געווען פאַרזיכטיק ביינאַכט און נאָך פאַרזיכטיקער בייטאָג. ווי נאָר אין דער געגנט האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע יונגע יידן האָבן זיי צונויפגעטריבן און אַריינגעשטופּט אין די געצעלטן זייערע בעלי־חיים און קינדער און אַראָפּגעלאָזט די יריעות. די מחנה האָט דעמלט אויסגעזען ווי אויסגעשטאָרבן נאָר דער סמאָל פון די נאָר וואָס פאַרלאָשענע פייערן, די הינט וואָס האָבן געבילט און די עטלעכע קוסטעס האָבן עדות געזאָגט, אַז אין די געצעלטן זענען דאָ מענטשן.

אָבער די מחנה האָט לאַנג נישט געקענט בלייבן אָפּגעזונדערט. זאַץ, פון וועמען

די יאָרן האָבן נישט צוגענומען די שלאַנקייט און עלאַסטישקייט, וואָס האָט אים אָבער ווי איינגעהויקערט, האָט זיך געהאַלטן ווי אָפּגעשיידט פון דער מחנה.

זיינע גרויע, האַרטע האָר, זיין שפּיציקע וואָנסע און אויסראַזירט בערדל, ווי אַ שאַרפער קמץ, האָבן בולט געמאַכט זיין דרייסטקייט. ער האָט געזען זיך אַלס דעם ראש פון דער „חמולה" און געוועז שטאָלץ מיט דער לעגענדע, אַז זיין מחנה איז אַ שפּליטער פון אַ גרויסן, דרייסטן שבט וואָס וואַנדערט אין נגב. ער אַליין האָט פאַרמאָגט ניין קעמלען, דריי ווייבער און דריי אייזלען און זיך פאַרנומען מיט האַנדל. ער האָט ביי אַראַבער צונויפגעקויפט דורה און שעטשקע, זיי געפּאַקט אין גרויסע פאַרמלאָזע זעק וואָס ער האָט איבערגעהאַנגען איבער זיינע קעמלען און געפירט פאַרקויפן צו יידן. למראית־עין האָט ער זיך גוט געהאַלטן מיט סולי־מאַנען דעם עפענדי, אָבער פאַקטיש האָבן ביידע זיך באַמיט שעדיקן דעם צווייטנס אינטערעסן און אַנזען. זאַיִן, אַ פוילער און אָפּגעלאָזענער, האָט באַוואונדערט די יידנס אָנשטרענגונג און אויפטאָן און זיי שטיל איבערגעגעבן וועגן דעם עפענדיס אינטריגעס. שוין דער אונטערשיד אין זייער אויסזען האָט אָנגעדייט אויף דער באַהאַלטענער שנאה צווישן זיי ביידע. סולימאַן עפענדי איז געווען אַ נידעריקער מיט אַן אַרויסשטאַרנדיקן, קיילעכיקן בויך ווי אַ פעסל, גלאַטיק געל פּנים, דיקע ליפּן. אַ שיטערע וואָנסע האָט זיי איבערגעדעקט. פון דיקייט זענען זיינע באַוועגונגען געווען שווערע, מידע. זיינע טיף איינגעזעסענע אונטערן שמאָלן שטערן אייגלעך האָבן קוים געזען. אויך זיין דינע פאַלצעט־שטימע האָט מען שווער געהערט. אָבער ווי קאָמיש ער איז געווען אַלס געשטאַלט, אַזוי איז ער געווען אַ תקיף אין זיין טאַט. די עלטערע אַראַבער אין יפו האָבן געוווּסט, אַז סולימאַן איז אַלס יינגל געווען אַ ציגן־פּאַסטעך אין דער געגנט פון חברון, אָבער איצט לעבט ער ווי אַן עפענדי. אין קאַפע ביי דער „סאַראַיע" וווּ ער איז געקומען האָט ער קיין מאָל נישט גערעדט וועגן זיך און זיין אָפּשטאַם. ער האָט זיך טראַקטירט און פאַר־לאַנגט די מענטשן זאָלן אים אויך טראַקטירן לויט זיין איצטיקן שטאַנד, אַן אייגנ־טימער פון אַ נחלה וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דער סביבה. קיינער פון דער סביבה האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס זיין גרויס פאַרמעגן, די פאַרוויסטע פעלדער, וואָס אַ שטיקל פון זיי פאַרפאַכטעט ער צו די בעדויִנער, הייסט בית־סלמה. אָבער די פעלדער, וואָס ער אַליין האָט באַאַרבעט ווי געהעריק, האָבן זיך געצויגן פּאַראַ־לעל מיט די יידישע פעלדער. איבער דעם וועג אַריבער האָט זיך געפונען זיין ווייִנגאָרטן. אין דרום אונטערן באַרג האָט ער געהאַט זיינע אַליוון־ביימער. צווישן די אַליוון־ביימער און דעם ווייִנגאָרטן האָט זיך געפונען זיין יינגערער פּרדס. ער האָט אויך געהאַט אַ סך בהמות און שעפּסן. אַרום פופציק פון זיי זענען געווען רויט געפלעקטע, דמשקער בהמות. ער האָט געהאַט הונדערט שעפּסן מיט אַ טיפע, געדיכטע וואָל, אַ סך מוילאייזלען צו שווערער אַרבעט און שפּאַנפערד צו לייכטער אַרבעט, און רייטפערד. ביי דער זייט פון די שטאַלן איבער דעם מויער האָבן זיך געפונען די ליים־הייזלעך, אין וועלכע עס האָבן געוווינט די משפחות וואָס האָבן באַאַרבעט זיינע פעלדער. די דריי ווייבער זיינע זענען געווען פון פאַרשי־

דענעם עלטער. די עלטסטע פון זיי איז געווען אין זיינע יאָרן. די ייִנגסטע פון זיי איז נישט געווען קיין סך עלטער פון זיין איין־און־איינציקן זון עלי. דעם זון האָט אים נישט געבוירן קיינע פון די צוויי ווייבער וואָס ער האָט געקויפט אין שטאָט. ער איז געווען פון דער דריטער פרוי סאַרי, אַ דיקלעכע מיט אַ קיילעכיק פּנים און מיט אַ טונקעלער הויט, אַ טאָכטער פון זיינס אַן אַרבעטער, וועלכע האָט נאָך אַלס מיידל געדינט ביי אים אין שטוב. ווען סאַרי האָט פאַרשוואַנגערט, האָט ער אירע עלטערן איבערגעפירט קיין יפו, כדי די מענטשן אין דער סביבה זאָלן נישט ווִיסן זיין ווייבס אָפּשטאַם. אויך צו זיך אַלס ווייב האָט ער זי ערשט איבערגעפירט ווען זי האָט אים געבוירן דעם זון. דעמלט ערשט האָט ער איר געקויפט קליידער און שמוק וואָס פּאַסן פאַר אַן עפענדיס ווייב. ער האָט פאַר איר געקויפט מער ווי פאַר די צוויי פריערדיקע ווייבער. ער האָט געיובלט פון פרייד און גליק. אַ חודש צייט האָט ער געפייערט דעם זונס געבורט וואָס ער האָט אַלעמען צו וויסן געטאָן און זיך אַליין גערופן אַבו עלי. פון פרייד האָט ער זיך געשטעלט בויען זיין איצטיק הויז וואָס טונקט אין גרינס און איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ מויער, אין וועלכן עס זענען איינגעזעצט שטיקער גלאָז. דאָס הויז איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן פירעק, איבער וועלכן עס איז געלעגן אַ שיפער, רויטער דאַך. די טירן און פענצטער זענען געווען פאַרענדיקט מיט האַלב קיילעכדיקע צירקלען. דאָס הויז איז באַשטאַנען פון צוועלף צימערן. זייערע פּאָלן זענען געווען אויסגעלייגט מיט מאַרמאָר־שטיינער. די סטעליעס זענען געווען פון האָלץ און בלוי לאַקירט. דער פּאָל אין הויפּט־צימער איז געווען באַלייגט מיט דיוואַנען און זיידענע קישנס. דאָ האָט ער אויפגענומען זיינע געסט אויף זיין היימישן שטייגער, אַ באַרוועסער און מיט די הענט געשפּילט זיך מיט די קרעלן, וואָס ער האָט געהאַלטן. אין גרונט איז ער געווען אַן עם־הארץ. געהאָלפן האָט אים אַן אַלטער, בלינדער, מאָגערער אַראַבער וואָס איז געווען אַ יודע ספר, געקענט דעם קאָראַן און אַ סך מזרח־אגדות בעל־פּה און כסדר געמורמלט פּסוקים. סולימאַן האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פאַרגלאָצט די אויגן אַרויף — צום הימל. ווער און פון וואַנען דער אַלטער שטאַמט האָט קיינער אין דער סביבה נישט געוווּסט. סולימאַן האָט אים גערופן יאַ־אַחי. ער האָט אויך מיט אים געגעסן פון איין שיסל.

סולימאַן האָט געפירט זיין הויז ווי עס פּאַסט פאַר אַן עפענדי און מיט עקשנות, אַמביציע און געשיקטקייט, כסדר פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט זיין רייכטום, ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט האַנדל. ביים קרייץ־וועג אויפן ראַנד פון זיינע פעלדער האָט ער אויסגעבויט אַ קראָם ווו ער האָט פאַרקויפט עסנוואַרג. דאָס געשעפט האָט געפירט דער זון עלי. אים האָט געהאָלפן אַ פעטער איבראַהים, סולימאַנס צווייטער ווייבס אַ ברודער, אַ שלאַנקער מאַן מיט לאַנגע הענט. זיין לינק אויג איז געווען צוגעדעקט מיט אַ בעלמע. סולימאַן אַליין האָט געפירט נאָר גרויסע געשעפטן. זיין הויפּט־באַשעפטיקונג איז געווען — ערד־מעקלעריי. אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט גענוגנט. יעדעס מאָל האָט ער פאַראַקערט נאָך אַ שטיק פון זיין ערד, אויף וועלכער עס זענען געזעסן די בעדויִנער.

זיי זאָלן אויף אים נישט האָבן קיין האַרץ האָט ער זיי געהעצט קעגן די שכנים — די יידן. יעדע קלענסטע ענדערונג, וואָס די יידן האָבן געדאַרפט אַדורכפירן אין דער געגנט ווי אָפּשטעכן דעם באַרג פון דרום און פאַרגלייכן טעראַסעס מען זאָל קענען פלאַנצן אַ סאָד אָדער אַדורכשניידן אַ וועג איז פאַר אים געווען אַ מאָטיוו צו העצן. דער פועל־יוצא איז געווען — די בעדוּיִנער האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו די יידן און פאַר יעדער זאַך, וואָס האָט אפילו זיי נישט באַרירט, געפאָדערט באַקשיש.

סולימאַן איז כסדר געפאָרן קיין יפו, זיך באַטייליקט אין די אסיפות פון די נאַציאָנאַליסטן און זיך אומגעקערט מיט שפּאָגל נייער העץ־אַגיטאַציע. אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט פאַרמעקלען ערד די יידן. לעצטנס האָט ער זיך געקויפט אַן אויטאָ וואָס ער אַליין האָט געפירט און אַרומגעפאָרן איבער די אַראַבישע דערפער און זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלן נישט קויפן קיין יידישע סחורה. אָבער דאָס וואָס ער האָט געפאָדערט פון אַנדערע, פון דעם האָט ער זיך באַפרייט. ביי זיך אין שטוב האָט ער גענוצט סחורות פון די יידן און זייערע אויסאַרבעטונגען.

סולימאַנס אינטריגעס האָבן באַשווערט די אַנטוויקלונג פון אריח און גנון. יעדע זאַך וואָס זיי האָבן געטאָן איז געווען אויסגעשטעלט אויף מסירה. דאָס איז אויך געשען ווען זיי האָבן גענומען שעפּן זיפזיף ביים ברעג ים און זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אַ קעמל־קאַראַוואַן. סולימאַן האָט באַלד אַראָפּגעשיקט אַ קאָמפּאַניע בעדוּיִנער וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט געצעלטן נאָענט צום ברעג ים — פאַר־שטעלט דעם דורכגאַנג. רפאל האָט געשוויגן און געקרייזט און געוואַנדערט איבער דער סביבה. דער קיבוץ האָט צונויפגערופן די חברים און אויך די וואָס זענען געווען מחוץ דעם קיבוץ. די קראַנקן־שוועסטער האָבן צוגעגרייט די קראַנקן־אַמבו־לאַטאָריע און די גיכע הילף. די כלים אין געווער־מאַגאַזין האָט מען אויסגערייניקט. אָבער ווען אַלע צוגרייטונגען זענען געטאָן געוואָרן איז זיך פאַרלאָפן אַ געשעעניש: אין אַן אָוונט פון די אָוונטן איז די פערצן־יאָריקע חנעוודיקע דוראַס וואָס איז אַרומגעשפּרונגען איבער די פעלדער אין איר צעלאָזט קלייד, פאַרשוווּנדן. טאַנוס, איר פאָטער, אַ בייזער, דאַרער, אָן אַ צאָן אין מויל, בעדוּיִנער, האָט אַלאַרמירט זיינע דריי ווילד־באַוואַקסענע און צעניכפּהטע זין, און זיי זענען אַוועק זי זוכן איבער דער סביבה. זיי האָבן זי געזוכט אַ גאַנצע נאַכט, גערופן איר נאָמען אין דער פינצטער אָבער נישט באַקומען קיין ענטפער. ווען דער מאָרגן האָט גענומען גרויען איז זי געקומען אַ מידע אַהיים. דער פאָטער, אַן אויפגעטרייסלטער, האָט כאָרכלענדיק, ווי די ווערטער זאָלן אים שטיקן, זי געפרעגט: „ווו ביסטו געווען?" זי האָט דעם פאָטער און די ברידער אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע, איבערגעשראָ־קענע אויגן און געשוויגן. איר אַנטקעגן זענען געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע פון צאָרן די פיר מענער און זי געשפּיזט מיט זייערע וואַנזיניקע בליקן. זי האָט אַראָפּ־געלאָזט אירע אויגן, ווי זי זאָל ערשט איצט האָבן באַגריפן, און אַ פליסטער געטאָן: „ביי עלין". אין דעם מאָמענט האָבן די פיר מענער אויפגעהויבן זייערע נאַבוטן און מיט שווונג זיי אַראָפּגעלאָזט איבער איר יונגן קאָפּ. אויך ווען זי איז געלעגן

אויף דער ערד האָבן זיי נישט אויפגעהערט זי שלאָגן ביז פון איר איז אַרויס איר לעצטער אָטעם. ווען סולימאַן האָט זיך דערוווּסט וואָס עס איז געשען איז ער אַן אויפגעציטערטער, פון פּחד, אַ באַרוועסער שנעל אַריין אין זיין אויטאָ, צוגעפאָרן צום זון אין קראָם. ער האָט דעם זון אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל, אים אויס־געפּאַטשט און פריילנדיק פון כעס אים אַריינגעשטופּט אין אויטאָ. ער האָט אים צוגעוואָרפן אַ בינטל געלט און פאַרמאַכט די טיר. ער האָט זיך געטרייסלט פון פּחד און האָט אויסגעזען ווי אַ ברילע פליש: „פאָר שוין קיין דמשק און וואַרט דאָרט אויף מיר", האָט ער אַ געשריי געטאָן.

גנון האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און דאָס ערשטע מאָל אַדורכגעפירט זיינע קעמלען, מיט זיי אויסגעטרעטן אַ וועג פון ברעג ים אין קיבוץ אַריין.

גנון, זיינע חברים האָבן אַלץ מער און מער זיך פאַרוואָרצלט אין זייער ערד און איינגעפונדעוועט זייערווירטשאַפט. די ערד איז פעטער געוואָרן און געפאָדערט נאָך מענטשן־כוחות. די אויסגעהאָרעוועטע עלטערן איז געקומען צו הילף דער יונגער דור. ווי עס זאָל ערשט האָבן געווען נעכטן — די עלטערן האָבן געפירט זייערע קינדער אין קינדער־גאָרטן, אין שול, און זיך געשראָקן די בעדווינער זאָלן זיי נישט טאָן קיין שלעכטס, אָבער די צייט איז נישט געשטאַנען. ווי מיט אַ מאָל איז פאַר זיי און מיט זיי אויסגעוואַקסן דער געשיקטער, דרייסטער יונגער דור. די הייסע זון האָט אָפּגעברענט זייערע פּנימער, אויסגעגליט זייערע כוחות. דער אַר־בעטס־יאָך האָט געשטאַרקט זייערע מוסקולן. אָבער טראָץ דער נאָענטקייט צווישן די צוויי דורות איז צווישן זיי געווען אַ מחיצה, וואָס האָט זיי דערווייטערט. ווייל עס איז נישטאָ קיין פאַרגלייך צווישן די, וואָס זענען אַרויף אויף דער ערד און זענען געקומען פון גלות פון די קליינע, צונויפגעדריקטע, איינגעהויקערטע הייזער און די וואָס זענען געבוירן און אויפגעוואַקסן אויף איר. נישט איין מאָל האָט אַ טאַטע באַטראַכט אַ דערשטוינטער דעם זונס דרייסטקייט און תמימותדיקע אויפריכטיקייט און איבערגעבנקייט. אין צווישן אָבער האָט דער זון פאַרנומען דעם טאַטנס אָרט, ספּעציעל אין דער מאָטאָריזירטער אַרבעט. זייער מי איז געווען אַ ברכה. די ווירטשאַפט האָט שוין געהאַט אין איר באַזיץ: דריי לאַסט־אויטאָס, אַ גרויסן טראַקטאָר און צוויי קלענערע טראַקטאָרן. לענגאויס דער וואַדי איז געוואַקסן אַ צעבליטער גרייפּפרוכט־פּרדס, וואָס זיין פייסאַזש־פּראַכט האָט געשימערט פון ווייטנס. אויף די באַנאַנען־שטאַמען זענען יאָר, יאָר פאַרפוילט געוואָרן און פון אונטער זיי זענען אַרויסגעוואַקסן די ברייטע, געל־גרינע פליישיקע בלעטער און פון צווישן זיי זענען אַראָפּגעהאָנגען און אַרויסגעשטאַרט די בינטן פרוכט. עס זענען אויך צוגעקומען וואַסער־סאַזשלקעס, אין וועלכע די פיש האָבן געווימלט. מיט זיי האָט אָנגעפירט חן, אַ נידעריקער מיט וואָנסעס, פול לעבן. ער האָט געהינקט, אָבער געווען רירעווּדיק און געשיקט. דער פיש־צוכט איז געווען זיין באַשעפטיקונג נאָך אין יוגאָסלאַוויע. זיין געהילף איז געווען זאבי, אַ יונגער, שלאַנקער מיט אַ שוואַרצער, געלאָקטער טשופּרינע. ער האָט געקענט יעדעס ווינקל

אין די סאַזשלקעס, וווּ זיי זענען פלאַך און וווּ זיי זענען טיף, אויף וועלכן אָרט דאָס וואַסער איז וואַרעם, אויף וועלכן עס איז קאַלט, וווּ עס האַלטן זיך די גרויסע פיש, וווּ די קליינע און וווּ דאָס קליינוואַרג. ער האָט מיטן אויגנבליק דערזען וווּ דער פיש שווימט און וווּ ער לעגעוועט. ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט ביי די סאַזשלקעס. ער האָט מיט אַ ספּעציעלער פרייד געזען זיין טאָפּלטע געשטאַלט אין דער וואַסערפלאַך, זיך פון אויבן, זיין שאָטן אונטער אים. אַ סך, אַ סך מאָל האָט ער געזען ווי אַ פיש שפּרינגט איבערן וואַסער. זיינע גילדענע שופּן שימערן אין דער טאָפּלטער זון. ער איז יעדעס מאָל שטיין געבליבן אַ פאַרכאַפּטער פון אָנבליק.

אויך אין די שטאַלן און שטייגן האָבן זיך געמערט די בעלי־חיים. אַ מרוק פון אַ זאַטער קו מיט אַ שווערן אייטער און דאָס קוואָקען פון די אָנגעטרונקענע הינער איז געווען די מעלאָדיע פון דער סביבה. אורה אַרבעט אַ לענגערע צייט שוין אין די הינער־שטייגן. זי האָט זיך געפּאָרעט ביי די הינער זיי זאָלן האָבן באַקוועם. דאָס האָט אויסגעפּילט אירע טעג. אויך איר געמיט און די בענקשאַפט צו איר משפחה האָט זיך אַביסל איינגעשטילט. זי האָט מיט איר ווען אַלץ מער און מער זיך איינגעגלידערט אין דעם שותפות פון דער אַלגעמיינער משפחה. זי איז געוואָרן קרעפטיקער און שענער. אויך אירע זומער־שפּרענקעלעך אויפן פּנים זענען ווי געוואָרן גרעסער און גלייכצייטיק איר אויך צוגעגעבן חן. סאַפּי איז פון איר נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט זי כסדר באַזוכט. זי האָט אים אויפגענומען מיט דיסטאַנס. איר ערשטער איינדרוק איז פאַרביי. זי האָט איצט אויף אים געקוקט מיט אַן אויג וואָס שאַצט אָפּ, ווייזט אויס, אַז זי האָט אים נישט אויסגעקליבן. אירע געדאַנקען זענען איצט געווען ביי בערקען, כאָטש ער איז כסדר געווען אין וועג און זעלטן אין דער היים.

דער קיבוץ האָט זיך געבויט. דאָך איז ער געבליבן הינטערשטעליק, נישט אָנגעיאָגט דעם צוווּקס פון די אַרבעטס־הענט. אויך דער וויכוח צווישן די חברים צו בויען קליינע הייזקעס זיי זאָלן טראָגן אַ משפּחה־כאַראַקטער, אָדער בויען שטאָקיקע הייזער ווי אין שטאָט איז נישט אָנטשידן געוואָרן. אויך דער וויכוח אַרום דער קראַנקן־שטוב האָט זיך פאַרשאַרפט. שרה, די קראַנקן־שוועסטער, אַ דאַרע, אויסגעמאַטערטע מיט אַ צעקנייטשט פּנים, ברייטן בוזעם און מיט שוין גרוילעכע האָר, האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז אין דער ניי־אויסגעבויטער קראַנקן־שטוב זאָל זי אויך קענען פלעגן די קראַנקע בעדויִנער פון דער סביבה. די מיינונגען האָבן זיך צעטיילט, די מינדערהייט איז געווען דערפאַר — די מערהייט קעגן. זיי האָבן געטענהט: זייער דריסת־רגל אין דער קראַנקן־שטוב איז דער איינטריט אין דער ווירטשאַפט וואָס זיי וועלן אויסקוקן און ביי דער ערשטער געלעגנהייט באַפאַלן דעם קיבוץ. דערווייל האָט זי זיי געהאַלטן אין דרויסן פאַרן פלויט. דער וויכוח איז געווען אַן אָנגעהיצטער, ביי דער אַרבעט און אויך בעתן עסן. מען האָט געהערט מעסיקע רייד ווי אויך היציקע ווערטער איבער דער אייגענער זיכערקייט און דעם רחמנות איבער די שכנים. די ענגשאַפט אין קיבוץ איז כסדר גרעסער געוואָרן.

אומדערטרעגלעך איז זי געווען שבת צו מיטאָג. דער לענגלעכער באַראַק האָט אין זיך נישט געקענט אַריינגעמען אַלע פרייע פון דער אַרבעט חברים. מען האָט געמוזט עסן שיכטנווייז. ווען עס איז געקומען די פּלמ״ח־גרופּע האָט זיך פאַרשאַרפט זייער געפיל פון דער ענגשאַפט.

דער פּלמ״ח האָט זיינע געצעלטן פונאַנדערגעשטעלט צווישן די צעצווייגטעביימער אינעם שיפן אייקאַליפּטוס־וועלדל אויפן ראַנד פון קיבוץ. די גרופּע איז געווען אַ פאַרמאַכטע איינהייט פאַר זיך, אָבער געאַרבעט און געגעסן האָבן זיי צוזאַמען מיט די חברים פון קיבוץ. זייער טאָג איז געווען איינגעטיילט: אַ האַלבן טאָג געאַרבעט, אַ האַלבן טאָג מיליטערישע איבונגען. די ענדערונג אַליין האָט שוין געווירקט אויפן שטייגער פון קיבוץ. אָבער די דערשיטערונג איז געקומען ווען די פּלמ״ח־מיטגלידער האָבן באַקומען באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט פון דער קיבוץ־קאַסע. מולכו דער קולטור־לייטער האָט נישט תופס געווען דעם זיווג צווישן חלוציזם און מלחמה־ענינים. ער האָט כסדר איינגעטענהט, אַז די אַנוועזנהייט פונעם פּלמ״ח אין קיבוץ שעדיקט די דערציִונג פונעם יונגן דור. יעדער באַזונדער האָט אים אויסגעהערט, אָבער אַלע האָבן געשמייכלט און געשוויגן. דער אַסקעטישער, לאַנגער מולכו האָט ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן די עלאַסטישע, פלינקע בחורים וואָס די ביקס און טוריע איז ביי זיי אין האַנט געווען אַ שפּילצייג. ספּעציעל האָט ער געהאַסט זייער קאָמאַנדיר ברוכן וואָס איז געווען ברייטביינער, עטוואָס איינגעהויקערט, מיט לאַנגע פיס און אַ צעוואַקסענע וואָנסע. דערזעענדיק אים האָט מולכו אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אים נישט געזאָגט „שלום״. — מולכו האָט אים באַשולדיקט, אַז ער איז דער שורש פון דער הפקרות. דערפאַר איז רפאל נישט אָפּגעטרעטן פון די פּלמ״חניקעס, זיי געווידמעט יעדע פרייע מינוט. אויך ביי דער אַרבעט איז ער מיט די מחשבות געווען מיט זיי. אַן עלנטער, אַן אָפּגעזונדערטער איז דער מהות פון פּלמ״ח געווען אַ רפואה פאַר זיינע יסורים. אויך זיי האָבן זיך פאַר אים נישט געהיטן ווי זיי האָבן זיך געהיטן פאַר אַנדערע. אדרבה, זיי האָבן אים איבערגעגעבן זייערע סודות און אַנגעטרויט זייערע באַהעלטענישן — די איינגעגראָבענע אין דער ערד אייזערנע קאַסטנס. ער האָט געשוויגן ווי אַ שטיין און פאַרטראַכט באַגלייט מיט זיין אַדלער־בליק די ייִנגלעך וואָס זענען איבערגעטאַנענע ווי די שכנים געגאַנגען אויסקוקן די וועגן און שטעגן אין לאַנד. די בעדויִנער פון דער סביבה זענען ווי עס איז אויסגעקומען מיט די חברים פון גנון, אָבער געהאַסט די פּלמ״חניקעס. ווי נאָר זיי האָבן איינגעזען אפילו אַ קליינע פּלמ״ח־גרופּע גיין צו דער אַרבעט זענען די בעדויִנער געוואָרן אומרויִק און אַראָפּגעטריבן פון די פעלדער זייערע שעפּסן, זיי אַריינגעיאָגט אין די געצעלטן. זיי האָבן די פּלמ״חניקעס גערופן אַבו־כיס דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט צוויי טאַשן אויף די העמדער. נישט נאָר די בעדויִנער האָבן זיי נאָכגעקוקט דורך די אַראָפּגעלאָזטע געצעלט־יריעות. אויך אַבו־עלי איז געווען אומרויִק און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ געשעעניש ער זאָל קענען דעם פּלמ״ח מסרן ביי דער מאַכט זי זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען. אָבער מער ווי ער האָט געקענט זיי פּגע זיין האָט ער

געמוזט זיך אַליין מטריח זיין צוליב זיינע פּאַרוויקלטע משפּחה־ענינים. זיין זון האָט געמוזט זיין אין גלות צוליב דעם פּחד פֿאַר משפּחה־נקמה צוליב דעם נישטיקן מיידל וואָס אירע יונגע ביינער רוען שוין חדשים אין קבר. איר טאַטע מיט די צוויי זין וואָס האָבן זי דערמאָרדעט גייען אַרום פֿריי. די שולד פֿאַר דעם מאָרד האָט אויף זיך גענומען דער יינגסטער זון סאַלם און דאָס געריכט האָט אים פֿאַרמשפּט אויף דריי יאָר.

דאָס לעבן אין דער סביבה האָט זיך געפֿירט לויטן שטייגער. כאָטש דער פּלמ״ח איז געווען אָפּגעזונדערט, אַ מחנה פֿאַר זיך, האָבן זייערע מנהגים און שטייגער געווירקט אויף דעם יוגנט. צוזאַם מיט דער פֿרייער ראָמאַנטיק, מיט דעם ווי אַ צוגאָב פֿון הפקרות האָט געצויבערט און געלאָקט. דער צויבער איז נישט שוואַכער געוואָרן. אדרבה, ער האָט כסדר זיך געשטאַרקט, ווי עס האָט זיך געשטאַרקט דער באַהאַלטענער כעס ביי די בחורים פֿון גנון. זיי האָבן געקוקט מיט קנאה ווי זייערע מיידלעך גייען און פֿאַרברענגען מיט די פּלמ״חניקעס. אויך די בחורים זענען געוואָרן מיטגעריסן. איבערהויפּט אין די נעכט ביי אַ שייטער ווו מען האָט געזונגען, זיך דערציילט מעשיות און גוזמאות. ספּעציעל געלאָקט האָט דער „קומזיץ״ — דאָס פּרעסן די צוגעשלעפּטע הינער, די געבראָטענע קאַרטאָפֿל און די אויפגעקאָכטע אין פֿינדזשאַן קאַווע. ביי יעדער שייטער־סעודה איז פֿון וויטנס געזעסן אָפּגעזונדערט רפאל און מיט זיין שפּאַרבער־אויג געקוקט דורך זיינע פֿאַרמרוזשעטע וויִעס. אויך אורה איז געקומען צו די קומזיצן און שייטערס. זי האָט אַפילו זיך אינטים באַפריינדעט מיט דבורהן די פּלמ״חניצע מיט שוואַרצע האָר, ברוינער הויט און געזונטע ציין. מען האָט זי גערופן די ירושלימער. אורה האָט נישט שלום געמאַכט מיטן צוגאַנג פֿון פּלמ״ח. זי האָט נישט תופס געווען דאָס דערווייטערן זיך פֿון דער משפּחה. איר איז געווען פֿרעמד זייער הפקרות. איין מאָל ווען זי האָט שפּאַצירט מיט בערקען איבער די שטעגן פֿון די קוקורוזע־פעלדער האָט זי אים געפֿרעגט: „נאַר זעלנער, ווו דער מענטש?״ בערקע האָט אויף אַ ווײַלע איינגעהאַלטן זיין גאַנג, פֿאַרצויגן זיינע ברעמען, זי אַדורכגענומען מיטן בליק, אָבער איר פֿאַרשוויגן.

דער פּלמ״ח האָט שנעל זיך איינגעגלידערט אינעם לעבן פֿון קיבוץ. ער האָט געהערשט איבער דער סביבה און די אומשטענדן. ער האָט אויך איבערגענומען די שוץ איבערן קיבוץ. דעם פֿרימאָרגן, ווען די פֿאַרבייגייער האָבן געפֿונען ליגן צווישן די פּרדסים פֿון פּתחיה נאָענט צום פּלויט אַ דערמאָרדעטן ייד פֿון עירון, האָט דער פּלמ״ח אין מאָמענט איבערגעריסן זיין טעגלעכע אַרבעט און אויך אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין קיבוץ. ווען די אינפֿאָרמאַטיוו־אָפּטיילונג אין דער „הגנה״ האָט זיך דערוווּסט, אַז די מערדער זענען די אַראַבער, וואָס האַלטן זיך אויף אין אַ הויז אין איינעם פֿון די פּרדסים, איז אין דער דריטער נאַכט נאָכן מאָרד אַרויס אַ גרופּע פֿון פֿינף פּלמ״חניקעס און אויפגעריסן דאָס הויז. זיינע חורבות האָבן צוגעדעקט די דריי אַראַבער. ווען די זאַך איז באַקאַנט געוואָרן איז מולכו געוואָרן דערציטערט און

אַ פֿאַרצווייפֿלטער געשריגן: „יידן רוצחים!" און אַ ווילדער געלאָפֿן איבערן קיבוץ, פֿון עס־צימער אין קולטור־צימער הין און צוריק. יעדן חבר וואָס ער האָט געטראָפֿן האָט ער פֿאַרהאַלטן און אים באַוויזן, אַז עס איז נויטווענדיק דער פּלמ"ח זאָל פֿאַר־לאָזן דעם קיבוץ. מענטשן וואָס האָבן פֿאַרגאָסן בלוט טאָרן זיך נישט געפֿינען אין גנון. אַלע האָבן אים אויסגעהערט און נישט געענטפֿערט. וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט שבת נאָכמיטאָג צונויפֿגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג אין קולטור־צימער, כלומרשט „די גרינדונג פֿון אַ דראַמאַטישן קרייז". ווען מען איז זיך צונויפֿגעקומען האָט מולכו געעפֿנט די פֿאַרזאַמלונג און דערציילט וואָס עס קומט פֿאָר אין קיבוץ: „מענטשן וואָס טרעטן אויף דער גנונער ערד האָבן פֿאַרגאָסן בלוט" — האָט ער פֿאַטעטיש אויסגעשריגן. דאָס איז נישט דערלאָזבאַר. זיי טאָרן זיך נישט געפֿינען אין דער קיבוץ־געזעלשאַפֿט. אויף דעם צווישנרוף, אַז די אַראַבער האָבן די ערשטע דערהרגעט אַ ייד האָט מולכו געענטפֿערט אַן אויפֿגעבראַכטער: „די אַראַבער זענען ווילדע מענטשן, מען דאַרף זיי דערציִען". דערהערנדיק זיין ענטפֿער האָבן די יונגע זיך צעלאַכט אויפֿן קול און זענען אַרויס. מולכו איז שטיין געבליבן מיט צעלייגטע הענט, אַן אָנגעלענטער אויפֿן טיש, אַליין.

דער זונענגליִ, די ערדפֿעטקייט און די מענטשנמי האָבן פֿאַרוואַנדלט אריח אין אַ מקום פֿון פֿרישער, זאַטער שלווה, אָבער דאָס גרעסטע אין דאָרף רחבות איז איינגעשטאַנען ביי זינגערן אין דער ווירטשאַפֿט. ער, אַ געזונטער, מיטלוויק־סיקער מיט געלע האָר וואָס ער האָט זיי נאָר געשוירן צוויי מאָל אַ יאָר, פֿאַר סוכות און פּסח, איז עולה געווען מיט דער דריטער עליה צוזאַם מיט זיין ווייב מאַשע פֿון אַ שטעטל אין פּאָדאָליע, ווו זיין פֿאָטער איז געווען שטאָט־רב. ביז זינגער האָט זיך דערקליבן קיין אריח אַלס מתישב האָט ער געהאָרעוועט ביי כל מיני אַרבעטן. זיינע ערשטע אַרבעטן זענען געווען אין שטאָט — געטראָגן ציגל אויף די מויערן און געווען טרעגער ביי דער באַן. ערשט מיט דער צייט האָט ער מיטן ווייב, אַ נידעריקע מיט רויטע קיילעכדיקע בעקלעך, זיך באַזעצט אין דאָרף. ער האָט געאַרבעט אין די פּרדסים. זי האָט געהאַקט חציץ (שטיינדלעך) אָדער געאַרבעט ביים קטיף (מאַראַנצן־שניט). פֿון אַ סך האָרעווען האָט זי מער נישט געקענט געבוירן ווי איר איינציקן זון גיורא. אויך זייערע ערשטע יאָרן אין אריח זענען געווען שווערע ווי פֿאַר אַלע מתישבים „אלף", אָבער ער האָט דער ערשטער אין דאָרף געזעצט קאַרטאָפֿל אויף אַ גרעסערן שטח, מצליח געווען און פֿון דעמלט כסדר געהאַט דערפֿאָלג אין אַלעם. זיין ווירטשאַפֿט און זיין שטאַל זענען די גרעסטע אין דאָרף. אַלע זיינע קי זענען האָלענדישע. ער האָט אויך צוויי שטייגן. אַ שטייג מיט הינער וואָס לייגן זיך און אַ גרויסע סטאַדע געענדז וואָס ער האָדעוועט אויף פֿלייש. ער האָט נישט נאָר אַ פּאָר מויל־אייזלען צו דער אַרבעט, נאָר אויך אַ רויט פֿערד אַרויסצופֿאָרן.

אַ שטעכלדראָט־פּלויט האָט געצוימט זיין הויף. זיין ברייט הויז איז באַשטאַנען פֿון פֿאַרשידענע הויכע און נידעריקע פֿליגלען, וואָס ער האָט אין משך פֿון דער

צייט צוגעבויט און איז געווען צוגעדעקט מיט פֿאַרשידענע קאַרמיט־דעכלעך און אויסגעזען ווי אַ מאָדערן הויז. דאָס איז אויך חל געווען אויף אַלע זיינע מעבל אין די חדרים. ער האָט אָבער אויך געמאַכט צוויי זאַכן וואָס האָבן אים דערמאָנט זיין יוגנט. ביים אַריינגאַנג אין הויז האָט זיך געפֿונען אַ צימער, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ לייגבאַנק, אויף וועלכער ער פֿלעגט זיך צולייגן אָפּרוען. אַ טיר אין דעם צימער האָט מיט שטיגלעך אַראָפּגעפֿירט אין אַן אויסגעלייגטער מיט קאַכלעס מקווה, אין וועלכער ער האָט זיך געטובלט. ער, דער פֿויער אין אריח, איז געבליבן דעם רבס זון פֿון פּאָדאָליע. ער איז זיך אומגעגאַנגען מיט מענטשן פֿריינדלעך און מיט יושר. ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי אין דאָרף האָט מען זיך געוואָנדן צו אים. ער האָט געפּסקנט — אָדורכגעברענגט. ביי אַלע אין דאָרף, ביי גרויס און קליין, אויך ביי דער יוגנט, וואָס האָט זיך געהאַלטן מיט דיסטאַנס פֿון ביטול וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט מיט דער מימרא „עזוב את הזקנים", איז ער געווען געשעצט. טאָמער האָט ער געזאָגט „גייט נישט אויף אַן אויספֿלוג, פֿאַראַן אַ סכנה, אָדער טשעפּעט נישט דעם עפֿענדי כאָטש איר האָסט אים" — האָבן זיי אים געהערט.

זינגער האָט אינעם יונגן געזען דור די צוקונפֿט, אָבער זיין שטאָלץ איז געווען זיין זון, אַ הויכער מיט לאַנגע פֿיס און טשופּרינע ווי פֿון שטרוי; צוליב זיין אויסזען האָט מען אים גערופֿן: „דער ענגלענדער". ער איז געווען צוגעבונדן און געשעצט זיין טאַטע־מאַמע און פֿריי און דרייסט געווען אין באַנעמען זיך. נישט געווען אַ שטעג און באַרג וואָס זיין פֿוס האָט נישט באַטרעטן. אויך אין ספּאָרט איז ער געווען דער ערשטער און זיך אויסגעצייכנט אין קוישבאָל, ער איז אויך געווען אַ געניטער אַרבעטער. דער פֿאַרבאָרגענער טרוים פֿון נישט איין מיידל אין דאָרף איז געווען „ער". זינגערס פֿאַרגעניגן איז געווען פֿאָרן אויף זיין צוויי־רעדער־וועגעלע דערליידיקן ענינים. ער זיצט אויף דער קעלניע, דער זון נעבן אים מיט די לייצעס אין האַנט.

דער טאָג אַרבעט פֿון די „אריח"־מתישבים איז געטאָן געוואָרן צוזאַמען מיטן געראַנגל קעגן דער מאַכט, וואָס האָט זיך זיי אַנטקעגנגעשטעלט און קעגן די שכנים, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַט צוזאַמענשטויסן. זייער געוווינהייט איז געוואָרן דער שטייגער. איין טאָג איז געווען ענלעך צום אַנדערן. זעלטן איז פֿאַרגעקומען אַ געשעעניש וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס דאָרף. דאָס איז געשען דעם טאָג, ווען די יוגנט האָט גענומען אַרומקרייזן דעם באַדעקטן מיט פּאַפּע „ליפּט" וואָס איז אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן אין פּרדס אונטערן פֿלויט אין שאָטן פֿון די ציפּרוס־ביימער. יעדער האָט געוואָלט וויסן זיין סוד וואָס נאָר געציילטע האָבן אים געוווּסט. דער ליפּט איז שטענדיק געווען פֿאַרשלאָסן. אַ דיקער מענטש מיט אַן אויסשטאַרנ־דיקן בויך, אַ גלאַטן ווי אַ טעלער אָן איין האָר קאָפּ, מיט טונקעלע ברילן אויף די אויגן איז טאָג, טאָג געקומען פֿון שטאָט מיט אַ רענצל אין האַנט, פֿון וועלכן עס האָבן אַרויסגעשטאַרט העלדזער פֿון ביר־פֿלעשער. ער האָט זיך שטיל ווי אַדורכ־

געגנבעט מיט די פעלד־שטעגן ער זאָל זיך נישט צונויפטרעפן מיט מענטשן. די
יוגנט איז אים נאָכגעגאַנגען די טריט. ווען ער האָט געעפנט דאָס קליינע, אומ־
באַמערקטע אין דער זייט טירל, האָבן זיי געזען שוואַרצע ברעטער, איבער וועלכע
עס האָבן זיך געשלענגלט דיקע טעלעפאָן־דראָטן. אָבער טראָץ אַלע זייערע באַמיִונ־
גען האָבן זיי זיך נישט צונויפגערעדט מיט דעם פרעמדן, דיקן באַברילטן מענטש
וואָס האָט געשוויגן ווי אַ שטיין. אויך די בעדויִנער פון דער סביבה האָבן מיט
נייגער געקוקט אויף דעם ליפט און אים פאַרבייגעגאַנגען מיט אומצוטרוי. פון
מורא, צי די „אַבו־כיס" גרייטן נישט אַן אַוואַנטורע, האָבן זיי וועגן דעם ליפט
איבערגעגעבן אַבו־עלין. אַבו־עלי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן פערד, פאַרבייגעפאָרן
דעם ליפט און געשפּיזט מיט זיינע קליינע אייגעלעך. ער איז אויך אַראָפּ פון פערד
כלומרשט בודק זיין דעם פערדס פאָדערשטע פּאָדקאָווע און דערווייל זיך אַרומ־
געקוקט. צוויי רעוואָלווערן־קוילן פון הינטערווייַלעכץ האָבן דורכגעלעכערט זיין
קאָפּ־שיידל. דאָס דערשראָקענע פערד האָט ווילד אַוועקגאַלאָפּירט. אויפן אָפּהילך
פון די שאָסן זענען אָנגעלאָפן די מתישבים וואָס האָבן געאַרבעט אין זייערע פעל־
דער, אָבער ווען די ענגלענדער זענען געקומען האָבן זיי דעם עפענדי געפונען ליגן
שוין אָן אַ פּולס און די ערד האָט געזאַפּט די קאַלוזשע פון זיין בלוט. זינגער אין
דער באַגלייטונג פון צוויי מתישבים איז אַוועק אָנזאָגן דעם דערמאָרדעטנס
משפּחה. זיינע ווייבער האָבן זיך צעקלאָגט מיט אַ יאָמערלעכער יללה. איבראַהים
האָט שנעל פאַרמאַכט די קראָם און געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער מיט אויס־
געזעצטע פון שרעק אויגן. די דריי ווייבער האָבן זייערע קעפּ געקלאַפּט אין דער
וואַנט, זיך געריסן די האָר און זיך געקניפּט דאָס פלייש.

דעם בר־מינן האָט מען אַוועקגעפירט קיין יפו צו מאַכן אַ סעקציע. איבראַהים
איז אים נאָכגעפאָרן אויף אַ פור און דעם גאַנצן טאָג געקלאָגט און געוויינט. דער
מאָרד האָט אויף די בעדויִנער פון דער סביבה אָנגעוואָרפן פחד. טעג האָבן זיי
נישט אויפגעהויבן די געצעלט־יריעות און נישט געטריבן זייערע בעלי־חיים
פּאַשען. פּאָליציסטן און געהיים־אַגענטן האָבן זיך געשלייכט איבער דער סביבה
און געפאָרשט. די דערשראָקענע בעדויִנער האָבן געשוויגן. אויף יעדער זיי
געשטעלטער פראַגע האָבן זיי געענטפערט: „מיר האָבן גאָרנישט געזען". אויך דער
„גשש" האָט נישט געפונען די פוס־שפּורן פון די מערדער, ווייל די דאָרפס־
איינוווינער וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן דערהערנדיק די שיסערייַ האָבן זיי
צעטראָטן. זיי האָבן די איינוווינער נישט געפאָרשט. די פּאָליציי־אָפיצירן האָבן
נאָר אַדורכגעקוקט די ליסטעס מיט די נעמען פון די גנונער און אריחער איינוווינער
און מיט דעם וואָס זיי זענען געקומען זענען זיי אַוועקגעפאָרן. אין צווישן האָט
איבראַהים קובר געווען דעם עפענדי, דעם שוואָגער אין יפו. ער האָט צוריק־
געברענגט די דריי ווייבער אין שטוב און געוואָרן דער בעל־הבית פון פאַרמעגן.
די בעדויִנער, וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פונעם פחד פאַרן עפענדי האָבן זיך
איצט געפילט פרייער. אויך טאַנוס האָט געפאָדערט פון עליס פעטער פינף טויזנט
פונט כופר־הנפש. איבראַהים האָט זיך דערווייל געהאַלטן ביי זיינס: צוויי טויזנט

און גענוג. דאָס דינגען זיך האָט געדויערט און זיי זענען אַדורכגעקומען. די סביבה איז געוואָרן ווידער רויִק ווי פריער. פּלוצים אַ געהיימער טעלעפאָן פון דער הגנה — די שיף „גלילה״ וואָס איז אָפּגעשווומען פון פראַנקרייך מיט פיר הונדערט „מעפּילים״ דערנענטערט זיך צו די ברעגן פון לאַנד. זיי וועלן אַרויף אויף דער יבשה צווישן גנון און אריה. דער פלמ״ח און די הגנה־לייט זענען געווען גרייט. דעם טאָג ווען די שיף האָט געדאַרפט קומען זענען מאָביליזירט געוואָרן ווער עס האָט נאָר געקענט עפּעס העלפן. די שטימונג איז געווען ווי אין אַן ערב יום־טוב. אריה האָט געדאַרפט אויפנעמען די מעפּילים. דעם קיבוץ גנון האָט די מאַכט געהאַט אויפן אויג. דאָס אָרט איז ווייזט אויס באַשטימט געוואָרן ווייל די מאַכט איז איצט דאָ באַשעפטיקט און היט עס נישט ספּעציעל. אין דער שול האָט מען דעם טאָג נישט געלערנט. די שילער זענען געגאַנגען איבער די הייזער און לויט אַ רשימה צו וויסן געטאָן וויפל מעפּילים יעדע משפּחה דאַרף איינקוואַטירן. יעדע בעל־הביתטע האָט זיך געגרייט אויפנעמען אירע געסט.

מיט דעם זון־אונטערגאַנג, ווי נאָר עס האָבן זיך אָפּירגערוקט די ערשטע שאָטנס וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט איבער דער גרויער סביבה, איז די צוגרייטונג געווען אין פולן פאַרנעם. פון אָנבליק איז די שלווה אין די צוויי דערפער געווען ווי יעדן טאָג, אָבער יעדער מענטש אין די דערפער האָט מיט ציטער דער־וואַרט די געשעענישן. די נאַכט איז געווען אַ סוף־חודשדיקע, פינצטער און פייכט, איינגעהילט אין אַ נעפּל. דער לאָמפּ אויפן וואַסער־טורעם אין גנון האָט סיגנאַ־ליזירט דער שיף ווו זי זאָל אַנקערן. די שיף האָט זיך אַרומגעדרייט עטלעכע שעה אויפן ים ביז זי איז צוגעקומען צום אָרט. אין דעם מאָמענט האָבן נאַקעטע פלמ״חניקעס, נאָר אין די באַד־הייזלעך זיך געוואָרפן די כוואַליעס אַנטקעגן. מיטן אויגנבליק האָבן זיי די געוואָרפענע שטריק צוגעבונדן צו די אַריינגעקלאַפּטע אין דער ערד פּלעקער. די מעפּילים זענען געשפּרונגען פון דער שיף. זיי זענען געקראָכן אין וואַסער ביז דעם האַלדז לענגאויס די שטריק, געאײַלט צום ברעג. די פאַרמאַטערטע און שוואַכע האָבן די פלמ״חניקעס געבראַכט אויף די פּלייצעס. די מענטשן פון אריה האָבן געפירט די געקומענע מיט די פעלד־שטעגן אין דאָרף אַריין. די שוואַכע האָט מען אַרויפגעזעצט אויף אַ טראַקטאָר־פּלאַטפאָרם וואָס האָט זיי געבראַכט קיין גנון. דאָס אַראָפּנעמען די מעפּילים האָט געדויערט דריי שעה אָן שום שטערונג. ווען די אַקציע איז געוואָרן פאַרענדיקט האָט גיורא צונויפ־געראָפן זיינע מענטשן. ער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון לינקן פליגל. ער האָט אָבער אַרויסגעצויגן נישט פאַרזיכטיק אַ רינגל פון אַ גראַנאַט, וואָס האָט אויפגעריסן און אָפּגעריסן זיין רעכטע האַנט. מען האָט אים באַנדאַזשירט און מיט אַן אויטאָ אָפּגעפירט מיט זייטיקע וועגן אין שפּיטאָל.

עטלעכע וואָכן זענען שוין פאַרביי זינט אורה איז געקומען אין תל־אביב צו איר נייער באַשעפטיקונג. אין שטאָט האָט זי זיך געוואָנדן צו גלעדן און אים איבערגעגעבן דעם פּאַראָל „גליק״. גלעד איז געווען אַ דורכשניטלעכער בחור

וואָס האָט געשיקלט און דאָס האָט זיין אויסזען צוגעגעבן האַרבקייט. ער האָט געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין אַ רייזע־ביוראָ אויף נחלת־בנימין. ער האָט נאָך דעם זעלבן טאָג זי צונויפגעפירט אין דעם קאַפע „כביר" מיט בענען. ער האָט איר אויך געזאָגט, ווו זי וועט וווינען מיט נאָך צוויי מיידלעך, רעגירונגס־באַאַמטע, אין אַ צימער אויף אַ זייטיק געסל אין צפון פון שטאָט. ער האָט זיך אויך פאַר־געשטעלט פאַר מישאַן, וואָס איז געווען דיקלעך און מיט אַ געשטופּלט פּנים. ער האָט געאַרבעט אַלס באַאַמטער אין אַ פאַרמיטלונגס־ביוראָ. ביי אים האָט זי געדאַרפט נעמען אויף הוצאות. ער האָט איר אויך געגעבן אַלע אָנווייזונגען ווי זיך צו פירן אין שטאָט און ביי דער אַרבעט און איר אויך געגעבן אַ נייעם נאָמען, אונטער וועלכן זי דאַרף פיגורירן אין שטאָט: רינה גרשוני. בען, אַ שלאַנקער, דאַרער בחור מיט אַן אויסגעצויגן פּנים, מיט אַ שרונט אין דער זייט און דינע, לאַנגע פינגער, איז פון פאַך געווען אַ פאָטאָגראַפיסט. זיין אַרבעט האָט ער געמאַכט אין דער הגנה. אורה איז אין שטאָט אָנגעקאָנגען אַלס בענס יונגע, ערשט איצט חתונה געהאַטע פרוי. זי האָט טאַקע געטראָגן אַ קדושה־רייפל. זי האָט אין אירע ספּאָרט־מלבושים אויסגעזען ווי אַ טוריסטין. דאָס פּאָרל — זיי זענען אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, כלומרשט פאַרברענגט זייער האָניק־חודש. זיי האָבן געמאַכט אַ לופט־רייזע איבערן לאַנד, וואָס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה און געמאַכט אויס־פלוגן אין אַלע ווינקלען פון לאַנד, באַזוכט דעם פּאָרט אין חיפה און נאָך ענלעכע ערטער. דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען — וויכטיקע סטראַטעגישע פילמען. אין שטאָט האָבן זיי געלעבט סעפּאַראַט אָבער זיך אויך געטראָפן מחוץ דער אַרבעט, ביי אַ גלאָז קאַווע, אויף אַ פילם און זיך געבאָדן אין ים. עטלעכע מאָל זענען זיי אויך געגאַנגען טאַנצן אין אַ נאַכט־לאָקאַל.

די באַציִונגען צווישן אורהן און אירע שכנות זענען געווען פאַרמעלע, פריינד־לעכע. די מיידלעך האָבן אַ סך נישט געפרעגט און זי האָט נישט געדאַרפט זיי אַ סך ענטפערן. ווען זיי האָבן זיך יאָ פונאַנדערגערעדט איז עס געווען אַ ווייבער־שמועס — איבער קליידער, מאָדע און פאַסאָנען. בען האָט זיך די מי געגעבן וואָס מער זיך געפינען אין אורהס געזעלשאַפט אָבער זי האָט זיך צו אים באַצויגן מיט רעזערוו. בען האָט אויפגעפּאַסט און אָפּגעטרייסלט יעדעס שטויבל פון זיינע שטענדיק געפּרעסטע הויזן, דריי מאָל אין טאָג האָט ער רעגלמעסיק געטרונקען קאַווע און אין די דייטשע ציַיטונגען נאָר געלייענט די כראָניק און די אַנאָנסן. איר איז ער געבליבן פרעמד אַזוי ווי די שטאָט איז איר געבליבן פרעמד. פון מאָל צו מאָל, ווען אין שטוב איז געווען שטיל און זי איז געלעגן אויפן בעט אָדער געזעסן אין קאַפע אין אַ רויך־וואָלקן פון סיגאַרן, האָט זי דערזען פאַר זיך איר בילד: דער שליח פון שטאָט אין דער באַגלייטונג פון קיבוץ־סעקרעטאַר מעלדן איר וועגן איר נייער פליכט. ווען זי האָט דערזען דאָס בילד האָט זי אויך דערזען די סביבה, דעם ברייטן קיבוץ־הויף און געפילט די פעלד־ווינטן וואָס האָבן אויף איר געווייעט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעם רעש אין די גאַסן, די שטאָקיקע הייזער און דעם מענטשן־טומל אין דער גרויסער שטאָט הערט זי דאָס קוואַקען פון די הינער אין די

שטייגן. זי האָט אויסגענוצט איר יעדע פרייע צייט און געפּאָרן קיין גנון. כלומרשט: די פאַרבראַכטע אין קיבוץ שעהען גיבן איר כוח פאַרזעצן איר טעטיקייט אין שטאָט, וואָס איז איר נישט צום האַרצן. זי פאַרטראַגט אויך נישט בענען. אין זיין אָנווע־זנהייט שרומפּט זי איין. זיין כאַראַקטער און לעבנסאַרט צוימען איר ווילן. איר געפיל אין שטאָט איז דאָס געפיל פון אַ גאַסט, איר זיין אין שטאָט איז נאָר דערווייל. איר פעלט דער טעגלעכער יאָך פון דער אַרבעט. איר באַשעפטיקט איצט, נאָר איין מחשבה — ווען קערט זי זיך צוריק? איר מחשבה איז שנעל פאַרווירק־לעכט געוואָרן. די מאַכט איז געקומען אויף אירע שפּורן און גענומען איר נאָכ־שפּירן. זי האָט באַקומען אַ באַפעל פאַרלאָזן די שטאָט. זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

ים־ווינטן האָבן געהילט דעם שטח. די ריחות פון די ציטרוס־בליטן האָבן זיך געטראָגן איבער די מרחקים. ווי גלאָקן זענען אַפּירגעהאַנגען פון צווישן די ברייטע, פליישיקע בלעטער די באַנאַנען־בינטן. פון די צעקרייצטע ווייַן־קוסטעס איבער די דראָטן זענען אַראָפּגעהאַנגען די ווייַנטרויבן און אָנגעפילט דעם רוים מיט זיסקייט וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיט דעם נעלקן־ און רויזן־ריח, וואָס פאַרשמעקט און פאַרשיכורט די סביבה. אין דער געדיכטקייט פון די ריחות האָבן זיך געטובלט די וואַסער־פלאַכן פון די סאַזשלקעס, וואָס זענען געווען פול מיט קאַרפּן. די קאַרפּן זענען מיט זייער זעט און גאָלדענעם שימער געשפּרונגען דער צעשטראַלטער זונען־וואַרעמקייט אַנטקעגן. אויך דאָס קוואַקען פון די הינער, דאָס מרוקען פון די בהמות און דאָס הירזשען פון די פערד האָבן ריטמיש זיך איינגעפלאָכטן אין דעם צעברויזטן אין חלל ניגון. דער יסוד פון ניגון איז געווען דאָס פונאַנדערוואַקסן זיך פון גנון. יעדעס מאָל איז צוגעקומען נאָך אַ שטיק אויפגעאַקערטע ערד. אפילו דעם זומפּ־ברעג אין צפון האָבן זיי צעגראָבן — דורכגעפירט קאַנאַלן און צווישן זיי פאַרפלאַנצט באַנאַנען וואָס זיי האָבן געברענגט פון בית־שאנער געגנט. אין דער נאָענט פון די שטאַלן האָבן זיי אויסגעבויט אַ צוויי־שטאָקיקן טורעם און געזייערט די פאַשע. אויך דער תחום פון קיבוץ איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. די ווייַן־באַראַקן אינעם צענטער זענען געוואָרן צענומען און אויף זייער אָרט שטייט דאָס גרויסע, נייע עסצימער. עס שטייט שוין אויך דאָס קולטור־הויז, אַ פּירקאַנטיקער בנין מיט אַ רויטן דאַך און דריי זאַלן — אַ ביבליאָטעק מיט עטלעכע טויזנט ביכער, אַ מוזיק־זאַל מיט אַ פאָרטעפּיאַן און אַ פּאַטעפאָן מיט אַ שאַנק פּלאַטן און אַ זאַל וווּ מען טאַנצט פּאָלקסטענץ. דאָס הויז איז געבויט מיט ברייטע געגלאָזטע טירן און פענצטער. דער אויסבליק פון זיי איז אויף אַ ברייטן גראָז־דיוואַן וואָס איז פאַרענדיקט מיט אַ קאַקטוס־טעראַסע.

ווען אורה האָט איבערגעטרעטן די ערד פון קיבוץ, אַהיים געקומען, איז איר לייכטער געוואָרן אויפן געמיט. זי איז ווידער געווען אין דער היים. זי האָט שנעל זיך אָפּגעטרייסלט פון דער פרעמדקייט. וואָס איז געלעגן אויף איר און מיט שווונג אַריין צוריק אין דער אַרבעט. איר אַרבעט־אָרט אין דער הינער־שטייג איז געווען

פאַרנומען דורך אַ צווייטער חברה. זי האָט איצט געאַרבעט אין דער קיך — זי האָט געשייערט קעסלען, געשיילט קופּעס גרינסן, געשווענקט זוידעס קאַשע. זי האָט שנעל באַהערשט די אַרבעט, געהעריק זי אויסגעפירט.

די חברים האָבן זיך מיט איר דערפריייט. בערקע געפינט זיך איצט אין גליל און קומט זעלטן אַהיים. מיט איר גאַנצער פרייד האָט זי זיך געפילט איינזאַם און פאַרלאָזן. זי האָט געאַרבעט און געשוויגן אָבער ווען בערקע האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַהיימגעקומען האָט ער גענומען אורלויב און געקומען אַהיים. ווי נאָר זי האָט דערזען אים גיין, איז זי אים אַנטקעגנגעקומען און איבערגעפירט איר נאָסע האַנט איבער זיין צעשויבערטער טשופּרינע און באַלד געפרעגט: „אויף ווי לאַנג?״ ער האָט זי אַרומגענומען און זי צוגעדריקט צו זיך. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און הענגען געבליבן אויף זיין אָרעם און דערהערט זיין טיף קול: „אויף צוויי טעג״. זי האָט צוריק געעפנט די אויגן און אים אָנגעקוקט. אין אָוונט פאַר זיין אומקערן זיך אין גליל האָט בערקע איינגעאָרדנט אין זיין באַראַק־צימער וואָס איז פאַר־שלאָסן בשעת זיין אָפּוועזנהייט, אַ קומזיץ. צווישן די פאַרבעטענע איז אויך געווען מנחם, אַ מעפּיל וואָס איז ערשט געקומען, אַ גוט געבויטער בחור מיט געלע האָר, מיט גלייזיקע פאַרזיכטיקע אויגן וואָס האָבן כסדר אַפּירגעקוקט פון זיין אַראָפּ־געדרוקט היטל. ער האָט זיך דערנעענטערט צו בערקען אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער טעטיקייט אין דער הגנה. די פאַרבעטענע זענען געזעסן אויף דער ערד אויף אונ־טערגעלייגטע אונטער זיך פיס אַרום אַ קיילעכיק, נידעריק טישל און געצערט אין זיך גלעזלעך קאָניאַק און פאַרביסן מיט פריטשן וווּרשט. אורה האָט נישט געטרונקען. זי האָט געגעסן ערד־ניסלעך. מיט איין האַנט האָט זי געקנאַקט די ניסלעך, מיט דער צווייטער פלעגמאַטיש זיי געלייגט אין מויל אַריין און זיך צוגע־האָרכט. יעדער פון די בחורים האָט געהאַט וואָס צו דערציילן. די לאַגע אין לאַנד האָט נישט געקאַרגט קיין געשעענישן אָבער אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו ניסימען. ניסים, אַ ברייטביייניקער איז געקומען אין לאַנד שוין אַלס דערוואַקסן יינגל. זיינע עלטערן, שניט־סוחרים אין באַגדאַד האָבן אים געשיקט קיין ירושלים צו אַ פעטער ער זאָל אים דערציען צו מצוות. אָבער ער וואָס האָט אויך געלערנט אין דער אַליאַנס־שול איז געוואָרן אַ חבר אין „בחרות הסוציאַליסטית״ און ווען ער האָט פאַרענדיקט די שול איז ער אַוועק אין קיבוץ גנון. ער איז געווען באַשעפטיקט אין דער „שורה״ — ער האָט אויסגעפירט פאַרשידענע מיסיעס צווישן די אַראַבער. ער האָט געקענט זייער לשון און עטלעכע דיאַלעקטן, אויך געקענט זייערע מנהגים און געדענקט קאַפּיטלען פון קאָראַן אויסווייניק. אויך איצט האָט ער דערציילט ווי ער איז אַלס אַ פאַרשטעלטער אַראַבער אַוועק צום פּאָרט אין יפו צווישן אַ המון באַרוועסע, אָפּגעריסענע, נישט אָפּגעשוירענע און נישט ראַזירטע חורנער. ווי עס איז צוגעקומען איינער אין אַ פעסקע מיט אַ שטעקן אין האַנט, אָפּגעציילט פון זיי הונדערט מענטשן און זיי אַדורכגעפירט דורכן טויער צו דער אַרבעט. ער, ניסים, האָט געאַרבעט צווישן זיי צוויי וואָכן. זיי האָבן געאַרבעט אין אַ מאַגאַזין — אָפּגעלאָדנט ברעטלעך פאַר מאַראַנצן־קעסטלעך. מען האָט געאַר־

בעט פון זון אויפגיין ביזן אונטערגאַנג. ווער עס איז אָפּגעשטאַנען אָדער נישט געקענט מער האָט דער פאַרשוין אין דער פּעסקע דערמוטיקט מיט געשרייען און אים אונטערגעיאָגט מיטן שטעקן. ניסים האָט מיט זיי געאַרבעט אָן אַ טאָג אָפּרו, מיט זיי געוווינט אין אַ פאַרשימלט הויז הינטער דער שטאָט. אַרום דעם הויז און אין הויף האָבן אַראַבער בייטאָג געפּאַשעט זייערע אייזלען. די חורנער זענען דאָ געשלאָפן אין זייערע מלבושים, איינער נעבן אַנדערן און זיך געוואַרעמט אין אייגענעם שווייס. די גאַנצע צייט וואָס ער האָט מיט זיי געאַרבעט, האָט ער נישט פאַרזוכט קיין ביסל געקעכטס. זייער הויפּט־עסן איז געווען אַ פּייכטע, נישט דער־באַקענע פּיתה, אַ ווייכע, צעקוועטשטע טאָמאַטע, עטלעכע פאַרעיפּושטע אָליוון, אַ שטיקל געזאַלצן און פאַרדאַרט קעז. פאַרטרונקען האָבן זיי מיט וואַסער וואָס זיי האָבן געברענגט אין אַ בלעכענער פּושקע פון קאָנסערוון. זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט פאַרמאַטערטע. אָפט זענען אַ סך פון זיי שוין איינגעדרימלט בשעתן עסן. אַ סך פון זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד, זיך צעקנעפּלט און אין דער לבנה־שיין געלויזט זייערע אויסגעשמאָלצענע בגדים און דערציילט זיך גוזמאות און נפלאות וועגן די יידן. זיי זענען געווען פרעמדע אין לאַנד, ערשט נישט לאַנג געקומען פון חורן פאַרדינען און אָפּשפּאָרן געלט, ווער צו קויפן אַ ווייב און ווער פאַר דער משפּחה. קיינער פון זיי האָט ביז איצט נישט געהאַט געזען קיין יידן, ווי זיי זעען אויס און ווי זיי אַרבעטן. אָבער איצט, אַז זיי האָבן געזען ווי זיי פלאַנצן פּרדסים, גראָבן ברונעמס און זייערע פּרויען גייען אַרום מיט אָפּגעדעקטע פּנימער און נאַקעטע פיס האָט זייער מזרח־פאַנטאַזיע זיך צעפלאַקערט. דאָס וואָס זיי האָבן געזען און געהערט איז פאַר זיי ממש געווען מעשה־כישוף. נישט איינער פון זיי האָט אויסהערנדיק די לעגענדעס אַרומגעקוקט זיך מיט אימה, געזוכט די שדים. אָפט האָט אויך פון דער נאַכט־פינצטער אַרויסגעשריגן אַ הייזעריק קול: „די יידן זענען קלוג און שטאַרק״.

מיט דער צייט האָבן אָנגעהויבן צו זיי קומען יונגע, אַראַבישע סקויטן וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען אָפּלייקענען די לעגענדעס און זיי איבערצייגן: — דער ייד איז אפשר קלוג אָבער אַ פּחדן. גבורים זענען די פּאַלעסטינער אַראַבער. זיי האָבן אַ סך, אַ סך ביקסן און זיי ווילן דעם ייד פאַרטרייבן פון לאַנד. זיי האָבן דערציילט, אַז אויפן וועג קיין חברון האָבן אַראַבער דערשטאָכן דריי יידן און זיי באַגראָבן אונטער אַ באַרג. די יידן און די ענגלענדער זוכן זייערע קערפּערס און קענען נישט געפינען. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז אַ דאָרף אַראַבער, אין די בערג פון ירושלים זענען באַפאַלן און פאַרכאַפּט פופציק ייִנגערע יידן וואָס האָבן שפּאַצירט און זיי אויסגעשאָכטן. זייערע קערפּערס ליגן צעשפּרייט איבערן באַרג, די פייגל עסן זייער פלייש, די שאַקאַלן גריזשען זייערע ביינער. זיי האָבן זיי אויך דערציילט מעשיות, אַז אין גליל זענען אַראַבער באַפאַלן זייערע יידישע שכנים, געהרגעט די שומרים און ביי זיי צוגענומען זייערע ווייבער און זיי איינגערעדט אַז דאָס טוען זיי אויך אין די קיבוצים.

פון אָנפאַנג האָבן די חורנער זיך צוגעהערט און געשוויגן. לעצטנס צעשרייען

זיי זיך ווילד מיט עקסטאַז יעדעס מאָל. אָבער, ווי נאָר די סקויטן ענדיקן זייערע באַרימערייען, הייסן זיי אויפשטיין די חורנער, פירן זיי אַרויס אין גאַס און מושטרירן זיי, לערנען גיין צו פיר אין אַ ריי. נאָך די איבונגען האָבן זיי אָנגעזאָגט „גרייט זיך צו פאַרטרייבן די יידן פון לאַנד”.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו ניסימס מעשיות. אויך אורה. זי האָט נאָר איינצווישן געקרייצט איר בליק מיט בערקעס. מנחם וואָס האָט נאָך שוואַך פאַרשטאַנען עברית, איז געזעסן און געשוויגן אָבער פון אָנשטרענגונג צו פאַרשטיין דאָס געהערטע זענען זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן געווען פאַרגלייזט. דער קומזיץ האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די צייט, וואָס איז געבליבן אורהן מיט בערקען אויף אַן אינטימען שמועס, האָט זי ביידע באַעוולט. בערקעס קורצער באַזוך מיט אַלע נאָכפאָלגן האָבן ביי אורהן ווידער דערוועקט עלנט און בענקשאַפט. איר נייע אַרבעט האָט זי באַרויִקט. זי האָט געאַרבעט אין אַ קינדערהיים. ירוחם, נידעריק און קיילעכיק ווי אַ פעסל, מיט אַ לבנה־פּנים, אין וועלכן מען האָט ווי אַריינגעשטופּט צוויי קליינע אייגעלעך, איז נישט בייגעשטאַנען דער פלעגערינס צודרינגלעכקייט: היינט, מאָרגן ברעכן מיר זיך צוזאַם. ער האָט יעדעס מאָל אַ הייב געטאָן די אַקסלען ביז ער האָט זיך אונטערגעגעבן און געפּסקנט: „נעמט אייך אורהן”. זי איז אַריין אין דער אַרבעט, זיך צונויפגעלעבט מיט די קינדער, אָבער דער קינדער־צוּיבער האָט אין איר דערוועקט מוטערלעכקייט. פון ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט האָט זי נישט איין מאָל מורא באַקומען זיך צורירן צו די קינדער. נישט איין נאַכט איז זי געלעגן ביי זיך אין צימער אויף אַ קישן אַ פאַרטראַכטע און פלוצים זיך צעוויינט. אין צווישנצייט איז בען עטלעכע מאָל געקומען זי באַזוכן און יעדעס מאָל איר געבראַכט אַ קלייניקייט: אַ פלעשל קעלניש וואַסער, אַ טעוועלע שאָקאָלאַד. ער האָט זיך באַמיט מיט איר פאַרזעצן זיין קאַנטשאַפט פון אַ מאָל. איין מאָל האָט ער איר אפילו אָנגעדייט, אַז אין קיבוץ לעבט זיך נישט שלעכט. זיינע רייד און אָנדייטונגען האָבן ביי אורהן זיך אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן וואָס האָבן דאָס אַלץ נישט געהערט. להיפך, דאָ אין קיבוץ איז איר אָפּשיי צו אים: זיין אויסזען, זיינע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער זענען נאָך אָפּשטויסנדער געוואָרן. זיינע לאַנגע, צוגעקעמטע האָר האָבן איר אויסגעזען ווי געדראַשענער פלאַקס. זיינע דאַרע פינגער האָבן איר אויסגעזען ווי טויטע ביינער. ווען זיינע באַזוכן זענען געוואָרן צו אָפטע האָט זי נישט געהאַט קיין ברירה און דעליקאַט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז זיינע באַזוכן זענען איבעריקע. פון זינט בען האָט אויפגעהערט צו איר קומען קומט איר באַזוכן מנחם וואָס שטאַמט פון אַ שטעטל אין פוילן. ווען ער איז געקומען אַלס מעפּיל מיט דער „גלילה” איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער שיף און אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ שטיק אייזן און פאַרוואונדעט זיין לינקן פוס. צוזאַמען מיט דער רעשט פאַרוואונדעטע האָט מען אים אַוועקגעפירט קיין גנון. ער איז געווען אַ זון פון אַ רימער און אַלס קליין ייִנגל שוין געאַרבעט. זיין עלעמענטאַרע בילדונג האָט ער זיך דערוואָרבן אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. אים איז דאָס לעבן אין קיבוץ געפעלן און ער איז געבליבן אין אים. די ערשטע צייט האָט ער אין

קיבוץ געאַרבעט אַלס אַ „שטאַפּער“. ווו עס זענען נויטיק געווען אַ פּאָר געזונטע פּלייצעס, דאָרט אַהין האָט מען אים געשיקט, אָבער לעצטנס האָט ער שוין געאַרבעט אַלס בעל־עגלה. זיינע מויל־אייזלען זענען געווען יונגע און זיך געבריקעט, אָבער אים האָבן זיי געהאָרכט אפשר דערפאַר וואָס די קאָליר פון זייער פעל האָט כמעט זיך נישט אונטערשיידט פון דעם קאָליר פון זיינע האָר. ער האָט מיט זיי אויס־געפירט די שווערסטע אַרבעטן און איז אויך גרייט געווען אַרויסהעלפן. אויך אורה האָט זיך מיט אים אַרויסגעהאָלפן איבערהויפּט פון זינט זי האָט פאַרלאָזט די קינדערהיים און זיך אומגעקערט צו אירע הינערשטייגן. אָפט האָט ער איר געבערענגט גרין גראָז פאַר אירע עופות. אַ סך מאָל האָט ער זי אַליין אַרויפגענומען אויף זיין וואָגן און זי געפירט צו דער אַרבעט. ער, וואָס איז געווען אַן אונטער־אָפיציר אין דער פוילישער אַרמיי, האָט אויך אין גנון געלערנט ווי זיך צו באַגיין מיט מאַשין־געווער. צווישן זיינע תלמידים איז אויך געווען אורה. זי איז אים זייער געפעלן. אים האָט געלאָקט נישט נאָר איר חן, נאָר אויך איר בילדונג. ער האָט אין איר געזען די בעל־הביתישע טאָכטער פונעם שטעטל, צו וועלכער ער האָט אין פוילן נישט געהאַט קיין צוטרוי. אויך זי האָט זיך געפילט היימיש אין זיין אָנוועזנהייט כאָטש אין באַנעמען זיך איז ער געווען דערביק.

אורה האָט ערשט איצט פון זינט זי איז צוריקגעקומען פון שטאָט זיך אָנגעג־הויבן איינלעבן אינעם שטייגער פון קיבוץ. אָבער אין איינעם פון די אָוונטן איז חנני דער שוסטער אַריין צו איר אין דער הינערשטייג און איר געזאָגט: „עס וואַרט ווער אויף דיר אין סעקרעטאַריאַט“. ער האָט געהאַט אַ גלאַטיקן קאָפּ און אַ בעלמע אויפן רעכטן אויג וואָס האָט אומהיימלעך זיך באַוויגן. אין חנניס אָנוועזנהייט האָט ער איר אָנגעזאָגט, אַז זי דאַרף איבערגיין אויף אַ צווייט אָרט. אַ מינוט און זי איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, — ווידער אין דער פרעמד, ווידער אויסגעוואָרפן! אויך חנני האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו דער וואַנט, זי באַדויערט. ווען אורה האָט זיך באַהערשט פון איר איבערראַשונג, האָט זי געפרעגט מיט אַ קול וואָס האָט פאַרראַטן איר פאַרצווייפלונג: „ווו אַהין?“ די בעלמע אויפן אויג האָט אַ צאַפּל געטאָן, זיין לינק אויג האָט זיך איינגעקוקט אין איר, און ער האָט איר געענטפערט: „קום אַ ביסל זיך איבערגיין“. שוין אין דער טיר האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזאָגט חננין אַ שנעלן שלום. אין דרויסן האָט ער איר איבערגעגעבן אַן אַדרעס, עטלעכע פּרטים און אָנווייזונגען, איר אויסגעשטרעקט די האַנט און געווונטשן הצלחה. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין אויטאָ וואָס איז געשטאַנען ביים טויער און פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט־פינצטער. אורה, די פאַר־צווייפלונג האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַן אימה. טרערן האָבן איר געשטיקט פון אויפרעגונג, אָבער פון אימה האָט זי נישט געקענט וויינען. זי האָט נאָר אָפּגעזיפצט, אָבער אירע פיס האָבן אומבאַוווּסטזיניק זי צוגעפירט צו מנחמען. ער האָט גראָד געלערנט עברית אויפן קול: „אני הלכתי, אתה הלכת, הוא הלך“. דערזעענדיק אורהן האָט ער איבערגעריסן דאָס איינחזרן. ער איז אויפגעשטאַנען און זי אָנגעקוקט מיט אַ שיפן בליק וואָס האָט שטיל ווי געפרעגט: וואָס איז געשען? אַן אויפגעג־

רעגטע האָט זי נאָר אַ שטאָמל געטאָן: „איך מוז פאַרלאָזן די היים". דערהערנדיק די בשורה איז ער געבליבן ווי אַ פאַרשטיינערטער. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן באַדעקט זיין גרויסן, גלאַטיקן שטערן. ער האָט באַלד געפרעגט: ווו אַהין דאַרפסטו פאָרן? זי האָט זיך פאַרטראַכט און אַ ווײַלע שפּעטער געענטפערט מיט אַן אויס־מיידנדיקע תשובה: „צו אַ פויער אין דאָרף". מנחם האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ בליק ווי ער זאָל וועלן ווידער פרעגן, אָבער ווען ער האָט דערזען איר אויסדרוק פון פנים, האָט ער איר אויסגערעדט: „באַרויִק זיך, נישט שרעקלעך. איידער דו וועסט זיך אַ ריר טאָן און זיך אַרומקוקן וועסטו שוין דאַרפן אַהיימפאָרן". אָן אונ־טערצושיידן וואָס ער טוט האָט ער אַ גלעט געטאָן איר קאָפּ. אורה האָט שטיל אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, אָבער זי איז באַלד צוריק אַוועק פון אים. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. ווען זי איז אַריין צו זיך אין צימער האָט זי זיך אַרויפ־געוואָרפן אויפן בעט אַ פאַרחלשטע. מנחם האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף דער וואַנט און פון פאַרדראָס צו זיך און צו אַלעם האָט ער געסאָפּעט און זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ליידיקן רוים. ווען זי איז איינגעשלאָפן איז ער שטיל אַרויס פון צימער. אין משך פון דער נאַכט איז ער עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צו איר באַראַק און אונטערגעהאָרכט. עס איז געווען שטיל. ער איז צוריק אַוועק אין שטוב.

ווען אורה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף זענען שוין אַלע געווען ביי דער אַרבעט. זי האָט זיך צעטשוכעט פון קאָשמאַר און זיך דערמאָנט וואָס זי דאַרפט טאָן. זי איז אַראָפּ אָן ווילן פון בעט. זי האָט פאַמעלעך, פלעגמאַטיש זיך אָנגעטאָן און צונויפגעפּאַקט אירע פעקלעך. ווען זי איז אַריין אין עסצימער איז דער זאַל געווען ליידיק. ווי שטענדיק האָט זי אויך איצט באַשלאָסן אָפּטרעטן ביי אירע הינער, אָבער זי האָט עס נישט געטאָן. זי איז מיטן רענצל אין האַנט געגאַנגען צום אויטאָבוס. קיינער האָט זי נישט באַגלייט. אויך מנחם איז געווען מיט זיינע מויל־אייזלען אין פעלד. נאָר פון ווייטנס אויף אַ בערגל איז געשטאַנען רפאל מיט זיין לאַנגן שטעקן אין האַנט און מיט זיין שאַרפן בליק זי באַגלייט.

דער האַלבער רונד פון ים איז געווען פלאַך. זיין ברעג איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקן זאַמד וואָס די כוואַליעס האָבן אָנגעטראָגן. אָבער אין צפון, עטלעכע קילאָמעטער פון גנון, האָט דער שטח זיך אויפגעהויבן, ווי אַרויסגעריסן פון דער ערד־טיפעניש איז געלעגן אַ קורקאַר־באַרג וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דינעם שיכט מאָגער גראָז. פון דער ים־זייט איז די באַרג־וואַנט געווען ווי גלייך און איינגעהאַלטן די ים־כוואַליעס, וואָס האָבן זיך באַמיט זי אונטערשווענקען און נישט געקענט. ווען דער מאַנדאַטן־מאַכט איז געוואָרן קלאָר, אַז די סביבה דאָ איז דאָס אָרט ווו די שיפן מיט מעפילים אַנקערן, האָט זי אויף דעם באַרג אויפגע־שטעלט אַ פּאָליציי־סטאַציע — אַ באַראַק מיט אַ רויטן דאַך, אויף וועלכן עס האָט געפלאַטערט די קאָלאָניאַל־פאָן און אָפּגעצוימט דעם שטח מיט אַ פּלויט פון שטעכל־דראָט. די וואַך איז באַשטאַנען פון פופצן אַראַבישע פּאָליציסטן, וואָס האָבן געהיטן

טאָג און נאַכט נישט נאָר פון וואַד־טורעם, נאָר אויך מיט די צוויי מאָטאָר־שיפלעך, וואָס זענען געשוווּמען לענגאויס דעם ים־ברעג. דער יידישער פּאָליציסט איז נאָר געווען דער פאַרמיטלער צווישן דער מאַכט און דער באַפעלקערונג אין דער סביבה. זיי באַדינט און פאַר זיי געקאָכט האָט אַ שוואַרצער, שלאַנקער סודאַנער מיט איינגעשניטענע באַקן, ווייסע גרויסע ציין און געלבלעך־רויטע אויגן. דער אָפיציר איז געווען אַן ענגלענדער — אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס, קאַנטיקער גאָמבע מיט רויטע, פאַרקעמטע האָר, מיט אַ שרונט אין מיטן קאָפּ ווי ביי אַ פּרוי און לאַנגע, פאַרגעלטע פון ניקאָטין ציין. ער האָט געשטאַמט פון ליווערפּול, אַן אַפּטייקערס אַ זון און אַ סטודענט פון דריטן סעמעסטער פילאָזאָפיע. אים איז געווען איבערדריסיק די טאָג־טעגלעכקייט. יעדן טאָג די זעלבע לעקציעס, דאָס זעלבע איינחזרן, דאָס זעלבע עסן. אַ ביסל זיך אָפּצולענקען איז ער צוויי מאָל אין דער וואָך געגאַנגען אין קינאָ. צוליב דער מאָנאָטאָנקייט האָט ער זיך פאַרשריבן אין דער קאָלאָניאַל־פּאָליציי. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שנעלן אָפיצירן־קורס און געשיקט געוואָרן קיין פּאַלעסטיין. זיין איצטיקע איינזאַמקייט האָט פאַרביטן זיין מאָנאָטאָנקייט דאָ. אויף דעם באַרג איז זיין אַמט און פּרעסטיזש געווען די מחיצה צווישן אים און די מענטשן — דער באַפעלקערונג און פּאָליציסטן. ער האָט זיך געלאַנגווייליקט, כדי זי צו פאַרטרייבן האָט ער געלייענט די ביכער וואָס ער האָט געברענגט פון דער היים. דער איינציקער וואָס איז אַריין צו אים אין צימער איז געווען דער סודאַנער. זייער באַציִונג איז געווען אַ קעגנזייטיקע. דער סודאַנער האָט אים דערלאַנגט וויסקי און קאַלט ביר, דער אָפיציר האָט אים געגעבן די פאַרנאַגראַפישע צייטשריפטן, וואָס מען האָט אים געשיקט פון לאָנדאָן. צוליב די צייטשריפטן איז דער סודאַנער געוואָרן חשוב ביי די פּאָליציסטן. זיי האָבן מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן געגאַפּט איבער די נאַקעטע פרויען אין די זשורנאַלן. סטאַן, דער אָפיציר איז געפאָרן אין שטאָט אויף אַ טאָג צוויי פאַרברענגען זיין אורלויב. ער איז געשווּמען און געמאַכט גימנאַסטיק. אַן אָפּגעזונדערטער, אָן אַ נאָענטן האָט ער ביי זיך געהאַלטן צוויי נידעריקע הינט מיט לאַנגע אויערן און געדיכטע שוואַרץ־גרויע האָר. שעהען האָט ער מיט זיי שפּאַצירט איבער דער סביבה. ביים אָרט ווו עס טרעפט זיך צונויף דער באַרג מיט דעם זאַמד־ברעג איז געלעגן ווי אַ קליין אַריינגעשטופּט אַ פּרוכטבאַרער דרייעק, מיט די עטלעכע אויף אים יידישע ווירטשאַפטן — דער אָנהייב פון אַ נייער זידלונג. די הייזער זענען נאָך געווען אָן שאָטן. די געפלאַנצטעביימער זענען קוים אַריבערגעוואַקסן די ערד־אויבערפלאַך. די הייזער זענען געווען פּירקאַנטיק און האָבן אויסגעזען ווי אָוועקגעשטעלטע קאַסטנס אויף דער ערד. די זידלונג וואָס האָט זיך געבויט האָט נאָך נישט געהאַט קיין נאָמען. די מענטשן אין דער סביבה האָבן דאָס אָרט גערופן „וויסטעניש”. סטאַן אין דער באַגלייטונג פון ראַלפן און פאָקסן האָט שפּאַצירנדיק אָפּט באַזוכט די אָפּגעזונדערטע הייזער. ער, וואָס ביי אים אין דער היים זענען די יִשובים געווען איינגעזעסענע און פאַרוואַרצלטע, האָט געפונען אינטערעס אין דער סביבה וואָס בויט זיך ערשט. צווישן די הייזער איז אויך פאַראַן דאָס הויז פון שלמה אונגער. ער, אַ

נידעריקער, דאַרער מיט אַ לענגלעך אויסגעצויגן פּנים און איינגעפאַלענע באַקן האָט געשטאַמט פון וואָלינער געגנט אין פּוילן. ער איז דאָרט געווען פון די אָנגעזעענע בעל־הביתים. ער האָט פאַרמאָגט אַ צוויי־שטאָקיק הויז און אַ האָלץ־לאַגער וואָס איז געווען באַקאַנט אין דער סביבה און אים מפרנס געווען מיט כבוד. ער דער פאָרזיצער פון די ציוניסטן אין זיין שטאָט איז געקומען קיין ארץ־ישראל אַלס אַ טוריסט אויף פיר וואָכן זיך אַרומקוקן אין וואָס ער קען אינוועסטירן אַ חלק פון זיין געלט און צוריקפאָרן. היטלערס אינוואַזיע האָט אים פאַרהאַלטן. אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער און נישט געוווסט וואָס מען רעדט צו אים. אים האָט באַזאָרגט זיין משפחה, אַ פרוי מיט אַ צען־יעריק יינגל. ער האָט געמיטן מענטשן. דער צער האָט אים אָפּגענומען ס׳לשון און ער האָט נישט געקענט זיך אַראָפּרעדן. ער האָט נאָר געלייענט צייטונגען — געשלונגען דאָס נייעס. דער רושם פון די ידיעות האָט זיך געזען אויף זיינע באַקן, וואָס זענען אַלץ מער און מער איינגעפאַלן. עלנט און אָפּגעלאָזן, אָן אַ קרוב האָט ער ווידער געלייענט די אַכזוריותדיקע ידיעות און זיך געמאַטערט אין זיין צער און צאָרן אָן אומבאַהאָלפענער. ווי אַ משוגענער איז ער געלאָפן פון זיין האָטעל־צימער אין גאַס אַהין און צוריק און אויסגעקוקט אַ ידיעה, אָן ענטפער אויף זיינע כסדרדיקע טעלעגראַמעס וואָס ער האָט צעשיקט — געפרעגט וועגן גורל פון זיין משפחה. טאָג, טאָג איז ער געלאָפן אין דער סוכנות און חוקר ודורש געווען און זיך אומגעקערט אַ דערשלאָגענער און רעזיגנירטער. ווייל וואָס האָט אַ סוכנות־באַאַמטער געקענט אים העלפן? אַליין אַ הויכער, דאַרער מיט אַ קמץ־בערדל אויף דער גאָמבע האָט ער אים אויסגעהערט מיט געדולד, אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געטרייסט: „זייט אייך נישט מייאש, היינט, מאָרגן וועט איר באַקומען אַ גוטע ידיעה. אָבער פון אונטערס אויגן האָט שוין אַרויסגעקוקט וואַנזין. ער איז געבליבן אין צימער, נישט געגאַנגען עסן נאָר מיט דער סיגאַר אין מויל געלאָפן איבערן צימער אַהין און צוריק און זיך ווי געראַנגלט מיטן שאָטן פון זיין פרוי און זון וואָס זענען אים ווי נאָכגעגאַנגען. אויף די נאַכט האָט אים נישט געבערענגט אַ דערלייכטערונג. ער איז נישט געשלאָפן נאָר געדרימלט, אָבער אין אָוונט האָט די מידקייט אים גובר געווען און ער איז איינגעשלאָפן. אין דער פרי האָט ער זיך אויפגעוועקט און איז זיצן געבליבן אין בעט. ער איז געזעסן ביז אין האַלבן טאָג אַריין און געקוקט אויפן לאָמפּ וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. פּלוצים האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן ווי אַ משוגענער און זיך צעשריגן אויפן קול: „כאַנקע און נחומל לעבן״. ער האָט זיך באַלד אָנגעטאָן און שנעל אַרויס אין גאַס. דער געדאַנק, אַז זיין משפּחה לעבט האָט אים אומגעקערט דעם מוט און זיין פריערדיקן כוח. איצט האָט ער פאַר זיך געהאַט אַ באַשטימטן ציל: פאַרזאָרגן זיין משפחה. מיט דער הילף פון אַ מעקלער האָט ער געקויפט פינף דונאַם ערד אין דער „וויסטע״. ווען ער האָט זיך אויף איר באַזעצט האָט ער פון בענקשאַפט געאַרבעט פון מאָרגנגרוי ביז פינצטער. ער האָט געאַקערט און געזייט און געפלעגט יעדע פלאַנץ און קוסט. אָבער די אָוונטן, די שעהען וואָס ער האָט נישט געאַרבעט איז ער קוים איבערגעקומען. די שכנים האָבן

געוווסט זיין טראַגעדיע. זיי האָבן געוואָלט אים פאַרגרינגערן זיין געמיט. אָבער מער ווי אים לערנען ווי ער דאַרף אַרבעטן האָבן זיי נישט געקענט. ער האָט אָבער געאַרבעט מיט שווונג און מיט אימפּעט. זיין ווירטשאַפט האָט געבליט, געקענט מפרנס זיין אַ משפחה, אָבער זיין משפחה איז באַשטאַנען פון איין מענטש — ער. דערפאַר איז ער געווען דאַנקבאַר און צופרידן ווען אורה איז צו אים געקומען. בייטאָג האָט זי געאַרבעט ביי אים אין דער הינערשטייג. אין אָוונט האָט זי זיך באַמיט זען, זי זאָל קענען צווויסן טאָן וואָס עס קומט פאַר אויפן באַרג. זי איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אַלס ספּעציאַליסטין פאַר הינערצוכט. די שכנים זענען צו איר געקומען זיך עצהן. זי האָט מיט געדולד און צוריקגעהאַלטנקייט אַלע געגעבן אָנווייזונגען. אונגער האָט געוווסט נאָך וואָס מען האָט אורהן געשיקט צו אים. אויך ער איז געווען אַ חבר אין דער „שורה”. ער האָט זיך צו איר באַצויגן מיט רעס־פּעקט און צוריקגעהאַלטן.

אורה האָט נישט פאַרטראָגן זיין נערוועזע שנעלקייט און זיך באַמיט וואָס ווייניקער קומען מיט אים אין קאָנטאַקט. אפילו געגעסן האָט יעדער באַזונדער. איר טרעפן זיך מיט סטאַנען וואָס זי האָט פאַרטראַכט, איז פאַרגעקומען ווי צופעליק. ס'איז אָבער געווען דער אָנהייב פון אַ סך סטאַבילע צוזאַמענטרעפן. זייער ערשטער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען אין אַ פרימאָרגן.

איבער דער סביבה איז נאָך געלעגן די דעמערנדיקע שטילקייט. די מענטשן — יעדער באַזונדער האָט זיך געגרייט צו זיין אַרבעט. אורה האָט זיך געבאָדן אין ים וואָס האָט לייכט געברויזט. זי איז געשווומען און באַמערקט סטאַנען וואָס האָט שפּאַצירט לענגאויס דעם ים־ברעג. אין מאָמענט האָט זי אַ קוויטש געטאָן ווי זי זאָל רופן הילף. סטאַן איז שטיין געבליבן. ווי נאָר ער האָט דערזען, אַז אַ מענטש אַמפּערט זיך מיט די כוואַליעס — טרינקט זיך — האָט ער איבערגעלאָזט זיינע הינט. ער האָט שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די בגדים און געלאָפן געבן הילף. אורה האָט זיך אָפּירגערוקט פון אונטער דער כוואַליע וואָס האָט זי איבערגעדעקט נאָר אויף אַ רגע. זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט, זיך צעשמייכלט, דערביי אויסגע־שטשערעט אירע ווייסע ציין און אים געפרעגט אין ענגליש מיט אַ סלאַווישן אַקצענט: „איך האָב דיך איבערגעשראָקן?” סטאַן האָט זי אָפּגעמאָסטן מיטן בליק. ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול און געענטפערט: „איך בין געקומען דיך רעטן”. „אַ דאַנק” האָט זי אים געזאָגט מיט אַ שמייכל און גענומען גיין צום ברעג, ער נאָך איר.

אויפן ברעג זענען אָנגעלאָפן זיינע הינט. זי האָט זיך מיט זיי דערפרייט און געגלעט זייער פעל. די הינט האָבן זי אָנגעקוקט מיט גוטע אויגן. זי האָט זיך אַנט־ציקט מיט זייער שיינקייט. סטאַן האָט פאַר איר גערימט זייערע אייגנשאַפטן. „ווי מאַכן אייך פרייד?” האָט אורה געפרעגט. סטאַן האָט זי אָנגעקוקט. זיין בליק האָט אַדורכגעדרונגען און געענטפערט: „יאָ, די איינציקע דאָ באַשעפענישן וואָס איך האָב ליב”.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן, אים באַטראַכט אַ ווײַלע און שטיל

ווי זי זאָל רעדן צו זיך געזאָגט: „מאָדנע“. סטאָן האָט פאַרשטאַנען איר מיין און געענטפערט: „איך האָב נישט מיט וועמען צו פאַרברענגען, דו וואָלסט זיכער דערויף נישט איינגעגאַנגען“. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט צעשמייכלטע אויגן און אַ שפּאַס געטאָן: „דעריבער האָסטו ערשט געוואַגט ווען דו האָסט געמיינט, אַז איך טרינק זיך“. „איר יידן דערווייטערט זיך פון אונדז“ — האָט ער געזאָגט. „איר ענגלענדער זעט אין אונדז נאָר נייטיווס“ — איז זי נישט געבליבן הינטערשטעליק. סטאָנס פּנים איז געוואָרן ערנסט אָבער ער האָט באַלד איר געזאָגט: „דאָס זענען נאַרישקייטן, מיר שליסן פריינדשאַפט“. ער האָט איר אויסגעשטרעקט זיין האַנט און זיך פאָרגעשטעלט: „סטאָן — פּאָליציי־אָפיציר“.

זי, ווי זי זאָל זיך ערשט איצט האָבן דערוווּסט ווער ער איז, האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט: „איך הייס אורה“. סטאָן האָט איר געדריקט די האַנט און זיין גוטמוטיקער שמייכל האָט אָפּגעדעקט זיינע פאַרגעלטע ציין. אורה האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך, אים ווי אָנגעדייט, אַז זי איז אין באָד־קאָסטיום און געזאָגט: „איך גיי אַהיים“. סטאָן האָט זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און איר געענטפערט: „אויב עס שטערט דיר נישט, מיר, זיכער נישט“ און זיך צעלאַכט אויפן קול. אורה האָט מיטן באָרוועסן פוס אָנגעטראָטן זיין שוך און געענטפערט: „מענער זענען דרייסט“. זי האָט גענומען לויפן און גערופן די הינט נאָך זיך. זיי און סטאָן האָבן זי נאָכגעיאָגט. זי איז אָבער געלאָפן שנעל. די הינט האָבן זי אָנגעיאָגט, סטאָן נישט. אורה, אַ פאַרמאַטערטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד. סטאָן איז אָנגעקומען און זיך צו איר צוגעזעצט. זי האָט שווער געאָטעמט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל און געפרעגט: „זיך פאַרמאַטערט?“ זי האָט אָפּגעאָטעמט און געענטפערט: „אַ ביסל“ ווען זי האָט זיך באַרויִקט האָט זי געפרעגט: „ווי שפּעט איז“? „האַלב ניין“ האָט ער געענטפערט. „וואָס?“ האָט זי אַ געשריי געטאָן פון איבערראַשונג. „איך מוז שוין גיין אַהיים!“ „וואָס איילסטו זיך?“ האָט ער געפרעגט: „איך מוז זאָרגן פאַר מיינע הינגער“ האָט זי געענטפערט. „איך וועל דיך באַגלייטן אָבער בתנאַי, אַז מיר טרעפן זיך אין אָוונט“ האָט ער פאַרלאַנגט. „גוט, ניין אַזייגער“ האָט זי אים געזאָגט.

זיי זענען געגאַנגען און די הינט נאָך זיי. פונעם פריינדלעכן צונויפטרעף אָן האָבן זיי זיך געטראָפן כמעט טאָג, טאָג. אַ סך מאָל ווען פון אים האָט זיך געפילט דער וויסקי־ריח האָט ער גערן געהאַט שמועסן איבערהויפּט וועגן רעליגיע און בודאַיִזם. אורה האָט נייגעריק זיך צוגעהערט אָבער על פּי רוב האָט זי איבער־געפירט דאָס געשפּרעך אויף אַ טעמע וואָס איז געווען איר נאָענטער. די פריינד־שאַפט זייערע האָט געהאַלטן, אָבער ווען ער האָט זי פאַרבעטן צו זיך אויפן באַרג אַרויף האָט זי אים אָפּגעזאָגט. ווען זיין בקשה אָבער איז געוואָרן צודרינגלעך האָט זי אים געזאָגט: „די צייט וועט קומען“.

אין אַ פאַרנאַכט. זיי האָבן שפּאַצירט אויפן ברעג ים, האָט ער מיט כוח זי אַרומ־גענומען און צוגעדריקט צו זיך. ער האָט זי געקלאַמערט אין זיינע אָרעמס אַ רגע און אַ קוש געטאָן איר אין האַלדז. איר האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן. דער

קאָפּ האָט איר געהאַמערט פון עמאָציע אָבער זי איז באַלד צו זיך געקומען און גענומען גיין מיט לאַנגע, גלייכגילטיקע טריט. סטאַן איז איר נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן שפּאַצירט אַ צייט לאַנג.

די טיפע נאַכט־שטילקייט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַרום זיי. זייערע שריט זענען ווי נאָכגעגאַנגען זייערע געדאַנקען און זיי צוגעפירט צו איר צימער. דאָס צימער איז געווען באַשיידן און געמיטלעך — אַ נידעריק קיילעכיק טישל, צוויי טאַבאַרעטן, אַ וואַליזע אַלס שאַנק, איבערגעדעקט מיט אַ טישטעכל און אַן אייזערן בעט איבערגעדעקט מיט אַ גרויען קאָץ. פון וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט אַ בילד פון אירע עלטערן. דאָס אַלץ האָט אין צימער געשאַפן די פּרימיטיווע באַקוועמלעכ־קייטן. דער אָנגעצונדענער נאַפט־לאָמפּ האָט מער בולטער געמאַכט די שאָטנס, ווי באַלויכטן.

די געמיטלעכקייט האָט באַרוישט, גערייצט און געשיכורט. אין מאָמענט האָבן ביידע פאַרלוירן זייער זיכערקייט, געצווייפלט. אורה האָט זיך פאַרראַכטן אירע צעשויבערטע האָר און געבעטן סטאַנען זיצן. זי האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש דזשין. אים האָט זי אָנגעגאָסן אַ גרעסער גלעזל, זיך אַ קלענערס. סטאַן האָט אויס־געטרונקען דאָס גלעזל מיט איין שלונג און אָפּגעהויכט: „האַ־אַ־אַ״. אורה האָט אָפּגעטרונקען און געפּרוווט פאַרפירן אַ שמועס. זי האָט אים דערציילט די ענינים פון אָרט, וועגן מאַנגל אין וואַסער, ווי טייער רערן זענען און נאָך און נאָך. אָבער דער שמועס האָט זיך נישט געבונדן. אירע רייד זענען געווען אָן צוזאַמענהאַנג און אינטערעס. אין דער צייט האָט זי עטלעכע מאָל אָנגעפילט סטאַנס גלעזל. זיין קאָפּ איז געווען אים שווער. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגלייזט און האָבן געפינטלט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך.

די אַראַבישע פּאָליציסטן האָבן סטאַנען געשעצט, אורהן אָבער האָבן זיי פיינט געהאַט. זיי האָבן זי גערופן די „הינטיכע״. אויך יאַשקע, דער יידישער פּאָליציסט, אַ שלאַנקער מיט שוואַרצע אויגן, האָט זי געהאַסט. אַ מאָל האָבן זיי זיך געטראָפן אויף אַ זייטיקן וועג. ער האָט געוואָלט מיט איר פאַרפירן אַ שמועס, אָבער זי איז אים פאַרבייגעגאַנגען, אים אַפילו נישט געענטפערט אויף זיין שלום. זי איז אין זיינע אויגן געווען פאַרדעכטיקט, אַן אויסגעלאַסענע. ער האָט וועגן איר אויפ־פירן זיך איבערגעגעבן אין דער „שורה״.

אויך די שכנים האָבן זיך געסודעט וועגן איר באַנעמען זיך. זי האָט געליטן און געשוויגן. אויך אונגער האָט געשוויגן אָבער כאָטש ער האָט געוווּסט צוליב וואָס זי געפינט זיך ביי אים אין שטוב און אויך געוווּסט, אַז זי גיט איבער דער „שורה״ וועגן יעדן פּאָליציי־שיפל ווו און ווען עס פאָרט, האָט ער נישט געקענט צוזען איר פירן זיך. איר אויפפירן זיך איז אויך דערגאַנגען קיין גנון ווו נאָר איינצלנע חברים האָבן געוווּסט וועגן איר פליכט. אַ סך חברים האָבן זי שוין געהאַלטן פאַר אַ „בודדת״ וואָס מאַכט אַ לעבן.

ווען די שמועות וועגן איר זענען דערגאַנגען צו מנחמען, האָט ער באַשלאָסן

זי באַזוכן, געוואָלט זיך איבערצייגן. אין אַ פרימאָרגן האָט ער אָנגעקלאַפּט אין איר טיר. ווי נאָר זי האָט אים דערזען איז זי פון פרייד כמעט אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַלדז. אָבער ווי נאָר די איבערראַשונג איז פאַרביי האָט זיין אָנוועזנהייט זי קרעמ־פּירט. זי האָט כלפּי אים זיך געפילט אַ שולדיקע. מנחם האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די קיבוץ־אַטמאָספערע. אורה איז ווי צוריק אַריין אין דער אַטמאָספערע און אים אויסגעפרעגט ווי מען לעבט אין גנון. זי האָט נישט געקענט זיך באַהערשן און געפרעגט פּרטים, פּרטים. קרעמפּירנדיק זיך האָט זי אויך געפרעגט אויף בערקען. צו פאַרטושן די פראַגע האָט זי אויך געפרעגט וואָס עס מאַכן די מויל־אייזלען. מנחם האָט געענוי איר געענטפערט אויף יעדער פראַגע.

דער שמועס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. דערביי האָט ער איר געהאָלפן אין דער אַרבעט. ער האָט אויסגערייניקט די הינערשטייג, געגעבן עסן די הינער און נאָכגעגאַנגען אורהן ווי אַ שאָטן. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן מיט אַ מין פרייד. דער היפּך אורה. זי איז כסדר געוואָרן מער אויפגערעגט. איר האָט געפייניקט די פראַגע, אויף וועלכער זי האָט נישט געהאַט קיין ענטפער און נישט געוואַגט זי פרעגן: „צוליב וואָס ער איז געקומען?" אָבער די פראַגע וואָס זי האָט נישט געפרעגט מיטן מויל, האָט זי ווי געפרעגט מיט איר יעדן בליק. מנחם האָט דאָס אַלץ נישט באַ־מערקט. ערשט אין אָוונט, ווען זי האָט אים אַרויסבאַגלייט, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אויפן ראַנד פון אונגערס שטח.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. מנחמס בליק האָט אויך געפרעגט און איר געענט־פערט אויף איר פראַגע וואָס האָט איר געמאַטערט דעם גאַנצן טאָג. זי האָט פאַר־שטאַנען זיין מחשבה און געוואָלט פאַרמיידן זיין פראַגע. זי האָט מיט שווונג איבער־געפירט איר האַנט איבער זיין ווי שטרוי צעשויבערטע טשופּרינע, אים אַ קלאַפּ געטאָן אויפן אַקסל און געזאָגט: „קוראַזש!". צווישן זיי איז אויף אַ ווײַלע אַנט־שטאַנען אַ שטילקייט. באַלד האָט אורה אים אויסגעשטרעקט איר האַנט, אים געזאָגט שלום און אייליק צוריק אַוועק. מנחם איז געבליבן געפּלעפט. אַ דערשלאָ־גענער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער געשלעפּט די פיס.

אורה איז אַריין אין שטוב אַן אויפגעטרייסלטע. זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט און פאַרמאַכט די אויגן. דער קאָפּ האָט איר געדוישט און זי האָט מיט אירע פאַרמאַכטע אויגן געזען: מנחמען, בערקען, גנון, אונגערן און סטאַנען. מיט אַ מאָל איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ. זי האָט שנעל פאַרריגלט די טיר, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קלייד און זיך צוריק אַרויפ־געוואָרפן אויפן בעט. דורכן פענצטער איז אַריינגעדרונגען די לבנה־ליכט, וואָס האָט אַ ביסל באַלויכטן די גרויקייט אין צימער און איר איינגעקאָרטשעטן קערפּער.

דער ישוב האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאַכט פון איין זייט, מיט די אַראַבער פון דער צווייטער זייט און אויסגעקוקט, געוואָרט אויף עולים און מעפּילים. אויך אורה האָט זיך געראַנגלט מיט זיך צוליב דער „שורה" פון איין זייט און סטאַן פון דער צווייטער זייט.

אָפּט, אין די בין־השמשות־שעהען, זענען איר באַפאַלן ספיקות וואָס האָבן זי אויפגעטרייסלט: וואָס וועט זיין דער סוף? אויך פאַר דער סביבה איז דער ענין שוין געווען נאַטירלעך — די ווירקלעכקייט: ווו ער, דאָרט זי. די תושבים האָבן פון זיי געחוזקט, זיי גערופן — דאָס „פּאָרל". איבערהויפּט ווען זי האָט אָנגעהויבן צו אים קומען אויפן באַרג אַרויף, האָבן די רכילותן באַקומען פליגל. זי האָט געלעבט צוויי וועלטן וועלכע זי איז געווען איבערגעגעבן און געגאַסן פון זיי מיט פולע הויפנס — ווי נאָר אַ שיפל האָט זיך אַ ריר געטאָן האָט זי באַלד צו וויסן געטאָן דער „שורה". אויך סטאַנס יעדן פאַרלאַנג איז זי אַנטקעגנגעקומען. זי האָט אפילו אים געצערעוועט זיינע סקאַרפּעטן. ער האָט איר פאַרגעלייענט די בריוו וואָס ער האָט באַקומען פון די עלטערן.

זיי האָבן צוזאַמען געגאַשט די פאַרשידענע זיסקייטן וואָס די מוטער האָט אים יעדן חודש רעגולער געשיקט. אָבער אין די אָוונטן ווען זיי זענען געזעסן אין די נאַכט־לאָקאַלן האָט זי באַקומען אַן עקל צו זיך און זיך געפרעגט: וואָס און ווען האָסטו דאָ? עטלעכע מאָל האָט דאָס געפיל זי באַהערשט אין מיטן טראַנס פון טאַנץ, ווי דער זויערער אַלקאָהאָל־ריח וואָס האָט אויסגעפּילט דעם לאָקאַל־רוים, זאָל זי שטיקן. אירע טריט זענען געוואָרן האַמעטנע. אַדרבה, דער כאָרכל פון זיין הייזעריק שיכור קול האָט זי געלאָקט.

אין אַ נאַכט פון די נעכט, אין די שפּעטע שעהען, האָט די עליה־אָפּטיילונג פון דער עליה ב׳ ביי דער „שורה" אויפגענומען די ראַדיאָ־ידיעה: „שמשון" אויפן אָפענעם ים. ענגלישע עראָפּלאַנען האָבן אונדז אַנטדעקט, מיר דערנענטערן זיך צו די ברעגן פון לאַנד; ווו אַנקערן? נאָך אַ פיבערהאַפטער באַראַטונג פון דעם עליה ב׳־שטאַב האָט די שיף באַקומען אַ תשובה: אין צפון שטאָט; ביי דער באַרג־ריף נומער פינף. „שמשון" איז געווען אַן אַלטע פּאַסאַזשירן־שיף. די עליה ב׳־צענטראַלע אין אייראָפּע האָט זי אָפּגעקויפט פון אַ דרום־אַמעריקאַנער שיפס־געזעלשאַפט און זי פאַרוואַנדלט אין אַ מעפּילים־שיף.

אין אַ קליינעם פישער־פּאָרט אין דרום־פראַנקרייך האָבן זיך אין איר איינגעשיפט טויזנט מעפּילים. צומאָרגנס נאָכן דערהאַלטן די ידיעה פון „שמשון" האָט אורה דערהערט אַ קלאַפּ אין איר פענצטער־לאָדן, דעם „שורה"־פּאַראַל. אַ הויכער, בלאָנדער בחור מיט אַ שוואַרצער אויגן־בינדע איבערן לינקן אויג, צעקראַצטע העמד און באַהאָרטן ברוסטקאַסטן האָט געזאָגט: „שפּינען". ערשט איצט נאָכן זאָגן דעם פּאַראָל איז ער אַריין אין צימער און געזאָגט „שלום" און שוין ביי דער טיר איר איבערגעגעבן: „אין דער נאַכט קומט אָן אַ שיף, טו אַלץ דער ענגלענדער זאָל זי אַדורכלאָזן". ער האָט געשוויגן און געוואַרט. זי האָט אפילו נישט אַ קוק געטאָן אויף אים און געענטפערט: „אין אָרדענונג". ער האָט ווידער אַ מאָל געזאָגט „שלום" און איז איילִיק אַוועק. אורה האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אַרומגעוואַשן, זיך אָנגעטאָן אָבער נישט צוגעבעט דאָס בעט, נישט איבערגעעביסן און זי איז אַוועק צו סטאַנען.

ער האָט גראָד שפּאַצירט אויפן באַרג אין דער באַגלייטונג פון זיינע הינט.

דערזעענדיק זי איז ער איר אַנטקעגנגעלאָפן, די הינט נאָך אים. זי האָט אים געגומען אונטערן אָרעם און געזאָגט: „קום צום ים". זיי זענען אַראָפּ פון באַרג. ער האָט זי באַטראַכט פון דער זייט און געזען ווי ערנסט זי איז. ער האָט געוואָלט ענדערן איר שטימונג און איר דערציילט ווי די הינט האָבן אין דער פרי זיך געשפּילט מיטן גומענעם באַל. זי האָט געהערט און געשוויגן. ווען זיי זענען צו־געקומען צום ברעג ים האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן זאַמד. אויך ער האָט זיך צוגעזעצט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן. מיט איר האַנט אַ גלעט געטאָן זיין נישט ראַזירט פּנים און געזאָגט ווי זי זאָל ציילן יעדעס וואָרט: „אין אָוונט דאַרף אָנקומען אַ שיף מיט מעפּילים. זיי וואַלגערן זיך אויפן ים וואָכן, שטער זיי נישט לאַנדן".

סטאַן איז זיצן געבליבן אַ פאַרגליווערטער. זיינע אויגן זענען געוואָרן בולט און האָבן געקוקט אָן אַן אויסדרוק, אָבער ער איז באַלד צו זיך געקומען און איר געענטפערט: „איך בין אַן ענגלישער אָפיציר און האָב פליכטן". זי האָט אים פאַר־שוויגן. זי האָט נאָר ווידער אַ מאָל אים אָנגעקוקט מיט אירע אויפגעריסענע אויגן און מיט אַ ציטעריק קול געזאָגט: „איך בין אַ יידישקע. טו דאָס פאַר מיר". אַ ווייל האָבן ביידע געשוויגן. באַלד האָט סטאַן אויסגעדרייט צו איר זיין קאָפּ און געפרעגט: „דו ווייסט וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר?" זי האָט אים נישט געענט־פערט. זי האָט אים נאָר אָנגעקוקט. זיינע אויגן האָבן נישט אויסגעהאַלטן איר בליק.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און נערוועז געגאַנגען הין און צוריק, די הינט נאָך אים. מיט אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן און איבערגעוואָרפן זיך די הענט איבערן קאָפּ. ער האָט געסאַפּעט ווי ער זאָל זיך אַמפּערן מיט זיך און געזאָגט: „גוט!" אורה האָט זיך צעוויינט. ווען זי האָט זיך באַרויקט האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם און געגאַנגען צוריק אויפן באַרג. די הינט נאָך זיי. גייענדיק האָט ער איר געזאָגט: „דאָס קען מיך קאָסטן מיין קאַריערע — אָבער באַלד צוגעגעבן — פאַר דיר מאַך איך דעם ספּאָרט". אין צימער האָט זי צוגעגרייט פרישטיק: ווייס ברויט, פּוטער, אַ רויע ציבל און טיי מיט מילך. זיי האָבן געגעסן און געשוויגן. ווען ער האָט געענדיקט עסן האָט ער זיך אָנגעצונדן די פּייקע און געגרויכערט. עס האָט זיך דערפילט דער ניקאָטין־ריח וואָס האָט זיי איינגעהילט. „יאָ" האָט ער געזאָגט, באַשטעטיקט זיין באַשלוס: „די צוויי אַלטע פּאָליציסטן לאָז איך אויפן באַרג, איינציקע פון זיי שיק איך צו זייערע ווייבער אויף אורלויב. דער ייד מיט די רעשט פּאָליציסטן וועלן פּאַטראָלירן אויף דעם דרום־ים־ברעג. מיר פאָרן פאַרברענגען קיין חיפה" האָט ער פאַרענדיקט.

די שפּאַנונג איז געווען אַן אומגעהויערע, די לופט — פול דערוואַרטונג וואָס די נאַכט וועט ברענגען. די אַקציע האָט צוגעגרייט דער אָרטיקער פּלמ"ח צוזאַמען מיט דעם פּלמ"ח וואָס איז געקומען פון דער פרעמד. די צוגרייטונג איז געווען אין פולן גאַנג. אין דער שול און אריח איז איינגעשטאַנען די ספּעציעלע גרופּע פאַר שנעלער הילף, מיט וועלכער עס האָבן אָנגעפירט צוויי דאָקטוירים. די „שורה" האָט באַשלאָסן, בכדי די אַקציע זאָל זיך איינגעבן, אויספירן צוויי אַקציעס אין איין

מאָל — אַראָפּנעמען די מעפּילים פון „שמשון" און אָנגרייפן דעם געווער־מאַגאַזין „גלית". די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און פאַרנעפּלטע. צעוואָרפענע גרופן האָבן זיך אָרגאַניזירט צווישן די קוסטן־ביימער־בערגלעך. ווען דער טעלעפאָן פון דער „שורה" האָט אין דער האַלבער נאַכט צווויסן געטאָן, אַז „שמשון" דערנענטערט זיך צום ברעג האָט „חיש" (פעלד־מיליטער) געעפנט אַ פייער.

אַ קוילן־האָגל האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן אויף דער מחנה וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ דרייפאַכיקן שטעכלדראָט־פּלויט. די אָנגעצונדענע פּראָזשעקטאָרן האָבן אַ לייכט געטאָן, ווי זיך אַרומגעקוקט ווער עס שיסט. די פּראָזשעקטאָרן האָבן עטלעכע מאָל זיך אויסגעלאָשן און אָנגעצונדן און די מחנה האָט געענטפערט מיט פייער. דאָס קראַכן און פייפן פון די קוילן האָבן געריסן די נאַכט־פינצטער. דער קוילן־געפּלעכט פון די ביקסן האָט געשטעפּט, דעם הילך פון מאַשינען־געווער. די צעשראָקענע בהמות האָבן יאָמערלעך געמרוקעט. זיי באַגלייט האָט אַ ווילדע בילעריי פון צערייצטע הינט. אַ שאָטן פון אַ מענטש האָט מען נישט געזען אין דער סביבה, אַ דריי־פאַכיקער פייף האָט אַדורכגעשניטן די פינצטער — דאָס האָט דער פלמ"ח אויפן באַרג אָנגעזאָגט, אַז ער האָט אַנטוואָפנט די צווייי פּאָליציסטן.

„שמשון" מיט אויסגעלאָשענע ליכט האָט מיט זיין גאַנצער קראַפט געשניטן די לעצטע ים־כוואַליעס. אַ געדיכטער רויך וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון די קוימענס און דער הילכיקער שרויפן־גערויש האָבן די שיף געטריבן צום ברעג. דער אויפרייס פון קעסל האָט דעם שיף־שנאָבל איינגעגראָבן אינעם זאַמד. דער מעפּילים־המון האָט זיך צעברויזט. אַ לעבנס־שטראָם איז זיי אַדורך. די וואָס האָבן זיי אָפּגעוואַרט ביים ים־ברעג האָבן געפליסטערט: „זיי זענען דאָ!" באַלד האָבן זיך צו זיי אַ לאָז געטאָן נאַקעטע לייבער: די מעפּילים זענען געשפּרונגען אין וואַסער צו זיי. ווי אַ מוראַשקע־פּראָצעסיע וואָס ציט זיך און ציט זיך האָבן די מעפּילים אין אַן אויסגעצויגענער שורה געאיילט צו דער יבשה. דאָס אַרויפגיין אויפן זאַמד איז פאַרגעקומען אָן שטערונגען. מען האָט נאָר געהערט דעם וואַסער־פּליוך און טויבע פּוסטריט.

דער המון האָט איייליק געשטראָמט צו די אויטאָבוסן וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט און מיט זייטיקע וועגן אַוועקגעפירט קיין תל־אביב ווו עס זענען פאַר זיי גרייט געווען צייטווייליקע קוואַרטירן.

פאַרטאָג האָבן די פאַרביישווימענדיקע אַראַבישע פישער־שיפלעך צווויסן געטאָן דער פּאָליציי אין יפו וועגן דער שיף וואָס אַנקערט אין ים. די דעמערונג איז נאָך נישט בלאָס געוואָרן ווען עס זענען מיט אימפּעט אָנגעפאָרן אָנגעפּאַקטע אויטאָס מיט פּאָליציסטן. אָבער „שמשון" איז געלעגן אויף אַ זייט אַ פאַרלאָזענע און פון איר קוימען האָט זיך נאָך געדריוולט דאָס לעצטע ביסל רויך.

אויפן בערגל אַנטקעגן איז געשטאַנען רפאל מיטן שטעקן אין האַנט.

סטאָן מיט אורהן זענען אין חיפה פאַרפאָרן אין האָטעל „ספּלענדיד". די שטייניקע, שטאָקיקע געביידע אין דער דייטשער קאָלאָניע, דאָס שווערע טונקעלע מעבל

און די טעפּעכער האָבן אין די צימערן געשאַפן בעל־הבתישע געמיטלעכקייט. דער האָטעל איז געווען אָפּגעזונדערט פון שטאָט־געפּילדער, ווייט פון די ייִדן און אַראַבער. פון פאַרזיכטיקייט האָט סטאַן זיך פאַרשריבן אַלס קראָסבי אויפן נאָמען פון זיינס אַ פעטער אין גלאַזגאָ. נאָך דעם זעלבן טאָג זענען זיי אַרויפגעפאָרן אויפן כרמל. זייער ערשטער וויזיט איז געווען אין באַר „אימפּעריאַל״. זיי זענען געזעסן אויף דער אָפענער טעראַסע און באַטראַכט די ים־פּראַכט וואָס איז געלעגן ווי פאַר זייערע פיס. אין אורהס הענט האָבן זיך באַוועגט צוויי שטריק־שפּיזלען. זי האָט געשטריקט אַ ווייסן סוועטער פאַר אים. פון מאָל צו מאָל האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן, אים אָנגעקוקט. ער האָט איר געענטפערט מיט אַ בליק וואָס איז געווען פאַרגלייזט.

אין אָוונט זענען זיי צוריק אַראָפּגעפאָרן אין שטאָט זען אַ פילם — ווי די פרוי פון אַ גוטבאַזיצער אַנטלויפט אין די בערג מיט איר געליבטן. דער פילם איז אים זייער געפעלן. דערנאָך זענען זיי צוריק אַרויפגעפאָרן אויפן כרמל־באַרג. אָוונטברויט האָבן זיי שוין געגעסן אין „מאָנאָפּאָל״, דערנאָך זענען זיי אַריבער אין טאַנץ־זאַל. זיי האָבן געטאַנצט כמעט אָן אויפהער. צו זיי אין האָטעל האָבן זיי זיך אומגעקערט נאָך האַלבער נאַכט. דער פאַרשלאָפענער בעל־אכסניה האָט שטיל זיי געעפנט דעם אַריינגאַנג. צומאָרגנס זענען זיי אויפגעשטאַנען שפּעט. די וואַרעמקייט און דער אַלקאָהאָל האָבן סטאַנען פאַרמאַטערט. אורה האָט די ערשטע זיך איבערגעוועקט אָבער איר פוילקייט האָט זי געהאַלטן אין בעט. ליגנדיק האָט זי געטראַכט פאַרשידנס — איר היים, די מאַמע, די הייזער אין גנון, די ווייסטע, וואָס האָבן זיך עקשנותדיק פאַרבונדן ווי קרעלן אין אַן אויפגעצויגן שנירל צוזאַמען מיט מנחמען.

ביידע האָבן געשוויגן און שנעל זיך אָנגעטאָן. פון מאָל צו מאָל איז אורה שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטע ווי זי זאָל זיך צוהערן צו איר אומרו און נישט געוווסט פון וואַנען ער קומט. אין גאַס האָבן זיי געקויפט אַ מיטאָג־צייטונג — די ידיעות זענען געווען לאַקאָנישע. אַפילו דער שטענדיקער פּראָטעסט פון ייִשוב פאַר וואָס מען פאַרשיקט די מעפּילים קיין ציפּערן האָט דאָס מאָל געפעלט. אָבער אויפן שערבלאַט איז געווען אָפּגעדרוקט אַ נעקראָלאָג אין אַ שוואַרצער ראָם: „סאַפּי אונדזער זון איז אומגעקומען, מושב אריח״. ווען זי האָט געלייענט דעם נעקראָלאָג זענען אירע בלוטן פאַרגליווערט געוואָרן און עס האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן. זי איז שטיין געבליבן. איר האָט פאַרפעלט אָטעם. „קום!״ האָט סטאַן זי אַ רוף געטאָן אַ דערשטוינטער. זי האָט זיך באַהערשט און אויסגעגליכן איר טריט מיט זיינעם.

ביים באַשיסן דעם געווער־לאַגער אין „גלית״ האָבן דריי בחורים פון אריח פאַרנומען די ערשטע אָנגרייף־פּאָזיציע. באַלד אין אָנהייב פון קאַמף האָט אַ קויל דורכגעלעכערט סאַפּיס יונג האַרץ וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט. דן און גדעון האָבן פאַרגעזעצט זייער אָנגריף ביז זיי האָבן דערזען אין דער לופט די גרינע ראַקעטע וואָס האָט צווויסן געטאָן, אַז דער קאַמף האָט זיך געענדיקט. זיי האָבן

שנעל צונויפגעקליבן די אויסגעשאָסענע גילזן. זיי האָבן שנעל איבערגעלייגט זיך די ביקסן איבער די אַקסלען, אויף זיי אַרויפגעלייגט סאַפּין און מיט זייטיקע שטעגן אים געטראָגן אין דאָרף אַריין. פּאַרטאָג ווען די אריחער מתישבים זענען מידע, מיט שווערע באַוועגונגען פון די נאַכט־געשעענישן, אַרויס צו זייערע טעגלעכע אַרבעטן האָט גדעון מיט דנין געברענגט סאַפּיס קערפּער. דער פעלד־שומר אויפן פערד האָט באַוויזן צו וויסן טאָן אין דאָרף אַז זיי קומען. פאַרשטייער האָבן אָפּגעוואַרט דעם הרוג אויף דער גרענעץ פון דאָרף. דער קערפּער איז געוואָרן אַוועקגעלייגט אין קולטור־זאַל.

ווען דער פּאָטער איז געקומען זען דעם זון איז ער שוין געלעגן אויף דעם פּאָל איינגעהילט אין אַ ווייס ליילעך. זיינע באַוואָפנטע חברים האָבן געהאַלטן די ערן־וואַך. אין ווינקל אויף אַ באַנק זענען געזעסן דערשלאָגענע ווי פאַרשטיינערטע גדעון און דן. ווען שאול האָט דערזען זיין זון דעם בר־מינן האָט ער זיך צעיאָ־מערט און באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. אויף זיין פּנים איז געלעגן די טויטע אימה. זיינע אויגן זענען געווען אויפגעריסן און פון גרויס צער נישט געזען די אַרומיקע. ער איז געשטאַנען אַ פאַרשטייפטער, זיך נישט גערירט ביז ער האָט זיך צעוויינט און געזאָגט: „ביסט אַוועק צו דער מאַמען״.

ווען דער גלאָק אויפן וואַסער־טורעם האָט געקלונגען זענען אַלע געבוקטע געגאַנגען צו דער לויה. עטלעכע פון די עלטערע האָבן זיך מתעסק געווען מיט דער טהרה. ווען זיי האָבן דעם מת אַריינגעלייגט אין ארון האָבן זעקס פון זיינע חברים אים גענומען אויף די אַקסלען. דער פּאָטער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן און איז אַנידערגעפאַלן. זיינע שכנים האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס און געפירט. מיט שטילע טריט וואָס האָבן געטרעטן אין זאַמד האָבן די מענטשן פון אריח און גנון באַגלייט סאַפּין אויף זיין לעצטן וועג. אים האָט אויך באַגלייט אַ דעלעגאַציע פון דער פּרעמד — צוויי בחורים און אַ בחורה האָבן געטראָגן אַ קראַנץ מיט אַ שוואַרצער באַנד און אַן אויפשריפט: „פון דיינע חברים״. מען האָט אים נישט מספּיד געווען נאָר ווען מען האָט דעם מת אַראָפּגעלאָזט אין אָפענעם קבר איז גיורא מיט הינקענדיקע טריט צוגעגאַנגען.

ער איז שטיין געבליבן און אַריינגעקוקט אין קבר. די שטילקייט אַרום איז געווען אַן אימהדיקע. גיורא האָט פאַרלייגט זיך די הענט אויף הינטן און מיט אַ דיק קול פול כעס געזאָגט: „טייערער חבר, זיי געבענטשט אויף אייביק. איין וועג און איין ציל פאַר אונדז אַלע. זאָל דיר די ערד גרינג זיין״. ער האָט זיך אָנגעבויגן און אַריינגעוואָרפן אין קבר די ערשטע שויפל ערד. שאול, דער פּאָטער, האָט ווי אויסגעגליכן זיין געשטאַלט און געזאָגט קדיש. זיינע ווערטער זענען געווען האַרטע, טרוקענע. ווען ער האָט געענדיקט האָט ער אַליין פאַרשיט דעם זונס קבר.

אורה און סטאַן האָבן זיך אומגעקערט. זי מיט אַן אויטאָבוס, ער אין אַ טאַקסי. זיי האָבן זיך אומגעקערט, ער צו זיינע פליכטן, זי צו אירע ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען, אָבער אורהן האָבן די הענט זיך נישט געלייגט צו דער אַרבעט. זי

איז געווען פויל, אָן ווילן. זי איז שעהען געלעגן אויף דער סאָפע מיט אויפגעריסענע פון אימה אויגן. ווי לאַנג זי האָט פאַרברענגט מיט סטאַנען האָט זי נישט געפילט איר צעברויזט געמיט אָבער ווי נאָר זי האָט איבערגעטרעטן די שוועל און איז אַריין אין צימער און נאָך זיך פאַרשלאָסן די טיר האָט אַלץ איר געשראָקן — די קולות און די שטילקייט.

די איינוווינער פון דער סביבה האָבן געטרויערט און זיך געפרייט אין איינעם. זיי האָבן באַוויינט זייער קרבן און זיך געפרייט מיט דעם נצחון. די פרעסע האָט נישט באַהאַלטן די פרייד און עפנטלעך צוויסן געטאָן: „טויזנט מעפּילים זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין". אַן אַראַבישע דעלעגאַציע איז געפאָרן קיין ירושלים — זיך באַקלאָגט ביי דער מאַכט: „פּאַלעסטין איז הפקר, די יידן זענען די הער־שער. זיי ברענגען עולים וויפל זיי ווילן. דער פאַרבאָט פון דער מאַכט איז פאַר זיי אַ שטיקל פּאַפּיר". די מאַכט האָט צעשיקט איבער דער סביבה פּאָליציסטן און געהיים־אַגענטן און ווען זיי האָבן צוויסן געטאָן ווו די שיף אַנקערט האָט סטאַן באַקומען אַ באַפעל זיך שטעלן אין פּאָליציי־שטאַב. ער האָט וועגן דעם מיט אַ צעטל צוויסן געטאָן אורהן. ווען זי האָט גענומען אין האַנט לייענען דעם צעטל האָבן די אותיות איר געטאַנצט פאַר די אויגן. זי האָט געזען שוואַרצע רעדער און דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט. זי האָט קוים זיך דערשלעפּט צו דער סאָפע און אַרויפגעפאַלן אויף איר אַ פאַרחלשטע. זי האָט נישט געוווּסט ווי לאַנג זי איז אַזוי געלעגן.

ווען זי איז צו זיך געקומען האָט זי דערפילט, אַז אירע ליפּן זענען טרוקן, איר מוח איז אויסגעהוילט. ווען זי איז געקומען צו די געדאַנקען האָט זי ווי געמאַכט מיט זיך אַ חשבון. זי האָט פאַרשטאַנען איר לאַגע: די פרשה מיט סטאַנען איז געענדיקט. שלמה איר אַרבעטסגעבער וואָס האָט זי נישט אָנגעקוקט אַ גאַנצן טאָג האָט אין אָוונט געקלאַפּט אין טיר. זי האָט אים נישט געענטפערט נאָר ווען ער האָט דערהערט איר זיפץ איז ער אַריין אין צימער און שטיין געבליבן אַ צעטו־מלטער. ווען זי האָט אים דערזען האָט זי מיט אַ הייזעריק קול געבעטן: „אַ ביסל וואַסער". שלמה האָט איר באַלד געבערענגט הייסע מילך מיט ביסקוויטן און געפרעגט אַן איבערגעשראָקענער: „ברענגען אַ דאָקטאָר?" זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, טרויעריקע און מידע אויגן, אָבער זי האָט זיך צוזאַמענגענומען און געענט־פערט: „ניין, איך גיי אַהיים".

אַ מילדער פרילינג־ווינט האָט צאַרט געגלעט די שרון־לאַנדשאַפט, ווען אורה האָט זיך דערשלעפּט קיין גנון מיט וואַקלענדיקע טריט. זי האָט געוואָלט ווי אַריינ־גנבענען זיך די חברים זאָלן זי נישט זען. אָבער מען האָט זי באַמערקט און פון וויטנס זי האַרציק באַגריסט: „אורה, שלום!" זי האָט זיי נישט געענטפערט ווי זי זאָל זיי נישט זען. זי האָט געקוקט אַראָפּ און מיט אַלע כוחות שנעל אַריין צו זיך אין צימער אין דעם חדר איבער דער שטאָל ווו זי האָט געלאָזט אירע זאַכן ווען זי איז אַוועק אין דער וויסטע.

ווען חנה די מעלקערין, אַ הויכע, דאַרע, האָט דערזען גיין אורהן צו זיך אין

צימער האָט זי זיך מיט איר דערפריי, זי באַגעגנט מיט אַ ברייטן שלום. אורה האָט אויך איר נישט געענטפערט נאָר אַראָפּגעלאָזט נאָך מער די אויגן. חנה האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ רגע, זי באַטראַכט ווי זי זעט אויס און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זי באַדויערט.

אורה אַ פאַרמאַטערטע האָט געקלעטערט איבער די הילצערנע טרעפּ, מיטן פוס אַ שטופּ געטאָן די טיר און אין די בגדים פון וועג זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שטרויזאַק. איר האָט נישט געאַרט, וואָס אַלץ אַרום איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקן שטויב, אויף וועלכן מען האָט אָנגעזען די שפּאַציר־שטעגן פון די זשוקעס, ווי עס האָט איר נישט געאַרט דער דיקער שפּינוועבס אונטער דער סטעליע. זי איז געלעגן ווי אַ געליימטע אָבער געפילט איר צעברויזט בלוט אין די אָדערן. זי איז געלעגן אַן איינגעהאָרכטע אין דער שטילקייט פון צימער וואָס האָט איר געקלונגען אין די אויערן. זי, איר ווען האָט זיך געצאַפּלט אין פּיין און בענקשאַפט. די איינציקע וואָס איז געקומען מיט איר אין באַרירונג איז געווען חנה. זי האָט איר געבערענגט עסן. אורה איז געלעגן עטלעכע טעג אין איר איינזאַמ־קייט ביז זי האָט דערפילט, אַז זי מיט איר קערפּער איז איבעריק אויף זיך. איצט האָט זי שוין אויך נישט פאַרטראָגן די שטילקייט און איז אַרויס פון צימער.

די חברים האָבן געזען איר צושטאַנד, געוואָלט פאַרגרינגערן אירע ליידן, אָבער זיך באַמיט זי זאָל נישט מערקן, אַז זיי לייגן אַכט אויף איר מצב. זיי האָבן יעדעס מאָל זי פריינדלעך באַגריסט ווי זיי זאָלן האָבן זיך מיט איר נאָר וואָס געטראָפן. די חברים און מנחם האָבן אָבער נאָכגעקוקט נאָך יעדער איר באַוועגונג. אורה האָט זיך אַרומגעדרייט איבער גנון אָן באַשעפטיקונג. זי האָט אויף טריט און טריט געזען דאָס פולסירנדע לעבן, פון וועלכן זי איז געווען אָפּגעריסן. זי איז געווען עלנט און אומגליקלעך, איבערהויפּט ווען זי האָט דערזען צעשפּילטע קינ־דער. זיי האָבן אויף איר אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה. זי האָט זיך געשלייכט איבערן קיבוץ ווי אַ שאָטן, אָן ווילן, אָן אַ ציל און געשוויגן.

דאָס איינציקע אָרט וווּ זי האָט געהאַט אַן אָפּרופּונקט איז געווען דאָס קולטור־הויז. דאָ איז זי אָפּגעזעסן שעהען און זיך נישט אַ באַוועג געטאָן ווי זי זאָל זיין חסר־דעה. אָפּט איז איר באַפאַלן אַן אימה. דעמאָלט איז איר בליק געוואָרן אַ יסורימ־דיקער, אָבער עטוואָס רויִקער און אויף איר פּנים האָט זיך ווי פונאַנדערגעשפּילט אַ קוים מערקבאַרער האָפענונגס־אויסדרוק. זי איז געווען מסוגל זיך צוהערן צו לייכטער פלאַטן־מוזיק. אין אירע שווערע מאָמענטן האָט זי געבלעטערט צייטונגען, אפילו וואָס זי האָט שוין עטלעכע מאָל איבערגעקוקט, ווי זי זאָל אין זיי וועלן עפּעס געפינען.

אין אַ פרימאָרגן נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט — זי האָט געדרימלט און כסדר זיך איבערגעוועקט — איז ווי נאָר זי איז אַריין אין לייען־זאַל האָט זי גענומען אין האַנט די צייטונג. זי איז איבערגעגאַנגען איבער דער כראָניק פון נעכטן. אירע איבערגעשראָקענע אויגן האָבן דערזען די ידיעה וואָס איר געדאַנק האָט קוים צוזאַמענגעבונדן: „דזשעק סטאָן, אַ פּאָליציי־אָפיציר איז דיסציפּלינאַר איבער־

געפירט געוואָרן קיין קעניע״. איר קערפּער איז שטאַר געוואָרן. שוואַרצע רעדער האָבן געקרייזט אַרום אירע אויגן. די ציטונג איז אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט. זי איז ווי פון זיך אַליין אַרויפגעפאַלן אויף אַ בענקל ווי אַ פולער זאַק. איר אויבער־שטער טייל קערפּער איז געלעגן אויפן טיש, אַן אַנגעלעגטער אויפן עלנבויגן. ווען זי איז צו זיך געקומען האָט זי זיך צוגעשלעפּט צו דער טיר און איז אַרויס אין דרויסן. די לופט האָט זי דערפרישט.

זי האָט זיך אַנגעלענט אויף דער וואַנט און געאָטעמט ווי אַ בלאָזזאַק. איר האָט גלייכצייטיק באַהערשט אי אימה און פרייד. זי האָט נישט געוווסט צי זי זאָל וויינען צי לאַכן. זי האָט געוואָלט שרייען פון פרייד און פחד. פּלוצים איז איר באַפאַלן אַ ווילן אַרויפשטעלן אַ פוס אויף אירע טרעפּ. איר האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן. עס האָט איר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. אירע אַלע יסורים האָבן זיך צונויפגענומען אין איין געפיל פון פיין וואָס האָט זי דערנידעריקט. קיין מאָל איז איר די מאַמע נישט געווען אַזוי נאָענט ווי איצט. זי האָט זי געדאַרפט, געוואָלט זיך פאַר איר אַראָפּרעדן, פאַר איר אויסגיסן איר ביטער האַרץ. אַ דערשעפטע און פאַר־מאַטערטע האָט זי געלאָזט זיך גיין — געשלעפּט אירע שווערע, מידע פיס איבערן קיבוץ־הויף. זי, איר ווען איז געווען אַ שאָטן. אין איר איצטיקן צושטאַנד האָט זי נישט געקענט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען, זי האָט נאָר געברענגט פאַר איר מויל איינצלנע, אָפּגעהאַקטע ווערטער: ליבע, פּראָסטיטוציע, מאַמע, קינד, ממזר.

דער היינטיקער מאָרגן האָט זיך נישט אונטערשיידט פון פאַרגאַנגענעם — דאָס זעלבע געאייל ביים עסן, די זעלבע איילעניש ווען מען גייט צו דער אַרבעט. אורה איז נישט געקומען אין עסצימער און אויך נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. זי איז געווען פאַרשרומפּן אין זיך ווי אַ מושלע ווען זי דערפילט געפאַר. זי האָט גע־בלאָנדזשעט איבער די פעלדער, ווי אַ וואַנזיניקע, געטריבן פון אַ פחד. אין די נעכט איז זי געלעגן און דער שלאָף האָט זי נישט גענומען. זי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער מיט אָפענע אויגן, אַן איינגעקוקטע אין דער פינצ־טערניש און געזען פאַרשידענע קאָשמאַרן. ווען זי האָט יאָ איינגעדרימלט אויף אַ רגע, האָבן באַהאַרטע אָרעמס זי אַרומגענומען, זי אַרומגעפלאָכטן, געצויגן זי אין אַ משוגענעם טאַנץ. יעדער פינגער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קינד פון צענד־ליקער קינדער וואָס האָבן שרעקלעך געיאָמערט. זייער יאָמער האָט זי אויפגעוועקט.

איבערצייגנדיק זיך, אַז דאָס זענען אירע אייגענע יאָמער־געשרייען, האָט זי זיך געלאָזט גיין איבערן קיבוץ, זי געטראָפן האָט רחל. רחל אַ נידעריקע מיט אַראָפּגעלאָזטע ברוסטן און אַ קיילעכיק פּנים פון אַ מאַמע, האָט אורהן געזאָגט „גוט מאָרגן״, כאָטש עס איז געווען שטאַרק פינצטער, און זי פאַרבייגעגאַנגען. אורה האָט איר נישט געענטפערט ווי זי זאָל האָבן נישט געהערט, אָבער רחל האָט זי באַטראַכט פון ווייטנס ביז זי איז אַוועק מיט אַ דראָבנעם טריט. רחל האָט יאָרן געאַרבעט אין גרינסגאָרטן אָבער איצט, ווען אירע האָר גרויען שוין, אַרבעט זי אין קליידער־מאַגאַזין. זי איז אַן אלמנה נאָך שרגאן, פון די ערשטע טראַקטאָריסטן אין קיבוץ. דוד איר זון האָט געירשנט פון אים דעם טראַקטאָר. ער האָט שוין אַ

זון רפי — רחל איז זיין באָבע. אָבער פּאַקטיש איז זי די מאַמע פון גאַנצן קיבוץ. ווען רחל האָט איצט געעפנט די טיר פון אורהס צימער איז זי שטיין געבליבן און זיך איינגעקוקט אין איר.

ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז אורה שלאָפט נישט, איז זי מיט קליינע, שטילע טריט צו איר צוגעגאַנגען און זיך צוגעזעצט צו איר. אָן צו רעדן האָט זי אַ גלעט געטאָן אירע צעפלאָמטע באַקן. אורהס פאַרגלייזטע אויגן האָבן זי אָנגעקוקט מיט פחד אָבער באַלד האָט זי זיך באַרויִקט. רחל האָט מיט אַ ווייכע, צאַרטע מאַמע־שטימע גענומען איר אויסרעדן. זי האָט בכוונה צעצויגן דאָס וואָרט ווי זי זאָל סילאַביזירן יעדן אות. זי האָט גערעדט שטיל און פאַרענדיקט אירע רייד: „ווייס, אַז עס רעדט צו דיר ווער עס האָט כמעט שוין זיין לעבן הינטער זיך. איך בין אויך יונג געווען, אויך אַ פרוי. איצט בין איך אַ מאַמע און אַ באָבע. אָבער איך געדענק גוט, גוט דעם יוגנט־צאַפּל פון צער און אַנטוישונג. דו ביסט יונג. דאָס גאַנצע לעבן איז נאָך פאַר דיר. יסורים גייען פאַרביי״.

אורה האָט זיך אויפגעזעצט און זיצן געבליבן ווי עס זאָל איר האָבן פאַרפעלט אָטעם. אירע אויגן זענען גרויס געוואָרן און איבערגעלאָפן מיט טרערן. אַ ספּאַז־מאַטיש געוויין האָט אַ טרייסל געטאָן איר קערפּער. דער קאָפּ אירער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און איז אַרויפגעפאַלן אויף רחלס בוזעם. רחל האָט צאַרט געגלעט אירע האָר און געשוויגן.

# דער תחום

# אַ

פון די דעכער, ביימער, בלעטער און גרעזער האָט פּאַמעלעך געקאַפּעט דער נאַכט־טוי. די הענער אין די שטייגן האָבן אָנגעזאָגט דעם טאָג מיט זייער קרייען: „קו—קו—רי—קו!״

בייזע הינט מיט די ווידלען צווישן די פיס האָבן זיך אומגעקערט אין דאָרף פון זייער נאַכט־יעג. אויסגעשטאַנענע משך דער נאַכט בהמות האָבן אומגעדולדיק געמרוקעט: מו—ו—ו, ווי גערופן די מענטשן זיי זאָלן פון זיי אָפּנעמען די משא — די מילך פון זייערע פולע אייטערס. זיי באַגלייט האָט אַ פערד־הירזשעריי וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַלע עקן דאָרף.

אַרום די שטאַלן און שטייגן האָבן אָנגעהויבן זיך פאָרען פאַרשלאָפענע מענטשן. אַ וואָגן־גרילץ פון קוילערנדיקע זיך רעדער איבער דער ווייכער ערד האָט זיך פונאַנדערגעקלונגען איבער דער לויטערער, פרישער מאָרגן־לופט.

דער מאָרגן האָט געטאָגט איבער הדסים.

פלוצים אַ הילכיק געשריי: — דו ווּעסט מוזן מיר אויף אַלעם געבן אַ תשובה! דאָס איז געווען די באַס־שטימע פון דעם ברייטבייניקן, מיטלוואוקסיקן נחום. זיין קיילעכיק, פול פּנים איז געווען רויט פון כעס. זיינע אויגן זענען געווען אויפגעריסן און געבליצט מיט שנאה. ער האָט געשריגן אויף יעקבן וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביי דער פאָרטקע פון פּלויט.

יעקב, אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ לענגלעך, קנאָכיק פּנים איז תיכף שטיין געבליבן און גלייכגילטיק אָנגעקוקט נחומען. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אַראָפּגע־רוקט זיך דעם קאַשקעט איבער די אויגן און אים געענטפערט: — נו, נו — און איז אַוועק צו זיך אין הויף.

אילן האָט בייגעוווינט דעם אינצידענט צווישן די טאַטעס. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט אינעם ראָג הויז און מיט פאַרזשמורעטע אויגן באַטראַכט דעם טאַטן און דעם שכן. ער האָט געהאָרכט, געזען און געשוויגן.

אַ שמאָלע, טיפע וואַדי וואָס איז געווען די גרענעץ צווישן צוויי לענדער האָט איבערגעשניטן די געקאַרבטע פלאַך. די וואַדי האָט זיך געשלענגלט אין דער ווייט ביז זי האָט זיך פאַרבראָכן און האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרבויגענע קני. אין דרום האָט די איבערגעהאַקטע דורך דער וואַדי פלאַך אויסגעזען ווי אַ שטיוול. די פּיאַטע פון שטיוול איז געווען אַ האַרט שטיק נישט באַאַרבעטע ערד. איבער דער לענג פונעם שטיוול איז געווען אויסגעשפּרייט דאָס דאָרף הדסים.

די דריי־און־זעכציק הייזער וואָס זענען געשטאַנען זיך אַנטקעגן האָבן געשאַפן דאָס דאָרף — די גאַס איז געלאָפן גלייך צו דער וואַדי. די ביימער האָבן זיך געטונ־קען אין גרינס. פון צווישן די צעצווייגטע אויפּס־ביימער און באַצירונגס־ביימער האָט מען אַרויסגעזען נאָר די שפּיץ דעכער און קאַלירטע ווענטפלעקן. יעדעס הויז איז געשטאַנען אין אַ ברווחדיקן הויף. די הייף אין מזרח זענען געווען נאָענט צו די פּרדסים. די הייף אין מעריב זענען געווען אָפּגעדעקט, נאַקעט. די פעלדער האָבן זיך געצויגן ווייט, ווייט אין דרום ביז דעם וועג וואָס פירט אין שטאָט. אין צפון איבער דער וואַדי, דער גרענעץ, איז געשטאַנען אַ פאַרהויקערטער באַרג. אויף זיין שפּוע צום באַרג אַרויף איז ביי דער זייט געווען אַ בולטער שפּיץ, וואָס האָט פון ווייטנס אויסגעזען ווי אַ זקן מיט אַ פאַררוקט היטל אויף אַ זייט. ביי דעם שפּוע איז געלעגן פונאַנדערגעשפּרייט די זידלונג שוני. שוני איז שוין נישט געווען אַ דאָרף און נישט דערגאַנגען צו אַ שטאָט. שוני איז געווען אַן אַראַבישע קאַריאַ.

די קרומע כראַפּאַטע שטיינערנע הייזער אויף דעם באַרג־שפּוע האָבן פון ווייטנס אויסגעזען ווי איינער זאָל קריכן איבער דעם אַנדערן און ווי באַרגקאַרבן. אין אַ פאַרנעפּלטן טאָג האָט מען די הייזער נישט געזען, ווי זיי זאָלן זיין פאַרשלונגען. נאָר דער מעטשעט־טורעם האָט געשטאַרט איבער דער שטילער סביבה.

פינף מאָל אַ טאָג האָט געהילכט איבער דער סביבה דעם מואַדזינס (חזן) קול וואָס האָט גערופן די גלויביקע דאַוונען.

כאַדזש איבראַהים־אַבו־עלי איז געווען אַ מואַדזין. ער האָט יעדעס מאָל איבער־געלייגט זיך זיין רעכטע האַנט איבער די אויגן ווי אַ דעכל, די לינקע האַנט צוגע־לייגט צום אויער און אויסגערופן: „נישטאָ קיין אַנדער גאָט נאָר אונדזער גאָט און מוחמד איז זיין שליח!" אָבער זיינע פאַרזשמורעטע אויגן האָבן יעדעס מאָל אַרי־בערגעקוקט איבער דער וואַדי אַריבער. זיינע שאַרפע בליקן האָבן כסדר געניש־טערט — געזוכט צווישן די צווייגן און די פּרדסים — געקוקט וואָס עס קומט פאָר ביי „זיי" די יידן. ער האָט געקוקט, געוואָלט וויסן וואָס עס קומט פאָר און איבער־געבן זיינע שכנים.

אַבו יוסיף, אַ הויכער און אויסגעגעסענער, מיט גרויע שוין שלייפן און טריבע אויגן האָט זיין גאַנץ לעבן געוווינט אויף דער זייט וואַדי. ווען עס איז אויסגעבראָכן די יידישע באַפרייאונגס־מלחמה האָט ער צונויפגעטריבן זיינע צוויי אייזלען, זיינע דריי קעמלען, זיין סטאַדע קי און מיט זיי אַריבערגעגאַנגען די וואַדי. זיינע דריי זין האָבן אים געהאָלפן. זיין פערטער זון יוסיף, דער בכור, האָט אויף אַ וואָגן, געשפּאַנט אין איין פערד אַריבערגעפירט דעם טאַטנס דריי ווייבער און זיינע פינף שוועסטער. די הינט און די הינער האָט ער געלאָזט אויפן אָרט. ער איז געווען איבערצייגט און זיכער, אַז אין צוויי, דריי וואָכן אַרום וועט ער זיך אומקערן צוריק אין זיין הויז.

אָבער די ענדע איז געווען אַן אַנדערע ווי זיינע שכנים האָבן אים פאַרזיכערט און ער האָט זיך איינגערעדט. די יידישע באַוואָפנטע כוחות זענען דערגאַנגען ביז דער וואַדי. אַבו־יוסיפס הויז, וואָס איז געשטאַנען ביים ראַנד פון דער וואַדי האָבן

די יידן אויפגעריסן און אויף דעם אָרט אַוועקגעשטעלט אַ בונקער פאַר דער גרענעץ־וואַך.

אַבו־יוסיפס אויגן זענען נאָך טריבער געוואָרן. זיינע שטיף־פאַרדרייטע וואַנ־סעס זענען אים איצט שלאַבעריק אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט אויך פאַרלוירן דעם חשק צו דער אַרבעט. טעג גאַנצע איז ער געזעסן אין מעטשעט און געדאַוונט. ווען עס איז געשטאָרבן דער מואַדזין אַבו־עלי האָט ער זיין אָרט פאַרנומען. באַאַרבעט זיינע פעלדער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער זייט וואַדי האָט יוסיף דער בכור. ער האָט אויך פאַרזאָרגט דעם טאַטנס ווייבער און די געשוועסטער. די רעשט זין האָבן געאַרבעט אַלס געדונגענע אין די אַרומיקע פּרדסים.

אַבו־יוסיף האָט נישט געקענט איבערשמערצן זיין פאַרמעגן־פאַרלוסט: דאָס אויפגעריסענע הויז און זיינע דרייסיק דונאַם פּרדס וואָס זענען געבליבן ביי די יידן.

אַבו־יוסיף האָט כסדר דערמאָנט די גלויביקע זיי זאָלן דינען אַללאַן אָבער זיינע קליינע, טריבע אויגן האָבן יעדעס מאָל זיך שאַרף איינגעקוקט אין „הדסים". זיינע אויסגעשפּיזטע בליקן האָבן נישט פאַרבייגעלאָזט די מינדסטע באַוועגונג אויף דער צווייטער זייט. פינף מאָל אַ טאָג האָט ער גערופן די גלויביקע זיי זאָלן קומען דאַוונען, אָבער זיין מחשבה האָט געפּלאָטערט ווייט, ווייט. ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן כסדר פאַר זיך געזען דעם אָנטבלויזטן פולן בוזעם און די קיילעכיקע, פליי־שיקע אָרעמס פון דער מאַדאַם חנה. ער האָט געזען אירע שטאַרקע קליבעס וואָס האָבן זיך ריטמיש באַוועגן ווען זי האָט געשטעלט אַ טריט. אַ מאָל איז ער געזעסן אויף זיין אייזל מיט אַראָפּהענגענדיקע פיס וואָס האָבן זיך געהוידעט, געפירט זעק סעטשקע פאַר דודס בהמות. ער האָט אונטערגעטריבן דאָס אייזל זאָל גיין שנעלער, ער זאָל שנעלער זען זי — חנהן.

אויך איצט נאָך עטלעכע יאָר ווען ער שטייט אויפן מעטשעט־טורעם מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער זיך ווי ער רייט אויפן אייזל און זעט חנהן און פילט דעם ריח פון די צעבליטע פּרדסים איבער דער וואַדי און די פרישקייט פון די פלאַנצן אויף די דאָרטיקע פעלדער.

אויך אַ סך אַראַבער אין „שוני" האָבן פעלדער פון יענער זייט וואַדי וואָס צוליב דער גרענעץ קענען זיי זיי נישט באַאַרבעטן. די אַראַבער האָבן געברענט פון שנאה. שעהען און טעג זענען זיי געלעגן אויף די געבערג און באַטראַכט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן די טאָג־לויטערקייט און געפאָרשט וואָס עס טוט זיך דאָרט איבער דער וואַדי.

די יידן אין הדסים האָבן נישט געבטלט. פון קאַיאָר ביז שפּעט אין אָוונט האָבן זיי געהאָרעוועט אויף די פעלדער. די פאַראַקערטע ערד אַרום דעם דאָרף איז געווען פונאַנדערגעטיילט אין קוואַדראַטן ווי אַ שאַך־פעלד, וואָס האָט געבלאַנקט אַנטקעגן דער זון ווי אַ מאָזאַיק. דער ביימער־ברוין און דער גאָרטן־גרין פון אַרום האָבן געשימערט און זיך געשפּיגלט אין דעם לויטערן הימל־בלוי. די יידן אין הדסים האָבן געהאָרעוועט, זענען אָפּגעגאַנגען אין שווייס און מיט זייער מי אַרויס־געצויגן פון דער ערד איר גערעטעניש, געגרייט שפּייז פאַר די עולים וואָס זענען

געקומען פון אַלע עקן וועלט. יעדעס שטיקל ערד איז געווען באַארבעט, די וואַסער־נעץ האָט אָנגעטרונקען די ערד.

אויך די שכנים — אַראַבער פון איבער דער וואַדי האָבן נישט גערוט. אָפט האָט די נאַכט־פינצטער פאַרהילט אין אירע פאַלדן אויסגעצויגענע באַרוועסע גע־שטאַלטן. זיי האָבן נישט איין מאָל פונאַנדערגענומען די וואַסער־רערן און צעשטערט דעם יידס פראַצע. יעדע נאַכט האָט מען געהערט דעם אָפּהילך פון דער שיסעריי וואָס האָט פונאַנדערגעריסן די נאַכט־פינצטערניש. די יידן אין הדסים האָבן זיך צוגעוווינט צו די נאַכט־שיסערייען. דאָס אויער פון די שומרים — די דאָרפס־פויערים, וואָס זענען לויט דער ריי געגאַנגען היטן זייער האָב־און־גוטס זענען געווען געשפּאַנט און געהערט. זייערע אויגן האָבן גענישטערט די פינצטערניש און זיך צוגעהערט צו די נאַכטשאָרכן. נישט שטענדיק איז זיי געלונגען פאַרהיטן דאָס דאָרף פון די שכנימס בייזע טאָטן.

אָפט ווען אַ פויער איז פאַרטאָג אַרויס אויף זיין הויף האָט ער דערזען אַן אויפגעריסענע טיר פון אַ קו־שטאַל אָדער פערד־שטאַל וואָס איז געווען ליידיק און די קי אָדער די מויל־אייזלען זענען פאַרשוווּנדן.

אָבער די איינוווינער פון הדסים זענען געווען געוווינט צום שטייגער־לעבן פון אָנשטרענגונג, מי און געפאַר. זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט אַ פאַרמעסט — ווער וועט באַווייזן מער? ביי וועמען אין שטאַל איז צוגעקומען אַ קאַפ? ווער האָט פאַרגרעסערט זיין הינערשטייג? ווער האָט געבערענגט אין „קאָנסום־הויז" שענערע און רייפערע ירקות.

אויך אילן, דער הויכער ברייטביינעקער בחור מיט זיין שוואַרצער, צעשוי־בערטער טשופרינע און געדיכטער וואָנסע האָט געהאָרעוועט איבער די כוחות. אילן, נחומס זון וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די באַפרייאונגס־מלחמה איז אין וועזן געבליבן דער זעלנער. מיט אַ זעלנער־רימען אַרום די לענדן, מיט וויקלעס איבער די פיס און אין אַ צעכראַסטעט און אַריבערגעלאָזט איבער די הויזן העמד, איז ער שטענדיק געווען באַשעפטיקט. בייטאָג האָט ער געאַרבעט אין די פעלדער, ביינאַכט האָט ער מיט דער ביקס אין האַנט געהיטן. ער האָט געאַרבעט און געהיטן און אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבאָרגענעם ווייטיק אין האַרץ: אים האָט געלאָקט די שלאַנקע, בלאָנדע רינה.

רינה איז געווען יעקב דעם שכנס טאָכטער. אילן האָט מיט איר געלערנט צוזאַמען אין איין קלאַס אין דער שול און פאַרברענגט מיט איר זיין יוגנט אין דאָרף און מיט איר שפּאַצירט איבער די שטעגן אין לאַנד.

אָבער לעצטנס האָט ער זיך באַמיט דערווייטערן פון רינהן אָבער נישט מצליח געווען זיך באַפרייען פון איר געשטאַלט און וועזן. זי האָט אים באַגלייט ווי אַ שאָטן וואָס גייט נאָך. די שטענדיקע קריגערייען צווישן זייערע טאַטעס האָבן געווירקט אויף זייערע באַציִונגען.

אים האָט באַאומרויִקט דער צאָרן־אויסברוך יענעם פרימאָרגן. אילן דער קרעפטיקער און דרייסטער בחור האָט זיך באַמיט פאַרגעסן זיין האַרץ־ווייטיק

בעת דער אַרבעט. ער האָט אין די אָוונטן זיך אומגעקערט פון פעלד אַ מידער און פאַרמאַטערטער אָבער זיך נישט אונטערגעגעבן זיין גורל.

אין די אָוונטן האָט ער זיך שנעל אַרומגעוואַשן און נאָך שנעלער ביחידות אָפּגעגעסן און אייליק אַוועק פון שטוב. אין הויף, פאַרבייגייענדיק די שטאַל האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויף די קי מיט וועלכע דער פאָטער האָט זיך מתעסק געווען און אויף דער הינערשטייג ווו די מוטער איז געווען פאַרנומען. ער האָט זיי געזאָגט שלום און אַוועק אין דער מעברה.

דער פאָטער דערהערנדיק דעם זונס קול האָט אַראָפּגעלאָזט זיין מידן קאָפּ. זיינע פאַרמאַזאָליעטע הענט האָבן שנעלער געטאָן זייער אַרבעט. נאָר די מוטער האָט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן איר אַרבעט און שטיל נאָכגעקוקט איר זון וואָס דערווייטערט זיך.

אילן, דער קרעפטיקער בחור האָט זיך געגוויטיקט אין אַן אָפּלענק וואָס זאָל אים אויפמונטערן. דעם אָפּלענק האָט ער געפונען אין דער מעברה וואָס מען האָט לעצטנס אויפגעשטעלט אויף דער נישט־באַאַרבעטער ערד־פּיאַטע. דער געוואַגטער „צבר" וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף די פעלזיקע שטעגן האָט אין דער מעברה געפונען די אַנדערשקייט פון דעם צו וואָס ער איז געווען געוווינט ביי זיך אין לאַנד.

די נישט באַאַרבעטע ערד האָט געפונען איר תיקון. די האַרטע, שטיינערנע ערד האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן אָטעמען. איר געקאַרבטער רוקן האָט זיך ווי אויסגעגליכן. די בלעכערנע ביידלעך וואָס מען האָט אויף איר פונאַנדערגעשטעלט האָבן צו זיך צוגעצויגן די זונען־שטראַלן. די ביידלעך זענען געווען אָנגעגליט. די צעגליטע בלעך האָט געבריט און געשפּרייט היץ. די לופט איז געווען אַ שטיקנדיקע, די אויסגעטריקנטע ערד צווישן די ביידלעך האָט זיך געקרישלט. דער פלאַכער רינשטאָק צווישן די ביידלעך איז כסדר איבערגעגאַנגען. אָבער אין די ענגע, בלעכערנע ביידלעך האָט געברויזט אַן אומבאַהאָלפענער לעבנס־ווילן. דער אויפהאַלט אין דער מעברה איז געווען אַ צייטווייליקער. אירע איינוווינער זענען זיך געווען פרעמד. אין דער מעברה האָבן געוווינט נייע עולים וואָס זענען געקומען פון פוילן, איראַק, טוניס און רומעניע. יידן וואָס די מלחמה און שנאה האָבן זיי אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

דאָ אין דער מעברה, דעם פּרוזדור פון זייער נייער היים האָט זיך מזרח מיט מערב צונויפגעטראָפן. די יידן פון מזרח און פון מערב האָבן זיך קעגנזייטיק געמיטן. זייערע מידות און מנהגים זענען געווען אַנדערע.

דאָס שרעקלעכסטע איז געווען זייער שווייגן. דערוואַקסענע, בכבודיקע יידן, טאַטעס פון זין האָבן נישט געפונען קיין געמיינזאַם לשון. די פרעמדקייט פון לשון האָט פאַרשטאַרקט די אָפּגעזונדערטקייט. נאָר אין אַ נויטפאַל, ווען אַ פרוי האָט געדאַרפט געבוירן אָדער עס איז וועמען שלעכט געוואָרן און מען האָט געדאַרפט הילף האָבן זיי זיך צונויפגערעדט מיט די הענט ווי שטומע. זיי האָבן געקענט נאָר עטלעכע ווערטער עברית.

די עדהס זענען געווען אָפּגעזונדערט. און עדה איז נישט געקומען אין באַ־רירונג מיט דער אַנדערער. די יידן פון אייראָפּע האָבן נישט פאַרטראָגן דעם טשאַד פון געפּרעגלטן אייל און דעם זיסן ריח פון ברילאַנטין. די יידן פון מזרח האָבן נישט פאַרטראָגן די פאַרשייטקייט פון די אייראָפּעישע פרויען, זייערע דעקאָלטן און אַנטבלויזטע אָרעמס. פּוילישע פרויען האָבן געשמייכלט איינזעענדיק אַ דיקע, איראַקישע פרוי. אַן איראַקער ייד האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ איינזעענדיק אַן אייראָפּעיִשע, שלאַנקע פרוי. דער לעבנסבאַגריף האָט אָפּגעזונדערט די עדהס.

נאָר די קולות פון די קינדער, מיט וועלכע די מעברה איז פול געווען און האָבן פאַרהילכט די אַרומיקייט מיט טומלענדיקן לעבנס־רעש וואָס האָט זיך נישט געהערט אין קיין אַנדערע עדהס. די קינדער, באָרוועסע אָדער מיט איין שוך אויף אַ פוס, צעכראַסטעטע העמדלעך, מיט אָפּגעריסענע אַרבל, פאַרשטויבטע און פאַר־שמירטע האָבן צווישן זיך שוין יאָ גערעדט עברית. זיי האָבן די ווערטער ווי פון דער לופט געזויגן. פאַר זיי איז נישט געווען קיין פּראָבלעם זיך צונויפרעדן. זיי האָבן צוזאַמען זיך געשפּילט אין באַהעלטערלעך, זיך געיאָגט און געקריגט און אַ סך מאָל זיך באַוואָרפן מיט שטיינער.

בשעת אַ קריגעריי האָבן זיי זיך נישט פונאַנדערגעטיילט אין עדהס נאָר לויט דער גרייס, וווקס און כוח. יעדע גרופּע האָט געוואָלט באַזיגן דעם צווייטן צד. זייערע קריגערייען האָבן מיט אַ מאָל זיך פאַרצויגן ביז אין אָוונט, ביז די נאַפט־לעמפּלעך האָבן אָנגעהויבן צאַנקען אין די שמאָלע פענצטערלעך פון דיביידלעך.

אַלע מענטשן אין דער מעברה האָבן געקעמפט פאַר זייער קיום. ווער עס איז געווען אַ סוחר און געווען געווינט צו מעסטן, וועגן און באַדינען דעם איז שווער געווען זיך צוגעוווינען צו דער אַרבעט. זיי די הענדלער האָבן זיך נישט צוגעבונדן צו דער ערד. די לעבנס־פרישקייט און אַן אויפגעאַקערט שטיק ערד האָט אין זיי נישט דערוועקט די פרייד פון שאַפן. די טוריעס אין זייערע הענט האָבן געקרעכצט. דער שימער פון זייער שאַרף האָט זי געבלענדט און געשראָקן. דער פּחד פאַר דער אַרבעט האָט פאַרוואַנדלט זייער לעבן אין אַ תּחום וואָס האָט זיי דערפירט צו גלייכגילטיקייט.

זיי האָט נישט געאַרט וואָס עס קומט פאַר אַרום זיי, אַז די רינשטאָקן גייען איבער און פאַרפּלייצן די מעברה מיט שמוץ, אַז זייערע קינדער וואַלגערן זיך איבער די פעלדער און וועגן און לערנען זיך נישט. דאָס האָט זיי נישט געקימערט.

ווען שאולי, אַ מיטלוווקסיקער, ברייטביייניקער ייד מיט קורצע הענט איז אַריין אין אַ ביידל און געפרעגט די עלטערן פאַר וואָס זייער זון קומט נישט אין שול האָבן זיי מיט דערשטוינטע בליקן אָנגעקוקט זיין קיילעכיקן, גלאַטן קאָפּ מיט דעם רייפל גרויע האָר פון הינטן. די איבערראַשטע מאַמעס האָבן אים באַטראַכט אומ־באַהאָלפן, די טאַטעס — מיט כעס.

אָבער שאוליס וואַסער־בלויע אויגן האָבן געקוקט גוטמוטיק ווי אַ טאַטע.

יעדע משפּחה ביי זיך אין ביידל איז געווען אַ פאַרשלאָסענע וועלט פאַר זיך. אילן דער „צבר”, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין שאָטן פון די הדסימער פּרדסים

און דעם זונענגלי אויף די פעלדער, האָט אין דער מעברה געזען דעם „גלות", איבער וועלכן טאַטע־מאַמע האָבן אַזוי פיל דערציילט. אילן האָט בשום אופן נישט באַגריפן די אומרויִקייט און דאָס געיעג פון די יידן אין דער מעברה. ער איז געשטאַנען און מיט נייגער זיי באַטראַכט און נישט פאַרשטאַנען וווהין זיי איילן זיך. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי זיי פילדערן און דרענגען זיך ווען זיי שטייגן איין אין אויטאָבוס פון מורא טאָמער לאָזט ער זיי איבער און פאָרט אַוועק אָן זיי. אָן איבער־ראַשטער האָט ער זיך צוגעקוקט צו אליהון דעם שטאַרקן מאַן וואָס האָט אַוועק־געשטעלט אַ סטראַגאַן ביים אַריינגאַנג אין דער מעברה און פאַרקויפט געשיילטע און באַזאַלצענע ערד־ניסלעך. — פאַר וואָס פאַרנעמסטו זיך מיט האַנדל? פאַר וואָס גייסטו נישט אַרבעטן? דו ביסט דאָך געזונט ווי אַן אָקס! ? — האָט ער אים געפרעגט: אליהו האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פון חרפּה און געשוויגן. אַ מאָל ווען אילן האָט פאַרגעשלאָגן אליהון: — קום צו מיר אַרבעטן — האָט אליהו פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. ער האָט פאַרביילט די פויסטן, אַ קריץ געטאָן מיט זיינע ווייסע, געזונטע ציין און מיט אויגן צעפלאַמטע פון כעס אָנגעקוקט אילנען.

אילן האָט פאַמעלעך אַריינגערוקט זיינע הענט אין די הויזן־טאַשן, איז שטיין געבליבן אים אַנטקעגן און שפּאָטיש געשמייכלט.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט אליהו אַ צעקאָכטער געשריגן און מיט פאַרביילטע פויסטן געקלאַפּט זיך אין ברוסט פון פאַרצווייפלונג.

אילן האָט דערפילט צו אים מיטלייד. ער האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און זיך אַ זאָג געטאָן: „משונהדיקע יידן! — און איז אַוועק אין פעלד.

ער איז געגאַנגען און מיט אַ טיפן אָטעם געאָטעמט די פרישע לופט.

אַ מילדער אָוונט־ווינט פון די בערג האָט געקילט זיין ניכפּה. ער איז געגאַנגען אַהיים.

# ב

די פעלדער אין שרון זענען כסדר פלאַכער געוואָרן. גלימערנדיקע אַקער־אייזנס און טוריעס אין געניטע יידישע הענט האָבן אין אויפהער געשניטן די ערד וואָס האָט געאָטעמט מיט לעבן. די ערד האָט כסדר געביטן איר אויסזען. לאַנגע חלקים זענען געוואָרן קוואַדראַטן פון פאַרשידענע גרייסן לויט די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט. זייערע ירקות האָבן געשימערט אין דער זונענשיין.

די גרינגסן האָבן זיך געברווינט אין דער זונען־היץ. דער מילדער זומער־ווינט האָט זיי געקילט. די וואָרצלען האָבן געזויגן די ערד־נעץ. די פּירות האָבן זיך גערייפט. די גרינע שטחים אַרום דעם דאָרף מיט די קאָלירפולע ירקות וואָס האָבן געגלאַנצט מיט זייער פרישקייט. דער ברוין, גראַנאַט און גרין האָבן פון מזרח דערגרייכט די וואָדי, דעם גרינעם שטח האָבן די דאָרפישע הייזער איבערגע־

האָקט. די צעצווייגטע אין דער ברייט פּרדס־ביימער האָבן אַריבערגעשטאַרט איבער די הייזער און געשאַפן דעם גרינעם פלויט־צוים.

אין הדסים האָט מען געהאַרעוועט אָן מאָס און גרענעץ. די יידן אין דאָרף זענען אָפּגעגאַנגען אין שוויס. זיי האָבן געהאַרעוועט פון פרימאָרגן ביז אין דער נאַכט אַריין. יעדער פון זיי האָט געוואָלט איבעריאָגן דעם שכן אין דער אַרבעט.

פונעם אַרבעטס־געיעג איז די ערד כסדר געוואָרן שווערער און פעטער. די ירקות, די בלעטער און שטענגלעך זענען כסדר פליישיקער און זאַפטיקער געוואָרן. די זאַנגען האָבן זיך אָנגעפילט מיט קערנער. די ערד האָט געאָטעמט און געזאָפּט נעץ. די פייכטקייט פון דער ערד האָט געמילדערט די זונען־חמימה.

אויך די קעפּ אין די שטאַלן האָבן זיך געמערט. די גוידערס און די אייטערס זענען פעט געוואָרן און געצויגן צו דער ערד. די קי זענען געשטאַנען אויף צעקראַ־טשעטע פיס און מיט זאַטער רויִקייט געמרוטשעט: — מו—מו—מו! די ווייסע הינער, וואָס האָבן פון ווייטנס אויסגעזען ווי וואָל־בעלעכלעך, האָבן געדריוועט זייער גוטמוטיקן ק—וו—אָ—אָ—אָ. דאָס קוואַקען האָט פאַרהילכט די לויטערע טאָג־שטילקייט.

די מענטשן פון דער מעברה האָבן געאַרבעט אויפן טאָג ביי די פויערים. צענדליקער, צענדליקער האָבן זיי געאַרבעט אויף די הדסימער פעלדער. זייערע איינגעהויקערטע רוקנס האָבן פון ווייטנס אויסגעזען ווי אָנגעלייגטע קופּעס צווישן דעם אַרום, אָבער זייערע הענט און פיס האָבן כסדר זיך באַוועגן. זיי האָבן צונויפ־געזוממען די גערעטעניש.

נאָר אילן מיט דעם אַרומגענומענעם זעלנער־רימען אַרום די לענדן, די פיס אַרומגעוויקלט מיט וויקלעס, האָט געהאַרעוועט אין פּרדס. לעצטנס האַלט ער זיך אָפּ און קומט נישט אין די פעלדער אַריין. ער דערווייטערט זיך פון מענטשן. ער דער הויכער, ברייטבייניקער בחור ליידט. זיין גאַנצן כוח און די ליידן גיט ער אַוועק די ביימער.

גאַנץ פרי, דער מאָרגנטוי פינקלט נאָך פון צווישן די בלעטער, פאַרעט זיך שוין אילן ביי די ביימער. ער גייט פון איין בוים צום אַנדערן און שטעלט אונטער סערענאַדעס אונטער די באַלאַדנטע צווייגן מיט פירות.

זיין אויבערשטער קערפּער טייל איז נאַקעט. מיט אַריינגעלאָזטע הויזן אין גומי־שטיוול, צעפלאָשעטער טשופּרינע ווי אַ קופּע צעוואָרפן שטרוי און פאַר־דרייטע וואָנסעס, אַרבעט ער מיט אימפּעט. די טוריע אין זיינע הענט שפּילט דעם אַרבעטס־הימען. די אַרומגעגראָבענע אַרום די צעצווייגטע ביימער טעלער, זענען קיילעכיק ווי מיט אַ צירקל געצייכנט.

די פליישיקע בלעטער אויף די עלאַסטישע צווייגן האָבן אים געגלעט. זייער פרישקייט האָט געמילדערט זיין יוגנט־ברויז. אָפט האָט אילן אויסגעגליכן זיין רוקן און שטיין געבליבן אַן אָנגעלענטער אויף דער טוריע. שטיל. ער האָט מיט זיין שטאַרן, צעגליטן בליק געשפּיזט דעם לויטערן חלל און פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט רינהס געשטאַלט; אירע בלויע, פול טרויער אויגן וואָס קוקן אויף אים

ווי זיי זאָלן פרעגן „וואָס וועט זיין דער סוף״? דעמלט כאַפּט ער די טוריע אין האַנט און גראָבט שנעל די ברוינע, זאַמדיקע ערד.

אילן, דער דרייסטער, קרעפּטיקער בחור, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין פּחד בשעת אַרום אים זענען געפלויגן די קוילן, האָט איצט נישט געקענט זיך קיין עצה געבן.

זייערע טאַטעס, נחום און יעקב, די שכנים האָבן זיך אפילו קיין „שלום״ נישט געזאָגט. די בשותפותע גרענעץ פון זייערע פעלדער האָט געשטערט דעם שלום צווישן זיי. די גרענעץ צווישן זייערע פעלדער איז געווען דער שיפּוע־אַפּריס וואָס איז אין דער הייך געווען שפּיציק, געברעקלט נחומס ערד און אויפגעדעקט די וואָרצלען פון די ביימער אין זיין פּרדס.

נחום האָט פאַרלאַנגט יעקב זאָל מיט אים בשותפות אויסגיסן אַ בעטאָן־גאַרטל וואָס וועט שיצן זיינע ביימער פון אונטערגאַנג.

די שכנים האָבן זיך אַריינגעמישט, גערעדט יעקבן צום געוויסן ער זאָל מסכים זיין צום שכנס פאָרשלאָג און פאַרענדיקן דעם סיכסוך, אָבער יעקב האָט געענט־פערט מיט אַ טרייסל פון אַקסל, געגאַנגען ווייטער, געלאָזט שטיין דעם שכן, וואָס האָט געפּרוּווט מיט אים רעדן, אַ דערשטוינטן. — „מיינע ביימער וואַקסן אָן דעם״ — האָט יעקב אַ ברום געטאָן שוין גייענדיק.

די ערד־נאָענטקייט האָט דערוויטערט זייער שכנות און אָנגערעגט זייער קעגנזייטיקע שׂנאה.

רינה איז אַרומגעגאַנגען אָן אויפגערעגטע און דערשלאָגענע. אירע נערוון זענען געווען אָנגעשטרענגט. זי האָט גערעדט שנעל און הויך. געגנוג געווען איר מאַכן די קלענסטע באַמערקונג און זי האָט באַקומען טרערן אין די אויגן. פון צער זענען אירע בלויע אויגן גרוי געוואָרן. איר פּנים איז געוואָרן דאַר, די באַקן איינגעפאַלן. אירע אויגן זענען איצט געוואָרן גרויס, ווי אויפגעריסן פון געפּלעפטקייט. זי האָט אָבער פאַרשטעקט איר צער מענטשן זאָלן נישט זען איר מצב.

איר אַרבעט אין דער מעברה איז פאַר איר געווען אַ רעטונג. זי האָט אָנגעפירט מיטן קינדער־גאָרטן. זייער פרייד און פאַרדראָס האָבן זי אָפּגעריסן פון אירע ליידן. זי האָט איר עלנט פאַרברענגט אין דעם לאַנגן, בייכיקן באַראַק. דער באַראַק איז געווען אַ פּשוטער, נישט געהובלט און נישט געפאַרבט אָבער אינעווייניק איז געווען לוסטיק. אויף די ווענט זענען געהאַנגען בילדער, לאַנדשאַפטן און מענטשן וואָס אַרבעטן אין די פעלדער. די סטעלע איז געווען באַצירט מיט קייטן פון קאָלירטע פּאַפּירן און פאַרביקע לאַמטערן. רינה צוזאַם מיט די קינדער האָט אויסגעפּוצט דעם באַראַק. די קינדער האָבן געגאַרט צו איר, זי ליב געהאַט ווי אַ מאַמע. זיי האָבן זיך צו איר געוואָנדן מיט יעדן ענין. ביי די קינדער האָט זי געפונען איר טרייסט.

דער מאָרגן האָט ערשט געגרויט ווען רינה האָט מיט די פעלד־שטעגן שוין געאיילט אין דער מעברה אַריין. זי האָט געוואַרעמט מילך, געשניטן ברויט — געגרייט פרישטיק פאַר די קינדער. די צונויפגעקומענע קינדער פון אַלע עקן וועלט זענען אונטער איר אויפזיכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משפּחה. זייערע עלטערן

האָבן זיי איצט פאַרנאַכלעסיקט. זיי האָבן געדאַרפט זיך געוווינען צו פיזישער אַרבעט צו וואָס זיי זענען נישט געוווינט געווען און נישט געהאַט קיין געדולד צו די קינדער.

די שלאַנקע, בלאָנדע רינה האָט דאָס גאַנצע קליינוואַרג פון דער מעברה גע־האַלטן אַרום זיך. זי האָט זיך אַרום זיי געפּאָרעט — זיי געוואַשן און געקעמט. זי האָט אַפילו פון צייט צו צייט צונויפגענומען אין דאָרף קינדער־מלבושים פאַר די קינדער אין מעברה. זי האָט זיי געלערנט זיך פרייען מיט יעדער זאַך. זי האָט זיך מיט זיי געשפּילט בייטאָג און אין די נעכט האָט זי פאַר זיי אויסגעשטאָפּט פאַר־שידענע חיות: בערן, העלפאַנדן און אייזלען. שפּעט אין דער נאַכט איז זי אַ פאַר־מאַטערטע געבליבן אָן כוח. דעמאָלט האָט זי זיך אויסגעבעט אַ געלעגער אויף אַ טיש אין קינדער־גאָרטן. שאולי דער לערער אין דער מעברה האָט פאַר איר צו־נויפגעקליבן שטיקלעך ברעטלעך, שטריק און אַוועקגעוואָרפענע רעדלעך און דער־פון צונויפגעשטעלט פאַר רינהס קינדער אַ וועגעלע, אַ הוידלקע און אַפילו אַ קליינע קאַרוסעל וואָס האָט זיך געדרייט.

שאולי, דער אַלטער קאַוואַליר — דער בוכהאַלטער פון הדסים, האָט ווי נאָר מען האָט אויפגעשטעלט די מעברה איבערגעלאָזט זיין אַרבעט און איז געוואָרן לערער אין דער מעברה. די שול איז באַשטאַנען פון איין קלאַס מיט צוואַנציק קינדער פון פאַרשידענעם עלטער און פאַרשידענער אַנטוויקלונג. צווישן זיי זענען געווען קינדער וואָס האָבן געקענט לייענען. עס זענען אויך געווען שוין דערוואַק־סענע קינדער וואָס האָבן נישט געוווּסט קיין צורה פון אַן אלף. אַ סך פון זיי זענען געווען דערשלאָגן, אָן מוט און נישט געוואָגט עפענען דאָס מויל. שאולי האָט אָנגע־שטרענגט אַלע זיינע כוחות. ער האָט די קינדער פונאַנדערגעטיילט אין לערן־גרופּן לויט זייער אַנטוויקלונג און וויסן. די קינדער זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע: שלעכטע פון דער נאַטור, גוטהאַרציקע און פאַרדאָרבענע פון זייערע לעבנס־באַדינגונגען.

פון אָנפאַנג האָבן אַלע נישט געוואָלט לערנען. ספּעציעל פרעמד איז זיי געווען די „יידישקייט". אָבער שאולי, דער אַמאָליקער ישיבה־בחור אינעם ליטווישן שטעטל, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן דער עקסטערן אין קאָוונע האָט אָנגעשטעקט די קינדער מיט פלייס און ווילן. פּונקט ווי אַ מאָל אין גליל, ביז זיין לינקער פוס איז פאַראַליזירט געוואָרן פון אָנשטרענגונג אַלס אַן ערד־אַרבעטער, אַזוי האָט ער איצט זיך אָנגעשטרענגט ביים לערנען די קינדער צו מאַכן פון זיי מענטשן פון יישוב. ער האָט די קינדער געלערנט אָן אַ שיטה און אַ פּראָגראַם אָבער מיט הארץ און איבער־געגעבנקייט מיט דער הילף פון פּלאַקאַטן און צייכענונגען. ער האָט זיי נישט נאָר געלערנט לייענען און רעכענען נאָר אויך אין זיי אַריינגעבערענגט רעספּעקט פאַר טאַטע־מאַמע. ער האָט זיך באַמיט אין זיי איינפלאַנצן דעם שטאָלץ וואָס זיי זענען יידן. ער האָט פאַר זיי געזאָרגט ווי אַ טאַטע. דאָס קליינוואַרג האָט אים ליב געהאַט. צעגליטע בליקן פון אויפגעריסענע קינדער־אויגן האָבן באַגלייט זיין יעדן טריט. אויך זייערע טאַטעס, אין זייערע גרויסע מיט די איינגעבויגענע אָפּיענטקעס—שיך,

פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטאַרט זייערע נאַקעטע פיאַטעס, האָבן אים געשעצט. זיי, מיט זייערע באַוואַקסענע מיט בערד ווי מיט רייפן אַרומגענומענע פנימער — זיי האָבן זיך ראַזירט איין מאָל אין דער וואָך לכבוד שבת — האָבן אים מער נישט אויסגעמיטן.

די יידן וועלכע האָבן אים פון אָנפאַנג געהאַסט ווייל ער נעמט פון זיי צו די קינדער און לאָזט זיי נישט אויסנוצן, שיקן זיי אַרבעטן, פאַרדינען, זאָגן אים איצט שוין פון ווייטנס: „שלום, הער לערער!״

ביידע, רינה און שאולי, די פרעבליסטין און דער לערער פון דער מעברה האָבן זיך געמיט איינצופלאַנצן אין די צונויפגעקליבענע איבער דער וועלט קינדער דאָס געפיל פון פרייהייט און לעבנספרייד.

רינהן האָט צוגעהאָלפן גילה, אַ הויכע פרוי וואָס איז נאָר אַלט געווען זעקס-און-פערציק יאָר, אָבער איז שוין געווען איינגעהויקערט און גרוי. אויף איר צעקנייטשט פּנים האָבן זיך נאָך אָנגעזען שיינהייטס-סימנים אָבער די פינגער פון אירע הענט זענען געווען בלוי, אויסגעווייקט און דיק ווי אָנגעשוואָלן. אירע שוואַרצע אויגן זענען געווען מאַט, ווי אויסגעלאָשן.

גילה, די איינזאַמע אויף דער וועלט פרוי האָט אינעם קינדער-גאָרטן ביי רינהן געמאַכט איצט די שוואַרצע אַרבעט. זי האָט מיט ליבשאַפט גערוימט די חדרים און געקאָכט עסן פאַר די קינדער. גילה האָט איר גאַנץ לעבן געהאָרעוועט. ווי נאָר זי איז געקומען פון קראָקע אין לאַנד אַריין, גלייך פון דער שול-באַנק איז זי אַוועק אין קיבוץ קיין תל-חן. דאָרט אין קיבוץ אין עמק האָט זי געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. דאָרט האָט זי חתונה געהאַט מיט דודן. אַנדערהאַלבן יאָר דערנאָך, ווען זייער זון איז געבוירן געוואָרן, איז די משפחה איבערגעגאַנגען קיין חיפה. דוד איז פון איר געווען עלטער מיט צען יאָר, פון פאַך אַ בוכהאַלטער. ער האָט געשטאַמט פון סאַרי, אַ שטעטל אין וואָלין. דאָ אין לאַנד האָט ער געוואָלט לעבן פון אַרבעט. ווען ער איז אַרויס פון קיבוץ איז ער אַוועק אַרבעטן אויף דער בוי. עטלעכע יאָר האָט ער געבויגן און געבונדן אייזן-קאָנסטרוקציעס. אָבער די אָנשטרענגענדיקע אַרבעט איז נישט געווען פאַר די כוחות פון דעם דאַרן, קורצ-זיכטיקן דוד. ער האָט אָנגעהויבן קרענקען. נאָך צוויי יאָר קראַנק זיין איז ער געשטאָרבן פון אַן אינערלעכן בלוט-שטורץ.

גילה האָט איר דעם דעמאָלט פינפיאָריקן זון אַוועקגעגעבן אין אַ קינדער-היים. זי אַליין איז אַוועק וואַשן פלעשער אין אַ ווייַן-קעלער. יאָרן האָט זי אַן איינזאַמע געוווינט אויף דעם שיפן שטח, וואָס איז געווען די בריק צווישן דער וואַדי און דעם באַרג און האָט פאַרבונדן די אונטערשטע שטאָט מיט דעם ווייַנפערטל — „הדר״ און „צפון״. זי האָט געוווינט אין איין צימער אין פאַרטער אין אַ הויז געבויט פון שטיינער. איר איינציקער אינטערעס אין לעבן איז געווען איר זון. זי האָט יעדן שבת אים באַזוכט און אים געברענגט פעקלעך בגדים און זיסוואַרג.

ווען זאב, אַ שלאַנקער, בלאָנדער בחור מיט גרויסע, לעבעדיקע אויגן האָט געענדיקט די פאָלקסשול, האָט די מוטער אים אַריינגעגעבן אין דער לאַנדווירט-

שאַפּטלעכער שול אין חמי אין גליל. זי האָט ווייטער געוואַשן די ווייך־פּלעשער זי זאָל קענען דערציִען דעם זון.

זאב האָט זיך אַנטוויקלט און איז אויסגעוואַקסן ווי אַ יונגער ציפּריס. אינעם יאָר, אין וועלכן עס איז אויסגעבראָכן די באַפרייונגס־מלחמה, האָט ער געדאַרפט פאַרענדיקן די שול. זאב איז מאָביליזירט געוואָרן. דריי חדשים צייט האָט ער געקעמפט און געהיטן די איינגעהויקערטע הייזלעך אין די צונויפגעדריקטע געסלעך פון צפת. פונעם טאָג וואָס ער איז מאָביליזירט געוואָרן, האָט די מוטער אים נישט געזען. איר האַרץ האָט געצאַפּלט אָבער זי האָט געהאַלטן שטאַנד. ווי פריער האָט זי אים יעדע וואָך ווייטער געשיקט אַ פּעקל נאַשוואַרג, אָדער אַנדערע זאַכן וואָס איר מאַמע־האַרץ האָט געפילט, אַז זיי זענען אים נויטיק. זי האָט אים געשיקט: וואַרעמע אונטערוועש, סקאַרפּעטן און געשטריקטע זאַכן פון וואָל. איר האַרץ האָט געפילט, אַז אים איז אין די נעכט קאַלט.

זי האָט ווייטער געוואַשן פלעשער.

אין איינעם פון די בלוטיקע טעג זענען צו איר אין שטוב געקומען מיליטער־לייט. איינער אַ הויכער, דאַרער מיט אַן אויסגעצויגן פּנים וואָס האָט שטיל מיט אַ מאַנאָטאָן קול איר געזאָגט: „אייער זון איז געפאַלן ביים דעראָבערן די פּאָליציי־סטאַציע אין שטאָט”. ביידע מיליטער־לייט האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

גילה, דערהערנדיק די בשורה האָט באַקומען אַ נערוון־דערשיטערונג און איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד מיט אַ שוים אויף די ליפּן. די מיליטער־לייט האָבן זי אויפגעהויבן און אַרויפגעלייגט אויפן בעט.

עטלעכע טעג איז גילה געלעגן אין בעט אַ פאַרחלשטע, זיך נישט אַ ריר געטאָן און נישט גענומען אַ ביסן אין מויל. זי האָט אפילו נישט געוווּסט, אַז אירע שכנים דרייען זיך אַרום ביי איר אין שטוב.

זי איז אפילו נישט געפאָרן צו דער לוויה. ערשט צוויי חדשים שפּעטער איז זי געפאָרן קיין צפת צום קבר. דערזעענדיק דאָס פרישע ערד־בערגל מיט דעם אַריינגעשטעקטן ברעטל צוקאָפּנס מיט דעם נאָמען „זאב חרובי” איז זי ווידער געפאַלן אין אָנמאַכט. זי איז אויף דעם זונס קבר אָפּגעלעגן אַ טאָג מיט אַ נאַכט אָן צו לאָזן אַ טרער. זי איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון ווייטיק, איר טרערן־קוואַל האָט אויסגעטריקנט. איר בלוט איז איר ווי פאַרגליווערט געוואָרן. זי איז געלעגן אויפן קבר מיטן פּנים צו דער ערד און מיט די פינגער געזיפּט די ערד.

חדשים דערנאָך איז איר לעבן געווען אַ קאָשמאַר. אירע שלייפן האָבן אָן אויפהער געהאַמערט. דאָס בלוט אונטער אירע אויערן האָט געפּרעסט, ווי געוואָרגט. אירע אויגן זענען געוואָרן פאַרנעפּלט און געבלענדט. זי האָט געליטן און נישט געקענט צו זיך קומען.

מיט אירע טריבע, האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט זי געזען נאָר אים, איר זון: ווי ער גייט, קוקט, לאַכט און עסט. זי האָט געפילט, אַז ער לייגט אַוועק זיין צע־שויבערטן קאָפּ אויף אירע ברוסטן, ווי ער זאָל ווייטער מיט איר זיין אין צימער. זי איז נישט געקומען צווישן מענטשן. זי האָט נישט געעפנט די טיר ווען אַ

שכנה האָט אָנגעקלאַפּט. זי האָט נישט געקאָכט און כמעט נישט געגעסן. ווען זי האָט דערפילט הונגער האָט זי אויפגעגעסן אַ כזית. זי האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט.

זי האָט נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טאָן. דאָס לעבן האָט איר מער נישט אינטערעסירט. שעהען און טעג איז זי געזעסן אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס אויף דעם נאַקעטן פּאָל און געוויגט איר אויבערשטן טייל קערפּער ווי אַן אומרו.

זי האָט נישט געוואָלט זען קיין מענטשן. אָבער לונה, איר שכנה אין הויף — אַ נידעריקע, דיקע פּרוי מיט אַראָפּגעהענגענדיקע ברוסטן וואָס האָט זיך געוויגט אין גיין ווי אַ קאַטשקע, האָט איר געטראָגן עסן. טאָג, טאָג האָבן די צוויי פרויען זיך געטראָפן און נישט אויסגעוועקסלט אַ וואָרט צווישן זיך. דער מצב האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ יאָר. זי האָט די גאַנצע צייט געלעבט ווי אין אַ חלום און געזען ווי אַ וויזיע — איר זון. אָבער ז׳ אייר — זאבס יאָר־טאָג — האָט זי ווי אויפגעוואַכט פון חלום, צוריק באַקומען דעם לעבנס־כוח.

צומאָרגנס האָט ערשט געגרויט ווען גילה האָט נאָך זיך פאַרמאַכט איר טיר און מיט אַ שטעקן אין האַנט געגאַנגען צום אויטאָ. דער מאָרגנטוי האָט פונאַנדערגעשפּרייט אירע לונגען וואָס האָבן אַ יאָר צייט געאָטעמט פאַרשימלטע לופט אין איר פאַרמאַכטער דירה. זי איז געגאַנגען, שווער געאָטעמט און זיך געזעטיקט מיט דער מאָרגן־פרישקייט. איר קערפּער האָט געציטערט פון דער מאָרגן־פרישקייט און פון אירע לעצטע איבערלעבונגען. זי האָט זיך אָנגעלענט אויפן שטעקן און דאָך האָבן אירע פיס זיך געפּלאָנטערט אין גיין. זי איז דעם וועג אַדורכגעגאַנגען ווי אַ היפּנאָטיזירטע.

ביים קבר האָט זי פונאַנדערגעשפּרייט אירע הענט ווי זי זאָל וועלן פליען און זיך אויסגעצויגן אויף דער שטיינערנער מצבה. אַ יאָמערלעכער וויגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר קעל און אַדורכגעריסן די טאָג־בלויקייט.

אַ גאַנצן טאָג איז גילה געלעגן אויפן קבר. זי האָט נישט געזען די עלטערן וואָס זענען געקומען אַזוי ווי זי באַוויינען זייערע זין. צו איר איז דערגאַנגען דאָס קול פון מיליטערישן חזן, וואָס האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים״ פאַר די זין וואָס זענען געפאַלן צוזאַמען מיט איר זון זאבן. זי האָט נישט געזען די בלומען־קרענץ וואָס מען האָט געלייגט אויף זייערע קברים. ווען זי איז געקומען צו זיך האָט זי זיך אָוועקגעזעצט אויפן זונס קבר און טרערן זענען גערונען פון אירע אָפענע אויגן. זי האָט ביטער געוויינט און אירע הענט האָבן געזיפּט די ערד אויפן קבר.

די אָוונט־פייכקייט האָט זי אויפגעשטעלט אויף די פיס. זי איז די לעצטע אַוועק פונעם בית־הקברות. גייענדיק, האָט זי ס׳ערשטע מאָל נאָך אַ יאָר צייט, דערפילט, אַז זי איז הונגעריק.

נאָך דער יאָרצייט האָט זי פונסניי דערוואַכט צום לעבן אָבער איר איינזאַמקייט האָט דערוויל איר נאָך געשטערט. די אבל־שטילקייט אין שטוב האָט געקלונגען

איר אין די אויערן און געווירקט אויף איר געמיט. די צייט האָט זיך ביי איר געצויגן אַן פאַרענדערונג. זי האָט זיך נישט אומגעקערט אויף איר אַרבעטס־פּלאַץ. צו וואָס? קיינער נויטיקט זיך נישט אין איר הילף. זי האָט געזוכט אַן ענין זי זאָל קענען ממשיך זיין.

זי האָט געזען ווי בייכיקע שיפן קומען צו די ישראל־ברעגן און ברענגען עולים פון אַלע עקן וועלט. זי האָט באַמערקט, אַז אין די גאַסן ווערט כסדר ענגער, זיי פילן זיך אָן מיט נייע יידן וואָס קומען אין זייער באַפרייטער היים, די היים פאַר וועלכער איר זון זאב האָט געקעמפט.

גייענדיק איבער די גאַסן האָט זי באַטראַכט די הייזער וואָס זענען געווען שוין באַוווינט און אויך די, וועלכע מען האָט ערשט געבויט. זי האָט דערפילט דעם לעבנס־דופק אַרום זיך וועלכן זי מאַכט נישט מיט.

זי האָט באַשלאָסן זיך ווענדן צו דער עליה־אָפּטיילונג און געבעטן אַרבעט אין אַ מעברה ביי קינדער.

אין דער מעברה אין הדסים האָט גילה ווידער געפונען אינהאַלט צו לעבן. זי, די עלנטע פרוי, האָט ווידער דערפילט די היימישקייט און נאָענטקייט פון די מענטשן. די פיר הילצערנע ווענט פונעם קליינעם צימערל אין באַראַק פון רינהס קינדער־גאָרטן איז פאַר איר געווען נישט נאָר אַ וווין־אָרט נאָר אַ פּרעכטיקער פּאַלאַץ. דאָס אייזערנע בעטל, דאָס קליינע טישל און די וואַליזע אין וועלכער זי האָט געהאַלטן אירע זאַכן, זענען נישט נאָר געווען איר איינציק פאַרמעגן נאָר אויך דאָס אָרט פון איר גליק. די אַרבעט איז איר נישט געווען צו לאַסט. זי האָט אין יעדן קינד, וואָס זי האָט געפלעגט, געוואַשן, געקעמט, אָפּגעווישט די נאָז און פאַרקנעפּלט די הייזלעך, געזען אירע אייניקלעך.

איר אַרבעטס־לוין און די רעגירונגס־פּענסיע פאַר איר זון, וואָס איז געפאַלן, האָט זי פאַר זיך נישט פאַרנוצט. זי האָט איינגעקויפט פאַר די קינדער. איינעם האָט זי געקויפט שיכלעך, דעם אַנדערן הייזלעך, דער אַ קליידעלע און פאַר דער רעשט האָט זי געקויפט שפּילצייג פאַר די קינדער.

אַלע עלטערן אין דער מעברה זענען געווען אירע קרובים. יעדער ייד איז געווען אירס אַן אייגענער. דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אירס זענען געווען די שבתדיקע אויספלוגן. שבת פאַרמיטאָג האָט זי צונויפגענומען אַ גרופּע קינדער און מיט אויסגעשטרעקטע הענט שפּאַצירט מיט זיי איבער די פעלדער. שפּרייזנדיק האָט זי קיינעם פון די געטראָפענע נישט אַדורכגעלאָזט, מיט יעדן פאַרפירט אַ שמועס, צו זיי גערעדט עברית מיט אַריינגעמישטע אַראַבישע ווערטער און צוגעהאָלפן זיך מיט די הענט, זיי זאָלן זי פאַרשטיין.

זי אַליין איז געווען אַן אומגליקלעכע און געזוכט טרייסט און שמחה ביי די יידן אין דער מעברה. ספּעציעל נאָענט צום האַרצן איז איר געווען רינה. אין איר, אין דער שלאַנקער, בלאָנדער בחורה מיט די געפלאָכטענע צעפּ אַרום איר קאָפּ האָט זי געזען איר שנור וואָס זי וועט שוין קיין מאָל נישט האָבן.

זי, די געבוקטע שוין פרוי, איז דער יונגער, שלאַנקער בחורה פאַרלאָפן

אַלע וועגן וואָס זי האָט נאָר געקענט. זי האָט נישט נאָר געטאָן די שוואַרצע אַרבעט אין קינדער־גאָרטן נאָר אויך געהאָלפן רינהן מיט אַן עצה פון איר דערפאַרונג אין לעבן. זי האָט איר געלערנט ווי אַזוי מען באַרויִקט אַ קינד וואָס האָט זיך צעהעשעט, ווי צו רעדן מיט אַ מאַמע אָדער טאַטע וואָס האָט געברענגט אַ פאַר־שלומפּערט קינד. אויך רינה האָט זיך צוגעבונדן מיט ליבשאַפט צו גילהן. רינה, די וואָס האָט זיך דערוווּיטערט פון מענטשן און אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטע, וואָס האָט נישט פאַרטרויט דעם סוד פון אירע ליידן פאַר קיינעם, האָט אַ פליסטער געטאָן גילהן אין אויער: — וואָס וועט זיין דער סוף? — און אַ זיפץ געטאָן איבער איר גורל.

רינה האָט פון בושה זיך צוריקגעהאַלטן, נישט אַלעס דערציילט גילהן, נאָר בשעת יִאוש און רעזיגנאַציע פאַר איר גורל. נאָר ווען זי האָט עטלעכע טעג נישט געזען אילנען האָט זי פאַר גילהן געלאָזט פאַלן עטלעכע באַשטימטע זאַצן: — פאַרעקשנטע עלטערן, גלות־יידן — זיך דערביי פאַרטראַכט און אַ זאָג געטאָן צו זיך — אויך ער איז איינגעשפּאַרט ווי אַן אייזל!

גילה האָט אַלעס געוווּסט וואָס עס קומט פאַר צווישן רינהן און אילנהן און ווי עס פירן זיך אויף זייערע מאַמעס. יעדעס מאָל ווען רינה איז שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אַ פאַרצווייפלטע און מיט שטאַרע אויגן געקוקט אין פענצטער אַריין צי אילן גייט נישט אין גאַס, האָט גילה זיך משתתף געווען אין איר צער: זי האָט מיט דער צונג אָפּגעווישט אירע אַנעמישע ליפּן און מיט דראָבנע טריט צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט מיט ציטערנדיקע הענט אַרומגענומען איר צעגליטן קאָפּ און מיט אירער ווייכער מוטערלעכקייט אים אַוועקגעלייגט אויף איר ברוסט.

גילה האָט זיך באַמיט וואָס ווייניקער רעדן וועגן רינהס פּיין און שווייגנדיק געליטן צוזאַם מיט איר. ביידע האָבן זיי געליטן. די פון בענקשאַפט — און די פון עלנט.

אַ מידע פון דער אַרבעט און אַ דערשלאָגענע פון איר גורל איז רינה אָפּט געבליבן נעכטיקן אין קינדער־גאָרטן. זי האָט זיך דערוווּיטערט פון דאָרף און זיינע מענטשן. זי איז געשלאָפן ביי גילהן אין צימער. ביידע האָבן זיי זיך געדרענגט אינעם שמאָלן בעטל, נישט גערירט מיט אַן אבר אַבי נישט שטערן דער שכנה אין בעט. זיי זענען געלעגן מיט אָפענע אויגן און פאַרשידענע פאַרלאַנגען. רינה האָט געקילט איר יאָדערדיקן, צעגליטן קערפּער אין גילהס שויס. גילה האָט געוואַרעמט אירע קאַלטע, גערינצלטע אברים אין רינהס בוזעם.

# ג

דער שימער פון די געצײנקטע בלעכן — די ביידלעך־ווענט, זענען פֿאַר־שווונדן. די פּייכטקייט אין דער לופט האָט אויף זיי אָנגעזעצט זשאַווער. די ווענט האָבן געגליט, דער רוים אין די ביידלעך איז געווען אָנגעפּילט מיט שטיקער היץ.

די ווינ־ביידלעך מיט זייערע ווי אָנגעשוואָלענע ווענט אויף דעם ברוינעם שמאָלן שטיקל ערד זענען ווי געזונקען אין דער ערד.

פון אײנצלנע ביידלעך האָט אַרויסגעשטאַרט אַ פֿאַרזשאַווערטער, בלעכערנער קוימען, פון וועלכן עס האָט זיך געדריוולט אַ שוואַרצער, בייסיקער רויך. אין אַ סך ביידלעך זענען די קליינע, שמאָלע פענצטער פֿאַרהאָנגען מיט זעק אָדער פֿאַרשטופּט מיט אויסגעבלייכטע פון דער זון קישנס. פון די קראָגנס צווישן די ביידלעך האָט אָן אויפהער געטראָפּט. די ערד איז געווען בלאָטיק. קרומע פּלויטן פון קאַסטן־ברעטלעך און פּעסער־קלעפּקעס האָבן ווי אונטערגעהאַלטן עטלעכע ביידלעך. דאָ, דאָרט איז אויך פֿאַראַן אַ צונויפגעקלאַפּטע פון ברעטער וועראַנדע אָדער אַן איינגעהויקערט קעמערל.

אַ ביסל אָפּגעפרישט די סביבה האָבן די פֿאַרשידענע בלעטער־פלאַנצן וואָס האָבן טיילווייז צוגעדעקט די בלעכערנע ביידלעך. אפילו דער לויטערער הימל־בלוי האָט אויסגעזען ווי ער זאָל זיין טונקל ברודיק.

אַזוי ווי די מעברה, אַזוי אירע מענטשן. דער רוב פון זיי איז אַרומגעגאַנגען נישט ראַזירט מיט די היטלען איבער די אויגן און אַראָפּגעלאָזטע הענט. ווי וויט זיי האָבן נאָר געקענט האָבן זיי געמיטן דעם אַרבעטס־אַמט. די אַרבעט אין די פעלדער און אין די פּרדסים האָט זיי געשראָקן. די אַרבעט איז פֿאַר זיי, די מעקלער און הענדלער געווען איבער זייערע כוחות און נישט פֿאַר זייער כבוד. זיי זענען צו דער אַרבעט געגאַנגען אין זייערע אַמאָליקע שבת־מלבושים און האָבן אין זיי אויסגעזען ווי פֿאַרשטעלטע. צוליב זייער פוילקייט איז די נויט איינגעשטאַנען ביי זיי אין שטוב. זייער טעגלעך עסן איז געווען: אַ פּיתה איינגעטונקען אין אייל באַשמירט מיט אַ צעריבענער טאָמאַטע, צו פֿאַרבייסן — אַ געזאַלצן שטיקל שעפּסן־קעז. אָבער געטרונקען האָבן זיי אַ סך שטאַרקע, זיסע, שוואַרצע ווי טינט טיי און שטאַרקע קאַווע. די געטראַנקען האָבן די מענער אַליין צוגעגרייט.

נישט נאָר די מעברה נאָר די גאַנצע סביבה איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיטן ריח פון געקאָכטן אייל און געסמאַליעטע קוילן. די מעברה־איינוווינער זענען געווען פֿאַרביטערט. זיי האָבן נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זיי מוזן זייער שטיקל ברויט פֿאַרדינען מיט זייער שווייס. דערביי זענען זיי געווען געוווינט צו זייער געפּאַלענעם מצב, געווען זיכער, אַז די אָרעמקייט איז זייער גורל.

ווען אין איינעם פון די טעג איז אין דער מעברה געקומען ירוחם, דער דאַרער, הויכער מיטן רויטן, לאַנגן, פליישיקן קאָפּ, האָבן אַלע אים אָנגעקוקט דערשטוינטע. ער איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אָנגעזאָגט זיי זאָלן נאָך

דער אַרבעט קומען אויף דעםליידיקן שטיקל פּלאַץ וואָס געפינט זיך צווישן דאָרף און דער מעברה.

ירוחם האָט לאַנג געוואַרט ביז זיי זענען זיך צונויפגעקומען. זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי אַפּאַטיש און הילפסלאָז זיך אַרומגעזעצט אין אַ ראָד אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס, אָדער אַוועקגעזעצט זיך אויף די קני. ווען זיי זענען שוין געזעסן האָט ירוחם זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן ראָד און זיי צו וויסן געטאָן: — די מעברה איז נאָר אַ צייטווייליקע דירה. ווינטער וועט די וואָדי איבערגיין פון די רעגנס און פאַרגיסן די מעברה.

זיי האָבן מיט זייערע אויסגעגלאָצטע אויגן זיך איבערגעקוקט אומבאַהאָלפן ווי מען זאָל האָבן אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ גורל וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט.

ירוחם האָט ממשיך געווען: די סוכנות האָט מיך געשיקט אָנזאָגן אייך, אַז אין קורצן וועט איר איבערגיין וווינען אין געמויערטע דירות.

ער האָט מיט דער האַנט אַ וויז געטאָן אויף מזרח און צוגעגעבן: — דאָרט אויפן בערגל איבער די פּרדסים וועט יעדע משפּחה באַקומען אַ הויז מיט צוויי דונאַם באָדן.

די מעברה־מענטשן, דערהערנדיק די בשורה, זענען זיצן געבליבן מיט אויפגעריסענע אויגן און אָפענע מיילער פון איבערראַשונג און פּחד. — מען וועט זיך דאַרפן רירן פון אָרט — האָט יעדער פון זיי זיך געטראַכט.

ירוחם, וואָס האָט גערעדט מיט תּקיפות איז שטיין געבליבן אַ געפּלעפּטער איינזעענדיק זייערע פּנימער. אים האָט זיך נישט געגלויבט, אַז ער זעט דאָס. ער האָט פאַרוויכערט אַ סיגאַר און איילי̇ק זיי געזאָגט: — איר וועט זיך אַליין איבערצייגן! ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן, געזאָגט — שלום! — און איז אַוועק אין דאָרף. ער איז געגאַנגען מיט לאַנגע, אויסגעצויגענע טריט. אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן אים באַגלייט מיט אומצוטרוי.

אויך צוויבל, דער איינוווינער פונעם פינפטןביידל אין דער לינקער זייט האָט זיך צוגעהערט צו ירוחמס רייד. צוויבל איז געווען אַ מיטלוווקסיקער ייד מיט אַ קיילעכיקן בויך וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּילקע. זיינע קליינע און טיפע אייגעלעך האָבן אויסגעזען ווי קנעפּלעך. זיינע פינגער זענען געווען קורצע און פליישיקע. זיינע הענט האָבן עדות געזאָגט, אַז ער האָט אין זיין לעבן נישט געאַרבעט פיזיש.

אויך דאָ אין לאַנד, אין דער מעברה האָט ער זיך אַרומגעדרייט ליידיק. ער האָט נישט איבערגעטרעטן די שוועל פון שלומס חדר. שלום אַ נידעריקער, ברייטבייניקער ייד איז געווען דער אַרבעטס־פּאַרטייִלער אין דער מעברה. ער האָט געמיטן שלומען, אים געגאַנגען פון וועג. צוויבל, האָט זיך אַרומגעדרייט מיט די הענט אין די טאַשן און זיין גלייַקער בליק האָט מיט חוזק געקוקט אויף אַלץ און אַלע. מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך האָט קיינער נישט געוווּסט. ער איז אַרומגעגאַנגען און דערציילט און זיך די מי געגעבן אַלע זאָלן עס וויסן, אַז אין גריוונע, זיין שטעטל אין פּוילן איז ער געווען אַ ווינקל־אַדוואָקאַט. וועלנדיק זיין חשוב

האָט ער יעדעס מאָל ווען ער האָט גערעדט וועגן זיך, צוגעגעבן: — איך קען אייך עפּעס דערציילן.

צוויבל האָט זיך נישט געמישט אין די מעברה־ענינים, אָבער זינט ירוחם האָט באַזוכט די מעברה האָט ער נישט גערוט. מיט אַ מאָל איז דער גורל פון דער מעברה אים נאָענט געוואָרן. יעדן וועמען ער האָט געטראָפן האָט ער אָפּגעשטעלט און אים אָנגעקוקט מיט זיינע קליינע, אַרומלויפנדיקע אין די לעכער אייגעלעך און אים איינגערוימט דעם זעלבן פּזמון: — מען וויל אונדז שעכטן אָן אַ מעסער! ער האָט דעם מענטש אָנגעקוקט מיט אַ שטרענגן, דורכדרינגלעכן בליק און צוגעגעבן: — דאָ זיצן מיר ביים וועג, דאָרט וועלן מיר דאַרפן גיין צופוס צום אויטאָ. ער האָט צעפּירט די הענט און געלאָפן צו אַ צווייטן און געשריגן ווי ער זאָל רעדן צו זיך: — זאָלן דאָרט אַהין גיין די וותיקים.

די יידן אין דער מעברה זענען געווען גלייכגילטיק און דערשלאָגן. זיי, וואָס זענען געווען אויסגעוואָרצלט פון זייער לעבנס־שטייגער, זענען אַרומגעגאַנגען איצט מיט אַ געפיל: — איצט וועלן זיי אונדז אין גאַנצן פאַרשקלאַפן!

געהאָלפן צעפלאַקערן די שטימונג האָט צוויבל. ער איז געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן און געהעצט: — נישט גענוג וואָס מיר האָרעווען אין די פּרדסים, וועלן מיר דאַרפן אַקערן די ערד ביז אין דער נאַכט אַריין, ציכטן טאָמאַטן.

שאולי האָט איבערגעלעבט די פאַרביטערונג פון די מעברה־מענטשן. ער, דער לערער האָט געוווּסט צוויבלס ראָל. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ ייד אין לאַנד קען פיינט האָבן ערד־אַרבעט. אונטערהינקענדיק איז ער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און איינגעטענהט מיט די מענטשן:

— דורות אויף דורות זענען מיר געווען אין דער פרעמד. איצט זענען מיר פרייע מענטשן. יעדער וועט באַקומען אַ הויז און אַן אייגן שטיקל ערד.

כדי צו דערוועקן אין זיי צוגעבונדקייט צו דער ערד איז ער געגאַנגען איבער די שטובן, געבעטן אַ מאָטיקע און אויפגעאַקערט די בייטן אונטער די פענצטער. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט פולע טאַשן סעזאָן־זוימען. ער האָט אין יעדער בייט אַריינגעשטעקט זוימען. אים געהאָלפן האָבן די קינדער פון דער משפּחה. זייער טאַטע איז ווי דער שטייגער געשטאַנען אין דער זייט און זיך צוגעקוקט ווי ער אַרבעט.

די מעברה־יידן האָבן געזשמורעט די אויגן פון אומבאַהאָלפנקייט. זיי האָבן געזויגן די סיגאַרן וואָס זיי האָבן נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל. זיי האָבן געשוויגן און געטראַכט: — אפשר איז צוויבל גערעכט? אפשר וויל מען אונדז נאַר אויסנוצן?

צוויבל מיט זיינע אַרומלויפנדיקע אייגלעך און אויסגעשטאָפּטן בויך האָט געוווּסט, אַז זיין העצן וועט נישט מצליח זיין. דעריבער, ווען ער האָט געטראָפן גרישען האָט ער אים אַוועקגעפירט אין אַ זייט, זיך אַרומגעקוקט צי מען הערט אים נישט אונטער, און איבערגעחזרט זיין פּזמון: — גרישאַ! זיי ווילן אונדז אומברענגען! מען וויל אונדז אַוועקפירן אויף עק וועלט!

ווען גרישאַ האָט אים נישט געענטפערט האָט צוויבל פאַררוקט די הענט אין די טאַשן און געשריגן פון כעס: — וואָס גייט זיי אָן ווער מיר זענען געווען?

ווען ער האָט זיך באַרויִקט האָט ער זיך צוגערוקט צו גרישען און אים איינגערוימט אין אויער: — גרישאַ, דו ביסט דאָך אַן אייגענער. די וואָס רעדן יידיש גיב איך צו פאַרשטיין, אָבער די שוואַרצע קלער דו אויף! — און פינטלענדיק מיט די אויגן האָט ער צוגעגעבן: — מאָדנע יידן! איך קען מיט זיי נישט דערגיין קיין טאָלק.

גרישאַ איז געווען אַ הויכער, דאַרער בחור מיט אַ קנאָכיק פּנים. ער האָט געאַרבעט אויפן טאָג אין די פּרדסים. זיין קורצע נאָז און דיקע ליפּ מיט דעם דינעם, אויסראַזירטן וואָנסעלע האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז ענערגיש. די אַרבעט איז אים אָנגעקומען גרינג אָבער אים נישט באַפרידיקט. ער איז פון פאַך געווען אַ שאָפער. אים, דעם מעכאַניקער האָט אויסגעפעלט דער מאָטאָר־רויש, צו וועלכן ער איז געוווינט געווען. ער האָט זיך באַמיט פאַרגעסן זיין פאַרגאַנגענהייט אָבער זיינע יוגנט־יאָרן האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט, ווי אַ שאָטן אים נאָכגעגאַנגען. די יאָרן אין דער גימנאַזיע, די היים — גרובערס שיך־געשעפט אין „פּאָדגורזש״ (דאָס יידישע פערטל אין קראָקע). ער האָט אויך נישט געקענט פאַרגעסן זיין וואַנדערן אין דער מלחמה איבער רוסלאַנד אַלס פּליט. ער האָט געדענקט די שנייען אין די אורוועלדער, ווען ער האָט געטרוימט וועגן אַ קישקע ווורשט און געזוכט אַ שטיקל ברויט. אויך איצט האָט ער זיך געקוויקט מיט אַ גלעזל „וואָדקאַ״.

אַן עלנטער, אָן אַ היים, האָט ער די גאַנצע אָוונטן זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער מעברה צווישן די ביידלעך מיט די הענט אין די טאַשן, ס׳היטל פאַררוקט אויף אַ זייט און זיך צוגעפייפט דורך די ציין. ער איז געווען אָפּגעזונדערט, זיך נישט געטראָפן מיט מענטשן. אים האָט נישט אינטערעסירט וואָס עס קומט פאָר אין דער מעברה. די איינציקע וואָס האָט אין אים דערוועקט נייגעריקייט איז געווען רינה. איר שלאַנקע, יאָדערדיקע געשטאַלט האָט געוועקט אין אים אומרו. וואָס עלנטער ער האָט זיך געפילט, אַלץ נענטער איז זי אים געוואָרן. ער האָט מיט איר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער, דער דרייסטער בחור, מיט דער געדיכטער, צעשויבערטער טשופּרינע, וואָס האָט שוין געגרויט כאָטש ער איז ערשט אַלט געווען אַכט־און־צוואַנציק יאָר, האָט נישט געוווסט ווי אַזוי מען רעדט מיט רינהן. עפּעס האָט ער זיך נישט געקענט דעצידירן. אַן אינערלעכער ווידערשטאַנד האָט אים צוריקגעהאַלטן.

ער האָט זיך געשלייכט איבער דער מעברה און גערעדט צו זיך: — די סאַבּרעס שטערן. ווען ער האָט זי דערזען איז ער איר נאָכגעגאַנגען אָבער זיך געהאַלטן ביי די בלעכערנע ווענט פון די ביידלעך. ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל אים באַמערקן. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, זי באַגלייט ביז צו אַ טיר אין וועלכער זי איז אַריין. ווען זי האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר האָט ער זיך אַרונטערגערוקט אונטער אַ ראָג פון אַ ביידל און איר נאָכגעשיקט אַ שאַרפן פון צווישן די ציין אַרויס פייף — ס—י—י—ת! — וואָס האָט דורכגעשניטן די לופט

ווי אַ בליץ. רינה האָט אים באַמערקט. זי האָט געהערט דעם אָפּהילך פון זיינע טריט, געפילט אויף זיך זיין דורכדרינגענדיקן בליק וואָס האָט זי באַגלייט. זי איז אָבער צו אים געבליבן גלייכגילטיק. זי האָט אירע טעג אויסגעפילט מיט אָנגעשטרענגטער אַרבעט אַרום די קינדער און געבענקט נאָך אילנען.

די מעברה עקזיסטירט שוין קנאַפּע צוויי יאָר און די איינוווינער האָבן זיך נישט דערנענטערט צו זיך. להיפך, די משפחות זענען זיך געווען פרעמד. די איינציקע פריינדשאַפט וואָס איז אַנטשטאַנען איז די פריינדשאַפט צווישן שאולן און צללן.

צלל, אַ הויכער, דאַרער, ווי צוקער־רער ייד מיט ווייכע ווי סאַמעט אויגן איז געקומען אין לאַנד אַריין פון ליביע. ער איז שוין געווען קרוב צו די זעכציק, אָבער זיינע ציין זענען געווען ווייס און געזונט, זיינע פינגער לאַנג און שמאָל. טראָץ דער פרעמדקייט וואָס האָט געהערשט אין דער מעברה האָבן אַלע געקענט און געשעצט צללן. מען האָט אים גערופן „אַסטאַז" (לערער). דאָ אין לאַנד האָט צלל פאַרקויפט פיתהס, זיי צעפירט איבער די הייזער אויף אַ וועגעלע מיט צוויי רעדער אָבער אין טריפּאָלי איז צלל געווען אַ באַאַמטער אין דער איטאַליענישער באַנק. אים האָט נישט געאַרט וואָס ער פירט אַרום איבער די שטובן פיתהס. אים האָט אָבער יאָ געאַרט וואָס זיין געזונט־צושטאַנד דערלויבט אים נישט גיין אַרבעטן אין פרדס. ער האָט געוואָלט אַרבעטן ווי אַלע יידן.

צללס בלעכןביידל איז געווען אַזוי ענג ווי די רעשט ביידלעך אין דער מעברה אָבער אין צללס ד׳ אמות האָט געהערשט רו און ריינקייט. די דריי פאַרבעטע מיט קישנס בעטן, די קליידער־שאַנק, דער טיש מיט די בענקלעך האָבן אויסגעפילט דעם גאַנצן רוים. קאָלירפולע דיוואַנען און דער מעש־געהע־מערטער חנוכה־לאָמפּ האָבן באַצירט די ווענט. די שבת־לעמפּ און די נאַרגילע מיט דעם געשניצטן פון העלפאַנדביין האַלדז זענען געשטאַנען אויף דער שאַנק. זיי זענען געווען די ירושה פון דורות.

ווען שאולי האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון דער מעברה־אַטמאָספערע איז ער אַריין צו צללן אין ביידל. ביי אים האָט ער אָפּגערוט זיינע אָנגעשטרענגטע נערוון. מזל, די געזונטע, פליישיקע פרוי, צללס וויב, וואָס האָט געפּרייכט פון פעטקייט איז ווי נאָר זי האָט דערזען שאולין האָט זי באַלד אים געגרייט אַ קאַווע. די שמעקעדיקע קאַווע האָט אויפגעמונטערט שאולין. ער איז נישט איין מאָל זיך פאַרזעסן ביי צללן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די קאַווע־טעפּלעך זענען שוין לאַנג געווען ליידיק, אָבער ביידע יידן זענען געווען פאַרשמועסט. זיי, וואָס זענען זיך געווען פרעמד איינער דעם אַנדערן, זענען זיך געווען נאָענט גייסטיק. זיי האָט געבונדן דער געמיינזאַמער אינטערעס צו די יידישע מנהגים און מידהס. שאולין האָט ספּעציעל אינטערעסירט דער אָבערגלויבן פון די מזרח־יידן. צלל האָט געקענט אַלע אַראַבישע לענדער. על פּי רוב האָט צלל גערעדט און שאולי האָט אים געהערט.

דער איינציקער אין דער מעברה וואָס האָט געהאַסט צללן איז געווען צוויבל,

כאָטש זיי האָבן זיך בכלל נאָך נישט געהאַט אַדורכגערעדט. ווען צוויבל איז געגאַנגען איבער דער מעברה און האָט איינגעזען ווי צלל טענהט איין, איבערצייגט יידן איז ער שטיין געבליבן. ער האָט פונאַנדערגעשטעלט זיינע קורצע פיס און זיך צוגעהערט צו צללס טענות: — מען דאַרף אַרבעטן! גאָט וועט זיך דער־באַרעמען, מיר לעבן צווישן יידן אין אייגענעם לאַנד.

צוויבל, דערהערנדיק צללס רייד, האָט פון אויפרעגונג געוואָרפן מיט די הענט. זיינע אויגן האָבן גענומען ווילד לויפן אין זייערע אויגן־לעכער. ער האָט מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן ער זאָל זיך אויף אים נישט וואַרפן. ער איז צללן נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן און פון אים נישט אַראָפּגענומען דעם בליק. ער האָט אויסגעקוקט אַ געלעגנהייט זיך אין אים נוקם צו זיין. ווו דריי יידן אין דער מעברה האָבן זיך געטראָפן איז דער פערטער געווען צוויבל און זיי געגעבן צו פאַרשטיין מיט זיין שטאַמלדיקן עברית: — דאָס איבערפירן די מעברה איז אַ בלאָף! די סוכנות זוכט אַ תירוץ זי זאָל נישט דאַרפן פאַר אונדז בויען קיין הייזער! דאָס גאַנצע געלט נעמען צו די באַאַמטע! ווען ער האָט געענדיקט רעדן האָט ער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער ווי אַ פערד זאָל הירזשען און זיינע באַקן האָבן זיך געטרייסלט פון געלעכטער.

די, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, האָבן נישט פאַרשטאַנען זיינע רייד. די יידן מיט די אַנגעוואַקסענע, נישט ראַזירטע אַ גאַנצע וואָך בערד, מיט די אַראָפּגערוקטע ביז די אויגן היטלען האָבן זיך איבערגעקוקט דערשטוינטע און אָן צו זאָגן אַ וואָרט זיך פונאַנדערגעגאַנגען. צוויבל איז געבליבן אַליין.

צוויבל האָט אויך געהאַסט אילנען. איינער האָט זיך דערוווּסטערט פון אַנדערן כאָטש ביידע האָבן געוווּסט ווער און וואָס דער צווייטער איז. אילנס מעכטיקע געשטאַלט האָט אַנגעוואָרפן פּחד אויף צוויבלען. ווען זיי האָבן זיך געטראָפן האָבן זיי זיך אָנגעקוקט און געשוויגן.

אילן קומט לעצטנס אָפּט אין דער מעברה אַריין. די מעברה און אירע מענטשן האָבן געררייצט זיין נייגער. ער האָט זיי געוואָלט העלפן. ער איז אַהין געגאַנגען נישט ווייל ער האָט געהערט ווי מען פּליסטערט אין דאָרף: — אומגליקלעכע מענטשן, קענען זיך נישט העלפן! פאַר אים איז די מעברה געווען אַ פרעמדע וועלט — אַ יידישע וועלט, אָבער אַן אַנדערע ווי ער האָט געקענט. אים איז געווען פרעמד זייער אונטערטעניקייט. ער האָט נישט פאַרטראָגן זייער געניטע אויס־מיידנדיקע תשובה: — אפשר. מען וועט זען! ער האָט באַדויערט זייער אומבאַ־האָלפנקייט. ווי לאַנג וועט דויערן ביז זיי וועלן ווערן אַרבעטס־מענטשן — האָט ער געטראַכט.

ער איז געגאַנגען אין דער מעברה אַריין זען ווי עס לעבן דאָרט אירע מענטשן, אויך געוואָלט טרעפן רינהן. אָבער ווען ער האָט זי דערזען האָט ער זיך אָוועק־געדרייט ער זאָל זיך מיט איר נישט טרעפן.

אַלע מענטשן אין הדסים האָבן זיך באַמיט די צוויי משפחות זאָלן זיך נישט

טרעפן. קיינער האָט נישט געוואָלט נחום מיט יעקבן זאָלן זיך טרעפן אויג אויף אויג. אויף שׂימחות אָדער פאַרזאַמלונגען האָבן די גאַסטגעבער אויפגעפּאַסט יעקב מיט נחומען זאָלן נישט זיצן נאָענט. אויך די ווייבער, די נידעריקע, דיקע גאולה יעקבס ווייב מיט האָר וואָס האָבן שוין געגרויט און חמדה, אַ דאַרע, מיטלוווקסיקע, נחומס ווייב, האָבן זיך געמיטן. טאָמער האָבן זיי זיך געטראָפן אין קאָנסום־הויז, אָדער אין אַן אַנדער עפנטלעך אָרט, האָט איינע איבערגעוואָרט די אַנדערע. די באַציונגען צווישן די קינדער זענען געווען גאָר אַנדערש. זיי זענען נישט געגאַנגען אין די וועגן פון די עלטערן.

רינה, מיט איר שלאַנקע, געשניצטע געשטאַלט, מיט איר זיכערן טראָט און געשיקטע באַוועגונגען, האָט געליטן. רינה מיט אירע בלוי־גרויע גרויסע אויגן איז געווען באַליבט אין דאָרף. נישט איין בחור האָט געוואָרט אויף אירס אַ גוט וואָרט, אָבער זי האָט אויסגעמיטן זיך מיט זיי צו טרעפן. אין די אָוונטן איז זי געבליבן אין שטוב. אַ מאָל האָט זי דער מוטער צוגעהאָלפן אין דער ווירטשאַפט, אַ סך מאָל האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע און געקוקט אין פענצטער אַריין. זי האָט געבענקט נאָך אילנען. איר האָט געלאָקט זיין נאַכלעסיקע, נישט באַרעכנטע דרייסטקייט. זי איז צו אים געווען צוגעבונדן נאָך פון די קינדער־יאָרן, ווען זיי האָבן צוזאַמען אָנגעהויבן גיין אין קינדער־גאָרטן. זיין טרייסל מיטן קאָפּ, וואָס האָט צעשויבערט זיין שוואַרצע, געדיכטע טשופּרינע, האָט פאַרכאַפּט איר אָטעם. זעענדיק ווי ער פאַרדרייט זיינס אַ שפּיץ וואָנסע איז זי געווען אָנמעכטיק. דער קריג צווישן די משפּחות האָט זי געצוווּנגען צוימען אירע געפילן.

אויך אילן האָט נישט איין מאָל זיך באַהאַלטן אונטער אַ בוים אָדער פּלויט און געוואָרט — געוואָלט זען רינהן, איר געשטאַלט, ווי זי באַוועגט זיך, שטעלט אַ טריט. אָבער אין האַרצן האָט אויך ער ווי זיין פאָטער געטראָגן פאַרדראָס אויף איר פאָטער. אויך ער האָט געליטן און געשוויגן.

זיי האָבן זיך געטראָפן ווי צופעליק. דאָס איז אָבער געווען מיט אויסרעכענונג. איינער האָט געזוכט דעם אַנדערן אָבער אין געהיים. זיי האָבן זיך געטראָפן אויף אַ פעלדשטעג, ווו הויכע קוקורוזע־בלעטער האָבן זיי פאַרשטעלט אָדער ביי דער וואַדי נאָך די פּרדסים צי גאָר אין אילנס פּרדס. דעם תּחום אָבער פון איר פאָטערס ערד האָט אילן נישט באַטרעטן.

זייער יעדע באַגעגעניש איז געווען באַהויכט מיט פרייד און לייד. ווי נאָר זיי האָבן זיך דערזען פון ווי ווייט, האָבן זייערע אויגן גענומען גלאַנצן. זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס, זיך געהאַלדזט, אָבער זייערע בליקן זענען געווען מאַט ווי זיי זאָלן פילן, אַז זיי זענען זיך „אסור".

די ליבע אין זיי האָט געברויזט. זייערע יונגע געמיטער האָבן געשטורעמט ווי ים־כוואַליעס שטורמען אַ פאַרלוירענע בעלקע וואָס שווימט. רינהס נאַזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט און געאָטעמט אין זיך דעם ריח פון זיין קערפּער. ער, דער־פילנדיק די יאָדערקייט פון אירע אָרעמס און ברוסטן, האָט געאָטעמט שווער. זיינע האַלדז־אָדערן זענען געוואָרן אָנגעצויגן, זיינע אויגן פאַרזשמורעט און פאַר־

לאַפּן. ער האָט געקושט איר פּליישיקן האַלדז מיט זיינע דיקע ליפּן ווי ער זאָל זי בייסן. ווען זיי האָבן זיך באַרויִקט זענען זיי געבליבן זיצן אומבאַהאָלפן ווי קינדער קליינע. שעהען זענען זיי געזעסן און נישט גערעדט. זייער שווייגן האָט געהאַט באַדייטונג. זיי האָבן געפילט, אַז זיי זענען מיט זיך פאַרבונדן. זיי האָבן געוווּסט וואָס עס קומט פאַר ביי יעדן אין שטוב און ביי יעדן פון זיי אין האַרץ. אָבער דער שיפער תחום פון די עלטערנס ערד האָט געשטערט זייער גליק. ביידע האָבן שטיל אויסגעטראָגן זייער פּיין. רינה — די פרוי איז אַרומגעגאַנגען אַ דערנידעריקטע. איר וויטיק איז געווען גרויס און זי האָט שווער געאָטעמט. אַ דערשלאָגענע האָט זי נישט איין מאָל סאַרקאַסטיש זיך אַ ווענד געטאָן צו אילנען: — וואָלטן די טאַטעס נישט געווען מיטגעבראַכט זייער גלות־באַגאַזש וואָלטן די ענינים אַנדערש אויסגעזען!

אילן האָט נישט רעאַגירט. ער האָט נאָר פאַרביסן די ליפּן און מיט די הענט געטאַפּט די פייכטע נאַכט־ערד.

אָבער ווען יעקבס יעריקער אָקס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קייט, און ביז אורי, רינהס ברודער האָט אים געכאַפּט, האָט ער אַ צעווילדעוועטער אויסגעריסן ביי נחומען אין הויף דעם צוויי־יעריקן גויאַווע־בוים, זענען די באַציִונגען צווישן די צוויי משפחות געוואָרן נאָך אָנגעשטרענגטער.

אילן און רינה האָבן זיך נישט געוואַגט מער טרעפן. אָבער נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער זי אָפּגעוואַרט ביים ערד־שטעג ווו דער פּרדס ענדיקט זיך און די ערד איז געשטיגן שיף אַרויף. אויך רינה, וואָס האָט אים געזוכט כסדר מיט די אויגן, ווי נאָר זי האָט אים דערזען, האָט דערפילט אַ טיאַך אין האַרץ.

שטיל, מיט קעצישע, שנעלע טריט איז זי אים נאָכגעגאַנגען.

ווי נאָר זיי האָבן זיך באַגעגנט זענען זיי זיך געפאַלן אין די אָרעמס.

אָטעמענדיק שווער און וואַקלענדיק זיך ווי שיכורים זענען זיי אַוועק טיפער אין פּרדס אַריין. דער פרישער פּרדס־ריח האָט נאָך מער צעברויזט זייערע יונגע בלוטן. זיינע דיקע ליפּן האָבן טיף זיך איינגעזויגן אין איר ווייסן האַלדז. זי איז אים הענגען געבליבן אין די אָרעמס מיט אַן אָפן מויל און אַ קורצן אָטעם. ער האָט זי אַנידערגעלייגט. ער אויף איר. אַ ציטער פון גענוס האָט אַ טרייסל געטאָן זייערע יונגע קערפּערס. זיי האָבן דערפילט די נאַכטפייכטקייט.

אויפן וויטן האָריזאָנט האָט געגומען זיך אַדורכשלאָגן אַ קוים זעבאַרער מאָרגנגרוי. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. ביידנס בליקן זענען געווען אומעטיק.

זיי האָבן זיך געזעגנט אָן צו רעדן. זיי זענען אַוועק יעדער אין אַן אַנדערער ריכטונג. זיי זענען געגאַנגען אָנגעשטרענגטע און פאָרזיכטיק מען זאָל זיי נישט זען. זייער טריט איז געווען אַ לייכטער. זיי זענען געגאַנגען יעדער צו זיך אַהיים.

אורי, דער הויכער, ברייטביייניקער בחור, מיט זיין פלאַכן פון הינטן קאָפּ האָט זיי נאָכגעקוקט. אורי דער ערד־מענטש וואָס אפילו זיינע טריט און באַווע־

גונגען זענען קורצע, פּאַמעלעכע ווי דער טעמפּאָ פון אַן ערד־אַרבעטער, אים האָט מצער געווען דער אכזריותדיקער גורל פון זיין שוועסטער.

אָפט בעת דער אַרבעט, ווען ער האָט אַריינגעשטאָכן דעם גאָפּל אינעם פעטן מיסט אין גרוב און איינגעאָטעמט אין זיך די שאַרפע, זויערע פּאַרע, האָט ער באַשלאָסן זיך ווענדן צום פאָטער און אים איבערצייגן אַז לטובת דער טאָכטער דאַרף ער דורכקומען מיט אילנס פאָטער.

אַן אינערלעכער כוח האָט אים צוריקגעהאַלטן. ער האָט זיך געשראָקן, אַז זיין שטרעבונג וועט זיך צעטראָגן איבערן דאָרף און די מתישבים וועלן אים חושד זיין, אַז ער וויל פּטור ווערן פון זיין שוועסטער, זי חתונה מאַכן, כדי דער בכור זאָל בלייבן דער יורש פון דעם טאַטנס ערד.

# ד

דער ישראל־ווינטער איז געווען אין זיין פולן פאַרנעם. די רעגנס זענען געווען געדיכטע. די ערד איז געווען אָנגעטרונקען.

אַ שאַרפע, נאַסע קעלט האָט אַרומגענומען די בערג און די טאָלן אָבער די זונען־שטראַלן האָבן געוואַרעמט די קעלט. מילדע וואַרעמקייט האָט געהילט די נאַטורפּראַכט און די מענטשן.

די איבערגעשראָקענע פּונעם אַרבעטסיאָך מעברה־מענטשן האָבן פּאַמעלעך זיך צוגעוווינט צום נייעם לעבנס־שטייגער. זייער לעבנס־טעמפּאָ איז געוואָרן אַ שנעלערער און לעבעדיקער. זיי האָבן זיך איינגעאיבט אין דער אַרבעט. די טעלער אַרום דיביימער אין די פּרדסים האָבן געהאַט אַ צורה. די טוריעס אין זייערע הענט האָבן זיך באַוויגן ווי אַן אַרבעטס־כלי אין די הענט פון אַ געניטן אַרבעטער.

זיי האָבן זיך ספּעציאַליזירט נישט נאָר אין דער אַרבעט נאָר אויך זיך אויס־געלערנט ווי צו לעבן. זייערע שבתדיקע מלבושים האָט דער אַרבעטסשווייס שוין געהאַט צעגעסן און זיי האָבן זיי אויסגעביטן אויף גרינע האָקי־בגדים וואָס האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין דער סביבה. די מענטשן האָבן שוין נישט אויסגעזען ווי סטראַשידלעס, זיי האָבן זיך שוין אָפּטער ראַזירט. זייערע פּנימער זענען געווען פריש, אָפּגעברענט פון דער זון און אויסגעשמיסן פון ווינט און נישט גרין און בלייך ווי פריער.

אויך צו דער ביקס האָבן זיי זיך שוין צוגעוווינט. זיי האָט שוין קיין שום געווער נישט געשראָקן. זיי האָבן די ביקס גוט געקענט. זיי האָבן מיט גאווה זיך אַרומגעגאַרטלט מיט דעם קױלן־גאַרטל און מיט שווונג זיך איבערגעוואָרפן די ביקס איבערן אַקסל. מיט דעם געווער אין האַנט זענען זיי אין די נעכט געגאַנגען היטן לענגאויס דער וואַדי און מיט פאַרזשמורעטע אויגן נאָכגעפאָלגט די שכנים פון שוני, געקוקט צי זיי גייען איבער דער גרענעץ. אָפט האָבן זיי בייטאָג

געאַרבעט און ביינאַכט געהיטן. דער עול איז זיי נישט געווען צו לאַסט. דער פייף פון אַ קויל האָט זיי שוין נישט געשראָקן. זייער אויער איז שוין געווען געוווינט צו קוילן־סאַלוועס, ווי צו אַ רעגנריטם.

ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי, וואָס האָט געריסן די נאַכט־פינצטער, האָבן זיי באַלד זיך פונאַנדערגעשפּרייט לענגאויס דער וואַדי און גע־ענטפערט מיט פייער. אַ מאָל האָט די שיסעריי אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אָבער אין דער פרי זענען זיי אַרויס צו דער אַרבעט. אויך זייערע ווייבער מיט די אַראָפּגערוקטע ביז די אויערן קאָפּטיכלעך, ווי זיי זאָלן מורא האָבן זיך אַרומקוקן, האָבן אויסגעגליכן זייערע געשטאַלטן. די דיקע ווייבער ווי אָנגעלעגענע פלייש־כמאַלעס זענען געוואָרן רירעוודיק און יאָדערדיק. זיי האָבן פאַרקירצט און פאַר־שמעלערט זייערע קליידער. זייערע פולע ברוסטן זענען שוין געלעגן אין ברוסטן־האַלטערס. זיי זענען שוין נישט אַרומגעגאַנגען באָרוועס. זיי, די מעברה־ווייבער, האָבן געוואָלט דאָ לעבן לויטן שטייגער. זיי האָבן ביי יעדער געלעגנהייט נאָכ־געקוקט די פרויען פון הדסים זיי זאָלן קענען זיי נאָכטאָן.

זייער גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען דער שפּאַציר קיין הדסים. זיי זענען געגאַנגען אַהין מחנהווייז, גאַנצע משפּחות. זיי האָבן שפּאַצירט בנעימותדיק, צע־שפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער דאָרפסגאַס און אַריינגעקוקט אין די טירן און פענצטער. זיי האָבן באַטראַכט די פאָרהאַנגען איבער די פענצטער און אויך די סאָפעס אין די חדרים. פאַרכאַפּט זענען זיי אָבער געווען פון די עלעקטרישע כלים: די קיל־שענק און די וואַש־מאַשינען ווי אויך פון די קיכן. זיי האָבן געלערנט ביי די פרויען פון הדסים; כאָטש ערשט נישט לאַנג האָבן זיי זיך נישט געטרויט אָנצינדן אַ נאַפטלאָמפּ. דאָס דאָרף הדסים מיט זיינע יידן זענען פאַר די יידן פון דער מעברה געווען די לעבנס־אַנטפּלעקונג אַליין.

ספּעציעל געשעצט האָבן זיי איטען — די מאַמע — ווי זיי האָבן זי גערופן. איטע, די מיטלוווקסיקע, גרויע שוין פרוי איז נישט נאָר געווען פאַר זיי אַ מאַמע וואָס האָט פאַרלוירן איר איינציקן זון און וואָס איז געווען ימינס ווייב, נאָר די פרוי וואָס איז שטענדיק גרייט זיי העלפן און זיך משתתף געווען אין זייער צער. איר קיילעכיק, געקנייטשט פּנים האָט אויסגעדריקט די גוטהאַרציקייט פון אַ מאַמע אָבער אין האַרצן האָט זי געטראָגן דעם ווייטיק פון אַ טרויערנדיקער מאַמע. יהונתן, איר איינציקער זון איז געפאַלן אין דער באַפרייונגס־מלחמה. זי און איר מאַן אברהם, אַ הויכער, דאַרער ייד זענען נאָך דער געשעעניש ווי איינגעשרומפּן און פאַרשטומט געוואָרן. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט נאָר דאָס נויטיקסטע. זייער פּיין האָבן זיי געשטילט אין דער אַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט פון מאָרגנפרי ביז אין דער נאַכט אַריין.

צו איטען, דער קרעפּטיקער, אויסגעאַרבעטער פרוי, אירע הענט זענען פון דער אַרבעט געווען באַצויגן מיט אָדערן, זענען די ווייבער פון דער מעברה געקומען נאָך אַן עצה. איטע איז געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אָבער עלנט.

ביי איר אין טיר האָבן זיי אַלע אָנגעקלאַפּט און זי, די פאַרשטיינערטע מאַמע און שוויגנדיקע פרוי, האָט פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט.

צוויי מאָל אַ וואָך נאָך מיטאָג איז זי געגאַנגען אין דער מעברה אַריין. זי האָט געקענט יעדע משפחה אין דער מעברה און געוווּסט אירע באַדערפעּ־נישן. זי האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די מאַמעס: — דיין קינד האָט היץ, מען דאַרף עס לייגן אין בעט אַריין. זי האָט אויך אויפגעפּאַסט, אַז די אונטער־געוואַקסענע מיידלעך זאָלן נישט אַרומגיין פּוסט און פּאַס. זי האָט געוואָרנט זייערע מאַמעס זיי זאָלן די טעכטער נישט לאָזן זיך אַרומשלעפּן מיט פאַרשי־דענע אומבאַקאַנטע פּאַרשוינען וואָס זענען כסדר געקומען אין דער מעברה אַריין. זי האָט די מיידלעך איינגעאָרדנט אין די הדסימער הייזער ביי פאַר־שידענע געהילף־אַרבעטן. זי האָט כסדר איינגעטענהט מיט גאולהן און חמדהן: — וויפל איז דער שיעור? וויפיל צרות ביי יידן? ווען זי האָט געטראָפן יעקבן און נחומען אַריינגיין אין קאָנסום־הויז האָט זי געפרוווּט זיי צווינגען זיי זאָלן זיך געבן די הענט — אָבער אָן דערפאָלג.ביידע האָבן זיך צו איר נישט צוגעהערט.

דאָס לעבן אינעם דאָרף און אין מעברה איז זיך געגאַנגען זיין וועג. גרישאַ דער פּאַכמאַן, וואָס האָט אין אָנפאַנג געמוזט אַרבעטן אין פּרדס איז איצט געוועזן דער שאָפער פון הדסים. פון זינט ער האָלט ווידער דעם רודער אין האַנט איז ער גאָר אַ גינציקער מענטש.

ער וווינט אין דער מעברה. ער דערווייטערט זיך אָבער פון אירע מענטשן. ער קומט אַהין נאָר שלאָפן. אָבער די נאַטור אַרום איז אים געוואָרן באַענט. אין וועזן איז גרישאַ געבליבן ווי געווען. זיין היטל אויפן קאָפּ זיצט ווייטער אויף אַ זייט. זיינע טריט און באַוועגונגען זענען ווייטער שנעלע ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז ער וועט נישט באַווייזן. ער איז אָבער געוואָרן איינ־געהאַלטן און מער געלאַסן. נאָך דער אַרבעט שלעפּט ער זיך ווייטער איבער דער געגנט אָן אַ ציל. ער האָט מיט זיך נישט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך געשלייכט איבער די פעלדשטעגן און געזען פאַר זיך זיין פאַרגאַנגענהייט: זיין היים, ווי ער אַנטלויפט קיין רוסלאַנד, די מלחמה, זיין וואַנדערוועג פול יסורים ביז ער קומט אין לאַנד אַריין. ער איז נישט געווען מסוגל זיך באַפרייען פון זיין פאַרגאַנגענהייט. אויך נישט פון רינהן. זי איז געווען אים צום האַרצן. זי האָט אים דערמאָנט די סלאַווישע טעכטער מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט דאָרט, אָבער ער האָט זיך נישט געטרויט דערנענטערן צו איר.

דאַקעגן מיט אילנען האָט ער יאָ עטלעכע מאָל פאַרפירט אַ שמועס. ער האָט נישט געוווּסט וועגן רינהס טראַגעדיע. ער האָט אילנען שוין פון וויטנס אונטערגעטראָגן דעם שלום און יעדעס מאָל אים געפרעגט: — דאַרפסט עפּעס אין שטאָט?

אילן האָט אים שטענדיק געענטפערט מיט אַ ליפּן־צמאָקע: — טצו! אָדער מיט אַ קלאַפּ איבערן אַקסל. אילן איז אים געפעלן. ער האָט געשעצט

זיין געלאַסענע זיכערקייט. אָבער אילן האָט אים אויסגעמיטן. אילן האָט אָפּגע־שאַצט זיינע פּאַכמענישע קענטעניש, אָבער נישט פאַרטראָגן זיין נערוועזע שנעלקייט און זיין באַרימערײַ. אילנען, וואָס איז געווען אָפּנהאַרציק, אויפ־ריכטיק, זיך געפרייט אָדער געבייזערט, איז דווקא געפעלן אלחלל.

אלחלל, אַ הויכער, מגושמדיקער ייד מיט לאַנגע הענט און אַ קיילעכיקן, פליישיקן קאָפּ איז געווען אַ טאַטע פון צוויי קינדער. ער האָט געשטאַמט פון בולגאַריע, איז אַלט געווען פערציק יאָר און איז געווען דער איינציקער ייד פון בולגאַריע אין דער מעברה. אין בולגאַריע האָט ער געהאַט אַ שפּיגל־פאַבריק. זיינע באַוועגונגען זענען געווען פּאַמעלעכע, געלאַסענע, אַזוי אויך זיינע מחשבות. ער איז געווען אויפריכטיק, האַרציק, שטאַרק און ליב געהאַט די אַרבעט. אים האָט מען געקענט אָוועקשטעלן אַליין ביי אַן אַרבעט און נישט געדאַרפט היטן ער זאָל נישט בטלען. ער האָט סטאַביל געאַרבעט ביי אילנען אין פּרדס און זיך קעגנזייטיק פאַרשטאַנען. די הדסימער איינוווינער האָבן אלחללן גערופן „דער גוי". ער איז געווען ווייט פון יידנטום ווען ער איז געקומען אין לאַנד אַריין, אָבער דאָ אין לאַנד האָט ער געוואָלט זיך איינקלאָ־מערן אין יידישקייט. ווען מאַרקאָ זיין זון איז געקומען פון שול און אים צו וויסן געטאָן, אַז דעם קומענדיקן דינסטיק איז חנוכה און ער דאַרף קויפן אַ מנורה און חנוכה־ליכטלעך, איז ער געבליבן דערשטוינט. אָבער צומאָרגנס, ווען ער איז געקומען אין פּרדס צו דער אַרבעט, האָט ער מיט זיינע האַרטע, ווי אָפּגעהאַקטע ווערטער געפרעגט אילנען: — וואָס פאַראַ יום־טוב איז חנוכה? אילנס אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן און ער האָט זיך צעשמייכלט. אילן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים. באַדעקטע בלעטער מיט טוי האָבן באַנעצט זיין פּנים. ער האָט אַריינגעדריקט אין דער ווייכער ערד זיינע צעשטעלטע פיס און בנעימותדיק דערציילט אלחללן דעם נס מיט דעם קריגל אייל.

אלחלל איז געשטאַנען אַ געבוקטער אויף הינטן. זיין קערפּער איז געווען אָנגעלענט אויף זיינע הענט פון הינטן וואָס האָבן געהאַלטן די טוריע־שטיל. זיינע וואַסערדיקע אויגן האָבן געגלאָצט פון איבערראַשונג. ער האָט געקוקט אויף אילנען.

אָבער לעצטנס האָט אילן געשוויגן און געוואָלט זיין איינזאַם מיט זיך. צווישן מענטשן האָט ער נישט געעפנט דאָס מויל. ער האָט זיך געשטיקט פון כעס און אומרו. אין אים האָט מיט עקשנות געצייטיקט דער געדאַנק: — מען דאַרף ענדיקן און נישט געצווייפלט מער.

נישט איין מאָל האָט ער באַשלאָסן זיך ווענדן צום פאָטער, אים דערציילן, אַז ער האָט ליב רינהן און נישט איין מאָל האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט צו וויסן טאָן רינהן, אַז ער רייסט מיט איר איבער די באַציִונגען. אָבער ער האָט אַלע זיינע באַשלוסן נישט אויסגעפירט — פּונקט אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט זיך באַפרייען פון דעם שיפן אויפשטייג־תחום, וואָס באַגלייט אים

ווי אַ שאָטן. ער דער ערד־מענטש, דער איבערגעגעבענער אַרבעטער וואָס ציט פֿון דער ערד אַרויס איר גערעטעניש האָט זיך נישט דעצידירט. פֿון כעס און אומבאַהאָלפֿנקייט האָט ער מיט די אונטערשטע ציין געביסן זיין ליפּ מיט דער וואָנסע.

אין איינעם פֿון די טעג האָט אילן זיך פֿאַרהאַלטן אין פּרדס און שפּעט געקומען אַהיים. ווען נורית, זיין אַכט־יאָריקע שוועסטער האָט אים דערזען האָט זי אַ דערפֿרייטע אויסגעשריגן: — אָט איז ער! אילן איז פֿאַר נוריתן געווען דער אויטאָריטעט. ווען זי האָט עפּעס אָפּגעטאָן און מען האָט זי געפֿרעגט — פֿאַרוואָס? — האָט זי געענטפֿערט: — אויך אילן טוט אַזוי.

ווען אילן איז אַרייַן אין שטוב איז נורית געזעסן ביים טיש און געגעסן. זי האָט געוואָלט אים אָנטאָן נחת און מיטן גאָפּל אין האַנט, ווי זי זאָל אים דראָען, אים געזאָגט: — איך האָב געזען רינהן!

די עלטערן האָבן זיך איבערגעקוקט. אין שטוב איז אַנטשטאַנען אַ פּיינלעכע שטילקייט. מען האָט נאָר געהערט דעם קלאַנג פֿונעם גאָפּל ווען ער האָט אָנגערירט דעם טעלער.

אילן, דער קרעפּטיקער, ברייטביינִיקער מאַן, וואָס איז געווען געזעצט און גענומען דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, האָט געליטן. ער האָט זיין כעס און אומבאַהאָלפֿנקייט פֿאַרטאָן אין דער אַרבעט, אָבער קיין רו זיך נישט געפֿונען. ער האָט געגאַרט צו רינהן און אָנגעהויבן פֿאַרברענגען מיט מיידלעך פֿון דאָרף. ער האָט אויך פֿאַרברענגט מיט צוויבלס טאָכטער.

אין דאָרף זענען געווען אַ סך מיידלעך, אָבער צוליב זיין שטאַנד האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן דערפֿון. ער האָט נישט געוואָלט מענטשן זאָלן אים באַרעדן.

עטלעכע מאָל האָט אילן זיך געטראָפֿן מיט גוסטאַן, וואָס האָט געענדערט איר נאָמען אויף טובה. זי איז געווען צוויבלס טאָכטער. זי איז געווען הויך און דיקלעך, מיט קיילעכיקע ברוסטן און אַ ווייס, דורכזיכטיק פּנים. אויסערלעך איז זי אילנען געפֿעלן אָבער איר אויפֿפֿירן זיך האָט אים אָפּגעשטויסן. זי איז געווען בלאָנד געפֿאַרבט, מיט לאַנגע, רויט־געפֿאַרבטע נעגל און מיט רויטע, אָנגעשמינקטע ליפּן.

אילן האָט זיך מיט איר געטראָפֿן און געפּרוּווט זי דערנענטערן צו זיך, צו זיין אַרט לעבן. ער האָט איר דערקלערט ווי אַזוי מען פֿלאַנצט און מען באַוואָסערט אַ פּרדס, ווי אַזוי מען אַקערט און מען זייט, ווען מען שניידט אָפּ די פֿאַרטריקנטע צווייגן און ווען מען גיט וואָסער דיביימער. אָבער זי האָט זיך צו אים צוגעהערט אָן אינטערעס. שפּאַצירנדיק מיט אים האָט זי אויפֿגעפּאַסט אויף אירע שיך מיט די הויכע קלעצלעך וואָס זענען געזונקען אין דער נאָסער ערד.

ער האָט איר אויך דערציילט ווי עקשנותדיק די יידן האָבן געקעמפֿט אין דער באַפֿרייונגס־מלחמה. אילן איז איר געפֿעלן. איר האָט אימפּאָנירט זיין העלדישקייט און דאָס וואָס ער איז אַ סאַברע. אָבער זי האָט נאָך אַלץ געלעבט

אין איר אַמאָליקער וועלט. זי האָט אים אויף אַלעם געענטפערט: — איך האָב שוין גענוג די מלחמות! איך וויל לעבן! — אָבער וועלנדיק אים אימפּאָנירן האָט זי אים דערציילט ווי רייך זיי זענען געווען אין פּוילן, ווי עס האָבן אויס־געזען זייערע הייזער וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, ווי גוט איר פאָטער האָט פאַרדינט: — ביי אונדז אין שטוב איז געשטאַנען אַן אייזערנער טאָפּ פול מיט גאָלד און יעדן סעזאָן בין איך געפאָרן אין אַ קוראָרט. זי האָט אים דאָס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דערציילט. ווען זי איז מיד געוואָרן רעדן האָט זי קאָקעטיש אַ פאַרוואָרף געטאָן איר קאָפּ, פאַרמרוזשעט אַן אויג און אַ זאָג געטאָן: — געוועזן אַ לעבן! און מיט צער אָפּגעזיפצט איבער איר פאַר־גאַנגענהייט.

איר וועלט איז אים געווען פרעמד. איר פאָטער האָט נאָך מער אים אָפּגעשטויסן ווי זי אַליין. ער האָט געטראַכט: — איך וועל זיך ווידער דאַרפן איינרייסן מיט איר פאָטער ווי מיט יעקבן. ער האָט אָנגעהויבן זיך דערווייטערן פון איר. ער האָט אָבער געזוכט געזעלשאַפט, ווייל זיין איינזאַמקייט האָט אין אים געוועקט בענקשאַפט צו רינהן.

אין איינעם פון די אַ סך איינזאַמע אָוונטן האָט ער געטראָפן שלומיתן. ער האָט זי שוין געקענט לאַנג. זיי האָבן זיך געטראָפן ס'ערשט מאָל אויף אַ פּרדס־שטעג.

זי האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אַ פאַרמאַטערטע. זי האָט אַ גאַנצן טאָג געשניטן מאַראַנצן. אילן האָט פון ווייטנס זי אַ רוף געטאָן: — שלומית, שלום! זי איז שטיין געבליבן און אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. אַ פאַרשעמטע האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט זיך נישט פאַרגונען אויף אים קוקן. אילן האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל און זי אָנגעקוקט. די שלאַנקע שלומית, צללס טאָכטער, מיט איר אָוואַל גרינלעך פּנים איז אים געפעלן. ספּעציעל האָבן אויף אים געווירקט אירע שוואַרצע, פאַרקעמטע איבער די אויערן אַריבער, האָר. דאָס האָט איר צוגעגעבן חן.

אילן האָט אַ פאַרדריי געטאָן זיך אַ שפּיץ וואָנסע. אַריינקוקנדיק גלייך אין אירע אויגן האָט ער איר געזאָגט: — קום צו דער בירקע.

שלומית איז רויט געוואָרן. זי האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע איצט מאַטע אויגן און געשוויגן. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אים געפרעגט: — ווען?

אילן האָט איינגעביסן זיין אויבערשטע ליפּ ווי ער זאָל וועלן באַשטימען די צייט און איר געענטפערט: אַכט אַזייגער!

— גוט — האָט זי אים געענטפערט פאַרשעמט.

זיי זענען געשטאַנען און געשוויגן. אָבער אילן האָט איר פאָרגעשלאָגן:

— קום, איך וועל דיך באַגלייטן אין שטוב!

שלומית האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ און גענומען גיין.

זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום שיידוועג — איין שטעג האָט געפירט אין דער מעברה אַריין — דער צווייטער — אין דאָרף אַריין — איז אילן שטיל געבליבן.

אויך זי האָט זיך פאַרהאַלטן. אילן האָט זי ווידער אָנגעקוקט און זיך באַשטעטיקט: זי איז מלא חן! אפילו אירע אַ ביסל פלאַטפיס האָבן איר צוגעגעבן ווייבלעכקייט. ער האָט אויסגעשטרעקט איר די האַנט. זי האָט אים אויסגעשטרעקט איר האַנט. ער האָט זי געדריקט מיט כוח. „אוי" — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן פון ווייטיק. אילן האָט זיך צעשמייכלט: — אויף ווידערזען אין אָוונט! — האָט ער געזאָגט. אַ צעפלאַמטע האָט זי אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי איז מסכים.

זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. זי אין דער מעברה, ער אין דאָרף אַריין.

# ה

דער ווינטער איז שוין פאַרביי. די רעגנס האָבן שוין אויפגעהערט. די זון ברענט נאָך נישט, אָבער דער פרילינג איז שוין נאָענט. מען דערוואַרט דעם „מלקוש".

דער הימל איז שוין לויטער און בלוי. די נעכט קאַלטע. בייטאָג ווייעט פון די בערג אַ מילד ווינטל וואָס גלעט ליבלעך. די ביימער־ און קוסטעס־צווייגן, וואָס די ווינטן האָבן זיי אַ גאַנצן ווינטער געריסן, וויגן זיך איצט פאַמעלעך ווי זיי זאָלן דאַנקען פאַר דער רו.

אויף די אָנגעזעטיקטע מיט פייכטקייט צווייגן עפענען זיך שוין קנאָספּן. די גרעזער וואַקסן. די אויפגעאַקערטע ערד שפּרייט פונאַנדער ריחות פון געוויקס און בליטער.

הדסים, דאָס דאָרף אויף דער לאַנד־גרענעץ וואָס האָט אין די נעכט געוואַכט — זיך פאַרטיידיקט קעגן די שכנים פון איבער דער וואַדי, איז פול שפע. די ריחות פון די צעבליטע פּרדסים פילט אויס דעם רוים אין דער סביבה און שיכורן די חושים פון די מענטשן.

די איינוווינער אין הדסים אַרבעטן פון מאָרגנפרי ביז אין דער נאַכט אַריין, פאַרטאָן זייער טאָג אָבער עס איז זיי כדאי. די קי אין די שטאַלן זענען ראַסיקע. זייערע ווייס־שוואַרץ געפלעקטע פעלן גלאַנצן, זייערע טריט זענען פאַמעלעכע. זייערע אייטערס זענען פול מילך און ציִען צו דער ערד. די קי שטייען אויף צעקראַטשעטע פיס. די שטייגן זענען פול הינער. צו די ווייסע ראַסאָווע הינער וואָס לייגן זיך זענען צוגעקומען ברוינע ראַסאָווע הינער אויף פלייש. דער דריוולענדיקער זיך הענערקריי פילט אָן דעם רוים אין דער סביבה מיט רעש. דער הילך פון דער פערד־ און אייזל־הירזשעריי האָט גובר

געווען די קוואָקעריי פון די הינער. דאָס מרוקען פון די זאַטע קי האָט באַגלייט די פרייד פון שאַפן וואָס האָט געהערשט אין דער סביבה. אויך דער אויטאָ האָט צוגעגעבן רעש. דער דאָרפס־אויטאָ וואָס גרישאַ האָט געפירט איז עטלעכע מאָל אין טאָג געפאָרן אין שטאָט, אַוועקגעפירט די דאָרפס־שפּע.

אויך ביי אילנס עלטערן איז די ווירטשאַפט זיך פונאַנדערגעוואַקסן. נחום און אילן, די צוויי מענער האָבן זיך נישט געשפּאָרט. דער זון האָט געאַרבעט אין די פעלדער און אין פּרדס, דער פאָטער — אין הויף און אין שטאַל.

נחומס בהמות זענען געווען אויסגעקעמט און געוואַשן. די ריינקייט האָט אויף זיי געגלאַנצט. פון די קראַנען אין הויף האָט נישט געטראָפט. ער איז געווען אויפגערוימט, די קוסטעס אַרום דעם הויז אונטערגעבונדן. לעצטנס האָט נחום אויך צוגעהאָלפן זיין ווייב. ער האָט פונאַנדערגעטיילט עסן די עופות און געריניקט די שטייגן, ווייל די שטייג פאַר די הינער אויף פליש האָט באַשעפטיקט זיין פרוי ביז אין אָוונט.

חמדה, נחומס ווייב איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויף אַ צעפלאָמטע, פאַר־שוויצטע, געסאָפּעט פון אויפרעגונג און זיך געאיילט. ווי נאָר זי איז אַריין אין שטוב האָט זי פאַר דער טיר אַראָפּגעוואָרפן די שיך פון די פיס און גלייך אַריין אין באָדצימער. זי האָט נישט געוואָלט די מענער, איר מאַן און זון זאָלן זען, אַז זי איז מיד, אָבער ביידע האָבן עס באַמערקט. אַ מאָל אין אַן אָוונט וואָס איז געווען ווינטיק און די גאַנצע משפחה איז געזעסן ביים אָוונטברויט האָט חמדהס האַנט אַ ציטער געטאָן פון אָנשטרענגונג ביים פונאַנדערטיילן דעם סאַלאַט. זי איז רויט געוואָרן פון איבערראַשונג און אַ שיקל געטאָן פון אויפ־רעגונג.

נחום האָט זי אָנגעקוקט און צעקנייטשט דעם שטערן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אָפּגעהוסט און געזאָגט אויפן קול:

— די מאַמע אַרבעט שווער.

די קאַשטאַן־רויטע נורית וואָס איז געווען ענלעך צום פאָטער האָט זיך איבערגענומען מיטן פאָטערס רייד, און עס איז איר אַרויסגעפאַלן דאָס שטיקל ברויט וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. זי האָט אָנגעקוקט די מוטער און מיט באַדויער איר געזאָגט: — איך וועל דיר העלפן! איר פּנים איז רויט געוואָרן פון אָנשטרענגונג. איר פאַרפלאָכטענער פון הינטן צאָפּ האָט זיך אַ שליידער געטאָן ווי אַ ווײַדעלע.

נחום האָט פאַרזשמורעט זיינע טיף איינגעזעצטע אויגן און געענטפערט נוריתן: — גוט! אָבער איצט, עס! — און זיך צעשמייכלט. ער האָט אָבער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום זון און געזאָגט: — געפין אַ מיידל וואָס קען פירן אַ בעל־הביתישקייט. ער האָט זיך אָפּגעווישט די ליפּן און צוגעגעבן: — אַ מיידל וואָס זיצט אין שטוב.

אילן איז זיצן געבליבן אַ געפּלעפטער און אַ פאַרקלערטער. זיין גרויסער שטערן איז געוואָרן צעקנייטשט. די מוטער האָט געשוויגן. איר פּנים האָט

געפּלאַמט. אָבער אַ גוטמוטיקער שמייכל איז געזעסן אויף איר אויבערשטער ליפּ און אַ צופרידענע האָט זי באַטראַכט די מענער. אילן איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער. אינעם עסצימער איז געווען שטיל. יעדער באַזונדער האָט אַוודאי געטראַכט ווי וועט אויסזען די שטוב־ווירטשאַפט אין דער צוקונפט?

מיט אַמאָל האָט אילן זיך אויסגעגליכן ווי ער זאָל וועלן זיך אויפשטעלן אָבער ער איז זיצן געבליבן און שנעל געזאָגט: — איך קען אַ פאַסיק מיידל.

די עלטערן האָבן נייגעריק אים אָנגעקוקט.

אילן האָט אויסגעהאַלטן זייער בליק און געזאָגט דרייסט: — שלומית פון דער מעברה.

די שטילקייט אין שטוב איז געוואָרן געפּרעסט. די עלטערן האָבן געקענט שלומיתן. זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז זי טרעפט זיך מיט אילנען. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט ווי איינער זאָל פרעגן דעם אַנדערן: יאָ? און געשוויגן.

— נו! וואָס איז דיין מיינונג? — האָט נחום געפרעגט חמדהן.

חמדה האָט פאַרזשמורעט די אויגן. איר פּנים איז געוואָרן ערנסט.

— זי וועט דאַרפן זיך לערנען און צוגעוווינען צו אונדז. איז דאָס כדאַי? — האָט זי געפרעגט, ווי זי זאָל צווייפלען, און זיך איינגעקוקט אין איר מאַן און זון.

אילן האָט צונויפגעצויגן די ברעמען. פון אָנשטרענגונג איז זיין פּנים ווי אָנגעשוואָלן. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און קוקנדיק דער מוטער אין פּנים אַריין געזאָגט: — אַ בכבודיקע משפחה. אַ באַחנטע טאָכטער. זי וועט זיך לאָזן לערנען.

דאָס רעדן איז אים שווער אָנגעקומען. ער האָט גערעדט ווי ער זאָל שטאַמלען און געביילט די פויסטן פון אויפרעגונג. נחום האָט זיך צוגעהערט צום זונס רייד. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און אַראָפּגעלאָזט די הענט. ווען ער האָט צוריק זיי געעפנט ווי ער זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט, האָט ער אָנגעקוקט דעם זון און אים געענטפערט: גוט, זאָל זי קומען.

אילן האָט פון אונטער זיך אַפּירגערוקט ס'בענקל און פאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט ווי ער זאָל אויף זיך האָבן אַ משא.

ווען אילן האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר איז אין שטוב ווידער געוואָרן שטיל. מען האָט נאָר געהערט דעם גאַנג פון וועקזייגער.

חמדה האָט גענומען נוריתן אויף די הענט און מיט איר אַריין אין באַדצימער.

נחום איז אַריין אין צוויטן צימער און אין דער פינצטער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע אין ווינקל.

# ד

ווען שלומית איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו נחומען אין שטוב צו דער אַרבעט איז זי שטיין געבליבן פאַר דער טיר ווי זי זאָל מורא האָבן גיין ווייטער. זי האָט זיך אָבער באַהערשט און איז אַריין אין שטוב. זי איז שטיין געבליבן און אַ פאַרשעמטע געזאָגט „שלום״! אירע באַקן האָבן געפלאַמט. איר האַרץ האָט געטיאַכקעט.

אויך חמדה האָט זיך פאַרלוירן אָבער נאָר אויף אַ רגע. זי האָט שלומיתן באַלד אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ ווי זי זאָל זי ס׳ערשטע מאָל זען. זי איז איר געפעלן. זי האָט איר אויסגעשטרעקט די האַנט און גענומען אונטערן אָרעם. אַ צעשמייכלטע האָט זי זיך אָנגעלענט אויף איר און אַ זאָג געטאָן: — אַ סך אַרבעט ביי אונדז פאַראַן. גוט וואָס דו ביסט געקומען העלפן. שלומית האָט אויפגעהויבן אירע וויִעס און זי אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרקייט.

שלומית איז פונעם ערשטן טאָג אָן אַריין אין דער אַרבעט. זי האָט נישט געוווּסט ווי מען גייט זיך אום מיט הינער, אָבער די אַרבעט איז פאַרהעלטניש־מעסיק געווען איר גרינג. חמדה האָט זי געלערנט.

שלומית האָט די אַרבעט פאַרשטאַנען. גאַנץ פרי ווען דער טוי איז נאָך געלעגן איז זי שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט. ס׳רוב האָט זי שוין אילנען נישט געטראָפן אין שטוב. ער איז שוין אַוועק צו זיין אַרבעט.

זי האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אין שטוב. האָט געזאָגט שלום און אַרויס פונאַנדערטיילן עסן אין די שטייגן. זי איז געווען אַ בריה אין דער אַרבעט. האָט געברענגט פון פעלד גרינס און עס צעשניטן און צוגעגרייט אַ מישונג פאַר די הינער. איר אַרבעט האָט באַפרידיקט נחומען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין הויף, באַטראַכט די שטייגן און גערעדט צו זיך: — די ריינקייט בלאַנקט אין די שטייגן.

שלומיתס אַנוועזנהייט האָט אַריינגעבראַכט הייטערקייט אין דער גאַנצער ווירטשאַפט. זי האָט נישט נאָר פאַרזאָרגט די הינער. האָט זיך אויך באַמיט חמדהן פאַרלייכטערן איר אַרבעטס־עול. זי האָט איר צוגעהאָלפן אין דער קיך, געוואַשן די כלים און איר געהאָלפן קאָכן.

חמדה האָט זי געלערנט באַקן און גרייטן דעם טיש, אַזוי ווי זי איז געוווינט און זי אויך מיטגענומען אין קאָנסום־הויז איינקויפן. חמדה האָט זיך צו איר צוגעוווינט. אָפט האָט מען זיי בײדן געזען גיין באַלאָדנטע מיט קוישן און פעק און פאַרזונקענע אין אַ שמועס ווי אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. פון הינטן איז זיי נאָכגעלאָפן נורית. פאַר דער קליינער נורית איז שלומית געווען איר גרעסערע שוועסטער. וואָס זי האָט געדאַרפט: פאַרפלעכטן ס׳צעפּל, פאַרבינדן אַ שליף אָדער די שיך האָט זי זיך געוואַנדן צו שלומיתן. פון טאָג וואָס שלומית איז געקומען אַרבעטן איז ביי נחומען אין שטוב פריילעך. אַלע האָבן געאַרבעט אָבער טאַטע־מאַמע האָבן געוואַרט.

אילן, וואָס איז מכלומרשט געווען נאָר פּאַראינטערעסירט שלומית זאָל ביי זיי אַרבעטן, האָט איצט זי געמיטן. אַ צייט לאַנג איז ער אַרומגעגאַנגען אָן אויפגערעגטער, די טשופּרינע צעשויבערט, די הויזן איבער די לענדן. מיט די הענט אין די טאַשן האָט ער געשפּאַנט מיט גרויסע, שווערע טריט און נישט געזען קיין מענטש. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פּאַרטראַכטער. ער האָט געוויגן זיין גורל ביז ער האָט זיך דעצידירט.

ער טרעפט זיך איצט ווידער מיט שלומיתן אָבער באַהאַלט זיין סוד פאַר די שטוביקע. די אָוונטן פאַרברענגען זיי צוזאַמען, ס׳רוב שפּאַצירן זיי אין די פעלדער. ער האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען אין דער טאַליע און איר קאָפּ איז געלעגן אָנגעלענט אויף זיין באַק. ער האָט איר דערציילט ווי מען לעבט אין קיבוץ. געוואָלט וואָס מער זי אַריינפירן אינעם היגן לעבן. שלומית האָט געשלונגען זיינע ווערטער שטיל און מיט באַגער. זיין ווייכע באַס־שטימע האָט געשפּילט איר אין די אויערן. אילן איז אויך גערן געגאַנגען צו זיי אַהיים. ער האָט זיך באַקוועם געפילט אין צללס דלד אמות וואָס זענען געווען דורכ־געזאַפּט מיט פּאַטריאַרכאַלישקייט. טאַטע־מאַמע האָבן גערעדט צווישן זיך שטיל. ער האָט נישט אָפּגעריסן זיינע אויגן פון זייערע פאַמעלעכע ווי געמאָסטענע באַוועגונגען. אים האָט אויך אינטערעסירט דער מוטערס כמעט קנעכטישע איבערגעבנקייט צום מאַן. אים איז אויך געפעלן דעם פאָטערס בכבודיקע באַציונג צו דער מוטער.

אילן איז אויך גערן ביי זיי געבליבן צום עסן. זייערע געווירצטע מאַכלים האָבן אים געשמעקט. ער האָט זיך באַלעקט מיט דער שעפּסנזופּ און דעם גוט געווירצטן חומוס. אָפט איז ער געזעסן ביים טיש און געטונקען שטיקער פּיתה אין דער שיסל טחינה.

שלומיתס עלטערן האָבן אים אויפגענומען מיט פרייד אָבער יעדעס מאָל, ווען ער איז מיט איר אַוועק שפּאַצירן, האָבן זייערע אַלטע אויגן שטיל געפרעגט:

— צו וואָס וועט דאָס דערפירן? אָבער זיי האָבן געשוויגן. פאַר זיי איז אילן געווען דער זון פון דער טאַטערס אַרבעטס־געבער.

אילן האָט נישט פאַרגעסן רינהן אָבער ער האָט זיך אַלץ מער און מער דערנעענטערט צו שלומיתן. זיי האָבן זיך אָפט געטראָפן. זיי זענען צוזאַם געגאַנגען אין קינאָ, שפּאַצירט איבער דער הויפּטגאַס אין דער קאָלאָניע, באַטראַכט די עטלעכע אין גאַס שויפענצטער. זיי זענען געגאַנגען אין קינאָ. זיי האָבן די פילמען נישט איבערגעקליבן. יעדעס בילד האָט זיי אינטערעסירט. זיי האָבן נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אויפן עקראַן און זייערע הערצער האָבן געצאַפּלט פון פרייד און אויפרעגונג. ווען זיי זענען אַרויס פון קינאָ און שלומית האָט פאָרגעשלאָגן: — מירן גיין צופוס אַהיים — האָט אילן איר געענטפערט:

— צו ווייט, דו ביסט מיד! ער האָט איצט נישט געוואָלט מיט איר גיין אַליין ביינאַכט אין די פעלדער.

שלומית האָט געגאַרט צו אים. זיין אָנוועזנהייט האָט אויפגעברויזט אירע

בלוטן. זי האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן. ווען זי איז געלעגן אין בעט זענען אירע אויגן געווען אָפן און געזען אים מיט זיין צעשויבערטער טשופּרינע, זיינע אויגן האָבן אויף איר געקוקט פון דער פינצטער אַרויס. פּאַרטאָג איז זי אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענע, נישט אויסגעשלאָפענע אָבער גייענדיק צו דער אַרבעט האָט זי זיך אונטערגעזונגען. זי איז געווען גליקלעך וואָס זי געפינט זיך ביי אילנען אין שטוב. איר איז גוט געווען. זי איז צו דער אַרבעט געקומען אין אַ קאָלירטן, אויסגעפּאַסטן סוועטער פון אונטער וועלכן עס האָבן אַדורכגעשטאַרט אירע יונגע, שפּיציקע ברוסטן. זי האָט געטראָגן בלויע, קורצע הויזן וואָס האָבן נישט פאַרדעקט אירע קני. זי האָט געהאַט געפּאַרעמטע הויכע פּיס און געטראָגן סאַנדאַלן. איר קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס טיכל פון אונטער וועלכן עס זענען אַפּירגעהאַנגען עטלעכע שוואַרצע לאָקן. זי איז געווען באַחנט. זי האָט זיך שוין געפילט אין דאָרף ווי זי זאָל האָבן געבוירן געוואָרן אין הדסים. איר אָנוועזנהייט אָבער האָט באַאומרויִקט נחומס שכנים.

רינהס עלטערן האָבן איר נישט געענטפערט אויף איר „שלום". זיי האָבן צו איר גאָרנישט געהאַט, אָבער זיי האָט געאַרט וואָס זייערע שכנים פון איבערן פּלויט מיט וועמען זיי קריגן זיך, האָבן זיך אַריינגענומען אַ געהילף אין שטוב זיי צו ערגערן.

נאָר אורי רינהס ברודער וואָס האָט צוזאַמען מיט איר געליטן האָט געשוויגן און שלומיתן תמיד באַגעגנט מיט פאַרזשמורעטע אויגן פון שנאה. אילנס ערך איז ביי אים נישט קלענער געוואָרן אָבער ער האָט נישט געוואָלט מיט אים זיך טרעפן. ער איז אויף אים נישט געווען אין כעס. ער האָט געוווּסט, אַז אילן האָט ליב זיין שוועסטער. ער האָט אָבער געהאַסט זיין און אילנס טאַטע וואָס עקשנען זיך.

שלומית האָט דאָס געמערקט. אָבער זי האָט יעדעס מאָל געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי זעט נישט אורין. זי האָט געשטוינט און זיך געפרעגט: — פאַרוואָס האָט אורי מיך פיינט?

רינה האָט עס אָבער איבערגעקרענקט. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס וואָס שלומית געפינט זיך ביי נחומען אין הויז דערווייטערט אילנען פון איר. אָבער זי איז געווען אָנמעכטיק. פון צער האָט זי אָנגעהויבן איינדאַרן. אירע ברוסטן זענען איינגעפאַלן. אירע באַקנביינער זענען געוואָרן בולט. אַ דערשלאָגענע האָט זי גענומען זיך שלייכן איבער די פעלדער. אַמאָל איז זי געגאַנגען שנעל, אַמאָל מיט אַ דראָבנעם טריט אָבער שטענדיק מיט פאַרגלייזטע אויגן. זי איז געגאַנגען ווי אַ לונאַטיקערין און געזוכט אילנען.

דעם לעצטן מוצאי־שבת, ווען די הדסימער יוגנט איז זיך צונויפגעקומען אויפן שיידוועג פון די פּרדסים איז רינה געקומען אַליין און שפּעט. ווען דער שייטער האָט שוין געפלאַקערט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אָפּגעזונדערט, פאַרדוקט אין אַ ווינקל. זי האָט זיך געשעמט וואָס זי איז געקומען אָן אַ באַגלייטער. די שייטער־פלאַמען האָבן געברענט ביז דער האַלבער נאַכט. די דאָרפס־יוגנט

איז געזעסן פאַרלעכוויז אַרום דעם שייטער. זיי האָבן געבראָטן קאַרטאָפל און געזונגען.

געפירט די פאַרווײַלונג האָט דער נידעריקער, ברייטביייניקער אֶלי. יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך געענדיקט אַ ניגון, האָט ער מיט זיין דיקער שטימע אָנגעהויבן אַ נייעם ניגון. ער האָט אויך כסדר צוגעלייגט צווייגן צום שייטער. ווען די חברה זענען מיד געוואָרן און הייזעריק, און די פייער־פלאַמען האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלעשן זענען די פאַרלעך פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט־פינצטערניש. רינה, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ פאַרטראַכטע און פאַר־קוקטע אין די פלאַמען, איז געבליבן די לעצטע. אויך זי האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און געזומען גיין מיט נאַכלעסיקע שריט. זי איז געגאַנגען און זיך אומגעקוקט ווי געזוכט, געוואַרט אילן זאָל אָנקומען פון אַנטקעגן. פון דער נאַכטפינצטער אַרויס, אָבער אילן האָט זיך באַמיט נישט טרעפן מיט איר.

נאָר רענן האָט זי עטלעכע מאָל אָפּגעוואַרט. רענן, דער בלאָנדער, מיטל־וווּקסיקער דאַרער בחור האָט פון שטענדיק אָן געמיטן מענטשן צוליב זיין מום — זיין לינקער אַקסל איז געווען העכער פונעם רעכטן. ער האָט געהאַט שטאַרקע הענט און געקענט אַרבעטן. זעלטן ווער עס האָט זיך געקענט מיט אים פאַרגלייכן און אויסצירקלען אַ בוים־טעלער אָדער אויסרייניקן אַ שטאַל. אָבער ער האָט ווייניק געאַרבעט. ער האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס אינעם לעבן. ער האָט געהאַסט די מענטשן און אויך זיך אַליין. אים איז געווען קלאָר זיין גורל. אפילו אין מיליטער האָט ער נישט געדינט. ער, דער זעקס־און־צוואַנציק־יעריקער בחור איז אפילו נישט געגאַנגען אויף שמירה (היטן).

געשטאַמט האָט ער פון אַן אַרבעטער־משפחה. ווי אַ סך משפחות אין דאָרף האָט אויך זיין משפחה געהאַלטן אַ געדונגענעם אַרבעטער. זיי האָבן זיך באַמיט פאַרלייכטערן זיין ביטערן גורל.

יצחק, זיין פאָטער, אַ נידעריקער, קרעפטיקער ייד האָט זיין גאַנץ לעבן שווער געהאָרעוועט. אָבער דעם זון האָט ער נישט פאַרזאָרגט. רענן האָט געהאַט אַ פרייען צוטריט צום פאָטערס קאַסע, געקענט נעמען געלט וויפל עס איז אים געווען נויטיק. אויך די מוטער חנה, אַ דיקע, געזונטע פרוי וואָס איז פריצייטיק גרוי געוואָרן האָט יאָ פאַרזאָרגט דעם זון. זי האָט אים געקויפט די בעסטע און מאָדערנסטע מלבושים. לעצטנס האָט זי אים געקויפט שמאָלע הויזן מיט ברייטע מאַנזשעטן און עטלעכע קאָלירטע, געקראַטעטע העמדער. זי האָט אַזוי אַרום געוואָלט פאַרמינערן זיין איינזאַמקייט.

אָבער רענן האָט זומער און ווינטער און אויך שבת געטראָגן האַקי־מלבושים און אַרבעטס־שיך. מיט זיין אָפּגעלאָזנקייט האָט ער פּראָטעסטירט קעגן זיין מום. ער האָט אויסגעמיטן זיך טרעפן מיט זיינע חברים, די יוגנט פון זיין עלטער. זייער מיטלייד צו אים, דעם קאַליקע, האָט אים שאַקירט.

טעג גאַנצע איז ער געלעגן און געלייענט: זומער אין פרדס, ווינטער אין שטוב. פון מאָל צו מאָל איז ער אַוועק אין שטאָט אין דער ביבליאָטעק

און פון דאָרט געבערענגט אַ שטויס ביכער. ער האָט געהאַסט מענטשן אָבער מיט איבערגעבנהייט פאַרזאָרגט די זינג־פייגל אין שטייג און די פיש אין אַקוואַ־ריום, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שטוב. ווען אים איז דאָס אַלעס נמאס געוואָרן איז ער פאַרשוווּנדן פון שטוב. טעג האָט ער זיך געשלייכט איבער די פעלדער אָן אַ ציל און געאָטעמט אין זיך די נאַטור־שיינקייט. אָבער ווען אויך דאָס האָט זיך אים דערעסן האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און פאַר זיך געשפּילט אויף זיין פלייט מעלאַנכאָלישע ניגונים. פאַרבייגייער וואָס האָבן דערהערט די פלייט האָבן געוווּסט ווער עס שפּילט.

דער געקריוודעטער פון דער נאַטור, האָט געהאַט אַן אַבסאָלוטן געהער. ער, וואָס שלייכט זיך אָן אַ צוועק און אָן אַ ציל, האָט געוווּסט אַלץ וואָס עס געשעט אין דער סביבה. ער האָט אויך געוווּסט וועגן רינהס טראַגעדיע. ער האָט געזען ווי אילן העלפט שלומיתן אין דער אַרבעט, ווי ער שלעפּט איר די זעק פּאַשע פאַר די הינער. ער האָט אויך אונטערגעהאָרכט זייערע שמועסן און געקריצט מיט די ציין ער זאָל נישט אַרויס פון די כלים. ער האָט זיך אַרונטער־געשטעלט אונטער אַ בוים אָדער אַ ראָג פון אַ געביידע און געזען ווי שלומית לאָזט אַראָפּ די אויגן אַ פאַרשעמטע און ציט זיך די פינגער פון אויפרעגונג ווען אילן רעדט צו איר. אָפט אין די אָוונטן האָט ער געטראָפן רינהן שפּאַצירן איבער די פעלדער מיט שטאַרע, אויסגעגלאָצטע אויגן, און נאָכלעסיק איבער־געוואָרפענעם צאָפּ איבערן האַלדז און פאַרביסענע ליפּן פון כעס.

רענן, דער אַליין באַעוולטער האָט באַדויערט רינהן די באַעוולטע, אָבער ער האָט נישט געוואַגט זיך צו איר דערנענטערן.

אין איינעם פון די אָוונטן, ווען זיינע עלטערן זענען געזעסן ביים טיש, געגעסן, און ער איז געלעגן אויף דער סאָפע מיטן רוקן אַרויף, מיט אונטער־געלייגטע הענט אונטערן פּנים, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ קול ווי ער וואָלט אַריינגערעדט אין אַ הויל פאַס אַריין: — רינה איז דאָס בעסטע מיידל אין דאָרף!

זיינע עלטערן האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. דער פאָטער האָט הויך אַ קרעכץ געטאָן.

אָבער רינה האָט נאָך געטראַכט וועגן אילנען. אַ פאַרביטערטע האָט זי אויפגעהערט קומען אַהיים נאָך דער אַרבעט. זי האָט נישט געוואָלט זען ווי איבערן פלויט ביים שכן אין הויז בעל־הביתעוועט שלומית.

## ז

די זונען־שטראַלן האָבן געגליט. די ערד איז געווען אויסגעטריקנט. די זאַמדן האָבן געבריט. די טעג זענען געווען הייסע, די לופט טרוקן, אָבער

פריש. דער הימלבלוי איז אין דער נאַכט געווען געדיכט און טונקל ווי ער זאָל זיין גראַנאַט. אָבער די אָנגעגליטע ערד האָט געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון. אינעם רוים — דער לופט, האָט געשימערט די זונענשיין. אויף די, ווי נאָקעטע נאָכן תבואה־שניט, פעלדער האָבן זיך געפּאַשעט די שעפּסן־סטאַדעס, אויס־געגעסן דאָס איבערגעבליבענע. די ערד האָט געטריקנט און געפּלאַצט. נאָר אין די פּרדסים און גרינסן־פעלדער האָבן די וואַסער־שליידערער באַוואַסערט. זייערע מעטאַלענע מיילער האָבן זיך געדרייט און אָנגעפילט די סביבה מיט אַ ריטמישן זשום. די וואַסער־שפּריצן זענען געפאַלן אויף דער ערד מיט אַ ווייכן ווי סאַמעט שאָרך. די צעשפּליטערטע נעץ האָט געוואַשן דאָס גרינס און געזעטיקט די ערד. די פּרדסים אין הדסים האָבן געבליט מיט אַ געבענטשטע גערעטעניש. די ביימער־קרוינען וואָס האָבן געשפּרייט שאָטן האָבן זיך געריסן אין דער הויך ווי צו דער זון. די ביימער האָבן אויסגעזען ווי זיי זאָלן זיין רונדיק. די גרין־רויטע מאַראַנצן זענען געהאָנגען אויף די צווייגן, באַצירט די פּרדסים און אַרויסגעשיינט פון צווישן די ביימער ווי צעהאָנגענע פּייערלעך. די ירקות־פעלדער, די פּרדסים אַנטקעגן זענען געווען פונאַנדערגעטיילט אין קוואַדראַטן. דער שימער פון דער גרינקייט זייערער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער לופט־לויטערקייט אין דער סביבה. די פעלדער זענען געלעגן פונאַנדערגעלייגט ווי אַ קאָלירטער דיוואַן.

רענן, דער אָפּגעלאָזענער, רעזיגנירטער פון לעבן בחור, וואָס זיינע אויגן זענען שטענדיק געווען טרויעריק און איצט האָבן זיי געגלאַנצט איז אויך איצט ווי פריער געלעגן שעהען אין שטוב אויף דער סאָפע אָדער אין שאָטן אונטערן בוים און געטראַכט וועגן רינהן. ער האָט געזען איר פּנים וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט צער און טרויער. ער האָט געוואָלט זיך צו איר דערנענטערן, אָבער ווי אַזוי? זיין געשטאַלט האָט זיך געהויקערט אונטער דער לאַסט פון זיין גורל. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און געשוויגן, אָבער אין אים האָבן געברויזט זיינע יוגנט־יצרים.

ער האָט איצט געליטן טאָפּלט, פאַר זיך און פאַר רינהן. ער האָט געחלומט אין שלאָף, זי אַרומגענומען, געפילט די עלאַסטישקייט פון אירע ברוסטן און די ווייכקייט פון אירע פולע ליפּן. רענן, דער רעזיגנירטער, האָט איצט געטרוימט און זיך געפּוצט, געוואָלט געפעלן רינהן. ער האָט געשמירט די האָר מיט ברילאַנטין און זאָרגפעליק זיי פאַרקעמט. ער האָט אָפטער געביטן די בגדים וואָס זענען ביז איצט געהאָנגען אין דער שאַנק נישט גענוצטע. ווען ער האָט אָנגעטאָן אַ נייעם אַנצוג האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן שפּיגל און באַטראַכט זיינע אַקסלען צי ער קען געפעלן רינהן. ער האָט זיך געאיילט, שנעל אַרויס פון שטוב — אפשר וועט ער זי טרעפן. אָבער ווען ער האָט זי געטראָפן האָט ער נישט געוואַגט צו איר צוגיין, נאָר פון וויטנס זי באַגלייט צו דער אַרבעט און אַהיים. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ביז זי האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. אין די אָוונטן האָט ער זיך געדרייט אַרום זייער

הויז — אפשר וועט זי אַרויסגיין און ער וועט פון ווייטנס זען איר איבער־געלייגטן איבערן קאָפּ בלאָנדן, געפלאָכטענעם צאָפּ. רינה האָט געפילט, אַז רענן גייט איר נאָך. דאָס האָט אין איר דערוועקט כעס און נייגער אין איינעם. זי האָט פאַרמורזשעט די אויגן און אַ טראַכט געטאָן: — צו וואָס בין איך דערגאַנגען?

אָבער טראָץ דעם איז זי אָפּט צוגעגאַנגען צום פענצטער און פון אונטער דעם פאָרהאַנג אַפּירגעקוקט צי ער וואַרט. זי האָט אַלץ געטאָן זי זאָל זיך מיט אים נישט טרעפן. אויב זי האָט געוואָלט אַרויסגיין פון שטוב און דערזען, אַז ער וואַרט אויף איר איז זי נישט אַרויס.

אָבער רענן וואָס האָט שוין גאָרנישט דערוואַרט פון זיין לעבן האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. רינה, דאָס שלאַנקע, בלאָנדע מיידל, איז איצט געווען זיין איינציקער לעבנסשטראַל אין זיין פאַרפינצטערט לעבן. זיינע אַלע האָפענונגען זענען געווען אילוזיעס, איינבילדונג, אָבער ער האָט מיט זיי געלעבט. אַלץ וואָס ער האָט איצט געטאָן: זיך אָנגעטאָן, פאַרקעמט, האָט געהאַט איין ציל — איר געפעלן. ער האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין זיינע טרוימען, אַז ווען ער איז אַרויס פון שטוב מיטן געדאַנק, אַז אפשר וועט ער זי זען, איז ער געגאַנגען מיט דער זיכערקייט, אַז ער האָט זיך מיט איר אָפּגערעדט צו טרעפן.

ביז אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג, די דאָרפסגאַס איז געווען ליידיק אָן אַ מענטש איז רינה אַ באָרוועסע, מיט צעלאָזטע האָר אַרויס מיט אימפּעט פון שטוב. זי איז אויף רעננען וואָס האָט זי אָפּגעוואַרט ווי אַרויפגעפאַלן. זיי זענען שטיין געבליבן זיך אַנטקעגן.ביידע האָבן שווער געאָטעמט. יעדער פון זיי האָט געפילט אויף זיך דעם צוויטנס שנעלן, הייסן אָטעם. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. ביידנס בליקן זענען געווען שטאַר.

רינהס נאָזלעפלעך האָבן געציטערט פון אויפרעגונג. ער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. פּלוצים האָט ער פאַמעלעך אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אָנגענומען אַ הויפן אירע האָר. פון דערשיטערונג איז זי ווי קלענער געוואָרן. ער האָט אויף איר געקוקט מיט אויגן גליענדיקע פון תאווה. ער האָט זיך אויסגעגליכן און געזאָגט: — איך בין נישט פון די ערגסטע!

רינה האָט אַוועקגעדרייט איר קאָפּ, באַפרייט פון זיין האַנט איר הויפן האָר. אירע אויגן האָבן געגלאָצט און זי האָט געאָטעמט שווער. פון אויפרעגונג האָבן אירע אַקסלען זיך אַראָפּגעלאָזט. איר פּלייצע איז געוואָרן קיילעכיק. אירע אויגן פאַרלאָפן מיט כעס און האָט אויף זיי נישט געזען. אירע איצט בלייכע ליפּן האָבן געמורמלט: — דער „דאָרפס־הויקער". זי האָט פון אויפרעגונג נישט געהערט וואָס זי זאָגט. זי האָט אָפּגעאָטעמט, האָסטיק זיך אויסגעדרייט און מיט שנעלע טריט געלאָפן אין שטוב. רענן איז געבליבן געפּלעפט, ווי אַ מענטש וואָס דער געכאַפּטער פויגל איז אים אַרויסגעפלויגן פון האַנט. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער זאָל זיך האָבן אויפגע־

וועקט. אַרום אים איז געווען ליידיק. ער האָט זיך דערפֿילט עלנט. זיינע שפּיציקע אַקסלען זענען נאָך שיפּער געוואָרן. ער האָט אַריינגערוקט די הענט אין די טאַשן און געלאָזט זיך גיין. ער איז געגאַנגען און געפּייפט אָבער נישט קיין מעלאָדיע, נאָר סתם אַזוי זיך צוגעגעבן מוט, געוואָלט פילן, אַז ער עקזיסטירט.

אָבער ווי נאָר ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט איז אים אַנטקעגנ־געקומען גוסטאַ. רענן האָט זיך דערפרייט וואָס אַ מענטש גייט אים אַנטקעגן. ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט איז ער שטיין געבליבן, זי אָנגעקוקט ווי ער זאָל זי זען דאָס ערשטע מאָל. ער האָט באַטראַכט אירע פלאַקסענע האָר, אירע רויטע נעגל און אירע געשמינקטע ליפּן. זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אירע זגראַבנע פיס. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן האָט ער געזאָגט: — קום פאַרברענגען!

גוסטאַ האָט אַ ציטער געטאָן פון איבערראַשונג. איר פּנים איז געוואָרן רויט. זיין פאָרשלאָג האָט זי אויפגעטרייסלט. זי האָט זיך צעשמייכלט. — איך בין פאַרנומען — האָט זי אים געענטפערט מיט חוזק.

אויך ער האָט אַ שמייכל געטאָן אָבער זיין לענגלעך פּנים האָט סאַר־קאַסטיש זיך פאַרקרימט פון כעס.

— אויך דו זונה?! — האָט ער געזאָגט און פאַרמרוזשעט די אויגן פון שאַנד און שפּאָט. ער האָט אויסגעשפּיגן, זיך אַראָפּגערוקט ס׳היטל ביז ד־אויגן און זיך געלאָזט גיין.

גוסטאַ איז שטיין געבליבן ווי זי זאָל האָבן אַריינגעוואַקסן אין דער ערד פון באַליידיקונג און כעס. אַ דערשיטערטע מיט אַ צעפלאַמט פּנים האָט זי נישט געקענט קיין ריר טאָן מיט אַן אבר. זי איז געשטאַנען ווי אַ געליימטע. ווען זי איז צו זיך געקומען האָט זי דערפילט ווי ס׳האַרץ וואַרפט זיך אין איר. זי האָט אָפּגעאָטעמט ווי זי זאָל פון זיך האָבן אַראָפּגעוואָרפן אַ משא און זיך געלאָזט לויפן ווי מען זאָל זי נאָכיאָגן.

ווען זי איז אַריין אין שטוב האָט זי דערפילט, אַז דאָס אָרט איז איר ענג. די שווערע, מיטגעברענגטע פון אייראָפּע מעבל: די ברייט געשניצטע שאַנק, דאָס ברייטע בעט, דער קיילעכיקער טיש מיט די פאָטעלן אַרום האָבן אויסגעפילט זייער ביידל. זי האָט קוים זיך אַדורכגעשטופּט צווישן דער שאַנק און דעם טיש און מיט כעס זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט.

צוויבל איז געזעסן ביים טיש מיט אַ צעקנעפּלט העמד. ער האָט געטרונקען טיי און געהאַט אַ שטיקל צוקער צווישן די ליפּן. ער האָט געזופּט און געשוויצט, געווען רויט. דערזעענדיק גוסטען האָט ער אַראָפּגע־שלונגען דאָס שטיקל צוקער און אָנגעבלאָזן די באַקן. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּוטבאָל. ער האָט אוועקגערוקט די גלאָז טיי, אָנגע־שפּאַרט זיין קאָפּ אויף די הענט און זיך פאַרטראַכט.

ער האָט זיך אויסגעגליכן ווי ער זאָל וועלן אויפשטיין אָבער זיך

געוואָנדן צו דער טאָכטער וואָס איז געלעגן אַן אויסגעצויגענע אויפֿן בעט:
— ווידער געקומען אַן אויפֿגערעגטע?

ער האָט געעפֿנט דאָס מויל ווי ער זאָל וועלן ממשיך זיין, אָבער זעלדעס ווייב האָט אים אַ זאָג געטאָן מיט פֿאַרוואורף: לייזער!?

צוויבל האָט צוריק פֿאַרמאַכט ס׳מויל.

זעלדע, אַ נידעריקע, דאַרע פֿרוי מיט אַ שפּיציקער טויבן־נאָז און לאַנגער גאָמבע איז געזעסן און אויפֿגעוואַרט קנוילן פֿאָדעם.

גוסטאַ דערהערנדיק דעם טאַטנס רייד האָט זי זיך איבערגעדרייט אויפֿן בעט מיטן פּנים צו דער וואַנט און פֿאַרמאַכט די אויגן, געפּרוּווט דרימלען. אָבער איר האַרץ האָט געצאַפּלט פֿון אויפֿרעגונג און געוועזן וואַך. פֿאַר איר איז כסדר געשטאַנען רענן מיט זיין סאַרקאַסטיש פּרצוף. זיינע ווערטער האָבן געקלונגען אין אירע אויערן. זי האָט דערפֿילט איבל און עס האָט איר געזשומעט אין קאָפּ.

עס האָט גענומען גרויען. איבערן צימער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן שאָטנס. דער פֿאָטער האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל. גוסטאַ האָט צונויפֿגעקאָרטשעט איר קערפּער. מיט אַמאָל האָט זי דערהערט אַ פֿייף־סיגנאַל, די ערשטע טענער פֿון דער „רויטער קאַוואַלעריע״. גרישאַ האָט זי גערופֿן.

גוסטאַ האָט זיך האַסטיק אויפֿגעזעצט. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע פֿיס און מיט אימפּעט אַרויס פֿון ביידל. אין דרויסן איז געווען פֿינצטער. זי האָט נישט געזען אָבער האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן און אַ רוף געטאָן:
— האַלאָ, גרישאַ!

גרישאַ איז פֿאַר איר שטיין געבליבן ווי ער זאָל האָבן אויסגעוואַקסן פֿון דער ערד אַרויס.

זי האָט זיך איינגעקוקט אין אים אַ נישט דרייסטע.

— שלום! — האָט ער געזאָגט. ער האָט אויסגעשטשערעט די ציין און שמייכלענדיק זי אַרומגענומען אין דער טאַליע.

גוסטאַ האָט זיך פֿון אים אָפּגערוקט. ער האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן, זי אָנגעקוקט.

זי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַ פֿאַרטראַכטע: „דערציילן אים וועגן דעם אינצידענט מיט רענענען?״

— אַ פּראַכטיקע נאַכט. קום שפּאַצירן — האָט ער איר פֿאָרגעשלאָגן.

גוסטאַ האָט אויפֿגעהויבן איר קאָפּ און אַרויפֿגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל. גרישאַ האָט ווידער אַמאָל זי אַרומגענומען אין דער טאַליע. געאַרעמט זענען זיי אַוועק שפּאַצירן אין דער ריכטונג פֿון די פּרדסים.

רענן האָט נאָך דער באַגעגעניש מיט גוסטען זיך נישט אומגעקערט אַהיים. ער האָט זיך געשלייכט איבער די פֿעלדער אַ רעזיגנירטער אָן צו קוקן ווו ער גייט. ער האָט געשטעלט די פֿיס ווי אַ שיכור. זיי האָבן זיך אים געפּלאָנטערט.

ער איז געגאַנגען מיטן היטל איבער די אויגן און גאָרנישט געזען, אַפילו נישט די נאַטור־שיינקייט וואָס ער האָט אַזוי ליב.

פון וויטנס האָט די זון גענומען זיך שוין זעצן. דער טאָג האָט זיך דער־נענטערט צו ענדע. מיטאַמאָל איז ער שטיין געבליבן און אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל רעדן צו זיך: — אַ שאָד די אַלטע. זיינע פאַרגלייזטע, אויסגעזעצטע אויגן זענען פייכט געוואָרן. זיינע פאַרלאָפענע אויגן ווי ביי אַ שיכור האָבן געבלאַנדזשעט. ער האָט געקוקט אָבער נישט געזען. מיטאַמאָל האָט ער אַ שפּיי געטאָן און געגאַנגען ווייטער. ווען ער האָט געעפנט די טיר האָט ער געזען, אַז דאָס הויז איז ליידיק. די עלטערן זענען נאָך געווען ביי דער אַרבעט. אַ פּחד איז אים באַפאַלן און ער האָט געסאַפּעט ווי ער זאָל נישט האָבן קיין לופט צו אָטעמען. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער מיט אַן אָפן מויל און צעשפּרייטע נאָזלעכער. געגאַנגען פון אָרט צו אָרט און באַטראַכט יעדע זאַך: די שענק, די טישן, די בענקלעך, אַפילו די הענגענדיקע טראָפּנס פון דעם צוגעדרייטן וואַסערקראַן אין דער קיך. ער איז אַריין אין עסצימער און אָנגעצונדן די עלעקטריע. די ליכטשיין האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און צוריק אַרויס פון צימער. אויך אין הויף האָט ער זיך אַרומגעדרייט אָן אַ ציל. באַראַק, דער שוואַרצער הונט מיטן פאַרבויגענעם ווידל צווישן די פיס, איז אים נאָכגעגאַנגען. דער הונט האָט געסקאָמלעט, ווי געפילט, אַז רענן שטייט פאַר אַ געפאַר. דעם הונטס יאָמער האָט דענערווירט רענען און ער האָט אים מיטן פוס אָפּגעיאָגט. דער הונט איז פון אים אָבער נישט אָפּגעטרעטן.

רענן האָט זיך געדרייט איבערן הויף הין און צוריק. אין שטאַל איז ער אַדורכגעגאַנגען אַלע קי און יעדער אַ קלאַפּ געטאָן אין פּאַשלאַדעק. אָבער די עלטערן האָט ער אויסגעמיטן. ווען ער איז אַריין אין שטוב זענען די עלטערן שוין געזעסן ביים טיש און געגעסן. דער פאָטער האָט אים אָנגעקוקט און געשוויגן. די מאַמע האָט אים געזאָגט: „קום עסן!"

רענן האָט נישט געענטפערט. ער איז אַריין אין צווייטן צימער און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און דורך דער אָפענער טיר באַטראַכט די עלטערן.

מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַרום אים איז געווען פינצטער. ער האָט זיך פאַמעלעך אויפגעשטעלט און אָן ווילן צוגעגאַנגען צו די עלטערן. ער האָט אַריינגערוקט די האַנט אין פאָטערס צעשויבערטן קאָפּ. דער פאָטער האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און געזאָגט: — נו!

ער האָט אָפּגעלאָזט דעם פאָטער און צוגעלייגט זיין קאָפּ צו דער מוטערס באַק. די מוטער האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך באַפרייט פון אירע אָרעמס און איילִיק אַרויס פון שטוב. די עלטערן האָבן דערשטוינטע אים נאָכגעקוקט. ער האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. דער מוטערס אויגן זענען פייכט געוואָרן, דער ביסן איז איר שטעקן געבליבן אין קעל.

די נאַכט־פייכטקייט האָט אָפּגעקילט רענענען. ער איז שטיין געבליבן און טיף אָפּגעאָטעמט. די קילקייט האָט אים אָפּגעפרישט. ער האָט גענומען גיין. ער איז

געגאַנגען מיט שווערע טריט לענגאויס דער דאָרפס־גאַס אָבער אָן אַ ציל. נאָך עטלעכע טריט האָט ער זיך ווידער פאַרהאַלטן ווי ער זאָל זיך איבערלייגן ווו צו גיין.

ער איז אַרויס פון דאָרף און אַוועק צו דער וואָדי. גייענדיק האָט ער געהערט דעם אָפּהילך פון זיינע טריט. ער איז שטיין געבליבן. אים אַנטקעגן, אויפן שטעג פון רעכטס וואָס האָט געפירט אין מעברה אַריין, האָט זיך באַוויזן אַ סילועט פון אַ מענטש. לויט דער לייכטקייט פונעם טריט האָט ער געוווסט, אַז עס גייט אַ פרוי.

די אָנקומענדיקע געשטאַלט האָט אים באַמערקט. זי האָט געוואָלט אים אויס־מיידן. אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער זי געררופן: „שלומית!? שלומית איז שטיין געבליבן אַ צעשראָקענע. רענן האָט זיך אַריבערגעבויגן צו איר. דערזעענדיק אַז זי איז עס האָט ער נאָך אַ מאָל געזאָגט: — שלומית? זיין שטימע איז געווען ווייך.

— יאָ — האָט זי אים געענטפערט.

— ביינאַכט און אַליין? — האָט ער זי געפרעגט.

— איך גיי פון דער אַרבעט.

— פון דער אַרבעט — האָט ער איר נאָכגעשפּעט.

זיין אַרט רעדן האָט איר פאַרדראָסן און זי האָט אים נישט געענטפערט אָבער ער האָט נישט געוואַרט אויף אַ תשובה. ער האָט זיך צו איר צוגערוקט און געזאָגט: — רעד זיך נישט איין. נישט די ערשטע און נישט די לעצטע ביסטו ביי אים. זיין קול האָט געקלונגען הויל אין דער נאַכט־פינצטערניש.

שלומית האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. זי האָט אים געוואָלט ענטפערן אָבער איר האָט פאַרפעלט אָטעם. ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי אַ מורמל געטאָן: — עס איז שפּעט — און געוואָלט גיין. רענן האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג און געזאָגט: — האָב חתונה מיט מיר! שלומית האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט אַלע כוחות און געלאָפן מיטן גאַנצן אימפּעט אַהיים.

רענן איז שטיין געבליבן אַן אומבאַהאָלפענער. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געזען איר געשטאַלט וואָס האָט זיך דערווייטערט. אַ פאַרצווייפלטער האָט ער איר נאָכגעשריגן: — שלומית! שלומית! — געוואַרט זי זאָל אים ענטפערן. פלוצים האָט ער פאַרוואָרפן די הענט איבערן קאָרק און געלאָזט זיך גיין מיט דעם שטעג מיט וועלכן שלומית איז געקומען.

ביי שלומיתן אין שטוב איז געווען פינצטער. אירע עלטערן זענען שוין געשלאָפן. שטיל אין דער פינצטער האָט זי זיך אויסגעטאָן און זיך אַוועקגעלייגט אויף איר געלעגער. זי האָט נישט געקענט איינשלאָפן. אירע אויגן זענען געבליבן אָפן פון אויפרעגונג. אירע באַקן האָבן איר געפלאַמט. אין מויל איז איר געווען טרוקן און זויער. רעננס רייד האָבן געעקבערט איר מוח. זי האָט געזען אין דער פינצטער נאָר אים — אילנען. זי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און גערעדט צו זיך: — זיכער בין איך אַ נאַר! ווי קום איך צו אים?

איך אַ נייע עולה פון די עדות המזרח, אַ טאָכטער פון דער מעברה. ער, אַ סאַברע, אַ זון פון אַ מושבניק. נישט געדאַרפט גיין צו זיי אַרבעטן נאָר אין די פעלדער ווי אַלע מיידלעך. זי איז נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. זי האָט ערשט איינגע־דרימלט ווען עס האָט גענומען גרויען.

באַגינען איז זי אַוועק צו דער אַרבעט, פריער ווי שטענדיק. זי איז אַרויס פון שטוב אומגעגעסן, אפילו נישט קיין טיי געטרונקען.

ווען אילן איז אַרויס צו דער אַרבעט האָט ער זי שוין געטראָפן ביי דער שטייג. ער איז איבערראַשט געוואָרן.

— שלומית שלום! — האָט ער איר געזאָגט.

— שלום! — האָט זי אים געענטפערט גלייכגילטיק און אפילו אים נישט אָנגעקוקט.

אָבער אילן האָט זי יאָ אָנגעקוקט. איר פּנים איז געווען בלאַס. צוויי האַלבע, שוואַרצע רעדער האָבן געראַמט אירע מידע אויגן.

— וואָס האָט פּאַסירט?! — האָט ער זי געפרעגט אַ פאַרזאָרגטער.

שלומית האָט געשוויגן. זי האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אילן האָט פאַרזשמורעט די אויגן און ווידער זי אָנגעקוקט.

— דערצייל! — האָט ער איר אַ באַפעל געטאָן.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע, מאַטע, סאַמעטענע, איצט טרויעריקע, אויגן. אילן האָט באַקומען מיטלייד מיט איר. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק. זי האָט געפילט דעם דרוק פון זיין האַנט און זיין הייסן אָטעם אויף זיך.

— רענן האָט מיך נעכטן געטראָפן — האָט זי געזאָגט. איר שטימע האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

— איז וואָס? — האָט ער זי געפרעגט אַ דערשטוינטער.

שלומית האָט געשוויגן אַ ווײַלע. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שנעל אים געזאָגט: — ער האָט געזאָגט, אַז דו נאַרסט מיך!

זי האָט נישט געקענט ממשיך זיין. די טרערן האָבן איר געשטיקט.

אילן האָט נאָר געהערט דעם אָפּגעהאַקטן סוף — דו נאַרסט מיך! זיין פּנים איז געוואָרן רויט פון כּעס. ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. זיינע קינבאַקן זענען געוואָרן בולט און ער האָט פאַרביילט די פויסטן.

— איך וועל אים ווייזן! — האָט ער געשריגן און איז אַוועקגעלאָפן.

דער כּעס האָט אים אונטערגעיאָגט. ער איז געלאָפן אָן אָטעם. ווי אַ שטורעם האָט ער אויפגעפּראַלט די טיר ביי רענענען אין הויז. ער איז שטיין געבליבן און אויסגעשריגן: — רענן!

רענן איז אויפגעשטאַנען.

— קום אַרויס מיט מיר! — האָט אילן אים באַפוילן.

אויף דער פרישער לופט האָבן ביידע אָפּגעאָטעמט און שטיין געבליבן זיך

אָנטקעגן פול כעס און רוגזה. אילן האָט זיך געוואָרפן אויף רעננען, אים אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן פון העמד און מיטן גאַנצן כוח אים אַרויפגעוואָרפן אויף דער וואַנט אָבער אים נישט אָפּגעלאָזט.

רענן, רויט פון אָנשטרענגונג האָט מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט אילנען ביים האַלדז און אים געשטיקט. אילן האָט אים אָפּגעלאָזט אָבער פאַרביילט די פויסטן און אים געשלאָגן ביז ער האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט. אילן האָט אים אונטער־געשטעלט אַ פוס, אים אַ שטופּ געטאָן. רענן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אומ־געפאַלן.

אילן האָט טיף אָפּגעאָטעמט און צוריק אַוועק אָן זיך אומצוקוקן אויף רעננען. די מוטער, דערהערנדיק דעם געפילדער אין דרויסן, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. זי האָט דערזען רעננען אַ פאַרבלוטיקטן.

— זון, וואָס איז געשען?! — האָט זי אימהדיק זיך צעשריגן און געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. רענן האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין שטוב. די מוטער נאָך אים.

בייגעוווינט דאָס געשלעג האָט דני, דעם שכנס זון. ווען אילן און רענן זענען אַרויס אויפן הויף האָט דני גראָד אַרויסגעפירט מיסט פון שטאַל. דערזעענדיק זיי האָט ער איבערגעריסן די אַרבעט. ער האָט צעשטעלט די פיס און מיט די הענט זיך אָנגעלענט אויפן גאָפּל.

נאָכן געשלעג איז רענן נישט אַרויס פון שטוב אָבער די חברה האָבן נישט באַמערקט, אַז ער פעלט. זיי זענען געווען געוווינט, אַז ער פאַרשווינדט אויף אַ צייט. אָבער פרייטיק־צונאַכטס, ווען אַלע זענען זיך צונויפגעקומען ביים וואַסער־טורעם, האָט זיך פאַרשפּרייט די שמועה וועגן דעם געשלעג.

די חברה זענען געלעגן צעלייגט אויפן גראָז ווען גדעון דער דזשינדזשי האָט פּלוצים אַ פרעג געטאָן: — פאַראַנען נייעס?

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אָבער מיטאַמאָל האָט עמיר דער ברייטביייניקער אַ זאָג געטאָן: — אַ גאַנצע וואָך נישט געזען רעננען — און באַלד צוגעגעבן: — בכל זאת האָבן מיר געלערנט אין איין קלאַס.

דני דער שוואַרצער, אַזוי האָט מען אים גערופן צוליב זיינע האָר, וואָס איז געלעגן אָן אויסגעצויגענער צווישן דער חברה האָט זיך אויפגעזעצט דער־הערנדיק רעננס נאָמען.

— אילן האָט אים אָנגעבראָכן די ביינער — האָט ער געזאָגט.

— ממש געשלאָגן? — האָט דער הויכער, בלאָנדער יורם געפרעגט. ער איז געלעגן נעבן אים אָן אָנגעלענטער אויף אַ האַנט און אויסגעריסן די גראָזן.

— מכות רצח! — האָט דני געענטפערט.

— און רענן?! — האָט געפרעגט גדעון.

— רענן האָט געפּרוווט זיך ווערן, אים געשטיקט אָבער ער האָט אים געשלאָגן ביז בלוט און צום סוף אומגעוואָרפן — האָט דני איבערגעגעבן.

— וואָס דען? רענן קען זיך פאַרמעסטן מיט אילנען? — האָט אפרים ווי געפרעגט.
— ער איז אַ בעל־מום אָבער אַ בעל־כוח — האָט עמיר געזאָגט.
— פאַר וואָס האָסטו זיי נישט צעשיידט? — האָט געפרעגט גדעון.
— וואָס בין איך משוגע זיך מישן אין זייערע ענינים? — האָט דני געענטפערט.
— וועגן וואָס איז זיי געגאַנגען? — האָט געפרעגט יורם.
— רענן זוכט אַוואַנטורעס. ער איז זיך נישט מסדר — האָט אפרים געענטפערט.
— אַ שאָד, אַן אָרעמער טייוול — האָט עמיר באַשטעטיקט.
— אילן איז זיך איצט מטפל מיט שלומיתן — האָט גדעון געזאָגט.
— ווער איז דאָס שלומית — האָט געפרעגט דני.
די פרענקיניע פון דער מעברה וואָס אַרבעט ביי זיי. זי איז בסדר — האָט אפרים אים געענטפערט.
— אַ שטיק צום געברויכן — האָט עמיר געזאָגט און זיך צעשמייכלט.
— ער האָט שוין נישט קיין אַנדערע? — האָט יורם געפרעגט.
— מאַכט נישט אויס, עס איז דאָ וואָס אָנצונעמען — האָט אפרים געענטפערט מיט אַ געלעכטער.
— בעסער אַ פרענקיניע ווי אַן אשכנזין מיט אַ פּאַרריסענער נאָז — האָט געזאָגט גדעון.
— אָדער אַ סאַברע, אָדער אַ פרענקיניע — האָט געפסקנט עמיר.
אין מיטן שמועס איז אָנגעקומען צפירה. דער שמועס איז געוואָרן איבערגעריסן.
— אָט איז זי! — האָבן אַלע אין איין מאָל אויסגערופן.
צפירה, אַ שלאַנק, שוואַרץ מיידל האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.
— שבת שלום! — האָט זי געזאָגט.
גדעון האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און זי אַ צי געטאָן צו זיך — זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים.
פון דעם פרייטאָג־צונאַכטס אָן האָבן אַלע אין דאָרף שוין געוווּסט, אַז אילן האָט געשלאָגן רענגען. די ידיעה איז אויך דערגאַנגען צו רינהן. די זאַך האָט איר געאַרט און זי האָט זיך געשעמט. פון קרענקונג האָט זי זיך נישט געוויזן אין גאַס. זי האָט געדאַרט. די הויט אויף איר פּנים איז געוואָרן אָנגעצויגן, די ליפּן אירע בלוי. זי איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטע אין שטוב און זיך פאַרגעוואָרפן: — איך האָב אים געגלויבט...
אויך יעקב איז אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקער. זיינע ליפּן זענען געווען פאַרביסן אפילו בשעת דער אַרבעט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער מלא כעס, נישט נאָר אויף זיין שכן נאָר אויך אויף זיך אַליין. ער האָט געפּרוּווט מאַכן אַ סך־הכל פון דעם אַרומרייסן זיך מיט דעם שכן. איצט האָט ער אויך

אַ טראַכט געטאָן: — איך וועל פּרוּוון מיט אים רעדן... אָבער זיין עקשנות האָט אין אים גובר געווען און נישט געקענט ביי זיך פועלן אים מוותר זיין. אויך גאולה, רינהס מוטער און איר ברודער האָבן געליטן. גאולה איז געוואָרן דיק און האָט אויסגעזען ווי איר פליש זאָל יוירן. זי האָט זיך געערגערט און געשוויגן. אירע אויגן זענען געווען טרויעריק. די שטימונג אין שטוב איז געווען אַן אָנגעצויגענע.

אין איינעם פון די טעג איז יעקב געקומען פון דער אַרבעט און איז אַריין אין קיך: — איך בין הונגעריק! — האָט ער געזאָגט.

גאולה האָט אים נישט געענטפערט. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי איבערגעריסן דאָס צוגרייטן די קוסעס און אים געזאָגט: — זעץ דיך! זי האָט אים צוגעטראָגן אַ טעלער סאַלאַט מיט אַ מוציא פון אַ ווייס פּלעצל. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אים אַנטקעגן און אים געפרעגט: — וועלכע שבעה מדורי גיהנום דאַרפן מיר נאָך אַדורכגיין? אירע אויגן האָבן געגליט פון כעס.

יעקב האָט איר נישט געענטפערט נאָר זי טרויעריק אָנגעקוקט. באַלד דערנאָך האָט ער גענומען עסן. ער האָט געגעסן שנעל און נישט געפילט דעם טעם פון די מאַכלים.

אויך ער האָט זיך געערגערט. אים האָט געקרענקט וואָס ער איז געוואָרן די טעמע ביי די מענטשן, ער און זיין משפחה. אָבער ער האָט משלים געווען מיט זיין גורל, נישט געהאַט קיין אויסוועג.

# ח

די זונען־שטראַלן האָבן געבריט און געטריקנט די ערד. פון די בערג האָבן געווייעט דרום־מזרחדיקע ווינטן. אויך די נעכט זענען געווען הייסע. די אויסגעטריקנטע ערד האָט זיך געקאָרטשעט און געפּלאַצט. די שטיקער אויסגעטריקנטע ערד האָבן זיך צעברעקלט אויף שטויב וואָס די ווינטן האָבן צעטראָגן און אַלץ איבערגעדעקט מיט אַ מאַטן גרוי.

אויך די מעברה איז געוואָרן איבערגעדעקט מיט אַ גרויען, טונקעלן שטויב. די לופט איז געווען ווי פאַרגליווערט און טרוקן געררייצט אין די נאָז־לעכער.

די ביידלעך־איינוווינער האָבן איצט אויסגעזען גאָר אַנדערש. זייער שווייס און פּראַצע האָבן אויסגעטריקנט און צעקנייטשט די הויט אויף זייערע פּנימער. זייערע הענט זענען געווען באַזעצט מיט אָדערן. די הויט אויף זייערע האַנט־פלאַכן איז געווען האַרט, אויסגעאַרבעט, פול מאַזאָליעס. די פאַרב פון זייערע בגדים האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער גרוי־ברוינער פאַרב פון דער סביבה,

די ערד און די בערג. די ביידלעך האָבן אויסגעזען ווי זיי זאָלן זיין איינגע־וואָרצלט אין דער ערד. די מעברה איז איצט געווען דער המשך פון דאָרף.

דער יונגער דור — די קינדער אין דער מעברה האָבן מיט זייער געלעכ־טער און געוויין און זייערע רעשיקע שפּילערייען געריסן די רויִקייט פונעם אָרט. בייטאָג ווען די עלטערן זענען אַוועק צו דער אַרבעט האָט די ליידיקע מעברה זיך אָנגעפּילט מיט ליאַרעם.

שאוליס פּליכעוואָטער קאָפּ האָט געגלאַנצט ווי ער זאָל זיין אויסגעשמירט מיט אייל. זיין ברייטבייניקע געשטאַלט איז פון דער יצירה־פרייד נאָך ברייטער געוואָרן. צוליב זיין דיקייט איז ער ווי נאָך קירצער געוואָרן. ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט, אַז דאָס געלעכטער פון די מעברה־קינדער זאָל זיין הילכיק און פריילעך. זיינע אויגן האָבן געזען לוי־טערער. די מעברה־קינדער זענען געוואָרן אים, דעם אַלטן קאַוואַליר נאָענט, זיין משפּחה. ער איז פאַר זיי געווען אַ טאַטע. ער האָט זיי נישט נאָר געלערנט לייענען און שרייבן נאָר אויך דערצויגן צום נייעם לעבן. ער האָט די שול נישט געפירט לויט די פאַרשריפטן. כאָטש די קינדער זענען געווען שוין אונטערגעוואַקסן זענען זייערע ידיעות געווען מינימאַלע. דערפאַר איז די שול באַשטאַנען פון איין קלאַס.

אויף דער טיר פונעם באַראַק איז געהאַנגען אַ שילד: „שול". אָבער די שול — דער זאַל מיט די צעשטעלטע אין אים טישן און בענק האָט אויס־געזען ווי אַ זיצונגס־זאַל אין אַ דאָרף. אויף דער וואַנט, דער טיר אַנטקעגן איז געהאַנגען הערצלס בילד. שאולי האָט זיי נישט געלערנט לויטן פּראָגראַם. ער האָט זיך באַמיט זיי איבערגעבן די נויטיקע ידיעות וואָס וועלן זיי זיין נויטיק אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן וויסן וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד און אין דער וועלט. ער האָט זיי פאַרגעלייענט די צייטונג און בראָשורן. אַ סך קינדער האָבן בכלל נישט פאַרשטאַנען וואָס ער לייענט זיי פאָר.

אין משך דער צייט וואָס די מעברה־קינדער געפינען זיך אין לאַנד האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צום לעבן אין דער סביבה ווי די געבוירענע אין לאַנד. זיי האָבן געקענט יעדעס דאָרף און קיבוץ אין דער סביבה.

די שלאַנקע, בלאָנדע רינה וואָס האָט געדאַרט פון צער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין דער מעברה. אירע קינבאַקן זענען געוואָרן בולט און האָבן אויסגעזען ווי שפּיציקע קיזלשטיינער. די פאַרב פון איר פּנים איז געוואָרן טונקל־גרין, ווי פאַרזשאַווערט מעש. אירע אויגן זענען שטענדיק געווען פייכט. איר אָטעם אַ קורצער און שנעלער און זי האָט דאָס מויל געהאַלטן אָפן. די עלנט האָט איר געגריזשעט. זי האָט נישט געקענט בייקומען איר שמערץ. אַ פאַרביסענע און רעזיגנירטע האָט זי זיך מיט איר גאַנץ וועזן און ענערגיע אָפּגעגעבן די קינדער אין דער מעברה.

דער עול פון די קינדער און זייער דערציִונג האָבן זי פאַרמאַטערט אָבער

די אָנשטרענגונג האָט פאַרגרינגערט איר פּיין. זי איז געווען פאַרטאָן און נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן איבער איר ביטערן גורל. זי האָט זיך מקריב געווען פאַר די קינדער. זי האָט דערצו אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט. זי האָט צונויפגענומען אין דאָרף די רעשטלעך און גענייט פאַרהאַנגען פאַרן קינדער־גאָרטן. זי האָט אויסגעשטיקט אַ בלוי־ווייסע פאָן, זי זאָל פלאַטערן בשעת אַן אויספלוג. זי האָט געקויפט קאָלירטע פאַפּירן און פון זיי צונויפגעשטעלט גאָלדענע און זילבערנע קרוינען מיט וועלכע זי האָט באַצירט די קינדערקעפּ. דאָס קינדער־געלעכטער איז געווען איר איינציקע פרייד אין איר איינזאַמקייט. זי האָט זיך די מי געגעבן די קינדער זאָלן וואָס מער לאַכן.

אפילו דער שלאַנקער גרישאַ, וואָס איז פריצייטיק געוואָרן גרוי, האָט איר געהאָלפן. ער האָט געוואָלט פאַרלייכטערן איר אומעט. ער איז אָפט נאָך דער אַרבעט געקומען מיט דער מאַשין אין דער מעברה אַריין און אויפגעלאָדנט רינהן מיט די קינדער און מיט זיי געפאָרן שפּאַצירן איבער די פעלדער־שטעגן. ער איז געפאָרן פּאַמעלעך און די פרייד פון די צעשפּילטע קינדער, זייער הענט־פליאַס־קעריי און געזאַנג האָבן פאַרהילכט די סביבה. ווען זי איז געזעסן צוזאַמען מיט די קינדער, מיט זיי געזונגען און געזען זייער פרייד זענען אויך אירע אויגן געווען פריילעך און זי האָט געשמייכלט.

גרישאַ האָט זיך די מי געגעבן רינה זאָל לאַכן. ער, דער מאַן וועמען ס׳לעבן האָט דערפירט צו גלייכגילטיקייט צו יענעמס פּיין, האָט זיך געענדערט פון זינט ער איז געקומען אין לאַנד אַריין.

ער האָט אויפגעהערט רינהן נאָכקוקן און נאָכגיין ווי פריִער. ער האָט איצט פאַרברענגט מיט פאַרשידענע מיידלעך אין דאָרף, ספּעציעל מיט גוסטאַן.

גרישאַ דער נייער עולה האָט געוווּסט אַלץ וואָס עס קומט פאַר ביי יעדער משפחה אין דאָרף. ער האָט געוווּסט ווי די רעשט איינוווינער אין הדסים, וועגן דער קריגערײַ צווישן די צוויי משפחות. ער האָט געשעצט רינהן די סאַברע, ספּעציעל פאַר איר איבערגעבנקייט צו די עולים־קינדער אין דער מעברה. ער האָט די שלאַנקע, בלאָנדע רינה באַטראַכט פון דער זייט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן, זי באַדויערט צוליב איר ביטערן גורל.

ער האָט געהאַסט ביידע טאַטעס, יעקבן און נחומען און געטראַכט: — ווען זיי וואָלטן געזען דעם טויט און פאַרניכטונג ווי איך וואָלטן זיי געוווּסט שעצן דעם מענטשנס גליק און דערצו פון אַ טאָכטער.

אַמאָל האָט ער פון כעס איינגעביסן זיין ליפּ און געטראַכט: — יידן זיצן אויף זייער ערד און זענען פאַרעקשנט, קומען נישט דורך.

ער איז אויך געווען אין כעס אויף אילנען. ער האָט אים געשעצט פאַר זיין דרייסטקייט און פלייסיקייט. אים האָט אימפּאָנירט זיין אויסזען, זיין דיקע וואָנסע, זיינע אַראָפּגערוקטע איבער די לענדן הויזן מיט דעם מיליטערישן פּאַסיק איז

אים געפעלן. אים האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס ער האָט נישט קיין איניציאַטיוו, פאַרוואָס נעמט ער נישט רינהן און גייט מיט איר אַוועק פון הדסים.

ער האָט געטראַכט וועגן דעם פּאָרל: רינה—אילן און ביי זיך באַשלאָסן:

— איך וועל גוסטאַן היטן ווי אַן אָדלער זיינע שוועלבלעך.

גוסטאַ, די דיקלעכע פריילין, מיט אירע פלאַקסענע האָר, הויכע קלעצלעך, געשמינקטע ליפּן און לאַקירטע נעגל איז אים געווען צום האַרצן. זי איז געווען די פאַרבינדונג צווישן זיינע צוויי וועלטן — זיין איצטיקע וועלט אין לאַנד און זיין פאַרגאַנגענע וועלט פון וועלכער די מלחמה האָט אים אַרויסגעריסן. ביידע האָבן געאַרבעט. ער אין זיין פאַך, זי ביי יעדער אַרבעט וואָס איז איר אונטער־געקומען. זי האָט נישט געוואָלט אַרומגיין ליידיק צווישן די מענטשן וואָס אַרבעטן. זי האָט געוואָלט זיין אַזוי ווי די מענטשן אין דער סביבה.

אויך אירע פלאַקסענע האָר זענען געוואָרן טונקעלער און אירע נעגל קירצער.

ביידע האָבן זיי זיך צוגעוווינט צום נייעם לעבן. אָפט האָבן זיי שפּאַצירט ביז שפּעט אין דער נאַכט. פאַרבייגייער האָבן געזען זיי גיין געאָרעמט און צוגעטוליעטע און געהערט דעם פלויש פון זייערע ליפּן.

זייער פריינדשאַפט איז נישט געפעלן צוויבלען. אים האָט געאַרט וואָס עפּעס אַ דאָרפס־שאָפער וואָס דער טייוול ווייסט ווער ער איז, טאַנצט אַרום זיין טאָכטער. ער האָט געוואָלט פאַר איר אַ סוחר פאַר אַ חתן. צו אַלע מענטשן אין דער מעברה וואָס ער האָט פיינט איז אויך צוגעקומען דער שוואַרצער גרישאַ. אַזוי האָט ער אים גערופן. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ שידוך מיט גרישען דעם שאָפער שטייט אים נישט אָן.

— מיין טאָכטער וועט חתונה האָבן מיט אַ קאַוואַליר! — האָט ער איר געזאָגט הויך אויפן קול און מיט גאווה. אָבער, אַז ער האָט געזען, אַז זייער פריינדשאַפט ווערט כסדר שטאַרקער האָט ער זיך ביי איר געבעטן: — טאָכטער, פאַרשעם מיך נישט.

גוסטאַ האָט געשוויגן. איר שווייגן האָט אים דערנערווירט און די ניכפּה האָט אים געוואָרפן. ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש בינטלעך באַנקנאָטן און זיי איר אַרונטערגעשטופּט אונטער דער נאָז. אַ צעטראָגענער פון כעס האָט ער געטענהט:

— נעם געלט! פאָר אין שטאָט! טרעף זיך מיט מענטשן! געפין דיר אַ פּאַסיקן זיווג.

צוויבל מיט זיין קיילעכיק, שפּיציק בייכל וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּוסבאָל האָט באַשלאָסן: — איך וועל מיין איינציקע טאָכטער נישט אַוועקגעבן דעם „יונג״! זיינע קליינע אייגעלעך זענען געלאָפן אין זייערע לעכער ווי די אויגן ביי אַן איבערגעשראָקן באַשעפעניש. זיין אויסגעשפּיצטער מוח האָט געטראַכט און צוגעגרייט אַלעס זאָל זיך אים איינגעבן לויט זיין פּאַרלאַנג. ער איז אויך געווען זיכער, אַז ער וועט מצליח זיין.

# ט

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און פאַרנעפּלטע. די ערד האָט געזאָפּט דעם טוי וואָס איז געפאַלן. אַ קוילנזאַלפּ האָט דורכגעריסן די חשון־נאַכט־פינצטערניש. די פאַרשלאָפענע און איבערגעשראָקענע עלטערן האָבן זיך צוגעהערט צו דעם קוילן־געקנאַל. זיי האָבן געטראַכט: — וואָס שטייט אונדז פאַר? און מיט זייערע שטאַרע אויגן געקוקט אויף די פאַרטונקלטע פענצטער־שויבן.

די שיסעריי האָט געדויערט נאָר עטלעכע רגעס. די גרענעצוואַך איז באַלד אָנגעקומען. זייערע פּאַטראָל־אויטאָס האָבן אַרומגעקרייזט די מעברה. זייערע פּראָזשעקטאָרס האָבן מיט דער ליכט אַדורכגענישטערט די וואַדי־טיפקייט.

די סביבה איז ווידער פאַרזונקען אין דער שטילער נאַכט־פינצטערניש. נאָר אַ דערשראָקענע קו מיט אַ שטריק איבערן האַלדז האָט געבלאָנדזשעט איבער די דאָרפס־שטעגן. אַ פולער זאַק איז איר אַראָפּגעהאָנגען פוןביידע זייטן קאַרק. איר בויך איז געווען אויפגעבלאָזן פון פחד און זי האָט יאָמערלעך געמרוקעט: מו—מו—מו! ווי זי זאָל רופן הילף. אילן וואָס האָט די נאַכט געהאַט וואַכדינסט איז צוגעשפרונגען און אָנגעכאַפּט די קו ביי די הערנער. זי האָט זיך געווערט, געוואָרפן מיטן קאָפּ און געשלאָגן מיטן וויידל, געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון זיינע הענט. אין געאַמפּער האָט זי מיט אַ האָרן אַ ריס געטאָן דעם זאַק. דער געראַנגל צווישן דעם מענטש און בהמה האָט אָנגעהאַלטן ביז דער מענטש האָט געזיגט. די בהמה האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז. אילן האָט אָנגעכאַפּט דעם שטריק, אַ קלאַפּ געטאָן איר אין פּאָשלאַדעק און אַ שריי געטאָן: הוי! די קו איז אים נאָכגעגאַנגען.

אילן האָט די קו געפירט איבער דער וואַדי־שפּוע מיט זיג־זאַגן, עס זאָל איר גרינגער זיין קלעטערן. ווען ער איז אַרויפגעקומען אויף דער ראַנד פון דער וואַדי האָט ער זיך צעשריגן: — איך האָב זי געכאַפּט!

צוויי גרענעץ־שומרים מיט די ביקסן אין די הענט האָבן ביי אים צוגענומען די קו. זיי האָבן אָנגעטאַפּט דעם איבערגעהאָנגענעם זאַק. קאַווע־קערנער האָבן זיך אַ שיט געטאָן פון דעם צעריסענעם זאַק. אַ מענער־קול פון אונטער אַ וואָנסע האָט אויסגערופן: — אָט ממזרים! און זיך אַ ווענד געטאָן צו אילנען: — ווען דו וועסט ענדיקן היטן קום צו אויף דער פּאָליציי־סטאַציע.

— בסדר! — האָט אילן אים געענטפערט. זיין שטימע איז געווען הייזעריק און מיד.

ווען די גרענעצוואַך איז אַוועקגעפאָרן איז אילן צוריק אַריין אינעם בונקער. די וואַרעמקייט דאָרט האָט אים אַרומגענומען. פון מידקייט האָט ער באַלד איינגעדרימלט.

ווען אויפן ווייטן האָריזאָנט האָט גענומען גרויען דער מאָרגן האָט אילן דערהערט אַ רויש. ער איז שוין געווען וואַך. ער האָט אָנגעלאָדנט די ביקס און מיט זיין פאַרמרוזשעטן בליק אַדורכגענישטערט די ווייטקייט. ער האָט דערזען

צווייַ איינגעבויקטע געשטאַלטן וואָס קריכן אַפּיר פון אונטער אַ סאַבּרע־פּלויט. זיי זענען געקראָכן ווי איבערגעשראָקענע קעץ יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג.

ער האָט געוואָלט שיסן אָבער ער האָט דערקענט דעם מואַדזינס באָרד און דעם ברייטבייניקן איצט איינגעהויקערטן צוויבל. ער האָט די ביקס צוריק אַראָפּ־געלאָזט.

אילן אַ פאַרשלאָפענער און דערפּרוירענער פון דער נאַכטוואַך האָט קוים זיך איינגעהאַלטן זיין פינגער זאָל נישט אַ דריק טאָן אויפן צינגל. ער האָט שטענדיק געהיטן איינער אַליין. ער האָט נישט געוואָלט קיין פּאַרטנער וואָס וואָלט אים נאָר געשטערט. אים איז נמאס געוואָרן די רעדעריי און דאָס פּלוידערן פון די פעלד־מענטשן: — עס לוינט נישט האַלטן קיין קי. אייער זענען בחצי־חינם. ווער ווייסט וואָס מען וועט הייַ־יאָר באַצאָלן פאַר מאַראַנצן? אויך דאָס פּלאַפּלען פון די נייע עולים: — אַ שווער לעבן! זייער שטענדיקער שפּרוך. אָבער איצט האָט אים געפעלט אַ פאַרטנער ער זאָל זיך פאַר אים קענען אָפּרעדן. זייענדיק אַליין האָט ער געשוויגן אָבער נאָכגעטראַכט: — אַ מנוול! פון וואָס ער מאַכט פרנסה! ווען דער טאָג האָט גענומען גרויען האָט אילן אויסגערעגנט זיינע אָרעמס און זיך צעגענעצט הויך אויפן קול. ער האָט איבערגעוואָרפן די ביקס איבערן אַקסל מיט דער לופע אַראָפּ ווי אַ יעגער און פאַרלאָזט די פּאָזיציע. ער איז געגאַנגען מיט די שטעגן מיט שווערע טריט. אים באַגלייט האָט דאָס פייגל־געזאַנג. ער איז געגאַנגען און איינגעאָטעמט די מאָרגן־פייכטקייט. ער האָט אויס־געמיטן דאָס דאָרף און די צוויי קילאָמעטער צווישן וואַדי און דעם גרענעצוואַך־פּאָסטן. אויפן ראַנד פון די דאָרפס־פּרדסים האָט ער גענומען גיין שנעל.

אין אַ צעקנעפּלטן שינעל, דער רעוואָלווער אַריינגעשטופּט אין די הויזן פון פאָרנט אויפן בויך, איז דער סערזשאַנט — דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן פּאָליציי־פּאָסטן געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און אויסגעקוקט אילנען. ווען ער האָט אים דערזען גיין האָט ער אים פון ווייטנס באַגריסט: — אַהאַלאַן! און געגאַנגען אים אַנטקעגן. ביידע האָבן זיך אַרומגענומען.

אילן און דער סערזשאַנט אַלכסנדר זענען צוזאַמען געווען אין פּלמ״ח און צוזאַמען אַדורכגעמאַכט די באַפרייונגס־מלחמה. אַרומגענומען זענען זיי אַריין אינעווייניק. די ביימער אין דרויסן האָבן פאַרשטעלט די שיין. אין דעם וואַכצימער איז געווען טונקל און שטיל. די נאַכטוואַך איז שוין אַוועק שלאָפן. אויך אַלכסנדרס און אילנס אויגן זענען געווען קליין, געוואָלט זיך פאַרמאַכן. אילן האָט אַ קוק געטאָן אויף אלכסנדרן און געזאָגט: — קאָמאַנדיר! — אים סאַלוטירט און געלאַכט. דער סערזשאַנט האָט מיט איין האַנט פאַרדרייט אילנס וואָנסע, די אַנדערע אַרויפגעלייגט אויף אילנס אַקסל און אים געפרעגט: — האָסט נאָך וואָס צוצוגעבן?

אילן האָט פאַרמרוזשעט די אויגן. זיין שטערן איז געוואָרן צעקנייטשט. — ניין! — האָט ער געזאָגט ווי ער זאָל רעדן דורך דער נאָז און אַ

טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, באַשטעטיקט זיינע רייד. דער סערזשאַנט האָט גענומען דעם בויגן פּאַפּיר פון טיש און זיך געוואָנדן צו אילנען:

— אויב אַזוי, אַ שאָד צייט — האָט ער געזאָגט. ער האָט צעשטעלט די פּיס און אַרויסגעלייענט פון פּאַפּיר: — „מיטוואָך ביינאַכט, צוויי מיט פופצן האָט מען פון איבער דער גרענעץ געעפנט אַ פייער אין דער ריכטונג פון דער מעברה און הדסים. דאָס פייער האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע רגעס. נאָך דעם האָט אילן שמחי, דער שומר פון דער נאַכט־משמרת פאַרהאַלטן אַ פריזישע, רויט־ווייס געפלעקטע קו וואָס איז געווען באַלאָדן מיט אַ זאַק נישט געברענטע קאַווע־קערנער. די גרענעץ־וואַך האָט די קו איבערגענומען אין איר רשות". אלכסנדר האָט געלייענט שנעל, ווי געשלונגען די ווערטער. ווען ער האָט געענדיקט האָט ער דאָס פּאַפּיר דערלאַנגט אילנען און געזאָגט:

— אונטערשרייב! (שרייב אונטער)

אילן האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— מען דאַרף גיין שלאָפן — האָט ער געזאָגט און אונטערגעשריבן.

אלכסנדר האָט אים אַ שאָקל געטאָן אים מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכים און געזאָגט: — קום שלאָפן! ער איז אָבער שטיין געבליבן אילנען אַנטקעגן און צוגעגעבן: — מיר דאַרפן געפינען אַ פרייע צייט, און זיך טרעפן און אַדורכשמועסן ביי אַ שאָל קאַווע.

זיי האָבן געדריקט זיך די הענט און זיך געזאָגט: — „אויף ווידערזען". ביידע האָבן געדרימלט.

אילן האָט דער גרענעץ־פּאָליציי נישט דערציילט, אַז ער האָט נאָך דער שיסעריי געזען ווי אָבו יוסיף און צוויבל קריכן פון דער וואָדי אַרויס. ער האָט צוויבלען געהאַסט. ער האָט אָבער נישט געוואָלט די פּאָליציי זאָל אים אַרעסטירן. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי גוסטאַ אמפּערט זיך מיט איר פאָטער און נישט געוואָלט צעשטערן איר פריינדשאַפט מיט גרישען.

אָבער פאַר יעדן אין דאָרף און אין דער מעברה האָט ער דערציילט: — צוויבל איז אַ שמוגלער.

אַלע זענען געוואָרן איבערראַשט ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז צוויבל דער „אַדוואָקאַט" פאַרנעמט זיך מיט שמוגלען און זיי האָבן אים אויסגעמיטן, אים געגאַנגען פון וועג און אים נישט געזאָגט „שלום". ווי נאָר צוויי האָבן זיך געטראָפן האָט איינער געזאָגט דעם אַנדערן: — „כלב שבכלבים!" — געמיינט צוויבלען. זיי האָבן אים נישט מוחל געווען וואָס ער רעדט אויס אויף דער גאַנצער וועלט און רעדט אָן מענטשן זיי זאָלן זיך בונטעווען.

— אַ חרפּה און בושה, אַז אַזאַ הונט דרייט זיך אַרום צווישן אונדז — האָט געזאָגט איינער.

— אַ חרפּה און בושה, אַז אַזאַ הונט דרייט זיך בכלל אַרום אויף דער וועלט — האָט געענטפערט דער צווייטער.

ווען די גרופּע איז גרעסער געוואָרן און די געמיטער זענען געוואָרן

צעהיצט האָבן זיך אויך דערהערט קולות וואָס האָבן געזאָגט: — מען דאַרף אים צעברעכן די ביינער! זאָל ער נישט מיינען, אַז די וועלט איז הפקר!

אויך די ווייבער וואָס האָבן זיך געטראָפן אין קאָנסום־הויז אָדער ביים וואַסערקראַן האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן. זיי האָבן געשנופּט מיט די נעזער, געפּינטלט מיט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז מען הערט זיי נישט אונטער האָט איינע דער אַנדערער איינגערוימט:

— צוליב אים שיסן די אַראַבער אויף אונדזערע קינדער.

די זאַך איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז צוויבל דער תקיף און דעה־זאָגער אין דער מעברה האָט אויפגעהערט קומען צווישן מענטשן. אָבער אויך דאָס האָט אים נישט געהאָלפן. אַפּט האָט ער אונטער זיין געשלאָסענער טיר און פענצטער געהערט טריט און אַ געשריי: — טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! אומבאַקאַנטע הענט האָבן געשריבן אויף זיין טיר מיט גרויסע, קרומע קרייד־אותיות: „פאַררעטער!" אויך די קינדער האָבן אין די אָוונטן זיך אונטער־געגנבעט אונטער זיין טיר און מיט קרייד איבערגעגאַנגען איבער די אותיות זיי זאָלן זיין אַנזעעוודיק. נישט געווען כמעט קיין וואָגט אין דער מעברה אויף וועלכער עס איז נישט געווען אָנגעמאָלן אַ בייכיקער פּאַרשוין וואָס פירט אַ קו אויף אַ שטריק און פון אונטן אָנגעמאָלן אַ ציבל. (צוויבל זיין נאָמען).

די לאַגע אין דער מעברה איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע: ווער וועמען וועט בייקומען. דער מצב האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט ביז אין איינעם אַ פאַרטאָג ווען די מענטשן זענען אַרויס צו דער אַרבעט האָבן זיי דערזען ווי אַן אָנגעלאָדנטער אויטאָ מיט מעבל שלעפּט זיך איבערן וועג.

די אַרבעטער וואָס האָבן זיך געאיילט צו דער אַרבעט האָבן אַ קלער געטאָן: וועמענס איז דער אויטאָ? קומט ווער, צי גייט ווער אַוועק פון דער מעברה?

דער אויטאָ האָט גערוישט און זיך געשלעפּט איבער דעם דאָרפס־וועג. דער רעש האָט צונויפגעזאַמלט די ווייבער. אויסגעשלאָפענע און אויסגערוטע, נאָך נישט פאַרקעמטע זענען זיי שטיין געבליבן פאַר די טירן מיט פאַרלייגטע הענט איבער די בייכער און דערשטוינט געקוקט ווער פאָרט?

דער אויטאָ האָט זיך געטרייסלט פון איין זייט אויף דער אַנדערער ווי אַט, אַט קערט ער זיך איבער. אָבער דער אויטאָ האָט זיך געשלעפּט פאַרויס און נאָך אים אַ שוואַרצע טאַקסי. דאָס פּאַמעלעכע שלעפּן זיך האָט אויסגעזען ווי אַ לוויה.

אין טאַקסי איז געזעסן צוויבל מיט זיין משפחה. ער איז געזעסן אין מיט געזעס, מיט שטאַרע, פאַרגלייזטע אויגן ווי ער זאָל גאַרנישט זען, מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען. ער האָט געפרייכט און געסאָפּעט פון אויפרעגונג. ביי אים פון ביידע זייטן זענען געזעסן די צווי פרויען. זעלדעס, זיין ווייבס פנים, האָט געפלאַמט. איר אויסגעצויגענע גאָמבע איז געווען נאָך לענגער. זי איז געזעסן אַ צונויפגעקאָרטשעטע אין ווינקל און האָט אויסגעזען נאָך קלענער

ווי זי איז געווען. אין דער צווייטער זייט איז געזעסן זיין טאָכטער, אַן אָנגע־לענטע אויף דער טאַקסי־וואַנט מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און געיאָמערט.

דער פאָטער, וואָס האָט פון זיך געבלאָזן ווי ער זאָל זיך שטיקן, האָט באַטראַכט פון דער זייט די טאָכטער. ער האָט די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן פאַר איר, אַז ער גרייט זיך פאַרלאָזן די מעברה. אָבער, אַז עס איז געקומען די צייט האָט ער אַנטשלאָסן איר געזאָגט: — מאָרגן פאַרטאָג פאַרלאָזן מיר די מעברה!״

די טאָכטער דערהערנדיק דעם פאָטערס באַפעל איז שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל פון איבערראַשונג. פון אויפרעגונג האָבן איר די קינבאַקן געצי־טערט. ווען זי איז געקומען צו זיך האָט זי אים געזאָגט: — איך בלייב דאָ!

צוויבל, דערהערנדיק דער טאָכטערס תשובה איז געוואָרן רויט פון כעס. ער האָט אָנגעבלאָזן די באַקן, אַ פאַרבייל געטאָן די פויסטן און געוואָלט זיך אויף איר וואַרפן אָבער אין לעצטן מאָמענט האָט ער זיך באַהערשט. ער האָט נאָר פאַרביסן די ליפּן און אַ וואָרטשע געטאָן דורך די ציין: — אָדער דו פאָרסט מיט מיר אָדער דו ענדיקסט דאָ! ער האָט זיך אָנגעלענט אין דער שאַנק און אויף איר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אימהדיק, חיהשע אויגן.

גוסטאַ איז קליין געוואָרן פון פחד, זיך איינגעשרומפּן ווי אַ מושלע ווען זי דערפילט געפאַר. אַ דערשלאָגענע מיט וואַקלענדיקע פיס האָט זי זיך דערשלעפּט צום בעט און אַרויפגעפאַלן אויף אים. אויך די מוטער האָט פון פחד געשוויגן אָבער זיך געריסן ס׳פלייש פון פּנים. גוסטאַ איז אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעלעגן אַ פאַרחלשטע. אויך די עלטערן האָבן זיך געלייגט שלאָפן אין די בגדים.

ווען דער מאָרגן האָט גענומען גרויען און דער אויטאָ איז פאַרפאָרן האָט צוויבל אויפגעוועקט די טאָכטער. זי האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן. ער האָט זי אָנגענומען ביי די אָרעמס און מיט כוח אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל אָן צו זאָגן אַ וואָרט.

די גאַנצע צייט וואָס די מענטשן האָבן אָנגעלאָדנט דאָס מעבל האָבן אויך די עלטערן זיך געפּאָרעט. גוסטאַ איז געזעסן אַ פאַרשטיינערטע.

ווען דאָס ביידל איז געוואָרן ליידיק האָט דער פאָטער ווידער אָנגענומען גוסטען ביי די אָרעמס, זי צוגעפירט און אַריינגעזעצט אין דער טאַקסי.

גוסטא איז אין דער טאַקסי געזעסן אַ פאַרחלשטע ביז זי האָט זיך צעיאָמערט און ספּאַזמירט. זי האָט נישט געוווסט וואָס מיט איר טוט זיך. זי האָט אפילו נישט געפילט ווען די טאַקסי האָט גערירט פון אָרט.

ווען דאָס געפילדער איז געוואָרן שטאַרק האָבן די מעברה־מענטשן דער־זען, אַז צוויבל פאַרלאָזט די מעברה און אים באַגלייט מיט אַ כאָר: — „הונט! הינטישער זון! פאַררעטער!״ דעמאָלט האָט די טאָכטער געעפנט די אויגן.

ווען די קינדער האָבן גענומען באַוואַרפן די טאַקסי מיט שטיינער האָט גוסטאַ צוריק פאַרמאַכט די אויגן.

## ל

די זונען־שטראַלן האָבן געגליט. די היץ איז געווען גרויס און געבריט ווי אַ צעגאָסענע לאַווע. די פלאַנצן און גראָזן זענען געווען פאַרטריקנט און פאַרברענט, די ערד האַרט, אָן אַ לעבנס־סימן. די לופט איז געווען דעמפּיק און פייכט ווי אין סוף תמוז. די מענטשן זענען אָפּגעגאַנגען אין שווייס, געווען מיד און פויל.

אויך די ביימער אין די הדסימער פּרדסים מיט דער שוין רייפער פרוכט זענען געווען אַרומגעהילט מיט אַ ווייס־גרויען שטויב ווי אַ טיול. די קי אין שטאַל זענען געשטאַנען מיט צעקראַטשעטע פּיס, אויסגעשטרעקטע העלדזער, צעשפּרייטע נאָזלעכער, אַראָפּהענגענדיקע בייכער מיט פולע אייטערס און געפּרייכט צוליב דער היץ. די הינער אין די שטייגן זענען געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און פאַרלייגטע קעפּ צווישן די פליגל און געטריקנט פון היץ. די איינצלנע פערד אין דאָרף האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די הייף, פולע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פאַרבויגענע ווידלען און מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער געזוכט אַ שפּור פון פייכטקייט.

דער אַרבעטס־טעמפּאָ ביי די מענטשן איז געווען אַ פאַמעלעכער. די היץ האָט פון זיי אויסגעזויגן דעם מאַרך פון די ביינער. די געמיטער זענען געווען צעברויזט נישט נאָר צוליב דער היץ, נאָר אויך צוליב די געשעענישן אין דער סביבה.

די אַרבעטס־מענטשן מיט זייערע ברייטע און באַאָדערטע פון פראַצע הענט האָבן זיך נישט געקענט באַרויִקן. זיי האָט געקרענקט דער ענין צוויבל, זיי האָבן געפלאַמט פון בושה. אָבער זייער כעס האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ חוזק. ווי נאָר צוויי, דריי יידן האָבן זיך געטראָפן האָבן זיי אָפּגעלאַכט פון אים: — געוואָלט גרינג לעבן, נישט געוואָלט אַרבעטן, נישט ביים בנין און נישט אין פּרדס!

— נישט ווי אין אונדזערע צייטן! — האָבן די וותיקים צוגעגעבן. מיר האָבן געוווינט אין געצעלטן צווישן טבריה צמח, געהאַקט שטיינער און געהונגערט.

ווען זיי האָבן געענדיקט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן וואָס האָבן ווי געפרעגט: — וואָס זאָגסטו?

אויך גרישאַ האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. אַז צוויבל האָט געמוזט פאַר־לאָזן די מעברה נאָך דעם אַלעם וואָס מיט אים איז געשען האָט ער פאַרשטאַנען. אָבער פאַרוואָס איז אַוועק גוסטאַ? זיך אפילו מיט אים נישט געזעגנט! דאָס האָט זיין קאָפּ נישט באַנומען.

פון קרענקונג און בענקשאַפט איז זיין פּנים לענגער געוואָרן. ער האָט גע־אַרבעט אויטאָמאַטיש, אָן חשק. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעדולטער און נישט באַגריפן פאַרוואָס איז זי אַוועק אָן אַ „זיי געזונט".

ער האָט געשוויגן און געפאָרשט ווו זי געפינט זיך?

— איך וועל זי געפינען, צו איר גיין און אַלעס אויפקלערן האָט ער באַשלאָסן אָבער זיין כבוד האָט אים אָפּגעהאַלטן. גוסטאַ איז געווען און זי איז נישט דאָ!

זיין טרייסט האָט ער געפונען אין „גלעזל". אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך געשלייכט שיכור מיט פאַרגלייזטע אויגן.

ביי די מענטשן אין הדסים האָט געגאָנגט דער ספק. „מען ווערט עלטער, די יוגנט וואַקסט אונטער. ווער ווייסט ווי אַזוי די זין וועלן ממשיך זיין אונדזער פּראַצע ?" — האָבן זיי געטענהט ביי יעדער געלעגנהייט.

אַמאָל האָבן זיך געטראָפן אייזיק מיט אריהן. זיי האָבן געפירט וועגענער אָנגעלאָדענע מיט גרינסן. זיי האָבן זיך אויסגעגליכן אין פאָרן און אַ ווײַלע געשוויגן.ביידע זענען געווען אַרבעטס־מענטשן מיט צעכראַסטעטע העמדער, באַהאָרטע ברוסטן און געקנייטשטע אויגן־לעפלעך פון דער זון און ווינט.

— איך האָב דיר געזאָגט שלום ? — האָט אייזיק פּלוצים געפרעגט מיט אַ הילכיקער באַס־שטימע ווי ער זאָל שרייען.

— שלום ! — האָט אריה אים געענטפערט און געפרעגט : — וואָס הערט זיך ?

— מען לעבט און מען האָרעוועט ! — האָט אייזיק אים געענטפערט.

די פערד מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן געשלעפּט פּאַמעלעך די וועגענער. ביידע האָבן ווידער געשוויגן. עס האָט זיך נאָר געהערט דער טראַסק פון די קוילערנדיקע זיך רעדער. אריה האָט אויפגעהויבן זיין שווערן קאָפּ און זיך אַ ווענד געטאָן צו אייזיקן און אים געקוקט אין די אויגן אַריין : — מען האָרעוועט. הלוואי זאָל אונדזער פּראַצע מצליח זיין.

אייזיק האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערשטוינט אים אָנגעקוקט.

אריה האָט אַ צי געטאָן די לייצעס און מיט די ליפּן אַ צמאָקע געטאָן צום פערד : — טצו ! ער האָט געוואָלט ס׳פערד זאָל גיין אין די שוין אין וועג אויס־געפאָרענע רעדער־קאָליעס.

— ביי זיי איז אַלץ אַנדערש — האָט ער געזאָגט אייזיקן : — אויך מיר זענען געווען יונג און געגאַנגען צו מיידלעך. אָבער זיי ווי די שקאָצים.

אייזיק האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם פערד אין פּאָשלאַדעק און שמייכלענדיק זיך אַ ווענד געטאָן צו אריהן : — שטעכיקע אָבער זאַפטיקע סאַברעס !

אריה האָט פאַרקלענערט זיינע טריט און אים אָנגעקוקט אָבער באַלד האָט ער גענומען נאָכגיין דעם וואָגן און אַ פרעג געטאָן אייזיקן :

— און זייער הפקרות ? און דאָס געשלעג צווישן די צוויי בנים אילן און רענן ? ממש ווי גוים !

אייזיק האָט אָפּגעווישט זיך די ליפּן און אים געענטפערט באַטאָנענדיק די ווערטער : — איך, דו, זענען דערצו נישט פעיִק געווען. מיר האָבן געקרענקט און געשוויגן. זיי האָבן בלוט און כבוד !

אריה האָט זיך דערנענטערט צו אייזיקן : — אָבער אַמאָל איז געווען אַנדערש — האָט ער שטיל געזאָגט.

זיי זענען געוואָרן שטיל. ווען זיי האָבן דערזען די דאָרפס־הייזער האָבן ביידע אין איינעם געזאָגט הויך : — מיר זענען אָנגעקומען !

זיי זענען געווען איבערראַשט ווי שנעל און אומבאַמערקט די צייט איז

זיי אַוועק. זיי האָבן אַ צי געטאָן די לייצעס, זיך געזאָגט „שלום" און געפאָרן יעדער צו זיך אין הויף אַריין.

אילן איז זיך געגאַנגען זיין לעבנסוועג. ער איז אָפט געקומען אין דער מעברה אַריין און צו צללן איןביידל אַריין. ער האָט מיט זיין געשטאַלט אויסגעפילט דעם רוים פון ביידל וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט מעבל. ער האָט אין דער ענגקייט קוים זיך געקענט באַוועגן אָבער צללס הייזעריקער „ברוך־הבא" האָט אים דערמוטיקט.

צלל, דער לאַנגער דאַרער ייד איז שטענדיק געווען צופרידן. זיינע באַוועגונגען זענען געווען איבערלייגטע און פּאַמעלעכע. דער מוטערס מאַנאָטאָנקייט און איר כמעט שטענדיקע שווייגן האָבן אויסגעדריקט איר רעספּעקט און אונטערטעניקייט צו צללן איר מאַן.

דער רוים אינעם ענגן ביידל איז געווען אויסגעפילט מיט שלווה. אילן און שלומית, זייער טאָכטער, זענען געווען זיך נאָענט. די אַרבעט האָט אויסגעפילט זייער טאָג: ער אין פּרדס — זי אין דער הינערשטייג. אין די אָוונטן האָבן זיי פאַרברענגט צוזאַם, אָפּגעזונדערט פון דער יוגנט־חברה. זיי האָבן זייערע געפילן פאַרשטעלט פאַר די מענטשנס אויגן. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט זיך. זיי זענען געווען זיכער, אַז קיינער ווייסט נישט דעם סוד פון זייער גליק.

זיי האָבן שפּאַצירט איבער די פעלדער ווייט פון דאָרף און פון מענטשן. זיי האָבן געשפּרייזט צווישן די ווייכע ווי סאַמעט גרינע גרעזער וואָס האָבן געגלעט זייערע צעגליטע קערפּערס. אילנס שטאַרקע הענט האָבן באַאָרעמט שלומיתן. זי איז געגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף זיין ברייטער ברוסט. זי האָט געאָטעמט איר גליק. אויך אילן איז געווען גליקלעך אָבער ער האָט אויסבאַהאַלטן זיין פרייד. ער האָט ליב געהאַט שלומיתן אָבער הינטער איר געשטאַלט איז געשטאַנען רינהס שאָטן.

אילן און שלומית האָבן אויסבאַהאַלטן זייער בשותפותדיקן סוד אָבער אַלע אין דאָרף האָבן אים געוווּסט. די מענטשן אין דער מעברה האָבן געשעצט אילנען פאַר זיין דרייסטקייט און איבערגעבנקייט. אַ ספּעציעל אָנזען האָט ער באַקומען ביי זיי נאָך דעם ווען ער האָט געכאַפּט די קו און זיי באַוויזן ווער צוויבל איז. ער איז פאַר זיי געווען דער דאָרפס־העלד. אַלטע יידן מיט לאַנגע ווייסע בערד און פאַרגעלטע פון שנופּטאַבאַק וואָנסעס, האָבן פון ווייטנס אים געזאָגט „שלום". זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר אַ כבוד ווען אילן האָט זיך מיט זיי אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַ קרוב. ער גייט דאָך אַרום מיט זייערס אַ טאָכטער.

אילנס צוגעבונדקייט צו שלומיתן איז כסדר שטאַרקער געוואָרן. ווען ער איז געקומען אין שטוב און זי נישט געזען, האָט ער זי געזוכט. ווען ער האָט זי דערזען האָט ער פון ווייטנס באַוונדערט אירע שטייפע ברוסטן און קרעפטיקע היפטן. זיינע ווייסע, שאַרפע ציין האָבן געביסן די ליפּן פון תאווה אָבער שטענדיק האָט ער זי פאַרגליכן מיט רינהן.

שלומית האָט געבליט. איר קערפּער איז געוואָרן פול. די שוואַרצקייט פון

אירע האָר האָט געגלאַנצט. איר פּנים ווי אַ מעש איז געווען גלאַט און אויסגעפּילט. אירע באַוועגונגען זענען געווען שאַרמאַנטע און ריטמישע. איר רייפקייט האָט געררייצט.

אויך אילן איז געוואָרן נאָך קרעפטיקער, זיינע אַקסלען נאָך ברייטער. זיין וואָנסע געדיכטער. זיינע פּנים־שטריכן זענען געווען פון אַ מאַן. אַ שיפער פאַלד האָט זיך איינגעשניטן אין זיין ברייטן שטערן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־טראַכטער.

נחום און חמדה האָבן דאָס אַלעס געזען אָבער געשוויגן. אילן זייער בכור איז געווען זיי טייערער פון אַלעם.

אין איינעם פון די אָוונטן האָט נחום זיך אַוועקגעזעצט לייענען די צייטונג אָבער אַ מידער האָט ער איינגעדרימלט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזען, אַז די צייטונג ליגט אויף דער ערד האָט ער אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, זיי אויסגעריבן און זיך אַ ווענד געטאָן צום ווייב וואָס איז געזעסן אים אַנטקעגן: — מען ווערט אַלט.

חמדה האָט ווייטער געצערעוועט דעם שטרומפּ.

— זינדיק נישט! — האָט זי אים געענטפערט און אַ ווײַלע שפּעטער צוגעגעבן:

— אין גיכן וועט אילן חתונה האָבן וועסטו ווערן אַ זיידע.

ער האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי באַשטעטיקט אירע רייד און אַ שמייכל האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער זיין פּנים.

— ער וועט נעמען שלומיתן? — האָט נחום געפרעגט.

— זיכער!

נחום איז זיצן געבליבן אַ פאַרטראַכטער.

שבת אין בין־השמשות זענען ביידע געלעגן באַרוועסע אויף דער ווערענדע אויף אַ פונאַנדערגעשפּרייטער ראָגאָזשע. זי אין שלאָפראָק, ער אין אונטערלייבל. חמדה איז געלעגן אויפן רוקן און געקוקט אין בלויען הימל אַריין אָבער פון מאָל צו מאָל האָט זי פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף נחומען. זי האָט באַמערקט, אַז זיינע שלייפן זענען גרוי. באַטראַכטנדיק אים האָט זי געזאָגט: — ערשט איצט פיל איך ווי מיד איך בין.

נחום האָט מיט דער האַנט אַ גלעט געטאָן זיך זיין אויסראַזירט פּנים, פאַר־מרושעט די אויגן און געענטפערט: — די כוחות לאָזן זיך אויס!

חמדה האָט פאַרמאַכט די אויגן און געפרעגט: — איז וואָס וועט זיין?

— די הינער מערן זיך. די אַרבעט פאַרמאַטערט! — האָט נחום איר גע־ענטפערט און זיך אויפגעזעצט.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. מיטאַמאָל האָט אויך חמדה זיך אויפ־געזעצט און געזאָגט קאַטעגאָריש: — מען דאַרף חתונה מאַכן דעם זון!

נחום האָט מיט די הענט אַרומגענומען זיינע אַרונטערגעצויגענע קני און פינטלענדיק מיט די אויגן געזאָגט ווי ער זאָל רעדן צו זיך: — אַ ייד אַן עקשן! און פאַרוואָס און צו וואָס?

חמדה האָט אים אָנגעקוקט און געשוויגן.

אויך נחום האָט געשוויגן אָבער עטוואָס שפּעטער האָט ער אויסגעצויגן די פּיס און געזאָגט: — די קינדער זענען זיך נישט פרעמד — און צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער זאָל זיי באַדויערן. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן: — איך וועל אים נישט נאָכגעבן.

חמדהס באַקן האָבן אַ פלאַם געטאָן. איר אָטעם איז געוואָרן שווער. פרייכנדיק פון אויפרעגונג האָט זי זיך אַ ווענד געטאָן צו אים: — זיכער! אָבער מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל ענדיקן. חמדה האָט זיך צוריק אויסגעצויגן אויף דער ראַגאָזשע. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געזאָגט: — אויך איך האָב זי ליב אָבער איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צו שלומיתן. זי האָט אָבער זיך געשעמט קוקן נחומען אין די אויגן.

נחום האָט זי דערשטוינט אָנגעקוקט ווי ערשט איצט זאָל אים האָבן קלאָר געוואָרן דער גאַנצער ענין. מיט אַ מאָל האָט ער זיך צוגעבויגן צו חמדהן און געשריגן: — גוט! גוט! גוט! — ווי ער אַליין זאָל וועלן זיך פאַרשרייען.

דעם קומענדיקן דינסטיק האָט נחום מיט חמדהן געענדיקט פרי די אַרבעט. אילן האָט געוואָסערט דעם פּרדס. שלומית איז געבליבן מיט נוריתן אין שטוב. חמדה האָט איר נישט געזאָגט וווּ אַהין זיי גייען. ערשט ביים אַוועקגיין האָט זי געזאָגט: — מיר גייען שפּאַצירן. מיר וועלן אויך צוגיין צו דיינע עלטערן. שלומית איז שטיין געבליבן אָן אָטעם און מיט אויפגעריסענע אויגן פון איבער־ראַשונג.

נחום מיט חמדהן זענען געגאַנגען מיט די פעלד־שטעגן און זיך באַמיט מען זאָל זיי נישט זען. זיי האָבן געשוויגן און זענען געווען צעשטרייט. ווען זיי האָבן פון ווייטנס דערזען דאָסביידל מיט דעם נומער פופצן האָט נחום געזאָגט: — דאָס איז עס. מירן זען ווי מען וועט אונדז אויפנעמען.

חמדה האָט שווער אָפּגעאָטעמט און נישט געענטפערט.

נחום האָט פאַרלייגט די הענט פון הינטן און געגנומען גיין שנעלער ווי ער זאָל וועלן וואָס שנעלער איבערקומען דעם מהלך. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק און האָבן געסאַפּעט. מען האָט נאָר געהערט דעם שאָרך פון נחומס געפּרעסטע הויזן.

די טיר פון צללס ביידל איז געווען אָפן. נחום איז אַריין דער ערשטער. ער איז שטיין געבליבן אין דורכגאַנג און אויפן קול געזאָגט: — שלום!

צלל האָט זיך איינגעבויגן. די שיין פון דרויסן האָט אים געשטערט און ער האָט נישט געזען ווער עס איז אַריין. ווען ער האָט דערזען נחומען מיט חמדהן איז זיין פּנים געוואָרן רויט פון איבערראַשונג. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון בענקל און געזאָגט: — שלום וברכה!

אויך מזל האָט געענטפערט: — שלום! זי איז אַוועק פון טיש און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט.

נחום איז געווען צעטומלט, נישט געוווּסט וואָס ער זאָל זאָגן. ער האָט נאָר אָנגעוויזן אויף חמדהן און געזאָגט: — דאָס איז מיין ווייב! אַ צעפּלאָמטע האָט חמדה זיך דערנענטערט צום טיש און אויך געזאָגט: — שלום!

איןביידל איז געוואָרן טויט־שטיל. מען האָט נאָר געהערט ווי מזל סאָפּעט שווער. אַלע האָבן געשוויגן.

חמדה האָט איבערגעריסן די שטילקייט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט: — מיר זענען געקומען אייך איבערגעבן וואָס פֿאַראַ גוטע טאָכטער איר האָט! מיר האָבן זי ליב!

מזל האָט געגלאָצט די אויגן און געענטפֿערט: — גאָט זאָל זיך אויף איר און אויף אַלע יידן מרחם זיין!

צלל אַן איבערראַשטער, אין אונטערלייבל, האָט שנעל אָנגעטאָן דאָס העמד און זיך געוואָנדן צום ווייב: — דערלאַנג כיבוד די חשובע געסט!

— ווי גאָט געביט! — האָט מזל געענטפֿערט און זיך גענומען פֿאַרען.

צלל האָט אָפּגערוקט פֿון טיש צוויי בענקלעך, זיי איבערגעדעקט מיט אַ דיוואַן און זיי האָבן שוין אויסגעזען ווי קרוינשטולן. ער האָט אויך אויסגע־שפּרייט אַ דיוואַן אונטער די פֿיס און אַ געבוקטער זיך געוואָנדן צו די געסט.

— ביטע! זיי געבעטן זיצן.

נחום און חמדה איבערראַשטע האָבן זיך אָוועקגעזעצט. צלל האָט זיך אַוועקגעשטעלט זיי אַנטקעגן. מזל האָט זיך געאײלט. זי איז געגאַנגען הין און צוריק און געפּרייכט פֿון אַנשטרענגונג און אויפֿרעגונג. אירע דיקע פֿליישן האָבן זיך געוויגט, ווי אויפֿגעוויורן טייג. זי האָט אויסגעשפּרייט איבערן טיש אַ געשטיקט טישטעכל און דערלאַנגט כיבוד אויף אַ מעשענער טאַץ: אַ קרוג מיט לימאָניאַדע מיט נידעריקע, געבלימטע גלעזלעך. זי האָט אויפֿגעשטעלט אַ גלעזערן געשליפֿן טעלערל מיט געשיילטע מאַנדלען, אַ פֿאַרצעליי־טעצל מיט געריבענעם קאַקאָס און אַ זילבערן טעצל מיט צוקערלעך און געפּילטע שאָקאָ־לאַדקעס. צום סוף האָט זי דערלאַנגט אַ טעלערל מיט ברוינע, אויסגעבאַקענע, זיסע בייגעלעך און איז שטיין געבליבן אַ פֿאַרסאָפּעטע.

חמדה האָט זי אָנגעקוקט אַ פֿאַרוווּנדערטע און שמייכלענדיק זי געפֿרעגט:

— ווער וועט דאָס אַלעס עסן?

מזל האָט זי אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און געענטפֿערט: — וואָס גאָט שענקט.

נחום האָט אָפּגערוקט אַ בענקל און געפֿרעגט: — און די בעל־הביתים?

צלל האָט אַ ווונק געטאָן מזלען און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט די געסט אַנטקעגן. אַלע פֿיר זענען אַרומגעזעסןביים טיש אָבער אָפּגערוקט פֿון אים.

אין דעם ענגן, בלעכערנעם ביידל איז געווען שטיל. די אַרומזיצנדיקע האָבן געפֿילט די שווערע, אָנגעגליטע לופֿט וואָס האָט געשטיקט. די פֿרעמדקייט פֿון די מענטשן האָט זיי צוריקגעהאַלטן. אַלע זענען געווען קרעמפּירט. איינער האָט נישט געטרויט זיך אָנקוקן דעם אַנדערן. מזל האָט איבערגעלייגט זיך

די הענט איבערן בויך און באַטראַכט די געסט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. די שטימונג איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע. נחום האָט זיך אָ׳סגערייניקט די נאָז און געוואָנדן צו צללן: — הייס היינט?

די אַרומזיצנדיקע האָבן אים אָנגעקוקט און אָפּגעאָטעמט. די פרעמדקייט איז פאַרשוווּנדן אָבער צללס שטערן איז געוואָרן צעקנייטשט און ער האָט געזאָגט: — נישט צו פאַרזינדיקן. ער האָט זיך איבערגעבויגן, גענומען אין האַנט דעם קרוג און אָנגעגאָסן לימאָנאַדע אין די גלעזער.

נחום האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכים. מזל האָט זיך אָנגעבויגן און צוגעגרייט חמדהן אַ טעלערל.

— אַ דאַנק! — האָט חמדה געזאָגט און גענומען אין מויל אַריין אַ מאַנדל.

— צום געזונט! — האָט מזל איר געענטפערט.

די אָנשטרענגונג איז פאַרשוווּנדן און מען האָט געשמועסט. מען האָט גערעדט איבער פאַרשיידענע ענינים. גערעדט האָט נחום. צלל האָט אים נאָר געענטפערט. נחום האָט גערעדט אָן אויפהער. ער האָט נישט געוואָלט איבער־רייסן דאָס געשפּרעך עס זאָל ווידער נישט איינטרעטן די פּיינטלעכע שטילקייט ווי בשעת זייער קומען.

נחום האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער און געזאָגט: — ווי עס זאָל האָבן געווען נעכטן. מען האָט געשטעלט די בלעכערנעביידלעך און איר זענט געקו־מען. אַלעס אַרום איז געווען נאַקעט. איר זענט געווען פרעמדע און די סביבה איז אייך געווען פרעמד.

ער האָט אָנגעקוקט צללן און אויסגעריבן זיך די באַקן ווי ער זאָל וועלן זיך דערמאָנען די פאַרגאַנגענהייט. ער האָט איינגעאָטעמט לופט, און ממשיך געווען: די בלעכערנע ביידלעך זענען ווי קלענער געוואָרן, ווי איינגעזונקען אין דער ערד. די זון און די ווינטן האָבן אָפּגעשיילט דעם מעטאַלגלאַנץ פון זייערע ווענט. די דעכער זענען געוואָרן שוואַרץ און נאַס. אין זייערע ווינקלען שפּראָצט שוין מאָך.

צלל איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט איבער די קני און געקוקט נחומען אין פּנים אַריין.

נחום האָט זיך אויסגעריבן די ליפּן און ווידער אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער. זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיך די האַנט אויפן האַרץ ווי ער זאָל זיך קוויקן און געוואָנדן צו צללן:

— ווי שיין איז אונדזער לאַנד! דער שטח איז באַאַרבעט און אַלץ איז פריש.

צלל האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף הסכמה. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אויך געזאָגט: — אַן אַנדערע וועלט. אַלץ בליט און וואַקסט, נישט ווי אין דער מדבר אַרום.

נחום האָט אים אָנגעקוקט אַ צופרידענער. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אים געענטפערט: — עס האָט געקאָסט נישט ווייניק מי.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און צוגעגעבן: — סוחרים האָבן געדאַרפט בויען דאָס לאַנד! איר געדענקט דאָך נאָך זיכער ווי אַזוי איר האָט אויסגעזען ווען איר זענט אָנגעקומען אין לאַנד אַריין.

ער האָט איינגעביסן די ליפּן און איז שטיל געבליבן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז נישט געווען גענוג פּאַרזיכטיק אין רעדן און ער האָט באַליידיקט צללן — די נייע עולים — און ער האָט צוגעגעבן: — אָבער היינט קענט איר די מלאכה אַזוי ווי מיר.

צלל האָט געשוויגן. אַ שמייכל האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער זיין פּנים. פון פרייד האָט ער אויפגעשאַרצט די ליפּן און באַוויזן זיינע ווייסע ציין.

נחום האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך פאַרקוקט אינעם פענצטער. ער האָט געזען ווי אַ כאַפּטע קינדער שפּילן זיך מיט אַ באַלעם. ער האָט זיך צעשמייכלט און אָנגעוויזן אויף זיי און געזאָגט: — זיי וועט שוין זיין לייכטער.

צלל האָט זיך איינגעבויגן און אויך אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט און געזאָגט: — גאָט זאָל זיי געבן געזונט!

די ווייבער האָבן געשוויגן. זיי האָבן זיך צוגעהערט וואָס די מענער רעדן. חמדה האָט נישט געוווסט ווי אַזוי זי זאָל פאַרפירן אַ שמועס מיט מזלן. זי האָט אָבער אַ פרעג געטאָן: — ווו קויפט איר דעם קאַקאָס?

אין מזלס אויגן־ווינקלען האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע: — איך גרייט אים אַליין צו — האָט זי געענטפערט.

חמדה האָט זי דערשטוינט אָנגעקוקט און געזאָגט: — „איר זענט אַ בריה".

מזל האָט איר נישט געענטפערט נאָר פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אָבער חמדה האָט זי ווייטער געריימט: — אויך די קיכלעך זענען גוט, נישט צו זיס.

ערשט איצט האָט מזל זיך צעשמייכלט און איר געענטפערט שטיל: — אַלעס אייגענע אַרבעט.

חמדה האָט געוווסט, אַז מזל באַקט אַליין און דערפאַר זי געפרעגט: — ווי אַזוי באַקט איר?

אויף דער קנויט־מאַשינקע — האָט מזל איר געענטפערט מיט שטאָלץ.

— עס באַקט זיך שנעל? — האָט חמדה זי געפרעגט.

— עס איז שווער אָבער מען גיט זיך אַן עצה — האָט זי געזאָגט אַ ווײלע שפּעטער.

נחום וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס פון די פרויען האָט זיך אַריינגעמישט אינעם שמועס: — אַ גוטע בעל־הביתטע באַווייזט אַלץ.

מזל האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער — האָט זי געזאָגט.

צלל האָט גוטמוטיק אָנגעקוקט מזלן און נישט דרייסט געזאָגט: — אָבער פאַר איר עלטער אַ ביסל צו שווער.

אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט איז איינגעטרעטן, אַ ווײַלע שפּעטער האָט צלל געזאָגט: — גאָט צו דאַנקען, אַבי צווישן ייִדן.

אינצווישן האָט חמדה זיך אַרומגעקוקט איבער דעם ביידל. זי האָט באַטראַכט דאָס ווייסע בעטצייג וואָס האָט געפּעכלט, דעם דיוואַן וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט אין זיין קאָלירטן געוועב. זי האָט באַטראַכט דאָס ביסל מעשענע כלים וואָס האָט געגלימערט אויף דער שאַנק.

פּאַמעלעך האָבן די ביז נישט לאַנג פרעמדע מענטשן, זיך צונויפגערעדט. אַן אָנגענעמע פריינדשאַפט האָט זיך געשאַפן אין דעם ענגן רוים פונעם בלעכערנעם ביידל. ביידע צלל און מזל האָבן ווי ווייט מעגלעך געשוויגן, נישט געוואָלט זיין לעסטיק פאַר די געסט. צלל ווידער האָט כסדר צוגערוקט די געסט די טעלער מיטן כיבוד. נחום האָט גענומען אַ צוקערל אין מויל. דאָס אָפּגעוויקלטע פּאַפּירל האָט ער געקנייטשט צווישן די פינגער — דערפון געקנעטן אַ קיילעכל און בשעת מעשה זיך געוואָנדן צו צללן: — מיר די זקנים וועלן שוין ווי עס איז איבערקומען דאָס ביסל יאָרן, דער עיקר איז דער יונגער דור, ווי ער זאָל ממשיך זיין דעם שמועס וואָס האָט זיך איבערגעריסן. צלל האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף הסכמה. ער האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט נישט געוואָלט אַריין אין אַ שמועס מיט דעם וותיק נישט וועגן פּריוואַטע ענינים און אַוודאי נישט וועגן כלל־ענינים. נחום האָט פאַרזשמורעט די אויגן און ממשיך געווען: — מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן. זיי זענען טאַקע אַ ביסל כראָפּאַטע אָבער אין אַלגעמיין זענען זיי גוטע מענטשן.

צלל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ צעטומלטער נישט דרייסט שנעל געזאָגט: — זיי זענען גוט. גוטע קינדער — און זיך אויסגערעגט די פינגער.

— אויך אונדזערע קינדער זענען גוט און זענען זיך נישט פרעמד — האָט נחום געזאָגט. ער האָט באַטאָנט יעדעס וואָרט און געקוקט צללן גלייך אין פּנים אַריין.

צללס פּנים איז געוואָרן לענגער און ער האָט געשוויגן. ער האָט געוואָרט נחום זאָל ממשיך זיין אָבער נחום האָט געשוויגן.

צלל האָט מער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיי אָנגעוווּנטשן: — גאָט זאָל זיי בענטשן — און נישט געפּילט ביז ווו זיינע רייד פירן.

איצט איז דער שמועס שוין געווען אַ פרייער. די ווייבער האָבן גערעדט וועגן קאָכן און באַקן, די מענער וועגן אַרבעט אוןווירטשאַפטן. די צוויי משפּחות וואָס זענען זיך געווען פרעמד זענען געווען פאַרשמועסט און נישט באַמערקט, אַז דער טאָג גייט אַוועק און עס הייבט אָן גרויען. זיי האָבן נישט געפּילט ווי די פינצטער הייבט אָן אַרומנעמען דאָס ביידל.

נחום האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנטזייגער. ער איז אויפגעשפּרונגען פון בענקל און אַ געשריי געטאָן: — אוי—וואַ! זיך אַוועקגעזעצט רעדן אין אַן אַר־

בעטסטאָג און זיך פאַרשמועסט — און מיט דער האַנט געגעבן אַ סימן חמדהן. חמדה איז אויפגעשטאַנען פון בענקל. אויך צלל און מזל זענען אויפגעשטאַנען.

צלל אַ גליקלעכער האָט מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף די געסט.

— אַ שאָד וואָס איר גייט שוין, — האָט ער געזאָגט.

מזל האָט פון פרייד זיך אויסגערענגט די פינגער און טיף אָפּגעאָטעמט. זי האָט געשוויגן אָבער אירע אויגן זענען קליין געוואָרן ווי זי זאָל זיי וועלן פאַרמאַכן. דאָס איז געווען איר אויסדרוק פון אומצופרידנקייט וואָס די געסט גייען שוין אַוועק.

נחום איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און איז שטיין געבליבן. ער האָט געוואַרט חמדה זאָל אַרויסגיין די ערשטע. חמדה האָט נאָכאַמאָל זיך אַרומגעקוקט איבערןביידל און אָנגעקוקט צללן און מזלן.

— איצט וואַרטן מיר אויף אייך — האָט חמדה זיי געזאָגט אַ צעשמייכלטע.

אויך נחום האָט זיך צעשמייכלט און צוגעגעבן: — לאָזט אויף אייך נישט וואַרטן.

חמדה האָט זיך געוואָנדן צו מזלן און געזאָגט: — איך וועל שלומיתן איבערגעבן אַ גרוס.

צללס און מזלס פּנימער האָבן אַ שיין געטאָן פון פרייד. אַ שמייכל האָט אויסגעקרימט נחומס פּנים און אויפגעדעקט זיינע גרויסע ציין. עס איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן ווידער זיך פאַרלוירן אָבער באַלד האָט נחום אויסגעשטרעקט די האַנט צללן, חמדה מזלן. ביידע האָבן אָנגענומען די אויסגעשטרעקטע הענט און זיי געדריקט האַרציק.

— שלום!

— שלום! זייט געזונט!

דער אָפּהילך פון די ווערטער האָט אין דער נאַכט-גרויקייט זיך געקייקלט ווי ער זאָל אַוועק און צוריקגעקומען.

די אָוונט-קילקייט האָט זיי אָפּגעפרישט.

נחום האָט נאָכאַמאָל אַ דריק געטאָן צללן די האַנט, אים נאָכאַמאָל געזאָגט — שלום! און איז אַרויס אויף דער גאַס.

חמדה האָט ווידער אַמאָל אָנגעווונטשן מזלן „זייט געזונט”, איר אַ גלעט געטאָן די האַנט און נאָכגעגאַנגען נחומען.

די שכנים פון אַרום זענען געשטאַנען אין די טירן און נייגעריק זיי נאָכגעקוקט.

צלל איז געשטאַנען אַ געבוקטער, אַ פאַרטראַכטער און געשוויגן. ערשט איצט האָט ער געפּרוווט דערגיין דעם סוד פון נחומס באַזוך ביי אים. אויך מזל איז געשטאַנען מיט דער לינקער האַנט אין בוזעם און מיט דער רעכטער נאָכגעשיקט שטערנקושן די געסט און אָן אויפהער געמורמלט: — גאָט זאָל אייך שיצן און פירן. גאָט זאָל אייך שיצן און פירן...

מיט אַ מאָל איז געוואָרן פינצטער. די נאַכט איז צוגעפאַלן.

# יא

דער זונען־גלי איז שוין געווען אָפּגעקילט. דער גלימער־שיין שוין פאַרטונקלט. די טעג זענען מערסטנטייל געווען גרויע, די לופט געדיכט. אַ נעפּל האָט באַדעקט די בערג־שפּיצן ווי מיט אַ שלייער. דער ריינער ווי קרישטאָל הימל־בלוי איז געוואָרן געקאַרבט, באַזעצט מיט ווייסע וואָלקנדלעך. דער הימל איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן טונקעלער, ברודיקער. די לופט איז געווען געדיכט און דעמפּיק. די ווינטן זענען געוואָרן קילע. דער רעגן איז געהאָנגען אין דער לופט.

די מענטשן אין דער מעברה זענען אָפּגעגאַנגען אין שווייס. זיי האָבן געהאָרעוועט מיט טוריעס און מאָטיקעס. אָנגעדראָלטע אָדערן און האַרטע מאָזאָליעס האָבן באַצירט זייערע הענט. פון אַ סך פראַצע זענען זייערע קערפּערס געוואָרן מגושמדיקע, זייערע טריט פּאַמעלעכע, זייערע געמיטער רויִקע.

דאָס לעבן אין די שמאָלע, נידעריקע, ענגע בלעכענעביידלעך איז געווען באַשיידן. פאַרהאָרעוועטע פרויען און מאַמע־הענט האָבן געקאָכט, געראַמט און געוואַשן דעם שווייס און ברוד פון זייער וועש. טאָג, טאָג זענען זיי געשטאַנען געבוקטע איבער באַליעס וועש. די פאַרביקע, צעהאָנגענע גרעט האָט געפלאַטערט אַרום די ביידלעך ווי אויסגעהאָנגענע פענער. די מעברה האָט כסדר אויסגעזען ווי מען זאָל זי האָבן דעקאָרירט. פאַרגרעסערט די שמחה האָבן די קינדער. זייער געלעכטער האָט אויסגעפילט דעם רוים פון דער מעברה. זייער טעגלעך עסן איז געווען אַ „מוציא” באַשמירט מיט מאַרמעלאַדע אָדער באַלייגט מיט אַ שטיקל רעטעך אָבער זייער פריילעך געפילדער האָט פאַרהילכט די סביבה.

שאולי איז נישט איין מאָל שטיין געבליבן הינטער אַ ביידל און געקוקט מיט אומעטיקע אויגן פון טרויער און פרייד, ווי די קינדער עסן מיט אַפּעטיט. זיינע וואַסער־בלויע אויגן האָבן דערשטוינט געקוקט ווי די קינדער מיט זייערע קליינע פינגער ציפּן שטיקלעך פון די פאַרטריקנטע מוציאס ברויט. שאולי האָט אַלץ געזען און געשוויגן. ער האָט זיך געשלייכט איבער דער מעברה מיט די הענט פאַרלייגטע פון הינטן, אַ צעשמייכלטער און פאַרטראַכטער. די מענטשן אין דער סביבה זענען געווען אים נאָענט. ער איז אָפט געגאַנגען לענגאויס דער וואַדי און יעדעס מאָל פונדאָסניי געזען די אויסקרימונגען ווי זיי שלענגלען זיך און שאַפן די ערד־פּיאַטע און צעטיילט זי אויף שטיקלעך. ער האָט יעדעס מאָל פונדאָסניי געזען די וואַדי־ריכטונג וואָס ענדיקט זיך אונטער די בערג, די פעלדזן־מויערן וואָס שליסן אָפּ די דאָרפס־פּרדסים. ער האָט זיך געזעטיקט מיט דער פּראַכט פון דער נאַטור און זיך צוגעהאָרכט צום פריילעכן טומלען פון די קינדער.

די פאַרהאָרעוועטע מענטשן זענען געווען פאַרנומען מיט זיך. זיי איז גאָר קנאַפּ אָנגעגאַנגען די אַרומיקייט. זיי האָבן געזאָרגט נאָר פאַר זייערע משפחהס, אָבער אילן האָט זיי יאָ אינטערעסירט און זיי האָבן אויך אינטערעסירט אילנען. זייערע שטאַרע בליקן און פאַרגליווערטע פּנימער האָבן אין אים דערוועקט אַ שמייכל. אַלט און יונג האָבן אים באַגעגנט מיט אַ „שלום”. ווען זיי האָבן אים

געטראָפן האָבן זיי נייגעריק אים באַטראַכט. זיי זענען געווען צופרידן וואָס „ער״, אַ זון פון הדסים, אַ „צבר״ גייט אַרום מיט זייערס אַ טאָכטער.

אילן האָט שוין נישט אויסבאַהאַלטן זיין באַציִונג צו שלומיתן. זי האָט אים געצויבערט, באַהערשט זיינע חושים. ווי נאָר ער האָט זי באַמערקט איז ער איר אַנטקעגנגעגאַנגען. איר אַנוועזנהייט האָט אים אָנגערעגט. דערפילנדיק די פרישקייט פון איר קערפּער האָבן זיינע נאָזלעכער זיך צעצויגן. איר געשטאַלט, אירע שטאַרנדיקע ברוסטן, אויסגעפּאַרעמטע קליבעס און די לאַנגע היפטן האָבן גערייצט זיין תאווה. ווען זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע שוואַרצע ווי אויפגעריסענע אויגן פול חן און בושה האָט ער פאַרלוירן זיין מענער־זיכערקייט. ווען זיי האָבן זיך געטראָפן ביחידות האָט דער יצר אין אים אַ ברויז געטאָן — ער האָט איינגעפּרעסט זיינע פליישיקע ליפּן אין איר ווייכן האַלדז אָדער ברוסטן, מיט תאווה גענאָגט איר לייב ביז ער האָט דערפילט די זיסע וואַרעמקייט פון איר בלוט. יעדעס מאָל ווען ער איז צו איר צוגעפאַלן איז זי שטיין געבליבן אַן אומבאַהאָלפענע פון גליק. זי איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן, געאָטעמט שווער און אירע בלוטן האָבן געברויזט פון תאווה.

צווישן מענטשן האָט זי געשוויגן. זי האָט פאַר זיי אויסבאַהאַלטן איר גליק פון פחד זיי זאָלן עס איר נישט צעשטערן. ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען דעם שכן האָט זי מיט צער אַריבערגעקוקט איבער זיין פּלויט. די שכנים פון איבערן פּלויט האָבן זי געשראָקן. אָבער דאָס גליק האָט אין איר געזונגען. זי איז געווען פריילעך און באַוועגלעך. איר קערפּער איז איצט געווען פול און עלאַסטיש. פון יעדער איר באַוועגונג האָט געשטראַלט אַ רייפער ווייבלעכער חן. אירע גרויסע, שוואַרצע מאַנדל־אויגן האָבן געגלימערט.

אויך אילן איז נאָך שטאַרקער און מעכטיקער געוואָרן, זיך צעוואַקסן ווי אַ צעבליטער בוים. זיין צעשויבערטע טשופּרינע איז נאָך געדיכטער געוואָרן, זיין וואָנסע שטייפער. זיין לענגלעך פליישיק פּנים איז געוואָרן ערנסטער. פון זיין יעדער באַוועגונג האָט געשטראַלט דער כוח.

אויך ער האָט געשוויגן, זיך געהיטן. צווישן אים און שלומיתן, און זייער גליק, איז געשטאַנען רינה. דערפאַר איז יעדער זיין טריט געווען אַן אויסגערעכנטער. ער האָט זיך געהיטן ער זאָל זיך מיט רינהן נישט טרעפן און זיך אַפילו דערווייטערט פון זיינע נאָענטע חברים. זיין יעדע פרייע מינוט האָט ער געווידמעט שלומיתן.

אָבער די מענטשן אין דאָרף האָבן אים נאָכגעקוקט. יונג און אַלט האָבן זיך אינטערעסירט מיט אילנען און זיין משפּחה. אַלע אין דאָרף האָבן געוווּסט וועגן דעם דויערנדיקן קריג צווישן די צוויי משפּחות און אויך, אַז נחום מיט חמדהן האָבן באַזוכט צללן. זייער באַזוך האָט אויפגעטרייסלט די געמיטער פון די איינגעזעסענע משפּחות אין דאָרף.

די מענטשן האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי מחנות. איינע האָט באַ־

רעכטיקט נחומען, די צווייטע יעקבן. אַ טייל האָט באַשולדיקטביידן. צוליב עטלעכע ביימער צעשטערט מען דאָס גליק פון אייגענע קינדער — האָבן זיי געטענהט.

מענטשן וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען די הייזער פון די צוויי צעקריגטע משפחות האָבן אַריינגעקוקט אין זייערע פענצטער. אין ביידע הייזער איז געווען שטיל. אויך די מענטשן האָבן געשוויגן. די שטילקייט ביי נחומען אין הויז איז געווען פון פרייד, אין הויז ביי יעקבן איז זי געווען פון כעס און צעשוווּמענער האָפענונג.

די מענטשן אין דאָרף האָבן דאָס געזען און אויך געשוויגן. ווען זיי האָבן געזען רינהן פון ווייטנס האָבן זיי זיך באַהאַלטן הינטער אַ ראָג הויז אָדער הינטער אַ בוים. זיי האָבן נישט געקענט זען איר פּנים.

אויך די יוגנט האָט פאַרעקשנט געשוויגן, נישט געוואָלט זיך אַריינמישן, נישט געוואָלט זיין אַ צד. רינה און אילן זענען חברים. זיי זענען צוזאַמען מיט זיי אויפגעוואַקסן אויף די פעלדער פון הדסים.

אין איינעם פון די אָוונטן, ווען חמדה האָט מיט אַ פולן קויש זיך אומגע־קערט פון קאַנסום־הויז און געהערט ווי פרויען רעדן: — די פרענקיניע בליט, האָט זי אויפגעציטערט. צוויי ווייבער זענען איר אַנטקעגנגעקומען. זיי זענען זי פאַרבייגעגאַנגען און נישט באַמערקט, זי האָט אויך געהערט ווי איינע פון די פרויען זאָגט: — רינה וועט דאָס נישט אויסהאַלטן.

חמדה האָט אַ זיפץ געטאָן. אַ טרויעריקע האָט זי שטאַרקער פאַרדריקט דעם קויש אין האַנט און שנעל געגאַנגען אַהיים. אין וועג האָט זי זיך אויך אָנגעע־טראָפן אויף דריי ווייבער וואָס זענען געשטאַנען אויף צעשטעלטע פיס מיט אַרויסשטאַרנדיקע בייכער און זשעסטיקולירט מיט די הענט. זי האָט נאָר געזען זייערע פּלייצעס און געהערט ווי איינע זאָגט: — הלוואי זאָל גוט זיין! חמדהס געדיכטע ברעמען האָבן זיך צונויפגעצויגן און זי האָט פאַרביסן די ליפּן.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. אַ מילד באַרג־ווינטל האָט לייכט גע־גלעט חמדהס פּנים. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די אויגן געמאָסטן אירע טריט, דערביי טראַכטנדיק וועגן אירע קינדער און אויך וועגן רינהן. לעצטנס איז זי געווען אומרויִק. זי האָט זיך צוגעוווינט צו שלומיתן אָבער באַדויערט רינהן. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטע, געשוויגן און איר מוטער־געפיל האָט געצאַפּלט. זי האָט געלעבט אין פּחד, אַז עפּעס אויס־טערלישעס וועט געשען.

זי איז אַריין אין שטוב, האָט אַוועקגעשטעלט דעם פולן קויש אויפן פּאָל און זיך אַרומגעקוקט. אַלץ איז געווען כשורה. נחום איז געזעסן ביים טיש און אַריינגעשריבן ציפערן אין העפט. נורית — איר טאָכטער — האָט זיך געשפּילט מיט אַ ליאַלקע.

— געגוג זיך געשפּילט! שוין נאַכט! — האָט זי זיך געוואָנדן צו נוריתן. דער קליינערס גרויסע אויגן האָבן זי אָנגעקוקט און באַלד צונויפגענומען אירע

שפּילצייגן. אויך נורית האָט לעצטנס זיך געפּילט עלנט. אירע עלטערן האָבן איצט צו איר נישט געשמייכלט.

נחום און חמדה זענען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט. זיי האָבן געוווּסט, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט דער ענין זיך אָנטשיידן. זיי האָבן אויסגעמיטן זיך טרעפן מיט מענטשן פון דאָרף. זיי זענען געגאַנגען ביי די ווענט, זיך געהיטן זיי זאָלן זיך נישט טרעפן מיט די שכנים פון איבערן פּלויט. מענטשן וועלכע האָבן זיי באַגעגנט האָבן זיי באַגריסט מיט „שלום" און געגאַנגען ווייטער. זיי האָבן זיך געהיטן, נישט געוואָלט זיין ביי די מענטשן אין די מיילער.

אויך צלל איז ביז איצט נאָך נישט געווען ביי זיי אין שטוב. באַלד נאָך זייער באַזוך ביי צללן האָט חמדה געזאָגט אילנען ער זאָל צווויסן טאָן שלומיתן, אַז דער צונויפטרעף מיט די עלטערן ווערט אָפּגעלייגט. זי האָט מורא געהאַט פאַר יעקב דעם שכנס האַנדלען. זי האָט דורך שלומיתן איבערגעגעבן כסדר גרוסן פאַר די עלטערן.

איין טאָג, דינסטיק אין דער פרי איז נחום געקומען צום אייער־שפּייכלער. עטלעכע יידן האָבן דאָ שוין געוואַרט. נחום האָט זיין ווייסן אייזל, וואָס איז געווען געשפּאַנט אין אַ וועגעלע מיט צוויי רעדלעך, אָנגעלאָדנט מיט קאַסטנס אייער, אַוועקגעפירט אין אַ זייט און איז שטיין געבליבן מיט אַראָפּ־געלאָזטע הענט. ער האָט נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט די מענטשן וועלכע האָבן געוואַרט, כדי נישט מוזן מיט זיי רעדן. ער האָט אַראָפּגערוקט זיך דאָס היטל ביז די אויגן און מיטן וואַנדל אין האַנט, מיט וועלכן ער האָט אָנגעטריבן דעם אייזל, זיך אָנגעלעגנט אויף די קאַסטנס מיט אייער. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און באַטראַכט ר' אשרן פּנחס טאַטע, אַ דאַרער ייד מיט טרוקענער הויט, און אַ קורץ צוגעשוירן בערדל וואָס האָט קוים צוגעדעקט זיין שפּיץ גאָמבע. דאָס בערדל האָט אויסגעזען ווי עס זאָל זיין צוגעקלעפּט צו דער גאָמבע. זיינע באַוועגונגען זענען שוין געווען פאַמעלעכע און שווערע.

נחום איז מיד געוואָרן. ער האָט פאַררויכערט אַ סיגאַר, זיך פאַרצויגן מיטן רויך און געשפּאַנט הין און צוריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט נאָר פון צייט צו צייט אַ קוק געטאָן פון דער זייט צי דער אייזל אַנטלויפט נישט.

— נחום, איצט איז דיין ריי! — האָט ר' אשר אים גערופן מיט אַ היזע־ריק קול.

אין דעם מאָמענט האָט נחום באַשלאָסן וואָס ער וועט טאָן.

דעם גאַנצן טאָג איז נחום געווען פאַרהאָרעוועט אין שטאַל, אָבער אין אָוונט, נאָך דעם געמעלק, איז ער נישט אַריין אין שטוב. ער האָט נאָר אָפּגע־רייניקט זיינע שיך פון מיסט און אין די אַרבעטס־בגדים אַוועק צו אֶלימלכן.

ער האָט אָנגעקלאַפּט און געעפנט די טיר. די ליכטשיין האָט אים אַ בלענד געטאָן די אויגן. ער איז שטיין געבליבן.

אלימלך, אַ מיטלוווקסיקער, ברייטביייניקער ייד מיט אַ רויט פּנים צוליב וואָס מען האָט אים גערופן „דער רויטער" איז געזעסן אויף אַ בענקל ביי דער

וואַנט אין אַ צעכראַסטעטע העמד, די הויזן אַראָפּגערוקט און גערוט. איינזע־ענדיק נחומען האָט ער אַ צופרידענער אַרויסגערופן: — או או האָ ר׳ נחום! ער האָט אים צוגערוקט אַ בענקל און געזאָגט: — זיץ!

נחום האָט זיך אַוועקגעזעצט און שווער אָפּגעאָטעמט. ערשט איצט האָט ער דערפילט זיין מידקייט נאָך אַ טאָג אַרבעט.

— וואָס האָט דיך געבראַנגט צו מיר אין שטוב? — האָט אלימלך אים געפרעגט. זיי ביידע זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן געפלאַנצט זייערע פּרדסים אין הדסים מיט יאָרן צוריק.

נחום האָט זיך אַרומגעקוקט ווי עס הערט ווער נישט און אים געענטפערט:
— איך וועל מיט דיר רעדן דוגרי. ר׳ אשר קרעכצט שוין בשעת דער אַרבעט.

אלימלך האָט פאַרזשמורעט די אויגן און מיט אַ שאַרפן בליק זיך איינגע־קוקט אין נחומען.

נחום האָט אַוועקגעדרייט זיין קאָפּ אין אַ זייט און צוגעגעבן: — ער נויטיקט זיך אין הילף.

אלימלך האָט איבערגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס און נייגעריק אים אָנגעקוקט. נחום האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים און אייליק געזאָגט: — מען דאַרף אין זיין הויז אַריינזעצן צללן, אַ בכבודיקער ייד.

אלימלך האָט צונויפגעצויגן זיינע פליישיקע ליפּן און דערשטוינט אים אָנגעקוקט. ביידע מענער, פון וועלכע עס האָט געשפּאָרט דער אַרבעטס־כוח, האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— וואָס וועלן די מענטשן זאָגן? — האָט אלימלך געפרעגט.

נחום האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן. זיין נאָז איז געוואָרן שפּיציק און מיט אַ הייזעריק קול פון כעס געענטפערט: — מיינע עינים באַשטים איך!

אלימלך האָט אויסגעצויגן די פיס, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן בענקל־אָנלען און אים אָנגעקוקט. נחומס פּנים איז שוואַרץ געוואָרן פון כעס. אלימלך האָט אים געוואָלט איבערבעטן. ער האָט אָפּגעהוסט און שטיל אים געפרעגט: — ווער קען צללן?

נחום האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן בליק. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס ער מיינט אָבער מיט אַ מאָל האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ זעץ געטאָן זיך מיט דער רעכטער האַנט אינעם ברוסטקאַסטן און געשריגן:
— איך גיב גאַראַנטיע!

אלימלך האָט פאַרזשמורעט איין אויג און אים אָנגעקוקט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַ קלאַפּ געטאָן נחומען איבערן אַקסל און געזאָגט: — מיר וועלן שוין זען. ער האָט געשטעלט אַ טריט, אים אָנגענומען ביים אָרעם און געזאָגט: — קום! איך גיי פאַרמאַכן די שטאַל און אים אַרויסגעפירט פון שטוב.

# יב

צומאָרגנס האָבן אַלע אין דאָרף געוווּסט, אַז נחום איז געווען ביי אלימלכן. אלימלך אַליין האָט דערציילט דאָס נייעס. דעם ערשטן האָט ער דערציילט דבן, זיין שכן, אַ נידעריקן, דיקן ייד. ער האָט געוואָלט די מענטשן זאָלן זיך געוווינען מיט דעם געדאַנק. די מענטשן אין דאָרף האָבן געשוויגן. אָבער ווער עס האָט געטראָפן נחומען האָט אים געזאָגט אַ טרוקענעם „שלום" און נישט געקוקט אים אין פּנים אַריין.

יעקב, רינהס פאָטער האָט געפלאַמט פון כעס. פון אויפרעגונג האָט אים געציטערט דאָס לעפל אויפן רעכטן אויג. זיינע דינע איצט ווייסע פאַרטריקנטע ליפּן זענען געווען צונויפגעפּרעסט. ער האָט געשוויגן אָבער די פאַרביטערונג האָט אים געגעסן. יעקב, אַ זון פון אַ דיין האָט נאָך היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט געדענקט אַ סוגיא תלמוד. ער האָט נחומען נישט געשעצט. אים האָט אָבער געקרענקט וואָס נחום, אַ זון פון אַ בהמה־סוחר באַציט זיך צו אים מיט ביטול. דער רוגז צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן אינעם טאָג אין וועלכן זיי זענען געוואָרן שכנים. אָבער זיין ברוינלעכע ערד, וואָס איז כסדר פעטער געוואָרן און זייער בשותּפותע, שיפּע ערד־גרענעץ, האָט פאַרטיפט די שנאה צווישן זיי.

יעקב מיטן ווייב האָבן געליטן און געשוויגן. זיי האָבן נישט געוואָלט מענטשן זאָלן זיי זען אין זייער טרויער. אָבער די פּיין זייערע האָט אויף זיי געווירקט. פון פאַרדראָס צו די מענטשן און צו זיך האָבן מאַן און ווייב אויך צווישן זיך ווייניק גערעדט. פון צער האָט זי פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט. אָפט האָט זי אפילו די דירה נישט צוגערוימט. זייערע פענצטער־לאָדנס זענען שטענדיק געווען אַראָפּגעלאָזט. אין זייערע חדרים איז געווען טונקל. אורי, זייער זון האָט געאַרבעט אין פּרדס. דער מאָרגן האָט נאָך געגרויט ווען ער איז אַוועק צו דער אַרבעט און שפּעט אין אָוונט געקומען אין שטוב. נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך אַרומגעוואַשן, אייליק אָפּגעגעסן און געגאַנגען שלאָפן.

יעקב האָט געזען ווי זיין משפּחה גייט צו גרונט אָבער ער האָט עקשנותדיק געשוויגן. ער האָט נישט געוואָלט זיין ווייב און קינדער זאָלן אים זען אין זיין צער. זיינע אויסגעטריקנטע ליפּן זענען געווען פאַרביסן. אין זיינע מויל־ווינקלען זענען געווען איינגעשניטן טיפע פאַלדן. גייענדיק האָט ער זיך געצופּט די וואָנסע און זיך באַמיט ער זאָל זיך נישט טרעפן מיט נחומען. חמדה איז געגאַנגען גאולהן פון וועג פון מיטלייד.

אָבער אין אַ נאָכמיטאָג האָבן די צוויי פרויען זיך געטראָפן. חמדה איז אַראָפּגעגאַנגען פון אויטאָ. זי איז געווען אין שטאָט און געקויפט אַרבעטס־הויזן פאַר די מענער. גאולה אַ באַלאָדנטע מיט אַ קויש האָט זיך אומגעקערט פון קאָנסום־הויז. ווען זיי האָבן זיך געטראָפן זענען זיי שטיין געבליבן. ביידע האָבן געפלאַמט פון אויפרעגונג און שווער געאָטעמט. גאולהס אויגן האָבן

געגליט פון כעס און זי האָט מיט שנאה געקוקט אויף חמדהן. חמדה איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט איבערן בויך ווי אַ שולדיקע. ביידע האָבן געשוויגן.

מיט אַ מאָל האָט גאולה אַ צעכעסטע אויפגעהויבן אירע אַקסלען. אירע ברוסטן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן און זי האָט אַ קרעכץ געטאָן: — אוי! אָבער אין זעלבן מאָמענט האָט זי אַ שפּיי געטאָן חמדהן פאַר די פיס און איז אַוועק פון איר.

חמדה איז שטיין געבליבן אַ דערשיטערטע, ווי צוגעוואַקסן צום אָרט. אַ גרויסע טרער האָט זיך אַרויסגעקייקלט פון אירס אַן אויג. אַ פאַרשעמטע האָט זי זיך אַרומגעקוקט. זעענדיק, אַז קיינער איז נישטאָ האָט זי גענומען גיין און זיך געוואַקלט ווי אַ שיכורטע.

נאָך מער פון אַלע האָט געליטן רינה. אילנס ברייטביינ̈יקע געשטאַלט, זיין שאָטן האָט זי אומעטום באַגלייט. זיינע גליִענדיקע שוואַרצע אויגן האָבן אויף איר געקוקט. זי האָט מיט אירע חושים געפילט די געדיכטקייט פון זיין וואָנסע, כאָטש זי האָט לאַנג שוין מיט אים זיך נישט געהאַט געטראָפן.

פון צער און בענקשאַפט האָט זי געדאַרט. איר פנים איז געוואָרן אויסגעצויגן. אירע באַקן איינגעפאַלן. איר נאָז איז געוואָרן שפּיציק. איר גלאַטער אַמאָל האַלדז איז איצט פאַרדאַרט און באַצויגן מיט אָדערן. אירע אויגן זענען אויסגעלאָשן, אָבער זיי האָבן כסדר געזוכט אילנען. זי איז שעהען געשטאַנען אַ פאַררוקטע אונטער אַ צעצווייגטן בוים אָדער אַ ראָג פון אַ געביידע און געוואַרט — אפשר וועט ער קומען. אָבער ווען זי האָט דערהערט פוסטריט אָדער אַ סקריפּ פון אַ געעפנטער טיר איז זי אַוועקגעלאָפן. זי האָט געליטן, אָבער איר שטאָלץ האָט איר נישט דערלויבט, אילן זאָל זיך דערוויסן, אַז זי קוקט אים אויס.

די נעכט זענען ביי איר געווען ווי די טעג. זעלטן ווען זי איז אַדורכגעשלאָפן די נאַכט. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און באַגערט זיינע גליִענדיקע אויגן זאָלן אויף איר אַ קוק טאָן. אָבער זי האָט נאָר געפילט די לאַסט פון דער פינצטערקייט. זי איז אַזוי אָפּגעלעגן שעהען אַ פאַרמאַטערטע, פאַרייאושטיקע, ביז זי האָט דערפילט אַ רויש אין קאָפּ און אַ געהעמער אין די אויערן און דערזען שלומיתן נעבן אילנען. זי האָט אויפגעציטערט און מיט כעס פאַרקריצט די ציין. אָבער אירע מידע אויגן האָבן געקוקט, באַטראַכט שלומיתעס יעדן אבר. זי האָט געמאָסטן איר שלאַנקייט, די הויך פון אירע פיס און היפּטן און די שטייפקייט פון אירע ברוסטן. זי האָט שלומיתן אַזוי לאַנג באַטראַכט ביז זי איז געבליבן ליגן מאַכטלאָז. נאָך אַזאַ נאַכט, ווי נאָר דער טאָג האָט גענומען גרויען איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און מיט אימפּעט צו צום שפּיגל אין דער שאַנק. מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי פון זיך אַראָפּגעריסן ס׳העמד און שטיין געבליבן אַ נאַקעטע. אירע אויפגעריסענע פון וואַנזין אויגן האָבן באַטראַכט איר נאַקעטן קערפּער. אַ

דערשעפּטע און פאַרצווייפלטע האָט זי זיך באַטראַכט אין שפּיגל און איבער איר אויסגעקרימט פּנים זענען געראָנען טרערן. איר פּיין און פאַרצווייפלונג האָבן נישט געהאַט קיין סוף.

איר לעבן איז געווען הוילע פּחד. זי האָט זיך געשראָקן פאַר מענטשן. זי האָט געהאַסט שלומיתן. ווען זי האָט שלומיתן נאָר באַמערקט פון ווייטנס איז פון כעס איר פּנים שוואַרץ געוואָרן. אירע ציין האָבן געקלאַפּט פון אימה און זי איז אַוועקגעלאָפן ווו אַהין די אויגן האָבן זי געפירט. זי האָט נישט געוואָלט זיך מיט איר טרעפן ווייל זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט זי באַפאַלן און וועלן דערשטיקן. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר מענטשן און געשאָלטן איר טאָג. אַ פאַרצווייפלטע האָט זי געביילט די פויסטן און גערעדט צו זיך: — פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג ווען כ׳בין געבוירן געוואָרן.

אפילו די טאָג־ליכט איז געווען פאַר איר אַ לאַסט. אָפּגעאָטעמט האָט זי ערשט אין בין־השמשות. זי האָט אויך אויפגעהערט קומען אין שטוב, געבליבן נעכטיקן אין קינדער־גאָרטן. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון די מענטשן און פון לעבן. זי האָט נישט רעאַגירט אויף געשעענישן. זי האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו אַלץ. איר איינציקע פאַרבינדונג מיט דעם לעבן זענען געווען די קינדער אין קינדער־גאָרטן. אין דער פרי, ווען די מאַמעס האָבן געברענגט זייערע קינדער אין קינדער־גאָרטן און זי באַגריסט מיט אַ האַרציקן „שלום״ און געגלעט אירע הענט פון דאַנקבאַרקייט, איז איר פאַרצאַרנט פּנים מילדער געוואָרן. נאָר אַ געוויין פון אַ באַעוולט קינד אָדער אַ געלעכטער פון אַ צעשפּילט קינד האָבן דערוועקט אין איר אינטערעס און זי האָט דערויף רעאַגירט.

זי האָט די קינדער געפּיעשטשעט מיט צאַרטער מוטערלעכקייט און געגלעט זייערע קעפּלעך מיט אירע דאַרע הענט. זי האָט זיי געקושט און געהאַלדזט און באַשאָנקען מיט ליבע — ליבע וואָס באַעוולט זי. אין די אָוונטן ווען די קינדער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים איז איר פּנים געוואָרן פאַרשטייפט — אַ מאַסקע. זי איז ווידער געבליבן עלנט וואָס איז געווען איר תהום.

אורי איר ברודער איז אָפּט אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט געקומען זען וואָס זי מאַכט. ער איז כמעט שטענדיק שטיין געבליבן אויף דער שוועל, איר געזאָגט „שלום״ און זי געפרעגט: — וואָס מאַכסטו? זי האָט גלייכגילטיק אים געענטפערט „שלום״ און פון בושה אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אורי האָט זי אָנגעקוקט ווי זי זעט אויס, איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, נאָכאַמאָל געזאָגט „שלום״ און איז צוריק אַוועק.

געליטן צוזאַמען מיט רינהן האָט גילה. זי, די עלנטע פרוי, האָט נישט געקענט צוזען רינהס צער. אירע האָר זענען געוואָרן ווייס און האָבן געשימערט ווי זילבער. אירע אויגן זענען געווען מאַט, די אַקסלען אַראָפּגעלאָזט ווי אַט, אַט פאַלט זי אום. אָבער זי האָט אויסגעהאַלטן און געזוכט וועגן ווי צו פאַר־גרינגערן רינהס ליידן. זי די עלנטע פרוי האָט זיך צו איר צוגעבונדן ווי צו

אַ טאָכטער. אירע אויגן האָבן געטערערט ווען זי האָט געזען ווי רינה באַהאַלט זיך אונטער דעם פאָרהאַנג מען זאָל זי נישט זען. רינה איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און אויסגעגלאָצטע אויגן און אויסגעקוקט אילנען. גילה האָט זיך באַמיט איר פאַרגרינגערן דאָס געמיט. זי האָט איר צוגעגרייט מאַכלים וואָס זי האָט גערן געהאַט: געדעמפּט פלייש אָנגעריבן מיט קנאָבל, אַ גרינעם סאַלאַט מיט אַ רויט פעפערל און פאָר איר געפּרעגלט קאַרטאָפל־לאַטקעס. זי האָט געוואָלט שטאַרקן איר אויסגעמאַטערטן קערפּער. רינה האָט בלויז פאַרזוכט די מאכלים וואָס גילה האָט איר צוגעגרייט. זי האָט נישט געקענט שלינגען. זי האָט נאָר געטרונקען אַ סך שוואַרצע קאַווע וואָס זי אַליין האָט זיך צוגעגרייט און פון איין קאַווע ביז דער צווייטער געקייעט מאַסטיק.

גרישאַ וואָס איז איצט כסדר געווען בגילופין האָט זיך געשלייכט אַרום די צוויי פרויען. פון זינט גוסטאַ האָט אין געהיים פאַרלאָזט די מעברה אָן אים צו זאָגן אַ „זיי געזונט", איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער און נישט געפונען זיך קיין אָרט צווישן מענטשן. דאָס איינציקע אָרט וווהין ער איז געקומען איז געווען גילהס שטוב. נאָר ביי איר אינעם קליינעם צימערל האָט ער געפילט מענטשלעכע און משפחהדיקע וואַרעמקייט. זי איינע האָט ער געשעצט. איר מאַטער, מוטערלעכער בליק האָט אים באַרויִקט. ווען זי האָט אים צוגעטראָגן אַ גלעזל טיי האָט ער פון דאַנקבאַרקייט געקושט אירע אויסגעדאַרטע הענט.

גרישאַ איז געווען דער איינציקער מענטש פון וועלכן רינה איז נישט אַנטלאָפן ווי פון אַנדערע מענטשן. ווען ער איז אַריין אין שטוב און זיי געזאָגט „שלום" ווי אַ שולדיקער, האָט רינה אים געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. נאָר ווען גילה מיט גרישען האָבן זיך פונאַנדערגערעדט האָט רינה זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ טאַבאָרעט אין ווינקל, מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען און אירע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן געקוקט ווי זי זאָל חלומען און הערן זייער שמועס. ווען גרישאַ האָט פאַרפּרעסט זיינע ליפּן אין וועלכע עס האָט געשטעקט אַן אויסגעלאָשענע סיגאַר און זי אָנגעקוקט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן, האָט זי אַ באַאומרויִקטע פון זיינע בליקן אַ צאַפּל געטאָן ווי זי זאָל זיך האָבן אויפגעכאַפּט פון אירע חלומות. זי איז אויפגעשטאַנען און אייליק אַרויס פון צימער.

# יג

ביי רינהן אין דער משפחה זענען אַלע געווען דערשלאָגן און נערוועז. אַ גאַנצע וואָך זענען זיי געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט. יעדער האָט געטאָן זיין אַרבעט און נישט געהאַט קיין צייט צו רעדן אָבער אין די שבתים ווען אַלע זענען זיך צוזאַמענגעקומען איז זייער שבת־רו געווען אַן אָפּקומעניש. אויך דעם לעצטן שבת זענען די לאַדנס ביי יעקבן אין שטוב געווען אַראָפּגעלאָזט ווי שטענדיק.

אין די חדרים איז געווען טונקל. אויפן מעבל איז געלעגן אַ שיכט שטויב. נעכטן, פרייטאָג נאָך דער אַרבעט איז רינה נישט געקומען אַהיים אויפראַמען די דירה לכבוד שבת. זי איז אַוועק אין די פעלדער טרוימען און זיך באַדויערן. אויך די מוטער האָט נישט אויפגערוימט די חדרים. שבת פאַרמיטאָג האָט יעדער פון זיי זיך אָפּגעזונדערט, געבליבן מיט זיך.

זיי זענען נאָר אַרויסגעגאַנגען אין הויף, צוגעגאַנגען צו דער שטאַל און צו די שטייגן און צוריק אַריין אין שטוב. די פעלן פון די ווייס־שוואַרצע געפלעקטע קי האָבן געגלאַנצט. זיי האָבן אויסגעשטרעקט זייערע קורצע, פליישיקע העלדזער און געוואָרפן מיט די ווידלען — אַוועקגעיאָגט די זלידנע פליגן. זייערע פּאַרלאַ־פענע אויגן האָבן גוטמוטיק געקוקט און צופרידענע געמעלה־גירהט. די ווייסע הינער אין דער שטייג האָבן אונטערגעצויגן אַ פיסל, באַהאַלטן דאָס קעפל צווישן די פליגל און דרימלענדיק געקוואָקעט: — קוואָ־קוואָ.

אויך דעם מיטאָג האָבן זיי שבת געגעסן אין קיך. גאולה האָט דערלאַנגט צום טיש און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. די מענער און זי אַליין האָבן געגעסן און געשוויגן. מען האָט נאָר געהערט דעם שאַרף פונעם שלינגען און דעם קלאַנג פון די גאָפּל־מעסער. אַן אַנגעזאָמלטער כעס אויף דער גאַנצער וועלט האָט אויסגעפילט דעם רום אין שטוב. רינה האָט מיט זיי נישט געגעסן. זי איז געלעגן אַן איינגעקאָרטשעטע אויף דער סאָפע אין צווייטן צימער, אַן אומרויִקע. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי הערט טריט וואָס דערנענטערן זיך אָבער, אַז די טיר האָט זיך נישט געעפנט, איז זי אַן אויפגערעגטע פון מאָל צו מאָל אַרויס פאַר דער טיר און געקוקט ווי זי זאָל אויף וועמען וואַרטן. אין דרויסן איז געווען שטיל ווי שבת אין אַ דאָרף. זי האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט. זי האָט זיך געשלייכט הין און צוריק פון דער סאָפע צו דער טיר ווי אַ פרעמדע אין שטוב. איר איז געווען טרוקן אין מויל. אירע אויגן האָבן געוויינט. זי האָט אַן ווערטער געפרעגט ווו געפינט זיך איצט אילן? אוודאי ביי שלומיתן...
— האָט זי זיך געענטפערט אין געדאַנק.

עס איז געוואָרן פינצטער. די לופט דעמפּיק. די עלטערן זענען אַוועק צו זיך אין צימער שלאָפן. רינה איז אַרויס אין דרויסן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צי עס זעט זי ווער. זי איז געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענע, געביסן די ליפּן און געקנייטשט דעם שטערן. מיטאַמאָל האָט זי גענומען גיין מיט די פעלד־שטעגן הינטערן דאָרף. זי איז געגאַנגען, געשלעפּט די פיס מיטן קאָפּ אַראָפּ ווי זי זאָל קוקן ווו זי גייט. אירע שלייפן האָבן געהעמערט. אירע נערוון זענען געווען אָנגעצויגן. זי האָט געפילט, אַז זי קען מער נישט. זי איז אַוועק צו דער וואַדי.

נאָענט צו דער וואַדי ביי איר קני־אויסבויג, דער גרענעץ פון דאָרף און דער מדינה, איז געווען פריילעך ווי יעדן שבת. דאָ האָט געברויזט דאָס יונגע לעבן. די אונטערגעוואַקסענע אין דער מעברה יוגנט האָבן דאָרט פאַרברענגט. די יונגע, צעיאַכמערטע יוגנט איז געגאַנגען אַ קאַראַהאַד. שווערע פיס־טאַמפּעס

האָבן שעהענווייז שוין געהאַקט אונטער זיך די אויסגעטריקנטע האַרטע ערד. דריי פאַרשוויצטע בחורים מיט שוואַרצע, צעשויבערטע טשופּרינעס און צעגליטע אויגן האָבן געשפּילט. פריילעכע דעפּקע און האַרא־טענער האָבן געשטראָמט פון אַן עוד (מין מאַנדאָלינע). אַ פלייט און פּויק האָבן פאַרהילכט די סביבה. די צעיאַכמערטע און צעברויזטע יוגנט האָט געטאַנצט אין פאַרלעך, הענט זענען געלעגן פאַרוואָרפן איבער אַקסלען און אַרומגענומען טאַליעס. אַלע האָבן געטאַנצט. דער אָפּהילך פון דער צעהוליעטער יוגנט האָט זיך געטראָגן איבער מרחקים.

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פון אַן איבעררעאַשט מיידל: — רינה גייט!

דער טאַנצנדיקער קאַראַהאָד האָט זיך פאַרהאַלטן. די צעיאַכמערטע, צע־ברויזטע לייבער האָבן איבערגעריסן דעם טאַנץ. רינה איז געקומען פון דער זייט פון דאָרף. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, זיך ווי איבערגעלייגט וואָס זי טוט און אַ פאַרשעמטע זיך אַרומגעקוקט איבער דער סביבה. זי איז געווען עלטער פון זיי און אַ טאָכטער פון דאָרף און נישט פון דער מעברה ווי זיי.

ווי נאָר זיי האָבן זי דערזען גיין זענען זיי צו איר צוגעלאָפן, זי אַרומגערינגלט און באַגריסט אין אַ כאָר: — גוט וואָס ביסט געקומען! עס איז היימלעך! אַלע זענען געווען פאַרשוויצט און שווער געאָטעמט.

ניסים, אַ גרויסער בחור מיט אַ שוואַרצער, געקרייזלטער טשופּרינע און גליִענדיקע אויגן, האָט אפילו זי געפרעגט: — וואָס מאַכסטו? — און אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ. אַלע זענען געוואָרן איבעררעאַשט פון זיין חוצפּה.

אסתר, אַ שוואַרצע, געזונטע בחורה, האָט אויסגעשפּרייט עטלעכע סוועטערס אַרום דער שוין האַלב־ליידיקער שיסל מיט יאַדערן און איר געזאָגט: — זיץ! רינה איז געווען קרעמפּירט אָבער זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און געשוויגן.

די צעיאַכמערטע צעפלאַמטע געמיטער האָבן גערוט. זיי האָבן פון זיך געווישט דעם שוויס און צוגעגלעט זייערע האָר. זיי זענען געשטאַנען אויף פונאַנדערגעשטעלטע פיס, מסדר געווען אויף זיך די מלבושים און פון דער זייט באַטראַכט רינהן. רינה האָט אויסגעצויגן די פיס און באַטראַכט די יוגנט. אָן צו טראַכטן וואָס זי טוט האָט זי גענומען קנאַקן יאָדערן פון דער שיסל אַרויס.

מיט אַ מאָל האָט אברהם, אַ שוואַרצלעכער בחור מיט אַ געדיכטער טשופּרינע און פלאַמענדיקע אויגן אויסגעשטרעקט זיינע הענט און אַ שריי געטאָן: — חברה גענוג! איצט פריילעך! ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף מלכהס אַקסלען, אַ שוואַרצע, אַ ביסל געשטופּלטע בחורה און מיט איר אַוועק אַ האָראַ.

אין מאָמענט איז אַנטשטאַנען אַ געשלאָסענער קרייז, וואָס האָט זיך געוויגט ריטמיש פון אַ זייט אויף אַ זייט ווי אויסגעשטאַנענע תבואה אין פעלד, און הילכיק געזונגען: — „מי יבנה הגליל" וואָס האָט פאַרהילכט די סביבה. אַ טרוקענער שטויב האָט פאַרשלייערט זייער התלהבות. די יוגנטפרייד האָט

פאַרהילכט. דאָס הילכיקע, פריילעכע געזאַנג האָט דערגרייכט ביז די פעלדזן־בערג וואָס האָבן צעטראָגן דעם אָפּהילך איבער דער סביבה.

רינה איז געזעסן מיט אויסגעשטרעקטע פיס און אַ געבוקטע באַטראַכט דעם צעטאַנצטן מענטשן־קרייז. זי האָט געזשמורעט די אויגן, געביסן די ליפּן און אירע פינגער האָבן געציפּט די פאַרטריקנטע גרעזעלעך. אין איר מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט אָפּגעהאַקטע געדאַנקען: „זיי טאַנצן און איך פייניק זיך, איך בין כמעט אין זייער עלטער און קען זיך נישט פרייען".

זיי האָבן נישט באַמערקט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן. די פינצטער איז אַראָפּ פון די בערג. פריילעכע, צונויפגעפּלאָנטענע טענער „דוד מלך ישראל חי וקיים" האָבן זיך געטראָגן אין דער פינצטער פון דער נאַכט.

פּלוצים, ווי די ערד זאָל זיך האָבן געשפּאָלטן האָט אַ פייער־בלענד דורכגעריסן די פינצטערניש. אַן אויפרייס האָט אַנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק און איבערגעריסן די פרייד. אַ בראַנדגעשטאַנק און אַ יאָמער פון ווייטיק איז אַרייַנגעדרונגען אין דער פינצטערניש.

אַלע זענען צעטומלט געוואָרן. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט פּאַסירט. נאָר ישראל דער לאַנגער (ווי מען האָט אים גערופן) וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט האָט זיך צעשריגן מיט אַ יאָמערלעך, הייזעריק קול: — די שכנים האָבן געוואָרפן אַ גראַנאַט! פאַראַן פאַרווונדעטע! — און מיט אויסגעשטרעקטע הענט אַנגעוויזן דאָס אָרט.

אַ רציחה־אימה האָט אַ שווער געטאָן איבער דער ביז נישט לאַנג צעהוליעטער יוגנט־מחנה. די דערשראָקענע פון אימה יוגנט איז צוגעלאָפן צו ישראלן. דערהערנדיק דאָס קרעכצן פון די פאַרווונדעטע זענען זיי געבליבן שטיין ווי אַריינגעוואַקסן אין דער ערד. אַן אימה־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע מיילער.

רינה איז געלעגן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און געקרעכצט.

נאָר אסתר, וואָס האָט פריער פאַר רינהן אונטערגעשפּרייט די סוועטערס זי זאָל אויף זיי זיצן האָט אַנידערגעקניט אויף דער ערד. ציטערנדיק פון אימה האָט זי אויפגעהויבן רינהס קאָפּ, אים אַוועקגעלייגט אויף אירע קני און יאָמערלעך זיך צעוויינט. ישראל וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס און געשריגן: איך לויף אין דאָרף אַריין!

די נאַכט־וואַך וואָס האָט פּאַטראָלירט אין דער סביבה איז אָנגעקומען. דריי יידן מיט די ביקסן אין די הענט און צווישן זיי אורי, רינהס ברודער.

אורי האָט שוין פון ווייטנס באַמערקט, אַז רינה איז פאַרווונדעט. אים האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן אָבער ער האָט זיך באַהערשט. ער האָט פאַרקריצט די ציין, איבערגעוואָרפן די ביקס איבער דער פּלייצע. ער האָט אַנידערגעקניט און זיך איבערגעבויגן איבער איר, געפּרוווט איר פּולס און זי גערופן:

— רינה! רינה!

רינה האָט נישט געענטפערט. זי איז געלעגן מיט אַן אָפן מויל, צעריסענעם בויך און פאַרגלייזטע אויגן און אָפּגעגאַנגען אין בלוט.

אורי האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם גורל. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן. זיינע צעגליטע אויגן האָבן געקוקט אין דער פינצטער אַריין ווי זיי זאָלן זוכן. ער האָט געקריצט מיט די ציין ווי ער זאָל מיט זיי קרישלען שטיינער אָבער ער איז געווען אומבאַהאָלפן.

שמואל, אַ הויכער, ברייטבייניקער ייד וואָס האָט געהיטן צוזאַם מיט אורין האָט געזאָגט: — מען דאַרף זי איבערפירן אין דאָרף אַריין!

אורי האָט זיך באַהערשט און זיך געוואָנדן צו עזריאלן, אַ קרעפטיקן, מיטלוווקסיקן ייד וואָס האָט אויך צוזאַמען מיט זיי געהיטן: — גיב מיר די ביקס! — און אַראָפּגענומען זיין ביקס פון זיך. ער האָט די צוויי ביקסן אָוועקגעלייגט פּאַראַלעל אויף דער ערד און אויף זיי רינהן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, געוואָלט הערן איר אָטעם.

רינה האָט שוין נישט געאָטעמט.

אורי האָט איינגעביסן די ליפּן ביז בלוט, מיט דעם אַרבל זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און פאַרביילט די פויסטן. ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און זיך געוואָנדן צו עזריאלן: — העלף מיר טראָגן!

ביידע מענער האָבן אויפגעהויבן די באַלאָדנטע ביקסן מיט דעם טויטן קערפּער. שמואל מיט דעם פינגער אויף דעם צינגל פון דער ביקס און די יוגנט איז זיי נאָכגעגאַנגען שטיל און טרויעריק ווי בשעת אַ לוויה.

די פינצטער האָט פאַרשטאַרקט די אימה. געשטיקט געוויין און קרעכצן האָבן געריסן די פינצטער און זיך צונויפגעגאָסן מיטן וואָיען פון די שאַקאַלן.

# באַרג־ייִדן

# א

נאָך ווייט פון ברעג האָט אויף דער קליינער שיף זיך פונאַנדערגעטראָגן דער שטורעם און זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ כאַאָס. נישט די שיף־מאַנשאַפט און נישט די אינסטרוקטאָרן, וואָס האָבן געפירט די עולים פון קורדיסטאַן האָבן געקענט זיי באַהערשן.

דער טומל און ווירוואַר איז אַנטשטאַנען, ווען די אינסטרוקטאָרן האָבן צו וויסן געטאָן: — „מיר דערנענטערן זיך צו די ברעגן פון ישראל״.

יעדער טאַטע האָט צונויפגעזאַמלט זיין משפחה, די פעק שמאַטעס און די דערעס, פאַרשיידענע צין־ און מעש־כלים און זעק מיט פיתהס. די שיף האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ געשלעג. איבערן דעק זענען געווען פונאַנדערגעוואָרפן כל מיני צעריסענע און אָפּגעטראָגענע לאַטשן, ווייבערישע קאָפּ־טיכלעך, אויף וועלכע עס איז שוין שווער געווען צוליב אַלטקייט אונטערשיידן די פאַרבן. פאַרשיידענע אַרבל פון רעקלעך, קליידער און נאַגאַוויצעס פון הויזן. אויסגעמישט צווישן די שמאַטעס האָבן זיך אויך געוואַלגערט שטיקער טרוקענע פיתהס, ציבעלעס, קעפּלעך קנאָבל און ליידיקע קאָנסערוון־פּושקעס.

אויך דאָס עסן פון קעסל זענען די משפחות שוין נישט געגאַנגען נעמען. אַלע, גרויס און קליין, זענען געווען באַהערשט פון פרייד און שרעק.

די מענער האָבן נישט צוגעטאָן קיין אויג. מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פון איבערראַשונג האָבן זיי נערוועז, פאַרגאַפּט אויסגעקוקט דעם ברעג.

אויך די ווייבער, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר, זענען צעדודערטע געשטאַנען נעבן זייערע מענער. פון איבערראַשונג זענען זייערע פּנימער איצט לענגער געוואָרן. פון שרעק האָבן זיי זיך מער נישט געקעמט. דער קאָלטן פון זייערע לאַנגע האָר איז נאָך שטייפער געוואָרן. פאַר מידקייט האָבן זיי מער נישט פאַרקנעפּלט די קליידער. אַנטבלויזטע ברוסטן זענען פראַנק און פריי אַרויסגעהאַנגען פון זייערע בוזעמס. יאַדערדיקע מאַמע־ברוסטן האָבן נערוועז שנעל פאַרשטופּט אויפגעריסענע מיילער פון קינדער.

די פּנימלעך פון די מידע קינדער זענען געווען אויסגעשמירט פון געוויין. באָבע־זיידע זענען געלעגן פונאַנדערגעלייגט איבער דער דעק, ווי די קופּעס אַלטוואַרג. פון אויפרעגונג האָבן זיי געקרעכצט און זיך פאַרצויגן מיט נאַרגילע־רויך.

ערשט ווען דער רויך פונעם שיפס־קוימען איז שיטערער געוואָרן און די שיף האָט פאַרלאַנגזאַמט איר גאַנג, האָבן די אינסטרוקטאָרן ווידער באַהערשט

די מענטשן־מאַסע אויף דעם דעק. פון אומגעדולד איז יעדער פון זיי געוואָרן ווי איינגעשרומפּן. דער אויסדרוק פון זייערע שטאַרקע אויגן איז נאָך טעמפּער געוואָרן. יעדער איינער האָט מיט זיינע פלייִשיקע ליפּן געמורמלט ווערטער, וואָס זענען קיינעם פון זיי נישט געווען פאַרשטענדלעך: „ישראל, ישראל קדוש תורה! שמע ישראל!"

ווען די שיף איז אַריינגעשוווּמען אין פּאָרט און געבליבן שטיין ביים דאָק, האָט די מענטשן־מאַסע אויפן דעק זיך צונויפגעדריקט ווי אַ סטאַדע. פון איבער־ראַשונג און שטוינונג, וואָס זיי זענען שוין אָנגעקומען קיין ישראל, זענען זיי שטום געוואָרן — נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט.

אָבער דער באַפעל „כאַש" (אויסשטייגן), וואָס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן דעק, האָט די מענטשן אַ באַוועג געטאָן. משפּחהווייז האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג.

דערפילנדיק אונטער די פיס דעם באָדן, האָבן זיי מיט בלאָנדזשענדע אויגן דערשראָקן זיך אַרומגעקוקט איבער דער סביבה. אומבאַהאָלפן האָבן זייערע פיס געטראָטן אויף דער ערד. די ווייבער האָבן זיך באַמיט איינשטילן ס׳געוויין פון זייערע קינדער.

אָבער אויך צו דעם האָבן זיי נישט געהאַט קיין צייט. פרויען אין ווייסע פאַרטעכער האָבן זיי אונטערגעטראָגן עסן, אַ סענדוויטש פון ווייס ברויט באַשמירט מיט מאַרגאַרין און אַ טעפּל הייסע מילך.

זיי האָבן געמוזט עסן שנעל. אויטאָבוסן און לאַסט־אויטאָס זענען כסדר אונטערגעפאָרן נאָך זיי. מענטשן מיט אַנטבלויזטע קעפּ און צעכראַסטשעטע העמדער האָבן אייליק איינגעלאָדנט די פּעק מיט די משפּחות.

דער וועג פון פּאָרט צום „שער עליה" האָט געפירט דורך דער אונטערשטער שטאָט חיפה. די מיד־פאַרמאַטערטע פון דער רייזע עולים זענען געזעסן אין די אויטאָס צונויפגעפּרעסטע און פאַרגאַפט באַטראַכט די סביבה.

זיי האָבן באַטראַכט יעדעס הויז; די געשעפטן און מאַגאַזינען, דעם טומל און רעש פון די אויטאָס און דאָס געאייל פון די פוסגייער. פאַרבלענדט פון אַנטציקונג האָבן זיי כסדר געשריגן: סטאַמבול! סטאַמבול! (שיין, ווי די שטאָט סטאַמבול).

זיי איז אַנטקעגנגעקומען אַ טאַנקער, וואָס האָט באַשפּריצט דעם אַספאַלט. זענען זיי געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער, ווי דערשראָקענע קינדער.

צום נייעם לעבן אין „שער עליה" האָבן זיי זיך שנעל צוגעוווינט. דער לאַגער, וואָס איז פאַר אַ סך פון די עולים געווען אַן אָפּקומעניש, איז גראָד פאַר די עולים פון קורדיסטאַן געווען אַ דערלייזונג.

פאַר זיי איז דאָס שטיין דריי מאָל אַ טאָג אין דער ריי ביים קעסל נאָך עסן נישט געווען שרעקלעך. פאַר זיי, וואָס האָבן כמעט נישט געגעסן צו דער זעט, איז די באַשפּייזונג אין דער מחנה געווען „פרעס". דאָס ברויט מיטן געקעכטס איז זיי נישט

געווען פאַרן גומען. זיי, וואָס זענען געווען געוווינט געווען צו שאַרפע און האַרבע מאכלים, האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט בייטלען זאַלץ און פעפער. מיט די בלעכענע גאָפּל־לעפל, וואָס זיי האָבן באַקומען, אַנקומענדיק אין לאַגער, האָבן זיי זיך קוים געקענט באַנוצן.

די מענער האָבן זיך ווי עס איז געוווינט האַלטן דאָס עס־געצייג מיט דער גאַנצער האַנט, אָבער די ווייבער האָבן ווייטער געגעסן מיט די הענט. נאָך יעדן עסן האָבן זיי געוואַשן און געווישט די כלים און זיי צוריק באַהאַלטן אין די פּעק אַריין, ווי אַ פאַרמעגן.

די נידעריקע, לאַנגע וווין־בלאָקן מיט די צוגעדעקטע בלעכענע דעכער, וואָס האָבן זיך געגליט אין דער זון, זענען פאַר זיי געווען פּאַלאַצן. זיי האָט אויך נישט געשטערט די דעמפּיקייט און די לאַנגע קאַזאַרמע־שטיבער. יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין ווינקל פאַר אַ בעט, פאַר זיין משפחה און פאַר זיין ביסל אָרעמקייט.

אָנקומענדיק אין לאַגער, האָט מען די צוויי און פערציק משפחות, וואָס האָבן געהערט צו די צוויי „חמולות" איינקוואַרטירט אינעם באַראַק נומער זיבעציק. זייערע טעג זענען איצט געווען זאָרגלאָזע. זיי זענען נישט נאָר פאַרפלעגט געוואָרן, נאָר אויך די קינדער האָט מען ביי זיי טאָג־טעגלעך גענומען אין קינדער־גאָרטן אַריין.

די יידן פון קורדיסטאַן האָבן נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן די צייט. די ווייבער זענען גאַנצע טעג געזעסן פאַר דער טיר אויף אונטערגעשפּרייטע פּלאַכטעס און טעמפּ געשוויגן. זיי האָבן טעמפּ געקוקט פאַרויס און פויל זיך געגראַבלט צווישן די פוס־פינגער.

די לאַגער־אינסטרוקטאָרן האָבן געמוזט אונטערטרייבן די מענער, זיי זאָלן גיין אויף די אסיפות.

די באַאַמטע האָבן זיי טאָג־טעגלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי דאַרפן גיין אין דאָרף אַריין — ווערן פּויערים.

זיי זענען געזעסן און געהערט, וואָס מען זאָגט זיי, אָבער נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון זיי. בכלל איז געווען מיט זיי שווער זיך צונויפצורעדן. זייער שפּראַך איז געווען תרגום־לשון.

אָבער נאָך יעדער אסיפה, ווי נאָר זיי האָבן זיך באַפרייט, האָבן זיי זיך פונאַנדערגעלייגט איבער די בעטן און פאַררויכערט אַ נאַרגילע. קיינער פון זיי האָט נישט באַגריפן, וואָס עס וועט ווערן מיט זיין משפחה. צו זיי איז דערגאַנגען אַ שמועה — יידן אין אַמעריקע זאָרגן, שיקן געלט פאַר זיי.

פויל, פאַרטשאַדעט און פאַרשכורט פונעם ניקאָטין, האָבן זיי אין טרוים געזען דאָס רייכטום פון זייערע אַמעריקאַנער ברידער. אין זייער פאַנטאַזיע האָבן זיי געזען, ווי יידן לאָדן אָן שיפן: זעק רייז, צוקער, פעסלעך בוימל און פעקלעך באָנקנאָטן, געפּאַקטע אין אייזערנע קעסטלעך. צופרידענע, האָבן זיי געמורמלט, ווי צו זיך: „ישראל חברים".

זיי, די עולים פון קורדיסטאַן, זענען געווען הויך, ברייטביייניק און קרעפטיק,

מיט בולטע פנים־קנאָכן. זיי האָבן געשטאַמט פון „זעק״, אַ דאָרף, פאַרוואָרפן אין די בערג. וואָס דער נאָמען פון דאָרף האָט באַדייט, האָט קיינער פון זיי נישט געוווּסט. דער נאָמען פונעם דאָרף איז אין משך פון דער צייט פאַרדרייט געוואָרן, פּונקט ווי זייער לעבן איז פאַרקריפּלט געוואָרן דורך דער צייט.

„זעק״, זייער וווין־אָרט, איז געווען אַ לאַנג, שמאָל אויסגעצויגענע שטיין־פּלאַך, אויף וועלכער עס האָט נישט געשפּראָצט קיין גרעזל. אין דער וואַנט פון באַרג, וואָס האָט זיך שיף געצויגן צו דער פּלאַך, זענען געווען אויסגעהאַקט לעכער, זייערע וווין־שטיבער. זייער מעבל דאָרט איז באַשטאַנען פון הילצערנע בענק, וואָס זענען געווען באַלייגט מיט דערעס און שאָף־פעל. דאָס זענען געווען זייערע בעטן. אַ פּאָר געהעמערטע כלים איז געווען זייער ווירטשאַפט. וואָסער האָבן די ווייבער געברענגט פון דער נידער — פון ווייטנס. פּאָרן וואָסער האָבן זיי געצאָלט די אַראַבער. זייער קיך איז געווען אַ געשמידטער פון אייזן דרייפוס. דער רויך פון די ברענענדיקע זיך צווייגן־שפּענער, וואָס זיי האָבן צונויפגעקליבן אין די בערג, האָט אויסגעפּילט די שטוב־הייל. די אַריינגאַנגס־טיר איז געווען פון האָלץ. ווינטער איז די טיר געווען באַקלאַפּט מיט אַ פעל.

דאָס דאָרף איז אַ גאַנצע וואָך געווען כמעט אָן מענער. זעקס טעג אין דער וואָך האָבן די יידן געוואַנדערט איבער די דערפער פון אַרום. אַ טייל פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל, פאַרקויפט נאָדלען, פאַדעם און קנעפּלעך. אַ סך פון זיי האָבן פאַרקויפט קאַמען, געשניצטע פון האָרן. די קאַמען האָבן זיי אַליין אויס־געאַרבעט. זיי האָבן אויך פאַרקויפט סעמיטשקעס און ערד־ניסלעך (וואָס זיי האָבן געטונקען אין זאַלץ) און לאַנגע, מיט גרויסע קעפּ, שוועבעלעך.

אָבער דאָס רוב פון די דאָזיקע יידן זענען געווען בעל־מלאכהס: בלעכערס, שוסטערס, שניידערס און אַפילו שמידערס. אָבער פאַר זייער אַרבעט האָבן זיי זעלטן געקריגן געלט. מערסטנטייל האָבן די פּאַלאַכן זיי געצאָלט מיט לעבנסמיטל: אייל, מעל, זאַלץ און גרויפּן.

עטלעכע מענער זענען געבליבן אין דאָרף, לויט דער ריי, צו היטן די ווייבער מיט די קינדער. די מענער פּלעגן זיך צוריקקערן אין דאָרף אַריין ערשט אויף שבת. כאָטש זיי זענען געווען אויסגעמישט בין הבריות — זיך געפּילט צווישן די גויים ווי אייגענע — האָבן זיי אַהיימקומענדיק, דאָך אָפּגעאָטעמט. ביי זיך אין דאָרף האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון פרעמדקייט. זייער יידישקייט איז באַשטאַנען פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ „אַנאַ הודאַ״ (איך בין אַ ייד), אין אַ זעץ פון אַ ברייטע, שטאַרקע האַנט אין אַ ברייטן ברוסטקאַסטן.

זייערע גייסטיקע פירער, דער חכם, אַ הויכער שטאַרקער ייד, מיט אַ לענגלעך, קנאָכיק פּנים אין וועלכן עס זענען געזעסן צוויי קליינע אויגן. זיינע ברעמען זענען געווען געדיכט און גרוי. אַ לענגלעכע, גרויע באָרד האָט געראַמט זיין פּנים. זיין כאַלאַט, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ בענדל, איז געווען געלאַטעט און אָפּגעשאָסן פון דער זון און שוין גרוי פון אַלטקייט.

אברהם, דער חכם, — ווי זיי האָבן אים גערופן, — איז געווען דער איינציקער

ייד אין „זעק״, וואָס האָט נישט געאַרבעט. יעדן פּרייטיק, ווען די יידן זענען אַהיימגעקומען פון דעם וואַנדערן, האָבן זיי אים אָוועקגעטראָגן „מעשר״ פון זייערע פאַרדינסטן. פאַר דעם לוין האָט ער פאַר זיי געדאַוונט שבת. זיי, וואָס האָבן נישט געקענט קיין אות, האָבן אים נאָכגעזאָגט „אמן״, „שמע ישראל״!

אָבער אָפּגעריסן פון דער וועלט, פאַריאָכט און פאַרשפּאַרט אין די בערג, איז צו זיי דאָך דערגאַנגען די ידיעה: „משיח איז געקומען״! דער הויכער, דאַרער, איינגעבויגענער מענטש מיטן לאַנגן שטעקן אין האַנט און אַ זאַק אויפן רוקן, וואָס איז צענדליקער יאָרן געווען באַקאַנט אין דער סביבה אַלס דער „כאַקימאַ״ (זנאַכאַר), איז דעם טאָג אַרויסגעקומען קיין „זעק״. ער איז אָבער נישט געקומען באַדערפטיקע לאָזן בלוט, רייסן ציין אָדער קאָכן גרינסן פאַר קראַנקע.

אַ פאַרסאָפּעטער איז ער אַריינגעפאַלן אין דאָרף אַריין. פון אימפּעט איז זיין גרויע, לאַנגע באָרד געווען צעפּלאָשעט, דער טורבאַן — פאַררוקט אויף הינטן. דערפאַר האָט מען איצט געזען זיין ברייטן, צעקנייטשטן שטערן. דער „כאַקימאַ״, וואָס האָט שטענדיק אין „זעק״ גערעדט אַראַביש, האָט איצט געשפּרייזט איבערן דאָרף און געשריגן: אַנאַ הודאַ (איך בין אַ ייד).

די ווייבער מיט די שומרים פון דאָרף זענען זיך צונויפגעלאָפן און דערשטוינט אים אָנגעקוקט. ער האָט אָבער געשפּרייזט פאָרויס. ער איז געגאַנגען צום „חכם״. ער איז די שוועל פונעם „חכמס״ שטוב נישט איבערגעטרעטן. ער איז שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ באַפעלער און זיך אַ ווענד געטאָן צום „חכם״: די יידן האָבן באַזיגט אַלע אַראַבער, ירושלים איז אויסגעלייזט געוואָרן, משיח איז געקומען. אַלע יידן דאַרפן גיין קיין ישראל! זיין שטימע האָט געקלונגען, אָבער געציטערט. ער האָט נישט געוואַרט, אַז מען זאָל אים פרעגן. ער האָט געפרעגט, צי עס זענען פאַראַן קראַנקע, וואָס נויטיקן זיך אין זיין הילף און ער איז איילניק צוריק אַראָפּ פון באַרג.

פון דער בשורה זענען די עטלעכע איבערגעבליבענע יידן אין „זעק״ פאַרשטאַרט געוואָרן. ערשט צוויי טעג שפּעטער, ווען די „זעק״-יידן האָבן זיך אומגעקערט אַהיים אויף שבת, האָט ס׳דאָרף אויפגעברויזט. דער שבת איז אויך דאָס מאָל אַדורך ווי יעדעס מאָל. אָבער מוצאי-שבת, ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שטערן איבער די בערג, האָט דער „חכם״ צונויפגערופן אויפן דאָרפס-פּלאַץ אַלע יידן. זיי זענען געשטאַנען ווי אַ צונויפגעטריבענע סטאַדע. אין דער שיין פון דער אויסגעשטערנטער נאַכט האָבן זיך געזען זייערע טעמפּע פון שרעק און פרייד פּנימער. אויך איצט האָבן אַלע געשוויגן.

נאָר ווען דער „חכם״ האָט זיי אַ זאָג געטאָן, ירושלים איז אויסגעלייזט געוואָרן! זענען די ווערטער געפאַלן ווי שטיקער גראַניט אין אַ תהום אַריין.

די פאַרזאַמלטע עדה האָט געקרעכצט, ווי שאַרפע ווינטן וואָלטן זיי געבייטשט. שעהן איז די מחנה יידן געשטאַנען ווי געליימט, נישט גערירט מיט קיין אבר. זייערע מוחות זענען געווען טעמפּ און נישט געקאָנט טראַכטן.

אָבער ווען דער „חכם״ האָט אויפגעהויבן זיין קנאָכיקן קאָפּ און אָנקוקנדיק

זיי אַ זאָג געטאָן: מיר גייען קיין ירושלים צו אונדזערע ברידער! האָבן די ווערטער ווי אַדורכגעשניטן די נאַכט אין די בערג.

די אויגן זענען ווי אַרויסגעקראָכן פון די אויגן־לעכער. אַ הילכיק, שאַלנד קול האָט געענטפערט דעם „חכם": מיר גייען. פון די בערג האָט געענטפערט אַ ווידערקול: מיר גייען.

קיינער פון די יידן איז די נאַכט נישט געשלאָפן. ווי נאָר דער מאָרגן האָט גענומען גרויען צווישן די בערג, האָבן די יידן פון „זעק" גענומען זיך גרייטן. קיין סך צייט צום פאַרפּאַקן האָבן זיי זיך נישט גענויטיקט. יעדער פון זיי האָט זיין ביסל אָרעמקייט צעטיילט צווישן זיינע בני־בית. די טירן פון זייערע שטיבער־היילן האָבן זיי איבערגעלאָזט אויפגעפּראַלט און זענען אַרויס אויפן פּלאַץ.

ווען די זון איז אַריבערגעקומען איבער די בערג־שפּיצן און זיך געשאַרט איבערן הימל, האָט דער „חכם" גענומען זאָגן תהילים: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים" און זיך געלאָזט גיין פאָרויס.

יונג און אַלט מיט די משאס אויף די קעפּ זענען אים נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געפירט פון אָרט מיט שווערע טריט, וויסנדיק, אַז זייער וועג איז אַ לאַנגער, אַ ווייטער און אַ מיזאַמער. זיי זענען כסדר געגאַנגען, פונעם מאָרגנגרוי ביזן זון־אויפגאַנג און פון זון־אויפגאַנג ביז פינצטער. אין מיטן טאָג און אין דער נאַכט האָבן זיי גערוט. די ווייבער מיט די קינדער זענען געגאַנגען פאָרויס, די באַוואָפנטע מענער האָבן זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. דעם גאַנצן וועג האָבן זיי זיך געשפּייזט מיט ציבעלעס און פּיתהס, וואָס זיי האָבן געבאַקן אין וועג. די לאַטשן אויף זייערע פיס זענען פאַרברענט געוואָרן פון שוויס. פונעם גאַנג זענען זייערע פיס געשוואָלן געוואָרן און זענען געוואָרן האַרט, ווי ביי אַ קעמל. ביי צוויי אַלטע פרויען און דריי קליינע קינדער זענען די כוחות אויסגעגאַנגען אין וועג. אין געאייל וואָס שנעלער צו דערגרייכן זייער ציל, האָבן זיי די טויטע באַגראָבן אין אויסגעגראָבענע קברים ביים וועג.

די גריבער האָבן זיי פאַרלייגט מיט בערגלעך שטיינער. אין די שטיינער־קברים האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ מגן־דוד פון צונויפגעקליבענע צווייגן. מיט די לעצטע כוחות האָבן זיי זיך דערשלעפּט קיין „אהרה", (אַ שטאָט אין קורדיסטאַן). דערזעענדיק פון וויטנס די שטאָט־קאָנטורן, האָבן די כוחות זיי אָפּגעלאָזט. כמעט אויף אַלע פיר זענען זיי אַריינגעקראָכן אין שטאָט.

די באַרג־יידן האָבן זיך איינקוואַטירט אינעם שול־קעלער. די שול איז געשטאַנען אינעם יידישן פערטל. די שול איז געווען איבערפולט מיט פּליטים, וואָס האָבן זיך אויך געגרייט עולה זיין. די באַרג־יידן האָבן געמוזט שלאָפן אויפן הויף. דער שול־הויף איז געווען אַרומגעצוימט. עסן האָבן זיי געקריגן פון דער קהילה, וועלכע עס האָט געשטיצט דער „דזשאָינט".

נאָכן אָפּזיין עטלעכע וואָכן אין שטאָט, זענען זיי געקומען צוריק צו די כוחות. די ישראל־שליחים, וואָס זענען דאָרט געווען טעטיק, האָבן זיי אַריינגעזעצט אין לאַסט־אויטאָס און זיי געפירט צו דער שיף.

# ב

די שליחים אין דער שער־עליה האָבן אַלץ געטאָן, אַז די „זעקער״ זאָלן ווערן פּויערים. טאָג־טעגלעך האָבן די שליחים צונויפגערופן די באַרג־יידן אין די מיט ראַגאָזשע באַדעקטע סוכות און זיי געגעבן צו פאַרשטיין אין אַראַביש און מיט די הענט: — „דאָ אין לאַנד מוזן יידן לעבן פון אַרבעט״. ווענלדיק ווירקן אויף זיי, זענען זיי געגאַנגען צו זיי אין די באַראַקן. אויך זיי האָבן זיך פונאַנדער־געזעצט אויף די פונאַנדערגעשפּרייטע פעל־ראַגאָזשעס און זיך פאַרצויגן מיט אַ באַרגילע.

די באַרג־יידן האָבן זיי אויסגעהערט און עקשנותדיק געשוויגן. די שליחים האָבן גערופן דעם „חכם״ צו זיך אין ביוראָ אַריין. זיי האָבן מיט אים איינגע־טענהט, אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף מיט זיינע יידן גיין אין דאָרף אַריין.

ווענלדיק דער חכם זאָל מיט זיי איינשטימען, האָבן זיי אים צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט פועלן, אַז זיי זאָלן גיין אין דאָרף, וועט ער אויך ווייטער בלייבן זייער „חכם״.

אָבער אויך דער „חכם״ האָט אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן.

ווען דאָס געדולד פון די שליחים האָט מער נישט אויסגעהאַלטן, זענען זיי אַריבער צו אַ דראָונג: „דו ביזט אין אַלעם שולדיק״ — האָבן זיי אים באַשול־דיקט. מיר וועלן דיך אָנקלאָגן ביי די רבנים אין ירושלים — האָבן זיי צו אים געשריגן. דער „חכם״ האָט אויפגעהויבן זיינע געדיכטע, גרויע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט פאַרגליווערטע אויגן און געענטפערט: שם ירחם און איז צוריק אַוועק. די שליחים זענען געבליבן בייז, אומבאַהאָלפן.

ווען אין דער סוכנות האָט מען באַשלאָסן דאָך, אַז די „זעקער״ יידן גייען קיין „נטור״ — דאָס דאָרף, וואָס געפינט זיך אין קאָרידאָר פון ירושלים, האָט מען צו זיי אַראָפּגעברענגט שאולן.

שאול, אַ מיטלוויקסיקער, דאַרער בחור, מיט אַ שמאָל, קנאָכיק פּנים, האָט געשטאַמט פון מאַראָדזש (אַ שטאָט אין פּערסיע). זיין לינקע באַק איז געווען צעלעכערט פון שטופּלען. ער האָט אויך געהאַט אַ פּאַק אונטער דער רעכטער פאה. זיינע הענט זענען געווען דאַר און לאַנג. שאול איז איצט געווען ביי די דרייסיקער. ער האָט זיך געפּונען אין לאַנד אַכט יאָר. ער איז פון פאַך געווען אַ פריזירער, אַזוי ווי זיין פּעטער, ביי וועלכן ער האָט געלערנט די מלאכה. שוין אין זיין פריסטער יוגנט איז ער געוואָרן אַ יתום פון בעם פּאַטער. זיין מוטער האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און פון דעמאָלט אָן האָט ער זי מער נישט געזען.

שאול האָט ביזן אויסברוך פון דעם באַפרייונגס־קריג געאַרבעט ביי זיין פאַך אין פאַרשיידענע פלעצער אין לאַנד. ער האָט געשפּאָרט דעם גראָשן און געהאַפּט חתונה האָבן — פאַרלייגן אַ משפחה. דער קריג האָט אים געטראָפן אין טבריה. דאָרט איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין „גולני״, און אַדורכגעמאַכט אַ סאַניטאַרן־

קורס. אין די גלילער שלאַכטן האָט ער מיט מסירת נפש געגעבן הילף די פֿאַר־וווּנדעטע. ער האָט די געטראָפענע זעלנער אַראָפּגעטראָגן פון שלאַכט־פעלד, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם קוילן־האָגל, וואָס האָט אַרום אים געשפּריי טויט.

די קריגס־צייט האָט אים אַרויסגעריסן פון זיין לעבנס־ציל. ער האָט זיך מער נישט געקענט צוריקקערן צו זיין אַרבעט, נאָך דעם אַלעם, וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען האָט ער זיך געגויטיקט אין פרייהייט. אַ פּאָר מאָל האָט ער אָנגעהויבן פון דאָסניי. ער האָט ווידער געפּרוּווט אַרבעטן אַלס פריזירער אין חיפה. אַ לענגערע צייט האָט ער אויך דאָרט געאַרבעט אַלס טרעגער אין אַ קיל־הויז, שפּעטער האָט ער געאַרבעט אַלס אַ שאָפער־געהילף אויף אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט געפירט זאַמד קיין חדרה. ער האָט אויך געטראָגן ציגל אויף מויערן אין תל־אביב.

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אויף אַרומגעדרייט אַרבעטסלאָז, נישט ווייל ער האָט נישט געקענט געפינען קיין אַרבעט, — ער האָט נישט געוואָלט אַרבעטן. דערוויסנדיק זיך, אַז די סוכנות נויטיקט זיך אין אינסטרוקטאָרן פאַר עולים פון פּערסיע, האָט ער זיך געמאָלדן.

די סוכנות האָט אים אַנגאַזשירט אַלס סאַניטאַר קיין „נטור". ערשט אין שער־עליה האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די מענטשן, מיט וועלכע ער דאַרף גיין קיין „נטור", ווילן נישט גיין אין דאָרף אַריין. ער, וואָס האָט געקענט דעם באַרג־ייִד, איז געבליבן דערשטוינט.

ווען ער האָט אין דעם מענטשן־געפילדער אָפּגעזוכט דעם באַראַק, וואָס איז געווען באַצייכנט מיטן נומער זיבעצן, איז שוין געווען נאָך מיטאָג. די ווייבער זענען געשטאַנען אַרום די קאַריטעס און וואַסער־קראַנען און געוואַשן דאָס געפּעס. זייערע מענער זענען געלעגן פונאַנדערגעלייגט אויף דער ערד און זיך פאַרצויגן מיטן רויך פון אַ נאַרגילע.

שאול האָט ווי אַן אייגענער שוין פון ווייטנס צו זיי אַ שריי געטאָן: „אֶלהאַ גאַלוּכוּן" (גאָט איז מיט אייך).

די „זעקער" יידן האָבן איבערגעריסן דאָס רויכערן און פאַרוווּנדערט אים אָנגעקוקט. זיי האָבן פאַר זיך געזען אַ פרעמדן ייד, וואָס רעדט אָבער מיט זייער לשון.

פויל האָבן זיי אים געענטפערט: גוטע געסט שיקט גאָט צו פון הימל, און באַלד שטיל געבליבן. פאַר זיי איז דאָך געשטאַנען אַ פרעמדער.

אָבער שאול האָט נישט געוואַרט, אַז מען זאָל אים פאַרבעטן. ער האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד מיט אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס, אַזוי ווי זיי. נישט וואַרטנדיק, מען זאָל אים פרעגן, האָט ער זיך צו זיי אַ וואָנד געטאָן: איך בין אייער בלוט און פלייש, איך שטאַם פון מאַראַדזש!

די באַרג־יידן האָבן ס'ערשטע מאָל געהערט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ שטאָט אויף דער וועלט. אָבער זיי האָבן ווייטער געשוויגן.

שאול האָט זיי נישט געגעבן קיין צייט צו טראַכטן. ער האָט זיי ווייטער דערציילט: איך בין פון זעלבן שטאַם וואָס איר! איך בין אַ יתום פון קינדהייט פון גלות פרס! אויך איך האָב פאַרלאָזן דעם גלות פערסיע! שוין מיט יאָרן צוריק בין איך געקומען קיין ישראל!

די יידן האָבן אים באַטראַכט מיט חשד, אָבער דער „חכם" האָט אַ זאָג געטאָן: רעד! ווי ער זאָל אַריינרעדן אין אַ לײדיקן פאַס.

שאול האָט אַ טראַכט געטאָן: רעדן צי שווייגן?

באַלד אָבער האָט ער אַ זאָג געטאָן: איך גיי קיין נטור און אַלע מיט מיר!. די שטילקייט אַרום אים איז געדיכטער געוואָרן און ער האָט ממשיך געווען: מירן צוזאַמען אַרבעטן, ווערן פּויערים, איר וועט האָבן אייגענע ערד. ווענדיק אויסנוצן די געשפּאַנטקייט, האָט ער געשטעלט די פראַגע: ווער גייט מיט מיר? — פון ווייטנס האָט זיך געטראָגן דער זשום פונעם לאַגער־געפילדער, אָבער אַרום איז געוואָרן אימהדיק שטיל.

דער „חכם" האָט די שטילקייט איבערגעריסן. ער, וועלכער איז געזעסן די גאַנצע צייט אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פיס, ווי אַ מומיע, האָט אַ פרעג געטאָן שאולן: ווו איז דאָס דאָרף?

שאול האָט דערפילט, אַז אין דעם מאָמענט קען ער זיגן, אָדער פאַרשפּילן. ער האָט אַ שטופּ געטאָן זיין אויבערשטן טייל קערפּער פאָרויס און געענטפערט: ס'דאָרף ליגט ביי ירושלים!

דער „חכם" האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל און אויסגעשריגן „ה' אחד!". אַלע אַרומזיצנדע האָבן אים געענטפערט: אָ—ה—מן!" !„.

די נאַכט־גרויקייט האָט זיך שוין געשפּרייט איבער דער סביבה. שאול איז געבליבן זיצן אַ פאַרגליווערטער. ער איז נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, ווי די זאַך וועט אויספאַלן. מיט אַ מאָל האָט דער „חכם" אַרויסגענומען פון מויל דאָס נאַרגילע־זעקל און אַ זאָג געטאָן אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט: יידן דאַרפן זיין וואָס נענטער צו ירושלים. מיר גייען קיין נטור. מיר גייען! — האָבן אים אַלע געענטפערט.

די „זעקער" יידן זענען געבליבן זיצן צווישן די באַראַקן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי זענען געזעסן און געשוויגן און זיך פאַרצויגן מיט דעם נאַרגילע־רויך. דעם אָוונט זענען זיי אפילו נישט געגאַנגען נעמען ס'אָוונט־ברויט.

אויך צומאָרגנס האָבן זיי נישט געביטן זייער שטייגער. לאַנגזאַם, געלאַסן זענען זיי ווייטער געגאַנגען נעמען זייער טעגלעך עסן און דערנאָך זיך פונאַנדער־געלייגט צווישן די באַראַקן און געררויכערט. זיי זענען געווען גרייט און געוואַרט אַז מען זאָל זיי קומען נעמען אין זייער דאָרף אַריין.

די באַאַמטע אין לאַגער, וואָס האָבן נישט געקענט איבעררעדן די „זעקער" יידן, אַז זיי זאָלן גיין אין דאָרף אַריין, האָבן געצווייפלט אין שאולס דערפאָלג. נישט זייענדיק זיכער, האָבן זיי אָפּגעצויגן די נסיעה.

אָבער שאול, אַ דענערווירטער פונעם אָפּלייגן די נסיעה, האָט זיך אויך איצט דעצידירט. אין איינעם פון די טעג איז ער צוזאַמען מיטן „חכם" אַוועק

אין ביוראָ אַריין. ווי נאָר ער האָט דערזען חנוכן, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און מיט דער פויסט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַריין.

חנוך, אַן אויסגעאַרבעטער ייד, מיט אַ לאַנגער, שמאָלער נאָז, אויף וועלכער עס זענען געזעסן אַ פּאָר ברילן מיט דיקע גלעזער, האָט זיך נישט איבערגענומען מיט שאולס אויפפירן. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום „חכם" און אים אָנגעקוקט מיט זיין קורצזיכטיקן בליק.

דער „חכם" האָט פאַרשטאַנען חנוכס בליק און אים אַ זאָג געטאָן: יאָ! צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

אין דער צייט, וואָס די „זעקער" יידן האָבן נאָך געמוזט בלייבן אין לאַגער, האָט שאול זיי געגעבן צו פילן, אַז ער איז זייער פאַרשטייער. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף דעם „חכם" נישט פאַרלויפן דעם וועג. ווען ער האָט געהאַלטן אַז פון עקבֿ איז פאַרבליבן אַן איינציקער זון בלויז, ווערט ער...

באַקומען די שליטה איבער די באַרג־יידן, האָט ער געהאַלפן די באַאַמטע אַדורכ־פירן די רעגיסטראַציע, וויפל מענטשן עס זענען פאַראַן און וויפל מענטשן זיי ציילן. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט צו וויסן, וואָס יעדע משפחה פאַרמאָגט. ווען עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז יעקב, יסחוקס זון איז שוין אַלט אַכצן יאָר, האָט ער נישט געפרעגט דעם פאָטער און אים אָװעקגעפירט צו דער מיליטער־קאָמיסיע.

יעקב, ווי אַלע „זעקער" יידן, איז געווען ווּקסיק, שטאַרק, קנאַכיק און מיט אַ ברייט ברוין פּנים. יעקב איז געווען געזונט און די דאָקטוירים האָבן אים צוגענומען אַלס זעלנער.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער קאָמיסיע און דערציילט, אַז ער וועט אין קורצן ווערן אַ זעלנער, האָבן נישט נאָר זיין פאָטער, נאָר זיין גאַנצע עדה יידן אים אָנגעקוקט דערשטוינט. זייערע מיילער זענען געווען אָפן פון דערשטוינונג. זייערע אויגן זענען געווען אַרויסגעזעצט פון איבערראַשונג. זיי האָבן נישט באַגריפן די זאַך און נישט געגלויבט: זייערס אַ זון אַ זעלנער!?

עס האָט נאָר געגרויט, די לעצטע נאַכטנעפּל־פייכטקייט האָט ערשט אויפ־געדעקט דעם כרמל־שפּיץ, ווען לאַסט־מאַשינען זענען פאַרפאָרן נעמען די „זעקער" יידן.

דערזעענדיק די אויטאָס, האָבן זיי שנעל פאַרענדיקט עסן. איילינק האָבן זיי צונויפגעבונדן אין די טיכלעך פייכטע, נישט דערבאַקענע פּיתהס, אויסגעטריקנטע שאַפּקעז און פלעשער שטאַרקן טיי, וואָס זיי האָבן נאָך נעכטן צוגע־גרייט. דאָס געקעכטס, וואָס זיי האָבן געגעסן די פּאָר וואָכן אין לאַגער איז זיי שוין נמאס געווען. זיי האָבן געפּועלט ביי שאולן, ער זאָל זיי פאַרשאַפן אויף דער נסיעה טרוקן עסן, ווי זיי זענען געוווינט.

ווען די צוויי און פערציק משפּחות מיט זייער ביסל האָב האָבן זיך איינגע־לאָדנט אין די אויטאָס, איז שאול געלאָפן פון איין אויטאָ צום אַנדערן, געוואָרפן מיט זיינע לאַנגע הענט און געקוקט, צי די אויטאָס זענען גוט פאַרמאַכט, עס זאָל אין וועג נישט פּאַסירן קיין אומגליק.

דער „חכם" מיט זיין ווייב, אַ נידעריקע, דיקע יידענע, מיט אַ שטאַרק דיקן בויך און צעלאָזטע ברוסטן, אויסגעבויגענע קניען אויף פאַרויס, ווי אַ קוואַקע, מיט אַש־גרויע האָר, פאַרבונדן מיט אַ טיכל, זענען געזעסן אויפן ערשטן אויטאָ. ס'ווייב איז געזעסן אינעם קאַסטן, דער „חכם" אין דער קאַבינע ביים שאָפער.

דער „חכם", דערזעענדיק שאולן, האָט ער אים אַ רוף געטאָן: אַטאַ אַגאַיי!" (דו ביסט אַן עפענדי) און אָנגעוויזן אים אַ פלאַץ נעבן זיך.

שאול האָט זיך געמאַכט נישט זען. ער איז אַרויפגעשפרונגען אויפן לעצטן אויטאָ און אַ שריי געטאָן אויפן קול: „פאָרט".

דעם גאַנצן וועג זענען די ווייבער און קינדער געווען פאַרנומען מיט זיך. די קינדער האָבן געוויינט. די מוטערס האָבן זיי געפאַטשט און געקניפּט און געשטופּט זייערע נאַקעטע ברוסטן אין די קליינע מיילער. די מענער אָבער מיט די שוין אונטערגעוואַקסענע בחורות זענען געשטאַנען ביי די ווענט פון די אויטאָס, זיך אָנגעהאַלטן אין די לייטערס און פאַרגאַפט געקוקט איבער דער סביבה. יעדער פאַרבייגעפאָרענער שטח און דאָרף, יעדער מענטש, וואָס האָט געאַקערט, אָדער זיך געפאָרעט אַרום אַ בעל־חיי, האָט ביי זיי אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג. יעדע ווילע האָט אַן אַנדערער פון זיי אַ שריי געטאָן: „הודאַ" (אַ ייד) און אָנגעוויזן אויף יענעם מיטן פינגער.

ווען די אויטאָס זענען אַריבערגעפאָרן די לאַנד־פלאַך און מיטן שוואַרצן אַספאַלט־וועג זיך געדראַפּעט אין די בערג אַריין, האָט זייער שפּאַנונג אָפּגעלאָזן. אין דער בערג־הויך האָבן זיי ווידער אָפּגעאָטעמט. די שטיין־נאַקעטע בערג האָבן זיי דערמאָנט די סביבה, פון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט. אָבער אויך איצט איז זייער בליק געווען אָנגעשטרענגט, ווי ביי אַן אָדלער נאָך פאַנג. זיי האָבן געוואָלט זען די שטאָט „ירושלים".

אָבער די אויטאָס, קומענדיק הינטער ירושלים, האָבן פאַרקערעוועט אויף רעכטס — דער וועג קיין „נטור".

דער וועג, מיט וועלכן זיי זענען איצט געפאָרן, איז כסדר געשטיגן אַלץ העכער און העכער. די אויטאָס זענען געקראָכן מיט די לעצטע כוחות פרייכנדיק. אויפן שפּיץ פון באַרג האָט זיך דער אַספאַלט געענדיקט. פון ווייטנס אין דער הויך האָט זיך דערזען „נטור", זייער דאָרף, ווי אַ פויגל־נעסט.

די אויטאָס זענען אַרויפגעפאָרן אויף דעם נישט געפלאַסטערטן דאָרפס־שטעג. די שאָפערן האָבן כסדר לאַווירט מיט די רודערס, וועלנדיק אויסמיידן די פאַרטריקנטע גרודעס ערד. די אויטאָס האָבן זיך געהוידעט. דעם שטעג האָבן געצוימט פון ביידע זייטן יונג־געפלאַנצטע אייקאַליפּטוסן. די סביבה אַרום איז געווען שטייניק, אָבער צווישן די בערג זענען געווען פונאַנדערגעוואָרפן צעבראָ־קלטע ערד־פלאַכן, וואָס האָבן פון ווייטנס אויסגעזען ווי אינדזלען אין אַ שטיי־נערנעם דורות־אַלטן מדבר.

די אויטאָס זענען פאַרפאָרן ביז דעם זיכערהייטס־פלויט פון דאָרף און זענען געבליבן שטיין. אָבער די באַרג־יידן זענען געבליבן אויף זיי זיצן.

שאול איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ און זיך צעשריגן אויפן קול: „האַוואַ פלוט!" (שנעל אויסשטייגן).

די געשטאַלטן זענען געשפּרונגען פון די אויטאָס. דערפילנדיק דעם באָדן אונטער די פיס, זענען זיי געבליבן שטיין פאַרגאַפט. איינער האָט אָנגעקוקט דעם אַנדערן.

די נאַקעטע בערג־הויכקייט האָט אַרומגערינגלט דאָס הייפל מענטשן. די אורנאַטור־קראַפט האָט אויף זיי געשפּאַרט.

דערגרייכנדיק דעם ציל, צוליב וועלכן זיי האָבן זיך געמאַטערט מאָנאַטן־לאַנג, האָט זיי באַהערשט אַן אומבאַהאָלפנקייט ווי קליינע קינדער, וואָס רייסן זיך אַרויס פון דער מאַמעס אָרעמס. זיי זענען געבליבן שטיין, ווי אַן אומבאַהאָלפענע סטאַדע.

אָבער די דריי שומרים, וואָס האָבן דערווייל געהיטן די בערג־נעסט „נטור" האָבן מיט פרייד זיי אַ רוף געטאָן: „קומט עסן"!

ווי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, ווען זיי דערהערן אַ קול, אַזוי האָבן אַלע מיט אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די שומרים.

אין איינעם פון די ליידיקע הייזער איז אויף אַ לאַנגן, הילצערנעם טיש געווען צוגעגרייט: ברויט מיט אָליוון, מאַרמעלאַדע און קאָכעדיקע טיי.

אַ פרייד האָט ווידער אַרומגענומען די „זעקער" יידן. זיי האָבן זיך פונאַנדער־געזעצט איבערן דאָרפס־פּלאַץ און געגעסן מיט אַפּעטיט. עסנדיק, האָבן די ווייבער אויך געגעבן זייגן זייערע קינדער.

אָפּעסנדיק, האָבן די מענער זיך געקליבן פונאַנדערלייגן און זיך פאַררויכערן אַ נאַרגילע, ווי זיי זענען געווען געוווינט אין שער־עליה.

אָבער אין דעם מאָמענט זענען אָנגעקומען שאול מיט עוזין — דעם „ראש השומרים". אין דער צייט, ווען זיי האָבן געגעסן, האָט שאול מיט עוזין באַטראַכט די דאָרפס־הייזער.

די באַרג־יידן האָבן באַלד באַמערקט עוזין — אַ נידעריקן, ברייטביייניקן פאַרשוין מיט אַ ביקס איבערן אָרעם, אָנגעטאָן אין רויטע הויזן מיט שטיוול און אַ גרינעם קאַפּעליוש מיט ברייטע ראַנדן, מיט אַ קיילעכדיק אָנגעגעסן פּנים און לאַנגע, שפּיציקע וואָנסעס. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קאַרבאַטש.

ער האָט פונאַנדערגעשטעלט די פיס און פאַרדרייט זיינע לאַנגע וואָנסע־שפּיצן און אַ זאָג געטאָן: „איצט וועט יעדע משפּחה באַקומען פון שאולן זיין הויז!"

עוזיס שפּראַך איז די „זעקער" יידן געווען פרעמד, אָבער זיי האָבן פאַר־שטאַנען, וואָס ער מיינט.

אַלע האָבן זיך געהאַרכזאַם אויפגעשטעלט און שטיל, מיט טעמפּע אויגן, געוואַרט אויף זייער ריי.

שאול האָט יעדע משפּחה צוגעפירט צו אַ הויז. אָנווייזנדיק דעם בעל־הבית מיטן פינגער, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: „בעלאַ דידוך אילע!" (דאָס איז דיין הויז) און איז געגאַנגען ברענגען אַ צווייטע משפּחה.

דאָס ליידיקע הויז מיט די צוויי, דריי שמאָלע בעטלעך, האָבן אין די נייע

מתישבים נישט אַרויסגערופן קיין פרייד. די באַרג־יידן האָבן פשוט נישט פאַר־שטאַנען, אַז פון איצט אָן געהערן די הייזער צו זיי.

קיינער פון זיי האָט נישט פונאַנדערגעפאַקט זיין אַרעמקייט. זיי האָבן זיך נישט געוואַגט רירן פון אָרט. דער שטובן־רוים, די טירן און די פענצטער, די לופט און די צימערן, צו וועלכע זיי זענען נישט געווען געוווינט, האָט זיי געשראָקן.

צומאָרגנס איז אין דעם דאָרף „נטור" אָנשטאַנען אַ ניי לעבן. די נייע מתישבים אין זייערע הייזער האָבן זיך אַרומגעקוקט איבער דער סביבה. אין דעם מאָרגנטוי איז די בערג־גרויקייט געווען מילדער פאַרן אויג.

ווען די זון, איז אַרויסגעקומען פון הינטער די בערג, האָט זיך דערהערט אַ גלאָקן־קלאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן דאָרף. דער ווידער־קול האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די בערג. שאול, אַ נישט ראַזירטער, איז געלאָפן פון הויז צו הויז, איבער די הייף און צונויפגערופן די באַרג־יידן אויפן דאָרפס־פּלאַץ.

צונויפקומענדיק זיך, זענען זיי געבליבן שטיין אומבאַהאָלפן, פאַרזאָרגט און נערוועז. פון אויפרעגונג האָבן זיי זיך צעזעצט און געשנופּט זייערע לאַנגע, פליישיקע נעזער. באַלד אָבער זענען אָנגעקומען די שומרים. עוזי האָט שוין פון ווייטנס צו זיי געשריגן: „אויפשטיין"!

געהאָרכזאַם, ווי קינדער, זענען אַלע אויפגעשטאַנען.

עוזי האָט אויך איצט צעשטעלט זיינע פיס, דער באַוויז פון זיין מאַכט. אַ פּאַכע געטון מיטן קאַרבאַטש, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אייער דאָרף געפינט זיך אין די בערג. איבער אייך זיצן אַראַבער". עוזי האָט מיט דער האַנט זיי געוויזן דאָס אַראַבישע דאָרף און צוגעגעבן: „איר מוזט זיך קענען פאַרטיידיקן. איך וועל אייך לערנען שיסן".

זיי האָבן זיינע רייד קוים פאַרשטאַנען, אָבער פון דערנידערונג האָבן זיי אַזש אַ צאַפּל געטאָן. זייערע איינגעבוקטע פון פוילקייט געשטאַלטן האָבן זיך מיט אַ מאָל אויסגעגליכן. איינער האָט אָנגעקוקט דעם צוויטן. זייערע אויגן האָבן געפלאַמט פון חרפה. פון כעס האָבן זיי געכראַקעט, אָבער דאָס שפּייעכץ האָבן זיי נישט אויסגעשפּיגן, ווי זיי וואָלטן זיך מיט דעם געשטיקט. פון צער און באַליידיקונג האָבן זיי געדרייט מיט זייערע שווערע קעפּ און געשוויגן. זיי האָבן נישט געוווסט, ווי אַזוי אויסדריקן זייער כעס.

זיי צו הילף איז געקומען דער „חכם", וואָס איז געזעסן אויף אַ שטיין אין דער זייט. דערהערנדיק עוזיס רייד, האָט ער זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, אים אָנגעקוקט און געענטפערט: מיר לעבן מיט דער ביקס!

עוזי, דערהערנדיק זיינע רייד, האָט דערפילט, אַז זיין מאַכט איז אין סכנה. אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיין הילפסלאָז.

מיט אַ מאָל האָט ער גענומען קלאַפּן מיטן קאַרבאַטש איבער זיינע כאַלעוועס. כדי זיך צו שטאַרקן האָט ער זיך אויך צעפּיפּן אויף זיין פייפערל. די צוויי שומרים האָבן אים נאָכגעטאָן.

שאול איז אַנגעלאָפן אַ פּאַרסאָפּעטער. אַן איבערראַשטער פון דער פּיפּעריי האָט ער געוואָרפן מיט זיינע לאַנגע הענט, נישט ווייסנדיק, וואָס ער האָט פּאַסירט.

די שומרים מיט די ביקסן אין די הענט, צונויפגעדריקט אין אַ קופּע, זענען געשטאַנען אַנטקעגן דער מחנה — גרייט זיך צו ווערן.

שאול האָט מאָמענטאַל אָפּגעשאַצט די לאַגע. ער האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן די שומרים און דער עדה באַרג־יידן און אַ שריי געטאָן: יידן קעגן יידן?!

די באַרג־יידן האָבן אים אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. אים האָט געענטפערט דער „חכם": מיר זענען באַרג־קעמפער. אונדז היט מען נישט. מיר היטן אונדזערע משפחות און ס'דאָרף אַליין!

שאול האָט אַ ווונק געטאָן שרגאן.

שרגא איז צוגעגאַנגען צו די שומרים און עוזין עפּעס אַ זאָג געטאָן אויפן אויער.

עוזי האָט אַ ברום געטאָן צו די שומרים.

די דריי זענען גלייך אַוועק פונעם פּלאַץ.

די עדה האָט אַ רעווע געטאָן: א־ה־ה־ה־ה־ה. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון צופרידנהייט, אָדער שנאה.

ביז שאולן האָט זיך איינגעגעבן איבערצייגן דעם „חכם", אַז מיט די שומרים איז געשען אַ מיספאַרשטענדעניש, איז שוין געווען מיטאָג.

צייט און טעג האָבן זיך רעגלמעסיק געביטן. די באַרג־יידן האָבן זיך פּאַמעלעך צוגעוווינט צו זייער ניי דאָרף „נטור", וואָס ליגט אויף דער גרענעץ פון לאַנד, אַריינגערוקט צווישן די בערג־ווענט.

דאָס דאָרף איז געווען אויסגעבויט אין אַ האַלבן קרייז. הייזער זענען פון הינטערווייַלעכץ געשטאַנען אויף פּילאַרן, ווי הייזער, וואָס זענען געבויט אויף דער שפּוע. די רויט־שיפּע שטיין־דעכער האָבן אַריבערגעקוקט איבערן שטעכל־פּלויט. די ערשטע איינוווינער פון דאָרף זענען געווען עולים פון רומעניע, וואָס האָבן ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַרלאָזן דאָס אָרט. פון די רומענישע עולים איז אין „נטור" נאָר געבליבן איינער, מאַקס קליגער.

קליגער, אַ הויכער, דאַרער ייד, מיט אַ לענגלעך, שמאָל פּנים און לאַנגער נאָז און אַ גאָמבע פאַרענדיקט מיט אַ קליין קמץ־בערדל, ווי אַ זומער־פויגל וואָלט זיך אויף אים אַוועקגעשטעלט. ער איז געווען קורצזיכטיק, געטראָגן אַ פּענסנע. זיין קאָפּ איז געווען גלאַט, נאָר פון הינטן זענען אים נאָך געוואַקסן אַ פּאָר שיטערע, שוין גרויע האָר, וואָס האָבן ווי אַ רייפל געדעמט זיין קאָפּ. ער איז שוין אַלט געווען אַ פּאָר און פערציק יאָר. דאָס קומען פון די נייע מתישבים קיין „נטור" האָט אים דערפרייט. ער וועט מער נישט מוזן זיין אַליין מיט די שומרים. ער וועט פון איצט אויך האָבן באַשעפטיקונג.

קליגער האָט אין זיינע יאָרן שטודירט יורי, אָבער ווען ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער זיך גענומען צום האַנדל. אין לאַנד איז ער אַריין אַרבעטן אינעם פאַר־באַנד פון די צרכניות. ער, וואָס האָט שוין כמעט נישט פאַרקערט מיט קיין

מענטשן, האָט זיך דווקא דערפרייט מיט די „זעקער“ יידן, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעקענט אויפן געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר זייער אַרבעט און מיט זייער ווילדן בליק באַטראַכט די צרכניה און אים. זיי האָבן געמיינט, אַז קליגער איז דער רייכער געשעפטס־אייגנטימער.

אים האָט אויך געוויילט זייער אויפפירן זיך. ער האָט געקוקט, ווי זיי טאַפּן די מאַרגאַרין, צי זי איז ווייך און קוועטשן דאָס ברויט, צי עס איז פריש. ער האָט אָנגעקוואָלן, ווי זיי גלאָצן די אויגן, ווען ער עפנט דעם קראַן און דער אייל פון דעם פאַס גיסט זיך אַריין אין מעסטל. זיי זענען פאַר אים געווען עקזאָטיק.

אָבער שרגא, דער אַגראַר־אינסטרוקטאָר פונעם דאָרף האָט זיך פאַרמאַסטן פון זיי צו מאַכן פויערים, ערד־אַרבעטער.

שרגא, אַ מיטלוווקסיקער שטאַרק געבויטער מאַן מיט אַ קיילעכיק, גוטמוטיק פּנים און אַ שוואַרצע, צעשויבערטע טשופּרינע, האָט נישט גערוט. ער האָט שטענדיק געטראָגן כאַקי־הויזן, וואָס זענען ביי אים געווען פאַררוקט אונטערן בויך. פון זיין צעקנעפּלט העמד האָט אַרויסגעשטאַרט אַ באַהאָרטע ברוסט. ער איז פון די עולים נישט אָפּגעטרעטן. פאַררוקט דאָס היטל איבערן קאָפּ, ווי אַט, אַט זאָל עס אַראָפּפאַלן, האָט ער זיך די מי געגעבן פאַר די באַרג־יידן. שרגא, דער אַלטער בחור, האָט פריער געאַרבעט אין גליל. קיין „נטור“ איז ער געקומען צוזאַמען מיט די „זעקער“ יידן.

ער האָט זיי געלערנט אַרבעטן מיט אַ טוריע. זיי האָבן געאַרבעט אַרום די הייזער, געגרייט שטיקלעך באָדן פאַר ווינטער־גרינס. כאָטש זיי האָבן געהאַט מגושמדיקע און קנאַכיקע הענט, האָט די טוריע זיך געדרייט ביי זיי אין דער אַרבעט. די טוריע איז זיי אָפּגעשפּרונגען פון דער שטיין־האַרטער ערד. נאָר אָנשטאָט זיך איינגראָבן אין דער ערד, האָט זי צעקלאַפּט די הענט פון די אַקערער.

אויך שאול איז פון זיי נישט אָפּגעטרעטן און זיך באַמיט זיי אַרויסצוהעלפן אין וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אפילו אַ וווּנד האָט ער זיי פאַרבונדן, אָבער נאָר זעלטן. יעדער פאַרוווּנדערטער האָט זיך אַליין געהיילט. זייער רפואה איז געווען השתנה און אַ שטיק שפּין־וועבס.

שאולס געוואָלדן און פּראָטעסטן האָבן אויף זיי נישט געווירקט. אָפט האָט מען געקענט זען, ווי שאול לויפט איבערן דאָרף פול צאָרן און כעס, ווייל עס איז אים נישט געלונגען נאָך אַלץ איבערענדערן די געוווינהייטן פון די נייע מתישבים אין „נטור“.

אָבער שרגא האָט זיך נישט געבייזערט אויף די יידן פון „נטור“. ער האָט ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל זיי געוויזן, ווי מען אַרבעט מיט דער טוריע און ווי אַזוי מען רייסט די שטיינער פון דער ערד אַרויס. די שטיינער האָט יעדער געזאַמלט אויף אַ קופּע פאַר דער שטוב. די באַרג־יידן האָבן געאַרבעט און געסאַפּעט. זיי האָבן זיך שווער צוגעוווינט צו דער אַרבעט.

גרינגער איז עס אָנגעקומען רחלען. רחל, אַ נידעריק, דיקלעך ווייבל, מיט אַ שוואַרץ קורץ געשוירענעם קאָפּ האָר, האָט זיך דעם גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט

אין אַ ווייסן פֿאַרטעך. דער פֿאַרטעך האָט איר צוגעגעבן חן און פרעסטיזש ביי די דאָרפֿס־ווייבער.

די ווייבער זענען פון איר נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט זיי געלערנט, ווי אַזוי מען צינדט אָן די קאָך־מאַשינקע, ווי אַזוי מען קאָכט אַ זופּ פון גרינס. זי האָט זיי געלערנט, ווי אַזוי צו וואַשן די קינדער.

די ווייבער זענען געווען פעיִקע שילערינס. וואָס זי האָט זיי געוויזן, האָבן זיי אין דער היים באַלד נאָכגעמאַכט. יעדע געשאַפֿענע זאַך האָבן זיי איר געבראַנגט ווייזן, צי עס איז גוט. די ווייבער האָבן מיט אַלע כוחות געוואָלט ווערן וואָס ענלעכער צו רחלען, אָבער זייערע געוויינהייטן זענען געווען שטאַרקער פון זייער ווילן. פֿאַרנאַכט, ווען זיי האָבן זיך אַרומגעוואַשן און פאַרקעמט, אויסגע־שמירט זיך די האָר מיט נאַפט, האָבן זיי זיך געאיילט צום דאָרפֿס־פּלאַץ, כדי צו ווייזן רחלען, ווי ריין זיי זענען.

אַממערסטן האָבן זיי זיך געוואַשן אין דער מקווה. די פֿאַרוואַלטערין פון דער מקווה איז געווען רוחמה, דעם „חכמס" ווייב. די מקווה איז געווען אַ קליין, פון צווייגן געפלאָכטןביידל, וואָס איז געשטאַנען אין עק פון דאָרף, הינטער אַ פעלז. אויסגעפלאָכטן האָבן עס די מענער אויפן פאַרלאַנג פונעם „חכם". דער אַריינגאַנג אין דער מקווה איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ זאַק. אין איר איז געשטאַנען אַ באַליע וואַסער וואָס מען האָט געביטן איין מאָל אין וואָך.

רחל האָט געפּרוּווט זיך קעגנשטעלן דעם מנהג, אָבער דער „חכם" און די מענער האָבן איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זי דאַרף זיך נישט מישן.

איינער פון זיי האָט איר אפילו געפּרוּווט זאָגן אין געבראָכענעם עברית: „את רוק!" אָבער זאָגנדיק דאָס איר, האָט ער פון איבעררעשונג אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געקוקט אין דער ערד אַריין. פילנדיק, אַז ער האָט זי באַליידיקט, האָט ער זי געלאָזט שטיין נישט פֿאַרענדיקנדיק דאָס געשפּרעך.

אויך אברהם, דער „חכם", איז נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַרן חכם פון דאָרף, אַזוי ווי מען האָט אים צוגעזאָגט אין שער־עליה. ער האָט אין איינער פון זיינע צוויי שטובן געמאַכט אַ שול. ער האָט דעם פּאָל צוגעדעקט מיט ראָגאָזשעס און אויף דער מזרח־וואַנט אויפגעהאַנגען אַ טאַוול, אויף וועלכן ער האָט מיט קרומע אותיות אויפגעצייכנט „יהוה". דאָס איז געווען די שול. קיין ספר־תורה האָבן זיי נישט געהאַט.

דאָס לעבן אין „נטור" איז פאַר זיי געווען פרייד און פחד גלייכצייטיק. זיי האָבן מיט זייער לעבנס־אינסטינקט זיך געקלאַמערט אינעם נייעם לעבנס־שטייגער פון אַ יידישן פּויער.

אָבער גאָר אַנדערש האָט זיך באַנומען זייער יוגנט. דאָ, אין די בערג, האָבן זיי זיך אָפּגעטרייסלט פון דער פֿאַרשמאַכטקייט. זיי האָבן געאָטעמט די טרוקענע, לויטערע באַרג־לופט און שנעל געלערנט דעם נייעם לעבנס־שטייגער.

מיטגעהאַלפן האָט זיי גדעון. גדעון, אַ הויך־וווּקסיקער בחור, מיט אַ לענגלעך

פּנים און געדיכט בלאָנדן קאָפּ האָר, האָט געשטאַמט פון פּתח־תקוה. דאָרט האָט געלעבט זיין משפּחה.

גדעון האָט געלערנט די יוגנט נישט נאָר ווי צו האַלטן אין זייערע קורצע און דיקע פינגער די קרייד. ער האָט זיי געלערנט און זיי האָבן געשריבן אויף דעם שוואַרצן טאָוול שיף־קרומע, צעצויגענע אותיות פון אַלף־בית און איינס, צוויי. ער האָט זיי אויך געלערנט ווי אַזוי צו לעבן. ער האָט יעדעס קינד, וואָס איז נאָר געקומען צו אים אין שול, אין גרויסן שוועדישן באַראַק, געלערנט, ווי מען וואַשט זיך מיט זייף, ווי מען ווישט זיך אַרום מיט אַ האַנטעך און ווי אַזוי מען עסט מיטן עסצייג. ער האָט זיי געלערנט, אַז די האָר אויפן קאָפּ דאַרפן זיין צוגעקעמט, אַז די הויזן דאַרפן זיין פאַרקנעפּלט, אַז מענטשלעכע באַדערפענישן דאַרף מען נישט טאָן אין אָנוועזנהייט פון אַנדערע.

פּאַר זיין געלט האָט ער געקויפט זייף מיט האַנטעכער און די קינדער זענען פון אים נישט אָפּגעטרעטן. אפילו ווען אַ טאַטע אָדער מאַמע האָט וועמען פון די קינדער אָנגעשלאָגן, זענען זיי געלאָפן צו גדעונען.

גדעון, וואָס איז אין זיין פרייער צייט געלעגן אויף זיין פעלד־בעטל מיט אַ בוך אין האַנט, האָט תמיד געהאַט אַ פּאָר גוטע ווערטער פאַר זיי.

די עלטערן האָבן זיך נישט געוואַגט אים אַנטקעגנצושטעלן, אָבער אָפט האָט אַ טאַטע אים אָנגעקוקט מיט אַ בייזן בליק. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז זייערע אונטערגעוואַקסענע זין זאָלן מיט זיי אַרויס צו דער אַרבעט.

גדעון, נישט וועלנדיק איינרייסן מיט די עלטערן, האָט זיך באַמיט פאַר־אינטערעסירן די עלטערן מיט זיין אַרבעט. יעדן שבת האָט ער זיי פאַרבעטן קומען אויפן דאַרפס־פּלאַץ, זיי זאָלן הערן, ווי די קינדער זינגען און זען ווי זיי מאַכן גימנאַסטיק.

אָבער נישט זעלטן האָט פּאַסירט, אַז בשעת דער גימנאַסטיק האָט אַ מאַמע געוואָרפן אַ שטיין איר זון, וואָס האָט נישט געוואָלט גיין איינשטילן ס׳קלענערע קינד, וואָס האָט געוויינט.

אויך דער „חכם״ איז נישט געווען צופרידן, וואָס די יוגנט גייט צו גדעונען. אַז גדעון זאָל נישט וויסן, האָט ער אונטערגעהעצט די עלטערן, אַז זיי זאָלן נעמען די קינדער צו דער אַרבעט.

גדעון האָט טאַקע דערוויטערט די קינדער פון די עלטערן. יעדעס אונטער־געוואַקסן קינד האָט געטראַכט: דער טאַטע ווייסט נישט!

אָבער אויך די מתישבים אין „נטור״ האָבן געוואָלט וואָס מער וויסן. ספּע־ציעל האָט זיי געלאָקט דער לאַסט־אויטאָ אין דאָרף.

פון רפאלן, דעם שאָפער, זענען זיי נישט אָפּגעטרעטן. יעדע פרייע מינוט זענען זיי געשטאַנען אַרום אים — געקוקט, ווי ער מאָנטירט אַ ראָד אָדער פּוצט דעם קאַרבאַראַטאָר. די קינדער זענען געווען גליקלעך, ווען ער האָט זיי געהייסן וואַשן דעם אויטאָ.

די עלטערן האָבן זיך נישט געוואַגט דערנענטערן צום אויטאָ. זיי זענען אים

אַרומגעגאַנגען פון ווייטנס ווי עפּעס אַ כישוף. פאַרבייגייענדיק דעם אויטאָ, האָבן זיי זיך אומגעקוקט, צי ער לויפט זיי נישט נאָך. די גייענדיקע מאַשין האָט זיי נישט געשראָקן. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי רפאל, דאָס קליינע, דאַרע יידל, וועלכן עס פעלט די לינקע זייט גאַמבע (צוליב וואָס ער האָט אויסגעזען קלענער, ווי ער איז געווען) פירט אַזאַ גרויסע מאַשין.

אָבער אין איינעם אַ טאָג איז געקומען צו שאולן אַ באַפעל פון שטאַט, אַז יעקב בן יצחק דאַרף זיך אין אַ חודש אַרום שטעלן צו די זעלנער. די געשעעניש האָט אויף אַ צייט אָפּגעלענט זייער אינטערעס צום אויטאָ. דער פאַקט, אַז אַ זון פון דאָרף וועט פאַרלאָזן די היים, גיין אין דער פרעמד ווערן אַ יידישער זעלנער, האָט זיי שטאַרק באַשעפטיקט.

ווי נאָר צוויי פון זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן, האָבן זיי איבערגערעדט, געפּרוווט זיך פאַרשטעלן די געשעעניש; ווו גייט יעקב? וואָס וועט מיט אים פּאַסירן? ווען וועט ער צוריק אַהיימקומען?

# ג

די ערד אַרום די הייזער פון „נטור" איז כסדר גרינער געוואָרן. פונעם זון־אויפגאַנג ביזן פאַרגיין זענען די מתישבים געלעגן אויף איר און געריסן פון איר יעדן שטיק.

די ערד האָט אויפגעלעבט. זי איז שוין פונאַנדערגעטיילט אין בייטן. די בייטן האָבן אויסגעזען קרום. זייערע עקן זענען געווען נאָך אויפגעהויבן, די מיטנס איינגעפאַלן.

פון דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן אויסגעזעצט די ערשטע געוויקסן, זענען די באַרג־יידן נישט אָפּגעטראָטן פון דער ערד. יונג און אַלט האָט ביז אין דער נאַכט אַרויין זיך געפּאָרעט אַרום זייער ערד. ווי בינען אַרום בלומען אַזוי האָבן זיי אין בלעכן און טעפּ געשלעפּט וואַסער פאַר די פלאַנצן און זיי געהיטן. זיי האָבן געוואָלט זען, ווי די שמאָלע, דינע גרעזלעך וואַקסן. וועלנדיק פאַרהיטן זייערע פלאַנצן, האָט יעדער געוואָלט זיך אָפּצוימען זיין שטיקל ערד. מיט אַ מאָל האָבן אַלע גענומען אויפשטעלן פלויטן פון די אויסגעריסענע פון דער ערד שטיינער.

אָבער ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו דער אַרבעט, האָט שרגא זיי אָפּגעשטעלט די אַרבעט. אין איינעם פון די טעג האָט ער זיי צונויפגערופן אויפן דאָרפס־פלאַץ און זיי צוּוויסן געטאָן: „פון מאָרגן אָן וועט מען אַרבעטן אויסערן דאָרף, אין די בערג".

די מתישבים, דערהערנדיק שרגאס פאַרלאַנג, זענען געבליבן אָן לשון. זיי איז באַפאַלן אַ שרעק: וואָס וועט ווערן מיט זייער ערד? זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז די בייטן אַרום זייערע הייזער איז זייער ערד. פון

איבערראַשונג האָבן זיי אויפגעריסן זייערע מיילער און אויסגעשטאַמלט נאָר איין וואָרט: ה—ע—ע—?!

שרגא האָט פאַרשטאַנען זייער פראַגע:

„די ערד אַרום אייערע הייזער זענען נאָר אייערע גערטנער", — האָט ער זיי געענטפערט — אייער ערד געפינט זיך אין די בערג.

פון איבערראַשונג, אַז זיי וועלן באַקומען נאָך ערד, זענען זיי ווי געליימט געוואָרן. זייערע אויגן זענען פון דערשטוינונג ווילד געלאָפן, געקוקט, כאָטש די נאַכט האָט זיך שוין פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער סביבה.

גייענדיק אַהיים, זענען זיי געגאַנגען מיט שווערע, צעוויגטע טריט, ווי מענטשן וואָס גייען אויף בערג.

ווי נאָר דער טאָג האָט געגרויט, זענען זיך אַלע צונויפגעקומען אויפן דאָרפס־פּלאַץ. באַוואָפנט מיט טוריעס, קילאָפן, מיט פולע טאַשן עסן, האָט די מחנה געריקט פון אָרט.

פאָרויס איז געגאַנגען שרגא, הינטער אים די מתישבים.

אָנקומענדיק אינעם טאָל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט פעלזן־ווענט, זענען זיי געבליבן שטיין אָן אָטעם. די אור־קראַפט פון דורות האָט אויף זיי אַ ווייַע געטאָן. די נאַטור־שטילקייט איז געווען אויסגעשפּרייט.

שרגא האָט מיטן אָרבל זיך אַרומגעווישט די גרויסע שווייס־טראָפּנס, וואָס האָבן זיך אים אָפּגעזעצט אויפן שטערן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און געשוויגן, באַוואונדערט די פּרעכטיקע שטילקייט.

ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטאָן: „חברה, צו דער אַרבעט!"

ווי זיי זאָלן נישט וועלן שטערן די שטילקייט, האָבן אויך זיי גענומען זיך לאַנגזאַם באַוועגן.

איבער דער סביבה האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג פון אָן אָנגעשלאָגענעם אייזן אין פעלז.

די באַפעלקערונג פון „נטור" איז באַשטאַנען פון צוויי „חמולות". צו איין „חמולה" האָבן געהערט די אַמאָליקע פעדלער פון „זעק". זייער פירער איז געווען באַבלי.

באַבלי איז געווען מיטלוווקסיק, ברייטבייניק, מיט טיף אַרייַנגעזעצטע קליינע אויגן, וואָס זענען ווילד געלאָפן. זיין ווייב איז געווען מלכה.

זי איז געווען אַ הויכע, געזונטע פרוי מיט אַ קיילעכיק, פול פּנים, וואָס האָט געשיינט מיט מוטערלעכער האַרציקייט. זי האָט באַבלין געבוירן צען קינדער. אַלע זענען געבליבן לעבן. מלכה איז געווען שטאָלץ אויף גאָטס מתנה.

אָבער באַבלי איז נישט נאָר געווען אַ טאַטע פון צען קינדער. ער איז אויך געווען אַ סוחר און געוווסט צו באַשטיין אויף זיינס. זייענדיק אין „זעק" האָט ער פאַרקויפט עס־בוימל אין די אַרומיקע דערפער. דער האַנדל האָט אים אַריינגע־

טראָגן מער, ווי די אַנדערע יידן אין „זעק". אויך דאָ האָט ער נישט פאַרנאַכלעסיקט זיינע פעיִקייטן.

אין „נטור" האָט ער זיך אַליין באַשטימט אַלס אויפזעער פונעם געווער. די צוויי און פערציק ביקסן האָבן לויט דער פאַרשריפט געדאַרפט זיך געפינען אין דעם געווער־מאַגאַזין, וואָס איז געווען אונטער שרגאס אויפזיכט; די מתישבים האָבן אָבער געהאַלטן די ביקסן ביי זיך אין שטוב.

באַבלי האָט קאָנטראָלירט, צי די ביקסן ווערן געהיטן.

איבער דער צווייטער „חמולה", די בעל־מלאכהס, האָט געהערשט יסחוק. יסחוק, אַ הויכער, שטאַרקער פאַרשוין מיט אַ קנאָכיק פּנים און מיט אַ גרויסער, פליישיקער נאָז, קורצע שטאַרקע הענט און לאַנגע פיס און געלע געדיכטע האָר. איבער זיין פּנים איז געווען פונאַנדערגעשפּרייט אַ טעמפּקייט. פונעם אָנבליק איז זיין אויסזען געווען ענלעך צו אַן אָקס.

ער איז פון פאַך געווען אַ מויערער. אין די בערג פון קורדיסטאַן האָט ער אויסגעקלאַפּט די ווינ־לעכער. יסחוק האָט געהאַט צוויי ווייבער און זעכצן קינדער, פון דער ערשטער — ניין, פון דער צווייטער, דער יינגערער, — זיבן קינדער.

סולטאַנאַ, זיין עלטער ווייב, אַ נידעריקע, צעגאָסענע פרוי מיט אַ דיקן בויך און אַראָפּגעהענגענדע דיקע ברוסטן, איז געווען כמעט אין זיין עלטער.

נגיה, זיין צווייטע ווייב, איז געווען מיט פופצן יאָר יינגער פון אים. אין פאַרגלייך צו אים און סולאַטאַנען איז זי געווען רירעוודיק, באַחנט. אַ שוואַרצער לאָק איז איר כסדר אַראָפּגעהאָנגען פון אונטערן טיכל.

אויף יסחוקס ביקס האָט אויפגעפּאַסט נגיה. די ביקס איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון איר בעט. דאָס האָט נישט פאַרטראָגן סולטאַנאַ. זי האָט אין דעם געזען אַ גרינגשעצונג פון אירע פליכטן. זי האָט זיך כסדר געקלאָגט פאַר רחלען. זי האָט געמאָנט אירע רעכט, אַלס יסחוקס ערשטע פרוי.

אין איינעם פון די אָוונטן האָט רחל באַשלאָסן אַריינגיין צו יסחוקן. ווי נאָר זי האָט איבערגעטרעטן זיין שוועל, האָט יסחוק זי אָנגעקוקט איבערראַשט. זיין טיפע באַס־שטימע האָט אויסגערופן: ברוך הבא! רחל האָט אים געענטפערט: תהיו ברוכים! און זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט. יסחוק האָט איר אונטערגעטראָגן נאָך אַ שטרוי־זאַק.

רחל האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב און זיך אַ ווענד געטאָן צו יסחוקן שטאַמלענדיק פון אויפרעגונג: „ווו האַלט איר די ביקס?"

ביידע ווייבער האָבן זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

יסחוק האָט זי אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ מיט אַ שפּאָטישן בליק און איר געענטפערט מיט האַרטע ווערטער: „גיי צו דיינע טעפּ!"

רחל איז רויט געוואָרן. זי האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם. אַ צעטומלטע, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויס פון שטוב.

דאָס דאָרף איז כסדר געוואָרן איינהייטלעכער. די משפחות האָבן זיך לאַנגזאַם איינגעלעבט אינעם אַרבעטס־שטייגער. אָבער די קנאה פון די „חמולות" איז געוואָרן

שטאַרקער. יעדע גרופּע, די בעל־מלאכהס און די פּעדלערס האָבן זיך באַמיט באַקומען די איבערמאַכט איבער דער אַנדערער.

נאָר ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג, ווען יעקב האָט געדאַרפט גיין צו די זעלנער, האָט די עדה אין „נטור" זיך פאַראייניקט. דעם מיטוואָך איז קיינער אין דאָרף נישט אַרויס צו דער אַרבעט. גאַנץ פרי איז באַבלי אַריין צו יסחוקן. שוין אויף דער שוועל האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: „הודאַעי גאַבאַצעילו בראַנאַך גאַבאַראַלעי" (יידן זענען גבורים, דיין זון איז אַ גבור).

„אַ ה מ ע ן !" האָט אים יסחוק געענטפערט און אים דערלאַנגט דאָס פלעשל אַראַק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

באַבלי האָט אַ פאַרוואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויפן הינטן — אַ זשלאָק געטאָן פונעם פלעשל.

יסחוק האָט אַ שריי געטאָן: „יעקב"!

יעקב איז אַריין אין שטוב. באַבלי האָט אים דערלאַנגט ס'פלעשל.

יעקבס אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן פון פרייד. דאָס ערשטע מאָל האָט ער איצט געטרונקען צוזאַמען מיטן פאָטער, ווי אַ מאַן. אויך ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן, ווי באַבלי און אויסגעטרונקען דעם רעשט. פון זיין צעגליטער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער ה אַ אַ !

יעקב האָט דאָס ליידיקע פלעשל אַריינגעוואָרפן אין בעט.

באַבלי האָט זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן: „אידאַמון!" (קומט).

די דריי זענען אַרויס פון שטוב. זיי זענען געגאַנגען אין שול אַריין. אין שול האָבן שוין אויף זיי געוואַרט אַלע מענער פון דאָרף. אין דרויסן זענען געשטאַנען אַלע ווייבער און קינדער.

ווי נאָר יעקב איז איבערגעטרעטן די שוועל פון דער שול, האָבן אַלע אין איינעם אויסגעשריגן: אָט איז ער! און געוויזן אויף אים מיט די פינגער.

יעקב איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטער. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַלע אין דאָרף וועלן קומען מיט אים זיך געזעגענען.

דער „חכם" איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ פונאַנדערגעשפּרייטן טלית אין די הענט. צעפירנדיק די הענט, האָט דער „חכם" אַ פאַרוואָרף געטאָן דעם טלית איבער יעקבס אַקסלען.

יעקב איז געבליבן שטיין ווי אַ סטאַטוע.

דער „חכם" האָט צונויפגעצויגן די ליפּן און ברעמען. זיין פּנים, אויסגעשמיסן פון זון און ווינט, האָט אויסגעזען ווי פאַרטראַכט.

אַ צעפלאַטערטע שטילקייט האָט דעם שול־רוים אויסגעפילט מיט אימה. מיט אַ מאָל האָט דער „חכם" אָנגעבלאָזן זיינע באַקן ווי אַ פּויק און אַ זאָג געטאָן מיט זיין באַס־שטימע: זאָלסט זיין אַ ייד און אַ זעלנער!

די פאַרזאַמלטע יידן האָבן אים געענטפערט הילכיק: אַ ה מ ע ן !

יסחוק האָט ווידער שטאַר אָנגעקוקט זיין זון און אים אַ זאָג געטאָן: „אידאַ"! (קום).

יעקב האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם טלית און אים דערלאַנגט דעם „חכם״. איילִיק האָט ער גענומען ס׳פּעקל עסן און זיך געלאָזט גיין נאָכן פֿאָטער. די באַרג־יידן נאָך אים.

די לופט פון דרויסן האָט זיי אָפּגעפרישט. אויף דער גאַס האָבן זיי זיך באַפרייט פון דער אימה, וואָס האָט זיי אַרומגענומען אין דער שול. דער מילדער מאַרגן־ווינט האָט געגלעט זייערע פּנימער, איבער וועלכע עס איז געווען אויסגעגאָסן צופרידנקייט און שטאָלץ. גייענדיק, האָבן זיי זיך געוויגט ווי באַרג־מענטשן, אָבער זייערע טריט זענען געווען שטאַרקע און זיכערע. נאָך זיי איז נאָכגעלאָפן אַ כאָפּטע קינדער, וואָס האָבן פריידיק געפּאַטשט מיט די הענט. די ווייבער מיט פאַרשאַרצטע איבער די קני׳ען קליידער זענען אין אַ האַלב־ראָד נאָכגעגאַנגען די מענער און האָבן געיובלט און געשריגן: לו—לו—לו! און באַוואָרפן יעקבן מיט גרינע בלעטער און ערד־ניסלעך. די ווילד־צעלאָזטע קינדער האָבן מיט אַ געפּילדער זיך געטשאָרעט אויף דער ערד — געכאַפּט די ערד־ניסלעך.

די טרוקענע באַרג־לויטערקייט האָט פונאַנדערגעטראָגן דעם רעש איבער דער סביבה. רפאל איז אין אַנגעצונדענעם אויטאָ געזעסן גרייט ביים טויער.

יעקב האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאַטערס האַנט — אים אַ קוש געטאָן און אַרויפגעשפרונגען אויפן אויטאָ. די אָפענע מיילער פון די מענער האָבן אַ הילך געטאָן: גאָט זאָל דיר היטן!

די ווייבער האָבן אים נאָכגעשיקט האַנט־קושן.

ווי לאַנג די באַרג־יידן האָבן געזען דעם אויטאָ, זענען זיי געשטאַנען אין פעלד און אים נאָכגעקוקט. ווען ער איז זיי נעלם געוואָרן, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צוריק אין דאָרף אַריין, אַהיימגעפירט יסחוקן. זייערע טריט זענען איצט געווען אָפּגעלאָזענע, ווי ביי אויסגעשפּאַנטע פערד. ווען זיי זענען צוגעקומען צו יסחוקס הויז האָט דער „חכם״ זיך גלייך אַוועקגעזעצט אין דער זייט אויף אַ שטיין. די ברייטע, קנאָכיקע יידן זענען געבליבן שטיין מיט אויסגעצויגענע העלדזער.

יסחוק האָט דערלאַנגט כיבוד. אָפענע פלעשער אַראַק, וואָס זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. יעדער ייד האָט אַ זשלאָקע געטאָן פון דער משקה און פאַרביסן מיט אַ שטיק האַרבן רעטעך. די קינדער מיט די ווייבער האָבן זיך צוגעקוקט פון ווייטנס.

די יידן פון „נטור״ האָבן ווידער זיך איינגעשפּאַנט אין זייער פראַצע. טאָג נאָך טאָג זענען זיי געגאַנגען אין די בערג און עקשנותדיק געריסן די פעלזן פון דער ערד. זיי האָבן זייער ביסן אויסגעהאָרעוועט מיט מי און שוויס.

ווען קיין „נטור״ זענען אָנגעקומען צוויי פרעמדע פון שטאָט, איז דער אַרבעטס־טעמפּאָ אין דאָרף איבערגעהאַקט געוואָרן.

די באַרג־יידן, דערוויסנדיק זיך דורך שרגאן צוליב וואָס די „פרעמדע״ זענען געקומען קיין „נטור״, האָבן זיי אויפגעציטערט פון זאָרג. ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי געשטאַנען אַרום שרגאן מיט איבערגעשראָקענע אויגן. פון אומ־

באַהאַלפנקייט האָבן זיי נישט באַגריפן, וואָס עס דאַרף פּאַרקומען, אָבער מיט זייער אינסטינקט האָבן זיי געפילט, אַז מאָרגן אַנטשיידט זיך זייער גורל.

דער נידעריקער ירושלימער ייד אינעם גרויען אַנצוג, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטאַרט אַ פאַרקיילעכדיקט בייכל און וועלכער האָט געטראָגן גאָלד־גערעמטע ברילן, האָט אַן אויפהער באַטראַכט די באַרג־יידן. מיט פאַרוווּנדערונג האָט ער געפרעגט דעם הויכן, דאַרן ייד, וואָס איז געווען אַנגעטאָן אין כאַקי־בגדים: „זיי וועלן זיין די ערד־אַרבעטער"?

דער, אויף וועמענס לענגלעך פּנים איז אויסגעגאָסן געווען יאָך, האָט אים געענטפערט מיט אַן מעלאַנכאָלישן בליק.

אויך צומאָרגנס זענען די באַרג־יידן נישט אַרויס צו דער אַרבעט. זיי האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט אויפן דאָרפס־פּלאַץ און פאַרחלומט, טעמפּ, שווייגנדיק געוואַרט.

די זון איז אַרויסגעקומען פון איבער די בערג. די לופט איז שוין געווען אָנגעגליט. די צוויי יידן זענען אויך אָנגעקומען. די צוויי פרעמדע האָבן זיך געזעצט ביים טישל, וואָס איז פאַר זיי געווען צוגעגרייט אונטער דעם שקמה־בוים; די באַרג־יידן האָבן זיך אַ וויג געטאָן. ווי צונויפגעזאַמלטע שאָף ערב אַ געפאַר, זענען זיי שטומערהייט געשטאַנען ביים טישל.

דער הויכער, דאַרער ייד האָט אַרויפגעלייגט אויפן טישל אַ היטל אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען צוויי און פערציק צונויפגעדרייטע צעטלען. די באַרג־יידן האָבן אויף דעם היטל געקוקט מיט שרעק, ווי אויף אַ בייזן כישוף. זיי האָבן נאָך אַלץ נישט באַגריפן, וואָס מיט זיי דאַרף פאַסירן.

די ווייבער מיטן קליינוואַרג אויף די אָרעמס, אַרומגערינגלט מיט די גרעסערע קינדער, זענען געשטאַנען אין אַ באַזונדערער מחנה אַנטקעגן די מענער און פון שרעק געמורמלט: אֶלהאַ ראַבאַ! (גרויסער גאָט).

דער הויכער, דאַרער ייד האָט איבערן טיש פונאַנדערגעשפּרייט אַ מאַפּע, וואָס איז געווען פונאַנדערגעטיילט מיט רויטע שטריכן אין פאַרשיידן־פאָרמיקע קעסטלעך. יעדעס קעסטל האָט געהאַט אַ נומער. דער פרעמדער אין גרויען אַנצוג איז ווייטער געזעסן און באַטראַכט די באַרג־יידן.

דער הויכער, דאַרער ייד האָט זיי אָנגעקוקט און זיי אַ זאָג געטאָן: „יעדער דאַרף אַרויסציען אַ צעטל פונעם היטל"!

„אַ וואָיע אַ—ה—ה—ה! האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע ברייטע ברוסטן, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

שאול איז פון אָנפאַנג געשטאַנען אין דער זייט. דערנאָך האָט ער זיך צוגע־רוקט צום טיש און אַ זאָג געטאָן צו די „ירושלימער": „איך וועל זיי אויפקלערן". ער האָט זיך געוואַנדן צו זיי און געזאָגט: יעדער דאַרף פון היטל אַרויסציען אַ צעטל.

דערהערנדיק זייער לשון, האָבן זיי זיך אַ ריר געטאָן, ווי אַ נײַ לעבן וואָלט אין זיי אַרײַן, אָבער נעמען דאָס צעטל איז יעדער געגאַנגען אָן חשק.

יעדער פון זיי, אַרײַנטוענדיק די האַנט אינעם היטל, האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט אַרײַנגעטאָן די האַנט אין פײַער. אַרויסציִענדיק דאָס צעטל איז יעדער איינער געבליבן שטיין אַ צעשראָקענער און באַטראַכט זײַן נומער. קיינער פון זיי האָט נישט באַגריפן, וואָס זײַן נומער באַדײַט.

ווען אַלע האָבן שוין געהאַט די צעטלען אין האַנט, האָט דער הויכער פרעמדער זיך אַ ווענד געטאָן צו די באַרג־ייִדן: „יעדער נאָך דער ריי וועט זאָגן זײַן נאָמען און נומער, מען זאָל קענען אויף אים פאַרשרייבן צען דונאָם ערד".

שאול האָט זיי פאַרטײַטשט די ווערטער.

קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין פאַמיליע־נאָמען. יעדער פון זיי האָט זיך גערופן מיט זײַן אייגענעם און דעם פאָטערס נאָמען. שאול, וועלנדיק פאַרמײַדן אַ טעות, האָט יעדערן געהייסן צו זײַן נאָמען צוגעבן די „חמולה", צו וועלכער ער געהערט.

יעדער באַרג־ייִד האָט מיט אויפגעריסענע אויגן איבערגעגעבן דעם הויכן, דאַרן ייִד זײַנע משפחה־פּרטים, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, וויפל און ווו ער האָט באַקומען ערד.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך דערוווּסט ביי שרגאן, ווו זײַן ערד ליגט, איז געווען באַבלי. ער האָט געוווּסט, אַז זײַן ערד ליגט אויפן שפּיץ פון באַרג.

די עדה פּויערים איז איצט געווען פונאַנדערגעטיילט אין דריי גרופּעס. די שטאַרקסטע גרופּע האָט געריסן פון דער ערד די פעלזן. די צווייטע, די מיטל־מעסיקע, האָט איבערגעגראָבן די ערד. די דריטע גרופּע, די עלטערע, האָבן געלייגט טאַראַסן פון די אויסגעריסענע שטיינער.

קיינער האָט זיך נישט געשוינט. אַלע זענען געלעגן אין די פעלדער און געהאָרעוועט פון פרימאָרגן ביז אין דער נאַכט אַרײַן. מיט די גערטנער אַרום די הײַזער — דאָס שטיקל ערד, פאַרזעצט מיט ציבל און קנאָבל, האָבן זיך פאַרנומען די ווײַבער.

שאול האָט אויפגעפּאַסט אויף דער אַרבעט. ער האָט ביז איצט נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין דאָרף. די מענטשן האָבן זיך פאַר אים געהיטן כדי נישט דאַרפן צו אים אָנקומען נאָך מעדיצינישער הילף. איז ווער קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך געהיילט אַליין. זייערע פּאָפּולערע רפואות זענען געווען: אויסרײַבן דעם קערפּער מיט נאַפט, אַ סיראָפּ פון קרײַטעכצער, וואָס זיי האָבן צונויפגענומען אין די בערג און זיי פאַרקאָכט. ביי שווערע פאַלן, ווי אָטעם־מאַנגל, האָבן זיי געלאָזט בלוט דעם קראַנקן. קינדער אין די בלויזע העמדער און ווײַבער מיט פאַרשאַרצטע ביז איבער די קני קליידער, האָבן זיך געפּאָרעט ביי זייערע בייטן. זיי האָבן געוואַסערט און געפּלעוועט — געצערטלט יעדע פלאַנץ ווי אַ קינד.

די מענטשן האָבן פאַר זייער אַרבעט באַקומען טאָג־לוין ווי געדונגענע אַרבעטער, אָבער זייער געפיל איז געווען, אַז זיי אַרבעטן פאַר זיך. זייער פּראַצע איז

געווען שפּאָר און אָנזעעוודיק. פון טאָג צו טאָג האָבן זיך געמערט די אָפּגערייניקטע פון שטיינער שטיקער ערד. די אָפּגערייניקטע און אויסגעגלייכטע ערד האָט פון ווייטנס אויסגעזען ווי אינדזלען צווישן די בערג.

שרגא, וועלנדיק זיי אַריינפירן אינעם לעבנס־שטייגער פונעם לאַנד האָט זיי געהייסן אויסקלייבן אַ „מוכטאַר״.

שבת פאַרמיטאָג האָבן אַלע מענער זיך צונויפגעקומען ביי שרגאן. זיין צימער איז געווען איבערפולט. די שטימונג פון די פאַרזאַמלטע איז געווען אַ צעהיצטע. ביידע „חמולות״ האָבן געוואָלט, אַז דער מוכטאַר זאָל געוויילט ווערן פון זיי. אַלע האָבן געשוויגן. ביידע מחנות האָבן אָפּגעוואַרט די געלעגנהייט.

אָבער די געלעגנהייט איז נישט געקומען.

שאול, וועלנדיק איבעררייסן די פאַרעקשנטע שטילקייט, האָט אַ הויב געטאָן זיין האַנט און אַ זאָג געטאָן: איך שלאָג פאָר בנימינען.

בנימין איז געווען נידעריק און דיק, כמעט קיילעכיק, געהאַט אַ גוטמוטיקן פּנים. פון פאַך איז ער געווען אַ שוסטער. די פאַרזאַמלטע האָבן אים אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

אָבער דער „חכם״, וועלכער איז געזעסן אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פּיס און געהאַלטן די גאַמבע אָנגעלענט אויף דער אונטערגעלייגטער פויסט, האָט דערהערנדיק שאולס פאָרשלאָג, אויפגעהויבן זיין קאָפּ. זיינע דיקע ברעמען זענען איינגעשרומפּן געוואָרן. ער האָט זיך געוואָנדן צו די פאַרזאַמלטע: „באַבלי העוואַי סאַרדאַי!״ (באַבלי דאַרף זיין דער מוכטאַר). זיין טאָן איז געווען באַפעלעריש. אַ קוק טוענדיק אויף באַבלין, האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן: „כעקי״ (רעד).

באַבלי האָט זיך אַרומגעווישט מיטן צונג און מיט ביידע הענט די ליפּן, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געענדיקט עסן. אויסשטרעקנדיק די ברוסט, האָט ער הילכיק אַ פרעג געטאָן: וואָס זאָגט איר? אָבער אין מאָמענט האָט ער אַ זאָג געטאָן נישט צום עצם ענין: אונדז וועט מען נישט היטן.

אין צימער איז אַנטשטאַנען אַן אונטערגעהיצטע שטילקייט. פון בושה האָבן די פאַרזאַמלטע אַראָפּגעלאָזן די קעפּ. די שמירה איז געווען זייער ווייטיק. אַפילו אין דער פרעמדער, אין קורדיסטאַן, האָבן זיי זיך אַליין געהיטן. פון בושה צו זיך אַליין, וואָס פרעמדע היטן זיי, האָבן זיי אַזש געקרעכצט.

באַבלי, אַ צעהיצטער, האָט אַ זעץ געטאָן אין טיש אַריין מיט אַ פאַרמאַכטער פויסט און אויסגעשריגן: די שומרים מוזן גיין.

די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע זענען נאָך טיפער אַראָפּגעזונקען און געבליבן הענגען איבער זייערע ברוסטן.

שוויגנדיק, האָט יעדערער פון זיי געטראַכט: „ער איז גערעכט״. ער האָט נישט קיין מורא צו רעדן. ער זאָגט דעם אמת אַפילו די אַשכנזים. זיין ערד ליגט אויפן שפּיץ באַרג און ער איז דער געווער־שומר.

אין צווישנצייט איז גרוימער געוואָרן אין צימער. די, וועלכע האָבן געהערט

צו דער קעגנערישער „חמולה״, האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגעשאַרט פון שטוב. אין צימער זענען נאָך געבליבן די צוואַנציק מענער פון באַבליס צד.

צוויי טעג שפּעטער האָט רפאל אויף זיין אויטאָ אַוועקגעפירט קיין ירושלים די דריי דאָרפס־שומרים.

קיינער אין דאָרף האָט זיי נישט באַגלייט. יסחוק אַליין איז געשטאַנען נישט ווייט פון טויער, ווען די שומרים זענען אָפּגעפאָרן פונעם דאָרף. ער האָט זיי נאָכגעשיקט אַ קללה: „קאַלבעי״ (הינט).

# ד

יעקב איז אָנגעקומען צו דער מחנה פאַרסאָפּעט, פאַרשוויצט, דערשראָקן. אַ נישט זיכערער האָט ער שטאַמלענדיק געפרעגט דעם שומר, וואָס האָט געהיטן דעם אַריינגאַנג: „דאָס איז דער לאַגער נומער דריי״? פון די באַוואָפנטע זעלנער האָט יעקב נישט אַראָפּגענומען זיין בליק. די אייזערנע קאַסקע אויף זייערע קעפּ האָט אים שטאַרק באַווירקט.

„יאָ, האָסט אַ רוף־באַפעל?״ האָט דער זעלנער געפרעגט יעקבן נישט אומ־קוקנדיק זיך אויף אים.

יעקב האָט פאַררוקט צווישן די פיס זיין פּעקל ברויט און פון העמדבוזעם אַרויסגענומען דאָס צעקנייטשטע און פאַרפעטסטע צעטל.

האַלטנדיק אין האַנט דאָס צעטל, פון וועלכן מען האָט שוין קוים געקענט אַראָפּלייענען דעם נאָמען, יעקב בן יצחק, האָט דער זעלנער אַ קוק געטאָן אויף יעקבן.

יעקב אין זיינע ברייטע, לייוונטענע הויזן, צעכראַשטשעטע העמד מיטן טורבאַן אויפן קאָפּ, האָט אויסגעזען נעבעכדיק. ספּעציעל געווירקט אויף אים האָבן זיינע שווערע, נישט פאַרשנורעטע, קיין מאָל נישט געפּוצטע שיך, וואָס זענען געווען אַ סך גרעסער ווי זיין מאָס.

דער זעלנער האָט יעקבן אָנגענומען ביים אַקסל און אים איבערגעפירט דורכן טויער. ווייזנדיק אים מיט דער האַנט אויף לינקס, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: „גיי דאָרט אַריין אין באַראַק נומער פינף!״

יעקב האָט געשטעלט טריט אין זיינע גרויסע, שווערע שיך, אָבער נישט געוווּסט, ווו אַריינצוגיין. זעענדיק אָבער, אַז אויך אַנדערע גייען דאָרט אַהין, איז ער זיי נאָכגעגאַנגען.

אַ הילכיק געשריי פון אַ באַראַק אַרויס: „דאָ״! — האָט אים פאַרהאַלטן.

יעקבס געשטאַלט האָט זיך אין אַ קורצער צייט געענדערט. זיין קאַלטן האָר איז געוואָרן אָפּגעשוירן, זיין פּנים — אַרומראַזירט. ער האָט אויף זיך געטראָגן אַ כאַקי־קאָמבינעזאָן און שיך צוגעפּאַסטע פאַר זיינע פיס, פאַרשנורט און געפּוצט.

זיינע ציווילע מלבושים זענען שוין געלעגן אין אַ זאַק אין מאַגאַזין. זיין זעקל ברויט, מיט וועלכן ער האָט זיך מורא געהאַט צו שיידן, איז שוין פון לאַנג געלעגן אין אָפּפאַל. דער סערזשאַנט האָט עס ביי אים צוגענומען כמעט מיט כוח, ווי נאָר ער איז צוגעקומען צום ערשטן טיש, וווּ מען האָט אים אָנגעהויבן רעגיסטרירן.

יעקב איז געווען געהאָרכזאַם. ער האָט געלייגט אַכט אויף יעדער קלייניקייט און האָט זיך באַמיט אַריינפּאַסן אין נייעם און פרעמדן פאַר אים שטייגער. ער האָט דאָ, אין דער מחנה, אָנגעהויבן זיין לעבן פון דאָסניי.

דער הויכער, אויסראַזירטער „רסג״, מיט זיינע פאַרשפּיצטע וואָנטעס, וואָס האָבן דערגרייכט ביז אונטער די אויגן, האָט יעקבן נישט אַראָפּגעלאָזט פון איבונגס־פּלאַץ. האַלטנדיק פאַרזשמורעט די אויגן, האָט ער אָן אויפהער געשריגן צו יעקבן מיט זיין געזונטן, טרוקענעם קול: „איינס! צוויי! איינס! צוויי!, אים געלערנט גיין אין אַ ריי.

אָבער ווען דער „רסג״ האָט אים אַ מאָל מיטגענומען קיין רמלה, ער זאָל אים העלפן טראָגן אַ שטויס מיליטער־אַקטן, איז יעקב געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג־טויער. יעקב האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, ווי אַזוי מען גייט אויף שטיגן. ער האָט אַ פרעג געטאָן דעם „רסג״: „צו וואָס נוצן די שטיינערנע בענקלעך?״

דער „רסג״ איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט, אָבער באַלד האָט ער אים גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן: „הייב די פיס און קום נאָך מיר!״.

אויף צום געקעכטס האָט זיך יעקב נישט געקענט צוגעוווינען. זיין מאָגן האָט נאָך נישט פאַרדייעט די געקאָכטע מאַכלים און דאָס פלייש, געבראָטן אין אייל. אים האָט אויסגעפעלט ס׳געבאַקענע אויפן פייער פלייש, וואָס איז פאַרזאַלצן און באַפּעפּערט. עסנדיק, האָט ער געקלאַפּט מיט די ציין, ווי ער זאָל מעלה־גרה זיין. ער האָט אָבער געלייגט אַכט, אַז זיינע טיש־מיטזיצער זאָלן עס נישט באַמערקן.

צו דער דיסציפּלין אין דער מחנה האָט ער זיך שנעל צוגעוווינט. ער האָט גערן געהאַט דעם מאָרגן־טרומפּייט, וואָס האָט אים געוועקט. בעסער נאָך האָט ער ליב געהאַט דעם אָוונט־אַפּעל. שטייענדיק צווישן די אויסגעשטעלטע זעלנער־קאָלומנעס, האָט ער געפילט, אַז אויך ער איז איינער פון אַ סך.

אין זיין פאַרקנעפּלטן מונדיר און פאַרצויגענעם פּאַסיק האָט ער זיך געפילט ווי געפּענטעט. אים איז שווער אָנגעקומען זיך ראַזירן. ער האָט זיך נישט געקענט צוגעוווינען צום ראַזיר־אַפּאַראַט. דאָס דינע מעסערל האָט ווי געקראַצט זיין באָרד. ער איז געוווינט געווען צו דער בריטווע, מיט וועלכער ער און זיין טאַטע האָבן זיך ראַזירט. ער האָט גערן געהאַט זי אויסשלייפן אויף אַ שטיין און זי אָנוועטשן אויף דעם פּאַסעק פון זיינע הויזן.

אָבער אין אַלגעמיין איז ער שוין געווען אַ זעלנער. זיינע זאַכן זענען שטענדיק געלעגן צונויפגעלייגט אין אַ פּירעק. זיין בעט איז געווען גלייך, ווי אַ טיש־בלאַט. זיינע עס־כלים האָבן געבלאַנקט פון ריינקייט. יעדן אָוונט האָט ער געוואַשן זיינע זאָקן און געפּוצט די שיך. ער איז געווען באַליבט אין זיין אָפּטיילונג. ספּעציעל האָט ער זיך אויסגעצייכנט אינעם שיסן. זיין אָדלער־בליק האָט שטענדיק געטראָפן

אינעם ציל. די ביקס איז פאַר אים געווען אַ הייליקייט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זי געגומען אין האַנט, האָט ער זי באַטאַפּט און באַטראַכט, ווי ער זאָל דאָס ערשטע מאָל זי האַלטן אין האַנט.

ווען ער האָט פון ווייטנס דערזען די מאַרשירנדע זעלנערקעס, האָט ער זיי באַטראַכט מיט אויפגעריסענע אויגן. פון כעס האָט ער זיי באַלד פאַרזשמורעט. זיין אונטערשטע ליפ האָט זיך לייכט געעפנט. אַן אויסדרוק פון שפּאָט איז געווען איינגעקריצט אין זיינע מויל־ווינקלען.

לאַנג איז ער אָבער נישט געשטאַנען. יעדעס מאָל האָט ער געקריצט מיט די ציין. אים האָט געשטיקט אין האַלדז. זיין מויל איז געווען פול שפּייעכץ. זיין גליענדיקער בליק האָט נישט גובר געווען דעם אָנבליק פון די מיידלעכס געטאָקטע פיס, וואָס האָבן שטראָם מאַרשירט. אַ דערציטערטער האָט ער געוואָרטשעט „נקבות!” און איז אַוועק מיט אַ שווערן טריט.

אויך מיט די שכנים פון זיין געצעלט איז ער געווען צונויפגעלעבט. די דריי בחורים, צוויי פון זיי הויכע, שלאַנקע ברונעטן מיט לענגלעכע פּנימער, האָבן געשטאַמט פון ירושלים. זיי האָבן צוזאַמען געענדיקט די גימנאַזיע. דער דריטער איז געווען נידעריקער פון זיי, ברוינהויטיק מיט העלע האָר. אַלע האָבן אים גערופן „דזשינדזשי”. ער האָט געשטאַמט פון רחובות, געווען אַ זון פון אַ פּרדסן.

אַלע דריי האָבן זיך באַמיט צו דערנענטערן זיך צו יעקבן און אים העלפן. אָפּט מאָל אין די אָוונטן האָבן אַלע פיר זיך פונאַנדערגעזעצט צווישן די בעטן. דעמאָלט האָט זייער געזאַנג פאַרהילכט די סביבה, באַגלייט מיט דער גאַרמאָשקע פונעם „דזשינדזשי”. זיי האָבן יעקבן אויך געהאָלפן מאַכן די לעקציעס. ער האָט שנעל געלערנט און שוין כמעט געלעזן פליסיק.

יעקב איז זיי געווען דאַנקבאַר. ער האָט זיך צו זיי צוגעבונדן, ווי אַ יונגער ברודער צו עלטערע. די פריינטשאַפט צווישן זיי האָט געשאַפן יעקבס דרייסטקייט.

ער האָט זיך באַפרייט פון דער אונטערטעניקייט, וואָס ער האָט געבראַכט פון דער היים. די פיזישע אָנשטרענגונג האָט געווירקט אויף אים גוט. ער איז געוואָרן שלאַנקער און האָט אויסגעזען העכער. זיין קנאָכיק פּנים איז איצט געווען פול און מענלעך. זיין בליק איז געוואָרן דורכדרינגלעכער, אָבער אויך גוטמוטיקער און געלאַסענער. זיין הויט־ברוינקייט איז איצט געווען ווי פון בראָנז.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען אַלע פיר זענען געזעסן פאַר דעם באַראַק און געוואַרט דער גלאָק זאָל זיי רופן צום אָוונטברויט, האָט אַ ירושלימער אים געפרעגט גוטהאַרציק: „האָסט אַ טאַטן?”

דאָס בלוט האָט יעקבן אַ זעץ געטאָן אין פּנים, אָבער ער איז זיצן געבליבן רויק.

באַלד דערויף האָט דער „דזשינדזשי” אים אַ פרעג געטאָן: „און אַ שיינע שוועסטער האָסטו?” און אַ ווונק געטאָן אים מיטן אויג.

„איך בין אַ קורדי”! — האָט יעקב שטאָלץ זיך צעשריגן. זיין בליק איז

געוואָרן טעמפּ. די נאָזלעכער האָבן אים געפּלאָטערט. מיט קעצישער געשווינדקייט האָט ער זיין פאַרביילטע פּויסט אַריינגעקלאַפּט דעם „דזשינדזשי" אין פּנים.

בלוט האָט אַ שפּראָץ געטאָן פון „דזשינזשינס" נאָז. די צוויי ירושלימער זענען געבליבן דערשיטערט, אָבער זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף ביידן און זיי צעשיידט. איינער האָט אייליק אַריינגעפירט דעם „דזשינדשי" אין באַראַק. דער צווייטער האָט אָנגעכאַפּט יעקבן ביי דער האַנט און אים גלייך אַוועקגעפירט. יעקב האָט געסאָפּעט, ווי אַ צעווילדעטער אָקס, אָבער ער האָט זיך געלאָזט פירן פון ירושלימער.

דאָס געשלעג איז שנעל פאַרגעסן געוואָרן. יעקבס רעאַגירן האָט אים נישט דערווייטערט פון די חברים. זיין פרימיטיווע האַרציקייט האָט אים נאָך מער דערנענטערט צו זיי.

זאב, וועלכער האָט געהערט צום פריערדיקן יאַרגאַנג, האָט זיך אויך דער־נענטערט צו יעקבן. זאב איז געווען איינער פון די דריי זעלנער, וואָס האָבן געלערנט די זעלנער־עולים עברית.

ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער שעה פון דער לעקציע, וואָס ער גיט די זעלנער. ער האָט געלערנט מיט יעקבן אַ צוגאָב־שעה. אָפט איז ער געקומען מיט אים אין לייען־זאַל און איז דאָרט ממשיך געווען די לערע. ער האָט אויך מיט אים געבלעטערט אילוסטרירטע צייטונגען און אים געגעבן צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון די בילדער.

יעקב האָט פון אים געלערנט מיט אָן אָפן מויל, פול אָנטציקונג.

אַלץ אַרום איז געווען פרעמד יעקבן. ער האָט געמוזט אַלץ לערנען און פאַר־שטיין. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט נישט צו בלייבן הינטערשטעליק.

ביינאַכט, ווען דער „קאַפּראַל" איז אַריין צו זיי אין באַראַק אָנקוקן די אויס־געסדרטע פּאָר די בעטן שיך, איז יעקב געלעגן אין בעט אָן איינגעקאָרטשעטער מיט פאַרהאַקטע ציין. ער האָט געזאָרגט, אַז אפשר וואָרפט דער „קאַפּראַל" אַרויס זיינע שיך פון דער ריי. ער האָט נישט געוואָלט זיך אָנטאָן אין קעגנוואָרט פון אַלע און פונדאָסניי פּוצן די שיך.

נאָר וואָשן זיך האָט ער גערן געהאָט. מיט פאַרגעניגן איז ער אַרונטער אונטערן טוש און דער וואַסער־שטראָם האָט געגלעט זיין מידן קערפּער, אָבער פּוצן די ציין איז פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. ער האָט געפילט אַן איבל, האַבנדיק אין מויל דאָס בערשטל מיט דער פּאַסטע.

וויפל ער האָט זיך באַמיט אויסצופירן אַלץ, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפ־געלייגט, האָט ער נישט באַוויזן. ער האָט געגעסן שטייענדיק און געשלונגען שנעל. אַ סך מאָל, ווען קיינער פלעגט נישט זען, האָט ער צוגעלייגט דאָס מויל צו דער שיסל און געגעסן.

ווי אין דער פרעמד, האָט יעקב זיך געשלייכט איבערן לאַגער, וואָס איז אויסגעשטעלט אונטער דער הייסער זון און די בערג־ווינטן.

כאָטש דער באַראַק, אין וועלכן ער האָט געוווינט, איז געווען אַ פּאַלאַץ אין

פאַרגליייך צו זיינע פריערדיקע וווינונגען, האָט ער געהאַט דאָס געפיל אַז זיין וווינונג איז אַ צייטווייליקע. די נעכט זענען פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. ווי אַ לונאַטיקער איז ער אַרומגעגאַנגען אין דער פינצטער צווישן די בנינים. ער איז געוווינט געווען אין די נעכט צו זיין פאַרשפּאַרט אין זיין וווין־הייל אין די בערג. דאָרט איז ער געלעגן צופוסנס פון איינעם פון די יינגערע ברידער, אַ פאַרבאַ־בלטער אין אַ דערע.

די נשמה איז אים אויסגעגאַנגען נאָך די מענטשן פון זיין עדה. זיי האָבן אים איצט אויסגעפּעלט. אין לאַגער, ווו ער איז געווען געצוווּנגען צו זיין וואַך אויף אַ באַפעל, גיין אין אַ ריי, קלעטערן און קריכן איבער בערג און טאָלן און זיין אין פולער זעלנער־אויסשטאַטונג, האָט ער געבענקט נאָך די זאָרגלאָזע צייטן פון אַמאָל. אין זיין מונדיר, זיינע געשנורטע שיך, אין די פאַטעס אַרום די פּיס, האָט ער זיך געפילט ווי אַ געפּענטעט פערד אויף אַ לאָנקע. ער האָט געבענקט צו קענען זיצן אויף דער ערד אַ באַרוועסער, די קני אונטערגעצויגן אונטערן בויך, זיין קאָפּ זאָל ליגן אָנגעלייגט אויף זיי אַן צו טראַכטן.

# ה

כאָטש די הייזער זענען נאָך געווען אויפגעדעקט, נאַקעט, אָן אַ ברעקל גרינס, וואָס זאָל זיי געבן שאָטן, האָט „נטור" שוין פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ דאָרף. דאָס לעבן אין דאָרף איז נאָך נישט געווען איינגעזעסן, אָבער די פּרעמדקייט איז מילדער געוואָרן. די מורא פאַר דחקות האָט ביי זיי נאָכגעלאָזט.

אין „נטור" האָט יעדערער געאַרבעט און זיך נישט געשראָקן פאַרן מאָרגן. ביי זיך אין דאָרף, צווישן יידן, האָט אויך זייער באַנעמען זיך געביטן. יעדער פון די באַרג־יידן האָט געוואָלט אָנגיין אַלס אַ פאַרשטענדלעכער בעל־הביתישער מענטש. ביי אַ סך פון זיי האָט זיך אַפילו געשאַפן דער ווילן זיך אַרויסרוקן, ווערן אָנגעזען.

ראובן, אַ שטאַמלדיקער און נידעריקער, מיט אַ קאַנטיקן פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט אַרויסגעזעצטע אויגן, האָט געפּרוּווט אַליין זיך באַשטימען אַלס כלים־מאַגאַזינער. יעדן אָוונט, נאָך דער אַרבעט, און אין דער פריי צו דער אַרבעט האָט ער צונויפגענומען און פונאַנדערגעטיילט די טוריעס און קילאָפּן צווישן די מענטשן.

דער פאַרהעלטנישמעסיק קלענערער פון אַלע אין דאָרף, יקום, וואָס האָט זיין קאָפּ אַריינגערוקט אין די אַקסלען און געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, האָט זיך באַמיט ווערן דער אָרדנער ביי שרגאַן, ווען ער האָט אויסגעצאָלט די מענטשן זייער לוין. יקום האָט געשיקט געקערעוועט די מענטשן, ווער און ווען זיי זאָלן גיין נעמען געלט.

באַבלי האָט זיך געהאַלטן פאַרן מוכטאַר, כאָטש ער איז נישט געווילט געוואָרן. ער האָט געהיטן די ריי פון דער שמירה, נישט געלאָזן אַ צווייטן, וואָס זאָל מיט אים קאָנקורירן.

דאָס לעבן אין דאָרף האָט געבראָיזט. יעדער טאַטע האָט געוואָלט, אַז זיין משפחה זאָל נישט בלייבן הינטערשטעליק.

דער צענטער פונעם דאָרף איז געווען דאָס קאָנסומהויז. דאָרט אַהין האָט רפאל געבראַנגט די פּראָוויאַנטן פון שטאָט. דאָרט האָבן די מתישבים איינגע־קויפט עסן.

קליגער, דער הויכער ייד מיטן שמאָלן פּנים און לאַנגער נאָז, האָט געהאַט אַ סך צו טאָן. זיינע פאַרזשמורעטע אויגן, וואָס האָבן תמיד אַריבערגעקוקט איבער זיינע פּענסנע, האָבן כסדר געשמייכלט. ער האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן, ווי די באַרוועסע ווייבער אין זייערע ברייטע, קאָלירטע קליידער שטייען צעקראַ־טשעטע מיט אויסגעשטופּטע בייכער און באַטראַכטן די פּאַליצעס מיט די זאַכן.

פון צייט צו צייט האָט ער צונויפגעקליבן אַ פּאָר ווייבער אַרום דעם קאַסע־טיש. זיין פּליך האָט דעמאָלט געגלאַנצט, ווי ער זאָל זיין אויסגעפּעטסט. ער איז געשטאַנען הינטערן קאַסע־טיש און דערקלערט די ווייבער: לאָקשן זענען פאַראַן פאַרשיידענע מינים, ברייטע און שמאָלע. ער האָט געעפענט די פּעקלעך און זיי געוויזן. מען שיט די לאָקשן אַריין אין קאָכעדיק, געזאַלצן וואַסער און זיי זענען שוין פאַרטיק צום עסן. לאָקשן זעטיקן ווי ברויט. אָבער זייער מעלה איז, אַז מען עסט זיי וואַרעמע. דערקלערנדיק די ווייבער, האָט ער זשעסטיקולירט מיט די הענט און אַזוי אַרום זיך אַרויסגעהאָלפן אינעם עברית, וואָס איז אים אָנגעקומען נאָך שווער.

ער האָט אויך געגעבן צו פאַרשטיין די ווייבער, וואָס אַזוינס עס איז סאָדע־וואַסער. די סאָדע אין „נטור" איז געווען וואַרעם, אָן אייז אָבער קליגער האָט זיי געלערנט, אַז סאָדע־וואַסער איז דעסטילירט און געזונט צום טרינקען, געזינטער ווי דער אַראַק, וואָס זייערע מענער טרינקען.

בשעת קליגער האָט גערעדט, האָבן די ווייבער זיך פאַרראַכטן זייערע לאַנגע האָר, זיי גערוקט אונטער די טיכלעך און דערשראָקן זיך אַרומגעקוקט, צי ווער פון די מענער הערט נישט, וואָס ער האָט געזאָגט.

ס'לעצטע מאָל, אַז ער האָט געענדיקט רעדן, האָט מרים, אַ קיילעכיקע, דיקע פרוי זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געענטפערט: „אַראַק איז שטאַרק און גיט כוח". „סוס" איז בעסער ווי סאָדע. ווי דערשראָקן פאַר איר חוצפּה, וואָס זי דערלויבט זיך רעדן, איז זי שנעל אַרויס פון דעם קאָנסומהויז.

שרגא, מיט אַראָפּגעלאָזטע איבער די לענדן הויזן, ווי זיי זאָלן אים אָט, אָט אַראָפּפאַלן, ס'היטל פאַררוקט אויף הינטן, איז געלאָפן פון דאָרף אין די בערג און פון די בערג אין דאָרף אַריין. ער האָט אויפגעפּאַסט די מאָגערע באַרג־ערד זאָל ווערן געהעריק באַאַרבעט.

די בייטן אַרום די הייזער האָבן צוגעגרייט די מענער, אָבער די גאַנצע אַרבעט

איז געלעגן אויף די ווייבער מיט די קינדער. ווי נאָר דער טאָג האָט זיך געשטעלט, ביז פינצטער, האָבן זיך געזען זייערע געבויגענע רוקנס, וואָס האָבן פון וויטנס אויסגעזען ווי אָנגעשיטע קופּעס ערד. אויף די בייטן האָט שוין געשפּראָצט גראָז. איבער דער באַרג־ערד האָבן זיך שוין געשלענגלט יונגע, גראַנאַטענע באַקלאַזשאַנען, דינע גרין־ברוינע אוגערקעס, שמאַלע, קרעם קוסעס, גרינע, אונטער־געבראָכענע ציבעלעס און קנאָבל־באַרעלעס. דער פאַרבן־קאָלאָריט האָט שוין געדעמט די הייזער און ווייכער געמאַכט די רויקייט פון אַרום.

אין די אָוונטן, נאָכן אַראָפּקומען פון דער הויף פון זייערע פעלדער, זענען די באַרג־יידן אַרומגעגאַנגען און באַטראַכט זייערע בייטן. פון פרייד האָבן זיי געזאָגט דעם ניקאָטין פון די זשמעניעס טאַבאַק, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אונטער דער צונג.

אָבער באַבלי, וואָס האָט געוואָלט אָנגיין אַלס דאָרפס־פאַרשטייער און תּקיף, האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט טאַבאַק. זיינע מעגלעכקייטן זענען געווען באַשרענקטע, ווי ביי יעדן ייד אין „נטור". ער האָט אָבער געמיינט, אַז ער דאַרף זיין אַנדערש ווי אַלע. ער האָט אין די בערג, אין אַ ווינקל פון צוויי פעלזן, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פאַר דורכגייער, אויפגעאַקערט אַ „פּרסה" ערד און פאַרזעצט אַ פּאָר שטענגלעך „קאַנאַבוס".

שרגא, וועלכער האָט שוין געקענט יעדעס ברעקל ערד אין דער סביבה, איז נישט איין מאָל דאָרט פאַרבייגעגאַנגען, אָבער ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די פלאַנצן. ער האָט נישט געקלערט, אַז עפּעס אַזעלכעס קען פּאַסירן. ווען די פלאַנצן זענען אָבער אונטערגעוואַקסן, און זייערע בלעטער זענען געוואָרן גרעסער און ברייטער, האָט ער דערזען, וואָס די קוסטעס זענען.

שרגא איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער. פון אויפרעגונג האָבן זיך אים די קניען געבראָכן. זיין אייביק פאַררוקט אויף הינטן היטל איז אים אַזש אַראָפּ־געפאַלן. אַן אויפגעבראַכטער האָט ער גלייך געוואָלט פאַרניכטן די פלאַנצן, אָבער ער האָט זיך באַהערשט. ער האָט באַשלאָסן דערגיין, ווער איז דער בעל־הבית פון די פלאַנצן.

לאַנג האָט ער נישט געדאַרפט וואַרטן. אין איינעם פון די אָוונטן, ווען ער איז געבליבן אַליין אין די בערג, און באַטראַכט דאָס שטיק ערד, וואָס די מענטשן פון „נטור" האָבן היינט אויסגעשטייניקט, האָט ער באַמערקט, ווי באַבלי פאַרעט זיך ביי די פלאַנצן און באַגיסט זיי פון אַ טשייניק, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דאָרף. דעם טשייניק האָט ער געהאַלטן פאַרשטעקט אַ גאַנצן טאָג צווישן די פעלזן.

אַן אויפגערעגטער האָט שרגא הילכיק אַ געשריי געטאָן: „באַבלי"! אַ גרויזאַמער ווידערקול האָט אָפּגעשלאָגן אין די פעלזן.

ביז באַבלי האָט באַוויזן צו זען, ווער עס רופט אים, איז שרגא שוין געשטאַנען נעבן אים.

ביידע האָבן געשוויגן, זיך אָנגעקוקט. מיט אַ מאָל האָט שרגא זיך אַ טרייסל

געטאָן ווי אַ שגעון וואָלט אים באַפאַלן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פלאַנצן מיט די פיס, זיי צעטרעטן.

באַבלי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געקוקט און געשוויגן. ווען שרגא האָט פאַרענדיקט די מלאכה, האָט ער בייז אַ זאָג געטאָן באַבלין: „קום!" ער איז געגאַנגען נישט אומקוקנדיק זיך אויף באַבלין. די זינקנדע איבער די בערג נאַכט האָט זיי באַגלייט.

באַבלי איז אַריין אין שטוב אַן אויפגערעגטער. ער האָט אפילו נישט געזאָגט „שלום". די אויפן פאָל זיצנדיקע קינדער האָבן פון אימה זיך צוגערוקט צו די ווענט.

מיט כעס האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס העמד. ער איז געבליבן שטיין אינעם „קאָמבאַז" און טורבאַן, ווי אַ צירק־קלאָון. טרייסלנדיק זיך פון כעס, איז ער געשטאַנען אין מיטן צימער און זיך געקראַצט זיין נאַקעטן קערפּער. זיינע אויגן זענען כסדר ווילדער און אויסגעגלאָצטער געוואָרן.

ווען זיין הויט איז שוין געווען רויט פון קראַצן, האָט ער פאַרקריצט די ציין און מיטן עלנבויגן אַ שטופּ געטאָן זיין ווייב מלכה, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים און זיך געפּאָרעט ביי אַ טאָפּ.

מלכה האָט פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט און איז אַרויפגעפאַלן אויף דער וואַנט. פאַלנדיק, האָט איר קלייד אַ לעש געטאָן דעם נאַכט־לאָמפּ. דאָס ליכט האָט אַ צאַנק געטאָן. זי האָט אָבער געשוויגן. זי האָט מיטן קלייד זיך אַרומגעווישט דאָס אויסגעשמירטע מיט קאַלך פּנים און ווידער זיך גענומען צום טאָפּ. זי האָט איבער־געקליבן שוואַרצע קאַשע.

ערשט איצט האָט באַבלי אַ שפּיי געטאָן אויפן פאָל און איז אַריין אין אַ צווייטן צימער. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן מאַטראַץ, וואָס איז געלעגן אין ווינקל אויפן פאָל, און זיך אַוועקגעלייגט אויף אים, אָבער נישט געשלאָפן. אים האָט געמאַטערט דער געדאַנק: וואָס וועט מיט אים איצט טאָן שרגא.

שרגא האָט שוין געקענט די מענטשן אין דאָרף. ער האָט געוווסט, אַז אויב דאָס דאָרף וועט זיך דערוויסן וועגן דעם ענין, וועלן זיך באַלד שאַפן צוויי צדדים, איין „חמולה" קעגן דער אַנדערער. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן צו פאַר־שוויגן דעם ענין.

אָבער באַבלי האָט נישט גערוט. ער האָט מורא געהאַט, אַז שרגא וועט וועלן נקמה נעמען אין אים. ער האָט ווייטער זיך געפירט ווי פריער. ער האָט איצט נישט נאָר געהיטן די ריי פון דער שמירה. ער האָט אויך פון יקומען איבערגענומען דאָס פונאַנדערטיילן און צונויפנעמען די אַרבעטס־כלים. אָבער ווי נאָר ער האָט באַמערקט, אַז שרגא דערנעענטערט זיך צו אים, האָבן זיינע קליינע דערשראָקענע אויגן געקוקט פון אונטערן טורבאַן אַפיר, צי גייט ער צו אים. די מורא פאַר שרגאן האָט אים דערפירט ביז נידערטרעכטיקייט.

ער האָט יעדן דערציילט אויפן אויער: „שרגא שלאָפט מיט רחלען". ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז דער סוד איז דערגאַנגען צו די ווייבער.

די מענער האָבן געוווּסט, פאַרוואָס ער באַרעדט שרגאן, דערפאַר האָבן זיי געשוויגן.

אָבער די ווייבער, טרעפנדיק זיך מיט שרגאן, אָדער מיט רחלען, האָבן פאַר־שעמט אַוועקגעדרייט די קעפּ און געשמייכלט.

די ווייבער האָבן געשעצט רחלען פאַר איר טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צו זיי. גאַנץ פרי, ווי נאָר זי האָט זיך אַרומגעוואַשן און פאַרקעמט, קוים טועם געווען עפּעס, איז זי שנעל געלאָפן צו די ווייבער. זי איז אַ גאַנצן טאָג געווען אויף די פיס און נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ווייסן פאַרטעך און די הויכע ברוינע געשנורטע שיך. זי האָט די ווייבער געלערנט ווי מען קאָכט פּילע, געדינצט און געפּרעגלט און זיי געגעבן צו פאַרשטיין, ווי נאַרהאַפטיק די פיש זענען.

אָבער די יאָדערדיקע ווייבער פון „זעק" האָבן זיך נישט געקענט אַזוי שנעל צוגעוווינען צום פּילע. זיי האָבן געוווּסט, אַז אַ פיש דאַרף האָבן אַ קאָפּ און אַן עק.

זי האָט זיי געלערנט ווי זיך צו באַנוצן מיט געטריקנטע מילך. פון אָנהייב איז זיי דאָס געווען פאַרדעכטיקט. זיי האָבן געוווּסט, אַז מילך דאַרף זיין פליסיק, אָבער אַזוי ווי דער טעם פון מילך איז זיי געווען פרעמד, האָבן זיי זיך שנעל צוגעוווינט צום מילך־פּולווער.

זי האָט זיי אויך געלערנט, אַז מאַרגאַרין איז נישט נאָר צום פּרעגלען. זי האָט זיי געוויזן, ווי מען באַשמירט דערמיט דאָס ברויט און מען באַלייגט עס מיט געזאַלצענעם קעז — מען מאַכט „סענדוויטשן".

די קינדער האָבן זיך באַלד צוגעוווינט צום עסן, אָבער די עלטערן, וועלכע זענען געוווינט געווען צו דער „פּיתה" האָבן זיך נישט געקענט צוגעוווינען צום „סענדוויטש". דאָס ברויט האָט זיך געקרישלט און דער קעז האָט זיך געבערעקלט.

ווי צו קאָכן „חצילים" האָט רחל זיי שוין פון לאַנג אויסגעלערנט. אָבער יעדעס מאָל האָט זי זיי געלערנט אַ פרישׂ מאכל דערפון. רחל האָט זיך נישט געשפּאָרט. זי האָט פון האַרצן געוואָלט העלפן די פאַריאָכטע ווייבער. זי האָט ביי יעדער געלעגנהייט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי אַרבעטן איבער די כוחות. זי האָט זיי געלערנט, אַז מאַכן די שטוב־אַרבעט, באַאַרבעטן דעם גאָרטן און פאַר־זאָרגן די קינדער איז אַ סך שווערער ווי אַקערן די ערד אין די בערג. „איר זייט פרויען און איר דאַרפט זיין מאַמעס" האָט זי אין זיי אַריינגערעדט.

די ווייבער האָבן זי אויסגעהערט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט. די איינצלנע, וועלכע האָבן זי פאַרשטאַנען, האָבן פון מורא פאַר די מענער און חרפּה צו זיך אַליין, געקוקט צו דער ערד. יעדער פון זיי איז געווען איבערצייגט, אַז גאָט וועט שטראָפן רחלען. זיי האָבן אין האַרצן געבעטן, אַז גאָט זאָל איר מוחל זיין אירע זינד פאַרן גוטס, וואָס זי טוט זיי.

די מענער זענען אַרומגעגאַנגען אָנגעברוגזטע. פון כעס האָבן זיי געביסן די וואָנסעס און רחלען צוגעוואָרפן בייזע בליקן. פון קרענקונג האָבן זיי געטרונקען

טאָפּלטע פּאַרציעס — אַ טייגלאָז אַראָק אויף איין מאָל און אונטערגעקרעכצט: אַ—ה—ה—ה—. זייערע קרעכצן זענען געווען טיפע, שווערע, ווי פון אַ פאַר־וואונדעטער חיה.

אָבער אַרויסברענגען פון מויל זייער ווייטיק האָבן זיי זיך נישט געוואַגט.

נאָר באַבלי, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם דאָרפס־פאַרשטייער און איז מיט זיך געווען זיכער, זעענדיק אַז שרגא שווייגט האָט ער זיך געוואַגט צו פאַרטשעפּען רחלען.

טרעפנדיק זי אויף אַ דאָרפס־שטעג, האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: „פּאַרדאָן!" (אַנטשולדיק!).

רחל איז געבליבן שטיין, אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט, פון וואַנען ער האָט גענומען דאָס וואָרט.

באַבלי האָט זיך אַ וויש געטאָן די וואָנסעס מיט דער אונטערשטער ליפּ, אַנבלאָזנדיק די באַקן אויף קוראַזש האָט ער רחלען אַ זאָג געטאָן: „בונטעווע נישט אונדזערע ווייבער!".

רחל איז געבליבן פאַרגאַפט פון פאַרוווּנדערונג. זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווי זי זאָל זיך וועלן איבערצייגן, צי ער האָט טאַקע געזאָגט די ווערטער.

באַבלי, אָפּזאָגנדיק די פּאָר ווערטער, האָט פאַר אויפרעגונג זיך גענומען קראַצן דעם קאָפּ אין פאַרלעגנהייט.

רחל האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ און נישט ווילנדיק זיך צעלאַכט. איר געלעכטער האָט זי אַליין איבערגעשראָקן. פון איבערראַשונג האָט זי גענומען גיין איבערלאָזנדיק אים הינטער זיך.

באַבלי האָט נאָכגעשיקט איר אַ בייזן, ווילדן בליק. פון כעס האָט ער פאַר־ביילט די פויסטן. פון צווישן זיינע פאַרקריצטע ציין האָט זיך אַרויסגעריסן אַן איינציק וואָרט: קאַכפּע! (זונה).

*

דער נייער לעבנס־שטייגער איז די באַרג־יידן נאָך אַלץ געווען פרעמד, אָבער דעם יאָך פון דער אַרבעט האָבן זיי שוין געשלעפּט. יעדערער פון זיי האָט זיך צו דער אַרבעט געשטעלט פּינקטלעך. זייער ציל אין טאָג איז געווען: נאָך אַ שטיק ערד אַרויסגעריסן פון די פעלדזן. די אַרבעט האָט זיי געטריבן, אָבער געאַרבעט האָט יעדערער לויט זיינע כוחות. די אַרבעט האָט די אַמאָליקע באַרג־פעדלער פונאַנדערגעטיילט אין נייע שיכטן. אפילו די צוגעהעריקייט צו דער „חמולה" איז שוין נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרווישן דעם אונטערשייד. זיי האָבן איצט געשאַצט דעם מענטשן לויט זיין אַרבעטס־כוח. אפילו אין די אָוונטן ביי דעם קאָנסומהויז האָבן זיי זיך גרופּירט, שוין נישט לויט דער „חמולה", נאָר

לויט „שטאַרקע״, וואָס קענען אַרבעטן און די „שוואַכע״ וואָס בלייבן הינטער־שטעליק.

דער שוואַכסטער אין דאָרף איז געווען סוכאָר. סוכאָר איז געווען הויך און דאַר, שוין געבויגן פון אַלטקייט. זיין מויל איז געווען ליידיק, אָן אַ צאָן. ווען ער האָט עס געעפנט, האָט עס אויסגעזען ווי אַ תהום וואָס שרעקט. זיינע אויגן זענען געווען טריב און פייכט. זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט קורצע, ווייסע האָר און האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגענוצטע באַרשט. אויך סוכאָר איז געגאַנגען אין די בערג אַרבעטן, אָבער די ערד האָט זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט. זיינע הענט האָבן שוואַך געהאַלטן די טוריע. זיין אַרבעט איז נישט געווען אַנזעעוודיק. ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן דאָרף ווי אַ שאָטן און אויסגעמיטן מענטשן. פון ערגערניש, וואָס ער טויג נישט, איז ער געוואָרן נאָך דאַרער און געבויגענער.

לעצטנס האָט ער נישט נאָר אויסגעמיטן מענטשן, נאָר אפילו זיין אייגן דיק וויִב זעינאַב. פון ערגערניש האָט ער אויך דעם אַפּעטיט פאַרלוירן. טעג גאַנצע איז ער געלעגן אויפן בעט און געקרעכצט פון ווייטיק.

ביינאַכט, ווען זיין וויִב האָט געשנאַרכט, האָבן פון זיין ליידיקן מויל זיך אַרויסגעריסן טרוקענע, ווי פאַרזשאַווערטע ווײ־רופן: ערד, ערד!

אָבער נישט נאָר מיטן וויִב האָט ער נישט גערעדט. אויך זיין שנור און זון, וואָס האָבן געוווינט אין צווייטן עק דאָרף, האָט ער איצט אויסגעמיטן.

שמואל, זיין זון, אַ הויכער, קרעפּטיקער פאַרשוין, מיט אַ פול מויל גרויסע, ווי פערדישע, ציין און לאַנגע אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס האָט ביי יעדער געלעגנהייט זיך באַמיט פאַרפירן אַ שמועס מיטן אַלטן. שמואל האָט אים געוואָלט אויסרעדן זיין פאַרדראָס. נישט געווען קיין מיטאָג־פויזע, אַז שמואל זאָל זיך נישט צוזעצן צום פאָטער און מיט אים פאַרפירן אַ שמועס: אים געלערנט, דערציילט, וואָס פאַראַ פעלז איז ווייך און לייכט צו רייסן, וועלכע ערד איז גוט און וועלכע איז שווער צו אַקערן.

שמואל האָט געוווּסט, אַז נישט ער און נישט זיין פאָטער פאַרשטייען זיך אויף ערד. ער האָט אָבער איינגעטעגהט מיטן פאָטער, אים געוואָלט טרייסטן.

דער אַלטער האָט שמואלן אויסגעהערט, אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן.

אָבער נישט נאָר סוכאָר האָט זיך געערגערט. אַלע מענטשן אין דאָרף האָבן אים מיטגעפילט און אים באַדויערט, אָבער קיינער האָט אים נישט געקענט העלפן. יעדער האָט געמוזט אַרבעטן פאַר זיך.

שאול האָט באַשלאָסן העלפן דעם אַלטן. דעם זונטיק, נאָכן באַשלוס, איז ער אַרויס אין די בערג צוזאַמען מיט אַלע. ווען מען האָט זיך געשטעלט אַרבעטן, איז שאול אַוועק מיט סוכאָרן. גייענדיק, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: היינט אַרבעט איך מיט דיר!

סוכאָר האָט שאולן אָנגעקוקט מיט טריבע אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט פרייד און צער.

שאול האָט אויסגעמיטן זיין בליק. קומענדיק אויפן אָרט, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם קילאָף אין האַנט און מיט כוח גענומען רייסן די שטיינער פון דער ערד.

ביידע האָבן צוזאַמען געאַרבעט און געשוויגן.

די באַרג־יידן, צעשפּרייטע איבער די פעלזן־פעלדער, האָבן געריסן די שטיינער פון דער ערד און אין האַרצן געבענטשט שאולן: „גאָט זאָל אים באַצאָלן!".

ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן און איבער דער סביבה האָט זיך גענומען שפּרייטן דער באַרג־אָוונט, איז שמואל אַראָפּ צו שאולן, וואָס האָט געאַרבעט נידעריקער פון אים. ער האָט אים אַ ווונק געטאָן, אים אָפּגערופן אין אַ זייט, דער אַלטער זאָל נישט זען.

„דו טוסט אַ מצווה", האָט שמואל אים אַ זאָג געטאָן אין אַ געבראָכענעם עברית. איך בין היינט אויסגערוט פון שבת, אויב דו ביסט מסכים, קענען מיר בלייבן אַרבעטן שפּעטער.

„גוט" — האָט שאול אים געענטפערט.

די באַרג־יידן האָבן זיך צונויפגעקליבן אין גרופּן גיין אַהיים. שמואל מיט שאולן זענען געבליבן אַרבעטן ווייטער, יעדערער מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע. די פיר קרעפטיקע הענט האָבן אַ נעם געטאָן די קילאָפן. זיי האָבן מיט כוח געריסן אַ פלאַכן פון אויבן, אָבער טיף ליגנדיקן אין דער ערד פעלז. דער פעלז איז געלעגן אין מיטן פון אַ שטיק לעבעדיקער ערד. פון הינטן האָט זיי פאַרשטעלט אַ פעלזן־גלאַטע וואַנט.

פּלוצלונג האָבן צוויי הילכיקע שאָסן אויפגעריסן די דעמערנדיקע אָוונט־שטילקייט. אַן אויפגעציטערטער ווידערקול האָט כוואַליעוויז זיך צעטראָגן און אָפּגעשלאָגן אין די פעלזן.

שמואל און שאול האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן. די קילאָפן זענען זיי אַרויסגעפאַלן פון די הענט. שאול איז געפאַלן דער ערשטער.

אַ מילד ווינטל האָט געגלעט די פעלזן. די נאַכט האָט זיך געשטעלט איבער דער סביבה.

## ו

איסלאַה, געבויגן איבער אַ בייט יונגע אוגערקעס, וועלכע זי האָט איבער־געריסן, האָט זיך אויפגעהויבן, דערהערנדיק הינטער זיך טריט.

די מענער האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. אויפן הינטערגרונט פונעם ווייסן הויז, אינעם פלאַנצן־גריך, איז איר וווקסיקע געשטאַלט געווען אָנזעעוודיקער. אירע פעך־שוואַרצע, צעשויבערטע האָר, וואָס האָבן אַפּירגעהאַנגען פונעם רויט־ווייסן, געטופּטן קאָפּ־טיכל, האָבן צוגעגעבן חן אירע צעפלאַמטע פון אַרבעט באַקן. זי איז אַריין אין שטוב מיט זיכערע טריט. זי האָט אָנגעצונדן די קאָך־

מאַשינקע און אַרויפגעשטעלט וואַרעמען די געקאָכטע בעבלעך אין טאָמאַטן־סאָוס און די געפּרעגלטע אין אייל קוסעס.

זי האָט אויסגעקוקט שמואלן. וועלנדיק אויסנוצן די צייט ביז ער וועט קומען, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן פּאָל, מיט אַ טאָפּ צווישן די פיס און געלוסקעט „פּול". דער אַרבעטס־טעמפּאָ האָט פאַרשלונגען איר אויפמערקזאַמקייט. זי האָט נישט באַמערקט, ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן. אָבער דאָס קאָכן פון דעם עסן האָט איבערגעריסן איר אַרבעטס־טעמפּאָ.

דער קאָך־פלאַם האָט געשפּרייט שיין און זי באַלויכטן.

זי האָט דערשטוינט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער. די נאַכט האָט זי איבער־געשראָקן. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם טאָפּ און איז אַרויסגעלאָפן פאַר דער טיר.

אַ וויילע האָבן אירע גרויסע געעפנטע אויגן זיך איינגעקוקט אין דער געדיכטער פינצטערניש: צי קומט ער? אַ קעלט האָט אַדורכגענומען אירע באָרוועסע פיס.

די בלאַסע פלעמלעך אין די הייזער אַרום האָבן געשפּרייט צאַנקענדיקן שיין. דאָס דאָרף האָט גערוט.

איסלאַה האָט געשטעלט אַ טראָט, געוואָלט אַראָפּגיין פון דער שוועל, אָבער אַ מידע, נישט אַנטשלאָסענע, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און איינגעטולעט איר קאָפּ צווישן די קני. זי האָט איינגעדרימלט.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אין די הייזער שוין געווען פינצטער. זי איז אויפגעשפּרונגען און אַ דערשראָקענע זיך אומגעקוקט. אין דאָרף איז געווען רויִק. זי האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. זי האָט זיך געלאָזט לויפן. זי איז געלאָפן און געטראַכט: „ווו אַהין? צו שרגאַן, צו באַבלין?". זי האָט פאַרקערעוועט צו באַבלין.

באַבלי מיט יסחוקן האָבן היינטיקע נאַכט געהיטן דאָס דאָרף.ביידע זענען געזעסן אויף באַבליס שוועל און געשוויגן. יעדער פון זיי האָט דאָך געהערט צו אַ צווייטער „חמולה". דערהערנדיק טריט, האָט יעדער פון זיי אַ צי געטאָן די ביקס צו זיך. ביידע האָבן זיך איינגעקוקט אין דער פינצטער. יסחוק האָט אַ פרעג געטאָן: „ווער איז?" — „אַנאַ" (איך) — האָט איסלאַה געענטפערט דערשראָקן און מיט אימפּעט צו זיי צוגעלאָפן. זי איז צו זיי כמעט צוגעפאַלן. מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם האָט זי זיי אַ פרעג געטאָן: ווו איז ער?

„ער איז נישט אין דער היים?" — האָט יסחוק געפרעגט פאַרוווּנדערט. שמואל האָט געהערט צו יסחוקס „חמולה".

„הערסט דאָך!" — האָט באַבלי אים געענטפערט און באַלד צוגעגעבן: „מען דאַרף אים זוכן". אין זיינע רייד האָט זיך געפילט זאָרג.

אינעם מאָמענט איז באַבלי געוואָרן טעטיק. ער האָט זיי ביידע געלאָזט שטיין און זיך געלאָזט לויפן.

קומענדיק צו דעם קאָנסומהויז, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיק אייזן און מיטן גאַנצן כוח געשלאָגן אין דער אַראָפּהענגענדער רער.

דער יאָמערלעכער קלאַנג האָט געריסן די שטילע דאָרפס־פינצטערניש. פון אימה האָט איסלאַה זיך צעכליפּעט.

איבערגעוועקט, צעשראָקן, צעקנעפּלט, האַלב נאַקעט, אָבער מיט דער ביקס אין דער האַנט זענען זיך צונויפגעלאָפן די מענער פון דאָרף.

אויך שרגא און קליגער זענען אָנגעקומען. שרגא מיטן רעוואָלווער אין האַנט און קליגער מיט פאַרלייגטע הענט פון הינטן.

קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס האָט פּאַסירט. אָבער באָבלי האָט שוין געהאַט אָפּגעשאַצט די לאַגע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז געקומען די צייט צו ווייזן ווער איז באָבלי. נישט פרעגנדיק קיינעם, האָט ער אָפּגעטיילט די ערשטע פינף מענער פון דער חברה און זיי אַ זאָג געטאָן: „ברענגט שטורקאַצן“. דערנאָך האָט ער זיך אַווענד געטאָן צו קליגערן און אים געזאָגט: „ברענג נאַפט און שוועבעלעך!“

באָבליס געדאַנק האָט אינעם נאַכט־געפילדער געאַרבעט. ער האָט באַשלאָסן צו פירן די מענטשן אין די בערג אַריין. זוכן שמואלן דאַרף ער. אַ ווענד טוענדיק זיך צו יסחוקן, האָט ער אים געזאָגט: „דו מיט די אַלטע וועסט בלייבן היטן ס׳דאָרף! מיר גייען זוכן שמואלן“.

אינצווישן האָבן אַ פלאַקער געטאָן שטורקאַצן. די נאַכט־פינצטער איז געוואָרן באַלויכטן.

באָבלי האָט אַ באַפעל געגעבן: „געגאַנגען!“

זיבן און צוואַנציק מענער מיט ביקסן אין די הענט האָבן געשטעלט טריט. די ווייבער, וואָס זענען געשטאַנען אין דער זייט, האָבן זיי באַגלייט. אַלע האָבן מיט אימה געשוויגן, נאָר איסלאַהס כליפּען האָט געריסן די פינצטערע נאַכט־שטילקייט.

איבער די בערג האָט געקיניגט די נאַכט. פליגל־פלאַטער פון נאַכט־פייגל און שאַקאַלן־יאָמער האָבן געריסן דעם נאַכט־גליווער. באָבלי איז געגאַנגען פאָרויס, באַגלייט די מחנה האָט דער פלאַטער־שיין. די באַרג־יידן האָבן געקלעטערט באַרג אַרויף און אַראָפּגעגאַנגען. זיי האָבן געשפּרייזט נישט טראַכטנדיק, אָבער זייערע אויגן האָבן זיך נישט אָפּגעריסן פון דער ערד.

מיט אַ מאָל האָט באָבלי זיך יאָמערלעך צעשריגן: „אילו שעטכעלו!“ (אָט ליגן זיי!) און געוויזן מיט דער האַנט.

די מענער זענען געבליבן שטיין. זייערע אויסגעצויגענע פּנימער האָבן מיד געקוקט. דער קאָפּטשענדיקער פלאַמען־שיין האָט באַלויכטן די טויטע.

די דיקע ליפּן פון די באַרג־יידן האָבן זיך געטרייסלט — ווי זיי זאָלן דאַווענען. געוויינט, זיך געוווּנדערט.

שאול איז געלעגן אויפן קאַנט פון פעלז מיט אַ צעבראָכענעם נאַקן־ביין און מיט אַ קויל אין בויך. שמואל איז געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד. פונעם בלוט איז די ערד אונטער זיין קאָפּ געווען רויט.

די באַרג־יידן זענען געשטאַנען און געשוויגן ווי נאָך טויטע. דער מילדער נאַכט־ווינט האָט זיך געשפּילט מיט די ברענענדע פלאַמען.

באַבלי האָט אויסגערופן: נעמט די טויטע! און פון די טויטע אַראָפּגענומען די ביקסן. פיר שטאַרקע, הויכע מענער זענען אַרויס פון דער מחנה. נישט אויס־רעדנדיק קיין וואָרט, האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט צוויי אַנטקעגן צוויי.

באַבלי האָט איבער די אַקסלען פון צוויי מענער איבערגעלייגט אַ ביקס. איבער צוויי פאַרלייגטע אויף די אַקסלען ביקסן האָבן שטאַרקע הענט איבערגעלייגט אַ טויטן.

„קומט!" — האָט באַבלי באַפוילן.

שווערע טריט האָבן ווידער אויפגעריסן די פאַרגליווערטע נאַכט־פינצטערניש. גייענדיק, האָבן זיך כסדר געביטן די אַקסלען אונטער די ביקסן אויף וועלכע עס זענען געלעגן די טויטע. דעם גאַנצן וועג האָט קיינער נישט געעפנט דאָס מויל. די פעלזן אַרום האָבן געשלונגען דעם טריט־אָפּהילך.

שטומע, האָבן די באַרג־יידן זיך אומגעקערט נאָך האַלבער נאַכט אין דאָרף. מיטן אַריינברענגען די טויטע איז די נאַכט־פינצטערניש אין „נטור" נאָך גערדיכ־טער געוואָרן. אימה האָט געהערשט איבערן דאָרף. די צוריקגעקומענע האָבן מיט פאַרגלייזטע אויגן באַטראַכט די שטאַרנדע בערג אַרום, ווי זיי זאָלן ערשט איצט דערזען, ווו עס געפינט זיך זייער דאָרף.

זייערע באַוועגונגען זענען געוואָרן שווערער און לאַנגזאַמער. אַ הילכיקער יאָמער האָט פונאַנדערגעריסן די דאָרפס־פינצטערניש.

איסלאה האָט שוין פון ווייטן אין די אַראָפּגעהאַנגענע הענט און פיס פון קערפּער, דערקענט שמואלן. איר יאָמער איז פון מינוט צו מינוט שטאַרקער געוואָרן. אירע געשרייען האָבן געריסן די פינצטערניש, וואָס האָט אונטער־געשפּאַרט די הימלען. זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, די הויט פון פּנים און פון צער זיך געבראָכן די פינגער פון די הענט.

אויך די שוויגער האָט זיך געבראָכן די הענט, זיך געקניפּט, געריסן שטיקער פון אירע דיקע פליישן און יאָמערלעך געשריגן, נישט לאָזנדיק קיין טרער.

זייערע געשרייען האָבן פאַרהילכט דאָס דאָרף.

די טויטע זענען געלעגן אויפן דאָרפס־פּלאַץ, מיט אָפענע אויגן געקוקט אין די פינצטערע הימלען אַריין.

אויך סוכאָרס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן פונעם מאָמענט, ווען ער האָט דערזען די טויטע. זיין אונטערשטע ליפּ איז אים אַראָפּגעפאַלן. זיין ליידיק מויל איז אים געבליבן אָפן. זיינע טריבע און אַרויסגעזעצטע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אויף זיין טויטן זון, זיין געבויגענע געשטאַלט האָט געזונקען, קלענער געוואָרן.

די געשרייען פון די צוויי ווייבער זענען געוואָרן מאַנאָטאָן. די מידע, נישט־אויסגעשלאָפענע מענער זענען געשטאַנען אָנגעלענט אויף די ביקסן אַרום די טויטע. זייערע פאַרגליווערטע פּנימער זענען געווען אָן אויסדרוק.

מיט אַ מאָל איז באַבלי אָנגעלאָפן אַ צעיאָכמעטער און אַ באַפּעל געגעבן: „נעמט די טויטע אין געווער־מאַגאַזין אַריין!״.

צעקרימטע פינגער פון שטאַרקע הענט האָבן אַ נעם געטאָן די הרוגים, זיי אַוועקגעלייגט אויף דעם פּאָל. באַבלי האָט זיי איבערגעדעקט מיט אַ קאָץ.

די לופט אין דער שטוב איז געוואָרן שווער, כאָטש די פענצטער זענען געווען אָפן. דאָס לעמפּל האָט געגומען צאַנקען. איבער די ווענט האָבן שפּאַצירט צעריסענע שאָטנס.

באַבלי האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט אָנגעקוקט די מענטשן און געגעבן אַ באַפעל: „סעיד און אַהרן בלייבן, די רעשט גייען אַהיים״. ער האָט איצט גערעדט עברית, געוואָלט דערמיט ווירקן אויף די מענטשן.

צוויי הויך־געוואַקסענע, באַבערדטע מענער, מיט די ביקסן ביי די פּיס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אינעם ווינקל פון צימער.

שווערע טריט האָבן אַרויסגעפירט די מיד־פאַרגליווערטע יידן. חוץ די צוויי זענען אין צימער געבליבן שרגא, יסחוק און קליגער.

שרגא האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט אָנגעקוקט די הרוגים, געוואָרפן אַ בליק אויף באַבלין און אַ פאַרטראַכטער זיך געלאָזט צו דער טיר.

קליגער האָט נערוועז אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז, פאַרשנורט די ליפּן און צונויפגעצויגן ס׳קמץ־בערדל.

עס האָבן זיך דערהערט טריט. אין צימער איז אַריין דער „חכם״ און מיטגע־ברענגט אַ קישן און אַ תהילימל. ער איז צוגעגאַנגען צו די טויטע און געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זיינע גרויסע ברעמען האָבן אין גאַנצן פאַרדעקט זיינע אויגן. פּאַמעלעך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ שווערן בליק אָנגעקוקט באַבלין.

באַבלי איז אָבער געווען פאַרנומען מיט יסחוקן.ביידע האָבן זיך געפּאַרשט. איינער האָט דעם אַנדערן נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. יעדער באַזונדער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי ער זאָל זיך באַנעמען מיטן אַנדערן.

איבערגעריסן דאָס שווייגן האָט באַבלי. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו יסחוקן: גיי היטן ס׳דאַרף! אין זיין ווענדונג האָט זיך געפילט אומזיכערקייט.

יסחוק האָט אַ פאַרדריי געטאָן אַ שפּיץ וואָנסע און אָנגעקוקט באַבלין פון דער זייט. ער האָט איבערגעלייגט די ביקס פון איין אַקסל אויפן אַנדערן און שווייגנדיק אַרויס פון צימער. באַבלי איז אים נאָכגעגאַנגען.

די צוויי מענער אין אַ ווינקל זענען געשטאַנען אָנגעלענט אויף די ביקסן און שווייגנדיק באַטראַכט דעם „חכם״.

ער האָט פונאַנדערגעבונדן דעם כאַלאַט און אַראָפּגענומען די שיך פון די פּיס. ער האָט אַריינגענומען דעם קאַמבאַז צווישן די פּיס און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד אויפן אונטערגעלייגטן קישן. ער איז געזעסן צוקאָפּנס די טויטע מיטן תהילימל פאַר די אויגן, שטייף ווי אַ מומיע, נאָר זיינע פליישיקע ליפּן האָבן זיך באַוועגן ווי זיי זאָלן ציטערן.

אין שטוב איז געווען שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס זשומען פון די פליגן און נאַכט־ווערעם, וואָס די שיין פון לעמפּל האָט צוגעצויגן. מיט אַ מאָל האָט זיך געעפנט די טיר, באַבלי איז אַריין אין שטוב. נאָך אים מלכה, זיין ווייב, אַ באַרוועסע אין אַ צעכראַשטשעטע קלייד, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטאַרט אַ רויט־קרעפּטיקער ברוסט־וואַרצל. אויף איר צעשויבערטן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ בלעך.

באַבלי האָט פון איר אַראָפּגענומען די טאַץ און זי אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד לעבן „חכם". דעם ווייב האָט ער אַ זאָג געטאָן: „סימון" (פאַרשווינד) נישט אומקוקנדיק זיך אויף איר. ווענדנדיק זיך צו די מענער, האָט ער זיי אַ זאָג געטאָן: „פּירמון!" (ביטע).

די מענער האָבן זיך נישט געלאָזט בעטן. אויך זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד אויף אונטערגעלייגטע פיס, די ביקס איבער די קני; נישט אויס־רעדנדיק קיין וואָרט, האָבן זיי גענומען רייסן שטיקער פונעם שוואַרצן ברויט. דאָס ברויט האָבן זיי פאַרביסן מיט קאַלטע, איבערגעשטאָגענע קאַרטאָפל, וועלכע זיי האָבן געטונקען אין זאַלץ. זיי האָבן געגעסן שנעל און פאַרטרונקען מיט אַ שלוק אַראַק פון דער פלאַש אַרויס.

אויף דער שוועל פון דרויסן איז געזעסן שמואלס משפחה. די ווייבער האָבן געוויינט, געכליפּעט, ווי געשלאָגענע הינט. סוכאַר איז געזעסן מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, פאַרגליווערט געקוקט פאַר זיך. ער האָט געקוקט אין דער פינצטער אַריין.

פון מאָל צו מאָל איז צו זיי אַרויסגעקומען באַבלי. ער האָט זיי אָנגעקוקט און צוריק אַריין אין שטוב.

מיטן ערשטן מאָרגן־דעמער, ווי נאָר די העלקייט האָט אויפגעדעקט די באַרג־שפּיצן, איז קליגער אָנגעקומען. ער איז געגאַנגען מיט אַ לייכטן טריט און די הענט געהאַלטן פון הינטן. דאָס העמד איז ביי אים געווען צעקנעפּלט און די מאַרינאַרקע אַריבערגעהאָנגען איבער די אַקסלען. צוקומענדיק צום בנין, איז ער שטיין געבליבן, געהערט, ווי די ווייבער יאָמערן און געריבן זיך אַ באַק.

באַבלי, נישט אויסגעשלאָפן, האַלב שכור, דערזעענדיק קליגערן דורכן פענצטער, האָט אַ רוף געטאָן אויפן קול: „יסחוק! יסחוק!".

פונעם דאָרף זענען אָנגעקומען דריי באַוואָפנטע מענער: יסחוק, יקום און שרגא. באַבלי, דערזעענדיק זיי, איז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט.

שרגא איז נישט געשלאָפן. ער האָט די גאַנצע נאַכט געוואַכט מיט די שומרים. דער מאָרד האָט אים געמאַכט זאָרג. ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס דאָרף וועט רעאַגירן. דערזעענדיק באַבלין, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „מיר גייען אין די בערג עפּענען דעם בית הקברות". שרגא האָט די ווערטער געשלונגען, געוואָלט זיי פאַרשטיקן.

דער האַלב־שכורער באַבלי האָט אים ווילד אָנגעקוקט און שטיל אים געענטפערט: „גוט", און איז אַרויס פון צימער.

די באַרג־יידן מיט די ביקסן איבער די אַקסלען האָבן לאַנגזאַם, מיט שווערע

טריט, זיך אַנגעהויבן צונויפקומען. זייערע פּנימער זענען נאָך איצט געווען פֿאַר־גליוורט. זייערע הענט, וואָס זענען איצט פֿריי געווען פֿון אַרבעט, זענען אַראָפּ־געהאַנגען ווי איבעריקע.

אינצווישן האָט די טאָג־ליכט פֿאַרגאָסן די סביבה. די בערג אַרום האָבן ווי שטענדיק געשטאַרט אין די הימלען אַריין.

אויך די ווייבער מיט די קינדער אויף די הענט, די גרעסערע ביי דער זייט, מיט שטיקער ברויט אין די הענט, האָבן זיך אַנגעהויבן צונויפקומען אין אַ מחנה, אָפּגעזונדערט פֿון די מענער. זיי זענען געשטאַנען און זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

נאָר רחל האָט זיך געפּאָרעט. זי האָט אָפּגעבראָכן און געגעבן אַ קינד אַ שטיקל ברויט. זי האָט אָפּגעווישט אַ נאָז פֿון אַ קינד אין אַ מוטערס קלייד, דער־זעענדיק אַ שוואַנגערע פֿרוי, האָט זי געהייסן איר זיך צוזעצן.

באַבלי איז צוריקגעקומען און געבראַכט צוויי צונויפֿגעלייגטע פֿעלד־בעטלעך און אַ פּעקל בגדים אונטערן אָרעם.

גדעון איז פֿאַרטאָג געקומען פֿון ירושלים. אַ דערשראָקענער און בלאַסער איז ער אייליק אַוועק צו די באַרג־יידן.

זייער פֿאַרביסן שווייגן האָט אים דערשיטערט. איבערגעשראָקן האָט ער זיי געגומען אויסרעדן. ער האָט געדעדט שנעל, מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן: „מיר דאַרפֿן זיך נישט שרעקן. מיר זענען נישט אַליין. מיט אונדז איז דאָס גאַנצע לאַנד. דאָס לאַנד געהערט אונדז. מיר מוזן פֿאַרטיידיקן אונדזער ערד. מיר מוזן זיין גרייט צו אַלעם".

די באַרג־יידן האָבן גדעונס רייד נישט פֿאַרשטאַנען. זיי האָבן אויף אים געקוקט מיט פֿאַרגליווערטע אויגן און געשוויגן.

מיט אַ מאָל האָט די עדה זיך אַ וויג געטאָן, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט זי צעטרייסלט. אַכט גרויסע יידן האָבן אַרויסגעטראָגן די מתים, וואָס זענען געלעגן אויף די פֿעלד־בעטלעך.

דער ערשטער איז נאָך זיי געגאַנגען דער „חכם". זיין באָרד איז געווען פֿאַרקאָלטנט. די טויטע האָט מען געטראָגן אין דער מקווה אַריין.

די מענער האָבן אַרומגערינגלט די מקווה פֿון איין זייט, די אָפּגעזונדערטע ווייבער פֿון דער צווייטער זייט.

באַבלי מיט די צוויי שומרי־המתים האָבן די הרוגים אַריינגעטראָגן אין דער מקווה.

אינצווישן האָט שרגא מיט די מענטשן זיך אומגעקערט פֿון די בערג. יסחוק, דערזעענדיק זיי, האָט אַריינגעשריגן אין דער מקווה: געענדיקט.

די מקווה־טיר — דער זאַק — האָט זיך אונטערגעהויבן. מען האָט אַרויס־געטראָגן די טויטע. די טויטע זענען געווען אַנגעטאָן אין אָפּגעטראָגענע העמדער און אין קאָמבאַזן אַריבערגעצויגענע איבער די פֿיס. זייערע קעפּ זענען געווען פֿאַרבונדן מיט ווייסע טיכלעך.

אָבער באַבלי האָט נישט אָפּגעלאָזן יסחוקן. ווי נאָר ער איז אַרויס פֿון דער

מקווה, האָט ער זיך אַ וועגד געטאָן צו אים אין אַ געבראָכענעם עברית: „נעם דיר עטלעכע מענטשן. שטיי און היט דאָס דאָרף!".

די זון איבער די בערג האָט גענומען גליִען. שטאַרקע הענט האָבן ווידער אַ הויב געטאָן די פעלד־בעטלעך. ברייטע אַקסלען האָבן זיי אונטערגעשפּאַרט. שווערע, האַמעטנע טריט, ווי זיי זאָלן גראָבן אין דער ערד, האָבן געריסן די לויטערע בערג־שטילקייט. פון אונטערע זייערע פיס זענען געשפּרונגען אָפּגעריסענע פעלזן־שטיקער.

דער „חכם" האָט געזאָגט תהילים. ער האָט כסדר איבערגעחזרט דאָס זעלבע קאַפּיטל, אָבער מען האָט נאָר געהערט די ווערטער: „פּדה יפדה איש" און זיין מאָנאָטאָנעם ניגון — ווי אַ געוויין, וואָס די גליִענדיקע היץ האָט געשלונגען.

שוין פון ווייטנס האָבן זיך געזען די צווי ווי אָפענע מיילער קברים. דער צוגאַנג צו זיי איז געווען באַרג אַרויף. דער שטח פונעם בית הקברות איז געווען פעלזיק.

די שפּרייזנדע זענען געבליבן שטיין ביי די קברים. מיט אַ מאָל זענען זיי אומרויִק געוואָרן. פּלוצלינג האָט זיי פאַרפעלט דער ריטם פון גאַנג.

שטייענדיק, האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט. די שטאַרנדע אין די הימלען פעלזן־ווענט האָבן אויף זיי אַ שפּאַר געטאָן מיט דער אור־קראַפט.

דער קלאַפּ פון די אַראָפּגעלאָזטע מתים אין די קברים האָט צוריק צוגעשמידט זייער בליק צו דער ערד. די באַרג־יידן האָבן זיך צונויפגעדריקט ווי אַ סטאַדע שאָף. זייער בליק איז געוואָרן שאַרף. זיי האָבן געקוקט, געזוכט און געשנאַפּט.

עס האָבן זיך דערהערט טויבע קלעפּ פון די ערשטע געוואָרפענע טוריעס ערד אין די קברים.

דער „חכם" האָט גענומען זאָגן „צידוק הדין". די גליִענדע היץ האָט געשלונגען זיינע האַרטע, ווי אָפּגעהאַקטע ווערטער.

ווען ער האָט געענדיקט די תפילה, האָבן די מענער זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבערן שטח.

די גליענדע זון האָט געטריקנט די ערד. אירע שטראַלן האָבן געוואַרעמט די פרישע קברים.

יעדער באַרג־ייד האָט אומבאַהאָלפן צוגעטראָגן אַ שטיין אויף די קברים. צוויי פריזמעס שטיינער האָבן פאַרדעקט די קברים.

דער „חכם" האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ גרויסן נאָגל און אויף די צוויי קברים־שטיינער אויסגעקריצט מיט קרומע אותיות די נעמען: שמואל און שאול. אינצווישן האָט גדעון זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די קברים. ער האָט זיך געקליבן מספּיד זיין די טויטע.

שרגא האָט אים אָנגעקוקט און שטיל אַ זאָג געטאָן: „שווייג!".

די ווייבער, מיט אונטערגענומענע צווישן די פיס קליידער, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די קברים. יעדער איינע האָט אַרויפגעלייגט אויף די קברים אַ גרודע ערד. זייערע ליפּן האָבן געפּרעפּלט שטיל: איר זאָלט זיין אין גן־עדן.

די זון האָט געגליט. אַ מידקייט איז באַפאַלן די מענטשן. פאַרעקשנטע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון פאַרגליווערטע פנימער. עס האָבן זיך ווידער דערהערט שווערע, האַמעטענע טריט. די באַרג־יידן זענען צוריקגעגאַנגען אַהיים.

שטילקייט האָט אויסגעפילט די גליִענדע לויטערקייט.

# ז

דער מאָרגן אין די בערג איז אויפגעגאַנגען. די זונען־שטראַלן האָבן ווייטער געשפּיזט, אָנגעגליט די פעלזן. דער אָוונט־ווינט האָט זיי געפרישט, געקילט. די היץ און די קעלט האָבן געקרישלט דעם שטיין. אָבער די אור־קראַפט און פראַכט פון די פעלזן האָבן געהערשט איבער דער סביבה.

די הויכע באַרג־יידן האָבן מיט פלייס זיך געעקבערט אין דער טיפעניש פון דער ערד, וואָס איז געלעגן צופוסנס די בערג, זיך אָנגעשטרענגט אַרויסרייסן פון דער ווילדעניש נאָך אַ ברעקל ערד. די אויסגעשטיינקטע ערד־שטחים פון פעלזן־פאַלדן האָבן זיך כסדר געמערט.

די ביימער אַרום „נטור" האָבן פונאַנדערגעלייגט זייערע צווייגן און זייערע קרוינען, וועלכע האָבן געשפּיצט אין די הימלען אַריין. פון צווישן די פליישיקע באָקסן־בלעטער זענען אַראָפּגעהאָנגען באָקסער ווי צעהאָנגענע לייכטער. די אויס־געשטרעקטע, ווי אָרעמס, צווייגן, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט ברייט־פליישיקע בלעטער, האָבן אויסבאַהאַלטן אין זיך זאַפטיקע פייגן. אויף די מיט זילבער באַצירטע בלעטלעך פון קנאָכיקע שטאַמען אַרויס, האָבן זיך געהוידעט גלאַנציקע אַליוון.

אויך די ווענט פון די דאָרפס־הייזער זענען שוין געזונקען אינעם שאָטן פון גרינס. אַרום די הייזער האָבן מאַיעסטעטיש געשפּרייזט קאָלירטע היגער, וואָס האָבן נאָך זיך געפירט סטאַדעס הינדעלעך. איבערראַשט פון ליכטיקן טאָג, האָבן זיי געפּישטשעט: „טששי, טשי, טשי" און פאַרוווּנדערט זיך אַרומגעקוקט.

אָבער די געשעענישן זענען נישט אימשטאַנד געווען איבערצוראַשן די באַרג־יידן. אפילו דער מאָרד איבער שמואלן און שאולן האָט נישט אויפגעטרייסלט זייער גלייכגעוויכט.

ווי פריער, אַזוי אויך איצט, זענען זיי מיטן מאָרגן געגאַנגען אין די בערג אַריין און ביז אין אָוונט געריסן די פעלזן פון דער פאַרעקשנטער ערד.

זיי איז אַפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז מען דאַרף ערגעצוו צווישן געבן וועגן מאָרד. דער מאָרד איז פאַר זיי געווען אַ משפחה־אָנגעלעגנהייט פון דאָרף.

צו וויסן געטאָן האָט שרגא. אים האָט געשראָקן זייער פאַרשטיקט שווייגן און זייער צעגליטער בליק פון בושה צו זיך אַליין.

דעם אַנגעפּאָרענעם פּאָליציי־דזשיפּ, וואָס האָט זיך אין אַ פרימאָרגן קוים אַרויפגעדראַפּעט אויף די בערג, האָבן זיי באַגעגנט מיט פאַרדראָס. זיי האָבן נישט פאַרטראָגן, אַז פרעמדע זאָלן זיך מישן אין זייערע ענינים. יעדן פרעמדן האָבן זיי באַטראַכט פון דער זייט מיט אומצוטרוי, אָבער פון כבוד צו דער יידישער פּאָליציי האָבן זיי געשוויגן.

דער מיטלוווקסיקער, דיקלעכער פּאָליציי־אָפיציר האָט זיך געווישט דעם שווייס פונעם פנים און שטערן, אָבער נישט געקענט פון זיי אַרויסבאַקומען קיין ענטפער. אויף יעדער פראַגע: „ווו, ווען, פאַרוואָס האָט מען געהרגעט שמואלן און שאולן" האָט ער נאָר באַקומען איין ענטפער: מען ווייסט נישט.

אויך איסלאַה האָט עקשנותדיק געשוויגן און געקוקט אַראָפּ אויף דער שטיי־נערנער ערד.

נאָר דער אַלטער סוכאָר האָט זיך צוגעהערט צו דעם אָפיצירס רייד, אָבער ענטפערנדיק אים, האָט אויך ער פונאַנדערגעשפּרייט די הענט, וואָס האָט באַדייט: „ווער ווייסט?"

דער פּאָליציי־אָפיציר, נישט קענענדיק דערגיין קיין טאָלק, האָט זיך געביי־זערט, געשריגן: „אָבער מען האָט דאָך ביי אייך געהרגעט צוויי יידן!".

אַ שוויגן איז געווען דער ענטפער אויף אַלע זיינע פראַגן. נישט קענענדיק פאַרענדיקן די אויספאָרשונג, האָט ער די באַרג־יידן צוגעפרופן אויפן דאָרפס־פּלאַץ. ער איז געשטאַנען און זיך ביי זיי געבעטן ווי אַ קינד: איך בין דאָך אַ יידישער פּאָליציסט. איך מוז דאָך פאַרענדיקן די אויספאָרשונג.

בראַך, אַ מגושם־פאַרמלאָזער ייד, וואָס זיין גוף איז געווען ווי צונויפגעלייגט פון די אברים, האָט מיט פאַרביטערונג אַ זאָג געטאָן: „געהרגעט און געענדיקט"!

דער אָפיציר, דערהערנדיק די ערשטע רייד פון אַ דאָרף־תושב, האָט זיך דערפרייט און אים אַ פרעג געטאָן:

„ווער האָט אים דערהרגעט?"

בראַך האָט אים טעמפּ אָנגעקוקט פון דער זייט און ווידער אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

„זיי ווילן אונדז נישט. אָבער מיר וועלן פון דאַנען נישט גיין. מיר זענען באַרג־מענטשן".

פון בראַכס רייד איז דער פּאָליציי־אָפיציר מיט זיינע צוויי געהילפן געפּלעפט געבליבן. דער בייזער אָפיציר האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און איז שטיין געבליבן פאַרטראַכט. זיינע אויגן זענען איצט געווען מילד און האַרציק. די מגושמדיקע יידן זענען אים מיט אַ מאָל נאָענט געוואָרן. ער האָט זיי אָנגעקוקט, ווי ער זאָל זיי ערשט איצט האָבן דערזען. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און זיי באַטראַכט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו שרגאָן:

„דו מיטן מוכטאָר קומט מיט מיר!"

באָבלי, דערהערנדיק דאָס וואָרט „מוכטאָר", איז באַלד נאָכגעגאַנגען שרגאָן. גליענדע בליקן פון פאַרזשמורעטע אויגן האָבן זיי נאָכבאַגלייט. שאָקלענדיק

מיט זייערע שווערע קעפּ פון חרפּה, ווי צעוויגטע זייגער־אומרוען, האָבן די באַרג־יידן געשפּיגן געדיכטן שפּייעכץ און געביילט די פויסטן פון כּעס.

אויך די אונטערגעוואַקסענע יוגנט איז געווען אומרויִק. אויך זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן די חרפּה פון פאַרגאָסן בלוט. זיי, פּאָר ווּעמען גדעונס רייד זענען געווען הייליק, האָבן זיך איצט צוגעהערט צו אים. דער שול־באַראַק איז איצט אָפּט געבליבן האַלב ליידיק. די פּנימער זייערע זענען מאָגערער געוואָרן. די אויגן האָבן געגלאַנצט. זיי האָט איצטער געמאַטערט נאָר איין געדאַנק: „ווען די טאַטעס שוויַגן?"

גדעון האָט געפּילט די שטימונג. ביי די ייִנגלעך. אים איז איצט געווען קלאָר, אַז זיי זענען חושד די טאַטעס אין פּחדנות.

אין איינעם אַן אָוונט, נאָך דעם ווי גדעון איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן איבערן דאָרף און יעדן אָנגעזאָגט: „היינט אין אָוונט מוזסטו קומען!" — זענען אַלע זיך צונויפגעקומען אין באַראַק. גדעון, אַ צופרידענער, וואָס אַלע זענען זיך צונויפגעקומען, האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַר זיי געדרשנט: „דאָרט, אין קורדיסטאַן, אין דער פרעמד האָט איר געלעבט אין די בערג פאַרוואָרפן, קיינער האָט זיך נישט געזאָרגט פאַר אייך. הפקר! דאָ לעבט איר אין אייערע בערג, צווישן יידן ברידער, וואָס זאָרגן פאַר אייך. דאָ, צווישן אייגענע איז אייער לעבן אַנדערש געוואָרן. דאָ, אין אייער לאַנד, הערשט דאָס געזעץ". גדעון אַליין האָט זיך איבערגענומען מיט זיינע ווערטער און זיינע באַקן האָבן אָנגעהויבן פלאַמען.

ער איז ערשט געווען אין אָנהויב פון זיין דרשה, ווען יוסף, וועלכער איז מיט זיין אויבערשטן קערפּער־טייל געלעגן איבערגעלייגט איבערן טיש, האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין געשטאַלט האָט איצט אויסגעזען נאָך שלאַנקער, ווי ער איז געווען. זיין קנאָכיק, טונקל פּנים איז געווען איבערגעצויגן מיט אַן אויסגעשפּראָצטער באָרד, ווי אַ מאָך. אָטעמדיק שווער, האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו גדעונען, צונויפקלייבנדיק די ווערטער אין קורצע זאַצן:

„דו ביסט פון שטאָט. אין שטאָט הערשט געזעץ. מיר זענען יידן פון די בערג. ביי אונדז איז בלוט פאַר בלוט".

אַ פּיינלעכע שטילקייט אין אַ לויטערן זומער־טאָג האָט זיך פונאַנדער־געשפּרייט איבערן צימער. גדעונס אויגן זענען פון איבערראַשונג געגליווערט געוואָרן. ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. אַ מילד ווינטל פונעם אָפענעם פענצטער האָט געפּלאָשעט זיין צעשויבערטע טשופּרינע.

די דאָרפישע יוגנט האָט איינציקווייז פאַרלאָזט דעם צימער. גדעון איז געבליבן אַליין.

אָבער אויך די טאַטעס האָבן נישט גערוט. זייער געוויסן האָט זיי געמאַטערט. זיי האָבן בדרך כּלל ווייניק גערעדט, ווי אַלע באַרג־מענטשן. אָבער זייט דעם מאָרד, זענען זיי כּמעט שטום געווען. נאָר געציילטע ווערטער, די, וועלכע זיי האָבן געמוזט זאָגן, האָט מען געהערט פון זיי. אויך מיט ווייב און קינד האָבן זיי איצט זיך כּמעט נישט פונאַנדערגערעדט. זיי האָבן זיך געשעמט זיי קוקן אין די אויגן.

זייער גאַנצן כעס האָבן זיי אויסגעלאָזט ביי דער אַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט מיט אימפּעט און פאַרביסן געשוויגן.

נאָך דער אַרבעט, ביינאַכט, אין דער פינצטער, זענען זיי געלעגן פונאַנדער־געלייגט אַרום דעם קאַנסומהויז, ווי אַ פאַרמאַטערטע סטאַדע און געשוויגן. ס׳האָט נאָר געזען די ציגאַרן־פונקען אין זייערע מיילער.

געשטערט די אָנגעשטרענגטע שטילקייט האָבן סוכאַרס מידע טריט. אַרומ־קרייזנדיק די פונאַנדערגעלייגטע יידן, האָט ער געקרעכצט און גערעדט צו זיך, אַז אַלע זאָלן הערן: „ס׳בלוט שרייט פון קבר אַרויס!״ זיינע רייד זענען געווען הויל, ווי ער זאָל אַריינרעדן אין אַ ליידיקן פאַס אַריין.

אויך אין שטוב ביי שמואלן איז די לופט געווען אַ געדריקטע. די זיבן טעג, וואָס דער „חכם״ האָט געזאָגט תהילים אין שטוב פון טויטן, זענען שוין געווען פאַרביי. אויך דאָס טרינקען אין די אָוונטן, כדי די טויטע זאָלן קומען אין גן־עדן אַריין, האָט זיך שוין געענדיקט. אין דעם גרויסן, ליידיקן, אָן אַ מאַן, צימער, איז געלעגן איסלאַה גאַנצע טעג, צעלייגט אויף דער פּאָל מיט נאַקעטע, צעלייגטע פיס. ליגנדיק, איז איר וווקסיקע, יאַדערדיקע געשטאַלט געווען נאָך אָנזעעוודיקער. אירע פליישיקע ברוסטן זענען געווען בולט. פון איר פונאַנדערגעלייגטן קערפּער האָט געשפּראָצט יוגנט, געזונט.

איר אַנטקעגן, אויף אונטערגעלייגטע פיס, איז געזעסן זעינאַב, שמואלס מוטער. זי איז געזעסן אויף אַ קישן, די פיס איבערגעדעקט מיטן קלייד, די הענט פאַרלייגט אויפן בויך און מוטלאָז באַטראַכט איסלאַהן.

פון צייט צו צייט זענען צו זיי אַריין מענטשן פון דאָרף זיי באַזוכן. יעדערער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און געגאַנגען ווייטער. אויך די ווייבער פון דאָרף זענען געקומען, אויך זיי האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט אויפן פּאָל. יעדע פון זיי איז אָפּגעזעסן אַ שטיקל צייט, געשוויגן און דערנאָך אויך שטיל אַרויס פון צימער.

אָפּטער פון אַלע האָט זיי באַזוכט באַבלי. ער האָט זיי באַדויערט, אָבער אויך געשוויגן.

די פּנימער פון די יידן אין „נטור״ זענען געווען פאַרגליווערטע, אָן אויסדרוק. אָבער זייערע אַקסלען זענען לעצטנס העכער און שפּיציקער געוואָרן. זייערע בליקן זענען געווען דורכדרינגלעך און האָבן כסדר באַטראַכט די סביבה.

זיי האָבן ווייטער געשוויגן מיט קרענקונג, זייער שווייגן איז געוואָרן פיינלעך אַפילו פאַר זיי אַליין. שטילן דעם כעס פון באַליידיקונג האָט נאָר געקענט זייער אַרבעט. זייער גאַנצן כח האָבן זיי אָפּגעגעבן דער ערד. זיי האָבן געריסן די פעלזן פון דער ערד ממש מיט די הענט. פון זייערע צעקרימטע פינגער האָט געטריפט בלוט.

נאָר סוכאַר האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן דאָרף, נישט האָבנדיק זיך וווּ אַהין צוטאָן. ער איז שוין געווען זייער אַלט און האָט שוין נישט געקענט אַרבעטן, האַלטן דעם קילאָף אין האַנט און רייסן די פעלזן פון דער ערד־טיפעניש. ער איז

שוין נישט אַרויס אין די בערג, נאָר געפּאַרקעט זיך ביי אַ שטיקל ערד, דעם גאָרטן אַרום דעם הויז, אַזוי ווי די ווייבער פון די שכנים.

זיינע דאַרע הענט האָבן באַאַרבעט די ערד ביי דער שטוב און זיין מויל האָט געשוויגן. זיין האַרץ אָבער האָט זיך געקאָכט פון קנאה. אַלע מענער אַרבעטן אין די פעלדער.

די באַרג־יידן האָבן סוכאָרן אויסגעמיטן. זיי האָבן נישט געקענט ביישטיין זיין בושה און זיין צער נאָכן אומגעקומענעם זון.

סוכאָרס געבויגענע געשטאַלט איז כסדר איינגעפאַלענער געוואָרן. דאָס פאַר־גאָסענע בלוט פון זיין זון האָט געשריגן אין זיינע האַלב־טויבע אויערן.

איסלאַה איז געווען מוטלאָז, דערשלאָגן. זי האָט זיך נישט געהאַט צו וועמען צו ווענדן. שמואל, איר מאַן, איז געלעגן אין קבר. זי האָט געוואָלט אַוועקגיין פון דאָרף, פון דער שטוב, פון אַלטן. איר משפּחה איז געבליבן אין קורדיסטאַן. פון פאַרצווייפלונג האָט זי זיך געשלייכט איבער איר הויז ווי אַ שאָטן. די באַקן זענען איר איינגעפאַלן און בלאַס געוואָרן, די ברוסטן — האַרט. זי האָט זיך געשעמט ווייזן פאַר מענטשן. פון אויפרעגונג האָט זי זיך אַליין געקנייפּט דאָס פלייש פונעם קערפּער. זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די לאַסט פון איר אייגענעם גוף.

ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי געוויינט. אויך די מענטשן אין דאָרף, דער־זעענדיק זי, האָבן שווייגנדיק געוויינט. זייערע הערצער האָבן געטריפט פון בלוט. זיי האָבן נישט געקענט באַהערשן די באַליידיקונג.

די לופט איבער די בערג, איבער זייער דאָרף, איז געווען אָנגעפילט מיט דערנידערונג. דערמוטיקט זיי האָט יעקב, דער זעלנער, יסחוקס זון, וואָס איז געקומען אויף אורלויב.

די ידיעה, אַז ער איז געקומען, האָט ווי אַ בליץ זיך אַדורגעטראָגן איבערן דאָרף. ער איז געקומען מיטאָג־צייט. אָנקומענדיק, האָט ער שוין פון וויטנס אַ געשריי געטאָן: „שלום!" און זיך צעלאַכט פון פרייד, אויסשטשערנדיק זיינע גרויסע ווייסע ציין.

סולטאַנאַ, די מוטער, דערזעענדיק אים, איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און פון פאַרגאַפונג אַרויסגעשטופּט די צונג. אַז זי איז צו זיך געקומען, האָט זי אָן אויפהער, צוגעמאַכט און געעפנט די אויגן און אירע ליפּן האָבן געמורמלט „עלהאַ קיוויאַ!" (גרויסער גאָט).

נגיה, דעם פאָטערס צווייט ווייב, איז געשטאַנען אויף דער שוועל אָנגעלענט אין דער פוטרינע און מיט פאַרגלאָצטע אויגן באַטראַכט יעקבן.

די מוטער האָט פון פרייד זיך אַרומגעווישט די ליפּן מיט דער צונג. אירע קורצע הענט האָט זי זיך פאַרלייגט אויף איר בויך, ווי זי זאָל מיט זיי אונטער־האַלטן אירע אַראָפּגעהאָנגענע ברוסטן. דערזעענדיק ניסימען, אירס אַ יינגערן זון, האָט זי צו אים אַ געשריי געטאָן: לויף זאָגן דעם טאַטן!

ניסים איז געווען אַ קאָפּיע פון פאָטער. אַ פאַרסאָפּעטער, אַן אָטעם, האָט ער

אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג. שוין פון ווייטנס האָט ער געשריגן אויפן קול: „יעקב איז געקומען"!

יסחוק איז געבליבן שטיין מיטן קילאָף אין האַנט און געקוקט אויף ניסימען. ער האָט געוואַרט, אַז ניסים זאָל ווייטער רעדן. ער האָט געוואָלט, אַז די מענטשן זאָלן הערן, ווער יעקב, זיין זון, איז איצט.

ניסים האָט פאַרשטאַנען דעם פאָטערס בליק און זיך נאָך אַ מאָל צעשריגן אויפן קול: „יעקב איז אַ ריכטיקער זעלנער! ער איז געקומען אויף אורלויב".

אַלע מענער זענען שטיין געבליבן מיט די כלים אין די הענט.

יסחוקס אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן פון גאווה. ער האָט פאַרדרייט אַ שפּיץ וואָנסע און פאַרוואַרפנדיק דאָס העמד איבער די אַקסלען, האָט ער דעם זון דער־לאַנגט דעם קילאָף און שטאָלץ אים אַ זאָג געטאָן: „קום אַהיים".

יעקב האָט אויפן פאָטער געוואַרט פאַר דער טיר. דערזעענדיק אים, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אים אַנטקעגן און געכאַפּט קושן זיין האַנט.

דער פאָטער איז געבליבן שטיין. זשמורענדיק די אויגן, האָט ער באַטראַכט דעם זון; דעם מונדיר, די מעשענע, גלאַנציקע קנעפּ און די זעלנער־אָפּצייכענונגען. ער איז פאַרגאַפט געוואָרן. לאַנגזאַם האָט ער אויפגעהויבן זיינע ברייטע, באַאָדערטע הענט און זיי אַרויפגעלייגט אויף יעקבס קאָפּ. פאָטערלעכע צאַרטקייט האָט זיך אים פונאַנדערגעגאָסן איבער זיין קנאָכיקן פּנים. זיינע געלע האָר זענען פון אויפ־רעגונג געוואָרן נאָך רויטער ווי שטענדיק.

פאַרנאַכט איז יסחוק אַרויס מיט יעקבן שפּאַצירן איבערן דאָרף.

אַלע קינדער פון דאָרף זענען זיי נאָכגעלאָפן. פאַרבייגייענדיק זייערע היף, זענען זיי פאַרסאָפּעטע אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט אַ געוואָלד: „דער זעלנער גייט!".

די מגושמדיקע יידן זענען אַרויס פון די הייזער קוקן. פאַרגאַפטע זענען זיי געשטאַנען און באַטראַכט דעם זעלנער. ווען ער איז צו זיי נענטער צוגעקומען, האָבן זיי אים באַגריסט „ברוך הבא!"

„ברוך אדוני!" האָט יסחוק שטאָלץ געענטפערט יעדן. יסחוק, דער פאָטער, האָט געשפּרייזט מיט אויסגעצויגענע פעסטע שריט, דעם קאָפּ פאַרריסן אין דער הויך און נעבן אים זיין זון — דער זעלנער.

דער איינציקער, וועלכער איז נישט אַרויס באַגריסן יעקבן, איז געווען דער „חכם". ער, דער „חכם", האָט נישט געוווסט, וועמענס כבוד איז דאָ אין לאַנד גרעסער. דעם „חכמס", צי יעקבס — דעם זעלנער.

די באַרג־יידן זענען נישט אָפּגעטרעטן פון יעקבן. זיי האָבן געוואָלט וויסן, ווי עס איז ביים יידישן מיליטער? זיי האָבן אים אַרומגעשטעלט און מיט אָפענע מיילער געשלונגען זיינע רייד.

ער האָט זיי דערציילט, אַז יעדע זאַך אין דער קאַזאַרמע מוז ליגן צונויפ־געלייגט און אויסגעסדרט. ער האָט זיי געזאָגט, אַז יעדער באַפעל מוז פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן. יעדעס וואָרט זיינס האָט זיך זיי איינגעקריצט אין זכרון. אָבער

אויף זיי האָט געווירקט די ידיעה, אַז פאַר נישט אויספירן אַ באַפעל ווערט דער זעלנער באַשטראָפט. די פרייע באַרג־מענטשן האָבן פון יעקבס רייד אַרויסגעפילט די ענגקייט פון די טורמע־ווענט.

ער האָט זיי דערקלערט, אַז ווען מען גייט אין אַ ריי, מוז מען האַלטן דעם שריט, לויטן טאַקט פון „איינס, צוויי". ווי מען לערנט די זעלנער זיך באַגיין מיט דער ביקס האָט ער זיי נישט דערציילט. דאָס האָבן זיי געוווסט. ער האָט זיי אָבער דערציילט, ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיט אַ גראַנאַט; מען האַלט אים פעסט אין דער רעכטער האַנט, מיט דער לינקער ציט מען אַרויס דעם קאָפּ, מען ציילט ביז זיבן, און מען וואַרפט דעם גראַנאַט מיט אַ האַנט־בויגן אויפן שונא. אויב דער זעלנער פאַרשפּעטיקט זיך מיטן וואַרפן, רייסט ער אויף אין האַנט און הרגעט אים אַליין.

דער ענין „גראַנאַט" איז פאַר זיי געווען ניי. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ מין געווער, אָבער זיי האָבן עס קיין מאָל נישט געזען פאַר די אויגן. זיי האָט אינטערעסירט, ווי אַזוי מען לערנט די זעלנער גיין אויף באַגנעטן, ווי אַזוי די זעלנער שטעכן אַריין זייערע באַגנעטן, לויטן טעמפּאָ אין מענטשן, אויסגעשטופּטע מיט שטרוי. ווי פאַרכישופט זענען זיי געזעסן און געהאָרכט יעקבס דערציילן, ווי עס פליען יידישע עראָפּלאַנען און יידישע זעלנער מיט שירעמס איבער די קעפּ שפּרינגען פון זיי אויף דער ערד. דאָס האָט ער זיי געמוזט איבערדערציילן עטלעכע מאָל. יעדעס מאָל האָבן זיי פון דאָסניי געשאָקלט מיט די קעפּ פון פאַר־וווּנדערונג. פאַר באַגייסטערונג האָבן זיי יעדעס מאָל געמורמלט אונטער זייערע לאַנגע, פליישיקע נעזן: „עראָפּלאַנען פליִען און זעלנער שפּרינגען פון זיי?!"

ספּעציעל אַנטציקט פון יעקבס רייד האָט זיך סאַסון. סאַסון, אַ הויכער, עלטערער ייד מיט אַ לאַנגער, פליישיקער נאָז, וואָס האָט ווי איבערגעטיילט אין צוויי זיין קנאָכיק פנים, איז אַנגעגאַנגען אין דער עדה פאַרן בעסטן טרינקער און שיסער. סאַסון האָט געהאַט לאַנגע פיס און אַ שאַרפן בליק. ער האָט געצילט און געטראָפן אַ פליִענדיקן פויגל. דאָס לעצטע מאָל, ווען יעקב האָט דערציילט, ווי די פאַראַשוטיסטן שפּרינגען פון עראָפּלאַן, ביינאַכט אין דער פינצטער, האָט סאַסון זיך צעשריגן אויפן קול: יידן זענען גבורים! איך בין אַ ייד!

דער אָפּהילך פון די בערג האָט אים געענטפערט.

פון זינט יעקב האָט באַזוכט „נטור" האָבן די באַרג־יידן אויפגעלעבט, אָבער אין אַלגעמיין זענען זיי געווען דערשלאָגן. יעדער פון זיי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ געפיל: „אונדזער כבוד און שטאָלץ איז פאַרשוועכט און דערנידעריקט געוואָרן".

אין זייערע פאַרזשמורעטע אויגן האָט געטליעט אַ באַהאַלטענער נקמה־סוד.

# ח

דער מאַרגנגרוי, וואָס האָט פאַרטושט די נאַכט־פינצטערניש, איז געווען געדיכט און פייכט. די פעלזן האָבן געגלאַנצט, געווען ווי אָפּגעוואַשן. די ערד — לעבעדיק, זאַט. קוסטעס און ביימער, יעדעס בלעטל און גרעזל זענען געווען באַדעקט מיט דעם נאַכט־טוי און געאָטעמט מיט דער אויפגייענדיקער מאָרגן־פרישקייט.

אויך די שטיינערנע דעכער פון „נטור" זענען געווען נאַס. קליינע וואַסער־ריטשקעלעך האָבן זיך געקייקלט פון זיי. איינצלנע טראָפּנס האָבן מאַנאָטאָן געקאַפּעט, געוואָרן איינגעזאַפּט אין דער ערד אַרום די הייזער. פון דער פייכטער ערד האָט געשפּאַרט זעטיקייט.

איבער „נטור" איז געווען פונאַנדערגעשפּרייט אַ פריש אויפגייענדיקער מאָרגן. עס האָבן זיך דערהערט סקריפּען פון טירן. די מענטשן אין דאָרף זענען אויפגע־שטאַנען. איבער „נטור" האָט זיך געשטעלט דער טאָג, אָבער דער טאָג איז געווען אַנדערש פון אַלע דאָרפס־טעג.

היינט זענען די באַרג־יידן נישט אַוועק אין די בערג. אויפשטייענדיק פון שלאָף האָבן זיי זיך שנעל אָרומגעוואַשן. שוין פון פרימאָרגן אָן האָבן זיי זיך געאיילט. זיי האָבן געגעסן שטייענדיק, איילִיק געריסן שטיקער פון ברויט און זיך נאָכגע־וואָרפן אין מויל אַריין גרינע, געקלאַפּטע אַליוון. זייערע קינבאַקן האָבן געאַרבעט ווי שיפס־רודער.

די ווייבער מיט די קינדער האָבן נאָך נישט באַוויזן אָפּצועסן, האָבן די מענער זיי אונטערגעאיילט: שנעל צו דער אַרבעט!

די ווייבער אין זייערע לאַנגע, פונאַנדערגעלאָזטע קליידער און די באָרוועסע קינדער האָבן זיך אַ צעשפּרייט געטאָן איבער די גערטנער אַרום די הייזער. זייערע געבויגענע געשטאַלטן האָבן פון ווייטנס אויסגעזען ווי קופּעס ערד. די קליינע קינדערס פינגער און די דיקע פון אַרבעט פרוויען־הענט האָבן גענישטערט, געזוכט צווישן די בלעטער און שטענגלעך די פרוכטן, וואָס די ערד האָט זיי געשאָנקען.

הינטער יעדן הויז איז געשטאַנען דער מאַן — דער טאַטע — און אונטער־געטריבן זיין משפחה „האָוואַ" (שנעלער).

איז ווער פון די קינדער געבליבן שטיין און פאַרגאַפּט נאָכגעקוקט אַ פאַרביי־געפלויגענעם זומער־פויגל, האָט זיין טאַטע געזידלט אים: שנעלער, ממזר! נישט איין הינטן פון אַ קינד האָט געפילט דעם ווייטיק פונעם טאַטנס שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

אויך רחל איז היינט אויפגעשטאַנען פריער ווי שטענדיק. אויך זי איז איילִיק געגאַנגען איבערן דאָרף און איבערן וועג, צוקעמענדיק זיך מיטן קעמל. גייענדיק, האָט זי אין איר ווייסן, אָן אַ פּאַסיק, כאַלאַט, אויסגעזען נאָך דיקער ווי זי איז געווען. זי האָט זיך געאיילט, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז דאָס דאָרף נעמט היינט אַראָפּ די ערשטע גרינסן.

אָבער איצט האָט זי זיך געאיילט צו מזלען. מזל, אַ הויכע, שטאַרקע פרוי מיט

טריבע אויגן, האָט אויף איר ברייטן פליישיקן קאָפּ געטראָגן משאות. קיינער פון די פרויען אין דאָרף האָט זיך צו איר נישט געקענט גלייכן. זי איז געווען אַרבעטס־זאַם, געאַרבעט פון מאָרגנגרוי ביז אין דער נאַכט אַריין און נישט מיד געוואָרן.

אָבער וויפל זי האָט קינדער, ניין צי צען, האָט זי נישט געוווּסט. אין ציילן זיי האָט זי שטענדיק געהאַט אַ טעות. איר יינגסטע טאָכטער, אַ שוואַרץ קיילעכדיק אָנגעגעסן מיידעלע, וואָס זי האָט נאָך געזייגט, כאָטש זי איז שוין אַרומגעלאָפן, האָט זי שטענדיק פאַרגעסן צו נעמען אין חשבון.

רחל איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן פון אויפרעגונג. זי איז איצט געלאָפן צו מזלן זען, וואָס עס מאַכט יחזקאל, איינער פון אירע פיל זין.

יחזקאל איז געווען אַ שטאַרק יינגעלע. די מוטער האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז אַלט נאָר פינף יאָר, אָבער ער האָט אויסגעזען אויף זיבן, אַכט יאָר. ער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן איבערן דאָרף אין אַ לאַנג צעקנעפּלט העמד, מיט ברודיקע, באָרוועסע פיס.

יחזקאל האָט נעכטן פאַרנאַכט אויסגעטרונקען אַ האַלבע פלאַש נאַפט, וואָס איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט געפונען דעם פּאָטערס אַ פלעשל אַראַק.

נאָכן אויסטרינקען דעם נאַפט איז יחזקאל געוואָרן שוואַרץ און געשוואָלן און אָנגעקעפּאַלן באַוווּסטלאָז. ער איז געלעגן און געכאָרכלט. די מוטער האָט זיך אַפילו צו אים נישט צוגערירט, זי האָט נאָר געשיקט רופן רחלען.

רחל האָט געוואָלט לויפן אַלאַרמירן רפאלן, ער זאָל דאָס קינד אָוועקפירן אין שפּיטאָל, אָבער די מוטער האָט איר אָנגעקוקט מיט בטול. וואָרפנדיק אירע הענט פאַר רחלס אויגן, האָט זי איר אַ זאָג געטאָן: „איך געבן אייל אים!" און מיט כעס צוגעגעבן: „קאָסטן געלט ימח שמו!".

רחל האָט איר פאַרשוויגן, זי איז אָבער אָוועק פון דאָרף אַן אומרויִקע.

איבערטרעטנדיק מזלס שוועל, איז רחל געבליבן שטיין אַן איבעראַשטע. ס'הויז איז געווען ליידיק. מזל מיט אירע אַלע קינדער און מאַן זענען שוין געווען אין דרויסן — אין גאָרטן.

רחל האָט אָפּגעאָטעמט. ערשט איצט האָט זי דערזען, אַז דער פּאַסיק פון איר כאַלאַט הענגט איר נאָך. זי האָט אים אַרומגעבונדן און מיט פּאַמעלעכע טריט גענומען גיין איבערן דאָרף אַהיים.

אַנטקעגנגעקומען איר זענען די דאָרפס־משפחות, ווייבער און קינדער. איינ־געהויקערטע מיט צונויפגעקניפּטע פלאַכטעס איבער די קעפּ, האָבן זיי געשלעפּט אין דעם קאָנסומהויז אַריין זייערע נאָר וואָס אַראָפּגענומענע פון די גערטנער גרינסן.

דער משפחה איז שטאָלץ נאָכגעגאַנגען דער מאַן — דער טאַטע, מיט אַ שטעקן אין האַנט. די ווייבער און קינדער, איבערגעלאָדענע, זענען געגאַנגען מיט קורצע טריט און זיך איבערגעשריגן: „שנעלער!".

אַרום דעם קאָנסומהויז האָט גערוישט און זיך געטומלט, ווי אויף אַ יריד.

יעדע משפחה האָט זיך דעראָבערט אַ פּלאַץ. די ווייבער מיט די קינדער האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום זייערע פּעק גרינס און זיי געהיטן. דער פּלאַץ אַרום דעם קאָנסומהויז האָט איצט אויסגעזען ווי אַ צעלאָזענער ציגיינער־לאַגער.

דער איינציקער, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט מוטלאָז, איז געווען סוכאַר. ער, דער אַלטער, וועמענס כוחות האָבן נישט געסטאַיעט צו באַאַרבעטן זיין שטיקל ערד, האָט נישט געבערענגט אַזוי ווי אַלע, זיין גערעטעניש. ער איז געשטאַנען איינגעהויקערט ווי אַ שאָטן, אָנגעלענט אין אַ ווינקל פון הויז און געקוקט אויף אַלע מיט קנאה.

דערפאַר איז שרגא געשטאַנען אויף זיינע ברייטע, צעשטעלטע פיס אויפן גאַניק פון קאָנסומהויז און מיט אַ צעשמייכלט פּנים אָפּגענומען דאָס גרינס פון די מתישבים. די אויגן האָבן אים געפינקלט, קוקנדיק אויף די שמאַלע, דאַרע אוגער־קעס און „קוסעס". זיין בליק האָט זיך געשפּיגלט אין די בייכיקע גלאַנציקע באַקלאַזשאַנעס. דאָס אָפּגענומענע פון די באַרג־מענטשן גרינס האָט ער סאָרטירט אין קאַסטנס לויט דער גרויס.

שרגא האָט זיך ביי דער אַרבעט אַזוי אַריינגעטאָן ביז די הויזן האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט אונטער די לענדן. די שפּיצן פונעם העמד זענען אים אַרויסגעהאַנגען פון די הויזן, ווי אויערן ביי אַן אייזל.

די באַרג־יידן זענען געווען רויק, נאָר זייערע אויגן זענען שנעל געלאָפן אַהין און צוריק — געקוקט, ווי שרגא בראַקירט זייער גערעטעניש. די מאָגערע באַרג־ערד האָט מיט מי פון זיך אַרויסגעגעבן די ערשטע, קרום־פאַרוויקלטע ווי שלאַנ־גען, אוגערקעס, און אויסגעצויגענע „קוסעס". די טאָמאַטן זענען געווען בלאַס, פאַרמלאָז און צעפּלאַצט. זיי האָט געפעלט די ערד־קראַפט, וואָס זיי האָבן געדאַרפט זייגן כדי צו וואַקסן.

די באַרג־יידן האָבן באַטראַכט זייער גערעטעניש און אין געדאַנק באַרעכנט, וויפל געלט זיי וועלן באַקומען.

זיי האָט באַאומרויִקט איסלאה, וואָס איז געשטאַנען לעבן שרגאן און פון אים גענומען די אויסבראַקירטע סחורה.

אַז שרגא האָט געוועלטיקט איבער זיי, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עס איז ריכטיק; אָבער אַז איסלאה, אַ זייעריקע און דערצו נאָך אַ פרוי זאָל אויך וועלן איבער זיי אַ דעה זאָגן, האָבן זיי נישט געקענט באַגרייפן און פאַרטראָגן.

איסלאה, בלייבנדיק אַן אלמנה נאָך שמואלן, איז נישט נאָר געבליבן עלנט, נאָר אויך איבעריק אין דאָרף. זי האָט זיך געניויטיקט אין פרנסה, אָבער גיין אַרבעטן אין די בערג ווי אַ מאַן, איז זי נישט בכוח געווען.

נישט איין מאָל איז זי געקומען צו רחלען מיט פאַרוויינטע אויגן און הילפלאָז געפרעגט: „וואָס וועט זיין מיט מיר?" דאָס איינציקע, וואָס האָט זי אויפגעהאַלטן אין דאָרף, איז געווען איר לײדיק הויז. זי האָט נישט געקענט אַוועקגיין — איבערלאָזן דאָס הויז. זי האָט אויך נישט געהאַט וווּ צו גיין.

זי האָט נישט געשטאַמט פון די „חמולות" אין „נטור". איר משפּחה שם־טוב איז געבליבן אין קורדיסטאַן.

רחל האָט געזוכט אַן אויסוועג פאַר איסלאַהן. דערוויסנדיק זיך, אַז קליגער נויטיקט זיך אין אַ געהילף, האָט זי באַשלאָסן אַז איסלאַה וועט עס זיין. זי האָט צונויפגעפירט שרגאַן מיט באַבלין. באַבלי איז איצט געווען דער וואָרט־זאָגער פון דאָרף און זי האָט פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן איסלאַהן שיקן אַרבעטן אין קאָנסומהויז.

שרגא איז באַלד מסכים געווען, אָבער באַבלי, דערהערנדיק רחלס פאָרשלאַג, האָבן זיינע קליינע אויגן גענומען לויפן אַהין און צוריק. ער האָט אָבער געשוויגן. ער האָט נישט געוואָלט זאָגן „יאָ" און נישט „ניין". ער האָט זיך נישט געפילט בכוח זיי אַנטקעגנצושטעלן.

אין דעם קאָנסומהויז האָט זיך פאַר איסלאַהן געעפנט אַ נייע וועלט. זי, וואָס האָט נאָר געקענט קאָכן קאַרטאָפל, בעבלעך און פערפל, און אַפילו נישט געקענט אָפּשניידן גלייך אַ מוציא ברויט, איז די אַרבעט אין דעם קאָנסומהויז איר געווען אַ קוועלעניש. די פּאַליצעס מיט די אַלע אויסגעסדרטע אין זיי סחורות זענען פאַר איר געווען ווי אַ תהום. די ערשטע טעג איז זי געשטאַנען אין ווינקל ביי דער טיר מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מורא געהאַט זיך צורירן צו עפּעס.

אָבער קליגער האָט גוטמוטיק צו איר אַריבערגעקוקט פון איבער זיינע ברילן אַריבער. פאַרזשמורענדיק אַן אויג, האָט ער צו איר געשמייכלט. ער האָט גוטמוטיק, ווי אַ טאַטע, זיך געווענדעט צו איר מיט זיין איבערגעטייטשטן אויף עברית יידיש: „(איסלאַה בוא הנה) איסלאַה, קום אַהער. (איסלאַה, לסדר את השקים) איסלאַה לייג צונויף די זעק! (איסלאַה, לסדר בשורה את הבקבוקים ערך) איסלאַה, שטעל אויס די פלאַשן אַראַק".

זיין ווייכע שטימע האָט אויף איר געווירקט. איר שטוב איז איר איצט נאָך לײדיקער געוואָרן. זי איז צו דער אַרבעט געגאַנגען מיט פרייד — טרעפן קליגערן. זי האָט זיך נישט נאָר צוגעוווינט צו דעם הויכן, דאַרן באַברילטן ייד, נאָר אויך צו דער אַרבעט. זי האָט שוין געקענט וועגן און מעסטן און געוווסט די פרייזן פון די סחורות. זי האָט זיך אויך געלערנט רעכענען אויפן קאָפּ און שוין גערעדט אָפּגעהאַקטע זאַצן עברית.

אויך קליגער האָט זיך צו איר צוגעוווינט. איר פּרימיטיווקייט און לעבנסווילן האָבן אים געפרייט. אָבער דווקא די באַרג־מענטשן — אירע אייגענע — האָבן רעדנדיק מיט איר, נישט געקוקט איר אין די אויגן. די קנאה האָט די מענטשן געגעסן: „אויך זי האָט צו זאָגן?!" אָבער אַלע האָבן געשוויגן. דאָס געצוווּנגענע שווייגן אָבער האָט אין זיי אַריינגעבראַכט כעס. די מינדסטע קלייניקייט האָט זיי געקענט דערפירן אַפילו צו רציחה.

די אַרבעט איז פאַרגעזעצט געוואָרן. אָבער ווען די ריי איז געקומען אויף יסחוקן, האָט ער אַ זאָג געטאָן זיינע ווייבער: שנעל!

זיינע ווייבער מיט דער כאַפּטע קינדער האָבן אַ נעם געטאָן זייערע צונויפ־געבונדענע אין אַ פלאַכטע גרינסן און צוגעטראָגן צו שרגאַן.

יסחוקס יבול איז געווען אַ שוואַכער, קלענער ווי פון די משפחות וווּ עס איז נאָר געווען איין ווייב און אויך וויניקער קינדער.

סולטאַנאַ, יסחוקס עלטערע ווייב, האָט פאַר בושה אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן. זי האָט זיך געשעמט פאַר שרגאן און פאַר די שכנים. אַ לענגערע צייט האָט זי געשוויגן, אָבער זעענדיק, ווי שרגא בראַקירט כסדר אויס זייער פּראַצע — דאָס גרינס, האָט זי נישט אויסגעהאַלטן מער און מיט כעס זיך אַ ווענד געטאָן צו נגיהן: פאַרנעם זיך וויניקער מיטן מאַן. אַרבעט מער, וועט זיין מער געלט! פון סולטאַנאַס איצט ווילדע אויגן האָט געשפּאַרט שנאה.

אויך אין נגיהס אויגן האָט אַ פלאַקער געטאָן די שנאה. דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין. אירע ציטערנדיקע פון כעס הענט האָבן געריסן איר גאַרגל ווי זיי זאָלן וועלן אַרויסרייסן פון אים די קעל. אַ צערייצטע פון כעס, די אויגן פאַרגלייזט, האָט זי איצט ווידער דערמאָנט די טעג, ווען יעקב איז געווען אויף אורלויב און די וויבער האָבן סולטאַנאַן געבענטשט „ברכה הוי אלהא (גאָט זאָל דיך בענטשן), איר, די מוטער פונעם זעלנער. צעשויבערט, די באַקן צעפלאַמט, האָט נגיה פונאַנדערגעשטעלט אירע פיס, אונטערשפּאַרנדיק זיך די טאַליע, האָט זי אַ זאָג געטאָן סולטאַנאַן אין פּנים אַריין: איך וויל נישט אַרבעטן פאַר דיינע ממזרים.

צערייצטע שנאה האָט געוואָרגן סולטאַנאַן. פון רציחה האָט זי געסאָפּעט ווי אַ צערייצטער אָקס. זשמורענדיק די אויגן, האָט זי זיך לאַנגזאַם אונטערגערוקט צו נגיהן, ווי זי זאָל זיך וועלן אויף איר וואַרפן. אָבער אַז זי האָט אויף זיך דערפילט נגיהס הייסן אָטעם, איז זי געבליבן שטיין קריצנדיק מיט די ציין, און איר אַ זאָג געטאָן: און איך וועל נישט אַרבעטן אויף דיינע ממזרים! סולטאַנאַ האָט יעדעס וואָרט אַקצענטירט, ווי זי זאָל זיי קריצן מיט אַ נאָגל אויף אַ שטיין.

יסחוק, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, האָט בנעימותדיק געראויכערט אַ ציגאַר. אַז ער האָט דערהערט די קריגעריי, איז ער שנעל צוגעלאָפן צו זיינע ווייבער. דאָס פּנים רויט פון כעס, מיט טעמפּע אויגן ווי שטענדיק, האָט ער אַ שריי געטאָן צו די ווייבער: שווייגט הינטעכעס! און געביסן די ליפּן פון רציחה.

סולטאַנאַ האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי זאָל זיך פילן שולדיק, אָבער נגיה האָט אָנגעקוקט יסחוקן מיט אירע ווילדע אויגן. איר צעגליטער בליק האָט אים געשפּיזט. מיט אַ מאָל האָט זי אַ פאַרזשמורע געטאָן אירע אויגן און אַ זאָג געטאָן יסחוקן: האָסט צוויי ווייבער, זאָרג פאַר זיי! דאָ איז ישראל! אָבער אַז זי האָט געענדיקט רעדן, האָט זי זיך אַוועקגערוקט אין אַ זייט. אירע ברענענדיקע מיט שנאה אויגן האָבן געזוכט רחלען. זי האָט מורא געקריגן, יסחוק זאָל זי נישט אָנשלאָגן.

יסחוקס פּנים איז רויט געווען ווי קאַרמאַזין. זיינע רויטע האָר האָבן געפלאַמט ווי פייער. זיינע טעמפּע, אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן געברענט פון כעס. ער האָט אויף נגיהן אויפגעהויבן דעם שטעקן.

באַבלי האָט זיך אונטערגערוקט און יסחוקן אַ זאָג געטאָן: לאָז עס אויף דער היים! ער האָט יסחוקן אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און אים מיט כוח אַוועק־געפירט.

יסחוקס טעמפּ, רויט אָקסן־פּנים האָט פון ווייטנס נאָך ווילד געקוקט אויף זיינע ווייבער. זיי זענען ווי קלענער געוואָרן.

אָבער דאָס דאָרף „נטור" איז היינט געווען אַנדערש ווי אַלע מאָל. די באַרג־יידן זענען היינט נישט אַרויס צו דער אַרבעט, נאָר די ווייבער מיט די קינדער האָבן זיך אומגעקערט צו זייער טאָג־טעגלעכקייט.

די באַרג־יידן האָבן זיך צונויפגעקליבן פאַרן דאָרפס־טויער. פון אָנהויב זענען זיי געשטאַנען נאַכלעסיק מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און געקוקט אויפן דאָרפס־וועג, ווי ער לויפט באַרג אַראָפּ און בינדט זיך מיטן אַספאַלט־וועג וואָס פירט אין שטאָט אַריין.

פון לאַנגווייליקייט האָבן זיי זיך פונאַנדערגעלייגט אויף דער ערד. יעדער פון זיי האָט ליגנדיק דערפילט די שווערקייט פון זיינע אברים. פון זאַטקייט האָבן זיי געגענעצט און געמליאַסקעט מיט די מיילער. זיי זענען געלעגן פונאַנדערגעלייגט, די פיס צעשפּרייט, די הענט פאַרוואָרפן, מיט די בייכער אַרויף, ווי אויסגעשפּאַנטע פערד נאָך דער אַרבעט.

זיי זענען געלעגן מיט אָפענע אויגן און אין זיך איינגעזאַפּט דעם לויטערן הימל־בלוי.

פון דער זייט איז אָנגעקומען סוכאַר און איז שטיין געבליבן אַ געבוקטער. זיינע טריבע אויגן האָבן האַרטנעקיק זיך איינגעקוקט אין די צעלייגטע יידן. מיט אַ מאָל, ווי ער זאָל עפּעס האָבן פאַרלוירן, האָט ער אַ הויב געטאָן די הענט צום הימל און אַ שריי געטאָן מיט זיין אַלט, הייזעריק קול: ס'בלוט שרייט פון קבר!

דערהערנדיק סוכאַרס רייד, האָבן זיך די באַרג־יידן אויפגעזעצט. אַלע האָבן זיך אויפגעזעצט ווי אויף אַ באַפעל. זייערע אויפגעריסענע אויגן האָבן עקשנותדיק באַטראַכט סוכאַרן.

אימה האָט געפלאַטערט איבער זיי.

אַ טעמפּער קנאַק פון אַ געפאַלענער אויף דער ערד זאַק האָט איבערגעהאַקט די שטילקייט. באַבלי האָט אין דער ערד אַריינגעהאַקט אַ מעסער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און אַ זאָג געטאָן סוכאַרן:

— וויין נישט, אַלטער, מירן נקמה נעמען!

סוכאַרס טריבע אויגן האָבן שווייגנדיק אים אָנגעקוקט.

דער לאַנגער, דאַרער סאַסון איז איצט אויפגעשפּרונגען און זיך אַ ווענד געטאָן צו באַבלין אין עברית. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט געוויגן יעדעס וואָרט:

„אנחנו מחליף הרים, לא הכבוד שלנו" (מיר האָבן געביטן די בערג, אָבער נישט אונדזער כבוד).

אַז ער האָט געענדיקט, האָט זיך אויך יסחוק אויפגעשטעלט. זיינע פאַרגלייזטע

אויגן און די לאַנגע נאָז האָבן טעמפּ אַראָפּגעקוקט פון זיין פּנים. אַפּווישנדיק זיך די ליפּן מיט דער צונג, האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו די פּאַרזאַמלטע:

„מאָלוּ מאַגיראַשי. דימאַ דוקיט דימאַ” (געגנוג געוואָרט. בלוט פאַר בלוט).

אַלע זענען האַסטיק אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שטורעם וואָלט דורך זיי אַדורך.

איצט איז יסחוקס בליק נאָך טעמפּער געוואָרן. לאַנגזאַם ווי ער זאָל מעלה־גרה זיין, האָבן זיינע גרויסע ציין אַדורכגעזייט אַן איינציק וואָרט: היינט!

די באַרג־יידן האָבן אויסגעשטרעקט זייערע קעפּ, ווי חיות, ווען זיי דערפילן געפאַר, אָבער אַלע האָבן אים געענטפערט „אָדיוּ” (היינט).

באַבלי האָט נאָך ווילדער געגנומען פינטלען מיט די אויגן. איינקוקנדיק זיך אין זיין עדה, האָט ער אַ וואָרף געטאָן זיינע הענט און כמעט היסטעריש אויסגעשריגן:

— ווער וועט פירן?

אויך איצט האָט סאַסון זיך אויסגעגלייכט און מיט תקיפות זיך אַ ווענד געטאָן צו די פּאַרזאַמלטע: „יסחוק האָט צוויי ווייבער. ער וועט פירן!”

באַבלי איז רויט געוואָרן פון כעס. ער האָט אַן עפן געטאָן דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין מאָמענט האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל געבליבן.

אין סוכאַרס טריבע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, אָבער זיי האָבן נישט געקענט אַראָפּפאַלן.

די באַרג־יידן, אומקערנדיק זיך אַ היים, האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים און די שיך. באָרוועס, אין זייערע לאַנגע פונאַנדערגעלאָזטע העמדער, האָט יעדער פון זיי זיך אַוועקגעזעצט הינטער אַ הויז־ווינקל אָדער אין בוים־שאָטן און גערייניקט די ביקס.

די ווייבער, געניטע אין נסיון, האָבן באַלד פאַרשטאַנען, וואָס עס גרייט זיך. איבערן דאָרף האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן דער אַנזאָג: „מלחמה”. די ווייבערס פּנימער זענען געוואָרן לענגער, ערנסטער. די קינדער זענען מיט אַ מאָל איינגעשטילט געוואָרן.

איבער „נטור” האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אַן אימהדיקע שטילקייט.

ווי נאָר דער אָוונט האָט זיך אָפּגערוקט פון די בערג, האָבן די מענער אויפגעוואַכט. פאַרשלאָפענע, האָבן זיי זיך צעזעצט איבער די שוועלן פון זייערע הייזער.

די ווייבער האָבן געשוויגן, אָבער מיט שטאָלץ האָבן זיי אונטערגעטראָגן זייערע מענער וואַסער צו וואַשן. נאָכן אויסשווענקען די מיילער און אָפּגיסן די הענט, האָבן די ווייבער זיי דערלאַנגט שוואַרצע, געצוקערטע קאַווע און אַ בלעך מיט עסן. דאָס עסן איז געווען פּשוט: ברויט געטונקען אין זאַלץ און איינגעריבן מיט קנאָבל. פאַרביסן עס האָבן זיי מיט רויטע, געזאַלצענע פעפערלעך און רויע ציבל. פאַרטרונקען האָבן זיי מיט געצוקערטע שטאַרקע טיי, וואָס איז שוואַרץ געווען ווי טינט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן איבער „נטור”. יעדערער פון די באַרג־יידן האָט זיך אָנגעשטופּט די טאַשן מיט קוילן און די ביקס פאַרוואָרפן איבערן אַקסל.

באַוואָפנט, איז יעדערער פון זיי אַריין צו זיך אין שטוב. שווייגנדיק אַרומגע־נומען מיטן בליק זיינע בני־בית און אַוועק צו דער טיר. אַרויסגייענדיק, האָט יעדערער פון זיי אַ קוש געטאָן די מזוזה.

באַוואָפנטע, זענען זיי מיט שווערע טריט געגאַנגען צום „חכם״. אַ מילדער נאַכט־ווינט האָט זיי געקילט און באַגלייט.

דער „חכם״ איז געזעסן אין שול. ער איז געזעסן אויף דעם פּאָל, אויף אַ קישן, די פיס פאַרלייגט אונטער זיך און געמורמלט.

די באַרג־יידן האָבן זיך אַרומגעזעצט נעבן אים. זיי זענען געזעסן, די ביקסן איבערגעלייגט איבער די קניען, און גענאָגט די פאַרלייגטע אונטער דער צונג הויפּנס טאַבאַק.

דער „חכם״ האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר זיין לאַנגע באָרד האָט זיך לאַנגזאַם באַוויגן, ווי זי זאָל גלעטן זיין כאַלאַט. ער איז געזעסן און געזאָגט תהילים. ער האָט געברומט ווי אַ לייב, אָבער פון מאָל צו מאָל האָבן זיך אויך געהערט איינצלנע, אָפּגעהאַקטע ווערטער: „היום גלותי את חרפת מצרים מעליכם..״. „נטע בכידון אַשר בידך״. די ווערטער זיינע זענען געווען קאַנטיק, פּירעקיק.

דער „חכם״ האָט געזאָגט תהילים ביז חצות.

זיין עדה האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט. זיי זענען אָבער געזעסן מיט אַרויסגעזעצטע אויגן אָן אויסדרוק, געקוקט אויף אים און געהאָרכט ווי ער זאָגט. זיי האָבן געוווסט, אַז ער בעט פאַר זיי.

חצות. דער „חכם״ האָט פאַרמאַכט דעם ספר, אַ קוש טוענדיק עס און אַריינ־גערוקט אונטערן בוזעם. זענען די באַרג־יידן געבליבן זיצן הילפסלאָז. דער פּלוצ־לונג איבערגעהאַקטער ניגון האָט אויך איבערגעריסן זייער אָנגעשטרענגטקייט.

לאַנגזאַם, פויל, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט.

אויך אין דרויסן האָבן זיי זיך פונאַנדערגעזעצט אויף דער ערד. די פינצטער איז איצט געווען געדיכט, מען האָט זי געקענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט. איינצלנע שטערן האָבן אַראָפּגעקוקט פון הימל. זיי זענען געזעסן און געשוויגן, זיך פאַרצויגן מיטן רויך פון די ציגאַרן. איבער זיי איז געהאָנגען אַ קילער נאַכט־נעפּל.

ווען אַ געדיכטער וואָלקן האָט גענומען זיך אַריבערוקן איבער דער האַלב־בלאַסער לבנה, און די נאַכט־פינצטערניש איז נאָך געדיכטער געוואָרן, האָט יסחוק געלאָסן זיך אויפגעשטעלט און רוק, ווי זיין וואָרט זאָל גאַרנישט באַדייטן, אַ זאָג געטאָן: גרייט אייך.

אַלע זענען מאָמענטאַל אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שטראָם וואָלט דורך זיי אַדורך. עס האָט זיך דערהערט אַ זעץ פון אַרויסגעצויגענע קאָרקעס.

בייכיקע פלעשער האָבן געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט. אויסגעשטרעקטע מיילער האָבן זיך געגאָרגלט, געזשלאָקעט.

ווען די פלעשער זענען ליידיק געוואָרן, זיך שוין געוואַלגערט אונטער די פיס, האָט יסחוק אַ הויב געטאָן די ביקס איבערן קאָפּ, אַלס צייכן און אַ באַפעל געטאָן: — נאָך מיר!

די עדה יידן האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים. זייערע געמיטער זענען געווען לייכט, אָבער די טריט זייערע זענען געווען שווערע. אַרויסבאַגלייט זיי פון דאָרף האָבן זייערע ווייבער, וואָס זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים דאָרפס־טויער און געוואַרט אויף זיי.

פון די מענער אין דאָרף זענען נאָר געבליבן: דער „חכם״, דער אַלטער סוכאָר, קליגער און יוסף. אויך שרגא מיט גדעונען זענען געבליבן. די באַרג־יידן האָבן בכלל זיי נישט צו וויסן געטאָן, אַז זיי גרייטן אַן איבערפאַל אויפן אַראַבישן דאָרף אויפן שפּיץ באַרג.

ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון דאָרף, האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבערן שטח. דער באַרג, זיינע שטעגן, זענען זיי באַקאַנט געווען. די געדיכטע נאַכטפינצטער האָט זיי געהילט. זיי האָבן געקלעטערט און געשוויגן. געבויגן די קערפּערס פאָרויס, האָבן זיי זיך געדראַפּעט, געשטעלט די פּיאַטעס אין דער ברייט, די שיפּע ערד זאָל זיך אונטער זיי נישט רייסן, זיי זאָלן זיך נישט אויסגליטשן און פאַלן.

אַז זיי זענען אַרויפגעקומען אויפן שפּיץ־באַרג — דעם תחום פונעם אַראַבישן דאָרף, האָבן זיי פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג. לויפנדע טעראַסן האָבן פאַרצוימט זיי דעם וועג אין דאָרף אַריין, אָבער איצט האָבן זיי מיט נאָך מער עקשנות געקלעטערט איבער די שטייך־גלייכע ווענט, ווי קעץ. שטיקער ערד און שטיינער האָבן זיך געריסן און אָפּגעשפּרונגען פון אונטער זייערע פיס.

ערשט אויפן שפּיץ באַרג האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. אַ געדיכטער קאַקטוס־פּלויט האָט געצוימט דעם באַרג־שפּיץ. דאָס איז אויך געווען די גרענעץ פון דאָרף.

יסחוק האָט אויסגעשטרעקט זיין קאָפּ ווי אַ הונט, וואָס שמעקט. זיינע פאַר־זשמורעטע אויגן האָבן געניששטערט די סביבה. מיט אַ מאָל האָט ער צעפירט די הענט ווי אַן אָדלער זיינע פליגל, ווען ער דערזעט זיין קרבן.

דאָס איז געווען דער צייכן פאַר זיינע יידן, זיי זאָלן זיך פונאַנדערלייגן.

מיט געבויגענע קעפּ, אַריינגעלאָזט אין די אַקסלען, האָבן די באַרג־יידן זיך אַריינגעשטופּט צווישן די סאַברע־קוסטעס.

אַ מילדער ווינט האָט אָנגעיאָגט אַ געדושעטן רויך־געשטאַנק.

אַן אָנגעלאָפענער הונט מיט אַ קייט צווישן די פיס האָט זיך צעבילט. די דאָרפס־הינט האָבן אים געענטפערט. דאָס בילן פון די צערייצטע, איבערגעשראָ־קענע הינט האָט געריסן די נאַכט־שטילקייט און געשפּרייט אימה.

יסחוקס בליק האָט נאָך אַ מאָל אַרומגענומען דעם שטח. אַלע באַרג־יידן זענען שוין געווען איינגעסדרט. יסחוק האָט אָנגעשטעלט די ביקס און אַ צי געטאָן ביים צינגל.

דער ערשטער שאָס האָט אויפגעריסן די נאַכט־פינצטערניש. אַ קוילן־האָגל האָט אים געענטפערט.

גלאָז־בראַזג, יאָמער־געוויין, גוואַלד־געשריי און טויט־שרעק האָבן אַרומגע־כאַפּט דאָס שלאָפנדע דאָרף. פאַרפּילפּאַכט די גרויזאַמקייט האָבן די ווילד געוואָ־

רענע בעלי־חיים. דאָס הירזשען פון די פערד, דאָס מרוקען פון די קי און דאָס וואָיען פון די הינט האָבן פאַרהילכט די געגנט.

אויך דאָס אָנגעגריפענע דאָרף האָט געענטפערט מיט שיסעריי.

קוילן זענען געפלויגן אַהין און צוריק. ווי אַ פאַרניכטונג־ניגון האָט דער קוילן־זשום געגרילצט איבערן אָנגעגריפענעם דאָרף.

די פונאַנדערגעלייגטע צווישן די קוסטעס באַרג־יידן האָבן געצילט מיט כוונה. יעדער אויסגעשאָסענע קול האָבן זיי נאָכגעשיקט אַ ברכה. זייערע צונויפגעפרעסטע ליפּן האָבן אָן אויפהער געמורמלט: „מיסוואַ! מיסוואַ!" (מצווה).

דאָס שיסן האָט אָנגעהאַלטן ביז ענדע נאַכט. ערשט ווען אויפן האָריזאָנט האָט גענומען גרויען, האָט יסחוק ווידער אויפגעהויבן זיין ביקס אַלס צייכן. מיט אַ הייזעריק קול האָט ער אַ געשריי געטאָן: גענוג!

געבוקטע געשטאַלטן האָבן זיך גענומען שאַרן פון צווישן די קוסטעס אַרויס. די צעיאָכמעטע באַרג־יידן האָבן זיך געזוכט איינער דעם אַנדערן.

יסחוקס אַרויסגעזעצטע אויגן האָבן יעדן אַרויסגעקראָכענעם פון באַהעלטעניש געציילט. אַז ער האָט אָפּגעציילט ניין און דרייסיק מענער, האָט ער אָפּגעאָטעמט פון פרייד און אַ זאָג געטאָן: אַהיים!

מיט די ביקסן אין די הענט האָבן די באַרג־יידן גענומען שפּרינגען פון די טעראַסעס, ווי באַרג־ציגן אין געיעג.

יסחוק האָט אויסגעדרייט ס'פּנים צום דאָרף. אַ געדיכטער נאַכט־נעפּל איז געזעסן איבער די הייזער. יסחוקס שאַרפער בליק האָט זיך איינגעשניטן אינעם שפּיץ באַרג. מיט אַ מאָל האָט ער אַ כראָקע געטאָן דעם דאָרף אַנטקעגן און אייליק גענומען גיין צוריק.

די מחנה איז געגאַנגען צוריק, צעשפּרייט מיט אויסגעצויגענע שריט באַרג אַראָפּ. זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט אַ זיגזאַג און זיך אויסבאַהאַלטן הינטער יעדן אָנגעטראָפענעם פעלז. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אומגעקוקט, צי די אַראַבער קומען זיי נישט אונטער פון הינטערווייַלעכץ און איינגעהערט זיך, צי עס פאַלט נישט קיין שאָס.

צעיאָכמעט, דערשוויצט, האָבן זייערע קערפּערס זיך געהוידעט, אָבער אויפן געמיט איז זיי איצט געווען גרינג. גייענדיק, האָבן זיי זיך כסדר איבערגערופן „בעלאַ! בעלאַ! (אַהיים). אויף דער גרענעץ פון זייער דאָרף זענען זיי געבליבן שטיין און מיט דער גאַנצער ברוסט אָפּגעאָטעמט. ערשט איצט האָבן זיי דערפילט די נאַכט־קילקייט. פון איבער די בערג זענען שוין געהאַט אַרויסגעקומען די ערשטע בלאַסע טאָג־שטראַלן.

ווי לאַנג די מענער האָבן געקעמפט, זענען זייערע ווייבער געליגן פונאַנדערגעלייגט איבערן דאָרפס־פּלאַץ, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע סטאַדע. זיי זענען געלעגן נאָכגעהערט די שיסעריי און געבעטן פאַר זייערע מענער. זייערע פאַרטריקנטע ליפּן האָבן געמורמלט: גאָט, גאָט.

אַז זיי האָבן דערהערט דעם אָפּהילך פון זייערע שווערע טריט, האָבן זיי זיך

אַ ריס געטאָן אויף די פּיס, זיי אַנטקעגן געלאָפן אָן אָטעם, פול פחד. דערזעענדיק, אַז די מחנה האָט נישט געברענגט נישט קיין טויטע און נישט קיין פאַרוווּנדעטע, האָבן זיי אויסגעשטרעקט זייערע הענט צום הימל און געשריגן אָן אויפהער: „עלהאַ ראַכאַמאַנלעי!" (באַרעמהאַרציקער גאָט). דער אויפגייענדיקער מאָרגן איז פאַר זיי געווען העלער פון העל.

יעדע פרוי איז אַנטקעגן געגאַנגען איר מאַן. שטאָלץ, מיט כבוד, האָט זי זיך פאַרנייגט פאַר אים און שטיל, ווי זי זאָל אים דאַנקען, אַ זאָג געטאָן: גאָט, דו ביסט מיין הערשער און באַשיצער.

אין טויער איז געשטאַנען סוכאַר און נערוועז זיך געציפּט די וואָנסעס. פון זיינע טריבע אויגן האָט געקאַפּעט. די ווייבער האָבן באַגלייט די מענער אַהיים.

נאָר איסלאַה איז מיט פאַרלייגטע צווישן די ברוסטן הענט געגאַנגען אַליין אַהיים.

# ט

די זון האָט געברענט און געגליט די ערד־קערנדלעך. די לופט איז געווען הייס און פייכט. דער זאַמד אונטער די פּיס האָט געבריט. די מענטשן האָבן געאָטעמט שווער און אָפּגעגאַנגען אין שווייס.

אויך די זעלנער אין דער מחנה האָבן געשוויצט, אָבער נישט פון דער סוף תמוז־זון. די יוגנט, וואָס איז מיט חדשים צוריק געקומען אין מחנה אַריין, אַלס רעקרוטן, זענען שוין געווען זעלנער. זייערע טעג אָבער אין דער מחנה זענען געווען געציילט. אויף זייער אָרט האָבן באַדאַרפט קומען יונגע רעקרוטן. דער אָפּשייד האָט זיך באַדאַרפט פאַרענדיקן מיט אַ מיליטער־פּאַראַד, וועלכן עס האָט באַדאַרפט אָפּנעמען דער קאָמאַנדיר.

יעקב, דער זון פונעם איינגעקלעמטן אין די בערג דאָרף, האָט איצט אַרום זיך געפילט רחבות. ער האָט מאַרשירט אין דער ריי מיט זיינע חברים.

די זון האָט לאַנגזאַם זיך גערוקט צו מערב. פון די בערג האָט געווייעט אַ מילדער נאָכמיטאָג־ווינט. אַ געפילדער האָט פאַרהילכט די מחנה. פנימער האָבן געשטראַלט. שטראַמע זעלנער מיט אויסגעגלאַנצטע קנעפּ און שיך האָבן אויפגענומען זייערע פאַרבעטענע געסט.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן מיט זייערע זין־זעלנער. זייערע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן מיט פייכטקייט, וואָס האָט זיך נישט צונויפגענומען אין אַ טרער.

נאָר יעקב איז געבליבן אַליין. ער האָט קיינעם נישט פאַרבעטן. ער האָט געוווּסט, אַז זיין פאָטער וועט נישט קומען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט דערשלאָגן און פאַרשעמט. די געסט זענען אים געווען פרעמד. אַרומזעענדיק זיך, אַז נאָר ער

אַליין איז געבליבן אויף דעם גרויסן מחנה־שטח, איז ער אַריין אין דעם באַראַק, וואָס האָט געדינט אַלס עס־זאַל.

איבערטרעטנדיק די שוועל פון עס־זאַל, איז ער שטיין געבליבן ביי דער טיר. די פּאַפּיר־ווייסקייט אויף די טישן האָט אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. די פלעשער „גאַזאָז" און די טעלער מיט די קיכלעך האָבן אים איבערראַשט. אַז ער איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו די זעלנער פון זיין גרופּע, וואָס זענען שוין געזעסן ביי אַ טיש. זיין טריט איז איצט געווען נישט זיכער. די אַנוועזנהייט פון די אָפיצירן האָט אים קרעמפּירט.

דער זאַל איז געווען אָנגעפּילט מיט אַ פריילעכער, זאָרגלאָזער רעדעריי. די ווערטער־געדיכטקייט האָט איבער די קעפּ פון די מענטשן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ זשום. עס האָט זיך געהערט דער טעלער־ און פלעשער־קלאַנג. פריילעכע מאַרש־ און האָראַ־מעלאָדיעס האָבן געשאַלט פונעם זאַל אַרויס און זיך צעטראָגן איבער דער סביבה.

דער פריילעכער געפילדער האָט יעקבן דערמוטיקט, אָבער ער איז געבליבן קרעמפּירט. ער איז געשטאַנען און געטראַכט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. מיט אַ מאָל, ווי ער זאָל זיך האָבן אַנטשלאָסן, האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אײליק אַרויס פון זאַל.

איבער דער סביבה האָט זיך שוין צעשפּרייט די נאַכט. אין די פאַרשטעלטע ווינקלען פון דער מחנה האָבן זיך באַוויגן שאָטנס. די קילקייט האָט יעקבן אַ זעץ געטאָן אין פּנים. ער איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן. זיינע פאַרזשמורעטע אויגן האָבן געשפּיזט די פינצטערניש.

ער האָט אָבער גאָרנישט געזען. ער איז געשטאַנען און געקלאַפּט מיט די ציין, ווי ער זאָל מעלה־גירה זיין, אַפילו ווען זיין מויל איז געווען ליידיק. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן און וווּ זיך ווענדן.

דערהערנדיק אָבער, אַז מען זינגט, איז ער אַוועק אַהין.

ער איז שטיין געבליבן אונטערן פענצטער, פאַררוקט אין אַ ווינקל און אַריינ־געקוקט צו די חברים.

שפּעט ביינאַכט, ווען די זעלנער זענען שוין געבליבן אין די בעטן, האָט אַ דיק קול פונאַנדערגעריסן די שטילע פינצטערניש, ווי עס זאָל אַריינרעדן אין אַ ליידיקן פאַס.

„איך וועל זיך אונטערגנבענען צום פלויט, ווען זיי וואַשן זיך. איך וועל אָנכאַפּן אַ בלאָנדע ביי די האָר און זי אַריינשלעפּן אין באַראַק".

יעקב איז געלעגן אויפן בעט, די אויגן פאַרגלייזט, דער שטערן פאַרשוויצט און גערעדט צו זיך.

אַ פאַרשטיקט געלעכטער האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן באַראַק.

אַ יונג, שטאַרק קול האָט אים געענטפערט:

„חלום נישט! דו וועסט נאָך אַראָפּ פון זינען! נעם די ביקס אין בעט אַריין!".

ווידער איז שטיל געוואָרן, נאָר די בעטן האָבן געסקריפּעט. די זעלנער האָבן זיך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער.

דער מאָרגן איז געווען קיל און די לופט — טרוקן. אַ מילד, אָבער שאַרף ווינטל האָט געווייעט איבער דער מחנה. די זעלנער האָבן שנעל אָפּגעגעסן און זיך געשטעלט פּאַקן זייערע זאַכן.

ווען די זעלנער זענען אַרויס אויפן פּלאַץ, האָט די אויפגייענדע זון שוין געוואַרעמט. די זעלנער האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט איבער די פּעקלעך און געוואַרט, מען זאָל זיי אָנזאָגן, צו וועלכער איינהייט יעדער פון זיי ווערט צוגעטיילט.

אויך יעקב איז געזעסן אויף זיין פּעקל, געהאַלטן די פיס פונאַנדערגעשפּרייט, די מויל־ווינקלען צונויפגעפּרעסט און זיין אויבערשטער קערפּער־טייל איבער־געבויגן פאָרויס. זיינע אויגן זענען געווען פאַרקוקט אין אַ פּונקט אין דער ערד. עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער רוף: „יעקב בן יצחק!” ער איז אויפ־געשפּרונגען, ווי אַן אויטאָמאַט. דער נידעריקער, קיילעכדיקער, ווי אַ פּעסל, „ראָסאָר” האָט אייליק אַ זאָג געטאָן: „אויטאָ־קאָלומנע”.

יעקב איז געבליבן געפּלעפּט פון איבעררעשונג, אָבער באַלד האָט ער אַ נעם געטאָן זיין פּעקל און איבערגעגאַנגען צו דער חברה, וואָס האָט זיך גרופּירט ביי דעם שילד „שאָפערן”.

ער האָט אָוועקגעלייגט די זאַכן אויף דער ערד און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי. ער האָט זיך געוווּנדערט, אַז מען האָט אים צוגעטיילט צו די שאָפערן. ער האָט נישט געוווּסט, אַז זאב האָט זיך באַמיט ביי די אָפיצירן, מען זאָל אים שיקן לערנען אַ פאַך, אַ שאָפער.

יעקבס נייע מחנה ליגט צווישן ברייט פונאַנדערגעלייגטע בערג. די שאָפערן־שול ליגט אין אַ טאָל צווישן בערג. די אורקראַפט פון די בערג האָט געשפּאַרט אויף די נידעריקע, לענגלעך געבויטע הייזער, ענלעך צו קעסטלעך פון שטיין.

אין זיין נייעם וווין־אָרט, אין באַראַק, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען דריי רייען צו צען בעטן, האָט יעקב זיך ספּעציעל באַפריינדעט מיט זיין ביישלעפער פון רעכטס, עמוס: דער הויכער דזשינדזשי מיט אַ לענגלעך פנים, וואָס איז געווען באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך. ער האָט געשטאַמט פון טבריה.

עמוס איז פון פאַך געווען אַ פישער פון כנרת. טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען געוווינט צו וואַסער און יעקב צו בערג, האָבן ביידע געפונען געמיינזאַמס. ביידע האָבן זיך אַרומגעשלייכט איבער דער סביבה אויף די בערג ווי פרעמדע, אויס־געשראָקענע מענטשן.

די לערע איז יעקבן אָנגעקומען שווער, אָבער זיין ווילן צו קענען האָט אים אַרויסגעהאָלפן. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט ער זיך באַקענט מיטן סיסטעם פון דער מאַשין.

ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פון די אינסטרוקטאָרן. יעדע פרייע מינוט האָט ער זיך געפונען אין גאַראַזש, געלעגן אונטער די אויטאָס און געלערנט יעדע טייל און שרייפל פון דער מאַשין. ער האָט געמוזט יעדן קעגנשטאַנד זען, אָנטאַפּן,

ער זאָל עס באַגרייפֿן. די סכּעמעס און צייכענונגען זענען פֿאַר אים נישט געווען ממשותדיק. ער איז אויף דער לעקציע געזעסן מיט אַן אָפֿן מויל איינגעהערט אין די לעקטאָרן, אָבער זייערע ווערטער האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען.

דער ווילן צו וויסן האָט אים געשטויסן זוכן הילף. זיין אויסוואַל איז געפֿאַלן אויף משהן.

משה, אַ מיטלוווּקסיקער קרעפּטיקער בחור מיט קורצע, דיקע, אויסגעאַרבעטע הענט, אויף וועלכע עס זענען קענטיק געווען יאָרן פֿון פֿראַצע. בשעת די לעקציעס איז ער שטענדיק געזעסן מיטן אויבערשטן טייל קערפּער איבערגעבויגן אויף פֿאָרויס, ווי ער זאָל וועלן איינשלינגען די ווערטער פֿון די לעקטאָרן. זיינע גרויסע, טיף איינגעזעצטע אויגן האָבן געפֿלאַמט, געלאָפֿן אַהין און צוריק, ער זאָל עפּעס נישט פֿאַרזוימען.

יעקב האָט לאַנג געטראַכט, צי ער זאָל זיך פֿאַרטרויען פֿאַר משהן. אָבער אויף דער לעקציע, אויף וועלכער דער לעקטאָר האָט דערקלערט, ווי אַזוי עס אַרבעטן די צילינדערס, האָט ער זיך דעצידירט. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען זיינע דערקלערונגען דער בוי פֿון די צילינדערס האָט דערוועקט אין אים אַ קאָשמאַר.

שטיל, אויף די שפּיץ פֿינגער, איז ער צוגעגאַנגען צו משהן. נישט זאָגנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק נעבן אים.

משה האָט צו אים אויסגעדרייט זיין שוואַרץ באַוואַקסענעם קאָפּ און אים אַדורכגענומען מיט זיין דורכדרינגלעכן בליק, אָבער ער האָט באַלד צוריק איבער־געבויגן פֿאָרויס זיין אויבערשטן טייל קערפּער און ווייטער געהאָרכט די רייד פֿון לעקטאָר. משה איז פֿון קינדוויז אָן געווען פֿון פֿאַך אַ קאָטלער. אויך אים איז שווער אָנקומען די אויטאָ־טעאָריע.

זיין אייליקער און שטילער בליק האָט יעקבן באַרויִקט. יעקב איז פֿון משהן שוין נישט אָפּגעטרעטן. זיי האָט צונויפֿגעפֿירט נישט נאָר זייער לערע־נויט, נאָר אויך זייער אָפּשטאַם. ביידע האָבן געשטאַמט פֿון האָרעפּאַשנע עלטערן, באַרג־יידן פֿון קורדיסטאַן.

ביידע, יעקב און משה, זענען געווען זעלנער ווי אַלע אַנדערע, אָבער אין מהות האָבן זיי געוואָרצלט אין זייער עדה. צוליב משהן האָט יעקב מוותר געווען אויף דער פֿריינדשאַפֿט מיט עמוסן. ער האָט זיין געלעגער איבערגעטראָגן אין ווינקל אַריין, געוואָרן משהס ביישלעפֿער.

יעקב און משה האָבן זיך מער נישט פֿונאַנדערגעשיידט. אין דער מחנה זענען זיי באַקאַנט געווען אַלס די „צווײ". אָפֿט האָט מען זיי געזען זיצן צווישן די בעטן אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פֿיס. זיי האָבן לעבהאַפֿט זשעסטיקולירט מיט די הענט, זיך געחזרט, וואָס זיי האָבן געלערנט.

זיי האָבן נישט נאָר געלערנט צוזאַמען, זיי זענען אין די בין־השמשות געזעסן אויף דעם פֿאָל, אַרומגעהילט מיט סיגאַרנרויך־קנוילן און מיט קורצע מאָנאָטאָנע, געשיקטע ווערטער זיך דערציילט זייערע משפּחה־אָנגעלעגנהייטן.

אײן זאַך אָבער האָט יעקב אױסבאַהאַלטן פֿאַר משהן, אַז זײן פֿאָטער האָט צװײ װײַבער. ער האָט זיך שױן געשעמט דערמיט.

משה האָט יעקבן אַלץ דערצײלט װעגן זײן משפּחה. זײן טאַטע האָט געשטאַמט פֿון פּערסיע, זײן זײדע איז שױן געװען אַ קאָטלער, פֿון אים האָט דער פֿאָטער געלערנט די מלאכה. משה האָט מיט שטאָלץ דערצײלט: „מײן טאַטע האַמערט אױס אַ קרוג אין די הענט, איז זי װי אַ מאַשין װאָלט זי געמאַכט. מיך האָט דער טאַטע געלערנט אַרבעטן" — האָט ער זיך גערימט — „ער האָט אפילו מיר איבערגעגעבן די סודות, װי מען שװײסט קופּער. נישט קײן סך פֿאַכלײט אין פּערסיע קענען די מלאכה".

משה איז אױך שטאָלץ געװען אױף זײן מוטער, אָבער ספּעציעל האָט ער זיך געגרויסט מיט דער שװעסטער. ער איז געװען איבערצײגט, אַז זײן שװעסטער איז די שענסטע אין דער שכונה פֿון ירושלים, װו זײ האָבן געװױנט.

אָפֿט פֿלעגן זײ זיך אַזױ פֿאַררעדן, אַז זײ האָבן אַפֿילו פֿאַרגעסן גײן עסן. יעקב האָט זיך אַזױ איבערגענומען מיט די געשפּרעכן, אַז מען האָט געקענט אױף זײן פּנים לײענען דעם אינהאַלט. אַמאָל האָט ער פֿאַרביסן די ליפּן פֿון אױפֿרעגונג. אָפֿט איז זײן מױל געבליבן אָפֿן פֿון אַנטציקונג, צעשטראַלט פֿון פֿרײד האָט געװיזן זײנע גרויסע, װײסע צײן. זײנע אױגן האָבן געגלאַנצט, װי אַ פֿונק זאָל אין זײ טליען. אָבער װען ער האָט דערהערט דאָס װאָרט „ירושלים", האָט ער אױפֿ־געציטערט פֿון התלהבות.

יעקב און משה האָבן אַלץ מער און מער זיך צונױפֿגעלעבט. אײנער האָט זיך נישט גערירט אָן דעם אַנדערן. אַפֿילו דעם ערשטן טאָג אורלױב, װאָס די זעלנער האָבן באַקומען נאָר אַ לענגערער צײט, האָבן זײ באַשלאָסן פֿאַרברענגען צוזאַמען.

משה האָט יעקבן פֿאַרבעטן צו זיך אַהײם.

װען יעקב איז אַרױס פֿון אױטאָ, װאָס האָט זײ געבראַכט קײן ירושלים, איז ער געבליבן שטײן װי געלײמט. עס האָט נישט געהאָלפֿן משהס אונטערטרײבן „קום".

יעקב איז געשטאַנען. ער האָט נישט געקענט שטעלן קײן פֿוס. אים האָט צוריקגעהאַלטן די קדושה און מורא פֿון דער שטאָט איבער אַלע שטעט — ירושלים.

ערשט, אַז משה האָט אים אַ צי געטאָן בײם אַרבל „יעקב, קום, מיר האָבן נישט קײן סך צײט", איז יעקב געגאַנגען נאָך אים.

יעקב האָט געשפּאַנט אין זײנע שװערע, באַנעגלטע שיך, אָבער זײנע פֿיס האָבן קוים אָנגערירט דעם אַספֿאַלט. ער איז געגאַנגען מיט אַן אָפֿן מױל, די אױגן אױפֿגעריסן און דערשראָקן געקוקט. ער האָט באַטראַכט די הײזער, יעדן אַרײנ־גאַנג, יעדן טױער און מיט שטױנונג אָנגעקוקט די מענטשן. ער האָט אין יעדן אָנגעשטראָפּענעם מענטשן געװאָלט דערקענען די אָבות: אברהם, יצחק און יעקבן", אָדער די גבורים: „בר־כוכבא, יהודה מכבי, שמשון הגבור". אױב נישט זײ — לכל הפּחות די ײדישע קײסאָרים. זײן האַרץ האָט געטיאַכקעט פֿון אױפֿרעגונג.

זיינע שלייפן האָבן געהעמערט פון פחד. ער איז געגאַנגען מיט פאַרלייגטע הענט איבער די ברוסטן פון מורא, אַז ער זאָל חלילה אין עפּעס נישט פאַרטשעפּען.

ער איז געגאַנגען איבער דער שטאָט ווי פאַרטרוימט, געפירט דורך משהן. משה האָט יעדע ווײַלע אים גערופן: „יעקב, קום!"

ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער בעטאָן־וואַנט, וואָס האָט אָפּגעהאַקט די טייל גאַס, האָט יעקב אָפּגעאָטעמט. זיי זענען אַדורכגעגאַנגען דעם דורכגאַנג צווישן צוויי ווענט. די הייזער זענען זיי אַנטקעגנגעקומען, רויִנעס מיט צעריסענע און אָפּגעריסענע דעכער, וואָס זענען צעשטערט געוואָרן אין דער באַפרייונג־מלחמה. דאָ, צווישן די צעשטערטע הייזער, אַרומגערינגלט מיט קופּעס חורבות, אין דער נאָענט פון שער־יפו, האָט געוווינט משהס משפחה.

אַ קליינער, ברייטער, דיקער טויער גלייך פון גאַס האָט געפירט צו משהס עלטערן. זייער שטוב איז פּאַקטיש געווען אַ קראָם. פאַר דער טיר איז געווען נאָס פון נאַר־וואָס אויסגעגאָסענעם וואַסער. אַרום דעם הויז האָבן שפּאַצירט עטלעכע אַנגעגעסענע הינער, וואָס האָבן געזוכט און געפּיקט פון דער ערד די געפונענע קערנדלעך און ווערעמלעך. די שטוב־טיר איז געווען אָפן.

משהן האָטן אויפגענומען אליהו, זיין פאָטער, אַ קרעפּקער, מיטלוווקסיקער ייד מיט קרום אויסגעבויגענע, ווי האַלאַבלעס, פיס. ער איז געשטאַנען אין טיר און אויף אַן אייזן געהעמערט אַ שטיק קופּער־בלעך. אין זיין ברייטביינערן פּנים זענען טיף געזעסן צוויי קליינע אויגן, וואָס האָבן שאַרף געקוקט. די לאַנגע, דינע נאָז, וואָס האָט ווי פונאַנדערגעטיילט זיין פּנים, איז געווען פאַרענדיקט מיט אַ דיקן, פליישיקן רונד. די הויט־פאַרעס אויף דער נאָז זענען געווען אָפן און אָנגעפילט מיט זשאַווער, ווי די הויט זאָל זיין געשטופּלט. זיין אויבערשטע דיקע ליפּ איז געווען באַוואַקסן מיט אַ לאַנגער, פאַרשפּיצטער וואָנסע.

איבער משהס ברייט פּנים האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן פרייד. ער האָט אייליק אויסגעשטרעקט דעם פאָטער די האַנט און אים באַגריסט: „שלום"! איצט האָט זיך משה אַ ווענד געטאָן צו יעקבן, וואָס איז געשטאַנען נישט דרייסט אין מיטן שטוב:

„דאָס איז מיין חבר" — האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער.

ביידע האָבן געשטעלט אַ טראַט פאָרויס און שווייגנדיק זיך געדריקט די הענט.

יעקב, פאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, איז געשטאַנען און געשוויגן. דער פאָטער, אַ צעשמייכלטער, האָט געדרייט אַ שפּיץ וואָנסע און אים באַטראַכט.

ג'מאַל, די מוטער — אַ קלאָץ פלייש, וואָס צוליב איר דיקייט זענען נישט קענטיק געווען איר אברים, האָט זיך מיט מי אַראָפּגעקאַטשעט פון דער באַנק. איר קאָפּ איז געווען קיילעכיק און אין אים זענען געווען איינגעפּרעסט צוויי קליינע אויגן, ווי קנעפּלעך. צוליב איר דיקייט האָט זי אויסגעזען אַ סך קלענער, ווי זי איז געווען.

פרייכנדיק, האָט זי זיך ווי צוגעקוילערט צו משהן און אים אַרומגענומען מיט

אירע קורצע הענט. האַלטנדיק אים, האָט זי פּאַרמאַכט די אויגן און שווער געסאָפּעט. פון אָנשטרענגונג האָט איר דיקייט זיך געטרייסלט ווי זשילע־גליווער.

אויף דער גאַס, פאַר דער טיר, האָבן זיך דערווייל צונויפגעזאַמלט די קינדער פונעם געסל. מיט אויפגעריסענע פון נייגער און קנאה אויגן האָבן זיי באַטראַכט די זעלנער.

די שוואַכע מאָרגן־זון האָט אַריינגעשיינט אין שטוב אַריין. נאָר איין ליכט־שטראַל האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף דעם שטיינערנעם פּאָל. אין די ווינקלען פון שטוב האָבן די שאָטנס זיך ריטמיש באַוועגן. די שוואַכע ליכט האָט באַוויזן דעם תוך פון דער שטוב: נידעריקע, קוים פון דער פּאָל אויפגעהויבענע בעטן מיט נאַקעטע מאַטראַצן זענען געשטאַנען אין די ווינקלען, אַרום די ווענט זענען געשטאַנען טאַבאַרעטן און צוויי קליינע בענק. אויף איינער פון די בענק איז געלעגן אַ שטויס בעטצייג. ביי דער טיר אַנטקעגן איז געשטאַנען אַ צווייטיריקע שאַנק. אין מיטן שטוב, ביי דער וואַנט רעכטס, איז געשטאַנען דער טיש. לינקס פון דער טיר איז געשטאַנען דער וואַרשטאַט. די אויסגעהעמערטע, שימערדיקע טעפּ און קרוגן האָבן אינעם שאָטן און ליכט אויסגעזען ווי בעלי־חיים, וואָס הויזן צוזאַמען מיט די מענטשן אין שטוב.

מיט אַ מאָל האָט דער ליכט־שטראַל, וואָס איז געפאַלן פון דער טיר אויפן פּאָל, זיך איבערגעבראָכן. אין טיר איז שטיין געבליבן אסתר. זי האָט געטראָגן אַ שטויס „פּיתהס״. אירע שוואַרצע אויגן האָבן פאַרוואונדערט געקוקט.

זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. קלאַפּנדיק מיט די הילצערנע טרעפּעס, וואָס זי האָט געטראָגן אויף די פיס, איז זי אַ צעטומלטע פאַרביי־געגאַנגען יעקבן. יעקב האָט זיך איר אָפּגערוקט פון וועג.

ל

די טעג זענען געווען גרויע און דעמפּיקע, אָן אַ ווינטל. די בלעטער און גראָזן זענען אַ גאַנצן טאָג געווען שטאַר, זיך קיין ריר נישט געטאָן. נאָר די אָוונטן זענען געווען קילע. אַ לייכטער ים־ווינט האָט זיי געלופטערט.

די ערד איז געווען אויסגעוואַרעמט, טרוקן און צעפּלאַצט פון דאָרשט. נאָר די צעצווייגטע, שטעכנדיקע קאַקטוס־בלעטער זענען געווען פלייסיק און באַלייגט מיט רייפע פּרוכט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אָנגעוואַקסענע הינער־אויגן.

„נטור״, דאָס דאָרף, האָט פון ווייטנס נאָך אויסגעזען נאַקעט. די אויבערשטע ווענט און דעכער זענען נאָך געווען ליידיק. קיין ביימער־שאָטן האָט נאָך נישט פאַרשטעלט די הייזער, אָבער פון דער נאָענט האָט דאָס דאָרף זיך שוין געטונקט אין גרינס.

די בייטן צווישן די הייזער האָבן געגרייט אַ גערעטעניש. ברייט אויפגעצילעטע

אויף שטריק טאַבאַק־בלעטער האָבן זיי באַדעקט. רויטע, נידעריקע, פונאַנדער־געוואַקסענע זשעראַניום־קוסטן האָבן געבליט הינטער די פענצטער. די ווילדע קעץ פון די בערג האָבן אָפט באַזוכט „נטור" — געזוכט נאַרונג.

אינעם דאָרף האָט נאָך געוועלטיקט די „חמולה". יעדע משפחה האָט שוין געוואָרצלט אין דער פעלזן־ווילדעניש. די באַרג־יידן האָבן באַצוווּנגען די דורות־יוילדע ערד, געווען אירע בעל־הבתים.

זייערע שכנים, די אַראַבער אויפן שפּיץ באַרג, האָבן איצט, נאָכן איבערפּאַל אויף זייער דאָרף, זיי געשעצט. דעם סך־הכל פונעם איבערפאַל האָט קיינער נישט געוווּסט. זייט דער אימה־נאַכט פלעגן די אַראַבער קומען אין די פעלדער נאָר גרופּנווייז.

די באַרג־יידן מיט זייערע פליישיקע נעז און צעשפּרייטע ווי וואָרצלען פינגער, האָבן נישט געשפּאָרט זיך קיין מי. פון פרימאָרגן ביז נאַכט האָבן זיי עקשנותדיק זיך געגראָבן אין זייער ערד, געריסן פון איר די פעלזן. אָפּגערייניקטע ערד־שטיקער, פונאַנדערגעוואָרפענע צווישן די פעלזן, האָבן געוואַרט, מען זאָל זיי אויפאַקערן.

אָבער, אַז קיין „נטור" זענען אָנגעקומען דריי מויל־אייזלען, וואָס די סוכנות האָט געשיקט, מען זאָל אַקערן די פעלזן־ריינע שוין ערדן, זענען די מתישבים אויפגעטרייסלט געוואָרן. זיי, וואָס זענען תמיד קאַרג געווען אין רייד, זענען איצט אין גאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן.

אָבער זייער פּחד און קנאה, אַז אפשר וועט דער שכן און נישט ער באַקומען אַ מויל־אייזל, האָט זיי פאַרביטערט דאָס לעבן. זיי זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און געקוקט פון דער זייט מיט חשד. זייער כעס האָבן זיי אויסגעלאָזט צו זייערע בני־בית. זיי האָבן געשריגן אויף די ווייבער און געשלאָגן די קינדער, פאַר וואָס זיי שלייערן זיך צווישן די פיס.

שרגא האָט שוין געוווּסט דעם מצב־רוח פון די מתישבים. וועלנדיק פאַרמיידן אַ קריגעריי אין דאָרף, האָט ער זיי צונויפגערופן אין דער געוועזער־שטוב און זיי מודיע געווען, אַז די מויל־אייזלען וועלן נישט צעטיילט ווערן, נאָר בלייבן דאָס אייגנטום פון דאָרף.

די באַרג־יידן האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ און אים אָנגעקוקט פאַרווּנדערט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי וועלן די מויל־אייזלען געהערן צום דאָרף און צו קיינעם נישט. זיי האָבן געוווּסט, אַז אַ מויל־אייזל מוז האָבן אַ בעל־הבית.

אָבער אויך איצט האָבן זיי געשוויגן. זיי האָבן זיך נישט געוואַגט אַנטקעגנ־שטעלן שרגאן. זיי האָבן נאָר געפינטלט מיט די אויגן און געווישט זיך, פון פאַר־לעגנהייט, מיט דער צונג זייערע דיקע ליפּן.

שווייגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט שווערע, אָפּגעהאַקטע טריט.

די מויל־אייזלען האָבן אין „נטור" אַריינגעבראַכט פרייד. די באַרג־יידן האָבן געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אַראַבישע בלוט־ריינע פערד צום רייטן און בייניקע,

באַהאָרטע, הויך־פּיסיקע אָקסן צו דער אַרבעט. די מויל־אייזלען זענען זיי אָבער געווען פרעמד. מויל־אייזלען האָבן זיי ערשט איצט דאָ, אין דאָרף, געזען צום ערשטן מאָל. גרויס און קליין, יונג און אַלט, זענען נישט אָפּגעטרעטן פון די אַרבעטס־בהמות. יעדע פרייע צייט האָבן די דאָרפס־מענטשן פאַרבראַכט ביי דער שטאַל, וואָס האָט זיך געפונען ביים עק פון דאָרף.

די קינדער מיט זייערע מאַמעס האָבן ממש באַלאַגערט די שטאַל. זיי האָבן פאַרווונדערט און מיט ענטוזיאַזם באַטראַכט די מויל־אייזלען, זייערע סאַמעטענע מאָרדעס, זייערע לאַנגע ציין און די דינע, האַרטע ווידלען, מיט וועלכע זיי האָבן געשמיסן, אָפּגעיאָגט פון זיך די פליגן.

אויך די טאַטעס האָבן מיט אַרויסגעזעצטע אויגן באַטראַכט די בהמות. זיי האָבן געצויגן זייערע ברייטע אַקסלען און גערעדט צו זיך: נישט קיין זכר און נישט קיין נקבה.

פונעם מענטשן־אַנגעלויף האָבן די בהמות געקוקט אין אַלע זייטן מיט זייערע פייכטע, סאַמעטענע אויגן, צעשראָקן און ווילד געהאַקט מיט די הינטערשטע פיס, נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין מענטשן, אַרומגעגאַנגען מיט זיי איז דערוויל נאָר שרגא. געהאָלפן אים האָט דער הויכפּיסיקער און לאַנגהענטיקער סאָסון.

די באַרג־יידן האָבן באַוווּנדערט שרגאס געניטקייט און אַליין זיך נישט געטרויט צוצוגיין צו די מויל־אייזלען. ווי מען באַגייט זיך מיט אַ מויל־אייזל האָבן זיי נישט געוווּסט, אָבער באַאַרבעטן די ערד האָבן זיי שוין געקענט. איצט האָבן זיי געריסן די פּעלזן פון דער ערד מיט פרייד, אָן שום אָנשטרענגונג. די אַרבעט איז פאַר זיי מער נישט געווען קיין לאַסט, אין קעגנטייל, זי האָט זיי באַפרידיקט. אין דער פּראַצע האָבן זיי געזען לעבנס־תכלית. די פרוטה איז ביי זיי שוין שטענדיק געווען בנמצא.

ספּעציעל האָט זיך אַרויפגעאַרבעט בנימין דער שוסטער. אומקערנדיק זיך פון די בערג, נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָט ער פאַרראַכטן די שיך פון די מענטשן אין דאָרף. זיין אַרבעט האָט אים אַריינגעטראָגן מער, ווי עס האָבן פאַרדינט די רעשט מתישבים אין דאָרף. צוליב דער שוסטעריי איז אים שוין אַ פּאָר מאָל אויס־געקומען זיין איר ירושלים. רפאל דער שאָפער האָט אים יעדעס מאָל מיטגענומען. ער האָט איינגעקויפט לעדער צו דער אַרבעט.

זייענדיק ס׳לעצטע מאָל אין שטאָט, האָט בנימין אין מאַרק פון מחנה יהודה איינגעקויפט זיך אַ געניצט אייזערן בעט, וואָס האָט געהאַט געניקלטע קעפּלעך. דאָס בעט, פון וועלכן די ברוינע פאַרב איז שוין געווען אָפּגעריבן, און דער ניקל־גלאַנץ פאַרגעלט, האָט בנימין אַוועקגעשטעלט אין מיט פון זיין צימער. זיין הויך, שטאַרק, פולברוסטיק ווייב, רבקה, מיט אירע זיבן קינדער, נאָך דער גרויס ווי אַ זאַץ־געוויכט, זענען געזעסן אויף דער ערד אַרום דעם בעט און באַטראַכט עס מיט התפּעלות.

יעדער אין דאָרף, גרויס און קליין, מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, זענען געקומען זען דאָס בעט. יעדער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט — געפּרוווט

דעם דראַטענעם מאַטראַץ און דערשטוינט באַוווּנדערט זיין עלאַסטישקייט. קיינער אין דאָרף האָט נישט באַגריפן, ווי אַזוי דראָטן שפּרינגען אויף און הויבן מיט זיך מיט די, וואָס זיצן אויף זיי.

פון זינט בנימין האָט געברענגט דאָס בעט אין דאָרף אַריין, איז ער געוואָרן אַן אָנגעזעענער תושב אין „נטור". יעדערער האָט זיך באַמיט, נישט נאָר זען זיין „בעט", נאָר אויך געקומען צו אים הערן די פאַרשיידענע מעשיות, וואָס ער האָט געברענגט פון שטאָט.

אין האַרצן אָבער האָבן זיי אים נישט פאַרגונען. פון קנאה האָבן זיי זיך איינגערעדט: „מיר פאָרן קיין ירושלים!" וועלנדיק באַפעסטיקן זייער באַשלוס, האָבן זיי אַ שפּיי געטאָן מיט קוראַזש, ווייט פון זיך.

בנימינס פּלוצימדיקע חשיבות האָט שטאַרק געאַרט באַבלין, אָבער ער האָט דערווייל געשוויגן. ער האָט געהאַט צו טאָן מיט זיך.

בנימינס מעשיות פון דער שטאָט ירושלים, אירע גאַסן, הייזער און מענטשן, האָבן אַריינגעברענגט אַן אומרויִקייט אינעם דאָרף. גדעון, דער דאָרפס־לערער, האָט זיך אַרומגעדרייט אין דאָרף כמעט אָן באַשעפטיקונג. די אונטערגעוואַקסענע דאָרפס־יוגנט האָט נישט געגאַרט נאָך תורה. זיי האָבן אינטערעסירט די פּראַקטישע לעבנס־ענינים: ווי מען צינדט אָן אַ פּרימוס? ווי פאַרזעצט מען אַ טוריע, זי זאָל זיך נישט וואַקלען?

גדעון האָט פון לאַנג שוין אויפגעגעבן די פאָרמעלע לערע פון אלף־בית. ער האָט זיך איצט נאָר באַמיט אויסברייטערן דעם לעבנס־באַגריף פון די באַרג־יידן. דערוויסנדיק זיך, אַז די מתישבים פון „נטור" שטרעבן צו באַזוכן „ירושלים", האָט ער גענומען אָרגאַניזירן אַן אויספלוג אין שטאָט.

פונעם מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז גדעון גרייט זיך מיט זיי פאָרן קיין ירושלים, זענען זייערע שווערע טריט פון פרייד לייכטער געוואָרן. זיי האָבן זיך געפרייט ווי קינדער, ווען מען זאָגט זיי צו שפּילצייג. פאַר פרייד האָבן זיי זיך שנעלער באַוועגן און געאַרבעט. יעדע משפּחה האָט אין געהיים געגרייט פּראָוויאַנט אויף דער רייזע. דאָס גאַנצע דאָרף, קליין און גרויס האָט זיך געגרייט צו פאָרן.

אָבער, אַז די ידיעה פון דער רייזע איז דערגאַנגען צום „חכם", האָט ער אויפגעציטערט פון כעס. ווייבער פאָרן פאַרברענגען אין דער הייליקער שטאָט? אַן אויפגעבראַכטער, האָט ער זיך פאַרשאַרצט זיינע ברייטע אַרבל און די פאָלעס פון זיין אָפּגעשאָסענעם כאַלאַט און איז מיט שווערע טריט אַוועק צו גדעונען. ער איז אָבער צו גדעונען נישט אַריין אין שטוב.

ער האָט אויפגעהויבן זיינע דיקע, שווערע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטאַרט זיינע קליינע אייגעלעך, פול מיט כעס האָט ער בייז אַ זאָג געטאָן דורכן אָפענעם פענצטער: „די ווייבער דאַרפן נישט פאָרן קיין ירושלים!" זידנדיק פון כעס איז ער צוריק אַוועקגעגאַנגען.

גדעון האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם בוך און נאָך באַמערקט דעם רוקן פונעם „חכם”, וואָס האָט זיך דערווייטערט.

דער „חכם” האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. ער האָט געוווּסט, אַז דער לערער וועט זיך נישט רעכענען מיט זיין מיינונג. אָבער גדעון, אַ באַזאָרגטער, אַז די נסיעה קען אַרויסרופן אַ געראַנגל צווישן די יידן אין דאָרף, האָט באַשלאָסן זיך מישב צו זיין מיט רחלען.

ער איז אַריין צו רחלען און איר איבערגעגעבן דעם „חכמס” פאַרלאַנג. רחל האָט אים קוים אויסגעהערט ביזן סוף. פון אויפרעגונג האָט זי זיך אַזש גע־טרייסלט. איר דיקלעכע פיגור האָט ווי אויסגעפילט איר קליין צימערל, אין וועלכן עס האָט זיך נאָר געפונען אַ שמאָל בעטל און אַ פּירקאַנטיקע וואַליזע.

גדעון האָט שווייגנדיק אָנגעקוקט רחלען און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

ווי נאָר גדעון איז אַרויס, איז רחל גלייך געלאָפן צום „חכם”. זי איז צום „חכם” ווי אַריינגעפאַלן. פרייכנדיק פון אויפרעגונג האָט זי אויסגעשטרעקט אירע קורצע, דיקע הענט. טאַדלענדיק מיטן פינגער האָט זי גערעדט שנעל, ווי זי זאָל קיין צייט נישט האָבן. „אַ „חכם” דאַרף זיך נישט מישן אין נישט זיינע ענינים. אין ישראל האָבן די ווייבער די זעלבע רעכט ווי די מענער”. נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, איז זי אויך שנעל אַרויס פון צימער.

דער „חכם” איז געזעסן אויף דער ערד אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך באַרוועסע פיס. ער האָט פון אַ בלעך אַרויס איבערגעקליבן שוואַרצע בעבלעך. זיין אונטערשטע ליפּ איז געווען איינגעביסן צווישן די ציין.

דער מאָרגן איז געווען אַ גרויער. די געדיכטע, פייכטע לופט האָט נישט אַדורכגעלאָזט די זונען־שטראַלן. גדעון איז געזעסן אין דער קאַבינע מיטן שאָפער. נאָר זיבן משפחות, מענער און ווייבער, זענען געפאָרן מיט אים באַזוכן ירושלים. גדעון האָט זיך נישט געטרויט נעמען מער מענטשן. ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי די באַרג־יידן וועלן זיך אויפפירן אין דער שטאָט און צי ער וועט זיך מיט זיי אָן עצה געבן.

די אויסגעוויילטע דורך אים משפחות האָבן געהערט דווקא צו די צוריקגע־שטאַנענע אין דאָרף. פון זינט זייער זיין אין „נטור”, האָבן זיי נאָר געקענט דעם וועג, וואָס האָט געפירט פון זייערע הייזער צו זייער ערד אין די בערג.

גדעון האָט אַפילו נישט געדענקט זייערע נעמען.

רחל איז געבליבן אין דאָרף אויפפּאַסן אויף די קינדער.

די באַרג־יידן מיט זייערע ווייבער זענען געזעסן אינעם אויטאָ־קאַסטן מיט אויפגעריסענע אויגן און באַטראַכט די סביבה. אַלע האָבן געשוויגן. די ווייבער זענען געזעסן צונויפגעדריקט אין אַ ווינקל און איבערראַשט אָנגעקוקט איינע די אַנדערע. פון מורא, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן פון אויטאָ האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי די הענט, נאָר זייערע פונאַנדערגעלאָזטע ברוסטן האָבן מיט יעדן אויטאָ־וואַקל זיך אַ שליידער געטאָן, ווי שטיקער אויפגעעיוורן טייג.

די גאַנצע צייט, וואָס דער אויטאָ איז געפאָרן מיטן שמאָלן, שטיינערנעם

דאָרפס־וועג, זענען די אויגן פון די באַרג־יידן געווען פאַרקוקט אין די לויפנדיקע זיי אַנטקעגן בערג־רוקנס. זיי זענען געזעסן דערשטוינט און געאָטעמט די לויטערע באַרג־לופט און געשוויגן. אָבער ווען דער אויטאָ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אַרויפגעפאָרן אויפן שוואַרץ־געפלאַסטערטן וועג, זענען אַלע געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער.

די גאַנצע צייט פון דער רייזע זענען זיי געזעסן איבערגעבויגענע צום וועג, ווי זיי זאָלן וועלן אַראָפּשפּרינגען פון אויטאָ, זיי זענען אָבער געזעסן ווי פאַר־גליווערטע, מיט שטאַר אויסגעזעצטע אויגן, שווער געאָטעמט און געשוויגן. די רייזע־געשווינדקייט האָט זיי פאַרשאַפט קאָפּ־שווינדל.

מיט אַ מאָל האָבן די זיצנדע אין אויטאָ זיך צונויפגעשלאָגן אין אַ קופּע. דער אויטאָ האָט פאַרקלענערט זיין גאַנג. דער טרייסל האָט ווי איבערגעוועקט די באַרג־יידן. זיי האָבן דערזען די ערשטע פלאַכע דעכער פון די ירושלימער הייזער. אַ קעלט האָט אַדורכגענומען זייערע לייבער.

די ברעמזן האָבן אַ גרילץ געטאָן. דער אויטאָ איז געבליבן שטיין. ווי תמימותדיקע שעפּסן האָבן די באַרג־יידן און זייערע יאָדערדיקע ווייבער זיך פאַרוווּנדערט אַרומגעקוקט.

דער יריד אין מחנה־יהודה האָט געררושט פון מענטשן. גדעונס געשריי: „אַרונטער!" האָט איבערגעריסן זייער שטוינען.

שווער, ווי בערן, זענען זיי געקראָכן פונעם אויטאָ אַראָפּ. זיי זענען געבליבן שטיין, זיך נישט גערירט פון אָרט פאַר מורא, אָבער אַז גדעון האָט אַ באַפעל געטאָן „קומט!" — זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען, שטאַמפּערנדיק מיט זייערע שווערע פיס.

דער יריד איז געווען אין פולן גאַנג. די שמאָלע, דורכגעקרייצטע געסלעך זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, וואָס האָבן געליאַרעמט און געפילדערט. דער געפילדער האָט איבער די קעפּ פון די מענטשן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ זשומעדיקן רעש, פון וועלכן עס האָבן זיך נאָר אַדורכבאַקומען איינצלנע ווערטער: „שיין! ביליק! זעט! גוט! באַוווּנדערט! קומט! אָקאַזיאָן! נאָר איצט!..." אינעם רעש זענען די באַרג־יידן און זייערע ווייבער פאַרפאַלן געוואָרן. באַהאָנגען מיט זעקלעך און פעקלעך, די לענדן אַרומגעבונדן מיט שטריק און רימענס, האָבן זיי מיט אויפגעריסענע אויגן און מיט באַוווּנדערונג באַטראַכט דעם יריד.

די באַרג־יידן האָבן געשטאַמפּעט איבערן אַספאַלט, געמאַכט ברייטע טריט, געשטעלט די פיס פון אויבן אַראָפּ, ווי באַטשאַנעס. זיי זענען געגאַנגען אויסגע־צויגן אין אַ ריי, ווי גענדז. גייענדיק, האָבן זיי זיך אָנגעהאַלטן איינער אין דעם צווייטנס פאָלע, אָדער רימען, און געגאַפט פון פאַרוווּנדערונג.

גדעון, אין אַ צעכראַשטשעטע העמד און קורצע הויזן, מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע, איז געגאַנגען פאָרויס, זיי געפירט און זיי אויפגעקלערט די באַדייטונג פון יעדער זאַך.

זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען, שלאַבעריק, אומבאַהאָלפן, און אים געקוקט אין

מויל אַריין וואָס ער רעדט, אָבער זיי האָבן כמעט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט זיי. אַרום דער מויער, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט אַ שפּיטאָל, זענען זיי געבליבן שטיין דערשיטערט. פון פּחד האָבן זייערע דיקע ליפּן געמורמלט: „רחמים" און דערשלאָגענע זענען זיי געגאַנגען ווייטער.

דער סקווער אין צענטער פון שטאָט, ווו עס טרעפן זיך צונויף עטלעכע גאַסן, האָט ביי זיי אַרויסגערופן באַגייסטערונג. פאַר פרייד האָבן זיי זיך צעשריגן ווי קינדער: „ירושלים! ירושלים" אָבער איבערשפּרייזן די גאַס אויף דעם אָרט, האָבן זיי נישט געוואָגט.

גדעון האָט געמוזט אָננעמען ביי דער האַנט דעם ערשטן פון דער שורה און זיי אַריבערגעפירט איבער דער גאַס.

אַז זיי האָבן פון ווייטן דערזען די קיילעכיק געהאַמערטע קאָפּולעס, איבער וועלכע עס האָבן געשטאַרט די צלמס, האָבן זיי טיף פון האַרצן אַ קרעכץ געטאָן: „אוי!" און שנעל צוגעמאַכט די אויגן, אַ פּאָר מאָל אויסגעשפּיגן און אײליק אַוועק פון דאָרט.

ווען גדעון האָט זיי אַריינגעפירט אין הויף פון די סוכנות־אַנשטאַלטן, זענען זיי שטיין געבליבן פאַרזאָרגט. די גרויסע צאָל סימעטרישע פענצטער און די גלייכע שטיינערנע ווענט האָבן זיי צעטומלט. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן האָבן זיי געזען אַזוי פיל פענצטער. פון אַנטציקונג האָבן זיי כסדר געמורמלט: שיין, שיין. פאַרגאַפטע, זענען זיי נאָכגעגאַנגען גדעונען רונד אַרום דעם הויף, ווי זיי זאָלן מאַכן הקפות.

איבערן וועג פון איין שכונה אין דער אַנדערער זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען אַ הויז, אין וועלכן עס האָט געדאַוונט אַ „מנין". דערזעענדיק דורכן אָפענעם פענצטער דעם „אָרון קודש" מיטן „עמוד", אויף וועלכן עס האָט געצאַנקט דער „נר־תמיד", האָבן זיי אויפגעברויזט, ווי אַ וואַלד אין אַ שטורעם. פון ערע און פּחד זענען זייערע פּנימער לענגער געוואָרן. זייערע אַראָפּגעלאָזטע ליפּן האָבן געמורמלט: „איִיאַ קדישלע מג׳אַן תאַראַ!" (הייליק ווי די תורה).

די איבערגעשראָקענע ווייבער האָבן זיך צונויפגעדרענגט אין אַ קופּע און פון ווייטנס געשיקט האַנט־קושן דעם „אָרון־קודש".

צום סוף זענען די באַרג־יידן אָפּגעשטאַנען פון אַרומשלעפּן זיך איבער די גאַסן. די פּיס האָבן זיי שוין קוים געטראָגן. צוקומענדיק צו אַן אָפּגעלעגן שטיק פעלד, נידעריקער פון דער גאַס, זענען זיי נישט פרעגנדיק גדעונען אײליק אַהין אַראָפּגעלאָפן און זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ דאָר, געבויגן ביימל.

גדעון איז אַ ווײלע געשטאַנען, אָבער באַלד איז ער זיי נאָכגעגאַנגען און זיך צו זיי צוגעזעצט.

די באַרג־יידן האָבן פונאַנדערגעפּאַקט זייערע פּעקלעך און גענומען עסן. זייערע ברייטע, אויסגעאַרבעטע הענט האָבן געבראָכן לאַבנס ברויט, געריסן שטיקער פונעם געבאַקענעם שעפּסן־פלייש און געשלונגען שטיקער געפּרעגלטע קוסעס. זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט דריי פלעשער אַראַק, אָבער אין גדעונס

אַנוועזנהייט האָבן זיי זיך נישט געוואַגט זיי עפענען. גדעון האָט מיטגעגעסן מיט זיי.

די ווייבער זענען געזעסן אויף געבויגענע קניען, די קליידער אונטערגעצויגן אונטער די פיס און געשטרעקט די הענט נאָך עסן פון דער זייט. נעמענדיק דאָס עסן, האָבן זיי זיך געהיטן נישט צו שטערן די מענער.

נאָכן עסן האָבן די ווייבער פונאַנדערגעשפּרייט טיכלעך, אין וועלכע עס זענען געווען פאַרבונדן סעמיטשקעס. די מענער האָבן געקנאַקט און געקייט די קערנדלעך, געשפּיגן פון זיך די שאָלן און אויפן קול געגרעפּצט.

אַז זיי האָבן געענדיקט דעם מאָלצייט, האָט גדעון זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

די באַרג־יידן, פולע פון זאַטקייט און מידע פון וועג זענען אים נאָכגעגאַנגען, נאָכלעסיק, ווי זיי זאָלן בלאָנדזשען.

גדעון האָט זיי איצט געפירט איבער די אונטערשטע שטאָט־וועגן. די געגנט איז געווען שיטער פאַרבויט.

די באַרג־יידן האָבן אינעם אָפענעם שטח לייכטער געאָטעמט. מיט אַ מאָל האָבן זיי דערפילט, אַז זיי גייען באַרג אַראָפּ: זיי זענען איצט געגאַנגען מיט דער שיפּקייט פון אַ „וואָדי", וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז און אין איר זענען געווען צעוואָרפן נידעריקע קליינע הייזלעך. פון דער „וואָדי" האָבן זיי ווידער גענומען גיין פון דאָסניי באַרג אַרויף. דערגרייכנדיק דעם שפּיץ פונעם באַרג, זענען זיי געבליבן שטיין געפּלעפט. זייערע שטאַרע פון שרעק אויגן האָבן כמעט נישט געזען פאַר זיך דעם אויסבליק, וואָס האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט. פון אויפ־רעגונג איז זייער אָטעם געווען שווער און קורץ. אינסטינקטיוו האָבן די באַרג־יידן דערפילט, אַז די ערד, אויף וועלכער זיי טרעטן איצט, איז הייליקייט.

אויך גדעון איז געבליבן שטיין און באַטראַכט זיינע דערשיטערטע יידן. אַ ווײַלע האָט אויך ער אין זייער אַנוועזנהייט זיך דערפילט אומבאַקוועם, נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. אָבער, אַז ער איז צו זיך געקומען, און זיך איבערגעלייגט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זיי און זיי דערקלערט, ווי אַ געניטער וועג־פירער: „דאָרט, אויף דעם באַרג, געפינט זיך דער קבר פון דוד המלך". אַנווייזנדיק מיט דער האַנט, האָט ער גענומען גיין, געבנדיק זיי אַ צייכן, אַז זיי זאָלן אים נאָכגיין.

די באַרג־יידן האָבן שטאַרקער פאַרצויגן אויף זיך זייערע שטריק און רימענס. זייערע טריט זענען געוואָרן שטייף ווי געליימט.

צוקומענדיק אָבער צום אַריינגאַנג פון דער הייל, זענען זיי געבליבן שטיין, זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי פאַרעקשנטע פערד, וואָס ווילן נישט ציען ווייטער דעם וואָגן.

די געדיכט־טוכלע לופט, וואָס האָט געשטראָמט פון דער הייל אַרויס, האָט זיי געזעצט אין פּנים אַריין. זיי האָט פאַרפּעלט אָטעם, אַ מיסטעריעזער פּחד איז

זיי באַפאַלן, זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זייערע איבערגעשראָקענע אויגן האָבן, ווי שווייגנדיק, זיך געבעטן ביי גדעונען: „מיר ווילן נישט אַראָפּגייען".

גדעון האָט זיך אונטערגעגעבן. ער איז צוריק אַרויף אויף די טרעפּ. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און זיי באַטראַכט. זיין געקנייטשטער שטערן האָט אויף זיין פּנים געשפּרייט באַדויער און ליבשאַפט צו די מגושמדיקע אומבאַהאָלפענע יידן.

אָבער, ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט און זיי אָנגעוויזן: „דאָרט איז די מויער פון דער אַלט־שטאָט". וואָס אַזוינס עס איז די „מויער" האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, אָבער ערשט איצט, אַז זיי האָבן זיך באַפרייט פונעם פּחד, האָבן זיי אויסגעגליכן זייערע געשטאַלטן. זיי האָבן דערזען דעם יידישן קעניג מיט דער גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ זיצן אויף זיין טראָן און די מלאכים אַרום אים.

אָבער די לאַסט פון דער וויזיע איז פאַר זיי געווען צו שווער. זיי האָבן זיך אונטערגעבראָכן — זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. זייערע פאַרטריקנטע ליפּן פון פּחד און פון מידקייט האָבן אָן אויפהער געמורמלט: „שמע ישראל" און מיט פאַרביילטע פויסטן זיך געקלאַפּט אין זייערע ברייטע ברוסטן. די ווייבער האָבן פון אויפרעגונג זיך געבראָכן די פינגער פון די הענט און געשנופּט די נעז.

דער אויסזען פון די באַרג־יידן האָט אויך גדעונען צעטומלט. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. זעענדיק, אַז דער אויספלוג האָט זיי פאַרמאַטערט, האָט ער באַשלאָסן זיך מיט זיי אומקערן אין דאָרף אַריין.

אַז ער האָט זיך צוריק אומגעקערט מיט זיינע פאַרמאַטערטע יידן צום אויטאָ, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט אין אַ געסל פון מחנה יהודה, האָט די זון שוין גענומען זיך זעצן אויפן בלויען הימל.

ווי אַראָפּגעלאָזטע פון דער הויך פולע זעק, האָבן די מידע באַרג־יידן זיך אַריינגעקאַטשעט אינעם אויטאָ אַריין.

רפאל איז געשטאַנען אין דער זייט און זיי באַטראַכט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ דערשטוינט.

דער אויטאָ האָט גערירט פון אָרט. די באַרג־יידן זענען געזעסן צונויפגעדריקט אין אַ קופּע, אָבער צו רפאלן מיט גדעונען זענען כסדר דערגאַנגען אָפּגעהאַקטע אויסרופן: „אברהם! יצחק! יעקב! סטאַמבול! (פּרעכטיק) אָמן ישראל."

די צוריקגעקומענע פון ירושלים משפּחות האָבן נישט געענדערט זייער לעבנס־שטייגער אינעם דאָרף. דער איבערגעלעבטער טאָג אין שטאָט האָט זיי איבערראַשט. זיי האָבן געשוויגן איצט נאָך מער ווי פריער.

„נטור", דאָס דאָרף, האָט געלעבט מיט זיינע מנהגים. די באַרג־יידן האָבן זיך נישט געשפּאָרט אין דער אַרבעט, זיי האָבן מיזאַם און פלייסיק ווייטער געריסן די פעלזן פון דער ערד. יעדער פון זיי האָט אויסגעקוקט די רגע, ער זאָל קענען זיין שטיקל ערד אויפאַקערן.

די אַרבעט האָט זיי אַריינגעטראָגן געלט. זיי זענען פרייער געוואָרן אין גראָשן און געשטרעבט צו זאַכן. שוין פון נישט איין שטובן־סטעלע איז אַראָפּגעהאָנגען

אַ „לוקס״ און געוואָרפן שיין אויף דער בערגיקער נאַכט־פינצטערניש. קאָלירטע פּאַפּיר־לענטעס האָבן שוין באַצירט דאָס קולטור־הויז. די אונטערגעוואַקסענע יוגנט האָט פאַר אייגענע פּרוטות זיי געקויפט. דאָס לעבן פון די באַרג־יידן אין „נטור״ איז איצט געווען רויִק און מיושב. זיי האָבן מיט זייער גאַנצן ווילן און כוח זיך באַמיט אַריינדרינגען אינעם נייעם פאַר זיי לעבן. זייער בליק איז געוואָרן דורכדרינגלעך און עקשנותדיק. שרגאס יעדעס וואָרט איז פאַר זיי געווען געזעץ.

זיי, די זיידעס און טאַטעס, זענען איין מאָל אין וואָך געקומען צו גדעונען. ער האָט יעדן פון זיי געלערנט אונטערשרייבן זיך.

זייערע ברייטע פון אַרבעט הענט און צעקרימטע פון אָנשטרענגונג פינגער האָבן ווי קינדער געפירט דעם בליישטיפט איבער צעקנייטשטע בייגעלעך פּאַפּיר. זייערע קעפּ זענען אַריבערגעהאָנגען און זיי האָבן געצייכנט קרומע אותיות — זייערע נעמען וואָס זענען זיי אַליין קוים באַקאַנט געווען.

אָבער דאָך, האָבן זיי נאָך אַלץ געוואָרצלט אין זייער שטייגער פון אַמאָל.

אַז לאה האָט צווויסן געטאָן ראובנען, איר מאַן, אַז זי האָט פון קליגערן אָפּגענומען דאָס געלט פאַר די אַכט אייער, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין קאָנסום־הויז אַריין צו פאַרקויפן, איז ער געבליבן שטיין מיט אַ פאַרהאַקט מויל.

ער איז געוואָרן ווי אָנגעשוואָלן פון כעס. זיין ברייטביייניק פּנים איז געוואָרן שוואַרץ. זיין האַרטע, נישט ראַזירטע באָרד איז איצט שטאַר געוואָרן. ער האָט איצט אויסגעזען, ווי ער זאָל גרייט זיין צו פאַרטיליקן נישט נאָר דאָס ווייב, נאָר אויך די וועלט.

זיינע לאַנגע, גרויסע ציין האָבן געקריצט. זיינע שטאַרקע באַקן זענען איצט געווען נאָך בולטער. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער, ווי אַ געפאַנגענער. ער האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט. „זי האָט געוואַגט אָפּנעמען זיין געלט״! זי האָט אים געמאַכט צו שפּאָט אין די אויגן פון די מענער״! פון כעס האָט ער געהאַקט און געוואָרפן אַלץ, וואָס איז אים געקומען אין האַנט.

די קינדער, מיט אויפגעריסענע פון שרעק אויגן, זענען אים געלאָפן פון וועג.

לאה, זיין ווייב, האָט נישט געוואַגט שטעלן קיין טראָט. זי האָט זיך געשאַרט ביי אַ זייט, ווי זי זאָל אַרויפקריכן אויף דער וואַנט. זי האָט זיך געהיט אים נישט אַנטקעגנקומען, האָט אַפילו מורא געהאַט אים צו פרעגן, צי ער וויל עסן. מלא כעס איז ראובן געלאָפן אַהין און צוריק פון שטוב אין הויף, פון דרויסן צוריק אין שטוב אַריין און יעדע ווײַלע אַ זופּ געטאָן פונעם פלעשל, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַררוקט אין בוזעם. זיין פליישיקע נאָז איז כסדר רויטער און קיילעכיקער געוואָרן, ווי אָנגעשוואָלן.

מיט אַ מאָל האָט די הויכע, שטאַרקע יידענע מיטן פולן בוזעם, פון וועלכן עס האָט געשפּראָצט כוח, געוואָלט אַרויס פון שטוב.

ראובן איז גראָד אָנגעקומען פון דרויסן און זי געטראָפן אין טיר. זיינע מיט כעס פאַרלאָפענע אויגן זענען איצט געווען פאַרגלייזט אין שטאַר פון שנאה. ער האָט צעפירט זיינע לאַנגע הענט. זי האָט צעשטעלט אירע פליישיקע, שטאַרקע פיס

און אַראָפּגעבויגן איר שוואַרצן, צעשויבערטן קאָפּ. יעדער קנאַק מיט זײַנע הענט האָט איבערגעשניטן די לופט מיט אַ שאַרפן „ה—אַ!" ווי געהאַקטע שטשאָפּעס האָלץ זענען געפאַלן זײַנע טרוקענע קלעפּ איבער איר קערפּער.

זייערע פינף טעכטערלעך, איינע קלענער פון דער אַנדערער, באָרוועסע און אין לאַנגע ביז די פיס צעלאָזטע קליידער־העמדער, האָבן זיך שנעל אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט. זיי זענען געשטאַנען און צוגעקוקט, פאַרגייענדיק זיך פון לאַכן, זעענדיק, ווי דער טאַטע שלאָגט די מאַמען.

מיט אַ מאָל איז דער צעיאַכמעטער מאַן געבליבן שטיין. ער האָט שווער אָפּגעסאָפּעט און אַראָפּגעלאָזט די הענט.

לאה, אַ צונויפגעקנייטשטע, איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס פּנים מיט די הענט.

ראובן האָט נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טאָן מער. ער האָט מיט דער צונג זיך אַרומגעווישט זײַנע דיקע ליפּן און מיט זײַנע ברייטע הענט זיך אויסגעריבן זײַן רויטע, פאַרטריקנטע נאָז.

ווי ער זאָל האָבן זיך איבערגעלייגט, איז ער לאַנגזאַם צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם ליגנדיקן אויף דער ערד מאַטראַץ.

די ערשטע שטערן אויפן הימל האָבן שוין געפינקלט. די געדיכטע לופט אין שטוב איז געוואָרן אומהיימלעך. די קלענסטע פון די מיידלעך האָט זיך צעוויינט: מ—אַ—מ—ע.

# יא

די זון האָט ווייטער געגליט, אָבער איר קראַפט איז שוין געווען קלענער. די צעפּלאַצטע ערד, אויסגעטריקנט פון היץ, האָט געלעכצט נאָך וואַסער. די לופט איז געווען נאָך געדיכט, אָבער פייכט. די הימלען זענען געווען פאַרצויגן מיט ווייס־געקאַרבטע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פונאַנדערגעשפּרייטע שאָף.

דער הימל־בלוי איז געווען געדיכט און טונקל. דער רעגן איז געהאָנגען אין דער לופט. דיקער נאַכט־טוי האָט גענעצט די ערד. אויך די באַרג־פעלזן זענען יעדן פרימאָרגן געווען נאַס. די נאַסע שטיינער האָבן געגלאַנצט דער זון אַנטקעגן, ווי פונאַנדערגעשפּרייטער זילבער־שימער.

אין „בטור" זענען די טעג געווען גרוי. פון די בערג האָבן געיאָגט שאַרפע ווינטן, וועלכע האָבן געפייפט צווישן די הייזער, אָבער די באַרג־יידן זענען געווען צו זיי געוווינט. זיי זענען געווען אײַנגעזעסן אין זייער דאָרף און פון דער ערד געצויגן חיונה.

די אַרבעט האָט געענדערט זייערע באַגריפן. אויך דער ווערט פונעם מענטשן האָט זיך ביי זיי געענדערט. יידן, וואָס האָבן געהאַט די „דעה", האָבן מער ביי זיי

נישט געשפּילט קיין ראָל. אָנגעזען ביי זיי איצט זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געקענט אַרבעטן.

מנשה, דער הויכער, שטאַרקער, וואָס האָט אין גיין אויסגעזען ווי אַ פּניאַק, וואָס קאָלערט זיך צוליב זיין שווערקייט, איז געוואָרן דער אינסטאַלאַטאָר פון דאָרף. דווקא מנשה, וועלכער האָט קיין מאָל נישט געהאַלטן קיין האַמער אין האַנט — אין קורדיסטאַן האָט ער פאַרקויפט „פּיסטוקן", געטונקענע אין זאַלץ, איז געוואָרן דער וואַסער־פאַרזאָרגער פונעם דאָרף.

זיין גאַנצע קענטעניש איז געווען פאַרזעצן אַ קראַן און אָנגווינטן אַ רער. דאָס האָט ער געלערנט ביי דעם שטאַט־אינסטאַלאַטאָר, וועלכער האָט געאַרבעט אין „נטור" אַ פּאָר חדשים.

אַז אַ צעווילדעוועטער מויל־אייזל האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטאַל און לויפנדיק, מיט די קלאָען צעהאַקט אַ וואַסעררער, איז מען באַלד געלאָפן רופן מנשהן.

אַז מנשה האָט פאַרדרייט דעם שיבער און דאָס וואַסער האָט אויפגעהערט שטראָמען, זענען די באָרוועסע קינדער, וועלכע האָבן געטאָפּטשעט אין דער קאַלוזשע, געבליבן שטיין פאַרגאַפט. האָט זיך מנשה געשטעלט איבערבייטן די רער, זענען די קינדער פון אים נישט אָפּגעטראָטן. מנשה האָט די רער צעשניטן און זי פאַרגווינטעוועט. ער האָט פון גאווה זיך געדרייט אַ שפּיץ וואָנסע און מיטן היטל זיך געווישט דעם שווייס פון זיין קאַנטיקן פּנים.

גדעון איז איצט געווען דער לערער אין דאָרף. די באַרג־יידן האָבן אים ווייטער אויסגעמיטן. זיי זענען נישט געווען זיכער, צי ער וועט ממשיך זיין זיי לערנען שרייבן און לייענען, אָדער זיי פאַרוואַרפן פאַר וואָס זיי שיקן נישט די קינדער אין שול אַריין.

גדעון איז געוואָרן חשוב ביי די באַרג־יידן צוליב זיין ביבליאָטעק. איינצלנע ביכער האָבן זיך שטענדיק געוואַלגערט אינעם קולטור־באַראַק פון „נטור", אָבער זייט גדעון האָט געבראַכט אין דאָרף אַ שאַנק, פול מיט ביכער, האָבן די באַרג־יידן אים אָפּגעטרעטן דעם וועג.

דאָס שמאָלע צווייטירנדיקע ביכער־שענקל איז געשטאַנען אין קולטור־באַראַק. צו די געבונדענע אין טאָוולען מיט לייוונטענע רוקנס ביכער, האָבן די באַרג־יידן זיך נישט געוואַגט צורירן. האָט גדעון געגעבן אַ יינגל אַ בוך אין האַנט, האָט אַ הויכער דערוואַקסענער אים דערלאַנגט עטלעכע באַכעס, פאַר וואָס ער קושט נישט דעם ספר. פאַר זיי איז יעדער געדרוקטער „אות" געווען קדושה.

די באַרג־יידן האָבן פאַר זייערע ווייבער אויסגעבויט אַ מקווה. דאָס געפלאַכטענע פון צווייגן ביידל, די ערשטע מקווה אין דאָרף, איז איצט געשטאַנען פאַר־הויקערט, קרום און פאַרלאָזן.

רחמה מיט איר צעיוירענעם בויך און צעפלאָסענע ברוסטן איז איצט געווען אַ ריכטיקע טוקעריך. ווי אַ קוואָקע אַרום איר סטאַדע, האָט זי זיך אַרומגעדרייט

באַרוועס אויף אירע אויסגעבויגענע פיס, מיט אַ סיגאַר צווישן אירע פאַרגעלטע ציין און גערעכנט, וויפל פון די ווייבער האָבן זיך שוין געטובלט.

די נייע מקווה איז געווען געבויט פון בעטאָן, צוויי מעטער אויף צוויי, מיט אַ פאַדערהייזל און מיט אַ קאַרמיטענעם דאַך. זי איז אַ לענגערע צייט געשטאַנען נישט באַנוצט. די דאָרפס־ווייבער האָבן פון אָנהייב זיך נישט געטרויט אַראָפגיין די פאָר שמאָלע טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט אין באַסיין אַריין.

אָבער לאַנגזאַם האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו דער נייער מקווה. די יאָדערדיקע ווייבער זענען גערן שוין געקומען טובלען זייערע לייבער אין דעם קאַלטן וואַסער. דאָס וואַסער האָט אַריינגעשטראָמט אין אַ רער און איז אָפּגעפלאָסן אין דער אויסגעהאַקטער אין פעלז „דזשאַרע". דאָס גענוצטע וואַסער האָבן די דאָרפס־איינוווינער געשעפּט מיט בלעכן און דערמיט באַגאָסן זייערע גערטנער.

דאָס לעבן אין דאָרף האָט זיך געשטיצט אויף דער „חמולה", אָבער די אַרבעט און זאָרג פאַרן דאָרף האָט אַלץ מער דערנענטערט די מענטשן. זיי האָבן שוין אפילו אַרויסגעהאָלפן איינער דעם אַנדערן. יסחוקס צווייטער צימער, וואָס שרגא האָט באַשלאָסן מיט דער איינשטימונג פון די מתישבים אים צובויען, איז פאַרטיק געוואָרן.

יסחוקס הויז איז איצט געווען דאָס גרעסטע אין דאָרף. ער האָט איצט געהאַט באַזונדערע צימערן פאַר יעדן ווייב. די גרוימקייט אין שטוב האָט איינגעשטילט די קריגערייען צווישן זיי. יסחוק האָט מיט יעדן ווייב געוווינט אַ וואָך צייט אין איר צימער.

די באַרג־יידן האָבן יסחוקן באַשטימט אַלס דאָרפס־שומר אין דער ערשטער משמרת. זיין צוגאָב־געהאַלט האָט אים דערמעגלעכט צו דערנערן זיין גרויסע משפּחה. די פּרוטה אין טאַש האָט אים געמאַכט פאַר מער בר־דעת. זיין פונאַנדער־געשפּרייטע צאַרנדיקע טעמפּקייט איבערן פּנים, ווי ביי אַן אָקס, איז געוואָרן מילדער. זיין טראָט איז געוואָרן לאַנגזאַמער. די מענטשן אין דאָרף האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט כבוד. די באַרג־יידן, וועלכע זענען פון שטענדיק געווען געוווינט צו דער ביקס, האָבן געשעצט יסחוקן, דעם שומר און פאָטער פונעם ערשטן זעלנער אין דאָרף.

די באַציִונג פון יסחוקן צום זון איז געווען ווי צווישן צוויי מענער. אַז יעקב איז געקומען אויף אורלויב, זענעןביידע, דער טאַטע מיטן זון, געשלאָפן אין קיך אויף דעם פּאָל.

אין דעם לעצטן אורלויב האָט יעקב איין אָוונט זיך פאַרשפּעטיקט אַהיים צוקומען. ער האָט פאַרברענגט אַ לענגערע צייט מיט דער יוגנט. ער האָט זיי דערציילט, ווי אַזוי ער אַרבעט און פירט אַן אויטאָ.

די בני־בית זענען שוין געשלאָפן, נאָר דער פאָטער, וועלכער איז ערשט געקומען פון דער שמירה, איז געלעגן וואַך אויף זיין געלעגער.

יעקב האָט זיך אויסגעטאָן אין דער פינצטער, הערנדיק אָבער, אַז דער פאָטער שלאָפט נאָך נישט, האָט ער אים אַ רוף געטאָן: טאַטע!

„וואָס איז?" — האָט יסחוק האַלב דרימלענדיק שוין, געפרעגט.

יעקב האָט זיך צוגעזעצט צום פּאָטער אויפן געלעגער און אים אַ זאָג געטאָן: „איך האָב זיך אָפּגעזוכט אַ מיידל!" ער האָט גערעדט שטיל מיט מורא. ער איז נישט געווען זיכער, ווי דער פּאָטער וועט רעאַגירן.

יסחוק האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט. זיינע טיף־פאַרזשמורעטע אויגן האָבן זיך איינגעקוקט אין זון. ער האָט מיט אַ טרוקן קול אים אַ פרעג געטאָן: „ווער איז זי?"

יעקב האָט אויסגעגליכן זיין געבויגענעם קערפּער. פון אויפרעגונג האָט ער פאַרביילט די פויסטן און געזאָגט מיט התלהבות: „זי איז הויך און שטאַרק ווי אונדזערס אַ טאָכטער" און שטיל צוגעגעבן: „איר פאָטער איז אַ קאַטלער אין ירושלים".

דער פּאָטער האָט אַ ווײַלע געצעצגערט און געקוקט אין דער פינצטער. באַלד האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ טיפן פולן קול, ווי אַ קול פון אַ פּאַס אַרויס, אָקצענטירנדיק יעדעס וואָרט: „נעם זי און ברענג זי אַהיים". אין יסחוקס ווערטער האָט זיך געפילט תקיפות און חוצפּה.

יעקב, דערהערנדיק דעם פּאָטערס ענטפער, האָט אויסגעשריגן אויפן קול: „אַהמן" און מיט אַ פאַרביילטער פויסט זיך אַ זעץ געטאָן אין זיין אויסגעשטרעקטער ברוסט. באַלד דערנאָך האָט אויך ער זיך געלייגט שלאָפן.

די נאַכט־פינצטערניש האָט ווידער אויסגעפילט דעם צימער. די נאַכט־שטילקייט האָט דיביידע מענער איינגעשלעפּט.

די „נטור"־איינוווינער האָבן אָן אויפהער געגראָבן די ערד. אַלע, אָן אונטערשייד, זענען געווען אַריינגעטאָן אינעם יאָך. די שותפותדיקע שטאַל פון די מויל־אייזלען האָט זיי נישט געגעבן קיין רו. די מויל־אייזלען האָבן קיינעם נישט געהערט, אָבער יעדער איז אַרומגעגאַנגען פאַרדאגהט. ווער וועט באַקומען אַ מויל־אייזל?

דער אַלטער, לאַנגפּיסיקער סאַסון, וועמען שרגא האָט באַשטימט אַלס שטאַל־מייסטער, האָט אַליין נישט געקענט און אויך נישט געוואָלט מיט זיי זיך אַן עצה געבן. די בייכער פון די מויל־אייזלען זענען איינגעפאַלן, זייערע קיילעכיקע פּאַשלאַדקעס זענען געוואָרן שפּיציק.

שרגא איז פון דער באַציִונג צו די בהמות אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצאָרנטער. פון מורא, אַז די אַרבעטס־בהמות זאָלן נישט אויסגיין, האָט ער באַשלאָסן זיי פונאַנדערטיילן צווישן די מתישבים. וויסנדיק זייער אויפרעגונג, האָט ער זיי אפילו נישט צונויפגערופן איבעררעדן די זאַך. ער האָט די דריי מויל־אייזלען אָוועקגעגעבן פאַר די דריי משפּחות אין דאָרף, וואָס זענען געווען מטופּל מיט אַ סך קינדער און שוין געהאַט אונטערגעוואַקסענע ייִנגלעך.

אַז די באַרג־יידן האָבן דערזען שטיין די מויל־אייזלען ביי שמעונען, ישראלן און שלמהן אין הויף, האָט די ניכפּה זיי אַ נעם געטאָן. דער ברוגז האָט זיך צעטראָגן איבערן דאָרף, ווי אַ געוויטער. זייערע פליישיקע קעפּ האָבן זיך זיי אַריינגעלאָזט אין די אַקסלען, וועלכע זענען איצט געווען שפּיציק. זיי האָבן געפרייכט און געבלאָזן

די באַקן. זייערע אויגן זענען זיי ווי אַריינגעקראָכן טיפער אין די לעכער. זייער בליק איז געווען ווילד פון צער און שנאה.

זיי האָבן אָבער געשוויגן. זיי האָבן נישט געוואַגט זיך אַנטקעגנשטעלן שרגאַן. דער רוגז האָט נאָר אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. די באַרג־יידן מיט זייערע יאַדערדיקע ווייבער זענען איצט געווען פאַרנומען מיט באַבלין, דעם נישט געקרוינטן דאָרפס־מוכטאַר.

באַבלי, מיט דעם רעוואָלווער ביי דער זייט, איז נישט אָפּגעטרעטן פונעם פעלד־טעלעפאָן. דער טעלעפאָן האָט זיך געפונען אינעם געווער־הויז און האָט פאַרבונדן דאָס דאָרף מיט דער שטאָט.

באַבלי האָט יעדן טאָג זיך פאַרבונדן מיט דער צענטראַלע פון דער גרענעץ־וואַך. וואָס צו באַריכטן האָט ער נישט געהאַט. אין דער סביבה האָט געהערשט רו, אָבער דאָס רעדן דורכן טעלעפאָן האָט אים הנאה געטאָן. ער האָט ביז איצט נישט באַגריפן, ווי אַזוי דער דראָט פירט איבער די ווערטער. דאָס האָט אים נישט געשטערט זיך איינבילדן, אַז ער פאַרשטייט מער, ווי די רעשט מתישבים אין דאָרף.

זיין באַציִונג צו זיי איז געווען באַפעלעריש. ער האָט זיך אפילו דערלויבט שיקן אַ פרוי, וואָס ער האָט געטראָפן אויפן וועג, אין קאָנסומהויז אַריין, אַז זי זאָל אים ברענגען סיגאַרן. שוואַכע יידן האָט ער געצוווּנגען קומען אים באַאַרבעטן זיינע בייטן אַרום זיין הויז. ער האָט זיי אויך געוואָרנט: „וויי צו אייך, אויב איר וועט זיך קלאָגן פאַרן אשכנזער!״

צום אייגענעם ווייב מיט די קינדער האָט ער זיך באַצויגן גלייכגילטיק. זיי זענען אים איצט געווען איבעריק, אים געשטאַנען אין וועג. אויף מלכהן, זיין ווייב, איז געלעגן די גאַנצע לאַסט פון הויז, אָבער באַבלי האָט אין איר איצט געזען אַ פרימיטיווע פרוי. ער האָט זיך איינגעבילדעט, אַז מלכה פּאַסט אים מער נישט אַלס ווייב. ער האָט באַשלאָסן זיך איינשאַפן נאָך אַ ווייב, ווי יסחוק, כדי די מענטשן אין דאָרף זאָלן אים שעצן.

ער האָט אויסגעוויילט איסלאהן די אלמנה, די וווּקסיקע און געזונטע, מיט שטאַרע קיילעכיקע ברוסטן. פון דעם טאָג האָט ער זי נישט צורו געלאָזט. מענטשן האָבן געזען, ווי ער קלאַפּט ביי איר אין טיר, קוקט אַריין צו איר דורכן פענצטער.

ער פלעגט אָבער נאָר געפינען די ליידיקע שטוב. איסלאה האָט זיך אויס־באַהאַלטן, געשטאַנען אַן איינגעבויגענע אונטערן פענצטער.

ווייל ער האָט זי נישט געפונען אין שטוב, האָט ער אָנגעהויבן קומען אין קאָנסומהויז. ער פלעגט קומען עטלעכע מאָל אין טאָג, יעדעס מאָל געקויפט אַ קלייניקייט, מערסטנס שוועבעלעך און סיגאַרן. יעדעס מאָל אָבער האָט ער מיט זיינע טיף איינגעזעצטע קליינע אויגן געשפּיזט איסלאהס שלאַנקן קערפּער. אָבער ער האָט מורא געהאַט מיט איר זיך צו פאַרטשעפּען צוליב קליגערן. ער האָט זיך געהיטן נישט איינצורייסן מיט די אַשכנזער, וועלכע פירן דאָס דאָרף.

אָבער ער האָט זי אַ פּאָר מאָל אָפּגעוואַרט, איר פאַרשטעלט דעם וועג, ווען זי איז געגאַנגען צו דער אַרבעט.

זי האָט צו אים נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און אַן איבערגעשראָקענע אַנטלאָפן צו סוכאָרן אין שטוב.

איסלאַהס גלייכגילטיקייט האָט צעשטערט באַבליס גלייכגעוויכט. ער האָט אָנגעהויבן שכורן. מלא כעס, מיט פאַרגלייזטע אויגן, איז ער געלאָפן איבערן דאָרף מיט אַ קאַרבאַטש אין האַנט און יעדן אָנגעטראָפּענעם געדראָט. דערזעענדיק פון ווייטנס איסלאַהן, האָט ער איר נאָכגעשריגן: „חצופה. נבלה. ער וואַרט אויף דיר!״

אַז זי איז אים פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער, אַ שכורער זיך געוויגט אויף די פיס, געקריצט מיט די ציין און געמורמלט: „דו וועסט זיין מיינע!״

די מענטשן אין דאָרף האָבן זיך שוין געבונטעוועט קעגן אים. דערווייל האָבן זיי געשוויגן און אים אויסגעמיטן. אָבער די יאָדערדיקע ווייבער, די שפחות פון אַ מאָל, האָבן מער נישט געקענט פאַרשווייגן. רחלס מי איז נישט געגאַנגען לאיבוד. ווי נאָר אַ פּאָר ווייבער האָבן זיך צונויפגעטראָפן פאַר אַ הויז, אָדער פאַר דעם קאָנסומהויז, האָבן זיי זיך געסודעט און געבונטעוועט: „וואָס מיינט ער זיך? דאָ קויפט מען נישט קיין ווייבער פאַר קיין געלט, דאָ האָט דאָס ווייב די זעלבע רעכט ווי דער מאַן. אויך דאָס הויז געהערט אים מיט איר צוזאַמען״. וועלנדיק זיך פאַרזיכערן, אַז זיי רעדן נישט פון וועג, האָבן זיי יעדעס מאָל צוגעגעבן: „אַזוי זאָגט רחל!״

אייניקע פון זיי האָבן אַפילו פאָרגעשלאָגן: „מען דאַרף צוטראָגן מלכהן — זאָל דאָס ווייב אַלץ וויסן״. זייערע דרייסטע רייד האָבן אָבער זיי אַליין נאָך געשראָקן. אויסטענהנדיק זיך, האָבן זיי זיך אומגעקוקט, צי אַ מאַן הערט זיי נישט אונטער.

אָבער באַבלי האָט איסלאַהן נישט אָפּגעלאָזט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. די ווייבער האָבן דאָס געזען. זיי האָבן אים געשפּיזט מיט צעגליטע אויגן פון שנאה און אים אויסגעמיטן.

באַבלי האָט נישט געלייגט קיין אַכט, וואָס מען רעדט וועגן אים אין דאָרף. די באַרג־יידן האָט ער געהאַלטן פאַר צוריקגעשטאַנען, אָבער איסלאַה האָט אים צוגענומען דעם שלאָף פון די אויגן.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ נישט ראַזירטער. זיין שוואַרצע באָרד איז איצט געווען געדיכט און ענלעך צו אַן אָפּגענוצטער באַרשט. זיינע אויגן זענען געווען רויט פון שכרות. ער איז אויך צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. אין אַן אָוונט, ווען די ווייבער זענען געגאַנגען אין קאָנסומהויז איינקויפן, האָבן עטלעכע פון זיי אים געטראָפן ליגן צווישן גראָז.

ער איז געלעגן שכור, די אויגן אַרויסגעזעצט, דאָס העמד צעקנעפּלט און דעם רעוואָלווער פאַררוקט אויפן בויך. די ווייבער זענען אייליק נעבן אים פאַרבייגעגאַנגען.

אָבער רבקה, די אשת־חיל, בנימין דעם שוסטערס פרוי, די איינציקע אין דאָרף, וואָס האָט שוין געבאַקן אין אַ טאָפּ אַ קוכן אויף שבת — האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און אַ זאָג געטאָן: „נאַר מלכה וועט בלייבן דיין ווייב!״

פון שרעק האָבן די ווייבער אַריינגעשטופּט זייערע קעפּ אין די אַקסלען און פאַרשנעלערט זייערע טריט.

באַבלי, דערהערנדיק אַ פּרויס רייד, האָט אַ סקאָמלע געטאָן: „איך, איך״. ער האָט געוואָלט איר ענטפערן, אָבער ער האָט נישט געקענט צונויפנעמען זיינע שכורע געדאַנקען.

אויך שרגא האָט אויסגעמיטן באַבלין. ער האָט נישט געוואָלט זען, ווי באַבלי פון „נטור״ קעמפט מיט באַבלין פון „זעך״. ער האָט געהאָפט, אַז באַבלי וועט זיך אַליין באַזינען. מורא האָבנדיק אָבער, אַז זיין אויפפירן זיך וועט ווירקן אויף דער רעשט מענטשן פון דאָרף, האָט ער אין אַן אָוונט אים גערופן און געוואָרנט. שרגאס רייד זענען געווען שטרענגע, אָבער עס האָט זיך אין זיי געפילט מיטלייד.

באַבלי האָט זיך געאַמפּערט מיט זיך אַליין. די באַקן זענען אים איינגעפאַלן. זיינע צעשויבערטע האָר האָבן צוגעדעקט זיין קליינעם שטערן. אויף זיין פּנים איז איצט געווען אויסגעגאָסן פאַרצווייפלונג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין באַנעמען זיך וועט אויף אים ברענגען אַן אומגליק.

ער האָט זיך אָבער נישט געקענט באַהערשן. איסלאַה האָט באַהערשט אַלע זיינע חושים. אין איינעם אַ טאָג, ווען אַלע מענטשן אין דאָרף זענען געווען אין די בערג, איז ער אַריין צום אַלטן סוכאָר. ער האָט געזאָגט „שלום״ און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר ווי אַ געשלאָגענער הונט.

סוכאָר איז געזעסן אויפן פּאָל און מיט זיינע אויסגעקרימטע פון אַלטקייט פינגער געפלאָכטן פון וואַנדלען אַ קוישל. דערזעענדיק באַבלין, איז ער נישט אויפגעשטאַנען. זיינע טריבע אויגן האָבן אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. פון איבער־ראַשונג האָט זיך זיין געבויגענער קערפּער נאָך מער איינגעבויגן.

באַבלי האָט געשטעלט עטלעכע טריט פאָרויס. ער האָט זיך דערנענטערט צום אַלטן, אָבער פאַר אים געבליבן שטיין, ווי אַ פאַראורטיילטער. ער האָט אַראָפּ־געלאָזט זיין קאָפּ אויף דער ברוסט און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געקוקט אויף דער ערד.

אָבער מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט. אין אים האָט זיך צוריק דער־וועקט רוצחישער כעס, ווי ביי אַ געטראָפענער חיה. זיינע פאַרביילטע פויסטן האָבן אַ זעץ געטאָן אין זיין צעכראַשטשעטן ברוסט־קאַסטן. דער אָפּהילך האָט אויס־געפילט דעם רוים פון שטוב. זיין שווערע האַנט האָט זיך מיטן גאַנצן כוח איינגע־קניפּט אין סוכאָרס אַקסל און ער האָט אַ שריי געטאָן מיטן גאַנצן כוח פון זיינע לונגען: „טאַטע!״

אָבער זיין קול האָט געציטערט פון אויפרעגונג און ער האָט גערעדט, ווי ער זאָל ציילן יעדעס וואָרט: „גיב מיר איסלאַהן פאַר אַ ווייב״. זיינע קליינע אויגן, פול מיט שנאה, האָבן געשפּיזט סוכאָרן. ער האָט געקריצט מיט די ציין, ווי אַ שלייפער, וואָס שלייפט איין קיזלשטיין אין אַנדערן.

אויך דעם אַלטנס געבויגענער קערפּער האָט זיך איצט אויסגעגלייכט און ער

איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפּן מויל. פון זיין ווייסער באָרד האָט אַרויסגעשטאַרט זיין ליידיק מויל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ קרישלענדיקער פעלז אין די בערג.

ער איז געזעסן ווי אַ מומיע, אָבער זיין שוואַכער מוח האָט לאַנגזאַם באַטראַכט דעם ענין. ער האָט געשטאַמט פון דער צווייטער „חמולה״. איסלאַה וועט זיין ביי אים די צווייטע פרוי. זיין ווייב האָט שוין אונטערגעוואַקסענע קינדער. ער וועט זי צונעמען צו זיך. ווער וועט מיר באַאַרבעטן די ערד? לאַנגזאַם האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף באַבלין און אים געענטפערט קורץ: „ניין!״ זיין קול האָט אַ גרילץ געטאָן, ווי אַ סקריפּ פון אַ פאַרזשאַווערטער זאַוויאַסע.

באַבלי האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר, ווי אַ צערייצטער טיגער. ער האָט האַסטיק אויפגעפּראַלט די טיר און ווי אַ געוויטער אַרויס פון שטוב.

נאָך באַבליס באַזוך זענען סוכאָרס אויגן נאָך טריבער געוואָרן. זיינע ציטערנדיקע הענט האָבן לאַנגזאַם אַראָפּגענומען די דריי בלעכלעך קמיעות, וואָס זענען געהאָנגען איבער דער טיר. איינע פון זיי האָט ער אַרויפגעצויגן אויף אַ שטריקל און אָנגעהאָנגען איסלאַהן אויפן האַלדז.

אָבער טראָץ דער קמיע האָט דער אַלטער נישט אַראָפּגענומען פון איר דאָס אויג. ער האָט געהיטן איר יעדן טריט.

איסלאַה האָט נישט געהאַסט באַבלין. זי איז אַפילו געווען צופרידן, וואָס דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט, אַז ער וויל זי פאַר אַ ווייב, כאָטש זי איז אַן אַלמנה. אָבער זי האָט אים אויסגעמיטן. זי האָט געגאַרט צו קליגערן.

דעם הויכן, דאַרן פאַרשוין מיט זיינע שטענדיק געפּוצטע שיך, האָט זי באַוווּנדערט. יעדע אַרבעט, וואָס זי האָט געמאַכט, האָט זי זיך באַמיט צו זיין נאָענט פון אים. אירע פייכטע אויגן האָבן מיט אַנטציקונג געקוקט אויף זיין קאָפּ, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי זיינע שיך.

זי איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן. זי האָט אים אונטערגעטראָגן דעם האַנטעך, ווען ער האָט זיך געשטעלט וואַשן די הענט, אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי און אים געררוימט ס׳צימער. זי האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף זיין לאַנגע, שמאָלע נאָז, אויף וועלכער עס זענען געזעסן זיינע גאָלד־געפּאַסטע ברילן, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַזוי מאָדנע אויף איר אַפּירגעקוקט זיינע קלוגע אויגן.

דאָס קאָנסומהויז אין „נטור״ איז איצט געווען זיין לעבנס־אינטערעס. די אַרבעט האָט אויסגעפּילט זיין טאָג, אָבער נאָך דער אַרבעט האָט ער מיט זיך נישט געהאַט וואָס צו טאָן. ער איז געלעגן אויף זיין בעט מיט פאַרלייגטע אונטערן קאָפּ הענט, די אויגן פאַרמאַכט, און געזען פאַר זיך זיין משפחה, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן אין אוישוויץ; זיינע צוויי זין, וועלכע זענען געווען אין גאַנצן ענלעך צו אים. ער האָט אַלע געזען און כסדר זיך איבערגעחזרט זייער יעדע געוווינהייט און איינצלהייטן פון זייער לעבן.

ער האָט געדענקט, אַז צוויי וואָכן נאָכן אויסברוך פון קריג האָט דוד, זיין עלטערער זון, באַדאַרפט ווערן בר־מצווה. פון זיין פאַמיליע איז אים אַפילו נישט פאַרבליבן קיין פאָטאָגראַפיע. זיין פאַרמעגן, ס׳הויז און די אָנגעשטאָפּטע מיט

סחורה קראַם, האָט זיין שכן, דער גוי, צוגענומען ווי נאָר די נאַציס האָבן אים אַוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָס האָט ער זיך דערוווּסט פון אַ ייד, וועלכער איז אָנגעקומען אין לאַגער נאָך אים.

איצט, אין דער פרי, האָט האָט קליגער שפּאַצירט פאַרן הויז און געשנופּט מיט זיין לאַנגער נאָז, געאָטעמט אין זיך די מאָרגן־פרישקייט, ביז עס איז אָנגעקומען איסלאַה. דערזעענדיק זי, האָט ער איר פון וויטנס געזאָגט „שלום”. אַ צופרידענער ווי אַ טאַטע, וואָס פירט אונטער זיין טאָכטער, איז ער געגאַנגען מיט איר צו דער אַרבעט. נישט איין מאָל איז ער געקומען צו דער אַרבעט און אַליין צוגעגרייט פרישטיק פאַר ביידע.

ווען איסלאַה איז געקומען צו דער אַרבעט, איז אויפן קאַסע־טיש שוין געווען פונאַנדערגעשפּרייט אַ ווייס סערוועטל און אויפן סערוועטל דין געשניטענע שטיקלעך ברויט, איבערגעלייגט מיט קעז אָדער הערינג און ריינע גלעזער, גרייטע אָנצוגיסן אין זיי טיי.

אויך אין דער אַרבעט האָט ער איר אַרויסגעהאָלפן. ער האָט גערן געהאַט מיט איר פונאַנדערסדרן אין די פּאָליצעס די געברענגטע סחורות. פונאַנדערסדרנדיק די פלעשלעך, שאַכטלען און בייטלען, האָט ער איר דערציילט גענוי ווי מענטשן לעבן אין דער גרויסער, ברייטער וועלט, וועגן די פאַרבלענדטע מיט ליכט רעסטאָראַנען אין די שטעט, וועגן די באַדעקטע מיט ווייסע טישטעכער טישן, וועגן די קעלנערס אין די סמאָקינגס, וואָס דערלאַנגען דאָס עסן. ער האָט דערציילט וועגן פאַרשיידענע טעאַטערס און אָפּערעס, וואָס ער האָט באַזוכט אין פּראַג.

איסלאַה האָט זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות און ממשיך געווען איר אַרבעט. אָבער, אַז ער האָט איר דערציילט וועגן די פאַרשטעלונגען און דעם שפּילן פון די אַרטיסטן, האָט זי אַראָפּגעלאָזט אירע הענט. זי איז שטיין געבליבן אַ פאַרטרוימטע, מיט אַן אָפן מויל.

זיין חשיבות איז ביי איר אין די אויגן געשטיגן פון טאָג צו טאָג. מיט יעדן ענין און געשעעניש האָט זי זיך צו אים געוואָנדן, ווי אַ טאָכטער צו איר דערפאַרענעם פאָטער. אָבער אַלע אירע פראַגן זענען געווען וועגן די ענינים, מיט וועלכע זי איז געקומען טאָג־טעגלעך אין באַרירונג. זי האָט אים געפרעגט פון וואָס מען מאַכט נאָפט, ווי אַזוי מען באַקט ברויט און פון וואָס עס איז צונויפגעשטעלט זייף.

קליגער האָט אויף איר געקוקט גוטמוטיק איבער זיינע ברילן אַריבער און איר אַלץ דערקלערט.

איסלאַה איז אין זיין אָנוועזנהייט געווען נישט דרייסט, זיך געפילט דערנידעריקט, אָבער זי האָט אים געוואָלט געפעלן. וויסנדיק, אַז ער פרייט זיך זי צו זען אָנגעטאָן אין קאָלירטע קליידער, איז זי אין איינעם פון די טעג געקומען צו דער אַרבעט אין אַ שוואַרץ מיט געלע רעדער געמוסטערט קלייד, וואָס זי האָט געברענגט מיט זיך פון „זעק”.

קליגער, דערזעענדיק זי, האָט ער זי אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ. זיינע גוט־

מוטיקע אויגן האָבן געגומען אים גלאַנצן. אירע פעך־שוואַרצע האָר זענען אויפן גרונט פון קלייד געוואָרן נאָך בולטער. ער האָט אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין: „ציגיינעריןו!״

איסלאה האָט נישט פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט זיך צעשמייכלט. ווייזנדיק אירע גרויסע ווייסע ציין, האָט זי צו אים אַ זאָג געטאָן: „צו דעם קלייד פעלן מיר שיך אויף הויכע קלעצלעך״. פון בושה, וואָס זי האָט געוואַגט אין זיין אַנוועזנהייט צו רעדן, האָט זי אירע אויגן אַראָפּגעלאָזט אויפן בוזעם.

קליגער האָט באַהאַלטן אַ לייכטן שמייכל אין די ליפּן־ווינקלען און אַ ווײַלע שפּעטער איר געענטפערט: „גוט״.

אַלע אין דאָרף האָבן געוווּסט, אַז קליגער וואַרט אויף איסלאהן און גרייט איר צו מאָלצייטן. די ווייבער האָבן פאַרווּנדערט און פאַרשעמט אָוועקגעקוקט פון אים, אָבער ווי נאָר עטלעכע ווייבער האָבן זיך געטראָפן, האָבן זיי איבערגערעדט די פּרשה פון די צוויי. זיי האָבן דערציילט די פאַרשיידענע מעשיות וועגן איסלאה: איר שטוב איז פול מיט קליידער און זאַכן, וועלכע ער קויפט איר. ער גיט איר אַוועק זיין גאַנץ געלט. צונויפשלאָגנדיק די קעפּ, אַז קיינער זאָל זיי נישט אונטער־הערן, האָבן זיי זיך פאַרטרויט אַ סוד: „זי קומט צו אים, שלאָפט מיט אים״.

פון די רעדערייען איז דער אַלטער סוכאָר נאָך עלטער געוואָרן. זיינע טריבע אויגן זענען נאָך רויטער און קלענער געוואָרן. אָבער זיי האָבן פאַרווּנדערט געקוקט אויף איסלאהן — די אַלמנה פון זיין געהרגעטן זון. סוכאָר האָט געלעבט אין פּחד, ער האָט זיך געשראָקן, אַז שרגא אָדער דאָס דאָרף וועלן ביי אים צונעמען די ערד. ער האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל זי באַאַרבעטן. ער האָט אויך נישט געגלויבט, אַז דער „דירעקטאָר״ פון דעם קאָנסומהויז וועט חתונה האָבן מיט אַן אַלמנה, דערצו נאָך אַ „קורדי״. אים האָט געקרענקט, וואָס די אַלמנה נאָך זיין זון איז געוואָרן צו שפּאָט ביי די מענטשן אין דאָרף.

אָבער ער האָט עקשנותדיק געשוויגן. אים איז נישט געקומען אויפן געדאַנק זיך אַנטקעגנצושטעלן קליגערן. איסלאה אַרבעט דאָך ביי אים, פון אירע פאַר־דינסטן עקזיסטירן זיי ביידע. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער: ווי וועט דאָס זיין?

דעם ערשטן שבת, ווען קליגער האָט איר געקויפט די שיך אויף די הויכע קלעצלעך, האָט איסלאה באַשלאָסן זיך באַוויזן אין דאָרף. זי האָט זיך אָנגעטאָן דאָס שוואַרצע מיט געלע רעדער קלייד. זי האָט אָנגעטאָן די נייע שיך, די האָר פאַרקעמט אין אַ קאָקס און אין אַ טיכל אויפן קאָפּ איז זי אַרויס שפּאַצירן.

לויטן מנהג זענען די באַרג־יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער נאָכן עסן געזעסן אויף די שוועלן פון זייערע הייזער און געקנאַקט סעמיטשקעס. דערזעענ־דיק איסלאהן, האָבן אַלע געעפנט די מיילער פון איבערראַשונג.

אַלע האָבן זי באַוווּנדערט און זי געהאַסט. געהאַסט פון קנאה און פון איר אַוועקגעדרייט די קעפּ. אַז זי איז פאַרבייגעגאַנגען יסחוקס הויז, האָט נגיה, זיין צווייט ווייב, אַ שריי געטאָן פון אַנטציקונג: „מאַדאַם״.

באַבלי, אַ האַלב שיכּורער, האָט אויך שפּאַצירט איבערן דאָרף. אַ געפלעקט שעפּסל איז אים נאָכגעלאָפן און געמעקעט.

דערזעענדיק איסלאהן פון ווייטנס, האָט אים ס'בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּנים. די אָדערן אויפן קאָפּ זענען אים אָנגעשוואָלן געוואָרן. זיינע ציין האָבן געקריצט פון כּעס. דורך זיינע דיקע ליפּן האָט זיך אַדורכגעשטופּט נאָר איין וואָרט: „מאַמזערטאַ!" טרייסלענדיק זיך פון שׂנאה, האָט ער זיך געלאָזט לויפן. ער איז געלאָפן אָן אָטעם.

די טיר פונעם „חכם" האָט ער אויפגעפּראַלט מיט אימפּעט.

דער „חכם" איז געזעסן אויף דער ערד אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פּיס, אָנגעלענט אין דער וואַנט אויף אַ קישעלע און געדרימלט. אַ דערשראָקע־נער האָט ער אויפגעריסן די אויגן און אָנגעקוקט באַבלין.

זידנדיק פון כּעס, האָט באַבלי זיך צעשריגן: „זע די חוצפּה!" ער האָט גע־וויזן מיט דער האַנט אין פענצטער און געשריגן: „זי וועט קאַליע מאַכן אַלע ווייבער אין דאָרף!"

דער „חכם" האָט פויל אונטערגעהויבן זיין מידן גוף און אַ באַרוועסער צוגע־גאַנגען צום אָפענעם פענצטער.

באַבלי, דערשעפּט פון כּעס, ווי אַן עפּילעפּטיקער נאָך אַן אָנפאַל, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם פּאָל. זיין שווערער, מידער גוף איז אַנידערגעפאַלן, ווי אַ פולער זאַק. זיינע אבֿרים זענען געווען שלאַבעריק, זיינע נערוון — אָנגע־שטרענגט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן, אָבער ער האָט ממשיך געווען זיינע טענות. ער האָט געוואָלט, אַז דער „חכם" זאָל הערן, וואָס ער זאָגט: „מען מוז זי חתונה מאַכן פאַרן זעלנער!" אָבער זיין קול איז געווען פול געוויין.

דער „חכם" מיט צעקנעפּלטע הויזן און אָפן העמד, מיט זיין לאַנגער באָרד, וואָס האָט פאַרדעקט זיין האָריקע ברוסט, האָט געשוויגן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן באַבלין: יאָ, אָדער ניין. ער איז שוין נישט געווען זיכער, ווער עס הערשט אין דאָרף און אויף וועמענס זייט ער דאַרף זיך שטעלן.

דעם „חכמס" אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן טעמפּ געקוקט דורכן אָפענעם פענצטער אין דער ווייט, אָבער ער האָט נאָר געהערט דאָס מעקען פון באַבליס שעפּסל, וואָס איז געבליבן הילפלאָז אין דרויסן.

# יב

יעקבֿ איז געווען זייער שטאָלץ, וואָס ער איז אַ שאָפער. זיין אויטאָ האָט ער געהיטן ווי די אויגן אין קאָפּ. נאָך יעדער רייזע האָט ער געוואַשן און געפּוצט די מאַשין. זי האָט שטענדיק געגלאַנצט.

צו זיין מסירות און פלייס איז נישט געווען קיין גרענעץ. ער איז כּמעט נישט

אַרויס פון גאַראַזש, געוואָלט דערגרונטעווען דעם פּאַך. ער האָט געקענט יעדעס שרייפל אין דער מאַשין. זיין גאַנצער אינטערעס איז געווען אין איר. דער ריטם פון מאָטאָר איז פאַר אים געווען אַ מעלאָדיע. זיינע הענט האָבן מיט זיכערקייט געפירט דעם אויטאָ. אויב עס איז נויטיק געווען, איז ער אפילו געפאָרן מיט פאַרלאָשענע ליכט. ווו עס איז נאָר געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע רייזע, איז ער געווען צווישן די ערשטע. ער איז געווען באַליבט אין דער מחנה. נישט געווען קיין אָפיציר, אָדער זעלנער, וואָס האָט נישט געקענט דעם „קורדי".

ער איז געווען אין אורלויב מער ווי אַנדערע זעלנער. זיין פרייע צייט האָט ער פאַרבראַכט ביי אסתרן אין ירושלים. מיט איר און דעם ברודער איז ער געגאַנגען אין די שטאָט־קינאָס. אים האָבן אינטערעסירט די קרימינעלע פילמען, אָבער נאָך בעסער האָט ער ליב געהאַט די אַמעריקאַנער קאָוובאָי־פילמען. זעענדיק, ווי אַ קאָוובאָי רייט גאַלאָפּ, אָדער פאַרוואָרפט אַ לאַסאָ אויף אַ געיאָגטער חיה, האָט ער פון אַנטציקונג געקריצט מיט די ציין און געקנאַקט מיט די פינגער.

אַז דער שאָפער פונעם לאַגער־קאָמאַנדיר האָט געענדיקט זיין מיליטער־דינסט, איז יעקב געקומען אויף זיין אָרט. אויף זיין נייעם אַרבעטס־פּלאַץ האָט יעקב זיך אין גאַנצן געביטן. נישט געווען דער טאָג, אַז ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן די באַשטימטע דורכן קאָמאַנדיר צייט. זייער אָפט האָט ער ערשט אין שטאָט באַמערקט, אַז ער האָט ווייניק בענזין און געמוזט צוריקפאָרן אָנפילן דעם טאַנק. אַז ער איז געפאָרן דערליידיקן ענינים, האָט ער געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן פון שטאָט און צוריקגעקומען: „איך האָב נישט געטראָפן". די מאַשין, זיין „דעסאָטאָ" איז שטענדיק געווען שמוציק.

יעקב האָט זיך געבונטעוועט, נישט געוואָלט ממשיך זיין די נייע אַרבעט. אים איז געווען פרעמד די קנעכטשאַפט. דאָס וואַרטן פאַרן הויז אויפן קאָמאַנדיר האָט אים געערגערט.

אים האָט געלאָקט דאָס לעבן אין דער מחנה. ער האָט געבענקט נאָכן טראָמפּייט־סיגנאַל. אים האָט געפעלט די פרימאָרגן־גימנאַסטיק, די קילע, לויטערע לופט און דאָס שטיין אין דער ריי נאָך עסן. אים איז געווען ליב אַרויספאָרן אין וועג אַריין אין אַ שורה.

דאָס נישט אויספילן די באַפעלן האָט אים דערפירט צו אַ משפט. ער איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף דריי טעג „טורמע" פאַר ברעכן די דיסציפּלין.

די אַרעסט־צייט איז ער כמעט אַדורכגעשלאָפן. ער איז אויפגעשטאַנען נאָר צום עסן. ליגנדיק אויף דער פריטשע, איז זיין איינציקער געדאַנק געווען: „איך דאַרף צוריק ווערן אַ זעלנער!"

אַז ער האָט זיך באַפרייט פון אַרעסט, האָט מען אים גערופן צום „קעפּטן" פון באַטאַליאָן. יעקב האָט סאַלוטירט און שטיין געבליבן שטראַם.

דער „קעפּטן" האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ און אים אַ פרעג געטאָן: „פאַר וואָס האָסטו נישט אויסגעפירט די באַפעלן?"

„איך בין אַ זעלנער און נישט קיין פּריוואַטער שאָפער", איז געווען זיין ענטפער.

דער „קעפּטן" האָט אויסגעצויגן זיינע פיס אונטערן טיש, אַ ווײַלע אים באַטראַכט און געשוויגן. אַ לײַכטער שמייכל האָט זיך פאַרצויגן איבער זיין פּנים. ער האָט צוריק איינגעבויגן זיינע פיס און אים ווידער געפרעגט:

„אויב איך וועל דיך שיקן אין אַן אונטער־אָפיצירן שול, וועסטו בלייבן סטאַביל אין מיליטער?"

יעקבס אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן. פון אויפרעגונג האָט אים פאַרפעלט אָטעם. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאַנט, אַז ער שטייט פאַר אַן אָפיציר און אים געענטפערט: „איך וואָלט געבליבן גערן אין מיליטער, איך האָב אָבער צוגע־זאָגט דעם טאַטן חתונה האָבן און צוריקקומען אין דאָרף אַריין באַארבעטן אונדזער ערד".

דער „קעפּטן" האָט אַ שנוף געטאָן מיט זיין קורצער נאָז, מיט דער האַנט זיך אַ גלעט געטאָן די וואָנסע און אַ זאָג געטאָן יעקבן: „קענסט גיין".

אין דער מחנה האָט יעקב אויפגעלעבט. דאָ, אין די באַראַקן, האָט ער געאָטעמט מיט זיין ברייטער ברוסט. זיין נייער קאָמאַנדקאָר האָט ווידער געבלאַנקט. דער מיליטער־שטייגער האָט אים ווידער דעראָבערט. דאָך איז זיין געמיט געווען פונאַנדערגעטיילט. ער האָט געבענקט אַהיים צום דאָרף, וואָס איז געלעגן איינגע־קלעמט צווישן די פעלזן־בערג. ער האָט אין זיך געטראָגן די פּראַכט פון די שטאַרנדע אין די הימלען פעלזן, וועלכע די טרוקענע ווינטן שמייסן.

אויך צו דער שטאָט און צו דעם האַלב־חרובן הויז אויף דער גרענעץ פון ירושלים האָט ער זיך צוגעבונדן. אים האָט געלאָקט די אויסגעשפּרייטע שטילקייט צווישן די חורבות לענגאויס דעם שער־יפו. אויך די ברייטפּליציקע, לאַנגבערדיקע טרעגער מיט די שטרוי־אויסגעבעטע זעק אויף די אַקסלען, און די טיפע, אַן פענצטער, קראָמען, אין וועלכע עס האָט אין מיטן טאָג געהערשט האַלבע פינצ־טערניש און האָבן געדינט אַלס וווינונגען, אָדער די באַלייבטע ווייבער (אין זייערע צעלאָזטע קליידער), וועלכע זענען געזעסן אויף די שוועלן פון די הייזער, איבערגעקליבן „בורגול" אָדער געצוואָגן מיט נעפּט די קעפּלעך פון זייערע קינדער.

ער האָט גערן געהאַט די אָוונטן אין די געסלעך, ווען זייערע ברייטבייניקע, שטאַרקע איינוווינער זיצן נאָכן טאָג אַרבעט אויף דער ערד, אָנגעלענט אין די ווענט, פּיקן דעם רויך פון זייערע נאַרגילעס און שווייגן. ער האָט ליב געהאַט די מיט שטעכל־דראָט פאַרצוימטע גאַס, וואָס די קינדער פילן אויס מיט רעש און פרייד.

אָנקומענדיק, האָט ער געאײַלט צו אסתרן. ווי נאָר ער האָט באַקומען אַ פּאָר שעה אורלויב, איז ער געגאַנגען צו אליהון דעם קאָטלער, דאָרט, ווו מען האָט אים, דעם זונס חבר, פריינטלעך אויפגענומען.

אליהו, דער פאָטער, דערזעענדיק יעקבן, האָט גלייך אָוועקגעלייגט דעם

האַמער פון האַנט און שטאָלץ פאַרדרייט זיין שפּיץ וואָנסע. דאָס האָט באַדייט: „דו ביסט אַ זעלנער, אָבער איך בין אויך נישט אַבי ווער".

ג׳מאַל, זיין ווייב, וועלכע איז כסדר געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל און געפּרייכט ווי אַ גאַנדז, האָט זי, ווי נאָר זי האָט דערזען יעקבן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אים גערופן און אָנגעהויבן אויספרעגן: צי ער איז געזונט, צי עס פעלט אים גאָרנישט און דאָס גלייכן. זי האָט גערעדט, אים געפאָרשט מיט אירע אייגלעך, געוואָלט דערגיין זיינע סודות.

אליהו האָט יעקבן אויפגענומען גאַסטפריינדלעך, ער האָט אים נישט נאָר געבעטן זיצן, נאָר מיט אים אויך געטרונקען פון פלעשל. ווי נאָר דיביידע, דער פאָטער מיט יעקבן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט טרינקען — האָט אסתר זיי גלייך געשטעלט כיבוד: געזאַצטע באַקלאַזשאַנעס און רויטע פעפערלעך. אַליין האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער זייט פון דער מוטער און געקוקט, ווי יעקב מיטן פאָטער ליידיקן אויס איין גלעזל נאָכן אַנדערן.

אליהו האָט געשעצט יעקבן. אַז ער איז געוואָרן בגילופין פונעם אַראַק, האָט ער אים אפילו גערימט: „יעקב, קענסט טרינקען, האָסט אַ שטאַרקן קאָפּ". ער האָט דעמאָלט אַ צופרידענער געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַן אומרו, געווישט זיך די אויגן און געדרייט זיך די וואָנסע.

אסתרס אומעטיקע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד.

אסתר און יעקב זענען געווען פאַרליבט איינער אין אַנדערן. יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָט יעדערער פון זיי דערפילט אַ ציטער־אומרו, אָבער זעלטן ווען איינער האָט זיך געקענט טיילן מיטן אַנדערן מיט זיינע געפילן ביחידות. אסתר האָט געמוזט היטן דעם פאָטערס שטרענגן אָנזאָג, זי זאָל מיט אים נישט אַרויס אַליין פון שטוב.

ביידע זענען געווען צוריקגעהאַלטן; ווען יעקב איז אַריין אין שטוב, האָט אסתר זיך גענומען פאַרען אַרום אירע שטוב־אַרבעטן. דעמאָלט זענען אירע אויגן געווען האַלב פאַרמאַכטע און האָבן געקוקט אַראָפּ.

יעקב איז געזעסן און געקוקט אויף איר און נישט אַדורכגעלאָזט מיטן אויג אירס אַ באַוועגונג. ער איז געזעסן און געקוקט און געביסן די ליפּן.

ביידע האָבן געשוויגן, אָבער זייערע אויגן האָבן גערעדט. טייל מאָל אָבער, אַז דער פאָטער איז אַרויס פון שטוב, האָבן זיי זיך שנעל אַריינגעכאַפּט אין דער חורבה פון אַנטקעגן.

יעקבס שטאַרקע הענט האָבן אַרומגענומען אסתרן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך געטוליעט צו אים. יעקב האָט זי געדריקט צו זיך און זיינע נאָזלעכער האָבן געפלאַטערט.

זי איז אויף אים געלעגן אָנגעלענט, אירע אויגן פאַרמאַכט, די ליפּן אָפן, אירע קני געבויגן און קוים געאָטעמט. מיט אַ שוואַך קול האָט זי געמורמלט, זיך געבעטן ביי יעקבן: „י־ע־ק־ב — ב־יי־ין".

דער מוטערס הייזעריקע, פּעטע שטימע: „אסתר!" — האָט זיי צעשיידט.

אין שטאָט אַריין זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען מיט משהן. אַז משה איז געקומען אויף אורלויב, האָט דער פֿאָטער אַרויסגענומען די פּאַטשיילע פֿון שאַנק, דערלאַנגט דעם זון אַ באַנקנאָט אָדער צוויי, זיך פֿאַרדרייט די וואָנסע און שטאָלץ געזאָגט: „גייט פֿאַרברענגען!"

זייער וועג האָט געפֿירט אין קינאָ אַריין. אויפֿן וועג האָבן זיי זיך געקויפֿט אַ שאַרפֿן פֿאַלאַפֿעל. יעקב האָט געפֿירט אסתרן. זיין קליינער פֿינגער איז געווען פֿאַרקייטלט אין אירן.

די מוטער האָט אַלץ געזען און געשוויגן. זי האָט קעגן יעקבן גאָרנישט געהאַט. להיפּך, ער איז איר געפֿעלן. דער איינציקער חסרון, האָט זי געטראַכט, אַז ער איז פֿון דאָרף.

אויך די שכנים האָבן שוין געוווּסט, אַז יעקב גייט צום קאַטלערס טאָכטער.

די באַלייבטע מוטער האָט זעלטן ווען זיך אַרויסגעקאַטשעט פֿאַר דער טיר. ווי נאָר די שכנים האָבן זי באַמערקט, זענען זיי צו איר צוגעגאַנגען און זי באַגריסט: „מזל־טוב, ברוך השם, וואָס מאַכט איר?"

די דיקע ג׳מאַל האָט געשוויגן. זי האָט נאָר אָנגעקוקט די ווייבער מיט אירע קליינע אייגעלעך, אַרויסגעזעצטע ווי ביי אַ פֿיש אויף דער יבשה.

אויך די הויכע, מיטן אַרומגעבונדענעם איבערן שטערן טיכל רג׳אַ, האָט קלאַפּנדיק מיט אירע הילצערנע טרעפּעס באַגעגנט ג׳מאַלן מיט אַ צעצויגענעם „האַ—האַ—האַ". ווישנדיק אירע נאַסע הענט אין איר קלייד אין אירע אָפּגעדעקטע דיקע קני‏ִען. אויסשפּייענדיק שנעל אַ פּאָר מאָל קעגן עין־הרע, האָט זי אַ זאָג געטאָן דער מוטער: „אַ שטאַרקער בחור דיין זונס חבר". זאָגנדיק די ווערטער, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ און געביילט די פֿויסטן.

ג׳מאַל האָט זיך מיט דער צונג אַרומגעווישט די ליפּן און רג׳אַן פֿאַרשוויגן, אָבער זי האָט באַלד גענומען זיך קאַטשען אַהיים.

אָבער דעם זעלבן אָוונט, אַז זי איז געבליבן אַליין מיטן מאַן אין שטוב, האָט זי זיך אַראָפּגעקאַטשעט פֿון איר טאַבאַרעט, איר שטענדיק געזעס.

אליהו האָט אָפּגעוואַשן די הענט נאָך דער אַרבעט. ער האָט פֿונאַנדערגעשפּרייט אַ דערקע אויף דעם פֿאָל און זיך אַוועקגעזעצט. די באַלייבטע ג׳מאַל האָט פֿרייכנדיק אָבער שטאָלץ, אים צוגעטראָגן אַ שאָל שוואַרצע קאַווע. דער קאַטלער האָט אַ זופּ געטאָן און גענומען זיך גרייטן אַ טליענדע קויל צו אַ נאַרגילע.

די ברילע פֿלייש האָט זיך ווידער גענומען קאַטשען איבער דער שטוב, ביז זי האָט ווידער זיך אַוועקגעזעצט אויף איר טאַבאַרעט. אָנסדרנדיק זיך אויף איר געזעס, האָט ג׳מאַל געעפֿנט איר מויל. איר פֿאַרשמאַלצענע שטימע האָט אַ וואָרקע געטאָן: „אַ דאָרפֿס־זון פּאַסט נישט פֿאַר אַ סוחרס אַן אייניקל". זי איז ווייטער געזעסן שטיל, נאָר געפֿרייכט שווער ווי אַ בלאָזזאַק.

אליהו האָט איבערגעריסן זיך פּאָרקען מיט דער גלי‏ִענדער קויל און אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון דער נאַרגילע. זשמורענדיק די אויגן, האָט ער פֿאַרוווּנדערט אָנגע־

קוקט זיין ווייב. לאַנגזאַם, ווי ער זאָל וועגן יעדער באַוועגונג טראַכטן, האָט ער אַריינגעלייגט זיך די נאַרגילע־קישקע אין מויל.

אין שטוב איז אַנטשטאַנען אַ ליידיקע שטילקייט. מען האָט נאָר געהערט דאָס בולקען פון די וואַסער־בלאָזן אין דער נאַרגילע.

אליהו האָט געשוויגן, אָבער ציענדיק מיט די ליפּן דעם רויך, האָט ער זיך געצופּט די וואָנסע און זיך אַ זאָג געטאָן: „אפשר איז זי געררעכט?"

די בלויע רויך־רעדער זענען ווי כוואַליעס זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער דעם מיט אָוונט־טונקל אויסגעפּולטן צימער.

מיט אַ מאָל האָט אליהו אַרויסגענומען די נאַרגילע פון מויל, זי געהאַלטן אין האַנט און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן: „איך וועל איר ווייזן דער ממזרת, ווי אַ טאָכטער דאַרף הערן אַ טאַטן!"

די מענטשן אין דער שכונה האָבן מיט נייגער און אומגעדולד געוואַרט, מיט וועמען אסתר, דעם קאַטלערס טאָכטער, וועט חתונה האָבן. יעדע שכנה האָט געהאַלטן זיך פאַר אַ חוב אַנצובאָטן דער דיקער ג׳מאַל אַ שדוך פאַר איר הויכער, שלאַנקער טאָכטער, וואָס וויגט זיך אין גאַנג ווי אַ פּאַווע.

די מוטער האָט אויסגעהערט די רייד פון יעדער שכנה גלייכגילטיק און גאָרנישט געענטפערט.

אָבער אַז משיח, דער נידעריקער, קיילעכיקער ווי אַ באַלעכל, האָט פאַר דעם קאַטלערס טיר אַוועקגעשטעלט זיין שיסל אַרבעס, איז אליהו געבליבן שטיין ביי זיין וואַרשטאַט פאַרוווּנדערט.

משיח האָט לוסטיק זיך פאַרריבן די הענט, אַ צי געטאָן זיך ביי דער שפּיץ וואָנסע, פאַרפינטלט אַן אויג און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דעם קאַטלער: „קום!" ער אַליין איז צוגעגאַנגען צו ג׳מאַלן.

משיח האָט זיך צוגעבויגן צו ג׳מאַלן מיט זיין קיילעכיקן, גרויסן קאָפּ, ממש באַרירט איר קאָפּ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און איינגערוימט איר אין אויער: „דער דאָקטאָר וויל אסתרן".

ג׳מאַל איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל, די צונג איז איר געבליבן ליגן צווישן די ציין ווי געליימט. זי האָט נאָך שטאַרקער געסאָפּעט.

אליהו, וועלכער איז געזעסן ווי אַנטקעגן, האָט אַרויפגעלייגט זיינע אויס־געאַרבעטע הענט אויף זיינע בייניקע קניִען און איבערראַשט אָנגעקוקט זיין ווייב.

אָבער ג׳מאַל איז באַלד צו זיך געקומען און אַ באַפעל געטאָן איר מאַן, אַז ער זאָל מכבד זיין דעם גאַסט. פון אַנשטרענגונג האָבן אירע איבערגעלייגטע פליישן זיך געהוידעט, ווי זיי זאָלן ליגן אויף אַ וואָג.

אליהו האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום פענצטער און אַרויפגעשטעלט די פלאַש מיטן אָנגעטועניעם אויפן האַלדז גלעזל, אויפן קליינעם טישל, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון אים. פאַר זיך האָט ער געברענגט אַ גרויס גלאָז און אָנגע־גאָסן פאַרביידן. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און אַריינגעגאָסן אין האַלדז דאָס גלעזל אַראַק מיט אַ מאָל.

זעענדיק, ווי אַזוי משיח טרינקט, האָט ער דערפילט אַ קראַמף אין בויך. פון עקל האָט ער פאַרלוירן דעם חשק צו טרינקען אַ צווייט גלאָז.

ג׳מאַל איז געזעסן ווי געליימט און געסאַפּעט, ווי שטענדיק. אין איר מוח האָט זיך געקאָלערט נאָך איין וואָרט: „יחוס!"

אַז משיח האָט סוף כל סוף אויסגעטרונקען זיין גלעזל, האָט ג׳מאַל זיך געוואָנדן צו אים: „קומט שבת".

משיח האָט זיך פון פרייד פאַרריבן די הענט. פון מורא, אַז ג׳מאַל זאָל נישט חרטה האָבן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, שנעל געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט" און אונטערשפּרינגענדיק אַוועק צו דער טיר.

דער שבת איז געווען אַ טריבער. דער גרויער הימל איז געווען איבערגעדעקט מיט איבערגעלאָדענע וואָלקנס, ווי זיי זאָלן זיך אָט־אָט איבערברעכן. אין דער פאַרשטאָפּטער גאַס איז געווען דעמפּיק ביז צום שטיקן.

די מענטשן, אַרומגעוואַשן, אויסגערוט, אין זייערע ברייטע, קאָלירטע מלבושים, זענען פוילע געזעסן אויף די שטיינערנע שוועלן און שווער געאָטעמט. אַ לייכטער דרימל האָט געקלעפּט זייערע אויגן. זיי האָט אפילו נישט וואָך געמאַכט דער „רופא", וואָס איז געגאַנגען מיט אַ באַזוך צום קאָטלער. די גאַס האָט אָפּגעוואָרט דעם רעגן.

די לאַנגע, טיפע שטוב ביים קאָטלער איז געווען פול מיט פאַרגליווערטער גרויקייט. דער וואָרשטאָט איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ „קילים". אין שטוב האָט געהערשט די שבת־רו.

דער קאָטלער איז געלעגן אויפן פאָל אויף אַ אויסגעשפּרייטער דערקע און געדרימלט. אסתר האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער. ג׳מאַל איז געזעסן אויף איר טאַבאָרעט. אירע קורצע הענט זענען געלעגן איבערגעלייגט איבער איר פעטן בויך. זי האָט געסאַפּעט שווער. אירע קליינע אייגעלעך האָבן יעדע ווײַלע אַ קוק געטאָן צו דער טיר.

עובדיה, דער רופא פון דער שכונה, האָט אַרויפגעהאָפּסלט אויף דער שוועל און געבליבן שטיין אין דער טיר. ער האָט אָנגעלענט זיין הויכע, דאַרע פיגור אויף זיין קורצן פוס און מיט אַ געהויבענער שטימע אַ זאָג געטאָן: „שבת שלום". זיין קול איז געווען ווייך ווי אַ קול פון אַ פרוי.

אסתר, דערזעענדיק אים, איז געבליבן שטיין מיטן טישטעך אין האַנט, וואָס זי האָט צונויפגעלייגט. איר האַרץ האָט אַ טיאַכקע געטאָן ווי עס זאָל זיך אין איר אָפּרייסן.

די מוטער, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, האָט אים געענטפערט: „שבת שלום" מיט אַ כאָרכל־שטימע.

דער קאָטלער, דערהערנדיק, אַז מען רעדט, האָט אַ פיר געטאָן זיין אויסגע־אַרבעטע האַנט איבערן אויער, ווי אַ פליג זאָל אים דאָרטן בייסן. ער האָט געעפנט די אויגן און זיך אויפגעזעצט. דערזעענדיק דעם גאַסט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און דערשטוינט אים אָנגעקוקט. האַלב פאַרשלאָפן, האָט ער זיך געריבן זיינע

גרויע שליפּן און אַזוי ווי ער איז געווען, אין די זאָקן, האָט ער צוגערוקט אַ טאַבאַ־רעט דעם רופא און איס אַ זאָג געטאָן: — „תּפדל!" (ביטע).

דער רופא, שמייכלענדיק, האָט אים געענטפערט נישט דרייסט: זאָל זיך מערן דיין גוטס! אָנגעלענט אויפן שטעקן, האָט ער צוגעהינקט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַבאַרעטל.

אסתר, פון זינט זי האָט דערזען דעם רופא, איז זי געשטאַנען אין ווינקל הינ־טער דער שאַנק און מיט פּחד אים באַטראַכט. אירע גרויע, איבערגעשראָקענע אויגן האָבן געזען די דאַרע אויסגעקרימטע געשטאַלט, זיין גרויסן פּליך, זיין ברייט קנאָכיק פּנים, זיין אָדלער־נאָז און זיין עפּל־גאָרגל.

זיין אויסזען האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַן אימה. פון שרעק האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט. אַז זי האָט דערזען זיינע קליינע, דאַרע פינגער, האָט זי אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ. זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן שנעל די שאַרץ און איז אַרויס־געלאָפן פון שטוב.

עובדיה האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ ברייט, ווייס טיכל און זיך געווישט די גרויסע שווייס־טראָפּנס אויפן שטערן. שנופנדיק מיט דער נאָז פון אויפרעגונג, האָט ער שווער אָפּגעזיפצט און פאַרווונדערט אָנגעקוקט אסתרס עלטערן.

די שטילקייט האָט באַאומרויִקט דעם קאָטלער. ער האָט פאַרדרייט די שפּיץ וואָנסעס און אויסגעשטרעקט די האַנט צום פּלעשל. ג׳מאַל אָבער האָט געסאָפּעט שווער און זיך אַ ווענד געטאָן צום רופא: „זי איז יונג, מיר וועלן מיט איר רעדן". די ווערטער זענען אַרויס פון איר מויל ווי צעקוועטשט.

עובדיה האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיין קאָפּ און פאַרשעמט אָנגעקוקט ג׳מאַלן מיט זיינע שיפע, שיקלדיקע אויגן. ער האָט אָפּגעזיפצט און זיך אויפגעשטעלט. אַ בלייכער, ווי ס׳בלוט זאָל אים האָבן אָפּגעגאַנגען פון פּנים, האָט ער אַ דערשלאָ־גענער אַ זאָג געטאָן: „אַנטשולדיקט!" און הינקענדיק אַוועק צו דער טיר. אויף דער שוועל האָט ער געזאָגט: „שלום".

זינט דער „רופא" האָט באַזוכט דעם קאָטלער אין שטוב, האָט ג׳מאַל נישט גערוט. איר צעיוירענע דיקייט האָט זיך נישט גערירט, אָבער איר כּעס צו דער טאָכטער האָט די שטוב פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום. זי איז געזעסן אויפן טאַבאַרעט מיט פאַרלייגטע איבערן בויך הענט און געבורטשעט. נאָר איינצלנע, אָפּגעהאַקטע ווערטער זענען אַרויס פון איר מויל. דער תּמצית פון אירע געדאַנקען: חצופה, זעלנער, פויער, טאַכטער, מאַמע. זי האָט נישט געלייגט קיין אַכט, וואָס דער רופא איז פון אַן אַנדערער „עדה" און איז שוין קרוב צו די פערציק. דער עיקר, אַז ער האָט אַ ראַזורע מיט אַ שפּיגל, ניקלנע כּלים און ער היילט קראַנקע.

ער האָט די קראַנקע אין דער שכונה געשטעלט באַנקעס און פּיאַווקעס. ג׳מאַל, אַ טאָכטער פון אַ סוחר, האָט געהאַלטן, אַז דער רופא איז אַ בכבודיקער שידוך פאַר איר משפּחה.

אליהו האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ער איז געווען אַריינגעטאָן אין זיין

אַרבעט, אָבער דער ווייבס כעס האָט אים דענערווירט. אויך ער האָט בייז נאָכגע־קוקט די טאָכטער.

די גאַנצע גאַס האָט געוווסט, אַז עובדיה, דער „רופא", וויל דעם קאַטלערס טאָכטער און אַז אסתר לויפט אַרויס פון שטוב, ווען ער קומט זיי באַזוכן. די ווייבער האָבן נישט אויפגעהערט שפּאָטן פונעם ענין: אסתר און דער רופא. ווי נאָר צוויי ווייבער האָבן זיך געטראָפן פאַר דער טיר, אויפן וועג אין קראָם אַריין, ביים קראַן וואַסער, האָט באַלד איינע דערציילט דער אַנדערער בסוד: דער פאָטער האָט זי אַרויסגעיאָגט פון שטוב. דער רופא האָט געשיקט זאָגן דעם קאַטלער, אַז ער וויל מער נישט זיין טאָכטער. זי האָט ליב דעם זעלנער. זי איז געווען מיטן זעלנער אין קינאָ.

די שמאָלע קראָם אין דעם קרומען געסל, לינקס פון שער־יפו, האָט אויך געדינט דעם „רופא" פאַר אַ וווינונג. דער „רופא" פלעגט נישט אַרויס פון שטוב, אויסער באַזוכן אַ קראַנקן. אַ סך יאָרן האָט ער געליטן יסורים צוליב זיין אויסזען און נישט געקענט געפינען קיין פרוי, זי זאָל פּאַסן אים, דעם „רופא". זינט ער האָט באַזוכט דעם קאַטלער, איז ער געווען נאָך מער דערשלאָגן.

זיין שכנה ניני, די דאַרע, מיטן גרויסן בוזעם און דיקע ליפּן, וואָס זענען געווען געפּלאַצט ביז בלוט, האָט אים געגנבֿי איבערגעגעבן, וואָס די ווייבער אין גאַס רעדן וועגן „אים" און „איר".

עובדיה, דער רופא, האָט געבעטן גאָט, די שכנים זאָלן אים פאַרגעסן. אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן די יונגע, שלאַנקע אסתר. שעהן איז ער געזעסן אין זיין פון שטרוי געפלאָכטענע ראַזיר־שטול אָן באַוועגונג, פאַרקוקט אינעם שפּיגל אַנטקעגן אים און האַרץ־רייסנד געזיפצט.

משיח, דער קליינוווקסיקער, האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט באַשלאָסן מצליח זיין מיטן שדכנות. ער האָט געוואָלט ווייזן דער גאַנצער גאַס, וואָס איז דער כוח פון משיח. שטראַם, מיט דער שיסל אויפן קאָפּ, מיט צעשפּרייטע הענט, האָט ער געשפּרייזט מיט קוראַזש.

ער איז געגאַנגען פון „רופא" צום קאַטלער און פון קאַטלער צום „רופא". צו יעדן איינעם פון זיי האָט ער גערעדט מיט אַן אַנדערער שפּראַך. טאָג־טעגלעך, ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פון גאַס, איז ער פאַרבייגעגאַנגען דעם קאַטלערס שטוב און אַריינגעשריגן אים דורכן אָפענעם פענצטער, אים אונטערגעאיילט, אַז ער זאָל נישט פאַרזוימען די געלעגנהייט און ער איז געגאַנגען ווייטער.

פונעם קאַטלער איז ער אַריין צום „רופא". ער האָט פאַרמאַכט איין אויג און איינגערוימט אים אין אויער: „דער ענין גייט פאַרויס". זאָגנדיק דאָס, האָט ער אַ פאַרדריי געטאָן זיין דיקע, קליינע האַנטפלאַך, ווי ער זאָל דערמיט באַשטעטיקן זיינע רייד.

אַן איבערגעשראָקענע האָט אסתר זיך אַרומגעדרייט אין דער טונקעלער שטוב. איר טראָט איז געווען נישט זיכער, איר בליק — פול מורא. טרערן האָבן געשטיקט איר האַלדז, זי האָט אָבער נישט געהאַט קיינעם, פאַר וועמען זי זאָל זיך קענען

אַראָפּרעדן. זי האָט זיך געמאַטערט אין יסורים. פון צער איז זי מאָגער געוואָרן. אין די נעכט איז זי געלעגן וואַך און פון אירע גרויסע אויגן האָבן גערונען טרערן.

משיחן איז אויך שוין דערעסן געוואָרן דאָס גיין אַהין און צוריק פון קאַטלער צום „רופא". אין איינעם אַ טריבן טאָג, נאָך מיטאָג, ווען אַלע זענען געזעסן אין שטוב, האָט ער מער נישט אויסגעהאַלטן. אַ בייזער צוליב דעם, וואָס אים איז געבליבן כמעט די גאַנצע שיסל אַרבעס, האָט ער זיך דעצידירט.

ער האָט אויסגעשפּיגן פון כעס, אַרויפגעשטעלט זיך די שיסל אויפן קאָפּ און אַ שריי געטאָן: „געענדיקט!"

דאָס מאָל האָט זיין פול, קיילעכיק פּנים נישט געשמייכלט. אַז ער איז אַריין צום קאַטלער אין שטוב, האָט ער קוים געזאָגט „שלום". ער איז געבליבן שטיין אין דער טיר, מיט די שיסל אויפן קאָפּ, און געזאָגט הויך אויפן קול מיט אַ שטימע פול כעס: „איך קום ס'לעצטע מאָל, דער „רופא" פאַרלאַנגט תשובה". ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, צוהאַלטנדיק די שיסל, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן און צוגעגעבן: „דו אַרבעטסט דעם גאַנצן טאָג אין שטוב און זעסט נישט, ווי דיין טאָכטער שלעפּט זיך אַרום מיטן זעלנער אין דרויסן". איצט האָט משיח גערעדט לאַנגזאַם, ווי ער זאָל צופּאַסן יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל. ער האָט געענדיקט און נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. ער איז איילִיק אַרויס פון שטוב. גייענדיק, האָט ער זיך געהוידעט, ווי ער זאָל טאַנצן. ווען משיח איז אַריין צום קאַטלער, איז אליהו געווען פאַרנומען מיט אויסהעמערן אַ בלעך. משיחס רייד האָבן אים אַ ברי געטאָן ווי פייער. פון כעס איז ער שטיין געבליבן, ווי געליימט, מיטן האַמער אין האַנט.

אין דרויסן, פאַר דער טיר, האָט משיח געטראָפן אסתרן. אַז זי האָט אים דערזען, איז זי שטיין געבליבן. פון שרעק האָט איר האַרץ גענומען שטאַרק קלאַפּן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן צו דער ערד און אַ זאָג געטאָן צו זיך: „ווידער געוועזן".

דער פאָטער, אַ צעהיצטער און צעשוויצטער, מיט אַ פּנים שוואַרץ פון זשאַווער און פון כעס, איז צוגעפאַלן צו אסתרן, ווען זי האָט זיך באַוויזן אין טיר. ער האָט באַוועגט מיטן האַמער, ווי ער זאָל איר דראָען.

אסתר, מיט אַ בלעך וואַסער אין האַנט, איז געבליבן שטיין אין דער טיר. דער פאָטער האָט פאַרביסן די ליפּן און גיפטיק אַ וואָרקע געטאָן: „דער ,רופא' וועט דיך נעמען".

די טונקעלע ווינקלען אין שטוב האָבן איינגעשלונגען דעם פאָטערס רייד.

דערהערנדיק די דיבורים, איז אסתר דערשיטערט געוואָרן. אַז זי איז צו זיך געקומען, האָט זי דערזען דעם פאָטערס פאַרגלייזטע אויגן, וואָס האָבן אויף איר בייז געקוקט. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און זיך יאָמערלעך צעוויינט.

דער פאָטער, וועלכער האָט זי געשפּיזט מיט די אויגן, האָט איצט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם האַמער. פון כעס האָט זיך זיין קאָפּ

אַרייַנגעלאָזט צווישן די אַקסלען. פּאַמעלעך, מיט שווערע טריט, האָט ער זיך אומגעקערט צום וואַרשטאַט.

אַ שטאָלענער האַמערקלאַנג פון איבערגעשלאָגענעם מעש האָט ווידער אויס־געפילט די שטוב.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז געוואָרן פינצטער. דער נאַפט־פלאַם, וואָס איז פריִער נישט געווען אַנזעעוודיק, האָט איצט פונאַנדערגעשפּרייט ליכט איבער דער שטוב. שאָטנס האָבן זיך באַוויזן איבער די ווענט און אין די ווינקלען.

אליהו האָט לאַנגזאַם פונאַנדערגעסדרט זיינע אַרבעטס־כלים. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון זיין טיש, געבליבן שטיין אין דער זייט און באַטראַכט די צעהעשעטע טאָכטער, וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח צו וויינען. אַ מידער פון דער אַרבעט האָט ער זיך געריבן זיין לאַנגע נאָז מיט זיין אויסגעאַרבעטער האַנט.

ג׳מאַל אויפן טאַבאַרעטל האָט געפּרייכט און שווער געאָטעמט. איר פליישיקע דיקייט האָט זיך געטרייסלט ווי אַ גליווער. די הענט האָט זי געהאַלטן איבער־געלייגט איבער איר בויך. איר אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעהאָנגען. אירע קליינע, בולטע אייגעלעך האָבן שטאַר געקוקט פאַר זיך, ווי עס זאָל זי גאָרנישט אינטע־רעסירן אין שטוב.

צומאַרגנס אָבער, ווען יעקב איז אַריין אין שטוב און זיי באַגריסט מיט אַ פריילעך פּנים „שלום”, האָט דער מוטערס אונטערשטע ליפּ אַ ציטער געטאָן. איר בליק איז געוואָרן מאַט. זי האָט זיך צעפּרייכט ווי אַ גאַנדז, ווען זי דערפילט סכנה.

אסתר, אַ פאַרמאַטערטע, דערשעפּטע, האָט דערזעענדיק יעקבן, זיך ווידער צעכליפּעט און אַרייַנגעלאָפן אינעם ווינקל פון דער שאַנק. זי איז געשטאַנען און געוויינט, אָבער אָן טרערן. איר טרערן־קוואַל האָט זיך פאַרמאַכט.

די מוטער האָט זיך אַ הוידע געטאָן, ווי אַ באַלעם, וואָס קאָלערט זיך. פּריי־כנדיק פון אָנשטרענגונג, האָט זי זיך איבערגעזעצט אויפן צווייטן טאַבאַרעט מיטן רוקן צו דער שטוב. איר דיקע לייביקייט האָט פאַרשטעלט די טאָכטער. אָן אויפ־גערעגטע, האָט ג׳מאַל געפינטלט מיט די אויגן און געשנופּט מיט דער נאָז.

אָבער אויך דער פאָטער איז איצט געווען אַנטשלאָסן. דערזעענדיק יעקבן, איז ער אים אַנטקעגנגעגאַנגען, פאַרשטעלט דעם וועג.

אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען איינער דעם צווייטן אַנטקעגן.

אליהוס פאַרזשמורעטע אויגן האָבן שטרענג געקוקט אויף יעקבן. יעקבס אויגן האָבן פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט דעם פאָטער.

דער קאָטלער האָט נישט געדאַרפט זיך איבערלייגן. ער האָט אַ טרעט געטאָן אַ לאַנגן טראָט, מיט אימפּעט אויפגעפּראַלט די טיר און אַ שריי געטאָן צו יעקבן:
„אַרויס”!

יעקב איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער מיט אַן אָפן מויל. זיינע שלייפן האָבן געהאַקט ווי האַמערס. ווי אַ געליימטער האָט ער זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. זיינע אויגן זענען געלאָפן איבער דער שטוב, געזוכט אסתרן.

אויף דעם קאַטלערס אויגן האָבן געגליט. זיינע פאַרהאַקטע ציין האָבן געקריצט, ווי זיי זאָלן רייבן שטיינער. ער האָט זיך אָנגעלענט אויף איין פוס און געשטופּט יעקבן: „אַרויס!"

אַ קאַלטער שווייס האָט באַגאָסן יעקבן. דער קאָפּ האָט אים געשווינדלט. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען שטיל. פון זיין אָפן מויל און צעשפּרייטער נאָז האָט געשטראָמט היץ.

מיט אַ מאָל האָבן זיינע גליִענדע, ווי פאַקלען, אויגן דורכגעשפּיזט דעם קאַטלערס פּנים. ער האָט פאַרביילט די פויסטן, געקריצט מיט די ציין און אַ טראַט געטאָן מיט איין פוס פאָרויס. ער איז אָבער געבליבן שטיין, זיך נישט גערירט פון אָרט. זיינע גליִענדע פון שנאה אויגן האָבן זיך לאַנגזאַם געלאָשן, זיין קאָפּ האָט זיך אַריינגעלאָזט צווישן די אַקסלען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, אַ שפּרונג געטאָן פּלוצלונג צו דער טיר, געעפנט זי און צוריק פאַרקלאַפּט הינטער זיך.

אסתר האָט זיך צעשריגן און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. איר געשריי האָט זיך ווי אַ שאַרף איינגעשניטן אין דער טונקעלער שטילקייט.

דער לאָמפּ האָט גענומען קאָפּטשען. אויף די ווענט האָבן געטאַנצט שאָטנס. די נאַכט האָט פאַרשלונגען יעקבן. ער איז קוים אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט און געבליבן שטיין אָנגעלענט אין אַ וואַנט. ער איז געשטאַנען און נישט געוווּסט, וואָס מיט אים טוט זיך. זיין קאָפּ איז אים געווען שווער און ליידיק, אָבער די נאַכט־קילקייט האָט אים אָפּגעפרישט.

איצט האָט ער באַגריפן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין שטוב ביים קאַטלער. צער און כעס האָבן געברויזט פון זיין שטאַרן קערפּער.

ער האָט געביסן די ליפּן און געביילט די פויסטן. זיינע ליפּן זענען געווען ווייס פון שוים. יִיאוש האָט אין אים געוועקט נקמה: נאָפט, שוועבעלעך, זיי אונטער־צינדן הייזער, לויפן אין מחנה, ברענגען די ביקס, זיי אויסשיסן.

מלא רציחה איז ער געגאַנגען מיט הינטערוועגן און שטעגן, ווי אַ בלינדער געלאָפן אין דער פינצטער.

פונעם ברויזנדן כעס האָט זיין קערפּער געציטערט אין גאַנג. ער האָט אָן אויפהער געמורמלט: „איך וועל זיי ווייזן, זי איז מיינע!"

צומאָרגנס מיטן מאָרגנגרוי איז יעקב אָנגעקומען קיין „נטור".

ביים טויער האָט ער געטראָפן דעם פאָטער אַ באַוואָפנטן.

דערזעענדיק יעקבן, איז ער געבליבן שטיין. זיין טעמפּער, שווערער בליק האָט זיך איינגעקוקט אינעם זון און ער האָט אים אַ פרעג געטאָן: וואָס האָט פּאַסירט?

יעקב האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. ער האָט זיך געשעמט פאַרן פאָטער. פון כעס האָט ער געביילט די פויסטן און געקריצט מיט די ציין.

אויך יסחוק האָט געשוויגן, אָבער אַרויסגערוקט זיין קנאָכיקע גאָמבע. זיין בליק איז געוואָרן טעמפּער, ענלעך צו אַ בליק פון אַן אָקס. זיין פּנים איז געווען

שטאַר ווי אַ מאַסקע. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו יעקבן און אים געפרעגט: „אַטאַ דזשאַראַוועט?" (דו ביסט אַ מאַן?).

יעקב איז רויט געוואָרן פון כעס און בושה. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געענטפערט דעם פאַטער: — „דער קאַטלער האָט מיך אַרויסגעטריבן".

יסחוקס אויגן זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. אינסטינקטיוו האָט ער אַ צי געטאָן צו זיך די ביקס, אָבער באַלד האָט ער געשטעלט אַ טראָט פאָרויס, אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויפן זונס אַקסל און אים אַ זאָג געטאָן: „זאָלסט אַהין מער נישט גיין!". אין זיינע רייד האָט זיך געפילט באַליידיקונג און שטאָלץ. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. די לויטערקייט האָט אים באַרויִקט. געלאָסן האָט ער געזאָגט יעקבן: — עס טאָגט שוין. קום אַהיים. מירן נעמען אַ כוסע. אַ פייכטע נאַכט געווען.

# יג

דער ווינטער איז געווען אין זיין פולער קראַפט. די רעגנס זענען געווען רעגולערע, געלאַסענע. זיי זענען געווען געלאַסן אָבער בשפע. די טרוקענע, צעפלאַצטע פון דאָרשט ערד איז שוין געווען פאַראייניקט.

דער הימל איז געהאַנגען אַ באַלאָדענער און האָט אויסגעזען ווי ער זאָל זיין פון בליי. די נאַקעטע באַרג־שפיצן זענען געווען אַרומגעהילט מיט גרויען נעפל. די פעלזן־ווענט האָבן געגליוערט אונטערן נאַסן גליטש. די פונאַנדערגעזעצטע איבער די בלעטער און גראָזן וואַסער־טראָפּנס זענען געווען לויטער ווי געבעט־טערערן. איבער די רויטע, שיפּע דעכער האָט געגליווערט די נעץ. אַ נאַסער נעפל־גרוי האָט געהילט דאָס דאָרף. פון דער געדיכטקייט האָבן זיך נאָר אַרויסגעזען די הייזער־קאַנטורן און די טריפנדע פון נעץ פענצטער־שויבן.

די באַרג־יידן האָבן זיך געקאָרטשעט פון קעלט. די קאַלטע נעץ האָט זיי אַדורכגענומען, אָבער דער אַרבעטס־פלייס האָט אויך איצט זיי נישט אָפּגעלאָזט. די אויסגעשטיינערטע שטחים זענען געלעגן ווי אויפגעריסענע בייכער ביי געפאַלענע אין קאַמף. די ערד איז געווען גרייט צום אַקער.

שרגא האָט ווייטער אָנגעפירט מיטן דאָרף. די באַרג־יידן האָבן ווי קינדער געהאָרכזאַם אויסגעפירט יעדן באַפעל. זיי האָבן געאַרבעט מיט אָנשטרענגונג און מיט ציטער אויסגעקוקט דעם טאָג, ווען ער וועט זיי הייסן אַרויסגיין אַקערן.

דער מאָרגן איז געווען קיל און טריב, דער הימל טונקל, ברודיק, נאָר אַ חלק אין צפון איז געווען ווייסלעך־העל, ווי אַ געעפנט אין הימל פענצטער. די באַרג־יידן זענען אַרויס צו דער אַרבעט, אָבער זיך נישט געשטעלט באַלד אַרבעטן. זיי זענען געשטאַנען מיט די אַרבעטס־כלים אין די הענט און געוואַרט אויף די מויל־אייזלען.

ווען די מויל־אייזלען האָבן זיך באַוויזן אין דער הויך אויפן באַרג, האָבן די באַרג־יידן זיך אַ וויג געטאָן, ווי אַ שטורעם־ווינט זאָל זיי האָבן איבערגעגאַנגען. פון אויפרעגונג האָבן זיי זיך צונויפגעדריקט איינער צום אַנדערן.

ישראל איז געגאַנגען דער ערשטער, נאָך אים שלום מיט שמעונען. די זאַטע מויל־אייזלען האָבן עקשנותדיק געשטעלט זייערע פיס, געבריקעט, געקלאַפּט מיט די הינטערשטע פיס, געפּרווּט זיך אַנטקעגנשטעלן זייער אַנטרייבער.

אָבער די דריי באַרג־יידן מיט פאַרלייגטע אונטער די גאַרטלען פּאָלעס, די קעפּ אַרומגעבונדן מיט טורבאַנען, האָבן מיט שטאָלץ און זיכערקייט געפירט די מויל־אייזלען. די איינגעשניטענע אין זייערע מיילער ציימלעך האָבן זיי גע־צוווּנגען גיין אין שפּאַן. זיי האָבן זיך געגליטשט איבער דער באַרג־שיפּקייט און הינטער זיך געשלעפּט איבערגעקערטע אַקעראייזנס. די מעסער־שאַרפן האָבן געגלימערט.

די באַרג־יידן מיט גלאַנציקע אויגן האָבן זיך נאָך שטאַרקער צונויפגעדריקט און געסאָפּעט פון אויפרעגונג. דערשיטערט, זענען זיי געשטאַנען און געשוויגן.

נאָר שרגא, מיטן היטל פאַררוקט איבער די אויגן, מיט הויזן אַראָפּגערוקטע פון די לענדן און מיט דער צונג אין דרויסן, איז אַרומגעלאָפן איבערן שטח און געטאָפּט די ערד און צו איר געשמעקט.

מיט אַ מאָל איז ער אויך שטיין געבליבן און אַ שריי געטאָן: „דאָ!" אָנווייזנ־דיק מיט דער האַנט דאָס אָרט.

די דריי אַנטרייבער מיט די מויל־אייזלען האָבן פאַרוואָרפן די לייצעס איבער די עלדזוער. זייערע ברייטע, קרעפטיקע הענט האָבן אָנגענומען דעם אַקעראייזן, אים איינגעגראָבן אין דער ערד, זי צעריסן, און אַ צמאקע געטאָן מיט די מיילער: „דיאָ!"

די מויל־אייזלען האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. דער איינגעגראָבענער אין דער ערד אַקעראייזן האָט זיך אַ גליטש געטאָן און אַוועקגעלייגט אַן אויפגע־שניטענע סקיבע.

די גלאַנציקע אויגן פון די באַרג־יידן זענען פאַרלאָפן מיט בלוט. זייער פּולס האָט האַסטיק געקלאַפּט. זייער אָטעם איז געווען קורץ. די פּראַכט פון דער אויפגעשניטענער ערד האָט זיי פאַרקנעכטעט. ספּאָנטאַן האָבן זיי אַ הייב געטאָן זייערע צעגליטע אויגן און זייערע קרעפטיקע הענט צום הימל. אַ יאָמערלעכער „שמע ישראל" האָט פונאַנדערגעריסן די שטילקייט פון אַרום.

דער אָפּהילך האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט און זיך געטראָגן איבער די פעלזן, ווי צעשאָלטע פאַנפאַרן.

די מויל־אייזלען האָבן געוואָרפן מיט די קעפּ, געשלאָגן מיט די ווידלען און געצויגן די איינגעגראָבענע אין דער ערד אַקעראייזנס. פון זייערע צעשפּרייטע נאָזלעכער האָט געשפּאַרט אַ פּאַרע. פון זייערע מיילער איז גערונען שוים. זייערע פעלן זענען געווען אָנגעצויגן און האָבן געצוקט.

דער גליטשנדער זיך אַקעראייזן האָט געשניטן די ערד. די סקיבעס זענען

געוועזן קרום, זיגזאַגיק, אָבער די צעשניטענע ערד האָט זיך פאַרצויגן אין אַ גלייכע פלאַך.

דער ווינטער־טאָג איז געווען קורץ. די דריי בהמות האָבן לאַנגזאַם געאַקערט אַ חלק נאָך אַ חלק, אָבער דער אַקער האָט די באַרג־יידן נאָך מער אַריינגעצויגן אינעם אַרבעטס־יאָך. יעדער פון זיי האָט געוואָלט האָבן וואָס פריִער פאַראַקערט די ערד. יעדער פון זיי האָט געפּרוווט פועלן ביי שרגאן, אַז ער זאָל הייסן זיין ערד באַלד אַקערן.

נאָר באַבלי איז נישט געוואָרן אַריינגעצויגן אינעם ענטוזיאַזם ווי זיי. טרייס־לענדיק זיך פון קעלט, נישט ראַזירט, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער פון די משפחות, וואָס האָבן געהערט צו זיין „חמולה" און זיי געהעצט קעגן שרגאן. ער האָט געטענהט, אַז שרגא הייסט אַקערן צוערשט די ערד פון די משפחות, וואָס געהערן צו דער צווייטער „חמולה".

די באַרג־יידן האָבן אים אויסגעהערט און געשוויגן. זיי האָבן נאָר געפינטלט מיט די אויגן פון שטוינונג און רחמנות צו אים. איינצלנע פון זיי האָבן אים אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן, זיי האָבן מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אים אַ זאָג געטאָן: „דריי נישט דעם קאָפּ!"

באַבלי, עלנט, אויסגעשלאָסן פונעם דאָרפס־לעבנס־שטייגער, האָט זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט זיין לעבנס־פּלאַנטער. ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט ווי אַלע מתישבים אין „נטור", אָבער ער האָט געאַרבעט נאַכלעסיק, אָן ווילן. ער האָט אין זיך געטראָגן שנאה, כעס און אומבאַהאָלפנקייט, וואָס האָבן אים געגעסן.

מלכה, זיין ווייב, איז אים געגאַנגען פון וועג. אָבער נישט שטענדיק איז איר געלונגען זיך אויסהיטן פון זיינס אַ קלאַפּ. אָפט האָט באַבלי זי אַ שליידער געטאָן אויף אַ קאַנט, אָדער אָנגעקלאַפּט איר קאָפּ אין וואַנט. איר שטאַרקער קערפּער איז געווען באַלייגט מיט בלויע פלעקן פון קלעפּ.

נישט איין מאָל האָט זי זיך געבונטעוועט: „ווער בין איך? איך וועל אים נישט שווייגן! איך וועל אַוועק פון שטוב! זאָלן אַלע וויסן ווער ער איז". אָבער אַז זי האָט זיך אַרומגעקוקט, געזען אירע קינדער, איז איר גוטמוטיק פּנים געוואָרן האַרב און פאַרזאָרגט. זי האָט געביסן די ליפּן און געשוויגן אונטערטעניק.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז באַבלי לויפט נאָך איסלאַהן און שלאָגט ס׳ווייב. די ווייבער האָבן געזען, געווען מלא רציחה, אָבער אויך געשוויגן פון מורא. אין אַן אָוונט, ווען זיי זענען געקומען אין קאָנסומהויז איינקויפן און מען האָט נאָך נישט געהאַט געברענגט ס׳ברויט פון שטאָט, האָבן זיי זיך צוגעזעצט און געוואַרט געדולדיק. נאָר רבקה האָט זיך געערגערט וואָס לעצטנס פאַרשפּעטיקט זיך דער אויטאָ און דאָס וואַרטן נעמט זיי צו די צייט פון אַרבעט.

די הויכע מלכה האָט איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַוועקגעבויגן. זי האָט זיך געהיט, אַז די ווייבער זאָלן נישט באַמערקן, אַז דער מאַן האָט זי ווידער געשלאָגן. איר פּנים איז איצט געווען אָפּגעשיילט.

דאָס געשפּרעך האָט זיך געפירט נאַכלעסיק. אָבער אַז באַבלי איז אַריין, זענען די ווייבער געבליבן זיצן פאַרשטאַרט פון אימה. ער איז געווען בגילופין. זיי האָבן אים באַטראַכט מיט שרעק.

די ווייבערס בליקן האָבן אים געשטאָכן. ער איז געשטאַנען און אויף זיי געקוקט. פון כעס האָט ער זיך צעלאַכט, צעהירזשעט זיך, ווי אַ פערד. אַז ער האָט זיך באַרויִקט, האָט ער גענומען צמאָקען צו די ווייבער מיט דער צונג: „צו! צו! צו!". פון חרפּה האָבן די ווייבער פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

באַבלי איז שטיל געוואָרן און געשפּיזט די ווייבער מיט אַ פיינטלעכן בליק. מיט אַ מאָל האָט ער זיך צעשריגן: „נבלות! און איז אַרויס פון קאָנסומהויז. ער האָט געשלעפּט שווער די פיס.

די ווייבער זענען געבליבן זיצן אָן לשון און רויט פון בושה.

אָבער רבקה, די קרעפּטיקע און העכסטע פרוי אין דאָרף, בנימין דעם שוס־טערס ווייב, איז אויפגעשפּרונגען. זי האָט אַ שטעל געטאָן איר לינקן פוס פאָרויס און זיך אַ ווענד געטאָן צו די ווייבער, פאָכנדיק מיט די הענט: „וואָס מיינט ער זיך. דאָ איז נישט קורדיסטאַן". זי האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן און צוגעגעבן: „קומט צו גברת רחל!" און זי איז אַרויס די ערשטע. גייענדיק, האָט זי פון אויפרעגונג כסדר זיך איבערגעבונדן דאָס טיכל אויפן קאָפּ.

פאַרשעמט און שווייגנדיק זענען די ווייבער איר נאָכגעגאַנגען.

רבקה האָט אָנגעקלאַפּט, נישט וואַרטנדיק אָבער אויף קיין ענטפער, האָט זי געעפנט די טיר. אַלע ניין ווייבער זענען אַריין נאָך איר.

די דיקלעכע רחל איז געזעסן אויף איר בעט און געשטיקט אַ סערוועטל. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט דער נאָדל אין האַנט און האָט פרעגנדיק אָנגעקוקט די ווייבער.

רבקה האָט ווידער געשטעלט אַ טריט פאָרויס און אַ זאָג געטאָן אין אַ געבראָכענעם עברית: „באַבלי מלכהן שלאָגט. באַבלי לאָזט נישט רו איסלאהן. אונדז גערופן נבלות!" זי האָט אָנגעוויזן מיט די פינגער אויף די ווייבער.

איבער רחלס פּנים האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אַ שמייכל. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד. צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ האָט זי זיי פאַרזיכערט: „איך וועל מיט אים רעדן".

„היינט!" — האָט רבקה געפאָדערט.

— „יאָ" — און זי האָט זיי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אַלע ווייבער האָבן מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: „שלום", און זיך אַ שטופּ געטאָן צו דער טיר.

אָבער רחל האָט נישט געוואָגט רעדן מיט באַבליק. זי איז אַוועק באַלד צו שרגאן. זי האָט אים געטראָפן פאַר דער טיר.

שרגא איז געשטאַנען און באַטראַכט דעם הימל פון אַלע פיר זייטן, צי עס וועט אין דער נאַכט רעגענען.

ער האָט זי פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און איר אַ זאָג געטאָן: „קום אַרײַן אין צימער".

אָנגעלענט אין דער טיר־פּוטרינע און זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, האָט זי אים דערציילט וועגן דעם באַזוך פֿון די ווײַבער. זי האָט גערעדט שנעל, ווי זי זאָל שלינגען די ווערטער. ווען זי האָט גערעדט, האָט מען געזען אירע קליינע ציין.

שרגא האָט אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו רחלס רייד. ווען זי האָט געענדיקט האָט ער פֿאַרזאָרגט אַ זאָג געטאָן: „יאָ, יאָ" און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צוגעגעבן: „מען דאַרף צוגיין מיט אים רעדן".

רחל האָט אַרײַנגעשטאָכן די נאָדל אינעם לאַץ פֿון איר כאַלאַט. אין דער נאָדל איז געווען אײַנגעפֿעדעמט אַ רויטער פֿאָדעם. זי איז אַוועק אָן אַ „שלום". פֿון ווײַטנס האָט זי זיך אויסגעדרייט און געוואָרנט שרגאן: „דערליידיק דעם ענין! די ווײַבער וועלן זיך בונטעווען!"

דעם זעלבן אָוונט האָט ער אָפּגעזוכט באַבלין. זיי האָבן זיך געטראָפֿן אויפֿן וועג צו דער מקווה. ער האָט אים אַ רוף געטאָן: „באַבלי".

באַבלי איז געבליבן שטיין, אַ ווײַלע האָט ער געטראַכט, צי ער זאָל צוגיין צו שרגאן. ער האָט אָבער באַלד אַ זאָג געטאָן: „שלום!" און צו אים צוגעגאַנגען.

שרגא, ווי ער זאָל נאָר האָבן איבערגעריסן אַ געשפּרעך מיט באַבלין, האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו אים מיט אַ האַרטער שטימע: „לאָז צורו די ווײַבער און טשעפּע זיך אָפּ פֿון דער אלמנה!"

באַבלין האָט ס'בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַרײַן. פֿון כּעס האָט ער פֿאַר־ביילט די פֿויסטן, ווי ער זאָל זיך וועלן וואַרפֿן אויף שרגאן, אָבער ער האָט זיך באַהערשט. ער האָט זיך צו אים נאָר אַ ווענד געטאָן און מיט אַ הייזעריק קול אים אַ זאָג געטאָן: „דו ווער ביסט? איך ראש הועד! דו פּרנסה דאָ האָסט!"

שרגא איז בלייך געוואָרן. אַ ציטער איז אים אַדורך. ער האָט געציטערט פֿון כּעס. באַבליס ווערטער האָבן אים באַדעקט ווי אַ האָגל.

פֿון די נאַסע בערג־פּעלזן האָט אויף אים אַ ווײַ געטאָן אַ קאַלטער ווינט. ער האָט זיך ווידער געוואָנדן צו באַבלין: „דו ביסט אַ קורדי און וועסט בלײַבן אַ קורדי!"

אַ ווײַלע זענען ביידע מענער געשטאַנען זיך אַנטקעגן. ביידע האָבן זיך געמאָסטן מיטן בליק. שרגא האָט דער ערשטער גענומען גיין. ער איז אַוועק אָן אַ „שלום". פֿאַרמאַטערט פֿון שכרות, האָט באַבלי זיך אומגעקערט אַהיים. אין דער פֿינצטער האָט ער זיך געלייגט אין בעט. ער איז באַלד אײַנגעשלאָפֿן.

פֿאַרטאָג, ווי נאָר עס האָט געגרויט, האָט ער זיך איבערגעוועקט. ער איז געלעגן און געהאָרכט, ווי זײַן ווײַב מיט די קינדער שנאָרכן. אָבער אין דער דעמערונג האָט ער געזען איסלאַהס געשטאַלט. פֿון ווײַטאָג האָט ער געקרעכצט.

מיט אַ מאָל איז ער געבליבן ליגן ווי געליימט. זײַנע שלייפֿן האָבן פּולסירט ווי אַ האַמער זאָל קלאַפּן אין זיי. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער באַגעגעניש

מיט שרגאַן. פון פּחד, אַז מען וועט אים פאַרטרייבן פון דאָרף און מען וועט אים צונעמען די ערד און דאָס הויז, איז ער געבליבן ליגן אָן אָטעם. זיינע אויפגעריסענע פון שרעק אויגן האָבן איצט געזען די אויסגעהאַקטע אין די פעלזן ווינט־הייזער אין „זעק", די געפלאָכטענע פון צווייגן טירן און די איבערגעהאַנגענע איבער זיינע אַקסלען קאַנען אייל, מיט וועלכע ער האָט זיך געשלעפּט איבער די דערפער.

ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרן, האָט ער שנעל אויף זיך אַרויפגעצויגן די הויזן. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, אַזוי ווי ער איז געווען אין העמד אַ נישט געוואַשענער, איז ער אַרויסגעלאָפן פון שטוב. די טיר הינטער זיך האָט ער געלאָזט אויפגעפּראַלט.

צוקומענדיק אָבער צו שרגאַס טיר, איז ער געבליבן שטיין. דער כעס האָט אים אָפּגעלאָזט. ער האָט נישט געוואַגט אַריינגיין.

ווען שרגא איז אַרויס פון שטוב, איז באַבלי געבליבן שטיין פאַר אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און הענט, אַזוי ווי אַ בעטלער.

שרגא האָט אים אָנגעקוקט און געגאַנגען ווייטער. אָבער באַבלי איז געגאַנגען פאָרויס, פאַרשטעלט אים דעם וועג און אים אַ זאָג געטאָן מיט געבעט: „מחילה, מחילה!"

שרגא האָט זיך איינגעקוקט אין אים און דראָענדיק אים מיטן פינגער, אים געענטפערט: „דאָס לעצטע מאָל!"

נאָך דעם אינצידענט מיט שרגאַן האָט באַבלי זיך צוריק גענומען אין די הענט. ער האָט ווייניקער געטרונקען און פלייסיקער געאַרבעט. אָבער איסלאַה האָט אים נישט געגעבן קיין רו. נישט געווען דער טאָג, ער זאָל נישט אַריינקומען אין קאָנסומהויז. איידער ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט האָט ער געמוזט זען איסלאַהן. זיינע פלאַמיקע אויגן האָבן זי געשפּיזט מיט שנאה.

אָבער נישט נאָר זי, אויך קליגערן האָט ער געהאַסט. די סיגאַרן און די שוועבעלעך, וואָס ער האָט געקויפט יעדן טאָג אין דער פרי, האָט ער זיך אַליין גענומען — ער האָט נישט געוואָלט, אַז קליגער זאָל אים באַדינען. אפילו דאָס געלט האָט ער אים נישט געגעבן אין האַנט נאָר אַרויפגעוואָרפן אויפן קאַסע־טיש און בייז, פאַרביטערט געגאַנגען צו דער אַרבעט.

זיין באַנעמען זיך האָט אים נישט דערנענטערט צו איסלאַהן. זיין צושטאַנד איז געווען נעבעכדיק, זיין כעס איז געווען אָן גרענעץ. וועלנדיק זיך נוקם זיין אין איסלאַהן און אין קליגערן, האָט ער יעדן אָנגעטראָפענעם גענומען אונטערן אָרעם און אים פאַרטרויט אויפן אויער: „בקרוב וועט געבוירן ווערן אַ ממזר".

די באַרג־יידן האָבן פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. אָבער יעדער איינער האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

באַבלי האָט מיט פאַרביילטע פויסטן זיך געקלאַפּט אין ברוסט־קאַסטן און געשריגן: „איך ווייס!".

אַז רחמה, דעם „חכמס" ווייב, האָט זיך דערוווּסט וועגן באַבליס רכילות, איז

זי וויגנדיק זיך אויף אירע אויסגעבויגענע פּיס, ווי אַ קוואָקע, אַריין צו איר מאַן — דעם „חכם״.

דער „חכם״, וואָס איז געזעסן אויף אונטערגעלייגטע אונטער זיך פּיס און געדרימלט, האָט פון שרעק אויפגעריסן די אויגן.

„אַ—ה—ה—ה!״ — האָט די צעיוירענע רחמה זיך געריסן און געוואָרפן מיט די הענט, ווי זי זאָל זיך האָבן אָפּגעבריט מיט קאָכעדיק וואַסער.

דער „חכם״ האָט זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— „די אַלמנה טראָגט פון רומענער!״ — האָט רחמה זיך געריסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון כעס.

דער „חכם״ האָט לאַנגזאַם אַריינגערוקט זיין האַנט אין זיין לאַנגער, געדיכטער באָרד און שווער אַ קרעכץ געטאָן. ער איז געזעסן ווי אַ פאַרגליווערטער, נאָר זיינע טיף איינגעזעצטע אויגן זענען געלאָפן אַהין און צוריק.

רחמה, וויגנדיק זיך אויף אירע אויסגעבויגענע פּיס, איז צוריק אַרויס פון צימער.

איצט האָט דער „חכם״ זיך אויפגעשטעלט. ער איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער גרויס און זיינע אויגן האָבן געזוכט און דערשטוינט זיך אַרומגעקוקט. נישט געפינענדיק קיינעם אין שטוב, האָט ער פון וואַנט־נאָגל אַראָפּגענומען זיין כאַלאַט און אים אָנגעטאָן. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אַרומגעבונדן די לענדן מיט דעם טוכענעם גאַרטל און אַריינגערוקט זיינע באָרוועסע פּיס אין די לאַטשן, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם סוקאַטן שטעקן, אַ קוש געטאָן די מזוזה און איילִיק אַרויס פון שטוב.

דאָס קאָנסומהויז איז געווען פול מיט ווייבער. ווען זיי האָבן דערזען דעם „חכם״, האָבן זיי זיך אָפּגערוקט, געמאַכט אים אַ וועג.

דער „חכם״ איז צוגעגאַנגען צום קאַסע־טיש און איז געבליבן שטיין. ער האָט אָפּגעצויגן זיך זיין ווייסע באָרד און אַ זאָג געטאָן צו קליגערן: „איך וויל מיט אייך רעדן״.

קליגער האָט אָנגעקוקט דעם „חכם״ פון איבער זיינע ברילן. זיין לענגלעך פּנים איז אים נאָך לענגער געוואָרן. זיין בערדל האָט אים אַ ציטער געטאָן און ער האָט אים געענטפערט: „איך בין פאַרנומען!״ און זיך געטאָן זיין אַרבעט ווייטער.

דער „חכם״ האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין שטעקן, זיך איינגעקוקט אין קליגערן און אַ זיפץ געטאָן פון האַרץ אַרויס. פאַרבייסנדיק זיינע ליפּן, האָט ער פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַוועק צו דער טיר.

די ווייבער האָבן אויסגעדרייט צו אים זייערע קעפּ און אים נאָכגעשריגן: „שלום!״

אַז דער „חכם״ איז אַרויס, האָט איין יידענע זיך איבערגעקוקט מיט דער אַנדערער און געשוויגן.

אויך סוכאַר, דער געבוקטער פון אַלטקייט, איז אַרומגעגאַנגען מיט טריבע אויגן, פון וועלכע עס איז אים כסדר גערונען און האָט געשוויגן. נאָר באַבלי,

אַ דערצאַרנטער, האָט נישט געשוויגן. ער האָט נישט אָפּגעלאָזט איסלאהן. ער איז נאָכגעגאַנגען אירע טריט.

אין איינעם אַ טאָג, אַ נאָכמיטאָג, האָט איסלאה פריער פאַרענדיקט איר אַרבעט און געגאַנגען ברענגען גראָז פאַר סוכאָרס הינער. זי האָט גענומען אַ זאַק, אַ ברייט מעסער און געגאַנגען אין די בערג.

באַבלי, וועלכער איז דעם טאָג נישט אַרויס צו דער אַרבעט, איז איר נאָכגע־גאַנגען. ווי אַ קאַץ האָט ער זיך הינטער איר געגנבעט.

איסלאה האָט זיך געאײַלט. גייענדיק, האָט זי זיך כסדר אומגעקוקט, צי עס גייט איר ווער נישט נאָך. זי האָט גוטמוטיק זיך אונטערגעברומט.

באַבלי האָט איר נאָכגעקלעטערט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, אויסבאַהאַל־טנדיק זיך הינטער די פעלזן.

איסלאה איז צוגעקומען צו אַ קעמפּע ווילדע קוסטעס, וואָס זענען געווען באַוואַקסן מיט הויכע, פעטע גרעזער. זי איז געבליבן שטיין. באַבלי האָט אויס־גענוצט דעם מאָמענט און פלינק, ווי אַ קאַץ, אויף איר אַרויפגעשפּרונגען. ער האָט זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן — ער האָט איר די הענט אַרונטערגעדרייט. דער זאַק מיט דעם מעסער זענען איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט.

זיינע שטאַרקע הענט האָבן זי אַרומגעקלאַמערט און מיט זיין גאָמבע געדריקט איר אַקסל. זיינע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן מיט בלוט. פון זיין קאָפּ האָט געזעצט אַ פאַרע. ער האָט געאָטעמט שווער און געמאָרשט איר קערפּער אין זיינע אָרעמס.

זי האָט איבער זיך געפילט די לאַסט פון זיין קערפּער. זיין גליִענדער אָטעם האָט געבריט איר פּנים. זיין קני האָט פונאַנדערגעריסן איר שויס.

ווען באַבלי איז אויפגעשטאַנען פון איר, האָבן פון זיין שמאָלן שטערן און קנאָכיקן פּנים גערונען ריטשקעס שווייס. אַ ציטער איז אים אַדורך. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי אַ פערד, וואָס שוידערט זיך אָפּ. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און באַטראַכט איר אָפּגעדעקטן, יאָדערדיקן קערפּער. פאַרזשמורענדיק די אויגן, האָט ער זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט. ווען ער האָט זיך באַרויִקט, האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: „איצט וועסטו מיך געדענקען!".

ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים מיטן אַרבל און זיך געלאָזט באַרג אַראָפּ.

אַ פאַרשוויצטע, ס'קלייד פאַרדרייט אויף הינטן, האָט איסלאה זיך אויפגעהויבן. זי האָט אָפּגעזוכט און זיך צוריק אָנגעטאָן דעם שוך, וואָס איז איר אַראָפּגעפאַלן פון פוס. שטייענדיק, האָט זי אָפּגעאָטעמט מיט איר פולער ברוסט. ערשט איצט האָט זי באַגריפן, וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט. זי האָט זיך פאַרטראַכט. זי האָט נישט געוווסט, צי זי דאַרף וויינען אָדער לאַכן. איר קיילעכיק פּנים איז געווען פאַרפלאַמט און האָט אויסגעזען, ווי אַ רייפער עפּל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. זעענדיק, אַז זי איז אַליין, האָט זי אויפגעהויבן דעם זאַק און דאָס מעסער און זיך געשטעלט שניידן גראָז.

זי האָט אייליק געשניטן. איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

אירע באַוועגונגען זענען וואָס אַ מאָל געוואָרן לאַנגזאַמערע. דעם רוקן געבויגן, האָט זי איבערגעריסן די אַרבעט. אַ ווײַלע איז זי געבליבן קניִען. אירע גרויסע אויגן זענען געווען דערשראָקן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. איבער די באַרג־שפּיצן איז די נאַכט שוין געלעגן. איסלאהן איז באַפאַלן אַ פּחד. באַבלי און קליגער האָבן זי געשראָקן. זי איז אויפגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן דעם זאַק גראָז און אים פאַרוואָרפן איבערן אַקסל. זי איז אייליק געגאַנגען אַהיים.

# יד

די נאַכט־קילקייט און די טאָג־וואַרעמקייט האָבן שוין איבערגעטריקנט די ערד. די שטילע בערג אַרום „נטור" זענען געווען איבערגעצויגן מיט אַ גרינעם געוואַנט פון בלעטער און גראָזן.

דער געוויקסן־קאָלאָריט האָט ווייך געמאַכט די פעלזן־רויקייט. די באַרג־יידן זענען יעדן פרימאָרגן ווייטער געגאַנגען אין די בערג אַריין אַרבעטן. איצט אָבער זענען זיי געווען שוין צעטיילט אין גרופּן. דער רוב, די שטאַרקע ביי זיי האָבן ווייטער געריסן די פעלזן. די שוואַכערע האָבן געפלעגט די שוין פונאַנדערגעוואַקסענע אין די בערג ווייַנשטאָקן.

די עלאַסטישע צווייגלעך פון די ווייַנשטאָקן זענען געווען איבערגעצויגן איבער דראָטן. זייערע וואָרצלען האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט און האָבן זיך פאַרטיפט אין דער ערד. זיי האָבן אויסגעמיטן יעדן געטראָפּענעם שטיין און געזויגן די קראַפט פון דער ערד. די זאַפטיקע וויין־בלעטער זענען געווען ברוינלעך־גרין.

„נטור", דאָס דאָרף, האָט געוואָרצלט אין דער באַרג־שטילקייט. פונאַנדער־געלייגטע צווייגן פון די ביימער האָבן געשיצט די הייזער פון דער באַרגזון און פון די ווינטן. די טרוקענע, לויטערע לופט האָט אויסגעפילט די סביבה מיט אַ ציטער־קלאַנג פון רו.

דער פאַמעלעכער און אַנגעשטרענגטער גאַנג פון די באַרג־יידן, ווי דער גאַנג פון בערג־קלעטערער, איז געוואָרן נאָך שווערער, ווי זייערע פיס זאָלן זיין אויס־געקנעטן פון ליים. זייערע אויסגעשמיסענע פון דער זון און ווינט הויט איז נאָך האַרטער און געגאַרבטער געוואָרן. זייערע קערפּערס זענען ווי געוואַקסן צוזאַמען מיט די בערג. זייערע נעזער זענען לענגער און פליישיקער געוואָרן; זייערע ליפּן — רויטער און דיקער. מיט דיקע ווי שטריק אָדערן זענען געווען פאַרפלאָכטן זייערע אויסגעאַרבעטע הענט.

„נטור", דאָס דאָרף, איז איצט געווען פול מיט אַנגעשטרענגטער פּראַצע, וואָס האָט אַנגעזאָגט די רו און איינגעזעסנקייט. אויך זייערע ליידיקע שטיבער,

אין וועלכע ס׳בעטציייג איז געלעגן אָנגעוואָרפן, צונויפגעקנוילט, ווי אויף דער ווייל, האָבן איצט על פּי רוב, געענדערט זייער אויסזען.

די קאָך־מאַשינקעס אינעם פאָדער־צימער און אין קיך, זענען געשטאַנען אויף טאַבאָרעטן און נישט אויף דעם פּאָל, ווי אַמאָל. אַרום די ווענט זענען איצט געשטאַנען אייזערנע בעטן. אין משך פון טאָג איז דאָס בעטציייג געלעגן צונויפּ־געראָלט און אַרומגעוויקלט מיטן מאַטראַץ. די פּאָלן זענען כמעט שטענדיק געווען פּייכטלעך, געבלאַנקט. גרין געפאַרבטע טישן מיט שוואַרצע ווינער בענקלעך זענען געשטאַנען אין מיטן שטוב. אויף די בענקלעך זענען די בני־בית נישט געזעסן, נאָר ווייטער געגעסן אויף דעם פּאָל. דער טיש מיט די בענקלעך איז געווען צו באַווייזן זיך, געווען אַן אָנזאָג וועגן שטאַנד פון דער משפּחה.

ביי בנימען, דעם שוסטער, איז שוין געשטאַנען אַ ברוינע, געפאַרבטע צוויי־טיריקע שאַנק. נישט געווען קיין תושב אין דאָרף, וואָס איז נישט געקומען זען, ווי עס עפענען זיך און פאַרמאַכן די טירן פון דער שאַפע.

נישט נאָר אין די הייזער האָבן זיך געענדערט די סידורים. דאָס גאַנצע דאָרף האָט שוין געהאַט שטייגער און כאַראַקטער. די באַוועגונגען פון די באַרג־יידן זענען איצט געווען נאָך קירצערע, מער אָפּגעהאַקטע, ווי ביי ערד־אַרבעטער. אויך זייער באַנעמען זיך מיט מענטשן איז געווען צוגעלאָזענער.

גדעון, דער דאָרפס־לערער, איז איצט געווען דער אָנגעזעענסטער תושב. עס איז געוואָרן געווען, אַז גדעון זאָל פאַרבייגיין און באַלד האָבן זיך געעפנט טירן און פענצטער. מען האָט געהערט אויסרופן: „שלום״.

גדעונס לענגלעך, פול פּנים איז איצט געווען קיילעכיק און רויט ווי אַן עפּל. זיינע גרינע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד. זיין בלאָנדע טשופּרינע איז נאָך העלער און געדיכטער געוואָרן. ער האָט איצט געפירט אין דאָרף דעם ערשטן קלאַס פון שול. די באַרג־יידן האָבן שוין נישט אויסבאַהאַלטן פאַר אים זייערע קינדער. זיי אַליין האָבן געברענגט זייערע קינדער אין שול אַריין, גדעון זאָל זיי לערנען.

זיי זענען געשטאַנען און מיט התפּעלות געקוקט, ווי גדעון שרייבט מיט קרייד אויף דעם שוואַרצן שול־טאָוול: „אבא. אמא. אבא בא.״. יעדער פון זיי האָט זיך באַמיט, אַז גדעון זאָל זען, אַז ער האָט געברענגט זיין קינד אין שול.

אויך גדעון האָט זיך מיט די באַרג־יידן איינגעלעבט. ער האָט גערן געהאַט זייער שווערקייט, לאַנגזאַמקייט און געשעצט זייער ערלעכקייט. זייער אָפט, מערסטנס אין די שבתים, האָט גדעון זיי צונויפגענומען אין דער שול און זיי דער־ציילט וועגן בר־כוכבאן, שמשון הגבור, וועגן „צה״ל״, וועגן די שכנים אַראַבער און וועגן די יידן אין דער וועלט.

די הויכע יידן זענען געזעסן אויף די קינדער־בענק. זיי האָבן אויסגעזען, ווי איבערגעוויירן טייג פון אַ דייזשע אַרויס און מיט אָפענע מיילער פאַרוואונדערט אויסגעהערט גדעונס רייד.

די ווייטע און פאַרגאַנגענע וועלט איז פאַר די באַרג־יידן געווען פרעמד.

נאָר די בערג, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, זענען געווען זיי נאָענט צום האַרצן. אָבער אויך אין „נטור" איז נישט פאַרביי קיין טאָג אָן פּאַסירונג. ווען יעקב, יסחוקס זון, האָט געענדיקט זיין מיליטער־דינסט און זיך אומגעקערט אַהיים, האָט נאָך דעם זעלבן טאָג ס'גאַנצע דאָרף געוווּסט די געשעעניש.

נישט געווען קיין מענטש אין דאָרף, גרויס און קליין, וואָס איז נישט געגאַנגען זען יעקבן. קיינער האָט אָבער נישט געוואַגט צוגיין צו אים. זיי זענען געבליבן שטיין פון וויטנס און אים באַטראַכט.

די ערשטע טעג נאָכן אומקערן זיך אין דאָרף האָט יעקב נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טאָן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן דאָרף, ווי אַן איבעריק אויסגעשפּאַנט פערד און זיך געפילט נעמען אין האַנט אַן אַרבעטס־כלי.

יסחוקן האָט בכלל נישט געאַרט, וואָס זיין זון גייט אַרום ליידיק. להיפך! דער פאָטער האָט טאָג נאָך טאָג פּאַראַדירט מיט יעקבן איבערן דאָרף, אַלע אין דאָרף זאָלן זען זיין זון, דעם גבור, וואָס קען פירן אַן אויטאָ. אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, האָט יסחוק זיך אַוועקגעזעצט מיט אים אויף דער שוועל פון הויז.

סולטאַנאַ, יסחוקס ערשט ווייב און יעקבס מוטער, האָט זיי באַדינט. זי האָט דעם מאַן אונטערגעטראָגן דאָס פלעשל אַראַק און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. זי איז געשטאַנען און געקוקט, ווי דער טאַטע דערלאַנגט דעם זון כיבוד, ווי דאָס פלעשל גייט פון האַנט צו האַנט לויט דער ריי. פון פרייד איז סולטאַנאַס לייביקייט נאָך פעטער געוואָרן.

אויך שרגא האָט נישט געפאָדערט, אַז יעקב זאָל אַרויס צו דער אַרבעט. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ אַרבעט אים אָנביטן. ער האָט געוווּסט, אַז ער קען אים נישט שיקן אין די בערג אַריין רייסן די פעלזן.

אָבער נגיה, יסחוקס צווייט ווייב, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט אַן אויסגעצויגענער נאָז. זי האָט בייז געשוויגן. איר האָט געקרענקט סולטאַנאַס פרייד. זי האָט נישט פאַרטראָגן, וואָס יסחוק באַציט זיך איצט צו סולטאַנאַן מיט מער כבוד. זי איז געווען געוווינט, אַז די אויפמערקזאַמקייט אין שטוב איז נאָר פאַר איר. זי האָט אויך נישט געקענט שטיין אין יעקבס דלת אמות. זי האָט געשוויגן, אָבער געברומט פאַר יסחוקן: „זאָל ער גיין אַרבעטן".

אויך יסחוק האָט געשוויגן, אָבער די שטילקייט אין שטוב איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע. אפילו די קינדער האָבן נישט געוואָגט הויך צו שרייען.

אויך סולטאַנאַ האָט געשוויגן. זי האָט נישט אַוועקגענומען די אויגן פון יעקבן. נגיה איז געשטאַנען איר אין וועג, ווי אַ דעמאָן. זי האָט אָבער זיך נישט געוואָלט מיט איר איבערוווערטלען צוליב יעקבן.

יסחוקס ביידע ווייבער האָבן מיט זיך געקעמפט שטילערהייט. יעקב האָט אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן די אָנגעשטרענגטע שטילקייט אין הויז.

אַז יסחוק איז אין איינעם אַן אָוונט אַרויס מיט אים אין דאָרף, האָט יעקב אַ זאָג געטאָן: „זאָג שרגאן, אַז איך גיי מאָרגן אַרויס צו דער אַרבעט".

דער פאָטער האָט אים אָנגעקוקט מיט זיין שווערן, טעמפּן בליק. אָבער באַלד

האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכּים. ער האָט זיך איבערגעהאַנגען די ביקס איבערן אַקסל און געלאָזט זיך גיין צום דאָרפס־טויער.

יעקב איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע. ער האָט דעם פּאַטער נאָכגעקוקט, אָבער באַלד האָט ער אויך גענומען גיין. ער איז געגאַנגען אין קאָנסומהויז אַרײַן.

רייסן די פעלזן איז יעקבן נישט אָנגעקומען שווער. די אַרבעט אין די בערג איז געווען איצט זיין ערשטע זעלבסטשטענדיקע באַשעפטיקונג. זיינע שטאַרקע הענט האָבן מיט זיכערקייט געהאַלטן דעם קילאָף. די שטאַרנדע פון דער ערד־פעלזן האָבן זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן זיין כּוח.

אָבער די אַרבעט האָט יעקבן נישט אינטערעסירט. אים האָט געפעלט דער מאָטאָר־רויש.

די באַרג־יידן האָבן זיך צו יעקבן, דעם דאָרפס־זון, וואָס פאַרשטייט צו פירן אַן אויטאָ, זיך באַצויגן מיט דרך ארץ. אַפילו דער אַלטער, פון אַלעמען געשעצטער סאַסון האָט זיך באַצויגן מיט כּבוד צו יעקבן. יעדעס מאָל, ווי נאָר זיי האָבן זיך געטראָפן, האָט דער אַלטער געעפנט פאַר אים זיין טאַבאַק־זעקל, אים מכבּד געווען מיט פאַרדרייען אַ סיגאַר.

יעקב האָט די זקני־הכּפר געשעצט. ער האָט זיי אָפּגעגעבן כּבוד, אָבער גערעדט מיט זיי האָט ער ווי אַן יונגער, פון נייעם דור, וואָס האָט מער דערפאַרונג ווי זיי.

אָפט, אין די אָוונטן, ווען די דאָרפס־מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום דעם קאָנסומהויז, האָט יעקב זיי דערקלערט, ווי אַזוי עס לויפט אַן אויסגעשאָסענע קויל פון אַ ביקס, ווי אַזוי אַן אויטאָ־מאָטאָר פאַרברענט דעם בענזין און פאַר־וואַנדלט אים אין גאַז, וואָס טרייבט אים.

יעקבס צוריקקומען אין דאָרף אַריין האָט אָבער געמאַכט זאָרג באַבלין. אים האָט געקרענקט, וואָס די דאָרפסלייט שעצן אים אַזוי. יעדעס מאָל, ווי נאָר עס האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע מענטשן אַרום אים און ער האָט זיי איבערגעחזרט, דערציילט, ווי עס פירט זיך אין צה״ל און וועגן שטייגער לעבן אין די שטעט, זענען באַבליס אויגן ווילד געלאָפן פון קנאה אַהין און צוריק. בכּדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון יעקבן, האָט ער באַלד גענומען פּראַלן אין אַ געבראָכענעם עברית: „איך האָב גערעדט טעלעפאָניש מיט ירושלים. די פּאָליציי האָט מיר געזאָגט, אַז אויף דער גרענעץ איז רויִק״.

באַבלי איז אַרומגעגאַנגען איבערן דאָרף און דערציילט, אַז יעקב ראַזירט זיך נישט מיט קיין בריטווע, נאָר מיט „דזשילעטקעס״ און וואַשט זיך די ציין מיט פּאַסטע. ער האָט דערמיט געוואָלט איבערצייגן די באַרג־יידן, אַז יעקב, כאָטש ער איז יסחוקס זון, איז ער אַ פרעמדער אין דאָרף.

אָבער די באַרג־יידן האָבן מיט אינטערעס און באַוווּנדערונג זיך צוגעהערט צו יעקבס רייד און מקנא געווען יסחוקן אויף זיין בכור.

צוויי מענטשן אין דאָרף האָבן איצט געשראָקן באַבלין: איסלאַה און יעקב. אָבער איצט האָט באַבלי געקענט רויִק זען, ווי איסלאַה גייט פאַרביי און ער לויפט

איר נישט נאָך. ער האָט געשוויגן און געוואָלט, אַז אויך איסלאַה זאָל שווייגן. ער האָט מורא געהאַט, אַז שרגא קען זיך דערוויסן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען צווישן זיי.

ער האָט זיך אויך מער נישט אַרומגעשלעפּט אַ שכורער איבערן דאָרף. אויף מלכהן, זיין ווייב, איז ער ווייטער געווען אין כעס. ער האָט זי אָבער מער נישט געשלאָגן. זיין הויז איז אים ווייטער געווען פרעמד, איבעריק. אפילו די אייגענע קינדער האָבן אים נישט אינטערעסירט. דער גאַנצער עול פון דער היים איז געלעגן אויף מלכהן.

מלכה האָט זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון אַרבעט. זי האָט געהאָרעוועט פונעם פרימאָרגן ביז אין דער נאַכט אַריין. זי האָט נישט נאָר געפירט ס'הויז, באַזאָרגט די קינדער, נאָר אַליין אויך געמוזט באַאַרבעטן דעם גאָרטן פאַרן הויז. טראָץ דעם האָט זי פון באַבלין נישט געהערט קיין גוט וואָרט, להיפך, וואָס זי האָט געטאָן, איז אים נישט געפעלן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער איר פאָרגע־וואָרפן: „דו וועסט קיין מאָל גאָרנישט לערנען" און אין האַרצן זיך געטראַכט: „זי איז געבליבן אַזוי ווי אין ,זעק'"!

מלכהס קיילעכיק פּנים איז געוואָרן לענגלעך און מאָגער. אירע אויגן זענען איינגעזונקען אין זייערע אויגנלעכער. שוואַרצע רעדער האָבן זיי באַרעמט. זי האָט אָבער געשוויגן אונטערטעניק.

די מענטשן אין דאָרף האָבן איצט קיין אַכט נישט געלייגט אויף באָבלין. זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָבן זיי געשאָנקען יעקבן. די ווייבער פון דאָרף האָבן אים נאָכגעקוקט אויף טריט און שריט. זיי האָבן געוווּסט, ווען ער טרעפט זיך מיט שרגאַן, וואָס ער קויפט אין קאָנסומהויז. זיי זענען געשטאַנען פאַר די טירן און געקוקט, ווענען פון די שכנים ער גייט מבקר זיין. נישט איין תושב איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט, מיט אויסגעזעצטע אויגן און אַראָפּגעלאָזטע ליפּן: „אפשר וועט ער נעמען מיין טאָכטער?" כאָטש די טעכטער אין דאָרף זענען געווען נישט עלטער ווי דרייצן, פערצן יאָר.

אַ שטורעם פון פרייד און קנאה האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער „נטור", ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז יעקב וועט ווערן דער שאָפער פונעם דאָרף. די טעמפּע מוחות פון די באַרג־יידן האָבן זיך געוווּנדערט: „איז דאָס מעגלעך?" פון פאַרלעגנהייט האָבן זיי זיך געריבן זייערע אויגן און זיך געווישט די דיקע ליפּן מיט זייערע צונגען.

רפאל, דער דאָרפס־שאָפער, איז ראש חודש אַוועק קיין רמלה. ער האָט געקויפט אַ לאַסט־אויטאָ בשותפות מיט זיינעם אַ קרוב, אַן עולה פון די לאַגערן.

שרגא האָט דעם דאָרפס־אויטאָ איבערגעגעבן יעקבן. כאָטש די באַרג־יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער האָבן נישט איין מאָל געזען, ווי יעקב מאַכט אַ רונדע איבערן דאָרף מיטן אויטאָ, זענען אַלע געבליבן דערשיטערט דעם טאָג, ווען יעקב איז דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעפאָרן אַלס דאָרפס־שאָפער.

אַלע קינדער, דערזעענדיק דעם אויטאָ, האָבן זיך כאַפּטעווייז אַ לאָז געטאָן

נאָך אים. אויך די ווייבער און מענער זענען אַרויס פאַר די טירן זען, ווי אַזוי יעקב פירט דעם אויטאָ.

אויך יסחוק, דער פאָטער, איז נאָך דער שמירה נישט אַריין אין שטוב רוען. אָנגעלענט אויף דער ביקס, האָט ער געוואַרט, ביז דער אויטאָ וועט פאַרבייפאָרן. פון איבעראַשונג האָט ער נישט געוואָגט צוצוגיין צום גאַראַזש זען, ווי יעקב פאָרט אין וועג אַריין.

אַז דער רעש פונעם מאָטאָר איז דערגאַנגען צו יסחוקס אויערן, האָט ער פעסטער פאַרדריקט די ביקס אין האַנט: „יעקב"! אָבער אַז דער אויטאָ איז אָנגעפאָרן און יסחוק האָט דערזען, אַז זיין זון זיצט ביים רודער, האָט ער מיט אַ טרוקן קול אויסגערופן: „באַרעכלי באַרכאַנאַ!" (זאָל אים בענטשן דער גע־בענטשטער) און מיט גרויסע טריט גענומען גיין אַהיים. ער האָט זיך געשראָקן פאַר אַן עין הרע.

אַז יעקב איז פאַרפאָרן צום קאָנסומהויז, איז ער פלינק אַראָפגעשפרונגען פון אויטאָ. באַבלי, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט, האָט אים אַ רוף געטאָן מיט בטול און קנאה: „אַ־ה, ש־אָ־פ־ע־ר!"

יעקב איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין און אָנגעקוקט באַבלין, אָבער ער איז באַלד אַריין אין קאָנסומהויז און נישט געגעבן אים קיין ענטפער.

יעקבס אַריינקומען האָט איסלאהן אָפּגעהאַלטן אין דער אַרבעט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע יאָדערדיקע הענט, אַוועקגעקוקט אין אַ זייט און פאַרביסן די ליפּן. זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, געוויזן אירע גרויסע ווייסע ציין און מיט די אויגן זיך געזעטיקט מיט יעקבס מענערישקייט.

אויך יעקב, דערזעענדיק איסלאהן, איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן. אַ געוויסע צייט האָט איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט פון דער נאָענט. איסלאהס פּנים איז געוואָרן רויט. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם. אַ פאַרשעמטע איז זי צו אים צוגעגאַנגען און פאַר אים געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען און אַן אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ.

יעקב האָט אויסגעשטרעקט די הענט און מיט כוח אַרומגענומען איר טאַליע. זיין הייסער אָטעם האָט אַ גלי געטאָן אירע צעפלאַמטע באַקן.

זי האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. איר אויבערשטער קערפּער־טייל האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין ברייטן ברוסטקאַסטן. ביידע האָבן שווער געאָטעמט.

דאָס אַלץ האָט געדויערט נאָר סעקונדן. זעענדיק, אַז קליגער קוקט אויף זיי, האָט יעקב זי אָפּגעלאָזט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אַרויסגייענדיק, האָט ער איר געזאָגט: „וואַרט אויף מיר!".

קליגער איז אַ צייט געשטאַנען הינטערן קאַסעטיש, אָנגעלענט אין דער פאַליצע. זיינע אויגן האָבן דערשטוינט אַריבערגעקוקט איבער זיינע ברילן. זיין בערדל האָט זיך געשאָקלט ווי זיין גאָמבע זאָל ציטערן.

אַז דער רויש פונעם מאָטאָר האָט זיך ווידער דערהערט און דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן, האָט איסלאה זיך לאַנגזאַם צוריקגעקערט צו איר אַרבעט. זי האָט

ווידער געטאָן איר טעגלעכע אַרבעט, געוויגן, געמאָסטן און צונויפגעלייגט די סחורה. זי איז אָבער געווען אָפּגעלאָזן אין דער אַרבעט. דעם גאַנצן טאָג האָט זי געפילט, ווי איר האַרץ זאָל צאַפּלען, ווועלן אַרויסשפּרינגען פון איר.

כאָטש יעקב איז געווען איצט ווייט פון איר, אין שטאָט, האָט זיך איר געדאַכט אַז ער שטייט נעבן איר ווי אין דערפרי.

אויך קליגער האָט געמאַכט זיין אַרבעט ווי יעדן טאָג, אָבער זיין שטערן איז געווען צונויפגעקנייטשט און ער האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט צו איסלאַהן. נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אַרויפגערוקט זיינע ברילן און זי אָנגעקוקט דערשטוינט.

אַז יעקב איז צוריקגעקומען אין דאָרף אַריין און פאַרהאַלטן די מאַשין ביים קאָנסומהויז, האָט אויף אים שוין געוואַרט איסלאַה, אָן אָנגעלעהנטע אין דער טיר.

יעקב איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ. שטיין בלייבנדיק, האָט ער זי אָנגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן.

זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אים אַ זאָג געטאָן: „שלום!"

„שלום", האָט ער איר געענטפערט מיט אַ הייזעריק קול.

איסלאַה איז צוגעגאַנגען צום אויטאָ און זיך אָנגעלייגט פולע אָרעמס מיט לאָבנס ברויט.

ביידע האָבן פלייסיק געאַרבעט. ער האָט געטראָגן די זעק און זי די לאָבנס ברויט. די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן געאַרבעט, האָבן זיי געשוויגן.

איסלאַה האָט געענדיקט די ערשטע. אַ צעטומלטע האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט אין דער זייט ביים אויטאָ.

יעקב האָט זיך געאיילט פאַרענדיקן זיין אַרבעט. אַז ער האָט געענדיקט, איז ער איילִיק אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָ און אַ רוף געטאָן איסלאַהן: „קום אַריין!". ווי אַ קאַץ איז זי אַריינגעשפּרונגען נאָך אים אין קאַבינע אַריין.

דער אויטאָ האָט זיך געקאַטשעט איבער דעם צעפּאַרענעם דאָרפס־וועג. ביידע האָבן געשוויגן, נאָר זייערע היפּטן האָבן זיך אָנגעשלאָגן איינע אין די אַנדערע.

יעקב איז געפאָרן אין גאַראַזש אַריין, אָבער אין מיטן וועג האָט ער פאַרהאַלטן דעם אויטאָ און איז אַרויסגעשפּרונגען. איסלאַה איז געבליבן זיצן אין דער קאַבינע. יעקב האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און זי אַ ציי געטאָן צו זיך.

אַ רגע זענען זיי געשטאַנען זיך אַנטקעגן. אין דער פינצטער האָבן זיי זיך נישט געזען, אויסער זייערע סילועטן. יעקב האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט און זי אַרומגענומען.

זי האָט פאַרלוירן די גלייכגעוויכט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. יעקב האָט זי אַרויפגעלייגט אויפן גראָז. זי האָט צענומען אירע קניִען. אירע אָרעמס האָבן אַרומגענומען זיין קאָפּ און אים געטוליעט צו אירע ברוסטן. ער האָט זיינע דיקע ליפּן איינגעזויגן אין איר האַלדז.

איסלאַה איז ערשט איצט אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

ווען יעקב איז צוריקגעקומען פון שטאָט און פאַרפאָרן צום קאָנסומהויז האָט

באַבלי אים נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט זיך באַהאַלטן אויף אַלע פיר, הינטער אַ פּעלז, ווי אַ קאַץ, ווען זי טשאַטעוועט אויף רויב.

אַז ער האָט אים געזען גיין צום אויטאָ, צוריקפירנדיק מיט זיך איסלאהן איז ער אויפגעשפּרונגען. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. ער האָט אין זיינע צעשויבערטע האָר אַריינגעשטעקט די פינגער ווי גאָפּלען. פון יִיאוש האָט ער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, אָבער באַלד האָט ער גענומען לויפן. ווי אַ שטורעם־ווינט האָט ער זיך אַריינגעריסן אין שטוב. זיינע אויגן זענען געווען שטאַר פון כעס און רציחה. דאָס ווייב, וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען, האָט ער אַ שטופּ געטאָן מיט אַ פאַרביילטער פויסט. ער איז צוגעפאַלן צו דער שאַנק. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פלעשל אַראַק און אייליק דערפון אַ זשלאָקע געטאָן, ביז עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם.

שכור, וואַקלענדיק זיך, איז ער צוריק אַרויס פון שטוב, נישט צומאַכנדיק הינטער זיך די טיר. ער האָט זיך געשלעפּט איבערן דאָרף און גערעדט צו זיך: „איך וועל איר ווייזן. איך וועל זיי ווייזן. איך פיר דאָס דאָרף! איך וועל זיי אַלע פאַרטרייבן פון דאַנען!" מיט פאַרגלייזטע אויגן, ס'העמד צעקנעפּלט, איז ער געגאַנגען פון טיר צו טיר און געשריגן: „דער שאָפער ליגט מיט דער אלמנה אין גראָז!" ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און געגאַנגען ווייטער.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג, מיט פרייד און מיטלייד.

וואַקלענדיק זיך, האָט ער זיך געשלעפּט איבערן דאָרף, געזוכט יעקבן מיט איסלאהן און אָן אויפהער צו זיך גערעדט: „זאָל מען וויסן. איך בין מיט איר געשלאָפן!".

מיט אַ מאָל איז ער געבליבן שטיין. זיין רויט פון שכרות פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן. אַ קאַלטער שוויס האָט אים באַגאָסן און ער האָט צו זיך גע־מורמלט: „שרגא דער אַשכנזער. שרגא דער ממזר". ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסניכטערן. ער האָט ווידער מורא באַקומען פאַר שרגאן; ער קען אים ווידער וועלן אַרויסוואַרפן פון דאָרף. מיט וואַקלענדיקע טריט האָט ער זיך געשלעפּט אַהיים.

ווען באַבלי האָט אַ שכורער זיך אַרומגעשלעפּט איבערן דאָרף און באַרעדט יעקבן מיט איסלאהן, האָבן אים אַלע אויסגעלאַכט. צו מאָרגנס אָבער, אַז באַבלי האָט זיך אויסגעניכטערט, האָבן פאַרשיידענע און משונהדיקע געדאַנקען זיך געפּלאָנטערט אין זייערע מוחות.

יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן מיט יעקבן, האָבן זיי אים ווייטער אַנטקעגנגעטראָגן דעם „שלום". אָבער אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען, זענען זיי געבליבן שטיין און מיט אַ טעמפּן בליק אים נאָכגעקוקט: וואָס? פאַרפירט די אלמנה? זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און ממשיך געווען זייער וועג.

די רעדערייען זענען דערגאַנגען צו יסחוקן. זיין פּנים איז נאָך טעמפּער געוואָרן. ער האָט געפּלאַמט פון כעס: „זיי זענען אים מקנא" — האָט ער געזאָגט צו זיך. ער האָט געביסן די ליפּן און געשוויגן.

אַז ראובן האָט געטראָפן סוכאָרן, האָט ער אים פֿאַרהאַלטן און אים געזאָגט: „דערלויב נישט איסלאַהן זיך אַרומשלעפּן מיט יסחוקס זון. שלאָג זי אָן!".

דער אַלטער איז געבליבן שטיין מיט אָן אָפן מויל. זיינע טריבע אויגן האָבן זיך אים פֿאַרמאַכט פֿון בושה. טרערן זענען גערונען איבער זיין פֿאַרמעט־פּנים.

דערשיטערט, דערשלאָגן, איז ער אַריין צו יסחוקן. דער אַלטער האָט נאָר באַוויזן זאָגן „שלום!" און איז פֿאַרשטומט געוואָרן. ער איז געשטאַנען ביי דער טיר ווי אַ בעטלער.

יסחוק האָט פֿאַרשטאַנען נאָך וואָס דער אַלטער איז געקומען. כאָטש אַ טעמפּקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער זיין פּנים, זענען זיינע אָדערן אויפֿן האַלדז געווען אָנגעשוואָלן פֿון אָנשטרענגונג. ער איז געשטאַנען און געטראַכט: „אַ בכור. אַן אויסגעדינטער זעלנער. אַ שאָפער. זי איז יונג, געזונט און שיין. אַן אַלמנה, אָבער אָן קינדער. האָט אַ הויז און ערד. דער זון וועט בלייבן אין דאָרף. אַ בעל־הבית".

מיט אַ מאָל האָט יסחוק אויפֿגעהויבן זיין שווערן קאָפּ און זיך אַ ווענד געטאָן צו סוכאָרן: „הער, אַלטער, מיין זון נעמט איסלאַהן!".

סוכאָר, ווי ער וואָלט יונג געוואָרן, האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט געשטעלט אַ טראָט פֿאָרויס און מיט זיינע אַלטע, דאַרע הענט אַרומגעכאַפּט יסחוקן. מיט אַן אַלט, טרוקן קול, אין וועלכן עס האָט זיך געהערט געוויין, האָט ער אויסגעשריגן: „שמע ישראל!" און בשעת מעשה פֿאַרמאַכט די אויגן.

אַז סוכאָר האָט זיך באַרויִקט, האָט ער צוריק געעפֿנט די אויגן און זיינע דינע, טרוקענע ליפּן האָבן אָן אויפֿהער געמורמלט: „זאָל גאָט אים בענטשן".

סולטאַנאַ, יעקבס מוטער, וואָס איז געזעסן אויף דער ערד און אין אַ שיסל איבערגעקליבן בעבלעך, האָט אַ דערשלאָגענע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אַ פֿאַר־ביטערטע האָט זי געטראַכט: „אַן אַלמנה!"

אין נגיהס אויגן, יסחוקס צווייט ווייב, וואָס האָט געריבן אַ מעשענעם טאָפּ, האָט אַ פֿלאַקער געטאָן פֿרייד: „אַן אַלמנה!"

יסחוק האָט דעם אַלטן אַ שלעפּ געטאָן אין שטוב אַריין און אים אַ זאָג געטאָן: „קום טרינקען לחיים!".

# טריט אין געסל

# אַ

דער הימל־געוועלב איז געווען בלוילעך, ווי דורכזיכטיק. דער הימל האָט ווי געערוט נאָך דעם שווערן ווינטער. די תבואות אויף די ווייטע פעלדער האָבן זיך געריפּט, די זאַנגען זענען כסדר דיקער געוואָרן. די גראָזן אויף די אַרומיקע לאָנקעס זענען געווען זאַפטיק, זייער גרין האָט געשימערט די זונען־שטראַלן אַנטקעגן. די צייטיקע פאַרוועלקטע בלעטער זענען געפאַלן פון דיביימער. יונגע גרינע בלעטלעך האָבן זיך געפּיקט אויף די דינע אָנגעוואַקסענע צווייגלעך.

די זונען־שטראַלן האָבן מילד געוואַרעמט, ווי זיי זאָלן גלעטן אַלץ אונטער זיך. די לופט איז געווען פריש. די אַרומיקייט האָט געאָטעמט מיט פרילינג־שפּראָץ. דער ענג באַוווינטער קוואַרטאַל איז געווען אַרומגעהילט מיט דער פרילינג־פרישקייט ווי מיט אַ וואַל. די הייזלעך זענען געשטאַנען איינס ביים אַנדערן. די פעלדער פון אַרום האָבן זיי געגאַרטלט. איין וואַנט האָט געדריקט די אַנדערע — זיך אונטערגעהאַלטן. איין דאַך איז אַרויפגעקראָכן אויפן אַנדערן, ווי ער זאָל וועלן זיך אַראָפּגליטשן. דער אַנטקעגנאיבער פון איין רייע הייזלעך צו דער צווייטער איז געווען אַ נאָענטער. דער איבערגעבליבענער צווישן זיי שטח איז געווען שמאָל און קרום. די געסלעך זענען מערסטנטייל געלאָפן אין אַ זיגזאַג. זיי זענען געווען געפּלאַסטערט און זאַמדיק. די מענטשן און די בעלי־חי זענען געגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג. עס זענען געווען לענגערע און קורצע געסלעך. די פענצטער אין די הייזלעך זענען געווען מערסטנטייל פּירקאַנטיקע, קליין און אין דער נידער. די דאָרטיקע איינוווינער האָבן געקענט אַריבערקוקן און זיך אַדורכרעדן. די הייף זייערע זענען געווען קליין און אָפּגעשלאָסן. נידעריקע מייערלעך האָבן זיי געצוימט. דאָ און דאָרט איז געוואַקסן אַ קוסט, ווו נישט ווו איז געשטאַנען אַ צוגעבונדענע ציג אָדער שעפּס, וואָס האָט מעלה־גרה געווען אָדער געמעקעט. אַ געגליווערטע שטילקייט. אַ קוילך־ און אייל־סוואָנד האָבן אויסגעפילט ס׳רוב געסלעך.

דריי גאַסן, ווי אַ שין, האָבן פונאַנדערגעטיילט דעם קוואַרטאַל. דער לינקער אָרעם פון דער שין, אַ לאַנגע ברייטע גאַס מיט קראָמען, איז געווען די הויפּט־גאַס, דער האַנדלס־צענטער. דער רעכטער אָרעם פונעם אות איז געווען די גאַס, וואָס האָט געפירט אין קוואַרטאַל אַריין. דער מיטלדיקער אָרעם איז געווען די מאַרק־גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן העט, ביז אַראָפּ איבער דער גאַנצער לענג פון דעם קוואַרטאַל. די גאַס איז געווען אָנגעפּיקט מיט קראָמען. פוןביידע זייטן גאַס זענען געווען נאָרמאַלע קראָמען ווי אין דער שטאָט. אין די קראָמען האָט

מען געקענט קויפן אַלץ, אָבער דער רוב פון זיי איז געווען שמאָל, קליין, ווי האַלבירט. אין זיי האָבן די סוחרים געהאַלטן דאָס גרינס איבער נאַכט. איבערן טאָג איז די גאַס געווען פאַרשטעלט מיט סטראַגאַנעס, וועלכע זענען געווען איבערגעלייגט מיט אַלערליי אויפסטן און גרינס, וואָס זענען געווען אָנגעשיט קאָפּיאַסטע, ווי פּיראַמידן. דער רויט־גרין־גראַנאַט־ברוין־ און בלויער פאַרבן־בייט פון די גרינסן און אויפסטן, האָט זיך ווי געשפּיגלט אינעם אַספאַלט, וועלכן די דורכגייער האָבן אָן אויפהער געטראָטן.

אַרום די סטראַגאַנעס זענען געשטאַנען די פאַרקויפער, וועלכע האָבן אויס־געררופן און געלויבט זייערע סחורות. דער המון האָט געשטראָמט. מענטשן זענען געקומען און געגאַנגען. אַ זשום האָט אויסגעפילט די מאַרק־גאַס, ווי אַ בינען־ראַי זאָל זיך האָבן אין איר פונאַנדערגעזעצט. דער מאַרק איז געווען פאַרצווייגט אויך אין די דערבייִיקע געסלעך. אין די קורצע, ווי אָפּגעהאַקטע געסלעך האָט מען פאַרקויפט: לעבעדיקע און געשאָכטענע הינער, קעז, קרייטעכצער, פיש און גאַלאַנטעריע. עס זענען געווען אויך רעסטאָראַנען, ווו אַ ראַדיאָ האָט הילכיק געציקלט ניגונים. אַ דיקער סוואַנד פון אייל און קוילן האָט אויסגעפילט דעם חלל פון די צעפּראַלטע טירן. אין די אָפענע טירן האָבן זיך געזעצן נאָר די קעפ, וואָס זענען געווען ווי איינגעהילט אין אַ נעפל פון רויך. די קעפ האָבן זיך באַוויגן אַהין און צוריק. די מענטשן דאָרט האָבן געשפּירט זייער הונגער.

דאָס ערשטע געסל, פּאַראַלעל צו דער מאַרק־גאַס, איז געווען דאָס קצבים־געסל. דאָס געסל איז געווען נישט געפּלאַסטערט. די יאַטקעס זענען קליין ווי די קראָמען אין מאַרק. דעם הויפּט־שטח האָבן פאַרנומען די אייזשענק. די קצבים האָבן זיך באַוויגן אין די שמאָלע דורכגענג צווישן די טישן. דורכגעשטאָכענע, אויף האָקעס זענען אַראָפּגעהאָנגען זייטן פלייש, וואָס די הויט אויף זיי איז געווען געלבלעך. גאַנצע און געטיילטע שעפּסן, אויף וועלכע די הויט איז געווען דין אויסגעטריקנט. דאָ, דאָרט, צווישן אַ יאַטקע און אַ יאַטקע, ווי איינגעפּוגעוועט, זענען געזעסן פרויען מיט אַרומגעבונדענע טיכער אַרום די קעפ, מיט צעשפּרייטע קניִען, וואָס זענען געווען איבערגעדעקט מיט אַ זאַק. זיי האָבן גערייניקט די געדערעם פון די בהמות. די אויסגעטראָטענע אין געסל ערד איז געווען פייכט. זי איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט בלוט און וואַסער.

אין דער מאַרק־גאַס, אין מיטן פון דער רעכטער זייט, ווען מען קומט אָן פון דער אַריינפאַר־גאַס, האָט זיך געפונען יצחק עניס קראָם. די גרויס פון דער קראָם איז געווען אַ נאָרמאַלע. איבער דער איינגאַנגס־טיר איז געהאַנגען אַ געלער שילד מיט שוואַרצע אותיות. די קעמערלעך און סטראַגאַנעס זענען געווען אָן נעמען. די פאַרבן אויף דעם שילד זענען געווען שוין מאַט פון אַלטקייט. די וואַנט אונטער דער טיר איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ פּאָליצע, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעשטעלט פּושקעס קאָנסערוון און סלאָיען מיט געזייערטע גרינס. אין דער קראָם האָט זיך געפילט אַ געזאַלצענע זויערקייט, וואָס איז געווען פייכטלעך.

אין דער אָפענער טיר, פאַר דעם קאַסע־טיש, איז געשטאַנען אַ לענגלעכער טיש מיט קיילעכיקע לעכער, אין וועלכע עס זענען געווען שיסלען מיט געזייערטע מאכלים: שוואַרצע און גרינע אַליוון, וואָס האָבן געגלאַנצט, קליינע, בלווילעכע געזייערטע באַקלאַזשאַנעס, זויערקרויט, האַרבע פעפערלעך, געזייערטע אוגערקעס און אַ שיסל שוועמלעך. דער קאַסע־טיש איז געווען פאַרלייגט מיט אַלערליי געזאַלצענע קעזן. יעדע עדה יידן האָט ביי יצחקן געפונען אַ קעז, וואָס איז איר געווען פאַרן גומען. אויפן פאָל זענען געשטאַנען פיראַמידעס פון בלעכענע פושקעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען געזייערטע גרינסן. אויפן טיש, לענגאויס דער צווייטער וואַנט, זענען געשטאַנען קעסטלעך מיט סאַרדינען און כל מיני פיש.

די ווענט פון דער קראָם זענען געווען קרעם. דער קאַלך אויף זיי האָט געגלאַנצט פון אַלטקייט. דער פאָל איז געווען פאַרשפּרייט מיט זאַמד. די יידן האָבן גערן געקויפט ביי יצחקן. ער האָט געגעבן אַ גוטע וואָג, גוטע סחורה און עפּעס ביליקער ווי אַנדערע. ביי יצחקן אין קראָם זענען שטענדיק געווען קונים. יצחק איז געווען אַ הויכער, ברייטביייניקער ייד. זיין קאָפּ איז געווען פירקאַנטיק אָן אַ האָר. די שלייפן זיינע זענען געווען גרוי. לויט זיין געשטאַלט זענען די הענט זיינע געווען אַ ביסל צו קורץ. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם ווי ער זאָל מעסטן די טריט. ער האָט געהאַט דריי זין און אַ טאָכטער. די עלטערע צוויי זין זענען געווען אויסגעגעבן. אברהם האָט געהאַט אַ קראָם אין פליימאַרק אין יפו. ער האָט פאַרקויפט אַנטיקן פון מעש. ציון, דער צווייטער זון, האָט פאַרקויפט גרינס אין אַ סופּערמאַרקעט. די דריטע איז געווען די טאָכטער, שושנה, זי האָט געאַרבעט אין דער באַנק, ווו יצחק האָט געמאַכט זיינע טראַנזאַקציעס.

ברוך, דער יינגסטער זון, האָט געאַרבעט מיטן פאָטער אין געשעפט. די עלטערע צוויי זין זענען געווען ענלעך צום פאָטער. אויך ברוך, — ער איז נאָר געווען נידעריקער. זיין פּנים איז געווען קיילעכיק, ווי ביי דער מוטער. ברוך האָט באַדינט די קונים העפלעך. דער פאָטער האָט איינגעקויפט די סחורות. דאָנערשטיק, ווען די יידן האָבן איינגעקויפט אויף שבת, איז יצחק אויך געשטאַנען אין קראָם. יצחק האָט נישט געטראָגן קיין באָרד, אָבער אַ מעסער האָט נישט באַרירט זיין פּנים. זייער אָפט איז די טונקעלע הויט פון זיין פּנים געווען באַוואַקסן מיט דיקע קורצע האָר. ברוך, אַז ער האָט געוואָלט צו עפּעס דערלאַנגען, האָט געמוזט איבערבייגן זיך איבערן טיש, צוליב זיין וווּקס. אָבער ער האָט נישט גערוט, אויב עס איז נישט געווען קיין קונה האָט ער איבערגעקליבן און איבערגעלייגט די סחורות.

דער נאָכמיטאָג איז געווען דורכזיכטיק, אָבער אין קוואַרטאַל האָט זיך געפילט אַ פאַרנעפּלקייט. די אָנגעוואַרעמטע ערד האָט נישט פונאַנדערגעפּירט די אָנגעזאַמלטע דורכן טאָג ריחות. אַ פייכטע זויערקייט האָט אויסגעפילט די געסלעך. פון איבער די פאַרהויקערטע דעכער האָבן געגומען זיך אַפּירגליטשן בלאָסע, קוים מערקבאַרע שאָטנס. די אָנגעוואַרעמטע אין משך פון טאָג דורך דער זון פענצטער־שויבן האָבן געגלימערט, ווי די שיין זאָל זיך אין זיי לעשן. דאָ און דאָרט האָט

פון אַן אָפענער טיר אַרויסגעקוקט אַ פּרויען־קאָפּ, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל. ווו נישט ווו איז פאַר אַ טיר שטיין געבליבן אַן אויסגעאַרבעטע יידענע אויף צעקראַטשעטע פיס. זי האָט פאַרלייגט די הענט הינטערן בוזעם און געקוקט אין געסל אַריין ווי זי זאָל אויסקוקן מענטשן. אַ ייִנגל מיט אַ פאַרדרייטן קאַשקעט — דער דאַשיק איבערן קאַרק, איז געלאָפן אין אַ געסל און געקוילערט אַן אַלטע רייף פון אַ ראָווער. אַ מיידל מיט צעפלעך און גרויסע, אויפגעריסענע שוואַרצע אויגן, האָט איילִיק געטראָגן אַהיים אַ שטייסל גרויסע, דינע, הייסע פּיתּהס.

ביים סוף פון דעם גענוג ברייטן געסל, וואָס האָט זיך געצויגן שטייל אַרויף איז געשטאַנען יצחקס הויז. נאָך דעם הויז איז געווען אַ ליידיקער שטח, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט אַ דין געלבלעך אויסגעטראָטן גראָז. דער שטח איז געווען די גרענעץ צווישן צוויי קוואַרטאַלן. דאָ אין דער געגנט האָט יצחק געוווינט ערשט עטלעכע יאָר. זיין הויז איז געווען אַ פּירעק מיט אַ פלאַכן דאַך און איז געווען אַרומגענומען מיט אַ געמויערטן פּאַרקן. פון פאַרנט דעם הויז זענען געוואַקסן עטלעכע קוסטעס זשיראַניום, דריי קוסטעס רויזן און אַ פעפער־קוסט. הינטערן הויז זענען געוואַקסן עטלעכע פּרוכט־ביימער. מיט דעם גאָרטן האָט זיך מתעסק געווען יצחק אַליין. דאָס הויז האָט געהאַט אויף זיך אַ בלויען שפּריץ־טינק, אָבער דער איינגאַנג איז געווען דורך אַ שמאָל פּירקאַנטיק פאַדערהייזל, וואָס האָט פוןביידע זייטן געהאַט צוויי לאַנגע קיילעכיקע פענצטער. דאָס פאַדערהייזל איז געווען באַדעקט מיט אַ קאָפּולע.

דאָס הויז איז באַשטאַנען פון איין לאַנגן גרויסן אויפנעם־צימער און דריי קלענערע צימערן. יצחק איז געווען דער איינציקער סוחר אין געסל. די רעשט איינוווינער זענען געווען אַרבעטער און גאָסן־הענדלער. אין די ווינקלעך פון די צימערן האָט שוין געהויזט דער טונקל. די שיין אין די פענצטער האָט זיך שוין געזעצט. דאָס ליכט אין די צימערן איז שוין געווען צוגעטענט. די ערשטע שאָטן־סילועטן האָבן גענומען אַפּירקריכן פון די ווינקלען.

אין קיך, ביים טיש אַנטקעגן דעם פענצטער, זי זאָל זען, איז געשטאַנען שרה — די מוטער. זי האָט אין אַ געצינטער מעש־שיסל איבערגעקליבן רייז. שרה איז געווען אַ הויכע, קאַרפּולענטע, פליישיקע פרוי מיט אַ פולן בוזעם. אירע אברים זענען געווען פּראָפּאָרציאָנעלע און אַנזעעוודיקע, גרויע האָר־פּעדעם האָבן אַדורכ־געפלאָכטן אירע שוואַרצע, גלאַנציקע האָר. זיי זענען געווען פאַרקעמט מיט אַ שרינט און פאַרפלאָכטן מיט אַ קאָקס פון הינטן. איר קיילעכיק, פליישיק, גוטמוטיק פּנים איז געווען פונאַנדערגעטיילט מיט אַ לענגלעכער נאָז. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי זיי זאָלן זיין פייכט. זי איז געווען אין די פופציקער יאָרן. אין שטוב איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט דעם שאָרך פון די איבערגערוקטע אין דער שיסל רייז־קערנדלעך, וואָס אירע לאַנגע, דיקע פינגער האָבן איבער־געקליבן. די שאָטנס פון די ווינקלעך האָבן כסדר זיך גערוקט פאָרויס. דער זייגער־טיק־טאַק האָט זיי באַגלייט.

עס האָט זיך דערהערט אַ געפּילדער אין גאַס. די פּאַרטקע האָט אַ סקריפּ געטאָן און זיך פאַרקלאַפּט. די מוטער האָט אויסגעגליכן איר רוקן. איר האַנט איז ליגן געבליבן אין דער שיסל. אירע נאָז־לעפלעך האָבן אַ פלאַטער געטאָן. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן ווי זי זאָל אויסקוקן. זי האָט דערקענט די שטימען. זי איז אַריין אין שטוב. די איינגאַנגס־טיר האָט אַ סקריפּ געטאָן און זיך אויפגעפּראַלט. יצחק דער זיידע, וועלכער האָט געאַרבעט אין גאָרטן, האָט דורך דער אָפענער טיר ווי אַדורכגעשטופּט די צוויי אייניקלעך. די יינגלעך, אברהמס זין, האָבן זיך געשפּאַרט. יעדער פון זיי האָט געוואָלט אַדורכגיין די טיר דער ערשטער.ביידע יינגלעך האָבן געהאַט גרויסע, קיילעכיקע, שוואַרצע אויגן, געלאָקטע שוואַרצע האָר און האָבן געטראָגן בלויע קאַפּעלעך אויף די קעפּ. אויף יעדן קאַפּעלע איז געווען אויסגעהאַפטן מיט אַ ווייסן פאָדעם דער מגדל דוד און אונטער אים מיט אותיות „ירושלים״. די צוויי יינגלעך זענען געווען ענלעך צו זיך. איינער איז אַלט געווען פינף יאָר מיט אַ האַלב, דער צווייטער — פיר. דער זיידע, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען, האָט געוואָלט זיי נעמען ביי די הענט, אָבער זיי זענען צוגעלאָפן צו דער באָבען. זיי האָבן זיך איינגעטוליעט אין דער ברייט פון איר קלייד ווי אונטער אַ פאָרהאַנג.

די באָבע האָט זיך אָנגעבויגן, געוואָלט זיי אַרומנעמען, אָבער זיי זענען אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט.

ערשט איצט האָט זייער מוטער לונה צוגעמאַכט די טיר נאָך זיך און איז שטיין געבליבן אויפן אָרט. לונה איז געווען הויך און דיקלעך. זי האָט געהאַט אַ לענגלעך, סימפּאַטיש פּנים און שוואַרצע, גלאַנציקע, אונטערגעשוירענע האָר. איר בויך איז געווען אָנגעזעעוודיק. אַ ווילע זענען אַלע געשטאַנען. איינער האָט באַטראַכט דעם אַנדערן. אַלע האָבן גוטמוטיק געשמייכלט.

— ברוכים הבאים! — האָט די באָבע אַ זאָג געטאָן.

— ברוך בנמצא! — האָט די שנור געענטפערט.

דעם זיידנס קאָפּ האָט צוגעשאָקלט.

די יינגלעכס אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן. זיי האָבן כמעט געלאָכט. די זון אין דרויסן, וואָס האָט זיך געזעצט, האָט געגלימערט אויף די פענצטער־שויבן. די פענצטער־העלקייט האָט באַשיינט דעם לאַנגן פירקאַנטיקן טיש. די יינגלעך האָבן נישט אויסגעהאַלטן לענגער. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן לויפן איבערן צימער. די מוטער האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, געוואָלט זיי פאַרהאַלטן. דער זיידע איז זיי נאָכגעלאָפן מיט פאַמעלעכע טריט. די באָבע איז געשטאַנען און געקוקט אויף זיי. אויף איר אויבערשטער ליפּ איז געזעסן אַ באַהאַלטענער שמייכל.

— קינדער, זעצט אייך, איך וועל אייך געבן גוטע זאַכן, — האָט די באָבע אַ זאָג געטאָן.

— אָה! — האָט דער זיידע אַ הויך געטאָן אַ צופרידענער און איינגעקלאַפּט זיך די הענט.

די יינגלעך זענען שטיין געבליבן. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי אײַליק זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם רויטן מיט ברוין געוועבטן דיוואַן.

די באָבע האָט זיך אָנגעבויגן. אַ ווײַלע האָט זי זיך געפּאָרעט בײַ דעם בײַכיקן קופערט.

די יינגלעך האָבן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר רוקן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט די באָבע צוגעטראָגן און אַוועקגעשטעלט פאַר זיי אַ בלוי פּלאַסטיק־טעצל.

די יינגלעך האָבן אויסגעצויגן און פונאַנדערגעשפּרייט די פיס. זייערע אויגן זענען ווידער גרויס געוואָרן. אויפן טעצל זענען געווען: ברוינע, לאַנגע ראָזשינקעס, לאַנגע, קאָלירטע מאַנדל־צוקערלעך, זיס־קיילעכיקע צוקערלעך, וואָס זענען געווען דורכזיכטיק און צוויי שטיקלעך רחת לוקום (אַ מין זשילע־זיסקייט). די יינגלעך האָבן אויסגעשטרעקט די הענט. יעדער האָט געוואָלט אַ כאַפּ טאָן וואָס מער.

זייער מוטער האָט זיך אָנגעבויגן און דאָס נאַשוואַרג פונאַנדערגעטיילט גלייך אויף גלייך.

די יינגלעך האָבן גענומען צמאָקען און בײַסן. זייערע ליפּן האָבן געמליאָסקעט, — זיי האָבן נישט געהאַט קיין צײַט צו קוקן און זען.

דער זיידע איז פון זיי נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט זיי באַטראַכט פון אַלע זײַטן, ווי זיי באַלעקן זיך. זײַנע גרויסע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד. אַמאָל האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און געקוקט ווי זיי קײַען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געקוקט ווי זיי לעקן.

אין צווישן האָט די באָבע אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פּאָרצעלייענעם טעלער מיט געזאַלצענע ערד־ניס און באַניע־קערן.

— לונה! — האָט די שוויגער אַ רוף געטאָן די שנור. שרה, די באָבע האָט זיך אײַנגעקוקט אין די אייניקלעך. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט.

די ווײַבער האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש. לונה האָט אַ נעם געטאָן אַ גאָפּן קערנער פון דער שיסל. שרה האָט איר אונטערגערוקט דעם גרויסן אַש־בעכער, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, זי זאָל האָבן אין וואָס אַרײַנצולייגן די שאָלן.

לונה האָט מיט די ציין געקנאַקט די קערנער, געשלונגען די יאָדרע און אין דעם צווייטן גאָפּן געזאַמלט די שאָלן.

אַ ווײַלע האָט שרה געקוקט אויף דער שנור און געשוויגן.

— די קינדער כאַוּוען זיך? — האָט זי אַ פרעג געטאָן לונהן און באַלד ממשיך געווען: — זיי מאַכן דיר נישט קיין צרות מיטן עסן? — זי האָט אויסגעפרעגט די שנור, ווי זי זאָל זי נישט האָבן געזען אַ לענגערע צײַט, כאָטש זי האָט געוווינט נאָר עטלעכע הײַזער פון איר אין אַ דערבײַיִק געסל.

— ברוך השם! — האָט לונה שנעל איר אַ זאָג געטאָן און זי האָט ווייטער געקנאַקט די קערנער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַ זאָג געטאָן דער שוויגער: — געוועזן בײַ חנהן.

שרה האָט אָנגעשטעלט אויף איר די אויגן.

— אַ זיס מיידעלע, — האָט לונה איר געזאָגט און געקנאַקט ווייטער די קערנער.

שרה, די באָבע האָט געשמייכלט. ציונס ווייב, — חנה, די צווייטע שנור, איז איצט געקומען צו די שווער־און־שוויגער זעלטענער. זי האָט געזייגט שמחהן, אַ האַלב־יעריק מיידעלע.

יצחק איז אַרומגעגאַנגען דעם טיש אין אַ האַלב־רונד. ער האָט אַרומגעקרייזט די שטוביקע. ער האָט געשפּרייזט לאַנגזאַם, האַלטנדיק די הענט הינטער זיך. אין שטוב איז געווען שטיל. מען האָט נאָר געהערט ווי לונה קנאַקט די קערנער, ווי די ייִנגלעך נוטשן און יצחקס טריט ווען ער איז אַראָפּ פון דיוואַן און געטראָטן אויף די באַלאַטעס.

— לונה! — האָט די מוטער זי אַ רוף געטאָן.

די שנור האָט נאָר אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, זי זאָל קענען ווייטער קנאַקן די קערנער און זי אָנגעקוקט.

— האָסט געענוג עסן אין שטוב פאַר דער משפּחה? — האָט שרה איר געפרעגט.

לונה האָט אַרויפגעלייגט אירע ביידע פולע פויסטן אויפן טיש און האָט געזאָגט:

— נישט צו פאַרזינדיקן. קיין מאָל נישט ערגער, — און האָט ווייטער געקנאַקט אירע קערנער.

שרה די מוטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אירע פלייִשיקע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן.

יצחק איז שטיין געבליבן און אַ קוק געטאָן אין פענצטער.

— שושנה דאַרף באַלד קומען, — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום ווייב.

— דאָס עסן איז אויפן פייער, — האָט שרה אים געענטפערט.

לונה האָט געעפנט די פויסט. זי האָט אויסגעשיט די שאָלן און זי האָט ווייטער אָבער פאַמעלעכער געקנאַקט די איינצלנע קערנער, וואָס זענען איר געבליבן אין האַנט.

שרה, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף דער שנור, האָט מיט די הענט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים און דערנאָך זיך אויסגערענגט אַ פינגער פון דער לינקער האַנט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געזאָגט:

— אַז דו וועסט גיין, זאָלסטו פאַרבייגיין די קראָם. ברוך וועט דיר אַהיימגעבן אַ ביסל געזייערטע מאכלים.

— פאַראַן אין שטוב נאָך געגוג. עס וועט סטייען ביז שבת, — האָט לונה זי באַרויִקט.

— גענעדיקט! — האָט שמעון, דאָס קלענערע ייִנגל, אַ זאָג געטאָן. ער האָט מיט די הענט זיך אָפּגעווישט דאָס מויל אָבער ער האָט אַזוי אַנאַך צעשמירט זיך די זיסקייט איבערן גאַנצן פּנים.

— אויך איך! — האָט יצחק, דער בכור, וואָס האָט געהייסן ווי דער זיידע, אים, דעם ברודער, אָנגעזאָגט און צוגעגעבן: — איך האָב געהאַט מער פון דיר.

שמעון האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט פּאַרצויגן אַ ליפּ, ווי ער זאָל וועלן וויינען. דער זיידע, איינהערנדיק זיך ווי די ייִנגלעך רעדן זיך איבער, איז שטיין געבליבן אַ צעשמייכלטער. ער איז צוגעגאַנגען און מיט די פּיס אַרומגענומען שמעונען ווי ער זאָל אים האַלטן אין דער שויס. יצחקן, דעם גרעסערן, האָט ער אַרומגעאָרעמט.

די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן און לאַנגזאַם זיך געעפנט.

— אַה! — האָט שושנה, די טאָכטער, דערשטוינט אַ זאָג געטאָן. די טיר האָט פון זיך אַליין זיך צוגעמאַכט.

די צוויי ייִנגלעך זענען צו איר צוגעלאָפן. זיי האָבן אַרומגעכאַפּט אירע פּיס. זי האָט זיך איינגעבויגן, זיי אַרומגענומען.

— שלום, טייערינקע! — האָט זי אַ זאָג געטאָן זיי און מיט אַן אונטערגעהוי־בענעם קאָפּ געקוקט אויף די פרויען. אַזוי אַרום האָט זי באַגריסט אַלע.

— שלום! שלום! — האָבן אַלע איר געענטפערט. די ייִנגלעך האָבן אַרופּ־געקוקט צו איר. זייערע אויגן האָבן פאַרוווּנדערט זי באַטראַכט. זיי האָבן געשמייכלט.

שושנה איז לאַנגזאַם אַריינגעגאַנגען אין מיטן שטוב. די צוויי ייִנגלעך, וועלכע האָבן געהאַלטן זיך אין איר קלייד, זענען איר נאָכגעגאַנגען. דער זיידע איז זיי נאָכגעגאַנגען, לאַנגזאַם, ווי ער זאָל זיי פירן, זיי זאָלן נישט פאַלן.

די מוטער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער טאָכטער. אויך לונה, די שוועגערין, האָט זי באַטראַכט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אָפּגעבויגן אין אַ זייט.

שושנה איז געווען אַ הויך, שלאַנק מיידל. יעדער אבר אירער איז געווען ווי געטאָקט. איר הויט איז געווען מאַט־ברוין. זי האָט געהאַט אַן אָוואַל פּנים און גרויסע שוואַרצע אויגן מיט געדיכטע ברעמען. איר שטערן איז געווען גרויס. אירע פעך־שוואַרצע האָר זענען געווען אונטערגעשוירן. פון הינטן זענען זיי געווען צונויפגעבונדן ווי אַ ווײדל. זי האָט געטראָגן אַ גראַנאַטענעם ראָק און אַ בלויע בלוזקעלע. די מלבושים זענען געווען אויסגעפּאַסט אויף איר. זי האָט געהאַט ליידיקע הענט. פון איר אָנגעצויגענעם אָרום דער האַנט אַרבל האָט אַרויסגעשטעקט אַ ווייס צונויפגעלייגט טאַשנטיכל.

— לונה, ביסט שוין לאַנג דאָ? — האָט שושנה זי אַ פרעג געטאָן.

— שוין אַ ווײַלע, — האָט זי געענטפערט שושנהן. זי האָט צענומען די קניִען אויפן בענקל און געמאַכט זיך באַקוועם.

— מיר ווילן היינט דאָ שלאָפן, — האָט יצחק, דאָס ייִנגעלע, אַ זאָג געטאָן און אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער.

שושנה און דער פאָטער האָבן זיך צעשמייכלט.

— דו האָסט אַ היים, דו וועסט גיין מיט דיין מאַמען שלאָפן אין שטוב, — האָט די באָבע אים אַ זאָג געטאָן מיט אַ דיקער אָנגעשטעלטער שטימע, ווי זי זאָל זיך בייזערן.

— יאָ! יאָ! — האָט דאָס ייִנגל איר אַ זאָג געטאָן. דער ענטפער האָט געקענט

באַדייטן אַז ער איז מסכּים אָדער אויך, אַז ער שטעלט זיך אַנטקעגן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און אַריינגעלייגט זיין קאָפּ אין איר שויס.

די מוטער האָט אים גענומען אויף זיך.

די באָבע האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

שמעון, דאָס צווייטע יינגעלע, האָט זיך צוגעשטעלט צו דער באָבען. דער זיידע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער באָבע — אונטער זיין נאָז איז געלעגן אַ שמייכל.

— די טאָכטער איז הונגעריק, — האָט שרה אַ זאָג געטאָן. זי האָט מיט די פויסטן זיך אָנגעלענט אין טיש און זי האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט געוואָלט גיין אין קיך אַריין. יצחק איז אַראָפּגעקראָכן פון דער מוטער.ביידע יינגלעך זענען שטיין געבליבן ביי דער באָבען.

— איך האָב געגעסן ביי דער אַרבעט, — האָט שושנה געזאָגט דער מוטער און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

— דאָרט אין שטאָט וועט זי ווערן אַ „וואָז־וואָז״, — האָט לונה אַ זאָג געטאָן און זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן שווער.

יצחק איז געשטאַנען צו איר מיטן רוקן. ער האָט געקוקט אויף דער טאָכטער. די מוטער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

— אָה! — האָט די טאָכטער אַ זיפץ געטאָן.

די שנור האָט אַ קוק געטאָן אויפן שווער. יצחק האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— שוש, ביסט מיד? — האָט די מוטער זי אַ פרעג געטאָן.

— ניין, — האָט שושנה געענטפערט דער מוטער. זי האָט אָבער אַ גענעץ געטאָן און מיט דער האַנט זיך פאַרשטעלט דאָס מויל.

— עסן דאַרף מען אין שטוב, — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן דער טאָכטער און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער. אים אַליין האָבן געאַרט זיינע רייד.

די מוטער האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט און איז אַריין אין קיך. די יינגלעך זענען איר נאָכגעגאַנגען. די מוטער האָט אויסגעלאָשן דאָס גאַז־פייער אונטערן עסן, וואָס האָט זיך געוואַרעמט, און מיט די אייניקלעך צוריק אַריין אין צימער. די אייניקלעך האָבן איצט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דער מוטער. שרה האָט זיך אַוועקגעזעצט דער שנור אַנטקעגן. די מוטער האָט געעפנט דאָס מויל און מיט דער האַנט זיך אַרומגעווישט די אונטערשטע ליפּ.

— נו, וואָס אַזוינס האָסטו געגעסן דאָרט, טאָכטער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן. אויך איצט האָט זי גערעדט גוטמוטיק אָבער אין דעם פרעגן האָט זיך געפילט גרינגשעצונג און פאַרדראָס.

— לאָז געמאַכט, — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט מבטל געמאַכט דעם ענין.

שושנה האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און אַ שלונג געטאָן דאָס שפּייעכץ אין מויל. זי האָט געוואָלט געווינען צייט.

— איך האָב נישט קיין הנאה געהאַט פונעם עסן. דאָס עסן איז געווען זיס

ווי ביי די פּוילישע, — האָט זי געזאָגט. זי האָט געוואָלט צופרידנשטעלן די מוטער און האָט באַלד צוגעגעבן: — אַזוי ווי די מאַמע קאָכט, קאָכט קיינער נישט.

דער פּאָטער האָט אַ שמייכל געטאָן.

לונה האָט אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג צו שושנהן.

— וואָס אַזוינס האָט מען דיר געגעבן צו עסן דאָרט? — האָט די מוטער ווייטער געפרעגט.

די צוויי יינגלעך האָבן גענומען ציען זיך ביי די הענט.

— ניטע! — האָט די באָבע זיי אַ זאָג געטאָן. זי איז נייגעריק געווען צו הערן די טאָכטער. די יינגלעך האָבן זיך באַרויִקט.

— איך האָב געגעסן אַ זופּ פון גרינס און אַ שניצל מיט פּיורע, — האָט שושנה געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ מאכל איז דאָס פּיורע? — האָט די מוטער אַ פרעג געטאָן.

— צעריבענע קאַרטאָפל, מאַמע.

— אוף! אַ פאַרטיקע וויז־וויז, — האָט לונה אַ זאָג געטאָן און האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די פינגער אויף באַשטעטיקונג פון איר „אוף". די יינגלעך האָבן זיך צעלאַכט.

— און מיט וועמען האָסטו דאָרט געגעסן? — האָט דער פּאָטער אַ פרעג געטאָן כלאחר־יד און מיט צוויי פינגער אַ צי געטאָן זיך אַ האָר פון באַק.

שושנה האָט אַ הייב געטאָן אַן אַקסל ווי דעם פּאָטערס פראַגע זאָל זי פאַר־דריסן און האָט אים געענטפערט צעציענדיק די ווערטער: — „מיט די מיידלעך פון דער אַרבעט". דאָס האָט באַדאַרפט זיין קלאָר פאַר אַלע, אָבער זי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק פון דער זייט ווי איר ענטפער האָט געווירקט.

אַלע האָבן געקוקט אויף שושנהן: אפשר וועט זי נאָך עפּעס זאָגן. אין שטוב איז געווען שטיל. די שטילקייט איז געווען אַן אומהיימלעכע.

שושנה האָט געשוויגן. אַ דין פעלדל האָט פונאַנדערגעטיילט איר שטערן. זי האָט נאָכגעטראַכט.

יצחק, דאָס יינגל, האָט אַ זאָג געטאָן: — אוי! — און ער האָט אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער.

אַלע האָבן אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג. דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ קאָפּ און אַ האַלבער קאָפּ, — די וואַנט האָט פאַרשטעלט דעם צווייטן האַלבן, פון צווייטן מיידל. שושנה איז אויפגעשפּרונגען. זי איז געגאַנגען און געעפנט די טיר. דאָס זענען געווען אירע חברטעס.

— שלום, שוש, — האָבן זיי שטיל איר אַ זאָג געטאָן.

שושנה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זי איז געווען קרעמפּירט. ביידע מיידלעך זענען אין איינעם אַדורך דעם חלל פון דער טיר.

— קומט ווייטער, — האָט די מוטער זיי אַ זאָג געטאָן.

— שלום! — האָבן די מיידלעך אַ זאָג געטאָן און זענען אַריין אין שטוב. זיי זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָבן אַ קוק געטאָן אויף שושנהן.

די סיטואַציע איז זיי געווען נישט באַקוועם. דליה איז געווען העכער פון ליזאַן, אָבערביידע מיידלעך זענען געווען נידעריקער פון שושנהן. אַלע זענען זיי געווען מער ווייניקער אין דער זעלבער עלטער. ביידע האָבן געהאַט שוואַרצע, אונטער־געשוירענע האָר. ביידע זענען זיי געווען פּוללייביק. די קליידער אויף זיי זענען געווען אויסגעפּילט.

לונה, די שנור, האָט אָפּגערוקט דאָס בענקל פון טיש. זי האָט געוואָלט זיי בעסער זען. די ייִנגלעך האָבן זיך צוגערוקט צו דער מוטער. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און באַטראַכט די אַריינגעקומענע מיט אויפגעהויבענע אויגן.

— זעצט אייך, — האָט די מוטער פאַרבעטן די מיידלעך.

די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ביידע האָבן אַ קוק געטאָן אויף שושנהן.

— כלה־מיידלעך! ווערט היימיש, — האָט לונה זיי אַ זאָג געטאָן און זיך צעשמייכלט.

די מוטער האָט אַרויפגעלייגט די עלנבויגנס אויפן טיש.

יצחק, דער פאָטער, האָט געמאַכט אַ טריט אין שטוב אַריין ווי ער זאָל וועלן זיי העלפן.

שושנה האָט אַ נעם געטאָן ביידע מיידלעך אונטער די אָרעמס און זיי צוגעפירט צום פענצטער. זיי האָבן אין דרייען זיך איבערגעקוקט.

יצחק, דער פאָטער, האָט זיך צוגערוקט צו אַ טיר. ער האָט זיך אונטער־געלייגט די הענט און זיך אָנגעלענט אין דער פּוטרינע. ער איז געשטאַנען און געקוקט אַראָפּ.

די מיידלעך זענען געשטאַנען נאָענט צו זיך, ווי זיי זאָלן האָבן צונויפגעלייגט די קעפּ און אַרויסגעקוקט פון פענצטער. זיי האָבן גערעדט שטיל, — די שטוביקע האָבן נאָר געהערט אָפּגעהאַקטע ווערטער: געווען, וועסט גיין. שושנה האָט זיי יעדעס מאָל געענטפערט, ווי זי זאָל ברומען.

די מוטער און די שנור האָבן געקוקט אויף זיך, אָבער זייערע אויערן האָבן געהאָרכט. די אייניקלעך זענען געשטאַנען נעבן זייער מוטער, מיט די פּנימלעך צו די מיידלעך.

די מיידלעך האָבן כסדר זיך איבערגערעדט, אָבער די גאַנצע צייט האָט מען ווייטער נאָר געהערט אָפּגעהאַקטע ווערטער: פאַרן, געווען; מורא האָבנדיק מען זאָל זיי נישט אונטערהערן, האָבן זיי פון מאָל־צו־מאָל אַ זאָג געטאָן אַ זאַץ, וואָס האָט זיך נישט געבונדן מיט זייער געשפּרעך. „ס'קלייד מיינס איז צעקנייטשט" — האָט ליזאַ אַ זאָג געטאָן.

די פּנימער פון דער מוטער און דער שנור זענען איצט געווען אָן אויסדרוק, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די מיידלעכס רייד.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט דליה אַ זאָג געטאָן: „געקומען אַ קוק טאָן און זיך פאַרהאַלטן".

לונה האָט זיך אונטערגעהויבן און מיט די היפטן אָפּגערוקט פון הינטער זיך דאָס בענקל. זי איז שטיין געבליבן און זי האָט געזאָגט: — צייט צו גיין!

שרה האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. דער פּאָטער האָט זיך אַוועקגערוקט פון דער טיר. די יינגלעך האָבן געקוקט אויף זייער מוטער. די דריי חברטעס האָבן זיך אויסגעדרייט און געקוקט אין שטוב אַריין.

די מוטער האָט זיך אויסגעדרייט. זי האָט זיך אָנגעבויגן צום בופעט. זי האָט אַרויסגענומען אַ צוגעגרייטן שוין שקאָרמיץ און אים אַריינגעשטופּט דער שנור אין האַנט. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו די אייניקלעך און מיט דער שאַרץ זיי אַרומ־געווישט די אויסגעשמירטע פּנימער. ביידע אין איינעם האָבן אַרומגענומען מיט די הענט איר האַלדז און האָבן זיך צעקושט. איצט זענען די יינגלעך צוגעגאַנגען צו שושנהן. אויך זי האָט געשטעלט אַ טריט פאָרויס. זי האָט זיך אָנגעבויגן און יעדן פון זיי אַ קוש געטאָן.

— זייט געזונט! — האָט די שנור געזאָגט און גענומען גיין.

— גאָט זאָל אייך בענטשן און היטן, — האָט די מוטער זיי געבענטשט און באַגלייט צו דער טיר.

דער זיידע, וואָס האָט געוואַרט, האָט אָנגענומען די אייניקלעך ביי די הענט און איז מיט זיי אַרויס. גייענדיק, האָט ער זיי געפרעגט:

— ווען וועט איר קומען ווידער?

— מאָרגן! — האָבן ביידע אים געענטפערט.

די מוטער איז אַריין אין קיך. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פון טעלער און טעפּ, דאָס קלאַפּן פון דער אויפגעמאַכטער און צוגעמאַכטער טיר פון דער אייזשאַנק.

ערשט איצט, אַז די מיידלעך זענען געבליבן אַליין, האָבן זיי זיך צערוקט ווי זיי זאָלן האָבן באַקומען מער רוים אין שטוב. זיי האָבן גערעדט פרייער. דליה האָט מיט נייגער אַ פרעג געטאָן שושנהן: — האָסט אים געזען היינט?

שושנה האָט זיך אומגעקוקט צי די מוטער הערט נישט, אָבער וועלנדיק זיין זיכער האָט זי איר נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „ניין".

— ווען? — האָט ליזאַ געפרעגט.

— שפּעטער, — האָט שושנה איר אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל איר ענטפערן אויף עפּעס אַנדערש און אַנגעהויבן אונטערברומען. די חברטעס האָבן פאַרשטאַנען. ביידע האָבן איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אַלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט.

דער פאָטער איז אַריין צוריק פון גאַס. ער איז שטיין געבליבן אין דורכגאַנג און אַריינגעקוקט. ער האָט געזען, אַז די מיידלעך היטן זיך אויס. ער האָט אַ טראַכט געטאָן און איז אַריין אין באַדצימער אָפּשווענקען זיך די הענט.

די דריי מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. מען האָט נאָר געהערט דעם וואַסער־שטראָם, וואָס איז גערונען פון קראַן.

— דאַרפסט זיך גרייטן, — האָט ליזאַ אַ זאָג געטאָן שושנהן.

שושנה האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דליה האָט ליזאַן אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער זי זאָל שטיל בלייבן. זיי האָבן געהערט ווי די מוטער רוקט אין קיך שיסלען און טעפּ.

דער פאָטער איז אַריין אין פּאָדערהויז. ער האָט אַראָפּגענומען פון הענגער דאָס רעקל און עס זיך אָנגעטאָן אויפן גרינעם וועסטל, וואָס ער האָט געטראָגן.

ביי יעדער געשעעניש האָבן די מיידלעך זיך איבערגעקוקט. אויך איצט. זיי האָבן געשוויגן, נאָר זייערע גלאַנציקע אויגן האָבן שטום גערעדט.

די מוטער איז שטיין געבליבן אין דער קיך־טיר.

דער פאָטער האָט געעפנט די אויסגאַנג־טיר. „אַ גוטן!" האָט ער אַ זאָג געטאָן. ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. ער איז געגאַנגען צו מנחה־מעריב.

די מוטער איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן. ווען דער פאָטער האָט צוגעמאַכט די טיר נאָך זיך, האָט די מוטער אַ קוש געטאָן זיך די שפּיץ פינגער און זיי צוגעלייגט צו די אויגן. איצט איז זי צוריק אַריין אין קיך.

ליזאַ האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער.

„פאַרנאַכט שוין", — האָט זי געזאָגט.

דליה האָט אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג צו שושנהן. „דו דאַרפסט שוין גיין", — האָט זי איר געזאָגט.

שושנה האָט אַראָפּגעלאָזט די וויִעס. אירע ברעמען־האָר זענען געוועזן שטייף. זי האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער.

— איך גיי זיך אָנטאָן, — האָט זי געזאָגט צו זיי. — איך גיי! — האָט זי אַ זאָג געטאָן הויך די מוטער זאָל הערן.

— טאָכטער, ווו אַהין? — האָט די מוטער זי געפרעגט.

— צו די חברטעס אין שטוב, — האָט זי שנעל איר געענטפערט. די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. שושנה איז אַריין צו זיך אין שטוב. זי האָט געלאָזט אָפן די איינגאַנגס־טיר און הינטער דער אָפענער שאַנק־טיר גענומען זיך איבערטאָן.

די מיידלעך האָבן זיך צוגערוקט און אַריינגעקוקט צו איר. שושנה האָט זיך געאיילט. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי נאָך אַמאָל זיך באַטראַכט אין שפּיגל. פאַרמאַכט די שאַנק און מיט די מיידלעך אַריין אין שטוב. זי איז שטיין געבליבן פאַר זיי די חברטעס זאָלן זי אָנקוקן. זי האָט געטראָגן אַ בלוי מיט אַ טוניק קלייד, שוואַרצע שיך און אַ שוואַרצע האַנט־טאַש. אירע יונגסטע ברוסטן זענען געווען שטראַם.

— דו ביסט שיין! — האָט ליזאַ איר אַ זאָג געטאָן.

— דו געפעלסט יעדן און אים אַוודאי, — האָט דליה אויך אַ זאָג געטאָן און זיך צעשמייכלט, די מוטער זאָל נאָר נישט הערן.

— מאַמע, שלום! — האָט שושנה אַ זאָג געטאָן און זי איז אַוועק צו דער טיר. די חברטעס זענען איר נאָכגעגאַנגען.

— גאָט זאָל דיך פירן מיין קינד, — האָט די מוטער איר געענטפערט און צוגעגעבן: — קום נישט שפּעט.

ביז די מוטער איז צוגעקומען צו דער קיך־טיר האָבן די מיידלעך שוין געהאַט פֿאַרמאַכט די טיר נאָך זיך. די מיידלעך האָבן שושנהן אַריבערגעפֿירט איבער דער פֿאַרטקע.

— זיי מצליח! — האָט ליזאַ איר אַ זאָג געטאָן.

דליה האָט אַ שאָקל געטאָן שושנהן מיטן קאָפּ.ביידע מיידלעך זענען אַוועק צו זיך אין שטוב.

שושנה האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס געסל איז געווען ליידיק. זי האָט זיך געלאָזט גיין.

די שטוביקע ליידיקייט האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער שטילקייט. די מוטער האָט גענומען די שיסל רייז און אַוועק צום פֿענצטער זיי איבערקלייבן.

# ב

דער מאָרגן איז געווען אַ הייסער. די זונען־שטראַלן האָבן פֿון גאַנץ פֿרי שוין געבריט. די לופֿט איז געווען פֿייכט. די צונויפֿגעדריקטע אין קוואַרטאַל הייזלעך האָבן ווי געטריפֿט. די פֿייכטקייט איז געווען אַ שווערע. די באַוועגונגען פֿון די מענטשן זענען געווען פֿאַמעלעכע. זיי זענען שוין געווען מיד.

מענטשן אין די געסלעך האָבן זיך געאײַלט. מענער אין אַרבעטס־מלבושים זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. קינדער, — ווער פֿון זיי איז געגאַנגען געלאָסן און ווער פֿון זיי איז געלאָפֿן אין די שולן. אַן אייזל, מיט אַ פֿולן איבערגעלייגטן איבערן רוקן זאַק, האָט געשטעלט די פֿיס אַ טריט אויף אַ טריט, ווי ער זאָל זוכן דעם וועג. זיינע אַוועקגעשטעלטע אויפֿן אַספֿאַלט קלאָען האָבן אָפּגעהילכט ווי אַן אָנגעריִרטע מיטן פֿינגער פּויק. אין אַ זאַמדיק געסל האָט אַן איבערגעלאָדנטער דריי־רעדער־ביציקלעט געקאָרצט אונטער דער משא. דער געבוקטער איבער אים בעל־הבית האָט אים געשטופּט פֿאָרויס. די מענטשן אין די געסלעך, מענער און ווייבער, האָבן זיך מערסטנטייל געאײַלט אין איין ריכטונג, אין מאַרק אַריין.

אין קצבים־געסל איז געווען אַ שאַטנדיקע היץ. די אַרויסגעלאָזטע פֿון ביידע זייטן הייזלעך דעכלעך איבער די יאַטקעס, האָבן פֿאַרשטעלט די זון. די האַרט אויס־געטראָטענע, איצט פֿייכטע ערד האָט געפּרייכט. דער קוילן־סוואָנד און דער קאָווע־ריח פֿון דעם דערבייִיקן געסל האָבן זיך געמישט מיט דעם בלוט־זויער פֿון די יאַטקעס. די יאַטקעס פֿון ביידע זייטן געסל זענען געווען צעפּראַלט ווי צעדזשאַוועטע מיילער. געווען יאַטקעס, וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט בהמה־פֿלייש, יאַטקעס, וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט שעפּסן־פֿלייש און יאַטקעס, וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט אי שעפּסן־אי בהמה־פֿלייש. אויף די טישן זענען געלעגן פֿונאַנדערגעלייגט פֿאַצענעס פֿלייש. פֿרישע, רויטע, אויסגעשניטענע פֿון אַ בהמה און אויך שטיקער מיט אַ טרוקן, שוין פֿאַרצויגן הייטל. אין די זייטן, אויף די האַקעס, זענען געווען פֿונאַנדער־

געהאָנגען זייטן פלייש און שעפּסן מיט אונטערגעשניטענע העלדזער. ווו־נישט־ווו האָט אַן אָנגערירטער שעפּס זיך פונאַנדערגעשאָקלט און זיינע פאַרגלייזטע אויגן האָבן געגלאַנצט, ווי דער שעפּס זאָל זיך באַדויערן.

אין זייטיקע שמאָלע הייף ביי שעכט־קאַסטנס, וואָס זענען געווען באַלייגט מיט פאַרטריקנטע בלוט־גרינדלען, זענען געשטאַנען שוחטים מיטן חלף אין האַנט און געקוילעט הינער. ביים סוף פונעם קצבים־געסל אין די זייטיקע דאָרט געסלעך, זענען געווען די קראָמען, ווו מען האָט פאַרקויפט די הינער. אין אַ סך פון די קראָמען זענען אויך געווען די שטייגן מיט די עופות. איינצלנע קצבים האָבן אויף אַ טישל אין אַ זייט פאַרקויפט אויך געשאָכטענע הינער. ביי עטלעכע פון די יאַטקעס אין דרויסן אין געסל איז געזעסן אַ פרוי, וואָס האָט גערייניקט בהמה־געדערעם. יעדע פון די פרויען האָט געטראָגן כפכפים (הילצערנע סאַנדאַלן) און זי איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ זאַק. דער קאָפּ אירער איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל ביז איבער די אויערן. כמעט יעדע פון זיי האָט גערויכערט. אַרום די פרויען זענען געווען אויסגעשטעלט שיסלען און שעפלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך געווייקט געדערעם. אין יעדער יאַטקע איז געווען אַן אויפשריפט מיט די דריי אותיות „כשר”. אין יעדער יאַטקע איז געהאָנגען אַ קמיע, וואָס איז געווען געדרוקט מיט קליינע אותיות און האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גרויסן שם המפורש.

אין ראָג פונעם קצבים־געסל, אין דעם געסל מיט די קראָמען, האָט זיך געפונען זכריהס יאַטקע. זכריהס יאַטקע האָט געהאַט צוויי טירן פוןביידע זייטן געסלעך. ביידע טירן זענען געווען פאַרשטעלט מיט טישן. די קונים זענען געשטאַנען אויף דער גאַס. אין ווינקל צווישן די צוויי טישן איז געשטאַנען דער יאַטקע־קלאָץ. אין אַן אַרבעטס־טאָג, ווען עס זענען געווען אַ סך קונים, האָט זכריה פאַרקויפט ביי איין טיש, דער זון ביים צווייטן. זכריה איז געווען אַ הויכער, קאָרפּולענטער ייִד. ער האָט געהאַט שוואַרצע אויגן, געלבלעכע ווייסלען און אַ לענגלעך פּנים. זכריה איז געווען אין די מיטן פערציקער יאָרן. זיינע נידעריק געשוירענע שוואַרצע האָר זענען געווען ווי איבערגעזאַלצן מיט גרויע הערלעך. ער האָט געהאַט קליינע אויערן, גרויסע הענט און אַ קיילעכיקן בויך ווי אַ פּויק. זיין זון, שלום, איז געווען אַ קאָפּיע פון פאָטער. ער האָט געטראָגן באַקנבערד, געהאַט דיקע ליפּן און איז נאָר אַלט געווען איבער די צוואַנציק. זיין טשופּרינע איז געווען פעך־שוואַרץ, די יוגנט איז געלעגן אויף אים. זכריה איז באַלד נאָך דער חתונה געקומען אין לאַנד אַריין. ער איז אַ תושב אין קצבים־געסל שוין יאָרן. ווי נאָר ער האָט צונויפגעקליבן דאָס ביסל געלט, האָט ער דאָ געעפנט אַ יאַטקע. אויך דאָ, אין דעם ווינקל, זיצט ער שוין עטלעכע יאָר. אַלע קענען זכריהן. ער איז אַן אַרבעטס־מענטש. ער פאַרקויפט בהמה־ און שעפּסן־פלייש. די קצבים רופן אים אין דער שטיל דער „איינרייסער”. קיין קצב וויל זיך נישט מיט אים פאַרטשעפּען... ער האָט די „מטבע”, גוט פלייש און אַ סך קונים. דער טאָג גרויט קוים, ווען ער לויפט אין שעכטהויז אַריין. ער באַווייזט שטענדיק זיך צוקלייבן די פליישיקע, נישט פעטע

„שטיקלעך". ער האָט אויך ליב צו טאָן אַ טובה. אַ קצב, וואָס איז אין אַ צרה, לאָזט ער אים אָפּ אַ זייטל אָדער אַ האַלבע בהמה אָן ריווח.

אויף דער גאַס, אין ווינקל צווישן די צוויי טירן, זיצט סירעגע אויף אַ נידעריק בענקעלע, וואָס איז איבערגעדעקט מיט אַן איינגעלייגטער דערקע. אירע פונאַנדערגעשפּרייטע קניִען זענען איבערגעדעקט מיט אַ זאַק. זי איז מיטלוווקסיק און פעטלייביק. יעדעס מאָל, ווען זי בייגט זיך איבער, זעט מען אַרויס פון איר דעקאָלט אירע פליישיקע ברוסטן. זי איז אין די פערציקער יאָרן. די וואָרצלען פון אירע שוואַרצע האָר זענען גרוי. איר קיילעכיק, פליישיק פּנים איז פעט, ווי אויסגעשמירט. אין איר לאַנגן אויערן־לעפּל שטעקט אַ קליין, ווי אַ קנעפּל, אויערינגל. אירע אויגן זענען שטאָל־גרוי. אַרום איר שטייען צעשטעלט שיסלען און שעפלעך, אין וועלכע עס וויקן זיך שעפּסן־פּיסלעך און גדערעם. ביי איר אויף דער שויס, אויפן איבערגעלייגטן איבער איר זאַק, ליגט אַ ברעטל, אויף וועלכן זי עפנט מיט אַ טעמפּער האַק אַ קאָפּ פון אַ שעפּס און זי וועט פון אים אַרויסנעמען דעם מוח.

זכריה איז געשטאַנען אין דער זייט טיש. ער באַדינט זיינע קונים, וואָס שטייען אויף דער גאַס. ער אַרבעט בנעימותדיק. יעדע טייל פלייש איז אים באַקאַנט. ער ווייסט וועלכע חלקים צו געבן דעם קונה. פון מאָל צו מאָל האָט ער אָפּגעוועטשט די בלאַנקנדיקע מעסער־שאַרף אויף דעם שטאָל. ער האָט געשניטן די שטיקער פלייש, וואָס זענען געווען צעהאָנגען איבער דער יאַטקע. יעדער צי זיינער מיטן מעסער האָט אָפּגעשניטן אַ קאַנטיקע אָדער פלאַכע פּריטש. ער וועגט און פּאַקט. דאָס געלט וואַרפט ער אַריין אינעם אַרויסגערוקטן שופלעדל. די פאַרשטעלטע זון באַשיינט די קונים. צווישן זיי און זכריהן איז פאַראַן אַ שאָטן ווי אַ מחיצה. די טירן פון דער קילשאַנק זענען צעפּראַלט. דער טיש, וואָס שטייט ביי דעם קראָמען־געסל, איז אָפּגערייניקט. די מעסערס ליגן אָפּגערוקט אין אַ זייט. שלום שטייט ווי אַ גלאַדיאַטאָר. ער אָטעמט שנעל און וואַרט. ווי נאָר דער פלייש־טרעגער, אַ הויכער פאַרשוין אין אַ בלוי, מיט פאַרטריקנט בלוט יעקל, האָט אים צוגעטראָגן פון אויטאָ אַרויס, וואָס שטייט אויפן הויפטוועג, אַ זייט פלייש, אָדער אַ שעפּס, האָט ער עס אַ צי געטאָן צו זיך, אַריבערגעלייגט עס איבער אַן אַקסל, עס אַוועקגעטראָגן און אויפגעהאָנגען אין קילשאַנק. ווען דער טרעגער האָט אים צוגעבראַנגט דעם צעדזשאַוועטן קאָפּ פון דער בהמה, פון וועלכן עס איז אַרויסגעהאָנגען די צונג און געשלעפּט נאָך זיך די וואַמפּן, ווי אַ זאַק, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרוויקלט די גדערעם, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „חלס!" (געענדיקט).

— אַ יישר־כוח! — האָט שלום אים געענטפערט.

דער טרעגער האָט אים סאַלוטירט און איז אַוועק.

שלום האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם קאָפּ פון דער בהמה און די וואַמפּן אין אַ ווינקל אַריין. ער האָט אָפּגעאָטעמט. זיין שטערן און האַלדז זענען געווען באַדעקט מיט אַ דינעם שווייס. ער האָט זיך אַרומגעווישט מיטן האַנטעך, וואָס איז געהאָנגען

אין דער זייט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאָטער און באַקוקט וויפל קונים עס זענען פאַראַן. ער האָט פאַרזשמורעט אַן אויג און איינגעביסן די אונטערשטע ליפּ. זיין קאָפּ איז הענגען געבליבן אויפן ברוסטקאַסטן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער געזאָגט:

— דו וועסט שוין אָפּפּאַרטיקן די עטלעכע קונים, איך גיי!

— ווו אַהין? — האָט דער פּאָטער אים אַ פרעג געטאָן און אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ.

שלום האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאָטער פון אונטערן שטערן אַפּיר.

זכריה, מיטן מעסער אין האַנט, האָט זיך צוגערוקט צו אים און אים אונטער־געשטעלט אַן אויער.

— צו אַ מיידל! — האָט ער געענטפערט דעם פּאָטער צווישן די ציין.

דעם פּאָטערס פּנים האָט זיך פאַרקרימט. ער האָט געשמייכלט. ער האָט זיך צוריק אָפּגעבויגן און ער האָט ווייטער געשניטן די שוין איינגעשניטענע פּריטשע פליישׁ.

שלום האָט אויסגעטאָן דאָס פאַרבלוטיקטע רעקל, אַראָפּגעלאָזט די פאַר־שאַרצטע העמד־אַרבל, אויפגעבויגן די פאַרלייגטע נאַגאַוויצעס און פאַרקנעפּלט אויף זיך דאָס העמד. ער האָט אַ שטעל געטאָן אַ פוס, זיך איבערגעבויגן אויף אים און האָט אַ גראַבל געטאָן אין שופלעדל. ער האָט די עטלעכע מטבעות אַריינגערוקט אין הויזן־טאַש.

— איך גיי! — האָט ער געזאָגט און איז אַריבערגעשפּרונגען דעם טיש.

סירענע האָט אויפגעהויבן די אויגן און זי האָט באַלד ווייטער געשאָבן די קישקע, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

דער פּאָטער האָט אַ קוק געטאָן ווו אַהין דער זון גייט און גענומען שאַרפן דאָס מעסער. שפּעטער, ווען דער פּאָטער האָט זיך אָפּגעפּאַרעט מיט די קונים און איז געבליבן אַליין, האָט ער מיטן הינטערשטן זיך אָנגעשפּאַרט אין יאַטקע־קלאָץ און אויסגעשטרעקט די פיס.

— ממזר! ער זאָל מיר נאָר נישט פאַרקאָכן אַ קאַשע — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: — יונג בלוט...

איצט האָט זכריה זיך אָפּגעריסן פון יאַטקע־קלאָץ און אַרומגעקוקט זיך. די יאַטקע איז געוועזן ליידיק און ס'איז געוואָרן לאַנגווייליק. ער האָט געעפנט די קילשאַנק און באַטראַכט דאָס פליישׁ, וואָס מען האָט היינט אים געבראַכט.

ער האָט צוריק פאַרמאַכט די קילשאַנק און אַ קוק געטאָן אין געסל אַריין. ער האָט זיך צוגערוקט צום טיש. אים אַנטקעגן האָט זאַוודי געהאַט זיין יאַטקע. ער האָט אויך פאַרקויפט הינער. „קוקוריקו!” — האָט זיך זכריה פונאַנדערגע־קרייעט.

זאַוודי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער זאָל נישט האָבן געהערט. ער האָט געוווּסט, אַז זכריה האָט אים געטשעפּעט.

זכריה האָט מיטן גראָבן פינגער אַ קראַץ געטאָן זיך די שפּיץ גאָמבע און

האָט זיך מיט אַ זייט אָנגעשפּאַרט אין טיש. אים האָט פאַרדראָסן, פאַר וואָס ער האָט באַליידיקט זאַוודין. זאַוודי איז געווען אַ נידעריקער, ברייטביינ־יקער ייד מיט אַ קנאָכיק פּנים. אַ שליץ אין דער לענג האָט פונאַנדערגעטיילט זיין גאָמבע.

שלום איז געגאַנגען און געקוקט אַראָפּ. ער האָט געשטעלט אַ פוס איבער אַ פוס, ווי זיין טראָט זאָל נישט זיין זיכער. די מענטשן־מאַסע, דורך וועלכער ער האָט זיך געטאָרעוועט אַ וועג, האָט ער נישט געזען. ער איז געווען פאַרטראַכט. אין ראָג פון געסל, אין דער מאַרק־גאָס איז ער אינסטינקטיוו שטיין געבליבן.

— שלום, „מורי!" (לערער) — האָט ער באַגריסט דעם בשמים־קרעמער.

— שלום וברכה! — האָט שמאי, וועלכער האָט מיט דער האַנט אויסגעקליבן די באַבעס אין אָפענעם זאַק, אים געענטפערט. שמאי, אַ ייד מיט אַ גרויזלעכער באָרד און פאות, האָט געהאַט לאַנגע, פאַרגעלטע פון טאַבאַק ציין. ער האָט געטראָגן אַ נידעריקע סאַמעטענע פעסקע און אַ וועסט אָן אַרבל איבער זיין ווייס העמד. שמאיס האַנט איז געבליבן שטעקן אין די באַבעס. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף שלומען. ער האָט געוואַרט שלום זאָל זאָגן וואָס ער וויל קויפן. שלום האָט ביי אים איינגעקויפט קליניקייטן, וואָס זענען אים געווען נייטיק אין דער יאַטקע.

שלום האָט מיט אַן עלנבויגן זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ פולן זאַק און געקוקט אַראָפּ.

שמאי איז געשטאַנען אים אַנטקעגן, האָט אים באַטראַכט און געוואַרט.

— שלום! — האָט שלום אַ זאָג געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זאַק און געוואָלט גיין.

— בחורעץ! וואַרט אונטער — האָט שמאי אים אַ זאָג געטאָן און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל, ער זאָל נישט גיין. — וואָס האָט פּאַסירט? — האָט שמאי אים געפרעגט און אים אָנגעקוקט.

שלום האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם בליק. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף שמאין פון אונטערן שטערן אָפּיר און געזאָגט: — „נישט גוט, אַז אַ מיידל עקבערט דעם מוח". זיין לענגלעך פּנים האָט זיך אויסגעקרימט. ער האָט שטיל געלאַכט.

שמאי האָט אויסגעדענט די ליפּן, ווי ער זאָל אַ קוש טאָן.

— שלום! — האָט שלום אייליק אַ זאָג געטאָן נאָך אַ מאָל. ער איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט און איז אַוועק. ער איז געגאַנגען מיט דער מאַרק־גאָס אַרויף מיט שנעלע טריט. יעדן אָנגעטראָפענעם באַקאַנטן האָט ער געקוקט אין פּנים און צוריק אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער פון זיי ווייסט שוין, וואָס אים דריקט.

שלום איז צוגעגאַנגען און ער איז שטיין געבליבן ביי יצחקס קראָם, וואָס האָט אים געבלענדט. אַ קונה איז אַרויס פון קראָם. ברוך האָט איצט באַדינט אַ צווייטן קונה. שלום איז אַריין אין קראָם.

— שלום! — האָט ער געזאָגט צווישן די ציין.

— שלום! — האָט ברוך אים געענטפערט.

שלום איז געשטאַנען אין אַ זייט און געוואַרט. ער האָט דערווייל באַטראַכט די אויסגעסדרטע אין דער פּאָליצע סלאָיען און פּושקעס. זיין מויל איז געווען פאַרמאַכט, זיינע קינבאַקן בולט. ער האָט נישט באַמערקט, אַז די פרוי, וואָס האָט געקויפט, איז אַרויס פון קראָם.

ברוך האָט געוואַרט.

שלום האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. ער האָט דערזען, אַז ער איינער איז נאָר דאָ אין קראָם.

— דריי פּושקעס סאַרדינען, די בעסטע! — האָט ער באַפוילן.

ברוך האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אַרויף צו דער פּאָליצע און האָט אָנגענומען מיט די פינגער די באַשטעלונג.

— אַ שיינע שוועסטער — האָט שלום אַ שטאַמל געטאָן און שטיל צוגעגעבן: — האָסטו... ער האָט זיך באַמיט צו זיין דעליקאַט לגבי ברוכן.

ברוך האָט אַרויפגעלייגט די פּושקעס אויפן טיש און אַרויפגעקוקט צו שלומען. ער איז געווען נידעריקער פון שלומען. זיין קיילעכיק פּנים איז געווען בלאַס. זיינע ליפּן זענען געווען פאַרצויגן. זיי האָבן אויסגעדריקט שפּאָט.

— דריי פונט — האָט ברוך אים אַ זאָג געטאָן און גענומען אויסווישן די פינגער אין דער שטשערקע, וואָס איז געהאָנגען אויפן קאַסע־טיש.

שלום האָט געעפנט דאָס מויל, ווי ער זאָל אָפּאָטעמען און אַ זאָג געטאָן צעציענדיק די ווערטער:

— כ׳וואָלט געוואָלט זי באַקענען.

ברוך האָט אַרויפגעלייגט די האַנט־פלאַכן אויפן קאַסע־טיש, ווי ער זאָל וועלן אין אים זיך אָנהאַלטן. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. זיין לענגלעכע נאָז האָט ווי פונאַנדערגעטיילט זיין צעגליט פון כעס פּנים. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ברוך זיך צוזאַמענגענומען. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און שטיל אָפּגעענטפערט שלומען:

— עס פּאַסט דיר נישט אַזוי זיך אויפצופירן.

שלום האָט אָפּגעלעקט מיט דער צונג אַ שפּיץ פינגער. ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט און ער האָט געזאָגט:

— אַלע אין דעם קוואַרטאַל ווייסן ווער איך בין — מען קען מיין משפּחה...

— אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: — די טאַטעס קענען זיך אָדורכרעדן.

ברוכס פּנים, רויט פון כעס, האָט זיך אויסגעצויגן. די אויגן זיינע זענען אים ווי אַריינגעקראָכן אין פּנים:

— גיי געזונטערהייט, פאַרדריי נישט קיין קאָפּ — האָט ברוך אים אָפּגעענטפערט. ער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און גענומען איבערסדרן די קעזן אויפן טיש.

שלום האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש דריי ניקלנע פונט. ער האָט די מטבעות אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, אַ כאַפּ געטאָן די דריי פּושקעס סאַרדינען און איז אַרויס פון קראָם אָן צו זאָגן „שלום״.

— אַן אויסוווּרף! — איך וועל אַפילו נישט איבערחזרן פאַרן טאַטן — האָט ברוך זיך אַ זאָג געטאָן.

שלום איז געגאַנגען מיט אַ נאַכלעסיקן טראָט, ווי עס זאָל אים גאָרנישט אינטערעסירן. ער האָט אָבער געאָטעמט שנעל און געקריצט מיט די ציין. זיינע קינבאַקן זענען געווען בולט. עטלעכע צענדליק שפּאַן ווייטער, אין מיטן גאַס, איז געזעסן אויף די קני̇ען אַן אַלטער ייד. אויף אַן אויסגעשפּרייט פאַר אים אויפן אַספאַלט זעקל זענען געלעגן פונאַנדערגעסדרט בינטלעך פּעטרישקע, וואָס ער האָט פאַרקויפט. דעם אַלטנס קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ טורבאַן פון אַ האַנטעך. זיין באָרד איז שוין אַלט געווען עטלעכע טעג. זיין פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ בויך פון אַן אונטערגעפליקטער גאַנדז. אים האָט שלום צוגעוואָרפן די פּושקעס סאַרדינען און איז געגאַנגען ווייטער.

דער אַלטער האָט קוים באַוויזן אויפצוהייבן זיינע טריבע אויגן. ער האָט געזען נאָר שלומס פּלייצע.

שלום האָט געקוקט אויף די מענטשן און נישט אונטערשידן די פּנימער. ער איז געגאַנגען און גערעדט צו זיך: — אַזאַ פּרצוף!... — ער האָט כסדר געזען פאַר זיך ברוכן.

מיט אַ מאָל האָט אַ דיק קול אים אַ רוף געטאָן: — שלום!

ער האָט נאָר אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געוואָלט גיין ווייטער.

— טאַלהאָן! (קום אַהער) איך ברענג מזל — האָט אַ הויכער, ברייטביייניקער פאַרשווין אים אַ רוף געטאָן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ער זאָל צוגיין.

שלום האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין אויסגעשטרעקטן פוס, ווי ער זאָל וועלן גיין ווייטער. אַ ווײַלע האָט ער געצעגערט.

— האָסט מזל! — האָט ער אָפּגעענטפערט און גענומען זיך שטופּן דורך די באַלייגטע סטראַגאַנעס מיט גרינסן און אויבסטן.

ביידע יונגע מענער האָבן אַ טרייסל געטאָן מיט די קעפּ, זיך באַגריסט.

— וואָס שטייסטו דאָ? — האָט זשאַקאָ אים געפרעגט.

שלום האָט פאַרקרימט די נאָז, ווי ער זאָל פילן אַ ריח.

— דיינע קישקעס שמעקן בעסער? — האָט זשאַקאָ אים געפרעגט.

שלומס אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן פון כעס.

— ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט — האָט זשאַקאָ אים אויסגערעדט. ער האָט אָנגענומען שלומען ביי דער האַנט און אים אַ ציי געטאָן. ער האָט געוואָלט אים צווינגען, ער זאָל זיך אַוועקזעצן אויפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן. זשאַקאָס האַנט איז געווען אַ דיקע און זי איז געווען באַוואַקסן געדיכט מיט שוואַרצע האָר. די פינגער זיינע זענען געווען קורצע.

שלום האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

לויט די אָנגענומענע אין קוואַרטאַל מנהגים, איז זשאַקאָ געווען שוין אַן אַלטער בחור. ער האָט געהאַט אַן אייגענע קליינע קראָם. ער האָט פאַרקויפט שאַפּן־ און ציגן־קעז. די קראָם האָט אויסגעזען ווי זי זאָל זיין ליידיק. אין קראָם

זענען געווען נאָר עטלעכע פּירקאַנטיקע בלעכן. זיי זענען געווען אָנגעפּולט מיט גרין זאַלצוואַסער און עס זענען אין זיי געלעגן די קעזן. אויף אַ קליין, קורץ טישל, ביי וועלכן עס האָט געפּעלט דאָס שופלעדל, איז געשטאַנען אַ וואָג. זשאַקאָ מיט שלומען זענען געווען אַליין. צו זשאַקאָן זענען די קונים געקומען פאַרנאַכט.

— נו! וואָס שטייסטו? — האָט זשאַקאָ אים אַ פרעג געטאָן. ער האָט מיט די פיס פונאַנדערגערוקט צוויי בלעכן און ווידער אַ צי געטאָן שלומען ביי דער האַנט. ביידע האָבן זיך צוגעזעצט.

זשאַקאָ און שלום האָבן אָפּט זיך געטראָפן. מערסטנטייל ביי מלכן. שלום האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געקוקט פאַר זיך. זיי זענען געזעסן זיך אַנטקעגן.

— רעד! שווייג נישט! — ווער האָט דיך אַ ביס געטאָן? — האָט זשאַקאָ גערעדט צו שלומען.

שלומס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט. איין באַק איז ביי אים געווען הויך, די צווייטע אונטן.

— שלומען בייסט מען נישט — האָט ער אים אָפּגעענטפערט, אָבער ער האָט נישט געקוקט אויף זשאַקאָן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ פרעג געטאָן זשאַקאָן:

— קענסט ברוכן? דעם, וואָס פאַרקויפט, אויבן, אין דער גאַס, די געזייערטע מאכלים?...

— מיר קויפן צוזאַמען ביי כהנען קעז. יצחק, דער טאַטע זיינער, איז אַ בכבודיקער סוחר — האָט זשאַקאָ אים דערציילט.

שלום איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל און האָט שווער געאָטעמט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער מיט כעס אַ פרעג געטאָן זשאַקאָן:

— מיין טאַטע איז נישט קיין בכבודיקער ייד?!

זשאַקאָ האָט אים אָנגעקוקט מיט איין אויגן פון דער זייט. זיין שפּיץ צונג האָט ער אַריינגעשטופּט צווישן די אָפענע ליפּן.

— קאָוע! קאָוע! (קאַווע) — האָט אַ פאַרבייגייענדיק קול אויף דער גאַס גערופן.

— וועסט טרינקען? — האָט זשאַקאָ אים געפרעגט.

— עס איז מיר ביטער אַזוי אויך — האָט שלום אים געענטפערט. ער האָט אויסגעגלייכט דעם קאָפּ און זיך געוואָנדן צו זשאַקאָן: — וואָס עס בריט מיך איז נישט וויכטיק, אָבער וואָס איך בין זיך נישט מוחל, איז דער נאַרישער געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט ברוכן. געדאַרפט מיט אים רעדן ווי אַ מאַן רעדט מיט אַ מאַן.

רעדנדיק האָט ער געוואָרפן מיט די הענט, ווי ער זאָל וועמען שלאָגן. די אָדערן אויף זיין האַלדז זענען געווען אָנגעצויגן.

זשאַקאָ האָט אים געהאָרכט מיט אַן אָפן מויל. אין דעם האַלבן טונקל, ווו זיי זענען געזעסן, זענען זיינע ווייסע ציין געווען נאָך בולטער.

— גייסט זיך טרעפן מיט דיין חברה? — האָט זשאַקאָ אים אַ פרעג געטאָן.

ער האָט שלומען אונטערגערוקט אַ געדאַנק, אַז זיי קענען אים העלפן אין זיין עת־צרה.

שלום האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַ פאַרשעמטער. ער האָט פאַרשטאַנען זשאַקאָס מיין.

— פאַרנאַכט, ווי שטענדיק — האָט ער אים געענטפערט און האָט זיך אויפ־געשטעלט.

— וואָס לויפסטו שוין? במילא נישטאָ וואָס צו טאָן — האָט זשאַקאָ געזאָגט.

— איך מוז גיין העלפן דעם טאַטן, ער איז אַליין אין דער יאַטקע. — ער האָט אויסגעשטרעקט זשאַקאָן די האַנט. דריקנדיק מיט כוח זיין האַנט האָט שלום געזאָגט: — זאָרג זיך נישט פאַר שלומען. אַלע אין קוואַרטאַל וועלן וויסן ווער שלום בן־זכריה איז.

זשאַקאָ האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע.

— שלום! — האָט שלום אַ זאָג געטאָן, צוציענדיק דאָס וואָרט, און ער איז אַרויס פון קראָם.

זשאַקאָ האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די טאַשן. ער האָט מיט די פינגער איבערגעזיפּט זיינע ניקלנע מטבעות.

אין דער מאַרק־גאַס איז שלום שטיין געבליבן. ער האָט פונאַנדערגעקנעפּלט זיך דאָס העמד און פאַרשאַרצט די אַרבל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די מענטשן, ווי ער זאָל אַריבערקוקן איבער זיי, און איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט גע־רויכערט דעם גאַנצן וועג. ער האָט יעדעס מאָל אָנגעצונדן אַ ציגאַרעט און טיף פאַרצויגן. דער ציגאַרעט איז געבליבן יעדעס מאָל שטעקן צווישן זיינע ליפּן אָן אויסגעלאָשענער, ביז ער האָט אָנגעצונדן אַ צווייטן. גייענדיק האָט ער עטלעכע מאָל אָנגעטאַפּט זיך די באַקן, די נישט ראַזירטע באָרד. ער איז געגאַנגען דורך געסלעך, ביז ער איז אַריין אין אַ לאַנג געסל. דאָס געסל האָט זיך געצויגן איבער דער ברייט פונעם קוואַרטאַל. דאָס געסל איז געווען באַלעבט. געווען דאָרט קראָמען.

שלום האָט שוין פון וויטנס געזען בשריס ראַזורע. די זונען־שטראַלן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין זיינע שויבן־פענצטער. בשרי איז געווען דער איינציקער ייד אין געסל וועמען די איינוווינער האָבן גערופן מיטן ביינאָמען. שלום האָט זיך אונטערגעאיילט. ביים איינגאַנג האָט ער זיך פאַרהאַלטן. ער האָט אויסגעשפּיגן דעם ציגאַרעט, פאַרקנעפּלט דאָס העמד און אַראָפּגעלאָזט זיך די אַרבל. דער פריזירער און זיינע קליענטן האָבן אים באַטראַכט דורכן פענצטער. די ראַזורע איז געווען די איינציקע קראָם אין געסל, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנג שויבן־פענצטער און אַ פאַרגלאָזטע טיר. אויפן פענצטער איז געווען אויסגעמאָלן דער נאָמען „יוסף בשרי".

יוסף בשרי איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, דיקלעכער ייד. זיין קיילעכיק פּנים און זיינע שיפע אויגן זענען געווען אָן אויסדרוק. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן כאַלאַט, ווי אַ דאָקטער, און אַ גאָלדענע פענסנע מיט געוויינלעכע גלעזער. די

ברילן האָט ער געטראָגן צוליב חשיבות. אין דער זייט, אויף אַן עטאַזשערקע, זענען געלעגן פראַנצויזישע זשורנאַלן, כאָטש ער האָט געקענט עברית און גערעדט אַראַביש. בשרי איז געווען שלומס שטענדיקער פריזירער. זיין ראַזורע איז געווען אין דער נאָענט פון שלומס היים.

שלום האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר. זי האָט אַ סקריפּ געטאָן. ער האָט איבערגעשפּרייזט די שוועל. — שלום — האָט ער שטיל, ווי געניט, געזאָגט, און האָט פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך.

— שלום וברכה! — האָט בשרי אים געענטפערט מיטן גאַנצן מויל און געצויגן ווייטער די ברייטע איבער די איינגעזייפטע באַקן פונעם מענטש, וואָס איז געזעסן אויפן ראַזירשטול.

שלום האָט זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט דאָס מיליע און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל אין דער זייט. מיט אים אין דער רייע זענען געזעסן נאָך צוויי מענטשן. אַ ייד, אין די מיטעלע יאָרן, אַ געשטופּלטער מיט אַ שפּיציקער נאָז און דער „מאַטראַז", ווי מען האָט אים גערופן אין קוואַרטאַל.

בשרי האָט געאַרבעט אַליין. זיין ראַזורע איז געווען מאָדערן איינגעריכטעט. די שענקלעך זענען געווען באַדעקט מיט העל קרעם פאָרמאַיקע, די לאַנגע שפּיגלען אויף די ווענט האָבן זיך געהאַלטן אויף קלאַמערס. די ראַזירשטול איז געווען אַ דריישטול. אַ שטיקנדיקער ריח פון ביליקן אָדעקאָלאָן, ברילאַנטינע און זייף האָט אויסגעפּולט דעם חלל פון דער ראַזורע. עס איז געווען שטיל. מען האָט נאָר געהערט דעם שאַרך פונעם מעסער, וואָס האָט געשניטן די האָר אויף דער ראַזירטער באַק.

בשרי האָט אַוועקגעלייגט דאָס מעסער. ער האָט אַרומגעווישט דעם קליענטס פּנים מיטן האַנטעכל און אים איינגעפּודערט. ער האָט פון אים אַראָפּגענומען דאָס ליילעך. — ביטע! — האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט דעם קליענט און אַ פּאַכע געטאָן מיטן ליילעך, ווי עס זאָל דונערן.

דער אָפּראַזירטער, אַ נידעריקער, דיקער ייד מיט אַ פליישיקער נאָז, האָט אַריינגעטאָן די האַנט אין הויזנטאַש. ער האָט אַרויסגענומען און דערלאַנגט בשרין אַ ניקלנע מטבע. דער ייד האָט שלומען אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק צו דער טיר.

— דער צווייטער אין דער רייע! — האָט בשרי געזאָגט, ווי ער זאָל מכריז זיין אַ וויכטיקע געשעעניש און געוואָרט מיטן ליילעך אין האַנט.

— שוין — האָט דער געשטופּלטער אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגעשטעלט.

שלום איז אים פאַרגאַנגען דעם וועג.

דער ייד האָט אים אָנגעקוקט.

— טרעט מיר אָפּ דיין פּלאַץ — האָט שלום זיך אַ בעט געטאָן ביי אים. אָבער ער האָט נישט געוואָרט יענער זאָל מסכים זיין און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַזירשטול.

דער ייד האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין בענקל.

בשרי האָט אַרומגעהילט שלומען מיטן ליילעך און האָט אַ טאָפּ געטאָן זיין באָרד. בשרי האָט געהאַט קורצע פינגער.

— האָסט מזל, וואָס נישט קיין בחורה איז געווען פאַר דיר — האָט ער געזאָגט שלומען. ער האָט פאַרגרינצלט די באַקן, ווי ער זאָל לאַכן, און ער האָט גענומען גרייטן דעם פענדזל מיט דער זייף.

— בחורות! אַלע דאַרפן זיי נאָר יענע זאַכן! — האָט שלום זיך צעשריגן און זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל, ווי ער זאָל אונטערשפּרינגען. דער אַנגעזאַמלטער אין אים כעס און בושה האָבן פון אים אַרויסגעשריגן.

דער מאַטראָז, אַ הויכער, ברייטבייניקער ייד, האָט זיך אָנגעבויגן, ווי ער זאָל ווען אָנקוקן שלומען און האָט אים געזאָגט: — דער מאַמעס מילך איז נאָך ביי דיר אויף די ליפּן און דו ווייסט שוין וואָס פרויען זענען.

דער געשטופּלטער ייד האָט אָנגעקוקט דעם מאַטראָז און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

דער מאַטראָז האָט געהאַט אַ קאַנטיקן קאָפּ, גרויע שלייפן, גרויע אויגן און אַ לאַנגע, פליישיקע נאָז. אויף זיין דיקער, גרויס באַוואָקסענער לינקער האַנט איז געווען אויסטאַטויִרט אַ וואַסער־פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גלאָבוס.

בשרי האָט אַוועקגעשטעלט דעם פענדזל. שלומס פּנים איז געווען באַדעקט מיט אַ דיקן זייפנשוים. ער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעצויגן די ברייטע אויפן רימען. ער האָט פונאַנדערגעשטעלט די פיס. ער האָט אַ צי געטאָן די ברייטווע איבער שלומס פּנים און האָט אַ קוק געטאָן אויפן מאַטראָז פון אונטערן שטערן אַראָפּ.

שלום האָט אויסגענוצט די רגע, ווען בשרי האָט אַוועקגענומען דאָס מעסער פון זיין באַק, און אַ פרעג געטאָן דעם מאַטראָז:

— און דו ווייסט וואָס אַ פרוי איז?

— זיץ רויק, איך וועל דיך נאָך איינשניידן — האָט בשרי געזאָגט צו שלומען. ער האָט אים אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און גענומען ראַזירן די צווייטע באַק. — אַ פרוי איז אַן איידעלע באַשעפעניש, מען דאַרף קענען אַרומגיין נעבן איר — האָט בשרי צוגעגעבן. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און באַטאָנט יעדעס וואָרט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן מאַטראָז און ווייטער ראַזירט שלומען.

דער מאַטראָז איז געווען אַן איינגייער ביי אים. ווען בשרי האָט געבראַכט אַ פרישן זשורנאַל, האָט דער מאַטראָז אים איבערגעלייענט. דער מאַטראָז האָט פאַרזשמורעט די אויגן. אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע האָט זיך איינגעזעצט אין זיינע מויל־ווינקלען.

— צוציק! — וואָלסט געקענט זיין ביי מיר אַ תלמיד לאַנגע יאָרן — האָט ער געזאָגט צו שלומען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מרוזשענדיק די אויגן זיך איינגעקוקט אין שלומען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ שפּרייז געטאָן צו דער טיר. ער האָט זי אויפגעפּראַלט און זי צוגעקלאַפּט נאָך זיך.

— ווּ איז אַ קאָפּ דרך־ארץ? — האָט דער געשטופּלטער זיך געוואָנדן צו שלומען.

בשרי איז שטיין געבליבן מיט דער בריטווע אין האַנט און באַטראַכט דעם ייד.

— ווער פאַר ווּעמען? — האָט שלום געפרעגט דעם ייד.

— אַ מענטש, געפאָרן איבער ימען, געזען די וועלט — האָט דער ייד נישט אָפּגעלאָזט שלומען. באַלד דערויף האָט דער ייד זיך אויפגעשטעלט — איך וועל קומען שפּעטער — האָט ער געזאָגט בשרין און ער איז נאָכגעגאַנגען דעם מאַטראָז.

— אָבער זוים זיך נישט לאַנג — האָט בשרי אים נאָכגעשריגן — מענטשן, מענטשן — האָט בשרי געררעדט ווי צו זיך און געדרייט מיטן קאָפּ. אים אַליין איז געווען נישט קלאָר וואָס ער וויל זאָגן. ער האָט ווידער אַ נעם געטאָן דעם פענדזל אין האַנט און געזייפט שלומען.

— ווער עס האָט צו זאָגן אינעם קוואַרטאַל, אַ זקן וואָס לעבט פון דער „עלטער־שטיצע” און כאַפּט פיש... — האָט שלום געזאָגט.

— דער מענטש האָט געזען די וועלט — האָט בשרי אים געענטפערט, וועלנדיק הייבן דעם פּרעסטיזש פון מאַטראָז, און ער האָט ממשיך געווען: — דו ביסט דאָ געבוירן, דאָ אויפגעצויגן, דו האָסט נישט אַרויסגעשטעקט די נאָז פון תל־אביב...

עס איז שטיל געוואָרן. מען האָט נאָר געהערט דעם שאָרך פון דער בריטווע, וואָס האָט איבערגעשניטן די האָר. דער איבלדיקער ריח איז איצט געווען נאָך שטאַרקער.

— וואַרט! — האָט שלום אַ זאָג געטאָן.

בשרי איז שטיין געבליבן מיט דער בריטווע אין האַנט.

שלום האָט זיך אַרויפגערוקט אויפן בענקל. ער האָט אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— אַ מיידל האָט מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ — ווי ער זאָל זיך קלאָגן פאַר בשרין.

בשרי האָט נאָך עטלעכע מאָל איבערגעפירט די בריטווע איבער שלומס באַקן. ער האָט מיט די פינגער אָנגעטאַפּט זיין הויט צי ער איז אויסראַזירט און ער האָט פאַרמאַכט די בריטווע. ער האָט זיך איינגעקוקט אין שלומען און אים געפרעגט:

— אַ העלע?

— יאָ — האָט שלום שטיל אים געענטפערט, ווי עס זאָל אים שווער זיין צו רעדן.

בשרי האָט גענומען אַרומפּוצן שלומען און כלאחר־יד אים אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל זיך נישט מישן. יעדער מענטש האָט זיין כבוד און סוד. אַ מאַן אַוודאי.

שלום האָט אָפּגעאָטעמט ווי עס זאָל אים הייס זיין.

— מען דאַרף נאָך נישט רעדן — האָט ער געזאָגט ווי צו זיך.

בשרי האָט אַראָפּגענומען פון אים דאָס ליילעך. שלום האָט זיך אויפגעשטעלט. בשרי האָט אים אַרומגעבאַרשט און אים געזאָגט:

— אויף מיר קענסטו זיך פאַרלאָזן. דיר בין איך שטענדיק גרייט צו העלפן.

שלום האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש אַ פּאַפּירענע מטבע און זי אים דערלאַנגט. — שלום! — האָט ער געזאָגט בשרין און ער איז אַוועק צו דער טיר.

בשרי האָט אים נאָכגעקוקט. באַלד האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און גענומען אויסשאָקלען און צונויפלייגן דאָס ליילעך.

# ג

שלום איז שטיין געבליבן. ער האָט אָפּגעאָטעמט. די לופט האָט אים אָפּגעפרישט. ער האָט זיך אָנגעטאַפּט די באַקן. די גלאַטיקייט האָט אים הנאה געטאָן. ער האָט אַ קוק געטאָן אין הימל אַריין.

— די זון איז שוין הויך — האָט ער צו זיך געזאָגט — אַזוי פיל שעה געלאָזט דעם טאַטן אַליין — האָט ער צוגעגעבן.

דאָס האַרץ האָט אים אַ ציי געטאָן. ער האָט דערפילט הונגער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. „איך וועל אַ שפּרונג טאָן אין שטוב אַריין”, האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן. ער איז געוועזן נאָענט צו זיין היים. ער האָט גענומען שפּרייזן, זיך פאַרנומען אין דעם ערשטן פון לינקס געסל. ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע הייזלעך און איז אַריין אין אַ הויף. ער האָט זיך אַדורכגעשלייכט דורך די עטלעכע קליינע, שמאָלע הייף. ער האָט נישט אָנגעטראָפן קיין מענטשן אויפן וועג. ער איז אַריבערגעשפּרונגען דעם צעבראָכענעם פּאַרקן פון שכן און האָט זיך געפונען ביים איינגאַנג פון זייער הייזל.

דאָס הייזל, אַ שטאָקיק פּירקאַנטיק געבוי מיט אַן אַרויסגערוקטן פּירעק פון אַ צוגעבויט צימער. דער איינגאַנג איז געווען מיט דער ערד גלייך דורך אַ שמאָל פּאָדערצימער. לויט דער גרויס פון הייזל זענען די צימערן געווען נישט גרויס. לויטן מרחק צווישן די פענצטער איז אין יעדן צימער געווען איין פענצטער. פון פּאָדערצימער איז שלום אַריין אין צימער פון רעכטס. דאָס איז געווען די קיך און דאָס עסצימער. אויף דער וואַנט, דער איינגאַנג־טיר אַנטקעגן, איז געווען אַ נישע. די נישע איז געווען די קיך. דאָרט זענען געשטאַנען אַ נאַפט־ און גאַז־אויוון. דערנעבן האָבן זיך געפונען דער וואַסער־קראַן און אַ לאַנגע, דאָפּלטע שיסל פאַר מילכיקע און פליישיקע כלים. אויף דער לינקער זייט זענען געשטאַנען די קילשאַנק און די צוגעבויטע צו דער וואַנט קיך־שענקלעך. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער, הילצערנער טיש מיט צוויי בענק. — „שלום!” — האָט שלום אַ זאָג געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

פֿאַרטונע, די מוטער, האָט זיך אויסגעדרייט צו אים. — „שלום וברכה!" — האָט זי אים געענטפֿערט און אירע ליפּן האָבן אַ פּרעפּל געטאָן. זי איז געווען נידעריק און דיק. אירע גרויע האָר זענען געווען אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל. די ברוסטן אירע זענען געווען אַראָפּגעלאָזט.

— שלום, שלום — האָבן פֿון ווייטנס אים באַגריסט זיינע צוויי קליינע ברידערלעך און זיי זענען צו אים צוגעלאָפֿן. איינער איז געווען עטוואָס גרעסער פֿון אַנדערן. זיי האָבן זיך צו אים געטוליעט און אים באַטראַכט מיט זייערע גרויסע שוואַרצע סאַמעטענע אויגן.

פֿון אָנפֿאַנג איז שלום געווען גלייכגילטיק צו זיי. אָבער באַלד האָט ער יעדן אַרומגענומען מיט אַ האַנט. אין שטוב זענען געווען זיבן קינדער; שלום, דער בכור, פֿיר טעכטער נאָך אים — אַלע זענען געווען אין שול און די צוויי ברידערלעך.

— וואָס הערט זיך? עס קומען קונים? — האָט די מוטער אַ פֿרעג געטאָן שלומען.

שלומס גאָרגל האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, ווי ער זאָל אַראָפּשלינגען דעם ענטפֿער.

—איך שטאַרב עסן! — האָט ער געזאָגט דער מוטער.

— שוין דערלאַנג איך דיר — האָט זי אים געענטפֿערט און זיך גענומען פֿאַרען ביי די טעפּ אויפֿן אויוון.

— שלום, נעם מיך מיט — האָט דאָס גרעסערע ייִנגל זיך געבעטן ביי אים.

— ביידע! — האָט דאָס קלענערע ייִנגל געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן פֿינגער אויף זיך מיטן ברודער.

שלום האָט זיי געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ניין.

— איך אייל מיך. דער טאַטע איז אַליין אין דער יאַטקע — האָט ער געזאָגט די ברידער, די מוטער זאָל הערן.

— שוין, שוין — האָט זי געענטפֿערט און אים צוגעטראָגן אַ טיפֿן טעלער, אין וועלכן עס האָט געשטעקט אַ לעפֿל. די ברידערלעך האָבן זיך אָפּגערוקט פֿון אים. די מוטער האָט אים אַוועקגעשטעלט דעם טעלער און זיך אַוועקגעזעצט אים אַנטקעגן.

שלום האָט אָנגענומען דעם לעפֿל טיף. ער האָט מיט אים צעשניטן דאָס האַרטע איי און עס איבערגעמישט מיט דער טחינה און דעם פֿול (באָבעס). ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טעלער און געגעסן שנעל.

די מוטער האָט זיך אַרומגעווישט דאָס מויל מיט אַן עק פֿון דער שאַרץ און זי האָט אים אַ פֿרעג געטאָן:

— איז ווו ביסטו געווען? — ערשט איצט האָט זי פֿאַרגעזעצט דעם געשפּרעך.

— געווען פֿאַרנומען — האָט ער איר געענטפֿערט און נאָך מער זיך איבערגעבויגן איבערן טעלער, ווי ער זאָל אין אים באַהאַלטן זיין פּנים.

די קינדער זענען געשטאַנען צווישן אים און דער מוטער און געקוקט ווי ער עסט.

— ווו? — האָט די מוטער אים נאָך אַ מאָל אַ פרעג געטאָן נייגעריק.

שלום, ווי ער זאָל נישט האָבן געהערט איר פראַגע, האָט צוגעטראָגן דעם לעפל צום קליינעם ברודערס מויל. דאָס ייִנגל האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט געוואָלט עסן. ערשט איצט האָט שלום געענטפערט דער מוטער:

— געווען אָנקוקן עטלעכע „שטיקלעך" — און ער האָט אַריינגענומען אַ פולן לעפל אין מויל.

— נישט דער טאַטע? — האָט די מוטער פאַרוווּנדערט אים געפרעגט.

שלום האָט מיטן לעפל שוין אָנגעקלאַפּט אין דנאָ פון טעלער.

— וואָס, ער קען זיך אויף מיר נישט פאַרלאָזן? — האָט ער געפרעגט די מוטער.

— אַ געזונט דיר אין די ביינער — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן. זי האָט מיט די שפּיץ פינגער אָנגערירט זיין שטערן און זיי צוגעלייגט צו די ליפּן זיך.

שלום האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אַזאַ עסן ווי ביי דער מאַמען איז נישט פאַראַן — האָט ער אַ זאָג געטאָן און ער איז אַוועק פון טיש. — זייט געזונט! — האָט ער צוגעגעבן און גענומען גיין.

דער מוטערס באַקן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. אירע וואַסער־גרויע אויגן זענען געוואָרן קלעפּיק און זי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. די ייִנגלעך זענען אים נאָכגעגאַנגען. אין הויף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. זיין פּנים איז געווען רויט פונעם עסן. ער האָט פון דער טאַש אַרויסגעגראַבלט צוויי קליינע מטבעות.

— דאָס איז אויף קיי־גומי — האָט ער זיי אַ זאָג געטאָן און זיי דערלאַנגט דאָס געלט.

די ייִנגלעך האָבן אַ כאַפּ געטאָן יעדער זיין מטבע און צוריק אַריינגעלאָפן אין שטוב.

שלום האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון העמד און געלאָזט זיך גיין. ער איז געגאַנגען מיט אַן אויסגעצויגענעם שריט. ער איז אַריין אין דעם קורצן שיפן געסל. ער האָט איבערגעשניטן די הויפטגאַס און ער איז געגאַנגען מיט די זייטיקע געסלעך. ער האָט נישט געוואָלט ווידער זיך שטופן דורך די מענטשן פון מאַרק — די שכנים. ער איז אַריין אין דעם געסל מיט קראָמען פון דער צווייטער זייט אַנטקעגן דעם יאַטקע־געסל. די פאַרשטעלטע זון איבער די דעכער האָט געהיצט. די לופט איז דאָ געווען טוכלע. אין דער געסל־ענגקייט האָט זיך געפילט אַ פוילנדיקע זויערקייט. די קרעמער האָבן געוואַרט און אויסגעקוקט קונים.

שלום האָט שוין פון ווייטנס געכאַפּט אַ קוק וואָס עס הערט זיך ביי זיי אין דער יאַטקע. ער האָט דעם פאָטער דערזען און פאַרשנעלערט זיין גאַנג. ער האָט

אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפן ראַנד פונעם פּאָל, דעם צווייטן אויפן טיש און ער איז אַריינגעשפּרונגען אין דער יאַטקע.

— טאַטע, גיי עסן! — האָט ער געזאָגט צום פּאַטער מיט איין אָטעם.

— ווען איך זאָל וואַרטן אויף דיר מיטן עסן, וואָלט איך געשטאָרבן פון הונגער — האָט דער פּאַטער אים געענטפערט און מיט דער האַנט זיך אַרומ־געווישט דאָס מויל.

שלום האָט אָנגעקוקט דעם פּאַטער.

זכריה איז געזעסן ביים יאַטקע־קלאָץ, ס׳העמד אַריבערגעלאָזט איבער די הויזן, די אַרבל צעקנעפּלט. איבערן יאַטקע־קלאָץ איז געווען פונאַנדערגעשפּרייט אַ ברוין פאַרפעטסט פּאַפּיר. אויפן פּאַפּיר זענען געלעגן ברויט־קרישקעס, עטלעכע קערנדלעך זאַלץ, קערנער פון אַליוון, שאָל פון וווּרשט און אַ ליידיקע בירפלאַש איז געשטאַנען.

— איך האָב געגעסן אין שטוב — האָט שלום דערציילט דעם פּאַטער. ער האָט אים געוואָלט מפּייס זיין און גלייכצייטיק נישט איבערגעריסן דאָס געשפּרעך.

דער פּאַטער האָט אים אָנגעקוקט. ער איז געווען זאַט און דערשטויגט.

שלום האָט פאַרשטאַנען דעם פּאַטערס בליק.

— אין שטוב איז שטיל. די מאַמע פּאָרעט זיך ביי דער ווירטשאַפט — האָט ער איבערגעגעבן דעם פּאַטער.

זכריה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דער תחום אַרום דער יאַטקע איז געווען גרוילעך, שאָטנדיק. סירענע איז נישט געווען אויפן אָרט. איר סחורה, די געדערעם, זענען געווען איבערגעדעקט מיט פונאַנדערגעטרעטענע זעק.

שלום האָט זיך אַרומגעקוקט. זיינע הענט זענען אים איצט געווען איבעריק. ער האָט נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טאָן. אָן צו זאָגן אַ וואָרט איז ער צוגעגאַנגען. ער האָט איינגעשאַלטעט די זעג און געשטעלט זיך זעגן די ביינער, וואָס זענען געלעגן אויף אַ קופּע אין דער זייט. די סביבה האָט זיך ווי אויפגע־וועקט. קצבים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון די יאַטקעס. דער פּאַטער זכריה האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן יאַטקע־קלאָץ. ער האָט זיך אָנגעלענט אויף אים און אַרויסגעקוקט אין גאַס, ווי ער זאָל קוקן אויף אַ פילם־עקראַן.

שלום האָט צונויפגענומען און אַריינגעוואָרפן אין אַ פּיילע די עטלעכע אָנגע־זעגטע שטיקלעך ביינער און האָט אויסגעשאַלטעט די זעג. עס איז ווידער שטיל געוואָרן. שלום האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטערן פּאַטער, ווי ער זאָל וואַרטן.

דער פּאַטער האָט זיך ווי אונטערגעהויבן, ער האָט זיך ווי אויסגעדרייט צו אים און אַ פרעג געטאָן דעם זון, ווי ער זאָל ממשיך זיין ס׳געשפּרעך:

— איז וווּ ביסטו געווען?

שלום האָט אָנגעקוקט דעם פּאַטער, האַלטנדיק די שפּיץ צונג צווישן די ליפּן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

דער פּאַטער האָט אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז ווי ער זאָל זיך גרייטן און ער האָט אים געזאָגט:

— צייט דו זאָלסט ווערן אַ בעל־הבית. — אין דעם טאַטנס רייד האָט זיך געפילט אַ גוטמוטיקער פּאַרלאַנג.

שלומס נאָז־לעפּלעך האָבן אַ פלאַטער געטאָן און ער האָט אָפּגעאָטעמט ווי ער זאָל אַ קרעכץ טאָן.

— איך אין דיינע יאָרן בין בעסער פון דיר געשטאַנען, — האָט דער פּאַטער ווייטער גערעדט.

שלום האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער הערט נישט. ער האָט זיך צוגערוקט צום פּאַטער און זיך אָנגעלענט אויפן טיש. ער האָט זיך צוגעבויגן צום פּאַטער און אים פּאַרטרויט זיין סוד:

— כ׳האָב געוואָרפן אַן אויג אויף אַ מיידל און דער קאָפּ האָט זיך מיר פּאַרדרייט... — זיין פּנים איז געוואָרן לאַנג און ער האָט געפינטלט מיט די אויגן. ער האָט נישט געוואַגט קוקן דעם פּאַטער אין די אויגן.

דער פּאַטער האָט זיך איבערגערוקט אויפן בענקל ווי ער זאָל זיך וועלן אָנשפּאַרן אין אַן אָנלען, כאָטש ער איז געזעסן אויף אַ טאַבאַרעט.

— ווי לאַנג קענסטו זי? — האָט ער אים געפרעגט.

— איך טרעף זי נאָר ווען זי גייט צו דער אַרבעט, — האָט שלום שטיל, אַ פּאַרשעמטער, געענטפערט דעם פּאַטער.

דער פּאַטער האָט איינגעצויגן די ליפּן, דאָס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן ווי די באַקן זאָלן אים האָבן אַריינגעפאַלן און ער האָט אַ פרעג געטאָן דעם זון:

— דאָס הייסט היינט ליבע? — אין די ווערטער זיינע האָט זיך געפילט שפּאָט.

שלום האָט צוגעבויגן זיין קאָפּ, דער פּאַטער זאָל אים בעסער זען און ער האָט געזאָגט ווי ער זאָל זיך פּאַרענטפערן:

— זי האָט בכבודיקע עלטערן. זי אַרבעט אין אַ באַנק.

דער פּאַטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איבערגעקערט זיין האַנט־פלאַך. דאָס האָט באַדייט: — ווער איז זי?

— יצחק, וואָס האַלט די קראָם אויבן אין גאַס. פּאַרקויפט געזייערטע מאַכ־לים, — האָט שלום אים מגלה געווען.

— אַהאָ! — האָט דער פּאַטער אַ דערשטוינטער אַ הויך געטאָן. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף הסכמה און ער האָט אַ זאָג געטאָן: — גוט!...

שלום האָט אָפּגעזיפצט.

דער פּאַטער האָט אים אָנגעקוקט און געפרעגט:

— אַ שיין מיידל?

שלום האָט זיך אָפּגעריסן פון טיש און מיט פּאַטאָס אַ זאָג געטאָן:

— לוקס! אלף־אלף! זי איז הויך און שלאַנק און האָט געטאָקטע פיס.

דער פֿאָטער האָט פֿאַרלייגט איין האַנט אין דער אַנדערער און איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרקוקטער.

דער זון האָט געקוקט אויף אים און געשוויגן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער פֿאָטער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— מען דאַרף גוט אײַנפּעדעמען, דער פּאָדעם זאָל זיך נישט אַרויסגליטשן פֿון דער נאָדל — און באַלד האָט ער צוגעגעבן: — אָבער מײַן זון ברוך השם איז נישט אַוועקצומאַכן. איצט האָט דער פֿאָטער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און האָט געפֿרעגט דעם זון: — דאָס איז די שוין? אַלע אַנדערע גייען אַראָפּ פֿון פּרק?

— אויב זי, יאָ! — האָט שלום דרייסט אים געענטפֿערט.

— און אַז נישט זי? — האָט דער פֿאָטער ווײַטער געפֿרעגט און באַלד ממשיך געווען: — פֿאַר וואָס נישט? איך בין ווייניקער חשוב פֿון זײַן משפּחה? אונדזער משפּחה אין חלב איז רבנים, — האָט זכריה אַ זאָג געטאָן, דער זון זאָל הערן.

שלום האָט געקריגן קוראַזש און ער האָט געזאָגט:

— און דו אַליין? דער גרעסטער קצב אין קוואַרטאַל. אָבער ער האָט נישט געקוקט דעם פֿאָטער אין די אויגן. ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך נישט אויס־רעדן פֿאַרן פֿאָטער וועגן דער סטיטשקע, וואָס ער האָט געהאַט אין דער פּרי מיט ברוכן.

דער פֿאָטער האָט זיך געריבן די באַקן, געקראַצט דעם קאָפּ און געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— יאָ! — און ער האָט אײַנגעקלאַפּט די הענט. — קום אַהער! — האָט ער זיך געוואָנדן צום זון און אים אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג.

שלום האָט זיך צוגערוקט צו אים.

דער פֿאָטער האָט אים אָנגענומען בײַם ראַנד פֿון העמד און פֿאַרטרויט דעם סוד:

— זאָג סירענען זי זאָל אָנשלאָגן דעם שידוך.

דער זון האָט אויסגעגלאָצט אויף אים די אויגן.

— אַז איך וועל מיט איר רעדן, וועט זי באַלד מיינען, אַז איך בין איר שותּף, — האָט ער אויפֿגעקלערט דעם זון.

שלום האָט פֿאַרצויגן די אונטערשטע ליפּ. נאָך דער געשעעניש מיט ברוכן איז דעם פֿאָטערס צוגאַנג געווען נישט זיכער.

דער פֿאָטער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויפֿן זון און האָט ממשיך געווען:

— אָבער גיב איר צו פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ שידוך דאָס דאַרף זײַן, וויפֿל זי וועט פֿאַרדינען און ווי זי זאָל זיך פֿאַרשטעלן דאָרט... — רעדנדיק האָט ער באַלערנט דעם זון. דער פֿאָטער האָט געקוקט אויפֿן זון און געוואַרט.

— גוט! — האָט שלום אַ זאָג געטאָן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכּים.

— סירענע גייט, רעד מיט איר, איך גיי אַוועק, — האָט דער פֿאָטער געזאָגט

און איז אַרויס פון דער יאַטקע דורך דער זייטיקער טיר, סירענע זאָל אים נישט זען.

ווּ ביסטו? — האָט שלום געפרעגט סירענען שוין פון ווייטנס, ווי ער זאָל זיין באַזאָרגט. — קום, קום, — האָט ער שטיל זי אַ רוף געטאָן.

— כיף כאַלאַק? (וואָס מאַכסטו?) — האָט זי זיך מיט אים דערפרייט און באַלד דערויף אים אַ פרעג געטאָן: — ווּ שלייכסטו זיך אַרום גאַנצע טעג? — אירע פליישיקע באַקן זענען איינגעשרומפּן. זי האָט געלאַכט צו אים, אָבער זי האָט זיך באַלד אָנגעבויגן און האָט צונויפגענומען די זעק פון איבער די שיסלען.

שלום איז אַדורכגעקראָכן דורכן טיש. ער האָט זיך צוגעשטעלט צו איר. ער האָט איר געהאָלפן און אינצווישן איר אַ זאָג געטאָן: — איך וויל מיט דיר רעדן.

— רעד, — האָט זי אים אָפּגעענטפערט און געוואָלט זיך אַוועקזעצן אויף איר בענקעלע אַרבעטן.

— קום אין דער יאַטקע, — האָט ער איר געזאָגט ווי ער זאָל שלינגען די ווערטער. ער האָט נישט געוואָלט מענטשן זאָלן הערן.

זי האָט אים אָנגעקוקט. אירע גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט חשד. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, נישט געוווּסט וואָס זי זאָל טאָן.

שלום האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנטפּלאַך אויפן טיש, זיך אָנגעלענט אויף איר און איז אַריינגעשפּרונגען אין דער יאַטקע.

סירענע איז אויפגעשטאַנען. זי האָט זיך אָנגעבויגן און איז אַדורכגעקראָכן אונטערן טיש. זי איז שטיין געבליבן אַ פּאַרסאָפּעטע און געקוקט אויף אים מיט מורא.

ער האָט מיטן פוס אַריינגערוקט דעם טאַבאַרעט אין ווינקל און איר אַ זאָג געטאָן: — „זעץ דיך" — ער האָט געוואָלט די מענטשן אין דרויסן זאָלן זי נישט זען.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַן איבערגעשראָקענע. דאָס קלייד האָט זיך איר אַראָפּגערוקט. אירע פליישיקע קניִען זענען געוועזן אויפגעדעקט. דער שליץ פון אירע בריסטן האָט אַרויסגעשטאַרט. איר בוזעם איז געווען איצט ברייט.

שלום האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און איינגעביסן דעם ראַנד פון דער אויבערשטער ליפּ.

סירענע, דערפילנדיק זיין בליק אויף זיך, האָט אַראָפּגעצויגן דאָס קלייד, איבערגעדעקט זיך די קניִען און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

שלום האָט זיך אַרומגעקוקט צי עס שטייט נישט ווער ביי דער זייט. ער האָט זיך צוגערוקט און איז שטיין געבליבן איר אַנטקעגן.

— סירענע, ביסט מיר אַ שוועסטער? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן. נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — האָסט מיך כמעט אויפגעצויגן...

סירענע האָט אויף אים געקוקט. אירע אויגן זענען געווען אויפגעריסן גרויס.

— דיין טאַטע איז אויך מיינער. מיין טאַטע איז אין גן־עדן, — האָט זי אים געענטפערט שוין אַן אויפגערעגטע.

שלום האָט געשוויגן. ער האָט געוואַרט.

זי האָט זיך אויסגעריבן דאָס פּנים מיט דער האַנטפלאַכן. אירע פינגער זענען געווען דיק, אויסגעאַרבעט.

שלום האָט מער נישט געקענט:

— שוועסטער, העלף מיר! — האָט ער זיך אַ וואַנד געטאָן צו איר.

— איך בין גרייט פאַר דיר צו שפּרינגען אין פייער — האָט זי אים געענטפערט און מיט דער פויסט אַ קלאַפּ געטאָן זיך אין האַרץ. אירע אויגן זענען געווען פייכט. זי האָט געאָטעמט שווער.

— פאַרקנס מיך! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן.

זי איז זיצן געבליבן מיט אַן אָפן מויל.

— מיט וועמען? — האָט זי אַרויסגעשטאַמלט.

— סירענע, דו וועסט גוט פאַרדינען — האָט ער זי פאַרזיכערט.

סירענע איז געקומען צו זיך און זי האָט זיך צערעדט:

— דו ביסט מיין ברודער, אַ זון. מיר זענען זיך ווי מיר זאָלן האָבן געזויגן ביי איין מאַמע... — זי האָט גערעדט שנעל. זי אַליין האָט געוואָלט זיך פאַררעדן. איר פּנים האָט געפלאַטערט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אים אַ פרעג געטאָן:

— וועמען האָסטו זיך אויסגעקליבן? — ווי זי זאָל שלינגען די ווערטער.

— יצחק, וואָס האַלט אין דער מאַרק־גאַס די קראָם מיט געזייערטע מאכלים, זיין טאָכטער — האָט ער זיך איר פאַרטרויט.

— אַזוי גאָר?! — האָט סירענע דערשטוינט אים איבערגעפרעגט. אירע אויגן זענען איצט געווען נאָך גרעסער, דאָס מויל פאַרצויגן. נאָך אַ ווײַלע האָט זי געזאָגט:

— ער גייט יעדן טאָג דאַווענען.

ער האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל באַשטעטיקן אירע רייד און זיך באַדויערן.

— וועסט מיט אים רעדן? — האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט אָפּגעאָטעמט. זי האָט ווידער איבערגעצויגן דאָס קלייד איבער די קני̇ען און אים אַ זאָג געטאָן:

— איך בין נישט געניט אין די זאַכן.

— עס וועט זיך דיר לוינען — האָט ער זי פאַרזיכערט.

זי האָט געשוויגן און מיט אַ פינגער געגראַבלט זיך צווישן די ציין.

ער האָט געפילט איר אומבאַהאָלפנקייט און האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— ווייסט ווו ער וווינט?

זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט.

— יאָ! אָבער אפשר שיקסטו אַן אַנדערע — האָט זי נאָך געפּרוווט זיך ווערן.

— איך וויל קיינער זאָל נישט וויסן — האָט ער זיך געבעטן.

זי האָט נערוועז זיך געצויגן די האָר, וואָס זענען איר אַרויסגעהאָנגען פון אונטערן טיכל. איר פּנים האָט געפלאַמט.

— וואָס צו זאָגן דאַרף איך דיך נישט לערנען. דו ווייסט פּונקט ווי איך וואָס ביי אונדז איז שטוב טוט זיך. און מיך קענסטו דאָך אַוודאי — האָט ער זי באַלערנט — אָבער איך באַשווער דיך דו זאָלסט זיך פאַר קיינעם נישט אויס־רעדן מיט אַ וואָרט — האָט ער זי געוואָרנט.

— ביסט משוגע? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן און זי האָט אים אָפּגע־שטופּט פון זיך מיט ביידע הענט. איר קיילעכיק פליישיק פּנים האָט געגלאַנצט פון אויפרעגונג. אירע אויגן זענען געווען איבערגעשראָקן.

— וואָרט נישט, דערליידיק דעם ענין — האָט ער זי געבעטן און פאַרלאַנגט.

— ווי מאַך איך דאָס? — האָט זי אַ פרעג געטאָן און זי האָט מיט ביידע הענט זיך געקניפּט די באַקן.

— איך פאַרלאָז מיך שוין אויף דיר — האָט ער זי געמוטיקט.

אירע ליפּן האָבן זיך פאַרשאַרצט, ווי זי זאָל האָבן געעפנט דאָס מויל. זי האָט צו אים געלאַכט.

אין צווישן איז צוגעקומען אַ קונה, אַ ברייטביינער ייד מיט אַ פליישיקער נאָז. סירענע האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך אָפּגערוקט פון שלומען און זיך פונאַנדערגעשריגן: — זכריה! זכריה! — זי האָט נישט געוווּסט וואָס זי דאַרף טאָן.

שלום האָט איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זי זאָל שווייגן. ער האָט געוואָלט צוגיין צום קונה.

זכריה איז אַדורכגעקראָכן אונטערן טיש.

— וואָס דאַרפט איר? — האָט ער זיך געוואָנדן צום קונה און גענומען איבערלייגן די שטיקער פלייש אויפן טיש. ער האָט זיך אויפגעפירט ווי ער זאָל נישט האָבן געהערט, אַז סירענע האָט אים גערופן און אַז זי שטייט הינטער אים.

סירענע איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענע, זי האָט נישט געוווּסט צי זכריה ווייסט וועגן אַלץ. זי האָט שנעל זיך אָנגעבויגן און איז אַרויס פון אונטערן טיש. אין דרויסן האָט זי אייליק זיך אַרומגעקוקט צי מענטשן קוקן אויף איר און האָט שנעל אויף זיך אָנגעצויגן ס׳קלייד. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר טאַבאָרעט און גענומען זיך פאַרען ביי די געדערעם.

שלום האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער. ער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אים געגעבן אַ סימן, אַז דער ענין איז דערליידיקט און איז אַריבערגע־שפּרונגען איבערן טיש. פאַרבייגייענדיק האָט ער שטיל געזאָגט סירענען:

— געדענק!

— איך וועל רעדן פאַר דיר בעסער ווי דו אַליין — האָט זי שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אים געענטפערט, די מענטשן זאָלן אויך זי נישט הערן. זי האָט מיטן מעסער געשאָבן אַ שעפּסן־פּיסל.

שלום האָט איבערגעשפּאַנט דעם שטייליקן נישט ברוקירטן סקווער צווישן

יאַטקע און קראָמען־געסל. אַלע מענטשן פון דאָרט האָבן אים נאָכגעקוקט. ער איז געגאַנגען זיך טרעפן און כאַפּן אַ קיי מיט חברה.

די עטלעכע צעשטעלטע פאַר רעסטאָראַן־טאַבאָרעטן זענען געווען ליידיק. ער איז איבערגעשפּרונגען די טרעפּ און איז שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר. אין חלל פון רעסטאָראַן האָט געשוועבט אַ סוואַנד. די פלאַרעסצענטן אויף די ווענט אַרום האָבן געברענט. די העלע פאָרמייקע־טישן און די בענקלעך האָבן אַרויסגעשיינט פון דער גרויער פאַרסמאָלעטער העלקייט, ווי פון אַ נעפּל אַרויס. דער קאַלך אויף די ווענט איז געווען גרינלעך און גלאַטיק פון אַלטקייט. אויף איינער פון די ווענט איז געהאַנגען אַ בילד. אַ נאַקעטע פרוי איז געווען אַרומגע־הילט מיט טיולן און מלאכלעך זענען געפלויגן אַרום איר.

משולם, דער ממונה איבערן קוילן־אויוון, ווו מען האָט געבאַקן די פליישן, איז געשטאַנען אין דער זייט. ער, אַ הויכער, שלאַנקער בחור אין שלומס עלטער, מיט אַ שוואַרץ געקרייזלטן קאָפּ, האָט שלומען באַגריסט: „שלום!"

שלום האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אים אויסגעשטרעקט אַ פינגער אין דער הויך. דאָס איז געווען זיין באַגריסונג.

— אַהאַלאַן! (ווילקאָמען) — האָבן צוויי איבערגעבויגענע איבערן טיש גע־שטאַלטן, ווי זיי זאָלן אויף אים ליגן, מיט פרייד באַגעגנט שלומען און זיי האָבן זיך אויסגעגליכן. דאָס זענען געווען זיינע חברים, וואָס האָבן אויף אים שוין געוואַרט. ביי זיי אויפן טיש זענען געלעגן צוויי שאַכטלעך ציגאַרעטן און אַ פושקעלע שוועבעלעך.

— שלום! — האָט מלך, דער בעל־הבית, אַ זאָג געטאָן שלומען און צוגערוקט אים אַ טאַבאָרעט צום טיש פון די חברים. די אַרבל פון מלכס העמד זענען געווען פונאַנדערגעקנעפּלט. ער איז געווען מיטלוווקסיק, געהאַט אַ לאַנגע נאָז, אַ דין וואָנצעלע און אַ גלאַטן, גלאַנציקן ווי אויסגעפּעטסטן קאָפּ. ער האָט געהייסן אלימלך, אָבער זיינע געסט האָבן אים גערופן „מלך" — דער קעניג פון חומוס און טער־קישער קאַווע.

ביי די טישן אַרום זענען געזעסן נאָר איינצלנע מענטשן. זיי האָבן געגעסן אָדער געטרונקען.

שלום האָט זיך צוגעזעצט צו די חברים. ער האָט אַרויפגעשטעלט די עלנ־בויגנס אויפן טיש און איינגעריבן זיך די הענט. יעדע זיינע חברים זענען געווען זין פון אַרעמערע ווי ער קצבים. רפאלס פאָטער האָט פאַרקויפט שעפּסן־פלייש, פּרצעס פאָטער האָט פאַרקויפט רינד־פלייש. אַלע דריי זענען געווען ענלעך צו זיך. די זעלבע גרייס און די זעלבע בערך עלטער, נאָר זייערע פּנימער זענען געווען אַנדערש. רפאל האָט געהאַט אַ קיילעכיק פּנים און אַ קורצע, שמאָלע נאָז. פּרץ האָט געהאַט אַ קיילעכיק פּנים, אַ ברייטע גאָמבע און אַ ברייטע נאָז. ביידע האָבן זיך איינגעקוקט. פון זייערע מלבושים האָט זיך געפילט אַ טרוקענע חלב־פעטקייט.

— דערלאַנג — האָט שלום געזאָגט צו מלכן, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט.

ביידע חברים האָבן אָנגעקוקט שלומען; ער איז געזעסן אַנטקעגן זיי.
מלך האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.
שלום האָט אַ זאָג געטאָן נישט קוקנדיק אויף אים:
— דערלאַנג ביר, חומוס, געפּרעגלטע באַקלאַזשאַנען און אַ סאַלאַט.
די צוויי חברים האָבן אָנגעקוקט מלכן. ער איז באַלד אַוועק.
— נו, וואָס הערט זיך? — האָט רפאל זיך אַ ווענד געטאָן צו שלומען.
— פאַרדריפּעט! — האָט ער אים אָפּגעענטפערט.
די צוויי חברים האָבן אים אָנגעקוקט.

שלום האָט געפילט אויף זיך זייער בליק. ער האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם.

— אַ גאַנצן טאָג זיך געסמאַקלט — האָט ער אַ זאָג געטאָן פון יוצא וועגן.

ביידע חברים האָבן פאַרצויגן די ליפּן. דאָס האָט באַדייט, אַז עס איז נישט געפערלעך.

פּרץ האָט גענומען אין האַנט זיין שאַכטל ציגאַרעטן און מכבד געווען שלומען. נישט קוקנדיק איינער אויפן אַנדערן, האָבן אַלע דריי פאַררויכערט און טיף פאַרצויגן. זיי האָבן געררויכערט און געשוויגן. די קנוילן רויך האָבן זיך גע־שלענגלט, אַרומגעהילט זייערע קעפּ און זיך פונאַנדערגעגאַנגען אינעם סוואַנד. דער נעפּל אַרום זיי איז נאָך געדיכטער געוואָרן.

מלך האָט זיי צוגעטראָגן דאָס ביר. ער האָט געהאַלטן די דריי פלעשער־העלדזער צווישן די פינגער. אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן די גלעזער. ער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיי אויפן טיש די פלעשער מיט די גלעזער און איז אַוועק.

זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן פון מויל די רעשטלעך ציגאַרעטן. יעדער האָט אַ נעם געטאָן אַ פלאַש אין האַנט און זיך צוגערוקט אַ גלאָז. יעדער האָט זיך אָנגע־גאָסן דאָס ביר און אַ זופּ געטאָן דורך דעם שוים.
— אַה! — האָט רפאל זיך אַ קוויק געטאָן.
— קאַלט — האָט פּרץ געזאָגט.

אַ נידעריקער ברייטפּלייציקער פאַרשוין, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ קראַטן טישטעך, איז אַרויס פון קיך. ער האָט געהאַט אַ בעלמע אויפן אויג און האָט געקוקט ווי ער זאָל אַוועקקוקן. ער האָט געטראָגן אַ טאַץ מיט פולע טעלער. ער האָט זיי צוגעטראָגן דאָס עסן.

פּרץ האָט אָפּגערוקט אין אַ זייט די שאַכטלעך ציגאַרעטן. דער איינאויגיקער האָט יעדן אָפּגעשטעלט זיין פּאַרציע און איז באַלד אַוועק. אַ ווײַלע האָט יעדער באַקוקט זיין פּאַרציע עסן. יעדער האָט אַ נעם געטאָן אַ פּיתה און אָפּגעקניפּט פון איר אַ שטיקל. זיי האָבן די שטיקלעך פּיתה אַריינגערוקט צווישן צוויי פינגער און מיט דעם שטיקל אַ וויש געטאָן — אַראָפּגענומען פונעם חומוס אויפן ראַנד טעלער און געגעסן.

שלום האָט מיט דעם שטיקל פּיתה צוערשט איבערגעמישט זיין חומוס מיט דער טחינה און אַרויפגעלייגט זיך אויפן ראַנד טעלער אַ רויט פעפערל.

איבערגעבויגענע איבער די טעלער האָבן זיי געריסן שטיקלעך פון דער פּיתה, מיט זיי געווישט דעם חומוס אין טעלער און געגעסן. ביי יעדן ביס, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעשלונגען האָבן זיי זיך באַלעקט.

רפאל האָט זיך אָפּגעבויגן פון טיש און האָט אָפּגעלעקט זיך די פינגער.

— פאַראַן נייעס? — האָט ער געפרעגט שלומען און געגעסן ווייטער.

שלום האָט געגעסן ווי ער זאָל מעלה־גרהן. ער האָט געקוקט אין טעלער אַריין, ער זאָל אים נישט דאַרפן ענטפערן.

רפאל און פּרץ האָבן געגעסן און געמליאַסקעט מיט די ליפּן. פּרץ האָט אַראָפּ־געשלונגען דעם ביסן און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך בין היינט געווען אין שעכטהויז...

— ביי מיר איז געווען דער טאַטע, — האָט רפאל אים געזאָגט און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אַ צווייטער פּיתה. ער האָט אָפּגעריסן אַ שטיקל פּיתה און אַ פרעג געטאָן שלומען: — און דו?

— מיר איז דער קאָפּ פאַרקלאַפּט, — האָט ער זיי געענטפערט און האָט אָנגעביסן פון פעפערל.

פּרץ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט אָנגעקוקט שלומען און ווייטער געקייט. רפאל האָט אַוועקגערוקט דעם ליידיקן טעלער און צוגערוקט זיך דעם סאַלאַט. שלום האָט ביידן צוגעגאָסן אין גלאָז אַריין ביר און געשוויגן.

פּרץ האָט זיך אויסגעגליכן. ער האָט אָפּגערוקט פון זיך דעם סאַלאַט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— היט נישט קיין סוד פאַר אַ חבר...

שלום האָט נאָך שטאַרקער זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און מיטן גאָפּל גענומען אַרויסעסן דעם סאַלאַט פון טעלער, ווו ער איז געשטאַנען.

— אַ קעצל איז אים איבערגעלאָפן דעם וועג, — האָט רפאל זיך אָנגערופן. ער האָט געקייט ווייטער און געשמייכלט. ער האָט געמיינט שלומען.

— אַ קאַץ — האָט שלום אים געענטפערט און געגעסן ווייטער. זיין פּנים האָט זיך אָנגעצויגן, געוואָרן ערנסט.

רפאל און פּרץ האָבן אונטערגעהויבן די קעפּ. זיי האָבן אָנגעקוקט שלומען. זיי האָבן נישט געוווּסט צי זיי דאַרפן זיין ערנסט אָדער שמייכלען.

רפאל האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן טיש. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם גאָפּל, אין דער אַנדערער אַ שטיקל פּיתה.

— און ווו זענען מיר? — האָט ער געפרעגט און גענומען ווייטער עסן.

שלום האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן ווי ער זאָל אים שטיקן. ער האָט געקוקט אין טעלער אַריין און האָט געזאָגט:

— עס איז אַ קעצל מיט אַ ווייכער פעל. מען דאַרף עס גלעטן.

— דו ביסט קאַליע געוואָרן, — האָט רפאל אים געענטפערט.

שלום האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און געשוויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— חברה, עסט ווײַטער — און ער האָט יעדן צוגערוקט אַ טעלער.

אין דעם טיר־דורכגאַנג איז שטיין געבליבן דער „מאַטראָז". ער האָט געטראָגן גראַנאַטענע ברייטע הויזן און אַ פֿאַרמאַכטן אַרום דעם האַלדז, גרינעם סוועדער. שלומען איז דער גאָפּל אַרויסגעפֿאַלן פֿון האַנט. דאָס בלוט איז אים געקומען אין קאָפּ אַרײַן. זײַן פּנים איז געוואָרן רויט.

דער מאַטראָז האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. זײַן אַרײַנקומען האָט נישט געצויגן קיינעמס אויפֿמערקזאַמקייט.

— דער גרויסער, קלענער וואָס שווימט איבער דער יבשה, — האָט שלום שפּאַסיק אָבער מיט כעס אַ שרײַ געטאָן צום מאַטראָז. די חברים זײַנע האָבן איבער־געריסן זייער עסן. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און זיך אײַנגעקוקט אין מאַטראָז. זיי האָבן געוווּסט וועמען שלום מיינט. אויך איינציקע געסט האָבן זיך איצט אומ־געקוקט. ביידע חברים האָבן אָנגעקוקט שלומען. זיי האָבן געוואָלט וויסן וואָס ער וויל.

— איך האָב זיך היינט מיט אים געטראָפֿן ביים פֿריזיער, — האָט ער זיי אויפֿגעקלערט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: — ער האָט געמאַכט זיך וויכטיק.

— כלפּי דיר? — האָט רפֿאל אים געפֿרעגט און ער האָט פֿאַרקריצט די ציין.

— ס'גאַנצע לעבן זיך אַרומגעשלעפּט. איצט וויל ער זאָגן דעות אין קוואַרטאַל, — האָט שלום צוגעגעבן.

— טראָג זיך אָפּ! — האָט פּרץ צו אים אַריבערגעשריגן און זיך אויפֿגעשטעלט. רפֿאלס פֿאַרביילטע פֿויסטן זענען ליגן געבליבן אויפֿן טיש. די געסט האָבן זיך אויסגעדרייט צו זיי מיט די פּנימער.

— מיך מיינט איר? — האָט דער מאַטראָז זיי אַ פֿרעג געטאָן און אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף זיך און געשמייכלט.

מלך איז צוגעלאָפֿן אַ בלייכער פֿון אויפֿרעגונג צום מאַטראָז.

— נתן, קום מיט מיר, — האָט ער זיך ביי אים געבעטן און אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער טיר אין דער זייט.

— האָב נישט מורא, — האָט דער מאַטראָז אַ זאָג געטאָן מלכן און געשמייכלט גוטמוטיק. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז פּאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען פֿון ווינקל. ער איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אין דער נאָענט פֿון זיי.

מלך איז שטיין געבליבן מיט אַן אָפֿן מויל. ער איז געווען ווייס פֿון אויפֿ־רעגונג.

— אַ טערקישע! — האָט מלך איבערגעחזרט משולמען. מלך האָט מורא געהאַט זיי צו לאָזן אַליין.

פּרץ און רפֿאל זענען אונטערגעשפּרונגען. זיי האָבן געוואָלט אַפּירלויפֿן פֿון טיש. שלום איז אויפֿגעשפּרונגען. ער האָט זיי אָנגעכאַפּט ביי די אָרעמס און מיט

כוח זיי צוריק אַוועקגעזעצט. ער און זיי ביידע האָבן געפּרייכט פון כעס. שלום איז געשטאַנען איבער זיי.

משולם האָט צוגעטראָגן דעם מאַטראַז די קאַווע.

דער מאַטראַז האָט מיט אַ שלוק אויסגעטרונקען דאָס גלעזל קאַלט וואַסער און האָט הויך אויפן קול זיך אַ קוויק געטאָן: — אַהה... ער האָט זיך מיט זיי געררייצט.

די דריי חברה האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון בושה.

דער מאַטראַז האָט מיט עטלעכע זופּ אויסגעטרונקען דאָס שעלעכל קאַווע און עס אַוועקגעשטעלט.

די געסט האָבן די גאַנצע צייט זיי באַטראַכט פון אַלע זייטן.

דער מאַטראַז האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך איינגעקוקט אין זיי.

פּרץ און רפאל האָבן פאַרמרוזשעט די אויגן און געקוקט אויף אים פון דער זייט. דער מאַטראַז איז צוגעגאַנגען צו מלכן, — ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער זייט — און האָט מלכן אַריינגערוקט אַ מטבע אין האַנט.

מלך האָט אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן און האָט צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דער מאַטראַז איז אַוועק צו דער טיר. אַלע געסט האָבן אים נאָכגעקוקט.

פּרץ און רפאל האָבן געסאָפּעט פון כעס. שלום האָט זיך אַוועקגעזעצט, ער האָט זיי צוגערוקט די טעלער מיטן עסן. ער האָט מיטן גאָפּל אָפּגעשניטן אַ שטיקל באַקלאַזשאַן און אונטערגעשטעלט זיין מויל.

## ד

די זון האָט געוואַרעמט. די טעג זענען כסדר הייסער געוואָרן. די לופט איז געווען פייכט. אין די געסלעך איז די לופט געווען דעמפיק. די דעמפּיקייט האָט נאָך פאַרשמעלערט די ענגקייט אין די געסלעך. די מענטשן, זייערע באַוועגונגען, זענען געוואָרן לאַנגזאַמער.

אין די טעג געפינט זיך סירענע נישט קיין אָרט, זי קען זיך נישט באַהערשן. זי איז אומרויק, ס'האַרץ קלאַפּט איר ווי עס זאָל זיך וועלן איר אויפרייסן. זי טראָגט אויף זיך דעם עול פון דער שליחות, וואָס זי דאַרף אויספירן. זי גייט ווי יעדן טאָג פריער צו דער אַרבעט, אָבער זי שווייגט. ווי נאָר זי דערזעט אַ באַקאַנט פּנים דרייט זי אַוועק דעם קאָפּ און גייט איילִיק פאַרביי דעם אַנגעטראָפענעם. זי האָט מורא אָנצוקוקן די מענטשן. איר דאַכט זיך, אַז יעדער אַנגעטראָפענער וועט זי פרעגן: — נו, וואָס האָסטו דערליידיקט? נישט איין מאָל האָט זי ביי דער אַרבעט דערפילט אַ רויש אין קאָפּ. זי האָט כסדר זיך אומגעקוקט ווי זי זאָל וועמען זוכן. זי האָט געוואַשן און געפּוצט די געדערעם, אָבער די אַרבעט איז איר נישט געגאַנגען. די הענט אירע זענען געווען שווער, איר אַרבעטס־געניטקייט איז פאַר־

פאַלן געוואָרן. ביים אָפּציען דאָס פּעטס פון אַ קישקע האָט זי זיך געריסן איר אין די הענט. זי האָט שטיל, קוים געענטפערט די קונים. אַ סך קונים אירע האָבן זי איבערגעלאָזט. זי איז דווקא געווען צופרידן דערפון. זיי האָבן איר געשטערט טראַכטן. זי האָט גערעדט צו זיך אָן צו זאָגן די ווערטער. פון אויפרעגונג האָט זי כסדר געגעסן. אַ פאַרטראַכטע, האָט די שויס אירע כסדר זיך פאַנאַנדערגענומען. דאָס ברעט, וואָס איז געלעגן איבערגעלייגט איבער אירע קניען, האָט זיך אַראָפּ־געגליטשט פון איר. זי האָט שלומען און זיין טאַטן נישט געקוקט אין פנים אַריין. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זכריה האָט געהייסן דעם זון רעדן מיט איר. זי האָט געפּוצט די געדערעם און איר האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט, אַז דער קצב שטייט הינטער איר און פרעגט זי: — נו?! ווי נאָר די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָט זי אַ קוק געטאָן אין הימל אַריין און איילִיק צונויפגענומען די סחורה. זי האָט די שעפּלעך, די שיסלען און די כלים אַריינגעשטעלט אין איר קעמערל און האָט געאיילט אַהיים. גייענדיק האָט זי זיך נישט אומגעקוקט ווי זי זאָל מורא האָבן, אַז מען גייט איר נאָך.

אויך אין שטוב האָט זי נישט געהאַט קיין רו. זי האָט זיך געשלייכט איבער אירע צוויי קליינע צימערלעך ווי אַ פויגל אין אַ שטייג. די הענט האָבן זיך איר נישט געלייגט צו קיין אַרבעט. שוין עטלעכע טעג ווי זי רוימט נישט די וווינונג. דאָס האָט געטאָן איצט איר טאָכטער. זי האָט אויך נישט געקאָכט. זי האָט נאָר אויפגעוואַרעמט דאָס, וואָס עס איז געווען אין שטוב. פינף קינדער אירע: צוויי זין און דריי טעכטער, זענען געווען שוין אויסגעגעבן. אין שטוב איז געבליבן נאָר שרינה, די ייִנגסטע טאָכטער, די זעקסטע.

היינט פאַר נאַכט, ווען זי איז אַריין אין שטוב, האָט זי אויפגעפּראַלט און צוגעקלאַפּט די טיר. די טיר איז געווען אַ שמאָלע. זי האָט מיט כוח זיך אַדורכגעשטופּט. צו איר טיר האָט זי געמוזט אַראָפּגיין צוויי שטיגלעך. דאָס איינציקע פענצטער אין יעדן צימער האָט כמעט זיך געגלייכט מיט דער ערד. אין שטוב איז איר אַנטקעגן געקומען די טאָכטער.

— שלום, מאַמע! — האָט די טאָכטער זי באַגריסט.

— שלום, שלום! — האָט סירענע איר שנעל אָפּגעענטפערט.

— ביסט מיד? — האָט די טאָכטער זי געפרעגט.

— אויף דעם בין איך באַשאַפן געוואָרן איך זאָל אַרבעטן און מיד זיין, — האָט זי בייז איר אָפּגעענטפערט.

די טאָכטער, אַ מיטלוווּקסיק מיידל מיט שוין דיקע היפּטן ווי אַ פרוי, האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער פון דער זייט. אירע האָר זענען געווען פעך־שוואַרץ. זי האָט געהאַט אַ באַחנט אָוואַל פנים. אירע ברעמען און וויִעס זענען געווען צוגע־פאַרבט, שוואַרץ. אירע אויגן זענען געווען גרויס ווי אויפגעריסן.

— איך גיי צו דער מומען, — האָט זי אַ זאָג געטאָן דער מוטער און זי האָט אַ שפרייז געטאָן צו דער טיר.

— גיב איר איבער אַ גרוס און קום נישט שפּעט, טאָכטער, — האָט די מוטער

איר נאָכגעשריגן. סירענע האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דעם צימער ווי זי זאָל באַטראַכטן דעם קיילעכיקן ברוין־געפּאַרבטן טיש מיט די בענקלעך און די ווייס־גלאַנצנדיקע קילשאַנק. מיט אַ מאָל האָט זי פֿאַרבראָכן די הענט און אויסגערענקט זיך די פֿינגער. באַלד דערויף האָט זי זיך אַ רייס געטאָן די באַקן און זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין די הינטערשטע דיקע פֿליישן.

— אַ לאַלקע, נאָר מיט איר זיך שפּילן, — האָט זי געזאָגט און באַלד זיך אַ פֿרעג געטאָן: — אָבער ווער? — אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַליין זיך געענטפֿערט: — ער! ווען ער זאָל נאָר וועלן...

זי האָט אויסגעריבן די הענט איינע אין דער אַנדערער ווי זי זאָל זיך וואַשן און מיט אַ ליידיקן גאָפּן אַרומגעווישט זיך ס׳מויל. איצט איז זי אַוועק אין ווינקל דאָרט וווּ עס איז געשטאַנען דאָס שמאָלע הילצערנע טישל — די קיך. זי האָט גענומען זיך פֿאָרען. זי האָט אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טישל אַ טיפֿע אַלומיניום־שיסל מיט עטלעכע גרינסן און אַוועקגעלייגט אַ האַקברעטל. אין איר האַנט האָט אַ האָט אַ בלאַנק געטאָן אַ מעסער. זי האָט געשניטן אַ טאָמאַטע.

די טיר האָט פֿאַמעלעך זיך געעפֿנט. אַ הויכער דאַרער פֿאַרשוין מיט אַ שפּיציקער נאָז און לאַנגע הענט, האָט נאָך זיך צוגעמאַכט די טיר. ער האָט פֿון דער זייט געקוקט אויף זיין ווייב, ווי ער זאָל מורא האָבן זיך אַ ריר טאָן.

זי האָט דערפֿילט אויף זיך זיין בליק. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ:

— נעים, ביסט שוין דאָ? — האָט זי אים געפֿרעגט. זי האָט באַלד ווייטער געשניטן די אוגערקע, געגרייט דעם סאַלאַט.

— יאָ, יאָ, — האָט ער פֿלעגמאַטיש געענטפֿערט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש מיט אויסגעשטרעקטע פֿיס און מיטן פּנים צו איר. ער איז געווען אַ מאַטראַצן־נייער. אַ פֿאַרפֿאָרעטע, נישט פֿאַרזיכטיק, האָט אַן אויפֿגעבלאָזענע טאָמאַטע, וואָס זי האָט געשניטן, איר אַ שפּריץ געטאָן אין פּנים אַריין. זי האָט מיטן גראָבן פֿינגער זיך אויסגעווישט דאָס אויג און געזאָגט:

— אפשר גיי איך צו דעם יונגס מוטער שדכנען אונדזער טאָכטער? — און זי איז שטיין געבליבן מיטן מעסער אין האַנט.

ער האָט געשוויגן, נישט געענטפֿערט איר.

— אָבער ווי קומט אַ געדערעם־פּוצערין צו אַ קצב און דערצו זכריה דער מחותן. — זי האָט זיך געפֿרעגט און זיך געענטפֿערט און ווייטער געשניטן די טאָמאַטע.

ער האָט אויסגעדענט די לינקע באַק און געפּרוווט מיט צוויי פֿינגער ציען אַ האָר פֿון זיין שוואַרצער נישט ראַזירטער באָרד.

— גיי, רייס דיך איין מיטן קצב דעם תקיף, — האָט זי געזאָגט און האַסטיק מיט כעס אַ שניט געטאָן מיטן מעסער די ציבעלע, וואָס איז געלעגן אויפֿן ברעטל.

ער האָט אַריינגעצויגן די פֿיס, זיך אַ וויג געטאָן אויפֿן בענקל, ווי ער זאָל זיך וועלן אויפֿשטעלן און געענטפֿערט:

— גאָט קוקט אַראָפּ. טו, וואָס דיר איז באַשערט.

דאָס מעסער ביי איר האָט שנעלער געקלאַפּט אין ברעטל. זי האָט נערוועז געשניטן די ציבעלע. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער מאַן האָט איר געזאָגט.

— איך בין הונגעריק, — האָט ער איר געזאָגט.

— איך גיב דיר שוין! — איך בין באַלד פאַרטיק, — האָט זי אים געטרייסט.

צומאָרגנס שפּעט נאָך מיטאָג איז נעים געקומען צו סירענען צו דער אַרבעט. ביי די מענטשן אין קוואַרטאַל איז דינסטיק אַ מזלדיקער טאָג. אָבער צוערשט איז נעים צוגעגאַנגען צו זכריהן. — שלום, מואַלים (לערער)! האָט ער אים באַגריסט.

— שלום וברכה! — האָט זכריה אים געענטפערט און האָט אַ דערשוויצטער ווייטער געפּלעט דעם פּלאַנקן וואָס איז געהאַנגען. ער האָט אַפילו נישט אויפגעהויבן צו אים דעם קאָפּ. ער האָט דערקענט נעימען לויטן קול.

— וואָס הערט זיך אין דער משפּחה? די קינדער געזונט? וואָס מאַכט דאָס ווייב? — האָט נעים זיך נאָכגעפרעגט ביי אים.

— חמדילולה (דאַנקען גאָט)! — האָט זכריה אים געענטפערט און האָט מיט ביידע הענט געריסן דעם ביין פון פּלאַנקן אַרויס. זכריה האָט פאַרשטאַנען פאַר וואָס נעים איז געקומען.

נעים האָט זיך אויסגעדרייט און געשפּרייזט צו סירענען.

— איך בין דאָ! — האָט ער איר געזאָגט.

— גוט! — האָט זי אים שנעל געענטפערט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אים אַ גיב געטאָן דאָס מעסער. זיי האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. ער האָט אויסגעטאָן זיינע לאַטשן, אַריינגערוקט זיינע פיס אין די כפכפים (הילצערנע סאַנ־דאַלן), וואָס זי האָט אים אונטערגעשטעלט. ער האָט דעם זאַק אַרומגעבונדן זיך איבער די לענדן. ער האָט אָפּגערוקט דאָס טאַבאַרעטל ער זאָל האָבן אָרט פאַר זיינע לאַנגע פיס. ער האָט זיך איבערגעלייגט איבער די פיס דאָס ברעטל און גענומען פּוצן די גאָדערעם.

סירענע איז געשטאַנען און געקוקט ווי ער זעצט זיך אַוועק. ערשט איצט איז זי אַ באַרוועסע אַוועק זיך וואַשן. זי איז אַריין אין הייפל, וווּ דער שוחט האָט געשאָכטן די הינער.

— רבקה, — האָט זי זיך אַ ווענד געטאָן צו דער הינער־פּליקערין, אַ מיטל־ווּקסיקע, דיקע פרוי; איר קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַן אויסגעפּעטשט טיכל. זי אַליין איז געווען אַרומגעבאַבלט מיט אַ זאַק אַן אויסגעשמירטן מיט בלוט.

— עס איז אָפן, — האָט רבקה צו וויסן געטאָן סירענען. זי האָט געמיינט איר וווינונג.

דער אַריינגאַנג איז געווען דורך אַ גאַניקל. אין שטוב האָט זיך געפילט די זעלבע זויערקייט ווי אין הויף. דאָס מעבל איז געווען ווי אין יעדער דורכשניט־לעכער דירה, דאָרט אין יענער סביבה. אָנזעעוודיק איז געווען דאָס בעט, וואָס איז געווען פאַרבעט הויך מיט אַ סך בעטגעוואַנט. דער טיש מיט די בענקלעך, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער טיר און דער געפלעקטער וואַנטשפּיגל. סירענע האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס בלויע האַרטע לייוונטענע אויסגעפּעטשטע קלייד. זי האָט

זיך אַרומגעוואַשן און זיך איבערגעטאָן. זי האָט אירע שבתדיקע מלבושים געלאָזט דאָ גאַנץ פרי ווען זי איז געקומען צו דער אַרבעט. איצט האָט זי געלאָזט אירע אַרבעטס־קליידער. פאַרבייגייענדיק האָט זי אַ זאָג געטאָן: — רבקה, איך האָב ווידער איבערגעלאָזט אַ פעקל אין ווינקל.

— זיי מצליח! — האָט רבקה איר נאָכגעשריגן, כאָטש זי האָט נישט געוווסט ווו אַהין זי גייט.

סירענע איז אַפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ גוט אויג. פאַרבייגייענדיק די יאַטקע האָט זי אַ זאָג געטאָן זכריהן: — זיי געזונט!

זכריה האָט צוגעלייגט צו דער וואָג אַ שפּיץ פלייש און איר נישט געענטפערט.

— נעים! — האָט סירענע אים אַ רוף געטאָן און איז שטיין געבליבן. ער האָט זי אָנגעקוקט. זיין שפּיציקע נאָז איז נאָך שאַרפער געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף איר ווי ער זאָל שיקלען.

זי האָט געטראָגן אַ דעקאָלטירט ריפּסן שוואַרץ קלייד, וואָס האָט געגלאַנצט, פלאַכע לאַק־שיך. אַ גאָלדענעם רינג מיט אַן איינגעפאַסטער גאָלדענער מטבע אויף וועלכער עס איז געווען אַ קאָפּ פון אַ מלך, אַ גאָלדענע קיילעכיקע בראָש מיט אַ רויטן שטיין און פינף בראַנזאָלעטן האָט זי געטראָגן אויף דער רעכטער האַנט. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ ווייס נאָזטיכל.

— נעים, ענדיק פרי און וואַרט אויף מיר ביים פריזיער אין לאַנגן געסל, — האָט זי אים אָנגעזאָגט און איז אַוועק.

— טייב! (גוט!) — האָט נעים נאָכגעשריגן

זכריה, וועלכער האָט די גאַנצע צייט זי באַטראַכט פון דער זייט האָט איר איצט נאָכגעקוקט.

די זון אויף צוריק איז שוין געווען ווייט פונעם מיט הימל. סירענע האָט געסאַפּעט. זי איז געגאַנגען מיט אַ האַסטיקן טריט כאָטש די שיך האָבן איר געדריקט. דאָס געסל, ווו יצחק האָט געוווינט האָט זיך געשלענגלט אַרויף. די צונויפגעדריקטע, אָנגעלענטע אויף זיך הייזלעך־ווענט האָבן געצוימט די שטילקייט אין געסל. די פענצטער־שויבן זענען געווען מאַט ווי אויסגעלאָשן. ביי אַ נידעריקער וואַנט אונטער אַ שיפּן דאַך זענען זיך אַנטקעגן געזעסן דריי ווייבער אויף אונטער־געבויגענע קניִען. זייערע קליידער זענען געווען איבערגעצויגן איבער זייערע צענומענע שויסן ווי זיי זאָלן וואַשן וועש. און זיי האָבן זיך אַדורכגערעדט. אין מיטן געסל איז געשטאַנען אַ צעקראַטשטע הויכע, פליישיקע יידענע און געקוקט. זי האָט קיינעם נישט אויסגעקוקט, זי האָט פשוט זיך אויסגערוט נאָכן טאָג אַרבעט. די אַלע ווייבער דערזעענדיק סירענען האָבן איר נאָכגעקוקט, געוואָלט זען, ווו אַהין זי גייט. זיי האָבן זי געקענט פון מאַרק.

סירענע האָט געשפּאַנט ווי זי זאָל זיי נישט זען. אָבער פון דער זייט האָט זי געוואָרפן בליקן צי זיי קוקן איר נאָך. סירענע האָט געקענט יצחקס הויז. זי האָט שוין פון ווייטנס געזען די צוויי לאַנגע קיילעכיקע פענצטער און דאָס קאָפּולע־

דעכל — דעם איינגאַנג דאָרט. פון פּחד ווי אַזוי מען וועט זי דאָרט אויפנעמען און אַז די שכנים פון געסל זאָלן זיך נישט דערוויסן נאָך וואָס זי גייט, איז זי דאָס לעצטע שטיקל וועג אונטערגעלאָפן. פון אָנשטרענגונג איז איר אָטעם געווען קורץ. זי האָט מיטביידע הענט־גאָפן אַרומגעווישט זיך דאָס מויל און זי איז מיט אימפּעט אַריין אין פּאָדערהייזל. זי האָט מיט דער פויסט אייליק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער איבערקומען די גרענעץ פון דער אומ־זיכערקייט.

זי האָט נישט געוואַרט אויף אַ תשובה. זי האָט געעפנט די טיר.

— שלום! — האָט זי שטיל געזאָגט ווי עס וואָלט איר שווער זיין צו רעדן. אירע גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט. אַ מאַטער שוויס האָט באַדעקט איר פּנים. די אָפענע טיר האָט זיך אַליין צוגעלענט.

יצחק האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

שרה, זיין ווייב, וואָס איז געזעסן ביים טיש, האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אָפּירגעגאַנגען.

סירענעס אויגן האָבן געשפּיזט יצחקן. זי האָט געוואַרט ער זאָל צו איר רעדן. יצחק איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. ער האָט געוואַרט זי זאָל רעדן. ער האָט געוואָלט וויסן נאָך וואָס זי איז געקומען.

— אַ וויטן וועג געגאַנגען, — האָט סירענע אַ זאָג געטאָן און איז צוגעגאַנגען צום טיש. זי האָט אַרויסגערוקט אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט אָפּגע־אָטעמט און אַ פּאָכע געטאָן מיט דער האַנט־פלאַך.

יצחק מיטן ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט דערשטוינט. זיי אַלע דריי האָבן איצט זיך געפונען אינעם צירקל פון דער פענצטער־שיין. יצחק האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געוויזן דעם ווייב זי זאָל גיין.

שרה איז מיט קליינע טריט, ווי זי זאָל מיד זיין, אַריין אין קיך.

סירענע האָט אָפּגעסאָפּעט ווי עס זאָל איר האָבן גרוים געוואָרן און האָט מיט צוויי פינגער פון ביידע הענט זיך אויסגעווישט די מויל־ווינקלען.

יצחק איז געזעסן דערשטוינט מיט אויפגעריסענע אויגן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט שרה צוריק זיך באַוויזן אין דער אָפענער טיר. זי האָט געטראָגן אַ גלעזערן טעלערל מיט קאָלירטע מאַנדל־צוקערלעך.

יצחק האָט איר אַ ווייז געטאָן מיטן קאָפּ און צו איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט זי זאָל צוריק גיין.

סירענע האָט כסדר געביסן זיך די ליפּן, אַ מאָל די אויבערשטע און אַ מאָל די אונטערשטע. איר פּנים האָט געפלאַמט פון אויפרעגונג. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַ דריי געטאָן אויפן בענקל. זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו יצחקן און אים געזאָגט:

— איך האָב פאַר אייך אַ שידוך... — זי האָט אָפּגעאָטעמט ווי זי זאָל אַ פרייך טאָן. זי האָט גערעדט שנעל ווי זי זאָל שלינגען די ווערטער. זי איז געבליבן

זיצן ווי אַ פּאַרגליווערטע, נאָר אירע אויגן זענען געלאָפן אַהין און צוריק אין אירע אויגן־לעכער.

יצחק איז געבליבן מיט אָן אָפן מויל. זיין לענגלעך פּנים איז געוואָרן נאָך לענגער. זיינע אויגן זענען ווי אויסגעלאָשן געוואָרן.

זי האָט נישט געוואַרט יצחק זאָל זי פרעגן. זי האָט אָפּגעאָטעמט, אַ צעלייג געטאָן די הענט און האָט ממשיך געווען:

— אַ בחור אַ גבור. אַ האַרץ פון אַ טויב. געלט — ביי אַלע יידן געזאָגט. אייער טאָכטער וועט ביי אים האָבן אַ גן־עדן. זי וועט ביי אים לעבן ווי אַ גראַפיניע...

זי האָט גערעדט שנעל, יצחק זאָל איר נישט שטערן, אָבער זי האָט באַטאָנט יעדעס וואָרט.

יצחק האָט געשוויגן, נאָר זיין אויער האָט געהאָרכט. פון אויפרעגונג און אָנשטרענגונג האָט זיין פּנים געצוקט.

סירענע האָט געוואָלט וואָס שנעלער שוין פאַרענדיקן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף יצחקן ווי זי זאָל אים שפּיזן און האָט אַ זאָג געטאָן:

— זכריה קצב קענען אַלע...

די שטילקייט אין שטוב איז געוואָרן שוין אימהדיק. יצחק האָט נישט געקענט אַ ריר טאָן מיט אַן אבר. אויך זי איז געזעסן ווי צוגעשמידט צום בענקל. יעדער קעגנשטאַנד אין צימער, דער בופעט, דער טיש, איז ביי יצחקן אין די אויגן געווען איצט דאָפּלט גרויס.

אירע צעביסענע ליפּן זענען געוואָרן בלוט־רויט. זי האָט געהאַלטן די הענט אויפן בויך. פון אויפרעגונג האָט זי געקייקלט איין גראָבן פינגער איבערן אַנדערן. די שטילקייט האָט איר געקלונגען אין די אויערן. יעדע רגע איז געווען ביי איר אַ שעה. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אָנגעבויגן. זי האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער און האָט אָפּגעזיפצט.

יצחק האָט אויפגעהויבן די אויגן. ער האָט זי אָנגעקוקט ווי ער זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט. ער האָט די שפּיץ פינגער פון זיינס אַ האַנט איבערגעפירט איבער דער לינקער באַק אַרויף, ווי עס זאָל אים בייסן און האָט שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— אין מיין משפחה זענען נישטאָ קיין קצבים.

זי האָט זיך אַ דריי געטאָן ווי זי זאָל אויפשפּרינגען פון בענקל. זי האָט זיך נאָר איינגעקוקט אין יצחקן. זיין ענטפער האָט זי איבערראַשט. די דיקייט, אירע פליישן האָבן ווי געציטערט אויפן בענקל.

— ווער עס קען זכריהן נאָך פון חלב, ווייסט ווער זיין משפחה איז — האָט זי אים געזאָגט, ווי זי זאָל אין אים אַריינרעדן.

יצחק האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. די הויט אַרום זיי איז אים געגרינצלט געוואָרן. זיין ברייטער שטערן האָט זיך צעקנייטשט און ער האָט איר געזאָגט: —

איך האָב פֿאַר איר אַ קרוב... — ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, ווי ער זאָל ציִען די ווערטער.

איצט האָט זיך איר פּנים אויסגעצויגן און זי האָט ווידער פֿאַרביסן די ליפּן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט. — שלום! — האָט זי קוים אַ זאָג געטאָן אונטער דער נאָז און איז אַוועק צו דער טיר. שטייענדיק אין דער אָפֿענער טיר שוין, האָט זי נאָך געזאָגט:

— איר וועט באַדויערן... — און זי האָט נאָך זיך צוגעמאַכט די טיר.

יצחק איז שטיין געבליבן ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אָפּגעזיפֿצט: „עה!" ער האָט גענומען גיין איבער דער שטוב אַהין און צוריק. דאָס צימער איז געווען אים גרויס. גייענדיק איבערן צימער האָט ער אָנגעצונדן דאָס ליכט. די שײַן האָט אַ בלענד געטאָן אים אין די אויגן.

שרה האָט שטיל זיך אַרײַנגעשלייכט אין צימער, ווי זי זאָל מורא האָבן אַז זי וועט צעשטערן די שטילקייט.

— נו?... — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן דעם מאַן.

יצחק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט זיך געשעמט פֿאַרן ווײַב. ער האָט ערשט איצט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט געהערט דעם געשפּרעך. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ. זײַן האַלדז איז ווי לענגער געוואָרן:

— נישט כדאַי צו רעדן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און ווײַטער געשפּרייזט.

שרה האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט ווי זיי זאָלן איר זײַן איבעריק און איז צוריק אַוועק אין קיך.

יצחק האָט איר נאָכגעקוקט. זײַן אונטערשטע ליפּ איז געווען איבערגעלייגט איבער דער אויבערשטער. די טיר פֿון שושנהס צימער האָט זיך געעפֿנט. די טאָכטער איז ווי אַרויסגעפֿאַלן אויפֿן פֿאָטער.

ער איז שטיין געבליבן אַן איבערראַשטער, אָבער זײַן פּנים איז געוואָרן גוטמוטיק. אַ ווײַלע האָבן די בליקן פֿוגעם טאַטן און דער טאָכטער זיך געקרייצט, ער האָט געוואָלט וויסן צי אויך זי האָט אונטערגעהערט.

זי האָט געוואָלט דער טאַטע זאָל מיינען, אַז זי ווייסט פֿון גאָרנישט. זי האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפֿן קלעצל און איז אַוועק צום בופֿעט. זי האָט זיך אָנגעהויבן און געזוכט דאָרט ווי עפּעס זאָל זאָל איר זײַן נייטיק.

ער האָט זיך נישט אײַנגעהאַלטן און האָט זי אַ פֿרעג געטאָן: — „טאָכטער, געהערט? מען רעדט שידוכים". ווי נישט איר זאָל מען האָבן אָנגעשלאָגן דעם שידוך.

שושנה האָט זיך אויסגעדרייט צו אים. זי האָט אָנגעקוקט דעם פֿאָטער מיט גרויסע אויגן, אַן איבערראַשטע, און זי האָט אים געפֿרעגט: — „וואָס?" — און עטלעכע מאָל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ ווי זי זאָל פֿרעגן.

— דאַרפֿסט ווערן אַ כלה — האָט דער פֿאָטער איר געזאָגט. זײַנע אויגן האָבן געקוקט שטאַר, אָבער זײַן קול איז געווען טראָציק.

שושנהס אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן.

— מיט וועמען? — האָט זי אים געפרעגט אַ צעטומלטע. איר פּנים איז געווען בלאַס.

יצחקס גאַמבע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. זיינע ליפּן זענען געבליבן אָפֿן.

— גיי, גיי — האָט ער גוטמוטיק איר אַ זאָג געטאָן. זי האָט אים לייד געטאָן.

זי האָט אָפּגעאָטעמט. זי איז געווען דאַנקבאַר דעם פֿאָטער. זי האָט גענומען גיין; געשיקט ווי אַ קאַץ איז זי פֿאַרבייגעגאַנגען דעם פֿאָטער. זי איז אַריין אין קיך צו דער מוטער.

— ער און איך?! — האָט יצחק אַ זאָג געטאָן און זיך אַרומגעקוקט צי קיינער האָט נישט געהערט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך געענטפֿערט: — נישט צו באַגרייפֿן. ער האָט איינגעקלאַפּט זיך די הענט. דער קלאַפּ האָט אָפּגעהילכט און ער האָט געשפּרייזט ווײַטער אַהין און צוריק איבערן צימער. דער אָפּהילך פֿון זיינע טריט איז געווען אַ ריטמישער, ווי געציילט.

יצחק האָט געשטאַמט פֿון טוניס. דאָרט, אין די חדרים, האָט ער געלערנט ביז ער האָט זיך באַקענט מיט די דינים פֿון שולחן־ערוך. ער האָט גערעדט אַראַביש און געשריבן עברית מיט רש״י־כתב. קיין ירושלים האָט אים געשיקט דער טאַטע לערנען „תלמוד״. זיין מצב איז געווען שווער. ער האָט נישט אויס־געהאַלטן און איז אַוועק צום מסחר. ער האָט זיך אָנגעדונגען אין מחנה יהודה ביי אַ ייד, וואָס האָט געהאַט אַ קראָם מיט געזייערטע מאכלים, ווי זיין פֿאָטער חניאל. זיין בעל־הבית האָט אים חתונה געמאַכט מיט שרהן דעם בעל־הביתס קרובה פֿון טבריה. יצחק האָט געשפּרייזט איצט איבערן צימער מיט פֿאַרלייגטע הענט פֿון הינטן שוין פֿון אינערציע. ער האָט שוין נישט געטראַכט פֿון דער שדכנטע. ער איז שוין געווען מיד.

די טיר האָט זיך אָן עפּן געטאָן און שנעל זיך פֿאַרמאַכט. אין שטוב איז אַריין אַברהם, יצחקס עלטסטער זון.

דער פֿאָטער איז שטיין געבליבן און זיך איינגעקוקט אין אים. אַברהם האָט אויסגעזען ווי דער פֿאָטער, נאָר מיט אַ סך יאָרן ייִנגער פֿון אים. ער האָט געהאַט שוואַרצע האָר, ברוינע אויגן און אַ שמאָלע דינע נאָז.

— שלום, טאַטע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ פֿאַר אים.

— ברוך הבא! גוט וואָס דו ביסט געקומען — האָט ער געזאָגט צום זון. ער איז צו אים צוגעגאַנגען.

— שלום, מאַמע! — האָט ער אַריינגעשריגן אין קיך. ער האָט געהערט די פֿרויען־שטימען. די מוטער און די טאָכטער הינטער איר זענען שטיין געבליבן אין דער אָפֿענער קיך־טיר.

— וואָס הערט זיך דאָ? — האָט אַברהם געפֿרעגט.

— גוט! — האָט די שוועסטער אים געענטפֿערט.

— גאָט צו דאַנקען — האָט די מוטער איר אונטערגעהאַלטן. זי האָט אויף אַ ווײַלע פֿאַרמאַכט די אויגן און זיי איבערגעדעקט מיט די שפּיץ פֿינגער.

— גאָט זאָל אייך בענטשן! — האָט דער זון געזאָגט און האָט זיך צוגערוקט צום פאָטער.

די מוטער מיט דער טאָכטער זענען אים נאָכגעגאַנגען. די מוטער האָט אָפּגערוקט די בענקלעך פון טיש, אָבער נאָר זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. די טאָכטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ בענקל־אָנלען. די שטילקייט אין שטוב איז געווען אַ געדראָלטע. אין דער טונקעלער ליכטשיין, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די ווענט, האָבן די מענטשן אויסגעזען ווי זיי זאָלן זיין לאַנג. דער פאָטער האָט פריִער נאָך אָנגעצונדן צוויי לעמפּלעך אינעם מעשענעם זשיראַנדאָל. איצט האָט אַברהם אָנגעצונדן נאָך דריי לעמפּלעך. אין צימער איז געוואָרן ליכטיק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און אָנגעקוקט די מענטשן. זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן פאָטערס פּנים.

— עס איז עפּעס געשען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

דעם פאָטערס אויגן־לעפּלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי ער זאָל האָבן פאַר־מאַכט די אויגן. זיינע באַקן האָבן אַ פלאַם געטאָן. ער האָט זיך געשעמט פאַרן זון. אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער פאָטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט אַוועקגערופן דעם זון. ביידע זענען זיי אַוועק אין אַ ווינקל. דער פאָטער האָט גערעדט שטיל. מען האָט נאָר געהערט זיין ליפּן־פּלויש און איינצלנע ווערטער: זי, שידוך, אָפּגעשיקט — אָבער ער האָט פאַרענדיקט אויפן קול: — דאָס מין פעלט מיר נאָך אויס — זיין קול האָט לייכט געציטערט.

די טאָכטער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער און איבערגעטראָגן איר בליק אויף דער מוטער.

שרה, די מוטער, האָט אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז. איר געשטאַלט האָט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי קלענער געוואָרן.

אַברהם, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום פאָטער:

— נישט כדאי זיך ערגערן — און ער האָט מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דער פאָטער, זיין אויפרעגונג, האָט אים לייד געטאָן.

דער פאָטער האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך אַליין באַדויערן. אַלע אין שטוב האָבן אים באַטראַכט.

— מאַמע, ווי לויפן דיר אַוועק די טעג? — האָט דער זון אַ פרעג געטאָן. ער האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער און האָט אַ פרעג געטאָן די שוועס־טער: — און ביי דיר אין באַנק? — ער האָט געוואָלט אַריבערפירן דאָס געשפּרעך אויף אַן אַנדערער טעמע.

די מוטער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט מורא געהאַט צו רעדן. דער פאָטער איז געשטאַנען אַ פאַרקוקטער. ער האָט געקוקט אין זיך אַריין. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן:

— עס זאָלן נאָר נישט זיין קיין נאָכווייען...

די טאָכטער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן ווי זי זאָל זיין שולדיק. אַן אויסגע־

רענגטער האַנט־פינגער האָט אַ קנאַק געטאָן. דאָס האָט די מוטער אויסגערענגט אַ מיטלסטן פינגער.

ליזאַ, שושנהס חברטע, האָט זיך צוגעשטעלט צו זיי. קיינער אין שטוב האָט נישט געהערט ווען זי איז אַריין אין שטוב. — „שלום!" — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל מורא האָבן רעדן העכער.

— שלום! — האָבן אַלע אין איינעם איר געענטפערט מיט פאַרלעגנהייט. נאָר אין שושנהס קול האָט זיך געפילט פרייד. די מיידלעך האָבן זיך אָנגעקוקט און געשוויגן. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען. ליזאַ האָט געפילט, אַז זי איז איצט איבעריק אין שטוב. אין דער נאָענט פון שושנהן האָט ליזאַ אויסגעזען נאָך נידעריקער און נאָך דיקער.

— קום! — האָט שושנה זי אַ רוף געטאָן.ביידע האָבן געכומען שפּרייזן. שושנה איז געווען צופרידן, וואָס די חברטע האָט געענדערט די סיטואַציע.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט ליזאַ אַ שושקע געטאָן שושנהן.

שושנה האָט אַ ווינק געטאָן אַז זי וועט איר שוין זאָגן. ליזאַ איז געקומען ווייל זי האָט געזען סירענען אַרויסגיין פון שטוב. ביידע, ליזאַ און דליה, האָבן אויפגעפּאַסט, שושנה זאָל נישט האָבן קיין צרות. זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרץ געוווּנטשן שושנהן אַל דאָס גוטס.

די עלטערן זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אַבֿרהם האָט באַטראַכט די שוועסטער.

— טאַטע, מאַך זיך נישט קיין זאָרג... זי איז געקומען, זי איז אַוועק, געענ־דיקט!... — האָט ער געזאָגט צום פאָטער.

פון פאַרדראָס האָט דער פאָטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „ניין".

— מיידלעך, אַ גוטע נאַכט! — האָט אַבֿרהם זיי אַ זאָג געטאָן.

— אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט! — האָבן ביידע אים געענטפערט און זיי זענען אַריין צו שושנהן אין צימער.

— שפּעט שוין — האָט אַבֿרהם אַ זאָג געטאָן די עלטערן, נאָך דעם ווי ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנטזייגער. — לונה איז אַליין מיט די קינדער אין שטוב — האָט ער צוגעגעבן, ווי ער זאָל זיך פאַרענטפערן. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז ער דאַרף גיין, אַז ער וועט איצט דאָ גאָרנישט ענדערן.

דער פאָטער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז גערעכט.

— יאָ, יאָ — האָט די מוטער אים אונטערגעהאַלטן.

— אַ גוטע נאַכט, זייט געזונט! — האָט אַבֿרהם געזאָגט.

— גיי געזונט! — האָט דער פאָטער אָפּגעזעגנט.

— גאָט זאָל אייך שיצן! — האָט די מוטער אים געוווּנטשן און זי האָט פאַרגלאָצט די אויגן.

אַבֿרהם איז אַוועק צו דער טיר. די מוטער האָט מיטן גראָבן פינגער אַ וויש געטאָן זיך אַן אויג און זי איז אַוועק אין קיך. דער פאָטער האָט פּאַמעלעך זיך

אַוועקגעזעצט, ווי ער זאָל אויף זיך טראָגן אַ משׂא. „אה!" — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן. ער איז געווען פאַרמאַטערט.

סירענע איז אַרויס פון יצחקס שטוב מיט אימפעט, ווי זי זאָל אַוועקלויפן. די שיך האָבן זי איצט נישט נאָר געדריקט, נאָר אויך געברענט. זי איז געגאַנגען ווי אויף שטאָלצן. זי האָט נישט געפילט אונטער זיך די ערד. די שלייפן האָבן איר געהאַמערט, ווי מען זאָל מיט אַ האַמער איר האַקן אין קאָפּ. זי האָט נישט באַגריפן פאַר וואָס יצחק האָט נישט געוואָלט דעם שידוך. זי איז געגאַנגען און שטיל גערעדט צו זיך:

— דער גרעסטער קצב, דער תקיף אין געסל, געלט, ער אַליין ווייסט נישט וויפל ער האָט. שלום, אַ יונג אַ ברען. — עס האָט איר געטריקנט אין מויל, נישט פון רעדן, נאָר פון איבערראַשונג. פון אויפרעגונג זענען די ברוסטן איר שווער געווען. עס איז איר געווען שווער צו גיין. זי האָט געסאָפּעט — זי איז געגאַנגען און אויסגעקוקט נעימען.

נעים האָט אויף איר געוואַרט ביי בשריס ראַזורע, ווו זיי האָבן זיך אָפּגערעדט. די גאָר קורצע שוין זונען־שטראַלן האָבן קוים אַריבערגעשטראַלט די דעכער. בשרי האָט גלייכגילטיק אָפּגעבאַרשט און צונויפגעלייגט די ליילעכער און פון מאָל צו מאָל אַ קוק געטאָן אין פענצטער, געוואָלט דערגיין פאַר וואָס נעים שטייט דאָרט. אַ ביסל שפּעטער איז בשרי אַרויס פאַר דער טיר. די צונויפגעזאַמלטע אין זיין פענצטער זונען־שטראַלן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין נעימס פּנים. זיין הויט איז איצט געווען גרין. די נאָז איז געווען נאָך שפּיציקער, ווי זי איז געווען. בשרי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים.

— שלום! — האָט נעים אים אַ זאָג געטאָן.

בשרי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. ער האָט געוואַרט וואָס נעים וועט אים זאָגן.

נעים האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם.

— מיינע זוימט זיך. זי איז געגאַנגען אָנשלאָגן אַ שידוך — האָט ער געזאָגט בשרין.

בשרי האָט אָנגעשטעלט אַן אויער.

— ווייסט מיט וועמען? — האָט נעים אים אַ פרעג געטאָן און באַלד אים דערציילט: — זכריהס זון מיט יצחקס טאָכטער, דער וואָס האַלט אין מאַרק די קראָם מיט די געזייערטע מאכלים — ער זאָל אים נישט חושד זיין, אַז ער וואָלט אַפּ ס׳ווייב אין אַ געוויינלעכן טאָג...

בשרי האָט אויסגעדענט די באַקן פון פאַרוווּנדערונג, ווי ער זאָל בלאָזן פון זיך און האָט פאַרשלאָסן די טיר. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ נעימען און איז אַוועק.

אַז סירענע האָט דערזען נעימען האָט זי אָפּגעאָטעמט. עס איז איר גרינגער געוואָרן.

אויך ער האָט זי דערזען און געלאָזט זיך גיין איר אַנטקעגן.

— ניין! — האָט זי אים אַ שריי געטאָן שוין פון ווייטנס. אַז זי האָט זיך מיט אים געטראָפן, האָט זי אַ זאָג געטאָן: — גוט אים אַזוי! זאָל ער נישט מיינען, אַז אַלץ קומט אים... אַז אַלץ מוז פאַר אים מורא האָבן... — זי האָט גערעדט שנעל און געסאָפּעט.

— דער קרעמער האָט געהאָט העזה? — האָט נעים געפרעגט און פון איבער־ראַשונג זיך איינגעביסן אַ פינגער.

— וואָס זאָל איך זאָגן זכריהן? — האָט סירענע פּלוצים אַ פרעג געטאָן פול מורא.

— זאָג אים ווי די זאַך איז — האָט ער זי באַלערנט.

— ער וועט מיך ממיתן! — האָט זי זיך געוויינט.

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן. אָבער באַלד האָט ער זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט ער צו דיר?... — ער האָט גערעדט ווי ער זאָל זיך קרעקן מיט די ווערטער. ער אַליין האָט זיך געשראָקן, מורא געהאָט פאַר זכריהן.

אַרום זיי איז געווען שטיל. נעים האָט נאָר געהערט ווי זיין ווייב טאָפּעט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל מיט אים זיך רייצן...

— זאָלסט נישט וואָגן! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן אַ דערשראָקענער.

ביידע זענען געגאַנגען ווי לונאַטיקער. די נאַכט איז מיט אַ מאָל צוגעפאַלן. פון איבערראַשונג האָט נעים כסדר געשטופּט די צונג אונטער דער באַק אַרונטער.

— ער וועט זוכן נקמה — האָט זי געזאָגט. די ווערטער זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פינצטער. זיי זענען געגאַנגען ווייטער אין דער פינצטער.

## ה

ביי יצחקן אין צימער איז דאָס טאָגליכט געווען נאָך גרוי, ווי אין אַ פרימאָרגן. די שפּאַרנדיקע זיך דורך די פענצטער ליכט האָט באַשיינט נאָר דעם מיטן שטוב, אין די ווינקלען איז געווען נאָך טונקל. די טירן פון די זייטיקע צימערן זענען געווען פאַרמאַכט. יצחק מיט זיין משפחה האָבן זיך געפּאָרעט אין גרויסן צימער און אין דער קיך. דער גלאַנץ פון די ווייסע גרוי־געפלעקטע באַלאַטן אַרום דעם דיוואַן האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די ווענט. די ציטריך־געקאַלכטע ווענט האָבן אונטערגעהאַלטן די ווייס־געקאַלכטע סטעליע. די זעקס אָרעמס פון זשיראַנדאָל האָבן, מיט זייער פאַרנעם, פונאַנדערגעטיילט דעם שטוב־חלל. אַלע מענטשן אין שטוב זענען געווען פאַרנומען, אָבער יעדער באַזונדער האָט זיך

באַוויגן ווי מען זאָל אים האָבן איבערגעוועקט. די מוטער האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. טעלערס האָבן אָנגעקלאַפּט אין טעפּ. זי האָט געגרייט עסן. פון מאָל צו מאָל האָט זי אַ קוק געטאָן פון קיך אַרויס.

שושנה, די טאָכטער, איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון איר צימער. אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן זענען געווען אונטערגעהאַקט. עס איז קענטיק געווען אויף איר, אַז זי איז די נאַכט ווייניק געשלאָפן. איר ברוינע הויט איז געווען מאַט. זי האָט אירע צעקעמטע האָר איינגעבונדן מיט אַ הימל־בלוי בענדעלע און זיך אונטערגעברומט. זי האָט דאָס געטאָן פאַר די עלטערן. זי האָט נישט געוואָלט דער פאָטער זאָל עפּעס מערקן.

דער פאָטער איז געשטאַנען ביים טיש און זי באַטראַכט פון דער זייט. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד און דאָך זענען זיי געווען טרויעריק. זיין פּנים איז געווען אויסגעצויגן, פאַרזאָרגט.

ברוך איז געשטאַנען ביי אַ שפּיץ טיש מיט אַ פאַרשאַרצטן אַרבל. ער האָט צונויפגעלייגט די תּפילין. זיינע ליפּן האָבן געפּלוישט. די מוטער האָט כסדר אַריינגעקוקט ווי ער דאַוונט. ביי יעדן מאָל האָבן אירע ליפּן אַ טרייסל געטאָן זיך און זי האָט פאַרגלאָצט די אויגן. זי האָט געבעטן צוזאַמען מיטן זון. ברוך האָט פאַרבונדן דאָס תּפילין־זעקעלע. ער האָט אַראָפּגעשאַרצט און פאַרקנעפּלט דעם אַרבל פון זיין האַקי־העמד און האָט אַוועקגעטראָגן צו זיך אין שטוב די תּפילין. איצט האָט דער פאָטער אים באַגלייט מיט די אויגן. זיין פּנים איז געווען רויִק.

ברוך איז אַריין צוריק אין שטוב. די מוטער האָט אים אָנטקעגן געטראָגן אַ הויך גלאָז מענטע־טיי אויף אַ ברייט טעלערל. שוין צום טרינקען האָט זי אים אַ זאָג געטאָן:

— ווילסט עפּעס צובייסן ?...

ער האָט גענומען פון איר האַנט דאָס גלאָז און איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „ניין".

דער פאָטער האָט אים אָפּיגערוקט און צוגערוקט צו זיך אַ בענקל.

ברוך האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך צוגעבויגן צום טיש און געזופּט פון גלאָז. דער טיי־ריח איז זיך צעגאַנגען איבער דער שטוב.

דער פאָטער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אָן באַוועגונג, האָט פּאַמעלעך זיי אויפגעהויבן. זיינע אויגן זענען געווען שטאַר. ער האָט זיך צוגעבויגן צום זון און האָט אים געזאָגט, ווי ער זאָל אים פאַרטרויען אַ סוד: — זכריה האָט געשיקט אַ שדכן...

ברוך איז געבליבן זיצן מיטן גלאָז טיי אין האַנט ווי געליימט. זיינע אויפגעריסענע אויגן האָבן דערשטוינט געקוקט אויפן פאָטער.

דער פאָטער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט באַשטעטיקט דאָס, וואָס ער האָט אים געזאָגט, זיינע גרויע אויגן זענען געווען אויסגעלאָשן.

ברוך האָט אַראָפּגעשלונגען דעם זופּ טיי, וואָס איז אים געבליבן אין מויל, ווי ער זאָל זיך קרעקן, און ער האָט אַ פרעג געטאָן דעם פאָטער: — נו?

— נו, נו!... — האָט דער פאָטער אים געענטפערט און אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען, אומבאַהאָלפן.

ברוך האָט אַוועקגעשטעלט די גלאָז מיט דער רעשט טיי. ער האָט אויפגעהויבן די אַקסלען, דער קאָפּ זיינער איז ווי אַריינגעפאַלן אין זיי. ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן. די הויט אַרום זיי האָט זיך אים פאַרגרינצלט. נישט רירנדיק זיך פון אָרט האָט ער געזאָגט ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— דער זון זיינער האָט נעכטן געפרוווט כאַפּן מיט מיר אַ שמועס... — ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, צעצויגן די ווערטער.

איצט איז דער פאָטער געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל און אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי ס׳לשון זאָל האָבן אים אַוועקגענומען געוואָרן. זיינע גרויע אויגן זענען געווען שטאַר.

ברוכס האַרץ האָט אַ טיאַכקע געטאָן. ער האָט נישט געקאָנט צוזען דעם פאָטערס צער און פּחד.

— דער גאַנצער ענין איז נישט ווערט קיין שישקע פּולווער, — האָט ער געזאָגט צום פאָטער.

דער פאָטער האָט פאַרמאַכט דאָס מויל. ער האָט מיט איין פאַרטריקנטער ליפּ באַנעצט זיך די אַנדערע און שטיל, ווי צו זיך געזאָגט:

— יאָ, יאָ, מיר זאָלן נאָר נישט האָבן קיין צרות... — זיין פּנים איז געווען אויסגעצויגן, זיינע אויגן זענען געווען טרויעריק.

— קלער נישט אַריין, — האָט דער זון אים געזאָגט און ער האָט זיך אויפגעשטעלט. — שוין צייט גיין עפענען די קראָם, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַוועקגעקוקט אין אַ זייט.

אויך דער פאָטער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט. ער האָט גענומען פון בופעט דאָס צוגעגרייטע פון פריער טלית־זעקל און זיך אויפגעשטעלט.

— שלום! — האָט ברוך געזאָגט און ער האָט אַ קוק געטאָן צו דער שוועסטער. זי איז געשטאַנען ביים פענצטער און גראָד געלייגט זיך די זאַכן אין האַנט־בייטל.

— שלום! — האָט זי אים געענטפערט און אַ קוק געטאָן פון אונטערן שטערן אַפיר אויף אים און אויף דעם פאָטער.

אין צווישן האָט אויך די מוטער זיך אַוועקגעשטעלט אינעם דורכגאַנג פון דער קיך־טיר.

ביידע, דער פאָטער מיטן זון, זענען אַוועק צו דער טיר, און ער האָט אַדורכגעלאָזט דעם פאָטער.

דער פאָטער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה.

די מוטער האָט דריי מאָל פאַרגלאָצט די אויגן און איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל ווי זי זאָל פאַרציען די ליפּן. אַז די מענער זענען אַריבער די שוועל האָט זי נאָך זיי פאַרמאַכט די טיר.

שושנה האָט אַ קוק געטאָן אויף איר זייגער. — שוין שפּעט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן און איז אַרײַן אין קיך.

ס׳עסן איז גרייט, — האָט די מוטער איר געזאָגט און זי איז נאָכגעגאַנגען דער טאָכטער. די קיך איז געווען אַ גרויס צימער מיט אַלע נייטיקע אײַנריכטונגען. אין מיטן קיך איז געשטאַנען אַ פאָרמייקע־טיש מיט בענקלעך. איבערן פענצטער איז געהאָנגען אַ געפלאָכטענער צאָפּ ציבעלעס און אַ בינטל קנאָבל. אויפן גאָלן טיש, אויף אַ טעלער זענען געלעגן גרייט צוויי פּעניצן ברויט באַלייגט מיט קעז און גרינע אוגערקע. דערנעבן איז געשטאַנען אַ גלאָז קאַווע. אין דער זייט איז געלעגן אײַנגעפּאַקט אין אַ ניילאָן־טאָרבע עסן צו דער אַרבעט.

שושנה האָט גענומען עסן שטייענדיק. דער האַנטבייטל האָט איר אַראָפּ־געהאָנגען פון אָרעם. די מוטער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געקוקט אויף איר. זי האָט אָנגעטאָפּט דאָס גלעזל קאַווע און אַ זאָג געטאָן: — צום טרינקען.

שושנה האָט גענומען טרינקען.

— דו וועסט באַוויזן, אײַל זיך נישט, — האָט די מוטער איר געזאָגט.

— מאַמע, איך האָב באַשטעלט מענטשן. דער דירעקטאָר וועט אויף מיר שרײַען, אַז איך וועל פאַרשפּעטיקן — האָט שושנה איר אָפּגעענטפערט. די רעשט קאַווע האָט זי אויסגעטרונקען מיט אַ לאַנגן שלוק.

די מוטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אַ סימן, אַז זי פאַרשטייט זי, אָבער זי האָט געזאָגט:

— געהאָרעוועט אומזיסט — און זי האָט זיך אויפגעשטעלט.

שושנה האָט אַ נעם געטאָן דאָס פּעקל עסן. — שלום! — האָט זי געזאָגט דער מוטער און איז אַוועק צו דער טיר. די מוטער איז איר נאָכגעגאַנגען. שושנה האָט געעפנט די טיר און איז אַרויס פון שטוב. שטייענדיק אויף דער טרעפּ האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער. זי האָט זיך אָנגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן.

— טאָכטער, גיב אַכטונג און גאָט וועט דיך היטן, — האָט זי אָנגעזאָגט דער טאָכטער און צוגעמאַכט נאָך איר די טיר.

די פרישע לופט האָט אַ וויי געטאָן שושנהן אין פּנים. זי האָט פאַנאַנדער־געשפּרייט די נאָז־לעכער. — אַה, — האָט זי אָפּגעאָטעמט און האָט זיך געלאָזט גיין. זי איז געגאַנגען צום אויטאָ.

שושנה איז אַרײַן אין באַנק אײַליק. נאָך שנעלער איז זי איבערגעלאָפן דעם זאַל. זי האָט נישט געוואָלט, אַז די מיידלעך, וואָס אַרבעטן מיט איר, זאָלן זי צופיל באַטראַכטן און אפשר גאָר אָפּשטעלן. דער זאַל איז געווען אַ לאַנגער. זי האָט אײַליק זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט זיך ווי אַרײַנגערוקט אין בענקל, מען זאָל זי נישט זען. זי איז געזעסן בײַ איינעם פון אַ סך טישן. זי האָט גענומען מסדר זײַן די פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן בײַ איר אויפן טיש. אַ טייל באַאַמטע האָבן געשריבן, אַ טייל געקלאַפּט אויף שרײַב־מאַשינען. זי האָט געאַרבעט אין דער איבערווייז־אָפּטיילונג, זי איז געווען אַ גוטע באַאַמטין. זי האָט געענדיקט אַ דרײַ־

יעריקע האַנדלס־שול. די מיידלעך ביי די טישן אַרום, אירע מיטאַרבעטערינס, האָבן זי גערן געהאַט.

— ווו האָסטו פאַרברענגט נעכטן? — האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו שושנהן אַ בלאָנד מיידל פון דערנעבן.

— געבליבן אין שטוב, געווען מיד, — האָט שושנה איר אָפּגעענטפערט נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן.

איך מיט יעקבן האָבן געזען אַ פילם מיט פאָרדן „גוט צו ליבן" — האָט אַ זאָג געטאָן אַ צווייט מיידל, וואָס האָט געהאַט העל געבלייכטע האָר.

— מיין מאַן טוט זיך אָן ווי פאָרד, — האָט געזאָגט דאָס ערשטע מיידל.

שושנה האָט נאָך שטאַרקער זיך איבערגעבויגן איבער די פּאַפּירן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן ווי זי זאָל אַרויסרעדן פון די פּאַפּירן:

— וואָס פאַר אַ טאָג איז היינט?

די צוויי מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט.

— מיטוואָך, — האָט דאָס בלאָנדע מיידל איר געענטפערט, צעציענדיק דאָס וואָרט ווי זי זאָל פון איר אָפּלאַכן. דאָס אַנדערע מיידל האָט אַ קריץ געטאָן מיט אַן אויג דער ערשטער. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק.

שושנה איז שוין ווידער געווען פאַרטאָן אין אירע פּאַפּירן. זי האָט געשריבן אָבער פאַמעלעך. זי האָט כסדר געקוקט אויפן וואַנטזייגער. די ווייזערס האָבן זיך גערוקט פאַמעלעך. איר האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז דער זייגער שטייט.

— אפרים איז געקומען, — האָט אַ זאָג געטאָן דאָס בלאָנדע מיידל און זיך צעשמייכלט.

שושנה האָט נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איבער די פּאַפּירן. איר פּנים האָט געפלאַמט. זי האָט אָבער באַלד אַ דריי געטאָן זיך אויפן בענקל און געקוקט.

צו זיי האָט זיך דערנעענטערט אַ געלער, הויכער, שאַרמאַנטער יונגערמאַן. די מיידלעך האָבן ווידער אַ מאָל זיך איבערגעקוקט, אָבער דאָס מאָל זענען זיי געווען ערנסט.

— שלום פאַר אַלע! — האָט דער יונגערמאַן אַ זאָג געטאָן.

— שלום, אפרים! — האָבן עטלעכע מיידלעך אים געענטפערט.

שושנה האָט שווער געאָטעמט.

— שלום, שושנה! — האָט דער יונגערמאַן אַ זאָג געטאָן און זי אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ.

זי האָט קוים אים געענטפערט — שלום. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם.

אפרים האָט אַוועקגעשטעלט די שרייבמאַשין, וואָס ער האָט געטראָגן צום פענצטער־קאַרניז. דאָס פענצטער האָט זיך געפונען נעבן שושנהן. ער האָט געעפנט די טאַש, פאַנאַנדערגעלייגט די אַרבעטס־כלים און געשטעלט זיך פוצן די מאַשין. אויף זיין לינקער האַנט איז געווען אַן אויסטאַטויִרטער „נומער". פונעם אויסזען איז ער געווען עלטער פון שושנהן.

שושנה האָט געשריבן, אָבער זי האָט כסדר געקוקט אויף אים פון דער זייט.

אויך אפרים האָט זי באַטראַכט. עטוואָס שפּעטער האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — „לאַנג זיך נישט געזעגן..." — און געאַרבעט ווייטער. אויך ער האָט געוואָלט די אַרומיקע זאָלן נישט מערקן.

— דו באַמיסט זיך נישט, — האָט זי אים געענטפערט נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ. זי האָט נאָר געשמייכלט.

— דו יאָ?... — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן ווי ער זאָל אַריינרעדן אין דער מאַשין אַריין.

— איך קען נישט, — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר אים.

— אַ תירוץ, — האָט ער איר געזאָגט.

די מיידלעך אַרום האָבן זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. אַ שטיקל צייט האָבן אַלע געאַרבעט, מען האָט נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון די מאַשין־קלאַווישן.

שושנה האָט נאָך מער זיך איבערגעבויגן איבער די פּאַפּירן און אַ זאָג געטאָן:

— איך מוז מיט דיר רעדן... — ווי זי זאָל אַריינרעדן אין די פּאַפּירן.

— מאָרגן ווי געוויינלעך, — האָט ער איר פאַרגעשלאָגן.

— ניין! היינט! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן קאַטעגאָריש. איר אָטעם איז נאָך שווערער געוואָרן.

ער איז געבליבן שטיין מיטן בערשטל אין האַנט. ער האָט זי אָנגעקוקט און אַ פרעג געטאָן:

— עפּעס פּאַסירט?...

זי האָט געשוויגן. עס איז איר שווער געווען צו ענטפערן.

די מיידלעך אַרום האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

— אַ לעבנס־פראַגע?... — האָט ער זי ווידער אַ פרעג געטאָן.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „יאָ". אירע אויגן האָבן געגלאַנצט. זיי זענען געווען פייכט.

ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן. זי האָט אים לייד געטאָן.

— אָן בהלה, איך וואַרט אין אָוונט ווי שטענדיק, — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און געאַרבעט ווייטער. ער האָט די מאַשין איצט געפּוצט שנעל.

אויך זי האָט געשריבן אייליק. איר קורצע נאָז איז געווען איצט פּאַנאַדער־געשפּרייט. די מיידלעך אַרום האָבן נישט געאַרבעט. איינע האָט געקוקט אויף דער אַנדערער פול נייגער.

אפרים איז פאַרטיק געוואָרן און אַ זאָג געטאָן שושנה זאָל הערן: געענדיקט!

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און געקוקט אויף אים. ער האָט צונויפגעלייגט די כלים. ער האָט אַ נעם געטאָן די מאַשין און זיך געלאָזט גיין. פאַרבייגייענדיק שושנהן האָט ער פאַרלאַנגזאַמט זיין טריט. זייערע בליקן האָבן זיך געקרייצט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ איבער די פּאַפּירן, אָבער זי האָט נישט געשריבן.

אפרים איז אַוועק ווייטער. ער האָט די מאַשין אַוועקגעשטעלט אויפן טיש,

ווו ער האָט זי געגומען. ער איז שטיין געבליבן אַלע זאַלן אים זען. קיינער האָט זיך צו אים נישט געוואָנדן, — אַלע מאַשינען האָבן געאַרבעט גוט.

— האָסט מזל! — האָט דאָס מיידל מיט די שוואַרצע צעלאָזטע האָר, וואָס איז נעבן אים געזעסן, אים אַ זאָג געטאָן.

— איך? מיין בעל־הבית, — האָט אפרים איר געענטפערט און ער איז אַוועק.

★

דאָ־דאָרט האָט אין אַ שוי־פענצטער שוין אַ בליץ געטאָן ליכט. די לאָמפּן אין די גאַסן האָבן נאָך נישט געברענט. דער בין־השמשות האָט זיך לאַנגזאַם פּאַנאַנדערגעזעצט אין די ווינקלען. דער פּאַרקער אויף אַלנבי איז געווען אַ רוישיקער. אויטאָס זענען געפאָרן אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען. מענטשן האָבן געאיילט פון דער אַרבעט. אויסגערוטע מענטשן האָבן שפּאַצירט. אפרים האָט געוואַרט ביים אָפּגערעדטן שטענדיקן אויטאָ־אָפּשטעל. אין יעדן אויטאָ, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן, האָט ער אַריינגעקוקט צי שושנה איז געקומען.

אַן אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן און שושנה איז אַרויסגעשפּרונגען. זי איז אויף אפרימען ווי אַרויפגעפאַלן. ער האָט געוואָלט זי אַרומנעמען. זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים.

— אין גאַס?... — האָט זי שעלמיש אים אַ פרעג געטאָן און געגומען גיין. ער נאָך איר. ער האָט זי אָנגענומען ביים עלנבויגן לייכט. זי האָט פּאַמעלעך אַרויסגעצויגן איר האַנט. ביים ראַנד פון טראָטואַר האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. ווען דער דורכגאַנג איז געוואָרן פריי האָבן זיי זיך געלאָזט אַריבערגיין די גאַס. דער וועג איז ביידן געווען באַקאַנט. נאָכן איבערשפּרייזן די גאַס האָט שושנה זיך אומגעקוקט. זי האָט געקוקט צי ווער פון די מענטשן פון קוואַרטאַל קוקט איר נישט נאָך. זי האָט געטראָגן אַ געלע גאַרסאַנקע און אַ ווייס בלוזקעלע, ווייסע שיך און אַ האַנטטאַש. זי איז געווען שלאַנק און באַחנט ווי שטענדיק.

זייער סטאַבילער קאַפע האָט זיך געפונען אין ראָג גאַס. די צוויי קאַפע־פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען איינס אויף דער אלנבי־גאַס, דאָס צווייטע אין אַ געסל אַריין. דער וואַרעמער, שטאַרקער קאַווע־ריח האָט אַ שלאָג געטאָן זיי אין דער נאָז. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים צווייטן פענצטער אין אַ ווינקל, מען זאָל זיי נישט שטערן. דאָס פענצטער איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ פאַרהאַנג... די טישלעך זענען געשטאַנען נאָענט איינס ביים אַנדערן. די לאַנגע פּירקאַנטיקע זשיראַנדאָלן האָבן געברענט. זייער שיין האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די העל־גרויע געקעסטלטע וואַנט־טאַפּעטן. כמעט אַלע טישלעך זענען געווען פאַרנומען. די געסט האָבן געטרונקען און געשמועסט.

אפרים און שושנה האָבן קיינעם נישט געזען. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט זיך. ער איז געזעסן איר אַנטקעגן; איינער האָט באַטראַכט דעם אַנדערן. זי

האָט געאָטעמט שווער. זי האָט זיך די מי געגעבן, געוואָלט איינהאַלטן, באַרויִקן דעם אָטעם. זי האָט נישט געוואָלט אפרים זאָל זען איר אויפרעגונג.

ער האָט געמרוזשעט די אויגן. זיינע אויערן־לעפּלעך זענען געווען רויט. זיינע נאָז־לעכער האָבן געפּלאָטערט פון אָנשטרענגונג.

שושנהס ליפּן זענען געווען אָפּגעלענט ווי זי זאָל האַלטן אָפן דאָס מויל. זי האָט געאָטעמט דעם קאַווע־ריח. אפרים האָט זי אומעטום געפירט, אָבער די שטאָט, די קאַפעען, זענען געווען איר פרעמד. זי איז געווען איינגעלעבט אין איר סביבה. אָבער אפרים, דער פרעמדער, וואָס איז געווען אַזוי אַנדערש, האָט זי געלאָקט. זי האָט דאָך דערוואַרט דאָס לעבן.

דער קעלנער, מיטלוווקסיק, אַ ביסל געבוקט מיט פלאַטפוס, האָט זיי אַ זאָג געטאָן: — „גוט אָוונט!" — און ער איז שטיין געבליבן ווי ער זאָל זיך נייגן פאַר זיי.

אפרים האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און אים אַ זאָג געטאָן: „צוויי פאַרקערטע" און צוויי „בינען־שניטן".

דער קעלנער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אים געדאַנקט און איז אַוועק.

— אפשר וויל איך עפּעס אַנדערש? — האָט זי זיך אַ רייץ געטאָן מיט אים. זי האָט געשמייכלט און געוויזן אים אירע גרויסע, ווייסע ציין.

— אַ! אַנטשולדיק! — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר איר און געוואָלט זיך אויפהייבן צוגיין צום קעלנער.

— זיץ, זיץ, — האָט זי אים באַרויִקט און געשמייכלט צו אים. באַלד דערויף האָט זי אים אַ זאָג געטאָן: — ווייסט?

ער האָט זי אָנגעקוקט, געוואָלט הערן.

— מען וויל מיך פאַרשדכענען, — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן. זי האָט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן אַ פאַרשעמטע. אָבער אירע אויגן האָבן געפינקלט. זי האָט געוואָלט זען ווי די ידיעה האָט אויף אים געווירקט, אָבער זי האָט נישט געוואָגט קוקן אויף אים.

די ווייסלען פון זיינע אויגן זענען פאַרגליווערט געוואָרן. שטוינונג האָט פון זיי אַרויסגעקוקט ווי ער זאָל זיך האָבן דערשראָקן.

זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן טיש ווי זי זאָל זיך וועלן אָפּרוקן. ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, שפּעטער האָט ער אָפּגעהוסט, ער האָט זיך באַהערשט און ער האָט איר געזאָגט: — „דאָס איז אַלץ?..." זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. ביידע האָבן לייכט אַ שמייכל געטאָן. ביידע האָבן צוריק זיך איבערגעבויגן, זיך דערנענ־טערט. פּאַמעלעך, ווי ער זאָל זי נישט וועלן איבערשרעקן, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אירע. זי האָט אים אָנגעקוקט.

ער האָט געטראָגן גרויע הויזן און אַן איבערגעוואָרפן העמד איבער די הויזן, בונט מיט בלויע פּאַסן. זיין געלע טשופּרינע איז געווען אַ ביסל צעשויבערט. ער איז איצט געווען בלייך.

זי האָט פּאַמעלעך אָפּגעצויגן איר האַנט.

דער קעלנער האָט זיי צוגעטראָגן די באַשטעלונג. אפרים האָט אויפגעריסן אַ זעקעלע און אַריינגעשיט דעם צוקער אין איר קאַווע. ער האָט דאָס געטאָן אויטאָמאַטיש.

זי האָט זיך צוגערוקט דאָס גלאָז און גענומען מישן שנעל, נערוועז. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי גענומען טרינקען.

ער האָט לאַנגזאַם אויפגעריסן דאָס זעקעלע און געשיט דעם צוקער אין גלאָז ווי ער זאָל ציילן די קערנדלעך. ער האָט געמישט און געקוקט פאַר זיך ווי ער זאָל לייענען.

— עס! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן.

ער האָט גענומען עסן אָן אַ קוק צו טאָן אויף איר. ער האָט די ביסן געשלונגען פּאַמעלעך ווי עס זאָל אים שווער זיין.

זי האָט נאָר געטרונקען.

מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעהערט קייען און ער איז זיצן געבליבן מיטן גאָפּעלע אין האַנט. זי האָט זיך אין אים איינגעקוקט.

איר בליק האָט אים אַדורכגענומען. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט זי אָנגעקוקט און ער האָט איר געזאָגט:

— איך בין עלנט. — אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: — גוט, וואָס איך קען דיך.

זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט ווי עס זאָל איר האָבן פאַרפעלט אָטעם און זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איצט האָבן זיי ממשיך געווען. ער האָט געגעסן און זי האָט געטרונקען. איר אָוואַל פּנים איז געווען אויסגעצויגן. זי האָט אים מיטגעפילט. אַ פאַרקוקטע אין טיש האָט זי אָפּגערוקט פון זיך די אָפּגעטרונקענע גלאָז קאַווע.

ער האָט זי אָנגעקוקט, האַלטנדיק אין האַנט די גלאָז. אָבער באַלד האָט ער גענומען עסן ווייטער און געענדיקט.

—...מיט אַ רייכן יידס אַ זון, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל ממשיך זיין ס׳געשפּרעך. פון בושה, האָט זי נישט פילנדיק, גענומען צופּן דעם שפּיץ פון איר גאַרסאַנקע.

ער האָט גוט געהערט יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט געזאָגט. אַ ווײַלע איז די שטילקייט אַרום זיי געווען אַ פּיינלעכע. ביידע האָבן געשוויגן, ביידע האָבן געטראַכט. זי האָט געוואַרט און ער האָט געצעגערט. ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן. זיינע נאָז־לעפלעך האָבן געפּלאַטערט און ער האָט געזאָגט ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— אַלץ וועט זיך דערליידיקן... — ערשט איצט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר.

זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. די ווערטער האָבן זי ווי אויפגעוועקט. אָבער אירע אויגן זענען געוואָרן מאַט. זי האָט געוואַרט ער זאָל איר זאָגן עפּעס קאָנקרעטעס. ער האָט פאַרשטאַנען איר אויפפירן זיך.

— איך וועל אַלץ באַטראַכטן, — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און זיך איינגעקוקט אין איר. ער האָט געוואָלט זי זאָל אים פאַרשטיין און גלייבן.

זי האָט אָפּגעאָטעמט ווי זי זאָל אַ זיפץ טאָן.

ער האָט געוואָלט זי אַרומנעמען, זי צודריקן צו זיך. אָבער ער האָט נאָר מיט זיין קני אַ דריק געטאָן איר פוס.

זי איז רויט געוואָרן. זי האָט אָפּגעבויגן איר פוס און זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער.

— איך מוז שוין גיין, — האָט זי נישט דרייסט אים געזאָגט און ווי זי זאָל וועלן אים מפייס זיין, צוגעגעבן: — אין שטוב וועט מען איבערטראַכטן, מיך חושד זיין. איך בין דאָך געגאַנגען צו אַ חברטע... —ביידע האָבן געשמייכלט.

ער האָט אַ ווונק געגעבן דעם קעלנער. ער איז צוגעקומען און אפרים האָט באַצאָלט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אָפּגערוקט איר בענקל, איר געהאָלפן. זיי זענען אַרויס מיט דער טיר, וואָס האָט געפירט אין געסל אַריין.

די מילדע נאַכט־פינצטערקייט האָט זיי אַרומגענומען. נאָר איינצלנע אין געסל מענטשן זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען. אַ ווײלע זענען זיי געשטאַנען זיך אַנטקעגן. ער האָט מיט די פינגער איר גלייך געמאַכט דאָס קעלנערל. אַ ייד איז געשטאַנען אין דער זייט און באַטראַכט אפרימען אין דער פינצטער. דער ייד איז געווען מיטלוואוקסיק. ער האָט געהאַט אַ האַלב־קיילעכיקע נאָז און אויסגעבויגענע קיילע־כיקע פיס. אַזוי האָט ער אויסגעזען פון אַנבליק אין דער פינצטער.

— יאָ, דאָס איז אפרים! — האָט דער ייד זיך צעשריגן.

אפרים האָט זיך איינגעקוקט אין דעם ייד אַ פאַרוווּנדערטער.

— דערקענסט מיך נישט? מיר זענען שטעטישע! איך בין מנחם פון וואָלנע, — האָט דער ייד צו אים אַריבערגעשריגן און זיך צוגערוקט צו זיי. — איך וויל מיט דיר רעדן, — האָט דער ייד אַ זאָג געטאָן אפרימען.

אפרים האָט געוווּסט ווער דער ייד איז, אָבער ער האָט אים נישט געענטפערט. אים האָט פאַרדראָסן ווי דער ייד באַנעמט זיך. אָבער דאָך האָט ער געזאָגט:

— וואַרט, איך קום באַלד צוריק.

— גוט, גוט! — האָט דער ייד אים געענטפערט אַ צופרידענער.

— קום, — האָט אפרים אַ זאָג געטאָן שושנהן. ער האָט זי אָנגענומען ביים עלנבויגן און זיי זענען אַוועק. ביידע האָבן געשוויגן. אפרים האָט זיך נאָר אַ פרעג געטאָן: קוים איין מאָל אים געזען אין לאַנד, וואָס וויל ער?

שושנה ווי זי זאָל פאַרפילן האָט זי אים געזאָגט: ער וויל דיך באַגליקן.

ווי נאָר זיי זענען צוגעקומען צום אויטאָ־אָפּשטעל, איז אָנגעקומען אַן אויטאָ־בוס. זי האָט אייליק אים אויסגעשטרעקט די האַנט. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. זי איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, אָבער זי איז באַלד אַריינגעשפרונגען אין אויטאָ. דער אויטאָ האָט גערירט פון אָרט און זי האָט אים געשיקט אַ קוש מיט דער האַנט. ער האָט נישט געזען.

אפרים האָט זיך אויסגעדרייט, געוואָלט גיין. דער ייד איז אים אַנטקעגן געקומען. אפרים איז שטיין געבליבן.

— אַההה! אפרים! — האָט מנחם, דער ייד, זיך דערפרייט מיט אים און אים

אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם ווי ער זאָל זיין אַ נאָענטער פריינד. אפרים האָט אַרויסגעצויגן זיין האַנט. מנחמס טאַטע איז געווען אַ דאָרפס־גייער אין פוילן. אין לאַנד האָט מנחם צעפירט וורשט אין די געשעפטן.

— ווער איז זי? — האָט מנחם אַ פרעג געטאָן אפרימען. ער האָט געמיינט שושנהן.

אפרים האָט אים נישט געענטפערט. זיי זענען געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן.

— אפרים, — האָט מנחם זיך אַ ווענד געטאָן צו אים, — איך גיי דיר נאָך שוין אַ לענגערע צייט...

אפרים האָט געשוויגן.

— אפרים, דו גייסט נישט מיט דעם ריכטיקן וועג, — האָט מנחם אים געזאָגט. ער האָט אָפּגעוואָרט אַ ווײַלע, אַראָפּגעשלונגען דאָס אָנגעזאַמלטע אין מויל שפּייעכץ און ער האָט פאַרגעזעצט: — אפרים, פאַרדריי דיר נישט דעם קאָפּ... — און ער איז שטיל געבליבן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אים אַ פרעג געטאָן: — זי איז דיין גאָטינק? אַ בחור, וואָס האָט געענדיקט אַ „גומנאַזיע", אַן אַפּטייקערס אַ זון?... — האָט ער אים דערמאָנט. — איי, האָסטו געהאַט אַ טאַטן, — האָט ער אים באַדויערט און באַלד צוגעגעבן: — טאַקע געקומען נאָר יום־כיפּור אין שיל, אָבער אַ טייערער ייד געווען.

אפרים האָט דעם גאַנצן וועג געסאָפּעט ווי אַלץ אין אים זאָל זידן, אָבער ער האָט געשוויגן. אָבער אַז מנחם האָט אים אַ פרעג געטאָן: — „וואָס וואָלטן געזאָגט דיינע טאַטע־מאַמע ווען זיי זאָלן דיך זען מיט איר?..." האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן ווי ער זאָל וועלן זיך אויף אים וואַרפן. אפרים האָט פאַר זיך דערזען זייער היים, די טאַטע־מאַמע, די געשוויסטער, — קיינער פון זיי איז נישט געבליבן. אפרימס קאָפּ איז געבליבן הענגען איבער זיינע אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען.

מנחם האָט אין דער פינצטער נישט געזען אפרימס צער, כאָטש ער האָט כסדר געקוקט אפרימען אין פנים אַריין. מנחם האָט געוואָלט די באַגעגעניש דערפירן צו אַ ציל און ער האָט אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך:

— איך פאַרשטיי, אַ בחור אַליין... — אָבער ער האָט אים באַלד אַ פרעג געטאָן: — וואָס האָלטסטו זיך אַזוי אָפּגעזונדערט?... מען קומט צו גיין... פאַראַן אַ וועלט מיט מיידלעך. און איך אַליין האָב אויך אַ טאָכטער... זי איז נישט פון די ערגסטע, — האָט ער אים געזאָגט און זיך צעלאַכט ווי ער זאָל הירזשען.

— שלום! — האָט אפרים אים אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל אים צוּוואַרפן דאָס וואָרט און ער איז אַוועק פון אים.

מנחם איז שטיין געבליבן ווי ער זאָל האָבן אים באַגאָסן מיט אַ קיבל וואַסער. ער האָט געזוכט אפרימען אין דער פינצטער.

אפרים איז געגאַנגען מיט אַן אויסגעצויגענעם שריט ווי ער זאָל זיך איילן און געסאָפּעט. איצט, ווען ער איז געווען אַליין, האָט ער באַטראַכט מנחמס רייד. אָבער שושנה, — זי, איר געשטאַלט, אירע אויגן, — האָבן געקוקט אויף אים.

# ר

סירענע האָט אַ צי געטאָן איר מאַן ביי דער האַנט. נעים האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. זיי זענען שטיין געבליבן. דאָס איז געווען עטלעכע הייזלעך פון זכריהס הויז. דאָס ענגע געסל איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט דער פינצטער. בלאַסע, ווי אָפּבלאַקירטע פלעמלעך האָבן געשיינט פון די פענצטער.

— נו, מיר זענען שוין דאָ — האָט זי אַ זאָג געטאָן נעימען.

— יאָ — האָט ער שטיל איר געענטפערט.

— אַז יאָ, ווייס איך אַליין. איך וויל דאָך אַן עצה פון דיר — האָט זי אים געזאָגט. ער האָט איר נישט געענטפערט. — אפשר גיי איך נישט צום פאָטער, דער זון האָט דאָך מיך געשיקט רעדן — האָט זי אים געפרעגט. אָבער באַלד האָט זי אַליין זיך געענטפערט: — דער יונג קען אומברענגען... — זי האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן און זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו נעימען: — וואָס שווייגסטו? דו ביסט דאָך דער מאַן...

— זאָג אים ווי די זאַך איז — האָט ער איר פאַרגעשלאָגן.

— וואָס? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ ברייט אָפן מויל — ער וועט דאָך מיך נישט אַריינלאָזן אין קצבים־געסל... און פרנסה — זי האָט גערעדט ווי זי זאָל פרעגן אים און זיך אויסגעשמועסט מיט זיך אַליין.

נעים האָט אויסגעשפּיגן און ער האָט איר געזאָגט:

— זאָג אים, אַז ער וויל נאָך נישט חתונה מאַכן די טאָכטער. ער וויל זי זאָל נאָך זיין אין שטוב, זי איז יונג... — ער האָט גערעדט ווי ער זאָל אַריינרעדן אין דער פינצטער אַריין.

זי האָט אים דערויף נישט געענטפערט. זי האָט אים נאָר געזאָגט:

— גיי אַהיים. די טאָכטער איז שוין אין שטוב... — זי האָט גענומען גיין שנעל, אים איבערגעלאָזט. זי איז אַדורך דעם שמאָלן און דעם גלייכן מיט דער ערד דורכגאַנג און אַריינגעפאַלן דורך דער אָפענער טיר צו זכריהן. זי איז ווי אַרויפגעגאַנגען אויפן טיש. דאָס פלאַרעסצענטן־ליכט האָט זי אַ בלענד געטאָן. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן פון מורא און איבערראַשונג.

זכריה איז געזעסן ביים טיש. דעם קאָפּ אָנגעלענט אויפן עלנבויגן. דערזעענ־דיק זי האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, געוואָלט זיך אויפשטעלן, אָבער ער איז געבליבן זיצן.

— שלום! — האָט סירענע אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל נישט האָבן קיין כוח און זי האָט געעפנט די אויגן.

זכריה האָט אַפילו נישט אַ ריר געטאָן מיטן אויג. ער האָט פון איר „שלום" געוווסט דעם ענטפער, וואָס זי האָט אים געבראַכט.

— שלום, סירענע! — האָט פאַרטונע זיין ווייב איר אַ זאָג געטאָן און זי האָט אויסגעלאָשן די גאַזקיך.

— שלום, שלום! — האָט סירענע איילִיק און הייטער איר געענטפערט. זי

האָט זיך צוגעגעבן מוט. די ליכט אין שטוב איז מיט אַ מאָל ווי געל געוואָרן. אין שטוב איז געוואָרן אימהדיק שטיל. קיינער פון די דריי מענטשן האָבן זיך נישט אָנגעקוקט. יעדער באַזונדער האָט געוואַרט אויף אַ שעת־הכושר. מען האָט סירעגען אַפילו נישט געבעטן זיצן.

— איך בין מיד, איך גיי זיך צולייגן — האָט פאַרטונע אַ זאָג געטאָן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז איצט איבעריק. זי האָט געמיינט, אַז סירענע איז געקומען זיך אַדורכשמועסן מיט איר בעל־הבית וועגן דער אַרבעט. די מיטל־ווּקסיקע, דיקע פּרוי איז זיי פאַרבייגעגאַנגען. זי איז אַוועק אין שלאָפצימער.

סירענע האָט דערפילט די ליידיקייט פון אַרום. אַ מורא איז איר באַפאַלן פון זכריהס אַנוועזנהייט.

— איך בין געקומען זאָגן — האָט זי אַ זאָג געטאָן זכריהן און זי האָט מיט צוויי פינגער זיך אַרומגעווישט איר אונטערשטע אָפענע ליפּ.

זכריה האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפן בענקל און האָט אַרויפגעלייגט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש.

איר קיילעכיק פּנים האָט זיך אויסגעצויגן. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש ווי זי זאָל אויף אים אַרויפלייגן אירע פולע ברוסטן.

— ער האָט געזאָגט... — האָט זי אַ שטאַמל געטאָן...

— ניין! — האָט זכריה אַ זאָג געטאָן און ער האָט פאַרענדיקט איר, סירענעס, זאַץ. ער האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט און אויך נישט אַ קוק געטאָן אויף איר. זיין פּנים איז געווען רויט פון כעס. זיינע געלבלעכע אויגן זענען איצט געווען ממש געל.

סירענע האָט געאָטעמט שווער. זי האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט. אָבער אירע גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי זיי זאָלן שטראַלן. איר האָט אַ הנאה געטאָן וואָס זי זעט זכריהן, איר בעל־הבית, אויג אויף אויג אין דעם צושטאַנד.

זכריה האָט זיך אַוועקגעבויגן פון טיש. ער האָט מיט זיין ברייטער האַנטפלאַך זיך אויסגעווישט דאָס פּנים. ער האָט אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז און ער האָט איר אַ זאָג געטאָן:

— איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט. איך ווייס נישט וואָס דער זון האָט דיר אָנגערעדט. גיי אַהיים!... — און ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

זי האָט געקוקט אַראָפּ. זי האָט נישט געוואַגט צו קוקן אים אין פּנים אַריין.

— קום! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן. ביידע זענען אַוועק צו דער טיר. דער קילער טונקל האָט זיי אַ ווי געטאָן אין פּנים. ביידע האָבן אָפּגעאָטעמט. גייענדיק האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: — הערסט! זאָלסט נישט איבערחזרן אַ וואָרט. איך זאָג דיר אָן — האָט ער זי געוואָרנט.

זי האָט געשוויגן. זי האָט, אין דער פינצטער, מיט אים אַליין מורא געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט.

— גיי! — האָט ער איר אַ באַפעל געגעבן.

— שלום! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן און זי איז איילִיק אַוועק. די גע־דיכטע פינצטערקייט, וואָס איז געלעגן איבער די דעכער און האָט אויסגעפּולט די הייף, האָט זי אַ טרייב געטאָן אין געסל אַריין.

זכריה איז געבליבן אַליין אין הויף מיט דער פינצטער פון אַרום און אַריבער זיך. לויט דער גרויס און פאַרנעם אינעם קוואַרטאַל האָט זכריהס הויז פאַרנומען אַ גענוג גרויסן שטח. די צורה פונעם הויז איז געווען ווי אַ דלת. אין הויף, דעם קיך־פענצטער אַנטקעגן, איז געשטאַנען אַ געמויערטע קאַמער. ביי דער קאַמער, אויף דער ערד, איז געלעגן אַ שטויס בעלקעס.

די ערד אין הויף איז געווען אַן אויסגעטראָטענע. זכריה האָט געשפּאַנט איבערן הויף ווי אַן אַרעסטאַנט ווען מען פירט אים שפּאַצירן. יעדעס מאָל, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס קיך־פענצטער, האָט ער אַריינגעקוקט. ער האָט געזען ווי דאָס ווייב פּאַרעט זיך. די פיס האָבן אים אָנגעהויבן ווי טאָן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די בעלקעס. ער האָט נישט געוואָלט אַריין אין שטוב. ער האָט נישט געוואָלט, דאָס ווייב זאָל אים פרעגן און ער זאָל מוזן איר ענטפערן, דערציילן. ער האָט געשפּרייזט און געקריצט מיט די ציין, געביסן די ליפּן. שפּאַנענדיק אַזוי איז ער אויך שטיין געבליבן און זיך אויסגעפּאַטשט. ער האָט געוואָלט אַזוי אַרום זיך באַרויִקן. דער כעס האָט אים געשטיקט. ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט זיך צעשרייען און די מענטשן וועלן הערן. ער איז מיד געוואָרן און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם שטויס בעלקעס.

ער איז געזעסן דעם קיך־פענצטער אַנטקעגן. די ליכט־שטראַלן פון אינע־ווייניק, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין די שויבן, האָבן אים געשפּיגלט. ער האָט געזען ווי די קינדער קומען זיך צונויף. פון ווייטנס האָט ער נישט אונטערשידן ווער זיי זענען. נאָך די באַוועגונגען נאָר האָט ער געמערקט, אַז דאָס ווייב גיט זיי עסן, אַז זיי עסן, אַז דאָס ווייב ווישט די קלענערע אַרום די פּנימער און זי פירט זיי לייגן. דער כעס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. זיך צו באַרויִקן האָט ער יעדעס מאָל אַ הויך געטאָן — „האַ!" — זיך גרינגער געמאַכט. פון אויפרעגונג איז ער כסדר קלענער געוואָרן, ווי ער זאָל איינשרומפּן.

מיט אַ מאָל האָט ער דערזען, אַז פאָרטונאַ זיצט אַן אָנגעלענטע מיטן רוקן צום טיש. זי האָט געוואַרט אויף אים. אין שטוב איז געווען שטיל. זיינע אויגן־לעפּלעך האָבן זיך אים פאַרמאַכט. ווען ער האָט צוריק געעפנט די אויגן איז אין זיינע אַלע פענצטער געווען פינצטער. ווי לאַנג ער איז געשלאָפן האָט ער נישט געוווּסט. עס איז אים געווען אומעטיק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די פינצטער־קייט אַרום אים איז געווען געדיכט. ער האָט זיך דערמאָנט פאַר וואָס ער זיצט דאָ. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין. ער איז געגאַנגען ווי ער זאָל טאַפּן אין דער פינצטער און מען זאָל אים נישט הערן. ער האָט מיט זיין שליסל אויפגעשלאָסן און נאָך שטילער פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. ער האָט נישט אָנגעצונדן, נאָר געזעסן אין דער פינצטער און געוואַרט.

ער האָט ווידער איינגעדרימלט. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט

און האָט אויפגעהאָרכט צי מען גייט. ער האָט נאָר געהערט דעם זייגער. די וויַיזערס אויפן ציפּערבלאַט האָט ער נישט געזען.

אַ שליסל־סקריפּ אין דער טיר האָט אים אויפגעוועקט. ער איז מיט אַ מאָל וואַך געוואָרן. דער זון, נישט קענענדיק אויפשליסן, האָט אָנגעדריקט די קליאַמקע. די טיר האָט זיך געעפנט. שלום האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט. די שיין האָט ביידן אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. ווען זיי האָבן געעפנט די אויגן האָבן ביידע דער־שטוינט זיך אָנגעקוקט. דער פֿאָטער האָט אַ ווייז געטאָן אים מיט דער האַנט ער זאָל פֿאַרשליסן די טיר און זיך צוזעצן צו אים.

שלום האָט אויסגעפירט דעם פֿאָטערס פֿאַרלאַנג. שטיל, ער זאָל נישט איבערוועקן די שלאָפנדיקע, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן דעם פֿאָטער:

— וואָס איז געשען ?...

— ער וויל נישט געבן די טאָכטער — האָט דער פֿאָטער אים מגלה געווען. זכריה האָט גערעדט ווי ער זאָל כאָרכלען און באַלד דערנאָך זיך אויפגעשטעלט.

נישט וויסנדיק פֿאַר וואָס האָט דער זון אויך זיך אויפגעשטעלט. ביידע מענער זענען אין מיטן דער נאַכט געשטאַנען זיך אַנטקעגן, ווי זיי זאָלן דאַרפֿן דערליידיקן צווישן זיך אַ חשבון.

דער זון, אַ צעבאַלעוועטער, ער האָט פֿאַרברענגט מיט די חברים, האָט אַ זאָג געטאָן דעם פֿאָטער:

— זאָל ער זי איינזאַלצן זיך! — דעם פֿאָטערס רייד זענען אים איצט נישט איינגעגאַנגען.

דער פֿאָטער, אַ פֿאַרשלאָפֿענער, האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פֿון דער זייט און זיך אַ קראַץ געטאָן די באַק.

ערשט איצט, ווי ער זאָל האָבן באַנומען די זאַך, האָט דער זון אַ פֿרעג געטאָן דעם פֿאָטער:

— איך שטיי אים נישט אָן? זיין יִחוּס איז גרעסער?...

דער פֿאָטער האָט איבערגעלייגט אַ פֿינגער איבערן מויל זיך, געוויזן דעם זון ער זאָל רעדן שטילער. זיין פֿאַרשלאָפֿן פּנים איז געווען בלייך. ער האָט זיך געשעמט פֿאַרן זון.

— איך וועל אים וויַיזן ווער איך בין און ווער ער איז, — האָט שלום אַ זאָג געטאָן ווי עס זאָל פֿון אים אַרויסרעדן און ער האָט פֿאַרביילט די פֿויסטן.

— אָבער מיט חכמה, — האָט דער פֿאָטער אים אָנגעזאָגט און אַ וואָרן געטאָן אים מיטן פֿינגער.

— פֿאַרלאָז זיך! — האָט שלום אים פֿאַרזיכערט, ווי ער זאָל גריזשען די ווערטער. איצט איז זיין פּנים געווען וויַיס פֿון אויפרעגונג. — קום שלאָפֿן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם פֿאָטער און געלאָזט זיך גיין. ער איז געגאַנגען מיט אַ לייכטן טריט ער זאָל נישט איבערוועקן די שלאָפֿנדיקע.

דער פֿאָטער האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און איז אים נאָכגעגאַנגען.

*

די קצבים אין געסל האָבן געעפנט די יאַטקעס. די אָנגעדראָלטע אין משך פון דער נאַכט אין געסל דושנעקייט איז זיך פאַנאַדערגעגאַנגען, זיך געלייטערט. די ערד האָט ווי געפּאַרעט. דער מאָרגן איז געווען שטיקנדיק. די לופט פייכט. דער טאָג האָט געדאַרפט זיין אַ הייסער.

די קצבים האָבן אַרויסגערוקט די טישן. זיי האָבן צעהאָנגען און פאַנאַנדער־געלייגט די פליישן און זיי האָבן זיך איבערגעשריגן: גוט מאָרגן! שלום! יונגען אין פאַרטריקנטע פון נעכטן מלבושים מיט בלוט, האָבן געטראָגן בינטן הינער צום שוחט. די הינער האָבן מיט איבערגעבויגענע קעפּ אַרויפגעקוקט ווי זיי זאָלן וועלן זען ווו אַהין מען טראָגט זיי. קצבים מיט שלויכן אין די הענט האָבן באַוואַ־סערט די ערד אין געסל.

אויך זכריה האָט צעהאָנגען די זייטן און פאַנאַנדערגעלייגט די שטיקער פלייש. ער איז היינט געקומען אין געסל אַריין מיט די ערשטע. אָבער זיינע אויגן זענען געווען שטאַר, זיין פּנים אָנגעצויגן און אויסגעצויגן. זיינע נידעריקע שוואַרצע דורכגעגרויטע האָר זענען געווען שטייף ווי שפּילקעס. ער האָט אָנגעטאַפּט און באַטראַכט יעדעס שטיקל פלייש. ער האָט זיך געפּאַרעט, געגרייט צום טאָג פּדיון ווי אַלע. אָבער יעדער קצב, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זכריה אים אָנגעקוקט פון אונטערן שטערן אַפיר, צי ער קומט צו אים. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די קצבים ווייסן שוין.

דער רוב קצבים האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ ציגאַרעט און אין דער אַנדערער מיט אַלע פינגער דאָס גלעזל קאַווע. די קאַווע האָט זיי צוגעבראַכט אויף אַ מעש־טעצל רחמים, דער הויכער דאַרער ייד מיטן ווייסן קאָפּ. אין געסל האָבן זיך געשלייכט די ערשטע קונים און געזוכט דאָס פּאַסיקע שטיקל פלייש פאַר זיך.

— שלייפן! שלייפן! — האָט גערופן שמעון; זיין קול האָט זיך געטראָגן איבערן געסל, ווי אַן אָפּהילך פון ווייט. שמעון, אַ נידעריקער, ברייטביינער ייד, אַ געבוקטער ווי ער זאָל שטענדיק שטיין איבערן שלייף־שטיין, האָט צונויפגענומען פון די קצבים זייערע כלים צום שאַרפן. ער האָט געהאַט אַ ברייט פּנים, לאַנגע נאָז און טיפע, באַברעמטע אויגן.

דערהערנדיק שמעונען איז זכריה שטיין געבליבן אַ פאַרגאַפטער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער האַסטיק אַן עפּן געטאָן די קילשאַנק. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און מסדר געווען די פליישן דאָרט, שמעון זאָל אים נישט זען. ער זאָל אים נישט דאַרפן אָוועקגעבן די מעסערס שאַרפן. ער האָט נישט געוואָלט די מעסערס זאָלן היינט זיין שאַרף.

סירענע איז געקומען צו דער אַרבעט. זי איז אָנגעקומען מיט אימפּעט. זי האָט געוואָרפן מיט די הענט, אָבער די פּיס האָבן זיך געזעצט אונטער איר. זי האָט געקוקט פון אונטערן שטערן אַפיר וואָס זכריה טוט.

— גוט מאָרגן! — האָט זי אַ זאָג געטאָן פון ווייטנס.

ער האָט איר נישט געענטפערט ווי ער זאָל נישט האָבן געהערט. ער האָט זיך געפּאַרעט, באַדינט אַ קונה.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אַ ווײַלע און זיך אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט. זי האָט זיך אַרומגעבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, אַרומגעבונדן דעם זאַק אַרום די לענדן און איבערגעלייגט זיך דאָס ברעטל איבער דער שויס. די סחורה האָט נעים גאַנץ פרי איר צוגעגרייט.

זכריה האָט זי אויך איצט נישט געזען. ער האָט געוויזן זיין סחורה, צוגערעדט די קונים. ער האָט גערעדט הויך. ער האָט געוואָלט זיך פאַרשרייען. ער האָט געהאַקט, געוויגן און געפּאַקט. ער האָט זיך די מי געגעבן ער זאָל נישט שטיין ליידיק. נישט געווען קיין קונים, האָט ער אָנגעשאַרפט אַ מעסער, אָפּגעקראַצט דעם יאַטקע־קלאָץ אָדער דאָס האַקברעט.

סירענעס פליישיקע ליפּן זענען געווען אויסגעפּעטסט. זי האָט אויפגעבלאָזן קישקעס און מיט צוויי פאַרמאַכטע ווי אַ רעדל־צוואַנג, פינגער, געצויגן דאָס שמוץ, אָפּגערייניקט די קישקע. ביידע, זכריה און סירענע האָבן געאַרבעט, זיי זאָלן נישט דאַרפן זיך אָנקוקן, רעדן. ביידע האָבן מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך נישט איינהאַלטן, וועלן מוזן זיך אויסרעדן.

— וויפל? — האָט אַן עלטערע דיקע פרוי אַ פרעג געטאָן סירענען. די פרוי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שפּיץ פון אַ ברוינער וואַמפּ.

— וויפל איז עס דיר ווערט? — האָט סירענע אַ פרעג געטאָן. סירענע האָט גענומען אַ מעסער אין דער האַנט און עס איבערגעלייגט איבער דער וואַמפּ. זי האָט געוויזן דער קונה, וויפל זי וועט אָפּשניידן.

— אַ ניקלנעם פונט — האָט די פרוי איר פאָרגעשלאָגן און געוויזן איר די מטבע.

סירענע האָט אַ צי געטאָן דאָס מעסער, זי האָט אָפּגעשניטן דאָס שטיקל וואַמפּ. — צום געזונט! — האָט זי געזאָגט דער פרוי. זי האָט פאַרפּאַקט, אַוועקגעגעבן די סחורה און גענומען ס׳געלט.

— זיי געזונט! — האָט סירענע איר אָנגעווונטשן. די פרוי איז אַוועק. סירענע האָט געאַרבעט ווייטער. אַרום סירענען איז ווידער שטיל געוואָרן. די שטילקייט האָט זי דענערווירט, זי האָט נישט געקענט איינזיצן, רויִק אַרבעטן. די רויִקייט איז איר געווען פיינלעך. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן. זי האָט זיך איבערגעלייגט דאָס ברעטל איבער די קניִען און אַרויפגעלייגט אַ קאָפּ פון אַ שעפּס. דאָס פאַרגליווערטע שעפּסן־אויג האָט זי ווי באַטראַכט. זי האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער האַק, געוואָלט אָפּהאַקן דאָס שיידל, אַרויסנעמען דעם מוח. — אַה! — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן. זי האָט פון אויפרעגונג געטראָפן מיט דער האַק אין האַנט זיך. דער קלאַפּ איז געווען אַ טרוקענער. דער ווייטיק האָט זי פאַרנומען ביים האַרץ. פונעם ווייטיק איז איר פּנים רויט געוואָרן. זי האָט געוואָלט וויינען. קונים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך געפרעגט וועגן סחורה, האָט זי נישט געענטפערט.

זי האָט דאָס ברעטל, די האַק, און דעם שעפּסן־קאָפּ אַ וואַרף געטאָן אין אַ זייט און זי איז אויפגעשפּרונגען. — צום טיווול! — האָט זי אַ שריי געטאָן און

האָט זיך אומגעקוקט. זי האָט געקוקט די קצבים אין די פּנימער. זי האָט ביי זיי געזוכט טרייסט. זי האָט זיך איבערגעבויגן. זי האָט מיט דעם גאַפן צונויפגע־נומען איר דעקאָלט ווי זי זאָל מורא האָבן, אַז אירע ברוסטן וועלן זיך איר אַרויסגליטשן פון קלייד און האָט אַ שפּאַן געטאָן.

זכריה, וואָס האָט באַדינט אַ קונה, געשניטן אַ שטיק פלייש, איז שטיין געבליבן מיטן מעסער אין האַנט. ער האָט איר נאָכגעקוקט.

— מזל! — האָט סירענע אַ רוף געטאָן פון ווייטנס. אירע אויגן האָבן געטרערט און זי האָט נישט געקענט רעדן. זי האָט אָבער אויך געוואָלט זכריה זאָל וויסן וווּ אַהין זי גייט.

מזל, די ברייטביייניקע אָבער מאָגערע יידענע, מיטן לאַנגן פּנים און קאַנ־טיקער נאָז, האָט דערשטוינט זי אָנגעקוקט.ביידע זענען זיי געווען פון זעלבן פּאַך. מזל איז געווען עלטער פון סירענען.

סירענע האָט געוויינט. די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע באַקן. מזל האָט אויסגעשפּיגן דאָס טליענדע נאָך שטיקל ציגאַרעטל און זי האָט אַרויס־געלייגט דאָס מעסער פון האַנט.

— וואָס איז דיר געשען? — האָט זי אַ פרעג געטאָן סירענען.

סירענע האָט זיך צעהעשעט און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, מענטשן זאָלן נישט זען.

מזל האָט זיך אויפגעשטעלט און זי אַרומגענומען ווי אַן אייגענע טאָכטער. זי האָט צוגעבויגן איר קאָפּ און האָט זי אַ פרעג געטאָן בסוד:

— וואָס וויינסטו?...

— די גאַנצע וועלט איז אים שולדיק. יצחק דער קרעמער וויל אים נישט פאַר אַ מחותן, — האָט סירענע געזאָגט. זי האָט גערעדט און געשלוכצט ווי אַ פּאַרוויינט קינד.

מזל האָט נישט געוווּסט וועלכער יצחק. זי האָט נאָר פאַרשטאַנען, אַז מען וויל נישט זכריהן.

— איז וואָס וויל ער פון דיר? — האָט זי אַ פרעג געטאָן סירענען.

— ער מיינט, אַז איך בין שולדיק, — האָט זי זיך געקלאָגט. זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און אַרומגעקוקט צי מענטשן זעען.

מזל האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און זי אַוועקגעזעצט אויפן שטיין, אויף וועלכן זי זיצט, און זי האָט איר דערלאַנגט איר האַלב שוין אָפּגעטרונקען גלעזל טיי. סירענע האָט אַ נעם געטאָן דאָס גלעזל, זי האָט עס זיך צוגעטראָגן צו די ליפּן און מיט איין זופּ עס אויסגעליידיקט. אַהה!... — האָט זי זיך אַ קוויק געטאָן און האָט אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל יאָמערן: — ס'האַרץ דערכאַפּט...

מזל האָט נישט געהאַט קיין אַרבעטס־פּלאַץ. זי איז געשטאַנען מיט איר סחורה אין ראָג פון צוויי געסלעך. מזל האָט אָנגעקוקט סירענען.

— גיי צוריק צו דער אַרבעט, ווייז אים נישט קיין וועג, — האָט מזל זי באַלערנט.

— אין גיהנום אַריין וואָלט איך בעסער געגאַנגען — האָט זי אָפּגעענטפערט מזלען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוריק אַוועק צו איר אַרבעט.

מזל האָט איר נאָכגעקוקט. אירע באַקן זענען געווען אָפּגעצויגן. זי האָט איבערגעטראַכט וואָס סירענע האָט איר געזאָגט. — ווער איז דער יצחק? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט און האָט זיך אַרומגעקוקט צי עס שטייט נישט ווער נאָענט, וועמען זי זאָל קענען פרעגן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַ פאַרוווּנדערטע, זי האָט נישט געקענט מיט זיך פאַרטיק ווערן. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ניסים — האָט זי אַ רוף געטאָן און געוואָלט צו אים צוגיין.

ער האָט נישט געהערט.

זי איז אַוועק אין איר ווינקל. זי איז שטיין געבליבן מיטן אָן איינגעבי־סענעם פינגער אין מויל. זי האָט זיך איבערגעלייגט. אַ ווײַלע שפּעטער איז זי דאָך צוגעגאַנגען צו ניסימען.

— יצחק דער קרעמער וויל נישט זכריהן פאַר אַ מחותן... — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן. זי האָט געמיינט, אַז אַזוי אַנאָך וועט זי זיך דערוויסן וועלכער יצחק און זי וועט זיך נוקם זיין אין זכריהן. מיט יאָרן צוריק האָט זכריה איר געגעבן די אינגעווייד צו פאַרקויפן.

ניסים, אַ הויכער ברייטבייניקער מאַן מיט אַ קיילעכיק, ווי אָנגעשוואָלן, פּנים, גרויסן שטערן, און שוואַרצע, קורצע, מיט אַ מאַשינקע געשוירענע האָר, האָט אויסגעשטעלט אויף איר די אויגן. ניסים און זכריה זענען געווען חברים נאָך פון די יינגל־יאָרן. זיי האָבן איצט אָפּט צוזאַמען געטרונקען ביר. ניסים האָט פון מאָל צו מאָל אַ כאַפּ געטאָן ביי זכריהן אַ גמילת חסד.

— ווער האָט דיר דערציילט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מזלען.

מזל האָט אים באַלד נישט געענטפערט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אים געזאָגט:

— איך האָב געהערט.

— פון וואַנען? — האָט ער בייז, אויפן קול זי אַ פרעג געטאָן. זיין אונ־טערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטאָן.

מזל האָט זיך אויסגעבויגן ווי זי זאָל מורא האָבן פאַר אים.

— מענטשן רעדן, — האָט זי אים געזאָגט און איז אַוועק צו איר אַרבעט.

אין צווישן איז שלום געקומען אין דער יאַטקע אַריין. דאָס העמד אויף אים איז געווען צעכראַשטשעט, דער קאָלנער אויפגעשטעלט, זיינע אויסגע־פּעטסטע מיט ברילאַנטין האָר האָבן געגלאַנצט.

— שלום! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

דער פאָטער האָט אים אָנגעקוקט און גערעדט ווייטער מיטן קונה.

שלום האָט זיך אַרומגעקוקט וואָס איז דאָ צו טאָן. ער האָט מיט דער האַנטפלאַך אָנגעפּרווט די שאַרף פונעם סאַטור (אַ לאַנג ברייט מעסער, ווי אַ שווערד). ער האָט זיך פאַרשאַרצט די אַרבל און האָט אַ נעם געטאָן דעם סאַטור אין האַנט אַריין. ער האָט צעשטעלט די פיס און גענומען פלעטן דעם ערשטן

אין דער ריי שעפּס. ביידע, דער טאַטע און דער זון, האָבן געטאָן זייער אַרבעט. איינער האָט נישט געקוקט אויפן אַנדערן.

סירענע האָט אַריינגעקוקט אין דער יאַטקע פון ווייטנס. זי האָט זיך ווי אַדורכגעשלייכט, דער טאַטע מיטן זון זאָלן זי נישט זען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען צו דער אַרבעט.

— דער טייוול זי אָנגעטראָגן! — האָט שלום אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל אַריינרעדן אין שעפּס אַריין. ער האָט געמיינט סירענען. ער האָט געזען זי קומען. דער צווייטער שעפּס איז געווען שוין געפּלעט ביז אין דער העלפט. הענגענדיק האָט ער אויסגעזען ווי צוויי פאַנאַנדערגעבראָכענע צווייגן.

סירענע האָט נאָר געהערט, אַז שלום רעדט. וואָס ער רעדט האָט זי נישט געהערט. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער די קניִען. זי האָט געוואָלט ער זאָל זי נישט זען. פון מורא האָט זי מיט אימפּעט גערייניקט אַ פוס פון אַ שעפּס.

— שלום! — האָט ניסים אַ זאָג געטאָן און איז שטיין געבליבן ביים עק טיש אונטערן פילאַר. ער האָט נישט געוואָלט שטיין פנים לפנים מיט זכריהן. זכריה האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אָפּגעפּאַרטיקט דעם קונה.

— זכריה, וואָס רעדן די בריאות? — האָט ניסים אים אַ פרעג געטאָן ווי ער זאָל רעדן אין גאָס אַריין. זיינע אויגן האָבן דערשטויינט באַטראַכט זכריהן.

זכריהן זענען די הענט געבליבן הענגען. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. ער האָט פאַרקריצט די ציין. זיינע קינבאַקן זענען געווען בולט, אָבער ער האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט.

שלום, דער זון, האָט אַ וואָרף געטאָן דעם סאַטור אויפן פאָל. ער האָט מיט ביידע פויסטן זיך אַ זעץ געטאָן אין ברוסטקאַסטן און האָט זיך צעשריגן: — ווער זענען די רעדער? זאָג!

דער פאָטער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. ער האָט שנעל צונויפגענומען די העק און די מעסערס און זיי פאַרשטופּט אין אַ זייט.

סירענען זענען אַראָפּגעפאַלן די הענט און זי האָט זיך ווי איינגעבראָכן. איר אויבערשטע טייל קערפּער האָט באַדעקט איר שויס. זי האָט מורא געהאַט אַטעמען.

שלום איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן טיש. ער איז צוגעלאָפן צו סירענען. מיט ביידע הענט האָט ער אַ שלעפּ געטאָן און איבערגעקערט צוויי שיסלען מיט אָפּגערייניקטע קישקעס. דאָס וואַסער האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן. די קישקעס האָבן זיך געוואָלגערט ווי זיי זאָלן אַרויסהענגען פון אַן אָפענעם בויך.

סירענע איז אויפגעשפּרונגען. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן די האָר פון קאָפּ, געריסן אירע פליישיקע באַקן און געיאָמערט:

— מענטשן, קוקט! קוקט וואָס ער טוט מיר!... — איר גאָלדן אויערינגל אין לינקן אויער האָט געשימערט.

די קצבים האָבן זיך איבערגעקוקט, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

זכריה איז אַרויסגעלאָפן און האָט אַרומגענומען דעם זון. ער האָט אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און אַ שטופּ געטאָן ער זאָל גיין.

שלום האָט געפּרייכט פון כעס.

— גיי, גיי, — האָט דער פאָטער זיך געבעטן ביי אים. ער האָט אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און אים אונטערגעפירט אַ שטיק וועג.

שלום האָט אויסגעשפּיגן. ער האָט ווידער זיך אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און איז אַוועק.

זכריה האָט שנעל אַרויסגענומען פון טיש עטלעכע באַנקנאָטן און זיי אַריינגעשטופּט סירענען אין בוזעם. — שיק אַהער נעימען, — האָט ער איר געזאָגט.

אַ פאַרוויינטע און שלוכצנדיקע איז סירענע אַוועק אַהיים.

— קום, מירן צוזאַמענגעמען איר די „בעבעכעס" — האָט ניסים אַ זאָג געטאָן זכריהן. זיין פּנים איז געווען אויסגעצויגן און ערנסט.

ביידע האָבן זיך אַנגעבויגן. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די שיסלען און צונויפגענומען די קישקעס. אַז זיי זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט ניסים אַ זאָג געטאָן:

— זכריה, זיי געזונט! — און ער איז אַוועק צו זיך אין יאַטקע. גייענדיק האָט ער נישט געקוקט קיינעם פון די קצבים אין פּנים אַריין.

זכריה האָט זיך געשטעלט אַרבעטן מיטן רוקן צו דער גאַס. ער האָט ממשיך געווען די אַרבעט, וואָס דער זון האָט איבערגעלאָזט. זיין פּנים איז איצט געווען שוואַרץ.

*

די זון איז כמעט שוין געהאַט דערגאַנגען אין מיטן הימל. די לופט אין די געסלעך איז געווען אַ געפּראַפּטע ווי די געסלעך זאָלן זיין אַנגעשטאָפּט. שלום איז שטיין געבליבן און געטראַכט. זיין טשופּרינע איז געווען צעשויבערט, די אויגן פאַרמרוזשעט. ער האָט געביילט די פויסטן, ווי ער זאָל ערשט איצט זיך קלייבן שלאָגן. אַ ווילע שפּעטער האָט ער זיך אַ פאַרנעם געטאָן רעכטס.

אין דעם קראָמען־געסל זענען געווען איינע ביי די אַנדערע די יאַטקעס פון זיינע חברים. — חברה! — האָט ער זיי אַ רוף געטאָן פון ווייטנס און האָט זיי אַ וויַז געטאָן מיטן גראָבן פינגער זיי זאָלן קומען.

פּרץ, וואָס האָט פאַנאַנדערגענומען אַ קאָפּ פון אַ בהמה, האָט אים אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג. רפאל, וואָס האָט אויסגעשיילט די ריפּן פון אַ שעפּסן־זייט, האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער רופט זיי צו מלכן.

— מען דאַרף אַרבעטן, — האָט פּרצעס פאָטער אַ זאָג געטאָן דעם זון, שלום זאָל הערן. ער האָט באַמערקט ווי די יונגען רעדן זיך אָן. דער פאָטער איז געווען אַ נידעריקער ברייטביייניקער ייד מיט אַ קורצער פליישיקער נאָז.

שלום האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צו מלכן.

די טישלעך אַרום דעם רעסטאָראַן זענען געווען פאַנאַנדערגעשטעלט גרייט אויפצונעמען געסט. אין ווינקל ביי אַ טישל איז געזעסן אַ יינגל מיט רויטע פון רויך אויגן און מיט אַ מעסער געשניטן בהמה־הערצער. ער האָט געשניטן פּריטשן און זיי פאַנאַנדערגעשניטן אין פּירעקיקע שטיקלעך. ער האָט געגרייט דעם שאַשליק.

שלום איז אַריין אין רעסטאָראַן אויף אַ זייט, ווי ער זאָל זיך אַדורכשטופּן. דער קוילן־סוואַנד איז איצט געווען דיך. די ליכטשיין איז געווען פאַרנעפּלט. די העלע פאַרמייקע־טישן זענען געווען בולט אין דער גרויער איצט דאָרט לופט. דער גרינער קאַלך אויף די ווענט איז איצט געווען מאַט. דאָ־דאָרט איז ביי אַ טישל געזעסן אַ גאַסט. מלך האָט זיך געגרייט צו מיטאָג. שלום איז שטיין געבליבן, ווי ער זאָל אים האָבן פאַרגאַנגען דעם וועג. רעכטס פון קוילן־אויוון איז געזעסן מלך מיטן מאַטראַז. זיי האָבן געטרונקען „טערקישע".

— אונדזער חשבון איז נאָך נישט פאַרענדיקט, — האָט שלום אַ זאָג געטאָן דעם מאַטראַז. פון זיינע אויגן האָט זיך געשפּאַרט רציחה.

דער מאַטראַז האָט אַריינגעשטופּט זיין שפּיץ צונג צווישן די ליפּן. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געשמייכלט שלומען אין פּנים אַריין.

מלך איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל און אויסגעשראָקענע אויגן ווי אַ פיש אויף דער יבשה.

— מיר וועלן זיך נאָך טרעפן! — האָט שלום אַ דראָ געטאָן דעם מאַטראַז.

דער מאַטראַז האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט געוואָלט צוגיין צו שלומען. מלך איז צוגעשפּרונגען צו שלומען. ער האָט אים אַרומגענומען און אים געגלעט ווי אַ קינד.

דער מאַטראַז האָט זיך איבערגעזעצט נאָך נענטער צו שלומען. די איינצלנע געסט אין רעסטאָראַן האָבן זיך צוגעקוקט צו זיי.

מלך האָט אַ נעם געטאָן שלומען אונטערן אָרעם. ער האָט אים צוגעפירט און אים אַוועקגעזעצט אין אַ זייט. שלום האָט אַרויפגעלייגט די עלנבויגנס אויפן טיש און האָט אָפּגעאָטעמט. ער האָט דערפילט דאָס בענקל אונטער זיך. ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש זיין שאַכטל ציגאַרעטן. ער האָט אַרויסגעצויגן זיך אַ ציגאַרעט און אַרויסגעוואָרפן דאָס שאַכטל אויפן טיש. ער האָט פאַררויכערט און פאַרצויגן. דער קוילן־רויך האָט אים פאַרדעקט דאָס פּנים.

רפאל און פּרץ זענען אָנגעקומען איינער נאָכן אַנדערן.ביידע האָבן זיך צוגעזעצט צו שלומען. ווי אָפּגערעדט האָבן ביידע אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש. דאָס איז געווען די באַגריסונג און דער אָנזאָג, אַז זיי זענען דאָ.

— אַ האַלב טוץ ביר און אַ טוץ אייער! — האָט שלום אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל מכריז זיין.

— דוד! — האָט מלך אַ רוף געטאָן דאָס יינגל. דאָס יינגל, וואָס האָט געגרייט דעם „שאַשליק" איז צו אים צוגעלאָפן.

— איך האָב געהערט, — האָט ער געזאָגט דעם בעל־הבית און ער איז אַריין אין קיך. אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער דאַר־אויסגעוואַקסענער דוד זיי צוגעטראָגן די באַשטעלונג.

מלך האָט געקוקט פון ווייטנס.

שלום האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דודס אַקסל און האָט זיך אין אים איינגעקוקט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער דודן אַ לייכטן שטויס געטאָן ער זאָל גיין.

רפאל האָט גענומען איינגיסן. דאָס ביר האָט געשוימט און איז איבער־געלאָפן אויפן טיש אַרויף.

פּרץ האָט געקלאַפּט די אייער אין טיש און זיי געשיילט. די אָנגעשיילטע אייער האָט ער אַרויפגעלייגט אויף דעם פלאַכן טעלער.

שלום האָט געקוקט פאַר זיך, ווי ער זאָל אַריבערקוקן איבער די חברים. רפאל האָט אָנגענומען אַ גלאָז. ער האָט זי אָנגעקלאַפּט אין טיש און האָט אַ זאָג געטאָן: — לחיים!

— לחיים! — האָבן שלום און פּרץ געענטפערט. זיי אַלע האָבן מיט איין צי כמעט אויסגעליידיקט די גלעזער. זיי זענען געווען דאַרשטיק. איצט האָבן זיי פאַרביסן אָן איי.

פּרץ האָט מיט דער אונטערשטער ליפּ זיך אָפּגעווישט דעם שוים פון דער אויבערשטער ליפּ.

— איז וואָס? — האָט ער אַ פרעג געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן דעם געשפּרעך. רפאל האָט צוריק אָנגעפילט די גלעזער.

שלום איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט שלום אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב זיך אָנגעקליבן איינע...

— איז ווו האַלטסטו זי? — האָט רפאל אים געפרעגט.

— זי וויל נישט! — האָט שלום זיך אַ זאָג געטאָן, און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך באַדויערט.

— אַ נקבה און האָט פאַר דיר נישט קיין מורא? — האָט פּרץ אים געפרעגט.

— זי איז נישט שולדיק. דער פאָטער, — האָט שלום זי פאַרענטפערט. רפאל האָט זיך איבערגעקוקט מיטן פּרצן.

— צום געזונט! — האָט פּרץ אַ זאָג געטאָן און גענומען די גלאָז אין האַנט. אַלע האָבן געטרונקען, אָבער ווייניקער ווי פריער.

— און ווו ביסטו? — האָט רפאל זיך אַ ווענד געטאָן צו אים.

— ווּ זענען מיר? — האָט פּרץ אַ פרעג געטאָן. זיינע אויגן זענען געווען פול כעס. ער האָט צוגעגאָסן צו די גלעזער און זיי האָבן ווידער געטרונקען. — מיר דאַרפן זיך אונטערהאַלטן, איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם, — האָט ער ממשיך געווען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: — „אונדזער שייקע". אַרום איז געווען שטיל. זיי האָבן געגעסן. יעדער האָט אויפגעגעסן צוויי אייער און זיי פאַרטרונקען.

דער מאַטראַז איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו זיי, אָבער זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. איצט האָט שלום צוגעגאָסן צו די גלעזער און ער האָט געגעבן נאָך אַן איי.

— ווער איז זי? — האָט רפאל געפרעגט שלומען.

שלום האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל, מען זאָל נישט הערן, זיי געזאָגט: — יצחקס טאָכטער. דער, וואָס האַלט אין דער מאַרק־גאַס אַ קראָם מיט געזייערטע מאכלים...

— אַזוי? — האָבן ביידע מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן און דערשטוינט אים אָנגעקוקט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט פּרץ געפרעגט:

— און וויל נישט? — ווי ער זאָל זיך צו קיינעם נישט האָבן געווענדט.

איצט האָבן ביידע חברים דערשטוינט אָנגעקוקט שלומען און זיי האָבן געשמייכלט אונטער דער נאָז. זיי האָבן געמיינט, אַז ער שפּאַסט פון זיי.

שלום האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בענקל, מיט רוגזה, ווי ער זאָל וועלן לויפן. ער איז אָבער זיצן געבליבן און האָט טרויעריק אַ זאָג געטאָן:

— איך שטיי אים נישט אָן... — ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ איבערן טיש און האָט גערעדט ווייטער: — אין מיין משפּחה זענען אויך פאַראַן רבנים... ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט ווי ער זאָל זיך רימען און גלייכצייטיק זיך פאַרטיידיקט. אָבער דער כעס און די חרפּה האָבן אין אים גובר געווען און ער האָט מיט דער פויסט אַ זעץ געטאָן זיך אין ברוסטקאַסטן.

פּרץ האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַראָפּ און אַרויף ווי אַן אומרויִק פערד און האָט אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— אַ שיינע, אַ געלערנטע, אַרבעט אין אַ באַנק... — ער האָט געוווּסט ווער זי איז. ער האָט זי געקענט פון זען.

שלום, דערהערנדיק די רייד, איז זיין פּנים געוואָרן פאַרצאָרנט. רציחה האָט אַ בלאַנק געטאָן אין זיינע אויגן. אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט. ער האָט אַ טרונק געטאָן פון דער גלאָז ביר און געזאָגט:

— איינע פון אַ סך!... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די חברים. ער האָט געוואָלט זען ווי זיי רעאַגירן. זיין פּנים איז געוואָרן פאַרזאָרגט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך פאַררעדט... — זי שטעלט אָן אַ פּנים פון אַ „צדקית" — האָט ער געזאָגט און זיך צעשמייכלט. ער האָט נישט געוואָלט זיין געפאַלן ביי די חברים אין די אויגן.

— עה!... — האָט רפאל אַ וואָרטשע געטאָן. דאָס איז געווען דער אויס־דרוק פון אַנטציקונג און אומגלויבן.

שלום האָט פאַרשטאַנען רפאלס מיין און האָט זיי געזאָגט:

— איך זאָג אייך צדקית... — ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. דאָס האָט באַדייט, אַז זיי דאַרפן אָננעמען זיין באַשלוס.

דער מאַטראָז האָט זיך אויסגעדרייט אויפן בענקל. ער האָט אָנגעקוקט שלומען.

— דו זאָגסט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן סאַרקאַסטיש. ער האָט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך...

אַלע דריי זענען זיצן געבליבן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. זיי זענען נישט געווען גרייט ער זאָל זיי אַריינרעדן.

דער מאַטראָז האָט זיי אָבער נישט אָפּגעלאָזט.

— דו קענסט בכלל זאָגן? — האָט ער ווידער אַ מאָל אַ פרעג געטאָן שלומען.

אַלע ווי איינער זענען זיי אויפגעשפּרונגען. רפאל האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פלאַש ביים האַלדז און זי איבערגעקערט.

אויך דער מאַטראָז האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט מיטביידע הענט געהאַלטן דעם בענקל־אָנלען.

די עטלעכע געסט אין רעסטאָראַן האָבן אויסגעשטרעקט די קעפּ פון נייגער און מורא.

מלך איז צוגעלאָפן און זיך אַריינגעשטעלט צווישן ביידע צדדים. ער איז שטיין געבליבן מיט פאַנאַנדערגעלייגטע הענט, זיך געבעטן. די פנימער זייערע זענען געווען צעיאָכמעט, רויט פון טרינקען און כעס.

דער מאַטראָז איז געווען רויִק, נאָר זיינע גרויע אויגן זענען געלאָפן אַהין און צוריק אין די אויגן־לעכער.

— קומט! „צופיל אויגן פאַראַן" — האָט שלום אַ באַפעל געגעבן זיינע חברים.

— קומט! — האָט פרץ אים אונטערגעהאַלטן. זיי זענען אַפּירגעגאַנגען פון טיש און גענומען גיין.

— מלך, פאַרשרייב! — האָט שלום אים אַ שריי געטאָן פון וועג.

— אַ באַנדע! — האָט דער מאַטראָז זיי נאָכגעשריגן.

מלך האָט אים געווונקען מיט די אויגן ער זאָל שווייגן.

דוד האָט גערייניקט דעם טיש. ער האָט צונויפגענומען די פלעשער, די גלעזער און די אייער־שאָלן. אין רעסטאָראַן איז ווידער געווען שטיל. אַזוי ווי פריער, איידער זיי זענען געקומען. דער מאַטראָז איז איבערגעגאַנגען, ער האָט זיך געזעצט נעענטער צום איינגאַנג. מלך האָט זיך צו אים צוגעזעצט.

— איבער וואָס קריגט איר זיך? — האָט ער אים געפרעגט.

— זיי רעדן אויס אסור־לדבר אויף יצחק עניס טאָכטער, — האָט ער

אים איבערגעגעבן און אים אָנגעקוקט, געוואָלט זען ווי עס האָט אויף אים געווירקט.

מלך האָט אַ פאַרווונדערטער פאַרקרימט זיין פּנים:

— אַ רחמנות, דער ייד און דאָס מיידל, אַ באַלעבאַטישער ייד... — האָט מלך אים פאַרטיידיקט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פון באַדויער.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן קומען צו מיטאָג. די געסט האָבן באַשטעלט ביי דודן און ביי דעם הויכן קעלנער. דער קעלנער האָט געהאַט אַ קורצן גוף און לאַנגע פיס. די אַרבל פון זיין קאַלירט העמד אין קראַטן, זענען געווען פאַר־שאַרצט. ער און דוד האָבן באַדינט די מענטשן. ביידע האָבן באַשטעלט אין קיך:

— צוויי שישליק! אַ פּאַרציע באַקלאַזשאַנען! קאַבאַב מיט טשיפּס! אַ באָבע־זופּ!... — זיי האָבן געשריגן פון וויטנס ווי זיי זאָלן זיך איבערשרייען, אויס־ליציטירן. דודס קול איז געווען יונג, דעם קעלנערס, דיק. משולם איז געשטאַנען ביים קוילן־אויוון און געבאַקן די פליישן. דער קוילן־סוואַנד איז ווידער געווען געדיכט און שאַרף. דאָס ליכט איז ווידער געווען גרין.

פון דרויסן ביי אַ טישל איז שטיין געבליבן בשרי און געקוקט אין רעסטאָראַן אַריין.

— נתן! — האָט ער אַ רוף געטאָן דעם מאַטראַז.

דער מאַטראַז איז געזעסן אַליין. ער איז צוגעגאַנגען צו בשרין און אַוועק־געזעצט זיך מיט אים.

— אַ קאַווע! — האָט בשרי באַשטעלט ביי מלכן — פאַר דיר אויך? — האָט בשרי אַ פרעג געטאָן דעם מאַטראַז.

דער מאַטראַז האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „ניין".

— וואָס, איך וועל אַליין טרינקען? — האָט בשרי אים געפרעגט.

— אַן אַראַק! — האָט דער מאַטראַז נאָכגעשריגן מלכן.

— איך גיי אויף מיטאָג, בין איך פאַרביי. געקומען טרינקען אַ טערקישע — האָט ער געזאָגט צו דעם מאַטראַז.

— הער וואָס עס איז זיך דאָ פאַרלאָפן מיט דער באַנדע! — האָט ער געזאָגט בשרין.

בשרי האָט אָנגעשטעלט דאָס אויער.

— זכריהס זונדל מיט זיינע חברים — שיער זיך נישט צעשלאָגן מיט זיי דאָ.

בשרי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. דאָס איז געווען זיין פראַגע: — פאַר וואָס?

דוד האָט זיי צוגעטראָגן די באַשטעלונג.

בשרי האָט אַ שלוק געטאָן פונעם קאַלטן וואַסער און אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע.

— ייִנגאַטשעס! טראַכטן אויס אַ בלבול — האָט דער מאַטראַז פאַרביסן אַ זאָג געטאָן.

— אויף וועמען ?... — האָט בשרי אַ פרעג געטאָן און ווידער אַ זופּ געטאָן פונעם שעלעכל.

דער מאַטראַז האָט אָנגענומען דאָס גלעזל מיט צוויי פינגער. ער האָט אַן עפן געטאָן דאָס מויל און אַריינגעגאָסן זיך דעם אַראַק. ער האָט פאַרמאַכט דאָס מויל און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם אַראַק און אַוועקגעשטעלט דאָס גלעזל, ווי ער זאָל האָבן געטרונקען וואַסער.

— ער שדכנט זיך צו יצחקס טאָכטער, דעם, וואָס האַלט אַ קראָם אין מאַרק־גאַס — האָט דער מאַטראַז ממשיך געווען.

— עני — האָט בשרי אים אַ זאָג געטאָן און האָט נייגעריק אים געפרעגט:

— נו ?... — אין צווישן האָט ער אויסגעטרונקען זיין קאַווע.

— דער קרעמער וויל אים נישט — האָט דער מאַטראַז אים צו וויסן געטאָן.

בשרי האָט אָפּגערוקט פון זיך דאָס שעלעכל. ער האָט זיך צוגעבויגן צום מאַטראַז און האָט אים שטיל דערציילט, ווי ער זאָל אים אַריינרעדן אין אויער: מיט אַ צייט צוריק, האָט נעים, סירענעס מאַן, די, וואָס רייניקט איינגעווייד, מיר דערציילט דעם ענין און אַזוי ווי די גאַנצע צייט איז שטיל, האָב איך שוין פאַרשטאַנען.

— ווי קומט ער צו איר ? — האָט דער מאַטראַז אַ פרעג געטאָן.

אַ ווײַלע האָט בשרי געשוויגן. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעבויגן פונעם מאַטראַז. ער האָט זיך אין אים איינגעקוקט און גענומען אויפקלערן דעם מאַטראַז אויף זיין שטייגער:

— אַ פרוי איז אַ פרוי, אַ מאַן איז אַ מאַן. ווער מיט וועמען עס פּאַסט זיך, קען מען נישט וויסן. עס איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס ציט אים צו איר. מיר פאַרשטייען דאָך אַנדערש, נישט ווי דער פּראָסטער מענטש.

דער מאַטראַז האָט אים נישט געענטפערט. זיינע גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט, די הויט אַרום זיי איז געווען געגרינצלט. ער האָט געשמייכלט.

מלך איז זיי פאַרבייגעגאַנגען.

— ביטע ! — האָט בשרי אַ זאָג געטאָן און ער האָט אַרויפגעלייגט אַ מעשענע מטבע אויפן טיש. — זייט געזונט — האָט ער זיי געזאָגט, אַז אַלע אַרום זאָלן הערן.

— צום ווידערזען ! — האָט מלך אים געענטפערט.

דער מאַטראַז האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

בשרי איז אַוועק.

מלך האָט אַראָפּגענומען די מטבע פון טיש. דער מאַטראַז איז געבליבן זיצן.

די דריי חברים זענען שטיין געבליבן אין ראָג אונטערן הויז. זייערע פּנימער זענען געווען רויט צעיאַכמעט, פון טרינקען און כעס. איינער האָט נישט געקוקט אויפן אַנדערן. יעדער באַזונדער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

— וואָס דאַרף מען טאָן ? — האָט פּרץ אַ פרעג געטאָן ווי ער זאָל נישט רעדן צו קיינעם. ער האָט פּשוט געוואָלט רעדן. ער האָט געוואָלט עס זאָל אים גרינגער ווערן אויפן געמיט.

— נישט אין גאַס — האָט שלום אים געענטפערט. — קומט אין אַ הויף אַריין — האָט ער זיי פאַרבעטן. ער האָט גענומען גיין. זיי זענען אים נאָכגע־גאַנגען. ער האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ הויף, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ געמויערטן פּאַרקן. אין הויף זענען געווען אַ פאַרמאַכטער שפּייכלער און אַ שטויס אָנגעסדרטע לײדיקע קעסטלעך. זיי האָבן זיך אָנגעלענט אין דער שפּייכלער־וואַנט. זיי זענען געשטאַנען ווי זיי זאָלן מוזן. דאָס יאַטקע־געסל און די געסלעך אַרום זענען געווען איצט פאַרצוימט פאַר זיי. יעדער פון זיי האָט געפילט, אַז נאָך דער געשעעניש מיטן מאַטראָז קען ער נישט קומען אין געסל אַריין.

— וואָס ווילסטו פון איר ? עס פעלן נקבות ? — האָט רפאל אַ פרעג געטאָן מיט אַ מאָל שלומען. אָבער ער האָט אויף אים נישט געקוקט, נאָר ווי ער זאָל רעדן סתם.

— איך מוז זי האָבן ! זי וועט זיין מיינע ! איך וועל זי באַשפּינען מיט גאָלד !

— האָט שלום געשריגן און ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין וואַנט פון רציחה.

פּרץ האָט זיך אָפּגעריסן פון דער וואַנט און האָט געזאָגט מיט כעס :

— גיב צו פאַרשטיין אַזאַ טאַטן אַ כניאַק — און ער האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען. ער האָט געמיינט שושנהס פאָטער — יצחק, דער פרומער ייד. פּרץ האָט צוריק זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט. אַ שטיקל צייט איז געווען אַרום זיי שטיל.

מיט אַ מאָל האָט רפאל זיך אַ וואָרף געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער וואַנט. ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט צוויי פינגער און האָט אויסגעשריגן :

— איך ווייס וואָס צו טאָן !

ביידע, שלום און פּרץ, האָבן זיך איינגעקוקט אין אים.

— איך וועל אָפּוואַרטן און רעדן מיט ברוכן, איר ברודער — האָט רפאל שנעל אַ זאָג געטאָן. ער האָט זיך אַליין צוגעגעבן מוט.

איצט האָבן ביידע, ער און פּרץ, געקוקט אויף שלומען. זיי האָבן געוואַרט אויף זיין הסכמה.

שלום האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן.

— נו ? — האָט רפאל דער ערשטער אַ פרעג געטאָן שלומען.

שלום האָט ווייטער געשוויגן. אים איז נישט אָנגעשטאַנען זיך אונטערגעבן. ער האָט דאָך געדענקט זיין פּרווו זיך צונויפרעדן מיט ברוכן. ער האָט אָבער פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטאָן : — אפשר ?...

ער גיט זיך אונטער.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט שלום אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטאָן :

— גוט.

— מיט מזל! — האָט רפאל אויסגעשריגן, ווי ער זאָל שוין האָבן אויסגעפירט דעם שידוך. ווי אָפּגערעדט האָבן אַלע דריי זיך אָפּגעריסן פון דער וואַנט. זיי האָבן איינגעקלאַפּט זיך די הענט און געגומען גיין פּאַמעלעך.

— איך וועל אים אָפּוואַרטן און זיך מיט אים אַדורכשמועסן ווי צוויי „יאַטן" רעדן זיך צונויף. פון אים קום איך באַלד צו דיר — האָט רפאל געזאָגט שלומען.

זיי זענען ווידער געשטאַנען אין ראָג. זיי האָבן פון ווייטנס געזען דעם מאַטראָז זיצן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זענען זיך צעגאַנגען ווי זיי זאָלן קומען פון אַ לוויה.

# ז

דער מאָנטיק־טאָג איז שוין געווען פאַרביי. דער אָוונט איז געווען פּאַרנע, די לופט פייכט. אין מאַרק זענען שוין געווען קנאַפּ קונים. די כל־מיני גרינס און אויפּסטן זענען געווען אויספאַרקויפט.

רפאל איז געשטאַנען אונטער אַ וואַנט, נישט ווייט פון יצחקס קראָם. ער האָט געריכערט אָן אויפהער. ער האָט דעם ציגאַרעט געהאַלטן אין דער פויסט, פאַרשטעלט, און געקוקט פון אונטערן שטערן אַפיר. זיינע גרויסע, געלבלעכע אויגן־ווייסלען זענען געווען בולט, אָנגעשטרענגט. ווי נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט רפאל זיך צוגערוקט צו דער קראָם. ער האָט איבערגעוואַרט די לעצטע קונים. ווען ברוך האָט גענומען צונויפשטעלן די שיסלען מיט די געזייערטע מאכלים און אַריינגערוקט דעם טיש אין קראָם, האָט רפאל אַריינגעטאַנצט אין קראָם אַריין.

ברוך האָט אָנגעקוקט רפאלן. זיין בליק איז געבליבן שטאַר. אַ היפּשע ווײַלע זענען זיי געשטאַנען זיך אַנטקעגן פון ביידע זייטן קאַסע־טיש און זיך באַטראַכט. ברוך האָט אַרויפגעקוקט צו רפאלן. די זויער־געזאַלצענע לופט איז געווען דעמפּיק. ביידע האָבן געשוויגן. ברוכס אויגן זענען געווען גרויס, אויסגעגלאָצט.

רפאלס ליפּן זענען געווען פאַרפּרעסט, זיינע קינבאַקן בולט. מיט אַ מאָל האָט רפאלס קאָפּ זיך אַ באַוועג געטאָן, ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער זאָל וועמען זוכן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער ווידער זיך איינגעקוקט אין ברוכן און ער האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל אייך פרעגן...

ברוך האָט געוואַרט וואָס ער וועט וועט אים זאָגן.

— ניין, איך וויל אייך זאָגן — האָט רפאל זיך פאַרבעסערט. ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, ווי ער זאָל צונויפשטעלן די ווערטער.

— וואָס דאַרפט איר? — האָט ברוך אים געפרעגט, געוואָלט אים אַרויס־העלפן.

— איך בין געקומען צו אייך — האָט ער געזאָגט צעציִענדיק די ווערטער ווי אַ קינד, און איז ווידער שטיל געבליבן. אין דער זעלבער רגע האָט ער אויסגעהויכט, ווי ער זאָל אָפּאָטעמען און ער האָט זיך צערעדט:

— פאַר וואָס ווילט איר זיך נישט משדך זיין מיט שלומען?... — ער האָט אָפּגעוואָרט אַ ווײַלע און פאַרגעזעצט: — אַ טייערער יונג, אַ גאָלדענער חבר. גיט פון זיך אַראָפּ ס׳העמד... — ער האָט גערעדט ווי ער זאָל זיך בעטן ביי ברוכן.

ברוך איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל. זיין קיילעכיק פנים איז געווען נאָך ברייטער. זיין לענגלעכע נאָז איז געווען אויסגעצויגן.

— ווער זאָגט דאָס? — האָט ער אַ פרעג געטאָן רפאלן. ער האָט אָבער נישט געענדיקט, ער איז איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער טעמע: — איך בין דער ייִנגסטער אין דער משפחה. איך ווייס פון גאָרנישט. איך שטיי אַ גאַנצן טאָג אין קראָם.

רפאל האָט אים אָנגעקוקט מיט איין אויג פון דער זייט. זיין קרומע נאָז איז געווען פאַרשאַרצט.

— איר דאַרפט אים נעמען פאַר אַ חתן! — האָט ער אַ זאָג געטאָן קאָטעגאָריש.

— דו האָסט באַשלאָסן? — האָט ברוך אים אַ פרעג געטאָן שוין דרייסט און געשמייכלט אים אין פנים אַריין.

רפאל האָט געעפנט ס׳מויל און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט געוואָלט אים ענטפערן, אָבער ער האָט נאָר אַ שטאַמל געטאָן:

— איך בין געקומען... — ברוכס דרייסטקייט האָט צוגענומען אים די זיכערקייט, אָבער ער האָט זיך באַהערשט און האָט געפרעגט ברוכן: — וואָס גרויסט איר זיך אַזוי? — און באַלד ממשיך געווען — זי שלעפּט זיך דאָך אַרום אין שטאָט מיט אַלע „אַשכנזער“. — ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און געקוקט ברוכן אין פנים אַריין. זיינע שוואַרצע אויגן זענען געווען שטאַר און האָבן געגלאַנצט.

ברוך איז ווייס געוואָרן. זיינע אויגן זענען געווען גלייזיק. די אונטערשטע ליפּ האָט אים געציטערט.

— ייִנגל! — האָט רפאל אים אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל מיט אים מיטפילן און חוזקן פון אים, און באַלד צוגעגעבן: — דו פאַרשטייסט נאָך אַ סך זאַכן נישט. — וועלנדיק אויסנוצן זיין איבערמאַכט האָט ער אַ פרעג געטאָן ברוכן: — איר זוכט צרות?

ברוך, אַ צעטומלטער, האָט געשוויגן. זיין שטערן און די אויבערשטע ליפּ זענען געווען נאַס פון שוויס.

— ברוך — האָט רפאל זיך אַ ווענד געטאָן צו אים ווי צו זיינס גלייכן — איך וועל קומען נאָך תשובה. ער האָט אַריינגענומען אין מויל אַריין די אונטערשטע ליפּ און אַ ווײַלע שפּעטער אַ זאָג געטאָן: — איך האָב געוואָלט מיט דיר אַנדערש רעדן, אָבער די ווערטער זענען געקומען מיר אין מויל אַריין. — ער האָט אַראָפּ-

געלאָזט די אויגן. — שלום! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און ער איז אַרויס פון קראָם.

אַ צייט לאַנג האָט ברוך זיך נישט גערירט פון אָרט. ערשט שפּעטער האָט ער אָפּגעזיפצט — אָה! — און מיט ביידע האַנטפלאַכן זיך אויסגעווישט דאָס פּנים ווי ער זאָל האָבן אויפגעשטאַנען פון שלאָף. ער איז אָפּירגעגאַנגען פון קאַסע־טיש און גענומען פאַרמאַכן די קראָם. די הענט האָבן זיך אים נישט געלייגט צו דער אַרבעט. ער האָט יעדע זאַך געטאָן פאַמעלעך. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די זשאַלוזיע און פאַרלייגט די שלעסער. ער האָט אַ פּרווו געטאָן צי די שלעסער זענען צו, און ער איז אַוועק אַהיים.

ער איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. ער האָט נישט געוואָלט זען קיין מענטש. גייענדיק האָט זיין פּנים כסדר זיך געענדערט. אַ מאָל איז זיין שטערן געווען צעקנייטשט, אַ מאָל איז די הויט אַרום זיינע אויגן געווען גערינצלט און אַ מאָל זענען זיינע ליפּן געווען פאַרפּרעסט. נישט ווייט פון שטוב איז ער שטיין געבליבן.
— שושנה, מיין שוועסטער?... — האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן. אַלס ענטפער האָט ער גענומען גיין מיט אימפּעט, ווי ער זאָל זיך אונטעריאָגן. ער איז אַנטלאָפן פון געדאַנק. ער האָט איבערגעשפּרייזט דאָס פאָדערהויז. ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר און זי צוגעקלאַפּט נאָך זיך.

ער איז אין שטוב אַריינגעפאַלן. ער האָט אָנגעקוקט די שטוביקע ווי ער זאָל זיי נישט קענען. — שלום! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. זיינע שטאַרע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער דער שטוב.

— שלום! — האָט די מוטער אים געענטפערט. דער פאָטער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. פון דערבייַיקן צימער האָבן זיך געהערט יונגע פרויען־קולות. ברוכס שטאַרער בליק האָט זיך אַ ווענד געטאָן אין דער ריכטונג. ער האָט זיך איינגעהאָרכט.

טאַטע־מאַמע האָבן אים באַטראַכט.

— וואַש זיך און קום עסן — האָט זיך די מוטער געוואָנדן צו ברוכן.

— איך בין נישט הונגעריק — האָט ער איר אָפּגעענטפערט אַן אויפגע־רעגטער.

יצחק, דער פאָטער, האָט אויפגעהויבן די אויגן, אים אָנגעקוקט.

— פון וואָס ביסטו זאַט? — האָט די מוטער אים געפרעגט.

— איך האָב געגעסן אין קראָם, — האָט ער שטיל איר געענטפערט. ער האָט נישט געוואָלט זי מצער זיין.

— פאַר ווען גרייט איך, — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן אונטער דער נאָז. זי האָט געהאַט פאַרדראָס צו זיך. איר פליישיקער בוזעם האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. איר געשטאַלט איז ווי אויסגעוואַקסן, כאָטש זי איז געזעסן. אַ ווײַלע שפּע־טער האָט זי אים אַ זאָג געטאָן: — זעץ זיך צו, רו זיך אָפּ. אַ גאַנצן טאָג געווען אויף די פיס.

ברוך האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט פאַרביסן די ציין, זיינע קינבאַקן

זענען געוואָרן בולט. ער האָט זיך אונטערגעלייגט די הענט אונטער די לענדן און זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט.

טאַטע־מאַמע האָבן כסדר אים באַטראַכט.

ער איז געשטאַנען ווי אַ געבונדענער. זיין אָטעם איז געווען קורץ און האַסטיק. דער פאָטער האָט באַלד אין אָנפאַנג געמערקט, אַז ברוך איז היינט געקומען אַן אויפגערעגטער. אָפּצווועגדן זיין געדאַנק האָט דער פאָטער אים אַ פרעג געטאָן:

— ווי איז געווען דער פדיון?

ברוך האָט אַרויסגעשטופּט זיין אונטערשטע ליפּ און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דאָס האָט באַדייט אַז גוט. ברוך האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און גענומען שפּרייזן איבערן צימער. דעם פאָטערס אויגן האָבן אים באַגלייט.

מיט אַ מאָל איז ברוך שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטן פוס. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיין פּנים איז געווען אָנגעצויגן און כסדר געביטן די פאַרב. אַ מאָל איז ער געווען בלאַס און אַ מאָל רויט. ער האָט געאָטעמט שווער און געביסן די ליפּן. ער האָט געוואָלט רעדן און האָט געשוויגן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך: צוגיין צום פאָטער מיט אים רעדן, אָדער שוויגן.

די דריי מיידלעך זענען אַרויס פון שושנהס צימער. שושנה האָט זיי ווי אונ־טערגעפירט.

ברוך האָט אַדורכגענומען די שוועסטער מיט די אויגן.

שושנה האָט דערפילט אויף זיך זיין בליק. זי האָט געזען ווי ער באַטראַכט זי פון אויבן ביז אַראָפּ. אַ פּחד איז איר באַפאַלן. אַן איבערגעשראָקענע, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— מאָרגן גיי איך צו דער שניידערין מעסטן אַ קלייד... — זי האָט געוואָלט אָפּווענדן פון זיך דעם ברודערס בליק.

דליה האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. זי האָט געוואָלט וויסן צי שושנה רעדט ערנסט, צי זי האָט אַ מיין.

ליזאַס שוואַרצע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן. זי האָט יאָ פאַרשטאַנען שושנהס טאַקטיק.

ברוך האָט פאַרמרוזשעט די אויגן ווי ער זאָל זיי פאַמעלעך פאַרמאַכן. ער האָט קיינעם נישט געזען. ער האָט געקוקט אין זיך אַריין. ער האָט געפילט, אַז נישט דאָס איז די פאַרזעצונג פונעם געשפּרעך, וואָס די מיידלעך האָבן געפירט ביי דער שוועסטער אין צימער. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, ווי עס זאָל אים האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם און האָט ווידער גענומען שפּרייזן איבערן צימער.

די שטימונג אין שטוב איז געוואָרן נאָך מער אָנגעצויגן. דאָס ליכט איז ווי טונקעלער געוואָרן. די שטוביקע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט בלויז זיי זענען פאַראַן אין שטוב, נאָר נאָך ווער.

— שלום! — האָט ליזאַ אַ זאָג געטאָן שושנהן.

דליה האָט מוטיק איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.ביידע זענען אַוועק צו דער טיר.

— שלום, שלום! — האָט שושנה זיי נאָכגעזאָגט און זיי באַגלייט מיט די אויגן.

— שלום, — האָבן די מיידלעך אַ זאָג געטאָן צו די שטוביקע און זענען אַרויס פון צימער.

אויך ברוך האָט זיי באַגלייט מיט די אויגן. זיין בליק איז געווען מלא חשד. ער האָט געשפּרייזט פּאַמעלעך. זיין קאָפּ איז אים געלעגן אין די אַקסלען.

דער פאָטער איז געזעסן אָפּגערוקט פון טיש און געהאַלטן די הענט אויף די קני̇ען. ער האָט נאָכגעקוקט ברוכן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער זון איז געקומען אַן אויפגערעגטער אין שטוב.

שושנה איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי זי זאָל וואַרטן. זי האָט זיך געפילט נישט באַקוועם אין דער אַנוועזנהייט פון ברודער. זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַרויס פון צימער. זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו דער מוטער: —

— מאַמע, קום מיט מיר אָוועקלייגן די וועש אין שאַנק.

די מוטער האָט מיט די היפטן אָפּירגערוקט דאָס בענקל פון אונטער זיך. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַוועק צו דער טאָכטער. איר קאַרפּולענטע געשטאַלט, יעדער אבר אירער איז געווען אָנזעעוודיק. די מאַמע מיט דער טאָכטער זענען אַריין צו איר אין שטוב.

ברוך איז שטיין געבליבן. ער האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

דער פאָטער איז אויפגעשפּרונגען פון בענקל און איז צוגעלאָפן צו אים. ער האָט אים אַרומגענומען און אַ דערשטוינטער שטיל אים געפרעגט: — וואָס האָט פּאַסירט?... מען זאָל אין צווייטן צימער נישט הערן.

ברוך איז אַריינגעלאָפן אין קיך.

דער פאָטער איז אים שנעל נאָכגעגאַנגען. ביידע זענען שטיין געבליבן זיך אַנטקעגן אין דער פינצטער. דער פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן זונס אַקסל.

ברוך האָט זיך אָפּגערוקט. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין די עקן פון טיש און האָט זיך צערעדט:

— געווען ביי מיר אַ יונג. איך קען אים פון זען. ווייזט אויס, דעם קצבס זונס אַ חבר... — ער האָט גערעדט שטיל אָבער שנעל ווי ער זאָל זיך שטיקן.

דער פאָטער האָט זיך צו אים צוגערוקט און זיך איינגעקוקט אין אים. אַן אויפגעבראַכטער, אַ דערשראָקענער האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם זון:

— וואָס האָט ער געוואָלט?

— ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף דעם קצבס זון נעמען פאַר אַ חתן... — האָט ברוך אים געענטפערט, ווי ער זאָל ציילן יעדעס וואָרט. ער האָט געקוקט אַראָפּ.

דער פאָטער איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל. זיינע גרויסע געלבלעכע ציין האָבן אין דער פינצטער אַרויסגעשטאַרט אים ווי ביי אַ טויטן.

— אוי! — האָט דער פאָטער אַ קרעכץ געטאָן און טרויעריק אים געפרעגט:

— וואָס נאָך האָט ער געזאָגט?

ברוך האָט געשוויגן. דעם המשך פון געשפּרעך האָט ער דעם פאָטער נישט דערציילט.

דער פאָטער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט בלויז דאָס איז געווען ס׳געשפּרעך. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אַ המשך. ביידע מענער האָבן געשוויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן זיך:

— געוווּסט, אַז ער וועט נישט שווייגן... — ער האָט גערעדט שטיל און געצויגן די ווערטער. דער פאָטער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און אָנמעכטיק צעשפּרייט די פינגער און געזאָגט מיט כעס: — עק וועלט!... — אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן: — וואָס טוט מען?...

— קודם זאָל זי אויפהערן אַרבעטן, — האָט ברוך אים געענטפערט.

— דאָס וועט באַשטעטיקן די ניבול־פּה זייערע, — האָט דער פאָטער אים געענטפערט, כאָטש ברוך האָט אים נישט איבערגעגעבן דעם געשפּרעך מיט רפאלן.

— רוף אים צו אַ דין־תורה, — האָט ברוך פאָרגעשלאָגן דעם פאָטער.

— אַ מענטש צו אַ דין־תורה!... — האָט דער פאָטער ציניש אַ זאָג געטאָן. יצחק האָט זיך איבערגעבויגן צום זון און האָט אים געזאָגט אויפן אויער: — איך וויל נישט דער ענין זאָל ווערן מפורסם. איך וויל פאַרמיידן וואָס נאָר מען קען. אָבער וואָס דאַרף איך טאָן?... — האָט ער געפרעגט און פאַרבראָכן די הענט.

אין קיך איז געוואָרן שטיל. דאָס ליכט פון צימער האָט זיי באַשיינט, ווי אַ שאָטן זאָל זיך באַוועגן צווישן זיי.

— ער קען צווינגען?... — האָט ברוך אַ פרעג געטאָן דעם פאָטער. אויף דער וואַנט האָט זיך אַ וויג געטאָן זיין שאָטן.

— אויף אַזעלכע איז אַלץ צו גלייבן, — האָט דער פאָטער אים געענטפערט. זיינע הענט זענען ווייטער אים אַראָפּגעהאַנגען. איצט האָט ער גענומען שפּרייזן. די טריט זיינע זענען געווען קליינע. מיט אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן און האָט זיך אַ פרעג געטאָן: — מיין טאָכטער?...

ברוך האָט זיך איינגעקוקט אין פאָטער, ווי ער זאָל וואַרטן אויף תשובה. דער פאָטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „ניין” און ער האָט גענומען ווייטער שפּרייזן.

— טאַטע, דאַרפסט זיך אַדורכרעדן מיט די זין, — האָט ברוך אים פאָרגעשלאָגן.

דער פאָטער איז שטיין געבליבן אים אַנטקעגן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין ברוכן און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— איך קען שוין נישט באַשליסן? — אין זיינע רייד האָט זיך געפילט פאַרדראָס. אָבער אין מאָמענט האָט ער אַ זאָג געטאָן: — אפשר... און ווייטער געשפּרייזט. ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק ווי ער זאָל זיין פאַרשפּאַרט אין אַ קליאַטקע.

ברוך איז געשטאַנען אַן אָנגעלענטער אין דער וואַנט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. די שאָטנס פון ביידע מענער האָבן געטאַנצט אויף די ווענט.

— ווּ זענען אַלע? — האָט די מוטער אַ פרעג געטאָן. זי איז אַריין צוריק אין גרויסן צימער.

דער פאָטער האָט שנעל אָנגעצונדן ס׳ליכט אין קיך. ער האָט אַ צי געטאָן דעם זון ביים אָרעם ווי ער זאָל אים אַ שטופּ טאָן. אויך זיי זענען אַריין אין גרויסן צימער.

די מוטער האָט זיך אַוועקגעזעצט. דער פאָטער איז שטיין געבליבן אין דער זייט.

ברוך האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער, ווי ער זאָל זיך טרעטן אויף די פיס. פון אויפרעגונג האָט ער זיך געוואַקלט. נישט געהאַט קיין גלייכגעוויכט.

דעם פאָטערס טרויעריקע אויגן האָבן דערשראָקן געקוקט אויפן ווייב. ער האָט געוואָלט וויסן צי זי דערקענט וואָס עס קומט דאָ פאָר.

ברוך האָט געשפּרייזט. זיינע ליפּן זענען געווען פאַרביסן. ער האָט געקוקט אַראָפּ אָבער ער האָט געפילט דער שוועסטערס אָנוועזנהייט, כאָטש זי איז געווען ביי זיך אין צימער. מיט אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן. זיין קערפּער האָט זיך אַ צי געטאָן הינטערווייילעכץ ווי ער זאָל זיך וועלן צוריקציען. אָבער אין דער זעלבער רגע האָט ער האַסטיק אַ שפּרייז געטאָן און איז שטיין געבליבן אונטער שושנהס טיר מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ און פאַרביילטע פויסטן.

אויך דער פאָטער איז שטיין געבליבן, זיך פאַרהאַלטן הינטער אים און געקוקט אויפן זון.

ברוך האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, געוואָלט אָנדריקן די קליאַמקע. דעם פאָטערס ברעמען האָבן זיך אָנגעשטייפט ווי ביי אַ יאָזש און ער האָט אים אַ רוף געטאָן: — ברוך! זיין שטימע האָט געציטערט.

ברוך האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, ווי זי זאָל אים האָבן אַראָפּגעפאַלן.

איצט האָט דער פאָטער אויסגעשטרעקט די האַנט. ער האָט אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם. ער האָט דעם זון אַ זאָג געטאָן: — קום! — און ער איז מיט אים אַריין צוריק אין קיך.

די מוטער, וואָס האָט די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט די מענער, איז זיצן געבליבן אַ פאַרגאַפטע. איר פּנים איז געוואָרן אויסגעצויגן, אירע אויגן אויפגעריסן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ביי איר אין שטוב קומט פאָר.

— ווּ גייט איר? — האָט זי אַ פרעג געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל ציטערן. אַ ווייילע האָט זי אונטערגעוואַרט, אָבער אַז זי האָט נישט באַקומען קיין תשובה, האָט זי מיט דער האַנט זיך אָנגעלענט אין דעם בענקל־אָנלען. זי האָט אַ זיפץ געטאָן: — אוי!... — און זי האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך געלאָזט גיין. שוין פון וויטנס האָט זי אַ רוף געטאָן שושנהן, זי זאָל הערן אַז זי קומט. זי האָט אָפּגעלענט די טיר און זי געזאָגט: — טאָכטער, איך וועל דיר בייטן די בעט־וועש. שוין צייט.

דער פאָטער איז אַריין אין קיך דער ערשטער. ער האָט געפירט נאָך זיך ברוכן ווי אַ יינגל. ער האָט אָפּגעלאָזט דעם זון און האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט.

די קיך־געריומקייט האָט זיי ווי פֿאַנאַנדערגעשיידט. דער פֿאָטער איז שטיין געבליבן אַן אָנגעלענטער אין טישל, וואָס איז געשטאַנען אונטערן פֿענצטער, דער זון — אים אַנטקעגן. דער פֿאָטער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זון ווי ער זאָל אויף אים קוקן מיט איין אויג.

ברוכס אָקסלען זענען געווען שפּיציק, אָבער די הענט זענען אים אַראָפּגע־האָנגען ווי איבעריק.

— הער, מיין זון, — האָט ער אים געזאָגט: — דו טראַכטסט אויסטערליש. דו דאַרפֿסט נישט פֿאַרגעסן, אַז שושנה איז דיין שוועסטער און יצחק עניס טאַכטער... — ער האָט אויסגעגלייכט זיין קאָפּ און האָט אָנגעקוקט ברוכן. זיין קוק איז געווען דורכדרינגלעך, זיינע ברעמען שטייף. ברוך האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿאָטער פֿון אונטערן שטערן אַפּיר. זיין קאָפּ איז ווי געהאָנגען איבער אים. — „די יונגען" האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל רעדן צו זיך.

דער פֿאָטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער זאָל מסכים זיין. זיינע אויגן זענען געווען טרויעריק. אין מאָמענט האָט ער אָוועקגעשטעלט אַ פּויסט אויפֿן טיש. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין איר און האָט אים געזאָגט:

— זון מיינער, דו ביסט נאָך יונג. איך בין שוין אַ זיידע. — דער פֿאָטער האָט אים אויסגערעדט און אויך געשוינט זיין פּרעסטיזש. אַרום זיי איז געווען שטיל איצט.ביידן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי הערן ווי דאָס ליכט רוישט.

— מאַך זי חתונה, — האָט ברוך אַ זאָג געטאָן דעם פֿאָטער, נישט אַ ריר טאָענדיק מיט אַן אבר.

דער פֿאָטער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— אַן עצה, — האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל פֿרעגן. דער פֿאָטער האָט זיך צוריק צוגערוקט צום טיש און האָט בנעימותדיק אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל טרייסטן דעם זון: — גאָט וועט העלפֿן, מירן זי אם ירצה השם חתונה מאַכן... — דער פֿאָטער אַליין האָט געוואָלט הערן די ווערטער, זיך פֿאַרזיכערן.

דער טאַטע מיטן זון האָבן גענומען שפּרייזן ווי זיי זאָלן זיך פֿאַרגיין דעם וועג און זיך אויסמיידן.

די טיר האָט אַ סקריפּ געטאָן, זיך געעפֿנט. די מוטער מיט שושנהן זענען אַרויס פֿון איר צימער. די מוטער האָט געפֿירט די טאָכטער ביי דער האַנט.

דער פֿאָטער האָט זיך אָנגעבויגן, ער האָט אַ קוק געטאָן אין שטוב אַריין, זיי באַטראַכט.

די מוטער איז שטיין געבליבן אין קיכטיר. זי האָט אָנגעקוקט די מענער; דער אויסדרוק פֿון זייערע פּנימער איז איר נישט געווען צום האַרצן. זי האָט אָפּגעלאָזט די טאָכטער און האָט אַ זאָג געטאָן: — „קומט עסן". דאָס איז געווען איר חוב און צושטייער פֿאַר דער משפּחה איצט.

— איי! — האָט דער פֿאָטער איר געענטפֿערט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז דאָס איז אים איבעריק.

— איך בין אויך נישט הונגעריק, — האָט שושנה אַ זאָג געטאָן.

ברוך האָט געשוויגן. ער האָט געקוקט אויף דער שוועסטער, זי געעקבערט מיטן בליק.

— וואָס פאַר אַ מין איז דאָס, — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן און אַ פאַרלייג געטאָן די הענט אויפן בויך אַ באַליידיקטע. אָבער זי האָט באַלד אַ צופרידענע זיי אַ זאָג געטאָן: — איך האָב פאַר אייך „מעדנים״, איר וועט לעקן די פינגער... — זי האָט אָפּגעווישט דעם טיש און האָט אַ באַפעל געטאָן: — קומט צום טיש!

פאַמעלעך, פויל, זענען אַלע צוגעגאַנגען צום טיש.

די מוטער האָט גענומען זיך פאַרען. זי האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ בינטל גאָפּל און איז ווידער אַוועק צו דער קיך. אַ ווײַלע שפּעטער האָט די מוטער צוגעטראָגן אויף אַ מעשענער טאַץ דאָס ערשטע געריכט. זי האָט פאַר יעדן אַוועק־געשטעלט אַ קאַלטע אייערשפּייז, וואָס איז געווען באַשיט מיט געריבענעם שווייצער קעז.

אַלע אַרום האָבן געקוקט ווי די מוטער פאַרעט זיך. די מענער האָבן פאַרצויגן די ליפּן. שושנה האָט אָנגעלענט איר שפּיץ צונג אין די אויבערשטע ציין און איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל.

— זעצט אייך! — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן און זי איז אַוועק פון טיש מיט דער טאַץ אין האַנט.

יעדער האָט זיך אָפּירגערוקט אַ בענקל, זיך אַוועקגעזעצט און געוואַרט אויף דער מוטער.

די מוטער איז באַלד צוריקגעקומען. זי האָט געבראַכט בורעקאַס (וואַרעמע קיכלעך געפּילט מיט שווייצער קעז) און קאַלטע מילך. זי האָט די טאַץ אַרויפ־געשטעלט אויפן טיש און זיך אַוועקגעזעצט. — עסט מיט אַפּעטיט! — האָט זי געזאָגט און צוגערוקט דער טאָכטער דאָס טעלערל מיטן עסן.

דעם פאָטערס ליפּן האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן. ער האָט געמאַכט אַ ברכה. די גאָפּלען האָבן געקלונגען אויף די טעלער. די משפּחה האָט געגעסן. דער שטוב־חלל איז געווען ווי ליידיק, ווי ווינטן זאָלן אַרומשפּאַצירן אין צימער. יעדער האָט געגעסן, וואָס ער האָט געגעסן, ווייל ער האָט געמוזט, אָן פרייד. יעדער האָט געקוקט אין טעלער אַריין און געשוויגן.

שושנה האָט געגעסן אָן אַפּעטיט. זי האָט נישט געוואָגט נישט עסן. זי האָט נישט געוואָלט ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. זי האָט געגעסן און זיך נישט געטרויט אַ קוק טאָן אויף די מענער.

דער פאָטער האָט אָפּגעברעקלט אַ שטיקל פון יעדער זאַך און געדזשאַמדזשעט ווי דער ביסן זאָל אים נישט קענען אַראָפּ.

ברוך האָט נאָר אויסגעטרונקען די מילך, ער האָט אויסגעליידיקט די גלאָז מיט איין לאַנגן, לאַנגן שלוק. ער איז געווען דאַרשטיק פון כעס און דערנידעריקונג.

די מוטער האָט בכלל נישט געגעסן. זי איז געזעסן און געקוקט אויף אַלע. זי האָט געוואַרט יעדער זאָל עסן וואָס מער. זיי האָבן געגעסן לאַנגזאַם ווי זיי זאָלן זיך פוילן. יעדע זייער האַנט־באַוועגונג איז געווען אַ קורצע, ווי צוריקגעהאַלטן.

אַפּילו דאָס ליכט איז געווען צוגעטענט, גרין. די מענטשן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין שטוב איז טונקעלער ווי עס איז.

שושנה האָט געגעסן אָן אַ טאָלק. אַ מאָל האָט זי געשלונגען גאַנצע ביסן און אַ מאָל האָט זי געקייט דעם ביסן ווי לאַנג. מיט אַ מאָל איז זי זיצן געבליבן. זי האָט אַוועקגעשטעלט די האַלב אָפּגעטרונקענע גלאָז מילך און האָט אַ זאָג געטאָן: — „איך בין פול״... זי האָט מיט דער האַנט זיך אָנגעטאַפּט דעם בויך און האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער. זי האָט אויך אַ קוק געטאָן אויפן ברודער מיט איין אויג פון דער זייט און געזאָגט: „איך גיי לייענען״. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געלאָזט זיך גיין.

דער פאָטער און דער זון האָבן אַפּילו נישט אויפגעהויבן די אויגן נאָר די מוטער האָט איר לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

שושנה איז געגאַנגען פּאַמעלעך. זי האָט מורא געהאַט, אַז דער ברודער וועט איר נאָכגיין.

די מענער זענען געזעסן, נאָר זייערע בליקן האָבן זי באַגלייט, ביז זי איז פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר. די בליקן זייערע זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע — דעם פאָטערס בליק האָט אויסגעדריקט צער, דעם ברודערס — כעס. דער מוטערס בליק איז געווען פול ליבע.

דעם פאָטערס ליפּן האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן ווי זיי זאָלן זיך טרייסלען. ער האָט געבענטשט מזונות. די מוטער האָט זיך צוגעזעצט. זי האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן טיש און האָט זיך ווי איבערגעבויגן איבער אים פון מידקייט.

— גיי שלאָפן, דו ביסט מיד, — האָט דער מאַן איר געזאָגט.

— וואָס רעדסטו? איך האָב נאָך וואָס צו טאָן, — האָט שרה, די מוטער, געזאָגט דעם מאַן, און האָט גענומען פּינטלען מיט די אויגן ווי זי זאָל זיי אויפרייסן.

— שפּאָר זיך נישט, דו ביסט מיד נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט און מאָרגן האָסטו אַ וועש, — האָט יצחק געוואָלט זי איבערצייגן.

ברוך האָט אָנגעקוקט די מוטער. זיינע אויגן זענען געווען טרויעריק.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט צונויפגענומען פון טיש דאָס איבער־געבליבענע עסן און די כלים.

דער טאַטע מיטן זון זענען געזעסן ביים טיש און איר נאָכגעקוקט, ווי זי גייט אַהין און צוריק. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן האָט יצחק ווידער אַ בעט געטאָן ביי איר: — גיי שלאָפן...

זי איז שטיין געבליבן און אים אָנגעקוקט. איר בליק איז געווען ווייך.

— גיי, גיי, — האָט יצחק זיך ביי איר געבעטן און צוגעגעבן: — מיר דאַרפן זיך פאַנאַדעררעכענען.

דער זון האָט מיט צוויי פינגער געצופּט זיך די אונטערשטע ליפּ.

שרה, די מוטער, האָט ווידער זיך צעגענעצט.

— יאָ, איך בין מיד, איך גיי שלאָפן, — האָט זי געזאָגט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. צו די מענער. זי איז בכלל נישט אַזוי מיד געווען. זי האָט פאַרשטאַנען,

אַז זי דאַרף לאָזן דעם טאַטן מיטן זון אַליין. — אַ גוטע נאַכט! — האָט זי צו זיי אַ זאָג געטאָן.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט דער מאַן און דער זון איר אָנגעווונטשן.

זי האָט זיך אויסגעדרייט און מיט פּאַמעלעכע טריט אַוועק שלאָפן.

דער טאַטע מיטן זון זענען זיצן געבליבן. די שטילקייט איז געלעגן איבער זיי, אויף זיי געדריקט. ביידע האָבן געפילט די ליידיקייט אַרום זיך. איינער האָט זיך נישט געוואַגט אַ קוק טאָן אויפן אַנדערן. יעדן באַזונדער האָט ווײ געטאָן דעם צווייטנס פּיין.

ברוך איז געזעסן אָן אָנגעלענטער אויף די הענט, וואָס האָבן געהאַלטן דאָס בענקל־געזעס, ווי ער זאָל זיך וועלן אויפשטעלן.

דער פֿאָטער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ ווי ער זאָל וועמען האָבן דערזען. ער האָט זיך צערעדט, ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— אַלס יינגל האָט דער טאַטע עליו השלום מיך געשיקט קיין ירושלים לערנען תורה, איך זאָל בלייבן אַ ייד. איך האָב געלערנט. דערנאָך גענומען זיך צו מסחר. איך האָב חתונה געהאַט. עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער, איך האָב חתונה געמאַכט זיי. עס זענען געבוירן געוואָרן אייניקלעך. געהאָפּט זיך עלטערן... — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן ווי ער זאָל האָבן איבערגעריסן דעם געשפּרעך.

ברוך האָט זיך צוגעהערט צום טאַטן. זיינע אויגן־ווינקלעך זענען געווען נאַס.

מיט אַ מאָל האָט דער פֿאָטער אויסגעשטרעקט די פיס, ווי ער זאָל זיך אויף זיי אָנשפּאַרן און האָט זיך אָנגעלענט אין בענקל־אָנלען. ער האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויך זי איז מיין טאָכטער! — ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן טיש און מיט די פינגער נערוועז געקלאַפּט אין טיש. ער האָט באַשטעטיקט זיך די ווערטער.

ברוכס קאָפּ האָט פּאַמעלעך געזונקען ווי אַ צווייג, וואָס ברעכט זיך. דעם פֿאָטערס האַנט איז ליגן געבליבן אויפן טיש ווי געליימט. זיינע אויגן זענען געווען מאַט, אויסגעלאָשן.

די שטילקייט אין שטוב האָט געדרישט ווי זי זאָל זיך באַוועגן. מיט אַ מאָל האָט ברוך אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל סילאַביזירן די ווערטער:

— איך גיי צו ציונען...

דער פֿאָטער האָט אַ ציטער געטאָן און ער האָט זיך איינגעקוקט אין זון. ברוך האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט נישט געקענט זען דעם פֿאָטערס בליק, זיין געבעט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן ווי דער פֿאָטער האָט זיך דערבײ־דעריקט פֿאַר אים.

— איך וועל נישט „איבעררעדן", — האָט ער געזאָגט דעם פֿאָטער און זיך אויפגעשטעלט.

דער פֿאָטער האָט איינגעצויגן די פיס און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איך וועל זיך נישט זוימען, — האָט ברוך געזאָגט דעם פאָטער, אים מפייס געווען. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צו דער טיר. ער האָט האַסטיק זי געעפנט און איילִיק זי צוגעמאַכט נאָך זיך, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז דער טאַטע וועט אים צוריקרופן.

יצחק, דער פאָטער, האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און אַרויפגעלייגט אויף אים די הענט, ווי ער זאָל זיך אויף זיי אָנלענען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך צעוויגט. ער האָט זיך געשאָקלט ווי ער זאָל לערנען. זיין צעוויגטע געשטאַלט האָט געפירט די שאָטנס איבער דער וואַנט.

# ח

עס האָט קוים, קוים געגרויט. די נאַכט האָט נאָך אַריינגעקוקט דורך די פענצטער. אַלע אין שטוב זענען נאָך געשלאָפן. יצחק איז אַרויס פון זיין חדר אַן אָנגעטוענער. ער האָט נאָך זיך פאַרמאַכט די טיר זי זאָל נישט סקריפּען. ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. גייענדיק האָט ער אויסגעשטרעקט די אָרעמס. זיך אויסגערענקט און שטיל אַ גענעץ געטאָן. זיין פּנים איז געווען אויסגערוט אָבער ערנסט. זיין שטערן איז געווען געקנייטשט, זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט. ער האָט באַגאָסן זיך די הענט און אָפּגעווישן זיך דאָס פּנים. ער האָט זיך געווישט מיטן האַנטעך. זיינע ליפּן האָבן געפּלוישט. ער האָט געזאָגט די ברכות.

יצחק האָט אַ נעם געטאָן דעם טלית־זאַק. ער האָט שטיל געעפנט די טיר. דער שרומפּנדיקער זיך שוין שאָטן אין שטוב איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט שטיל פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. די פרישע, קילע מאָרגן־לופט און די ריחות פון די געוויקסן אין זיין גאָרטן, האָבן אים אַ ווייע געטאָן אין פּנים. — אַה, — האָט ער זיך אַ קוויק געטאָן. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך און באַטראַכט יעדע אָנגעטראָפענע פלאַנץ. ווי נאָר ער האָט צוגעלענט די פאָרטקע פון זיין פּאַרקן הינטער זיך, האָט ער גענומען גיין שנעל.

ער איז געגאַנגען איבער די שמאָלע, קרומע געסלעך, וועלכע די צונויפגעדריקטע הייזלעך האָבן זיי געצוימט. די לופט און די געסלעך איז געווען אַ קילע, זי האָט אים אַרומגענומען. יצחק האָט געהאַלטן די עלנבויגנס ביי זיך, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז ער קען זיך אָנשטויסן אין אַ וואַנט.

די נאַכט־פינצטערניש און די טאָג־העלקייט האָבן זיך געמישט. דער טאָג האָט פאַרביטן די נאַכט. דער טאָג איז אויפגעגאַנגען, געקומען יצחקן אַנטקעגן. יצחק איז געגאַנגען און זיך צוגעהאָרכט צום אָפּהילך פון זיינע טריט. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אומגעקוקט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען גייט אים נאָך.

פון וויטנס איז זכריה אים נאָכגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען מיט קורצע טריט. ער האָט נישט געוואָלט יצחק זאָל באַמערקן, פּונקט ווי יצחק איז אויך ער געווען

פאַרנומען לעצטנס, מיט זיך. ער האָט אויפגעפּאַסט און געוווּסט דעם זונס אַלע וועגן. ער האָט געוווּסט, אַז שלום מיט זיינע חברים פירן אינטריגעס. ער האָט געוווּסט וועגן די אינצידענטן מיט מאַטראַז. ער האָט געוווּסט אַז דער פּריזיער מיטן מאַטראַז רעדן אויס אויף שלומען. ער האָט אויך געוווּסט, אַז די קצבים קווּלען אַן פון זיין מפּלה. דערפאַר איז ער איצט נאָכגעגאַנגען יצחקן. ער האָט באַשלאָסן מיט אים זיך אַדורכרעדן אַליין, אויג אויף אויג.

זכריה איז אַדורכגעלאָפן אַ הויף און איז איבערגעשפּרונגען אַ פּלויט. ער איז אַנטקעגן געקומען יצחקן.

יצחק איז שטיין געבליבן אַ דערשראָקענער. דאָס געסל, ווו זיי האָבן זיך געטראָפן, איז געווען עטוואָס ברייטער אָבער זייער קורץ. דאָס געסל האָט אויסגעזען ווי אַ הויף.

— עה!? — האָט זכריה אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל זיין איבערראַשט פון דער באַגעגעניש. ער איז שטיין געבליבן און אַזוי אַרום פאַרהאַלטן יצחקן. זכריהס אויגן זענען געווען איצט גרויס, פול תמימות ווי ביי אַ קינד. ער האָט געקוקט אויף יצחקן אָן צו זאָגן אים אַ וואָרט. אַ ווײַלע זענען די צוויי יידן געשטאַנען זיך אַנטקעגן און געשוויגן. — מיר קענען זיך דאָך. — האָט זכריה אַ שטאַמל געטאָן.

— כל ישראל חברים — האָט יצחק אים געענטפערט. דער פּחד איז פון אים אַוועק. ער איז געקומען צו זיך.

— געוואָלט זיך אַדורכרעדן, — האָט זכריה אַ זאָג געטאָן. ער האָט נישט געזאָגט דו און נישט איר. ער האָט געוואַרט יצחק זאָל אים פרעגן.

יצחק האָט געוואַרט מיטן ענטפער.

— אפשר שמועסן מיר זיך אָפּ? און נישט אין גאַס אויף איין פוס, — האָט זכריה אַ פרעג געטאָן יצחקן. זכריה האָט יעדעס וואָרט געצויגן ווי ער זאָל עס ווייכער מאַכן. ער איז נישט געווען זיכער צי יצחק וועט אָננעמען זיין בקשה.

— אַ ייד מיט אַ ייד שמועסט זיך אויס אומעטום, — האָט יצחק געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט די עלנבויגן.

ערשט איצט האָט זכריה דערזען יצחקס טלית־זאַק. זיינע ליפּן האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, ער האָט אָבער אים נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פון אָפּשיי צו יצחקן. אַ צעטומלטער האָט ער אַרויפגערוקט זיך דעם קאַשקעט אויף דער פּאַטיליצע ווי ער זאָל וועלן, אַז יצחק זאָל אים זען און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב אַ זון און דו אַ טאָכטער... — מער האָט ער נישט געוואָגט און נישט געקענט זאָגן. עס האָט אים פאַרפעלט דרייסטקייט. זיינע אויגן זענען געווען פאַרמרוזשעט, זיי זענען געווען קליין ווי קנעפּלעך.

יצחק האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אים געענטפערט:

— מיר דאַווענען נישט צוזאַמען. די משפּחות זענען זיך פרעמד... — ער האָט די ווערטער געצויגן ווי ער זאָל זיי אַדורכשטופּן דורך די ציין.

זכריהס שפיץ נאָז איז ווייס געוואָרן. זיינע אויערן־לעפּלעך זענען רויט געוואָרן און ער האָט פאַרצויגן די מויל־ווינקלען.

— דאָס איז נישט קיין מניעה, — האָט ער אַ זאָג געטאָן יצחקן. ער האָט געשמעקט שנעל אָבער ער האָט געמען דעם פאַמעלעך. ער האָט זיך איינגעקוקט אין יצחקן. זיין בליק איז געווען דורכדרינגלעך.

— דאָס איז אַן עניין, וואָס מען דערליידיקט באמת נישט אויף איין פוס, — האָט יצחק אים געענטפערט.

זכריה האָט אַראָפּגערוקט זיך צוריק דעם קאַשקעט ווי ער זאָל זיך פאַרשטעלן די אויגן און האָט מוטיק אַ זאָג געטאָן, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט:

— איך וועל זי באַגליקן! זי וועט ביי אונדז זיין אַ מלכה! מיין זון וויל זי!

— יידן דאַרפן קמח און תורה, — האָט יצחק אים געענטפערט און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט געברענגט די ווערטער פאַרן מויל.

— אַה! — האָט זכריה אַ קרעכץ געטאָן ווי ער זאָל אויף זיך נעמען אַ משׂא. ער האָט פאַרשטאַנען דעם אָפּזאָג. ער האָט פאַנאַנדערגעפּירט די אָרעמס, ווי ער זאָל וועלן מיט זיי אַרומנעמען יצחקן און האָט אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— איך שטאַם פון רבנים. דו ביסט נאָר אַ ייד אַ סוחר. — פון יעדן זיין אַרויסגערעדטן וואָרט האָט זיך געפילט שׂנאה.

יצחקס פּנים איז געוואָרן לאַנג. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין די זייטן צי מענטשן הערן. זיי זענען געווען אַליין.

— זי איז נאָך יונג. איך האַלט מיט איר נאָך נישט ביי אַ שידוך, — האָט יצחק אויסגעשטאַמלט. ער האָט זיך פאַרענטפערט און געוואָלט מפייס זיין זכריהן.

זכריה האָט ווידער אַראָפּגערוקט דעם קאַשקעט. ער האָט מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן ווי ער זאָל נאַס זיין.

— אַה! — האָט ער אָפּגעאָטעמט און זיך אויך באַרויִקט — לאָמיר זיך משדך זיין! — האָט ער זיך אַ בעט געטאָן ביי יצחקן.

— דער אייבערשטער איז מזווג זיווגים, — האָט יצחק אים געענטפערט און האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. — אַ גוטן! — האָט ער געזאָגט זכריהן און געגאַנגען ווייטער.

זכריה האָט געפלאַמט פון כעס. זיין פּנים איז געווען רויט. זיינע ווייסלען האָבן געגלאַנצט, ווי די אויגן ביי אים זאָלן זיין איבערגעדרייט. ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין ווי ער זאָל זיי קרישלען. ער האָט זיך אויסגעדרייט און האָט נאָכגעשריגן יצחקן: — דו וועסט באַדויערן! דו וועסט מיך געדענקען!...

יצחק האָט זיך נישט אומגעקוקט. פון צער איז ער ווי איינגעשרומפּן, קליין געוואָרן. ער איז געגאַנגען איצט שנעל און געדריקט אונטערן אָרעם דעם טלית־זאַק. דער קאָפּ זיינער איז אים געלעגן ווי אויף די אַקסלען. ער האָט געזען די שפּיצן פון זיינע שיך.

דער מאָרגן איז געווען אַ מילדער. ער האָט אויפגעפרישט. יצחק האָט געזאָפּט

אין זיך די פרישקייט אָבער געאָטעמט האָט ער שווער. ער איז נישט געגאַנגען מיט די געסלעך דעם גלייכן וועג אין שול אַריין. ער איז געגאַנגען מיט די קורצע, שמאָלע געסלעך. דאָס איז געווען זיין זייטיקער שול־וועג.

— גוט מאָרגן ר׳ יצחק! — האָט אַ הייזעריקע שטימע אים אָפּגעשטעלט.

יצחק האָט אויפגעהויבן די אויגן. ער איז געשטאַנען אינעם איינגאַנג פונעם שמאָלן, לאַנגן געסל, וואָס האָט פון ווייטנס אויסגעזען ווי עס זאָל זיך נישט ענדיקן.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! — האָט יצחק דעם הויכן, דאַרן אָבער ברייטבייניקן יידן אָפּגעענטפערט. יצחקס פּנים איז מילד געוואָרן.

יעקב, וואָס איז אַרויס אין גאָס זיך אָפּפרישן, איז צו אים צוגעגאַנגען. ביידע יידן האָבן זיך אָנגעקוקט. יעקב אים, נאָך וואָס ער איז געקומען, יצחק אים, ווידער, ווי ער באַגעגנט אים. יעקבס בליק האָט אים אַדורכגענומען. יצחק האָט אַראָפּגע־לאָזט די אויגן.

— איך גיי צום דאַווענען דאָ אַרום, — האָט ער אויפגעקלערט יעקבן. דאָס איז געווען דער אָנדייט, אַז יצחק האָט געוואָלט זיך טרעפן מיט אים.

— קום! — האָט יעקב אים געזאָגט און ער האָט אים אַרונטערגערוקט אַ האַנט אונטערן אָרעם. יעקב האָט געהאַט אַ קורץ, שיטער ציגן־בערדל און ברוינע קלוגע אויגן. יצחק האָט זיך געלאָזט פירן. יעקב האָט אים צוגעפירט צו אַ נידע־ריקער פאַרטקע, וואָס האָט געפירט אין אַ שמאָל, ווי אַ שטשאַנקע, הייפל. זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און זענען שוין געשטאַנען ביי יעקבס הייזל. זיין הייזל איז באַשטאַנען פון אַ צימער מיט אַ קיכל, אַ פאַרגלאָזטע טעראַסע און פון פאַרנט דאָס קרעמל. יעדער צימער־בוי האָט געהאַט אויף זיך אַ שיף דעכל, איינס נידעריקער פון צווייטן, איינס אָנגעשפּאַרט אין אַנדערן.

יעקב האָט אַריינגעפירט יצחקן אויף דער טעראַסע. ער האָט אים צוגעפירט און אים אַוועקגעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט. די באַנק איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ בונטן, געשטרייפטן אין פּאַסן, קילים. די ווענט פון דער טעראַסע זענען געווען כראָפּאַטע און קרום. אין צווייטן עק טעראַסע איז געשטאַנען אַ פירעקיק לאַקירט טישל און צוויי טאַבאָרעטקעס.

— אפשר טרינקסטו אַ גלעזל וואַרעמס? — האָט יעקב אים געפרעגט.

— שוין געטרונקען, — האָט יצחק געלייקנט. ער האָט זיך געפילט נישט באַקוועם אויף דער קליינער טעראַסע.

אין הויז איז געווען שטיל. יעקבס ווייב איז נאָך געשלאָפן. יעקב האָט זיך צוגעזעצט צו יצחקן. יצחק האָט געקוקט פאַר זיך, יעקב אויף אים. ביידע האָבן געשוויגן.

— נו, יצחק? — האָט יעקב אים אַ זאָג געטאָן. ער האָט געוואָלט יצחק זאָל רעדן.

יצחק האָט געשוויגן. זיינע אויגן זענען געווען שטאַר.

יעקב האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף יצחקס אַקסל. זיין האַנט איז געווען לאַנג און שמאָל.

יצחקס אַקסל האָט אַ ציטער געטאָן.

יעקב האָט זיך צוגערוקט צו אים און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט זיך געטראָפן?...

יעקב חדד איז געווען עלטער פון יצחקן. זיי זענען געווען שול־פריינד. ביידע האָבן זיי געקענט די קליינע אותיות. יעקב האָט געהאַלטן אַ טאַבאַק־קרעמל.

— אוי! — האָט יצחק אַ קרעכץ געטאָן.

— חלילה אַן אומגליק? — האָט יעקב אים געפאַרשט אַ דערציטערטער.

— אַ גרויס אומגליק! — האָט יצחק אים אַ זאָג געטאָן צעציטערדיק די עטלעכע ווערטער. ער האָט פאַרגלייזט די אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך צעוויינט.

יעקב האָט זיך אַ הייב געטאָן ווי ער זאָל זיך וועלן אויפשטעלן. זיינע איבער־געשראָקענע אויגן האָבן באַטראַכט יצחקן. ער האָט זיך אַנגעבויגן און אים אונטער־געשטעלט אַן אויער. ער האָט געוואָלט יצחק זאָל רעדן.

— יאָ! — האָט יצחק אַ זאָג געטאָן. — אויפגעגלייגט אַן אומגליק. זכריה קצבס זון האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיין טאָכטער... — ער האָט גערעדט פּאַמעלעך ווי ער זאָל ציען די ווערטער פון גאַרגל אַרויס.

— מיט כּוח? — האָט יעקב אים אַ פרעג געטאָן. ער האָט זיך אויסגעגליכן. ער האָט פאַרצויגן די ליפּן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פון פאַרוווּנדערונג.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט יצחק אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל שלינגען די ווערטער: זיי רעדן אויף איר אויס אַלדאָס בייז... ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט צוגע־געבן: — „אַ כשרע טאָכטער"... דאָס האָט ער געזאָגט יעקב זאָל עס וויסן. די ווערטער האָט ער געזאָגט מיט אַ ברייט אָפן מויל ווי עס זאָל פון אים אַרויסרעדן. די שטילקייט אין דער קליינער טעראַסע איז מיט אַ מאָל געוואָרן מוראדיק. די ערשטע בלאַסע זונען־שטראַלן האָבן גענומען אַריינקוקן צו יעקבן דורך די פענצטער.

יצחק האָט זיך אָנגעלענט אין דעם באַנק־אָנלען.

יעקב האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אים באַדויערט, און געזאָגט:

— דאַרפסט נישט פאַלן ביי זיך. מען האָט שוין געהערט אַזעלכע זאַכן. מיט גאָטס הילף, וועסטו אויך דאָס איבערקומען... — האָט ער אים געטרייסט.

— וואָס טו איך? — יעקב! — האָט זיך יצחק צעשריגן אַ פאַרצווייפלטער. זיין פּנים איז געווען אויסגעקרימט פון ווייטיק. זיין קול האָט געציטערט, ווי ער זאָל וויינען. ביידע יידן האָבן אַוועקגעקוקט. זיי האָבן נישט געוואַגט זיך אָנקוקן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט יעקב אַ זאָג געטאָן:

— „פּאַרקנס" זי...

יצחק האָט דערשטוינט אים אָנגעקוקט. ער האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

יעקב האָט געוווּסט וואָס יצחק קוקט אויף אים.

— די רעדערייען וועלן נישט אויפהערן, ביז דו וועסט מיט איר אַ שידוך טאָן, — האָט ער יצחקן געגעבן צו פאַרשטיין. ער איז ווידער שטיל געוואָרן. די מענער

האָבן געהערט זייער אייגענעם אָטעם. זיי האָבן דערפילט די פרעמדקייט און נאָ־ענטקייט צו זיך. יעקב האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף די קני און זיך צעוויגט ווי ער זאָל לערנען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן: — איך האָב פאַר איר אַ שידוך...

יצחק האָט אים נישט געענטפערט.

יעקב האָט זיך אויסגעדרייט צו אים; ער האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— יצחק, דו מוזסט אָוועקקוקן — און באַלד ממשיך געווען: — דער פאָטער איז טאַקע אַ בעל־עגלה, אָבער אַ גוטע משפחה! איך און ער שטאַמען מיר פון מדנין (אַ שטאָט אין טוניס), די משפחה שמש זענען פון דער היים באַלעבאַטים און תלמידי־חכמים... דאָ איז חיים געוואָרן אַ בעל־עגלה. דער זון יוסף, — דער חתן, איז אַ שאָפער... — יעקב האָט געענדיקט רעדן. ער האָט אונטערגעוואַרט אַ ווײַלע און האָט צוגעגעבן: — אַ „היינטיקער" ווי דײַן טאָכטער... — ער האָט מיט די רייד געוואָלט אַ שטאָך טאָן יצחקן אָבער עס זאָל אים נישט ווי טאָן. יעקב האָט אָפּגעהוסט און האָט ממשיך געווען, ווי ער זאָל אים אויספּרוּוון: — ער איז אַ שטילער בחור, אַ גוטער פאַרדינער. ער האָט אַ קליינעם משׂא־אויטאָ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף יצחקן און געזאָגט: — דו וועסט געבן נדן, וועט ער קויפן אַ גרויסן אויטאָ, ווערן אַ בעל־הבית.

יצחק איז געזעסן ווי אַ מומיע, זיך נישט גערירט. זײַנע באַקן זענען געווען אײַנגעפאַלן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ חולה. זײַנע אויגן זענען געווען שטאַר אויסגעלאָשן.

— „אַז עס ברענט, לעשט מען די שׂריפה" — האָט יעקב אים געזאָגט. ער האָט פאַרשטאַנען יצחקס צוגאַנג.

איצט האָט יצחק אים אָנגעקוקט. זײַנע שטאַרע אויגן זענען געווען פייכט.

— וועסט האָבן אַ גוטן איידעם, — האָט יעקב אים געטרייסט און פאַרזיכערט. יעקב האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער אַרײַן. — אוי! די זון איז שוין אין דרויסן, מען דאַרף גיין דאַווענען, — האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען פון טיש זײַן טלית־זאַק. ער האָט איבערגעריסן דעם געשפּרעך דאָ. ער האָט נישט געוואָלט ממשיך זײַן, יצחק זאָל אים נישט זאָגן „ניין".

יצחק האָט זיך אויך אויפגעשטעלט, אָבער לאַנגזאַם, ווי יעדער אבר זאָל אים ווי טאָן. יעקב האָט געעפנט די טיר און האָט אַדורכגעלאָזט יצחקן. ביידע האָבן געקושט די מזוזה. יעקב האָט צוגעלענט די טיר נאָך זיך. אויפן וועג ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער פאַרטקע, האָט יעקב אַ זאָג געטאָן יצחקן:

— דרך־אַגב, איך גיי נאָך היינט צו, צו חיימען.

יצחק האָט אײַנגעהאַלטן דעם טריט. ער האָט אָנגעקוקט יעקבן אַ דער־שטוינטער, אָבער ער האָט נישט געזאָגט „ניין".

זיי זענען אַרויס אין גאַס.

# ט

יעקב איז נישט באַלד אַוועק צו חיימען אָנשלאָגן אים דעם שידוך. ער האָט זיך כסדר איבערגעלייגט ווי אַזוי ער זאָל האַנדלען. ער האָט באַשלאָסן: בכדי דער שידוך זאָל צושטאַנד קומען, מוז ער פאַר יצחקן אויספּיינערן און רימען חיימען, זיין משפּחה. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי ער זאָל איבערגעבן און צונויפפירן די צדדים.

עטלעכע טעג שפּעטער, דער פרימאָרגן איז געווען דעמפּיק, דער הימל גרוי. דער טאָג איז באַלד פון דער פרי אָן געווען אַ הייסער. יעקב איז געזעסן אין קיכל ביים שפּיץ טישל און געגעסן. אויף אַ טעצל, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, איז געלעגן אַן אָפּגעגעסענע פּיתה, עטלעכע אָליוון און אַ געפּערטלטע און דער לענג יונגע גרינע ציבעלע. די שיפּע סטעלע איז ווי געלעגן אים אויפן קאָפּ. נעמי, זיין ווייב, איז געשטאַנען ביים צווייטן עק טישל און אין אַן ערדענער טיפער שיסל געריבן אַ חומוס.

יעקב איז זיצן געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטן איבערן טיש עלנבויגן. ער האָט אין דער האַנט מיט צוויי פינגער געהאַלטן אַן אָליווע, ווי ער זאָל זי באַטראַכטן.

— דו קענסט יצחקן, וואָס פאַרקויפט אין מאַרק די געווירצטע מאכלים? — האָט ער געפרעגט נעמין און ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין מויל די אָליווע.

נעמי איז שטיין געבליבן מיטן הילצערנעם לעפל אין האַנט; זי האָט געזאָגט:

— אַ בכבודיקער ייד... ער איז כמעט נישטאָ אין קראָם, נאָר דער זון. גיבן אַ וואָג און גוטע סחורה... — זי האָט גערעדט בנעימותדיק און געריבן ווייטער דעם חומוס.

ער האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַז ער איז מסכים און זי ווייטער געפרעגט:

— און די טאָכטער קענסטו אויך?

נעמי האָט אים אָנגעקוקט. דער לעפל אין איר האַנט האָט גענומען פּאַמעלעך זיך באַוועגן און זי האָט אים געענטפערט:

— י־אָ־ה... — צעציענדיק די ווערטער האָט זי צוגעגעבן: — אַ שיין מיידל, געלערנט.

ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן אין מויל און געפרעגט:

— אַ היינטיקע?

נעמי איז שטיין געבליבן מיטן לעפל אין האַנט.

— די היינטיקע זענען קליגער ווי מיר, — האָט זי אים געענטפערט און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נאַרישע יידענע, — האָט ער איר אָפּגעענטפערט און אָפּגערוקט פון זיך דאָס טעצל.

— וואָס פלוצעם אינטערעסירן זיי דיך? — האָט זי אים געפרעגט.

— מיר דאַוועגען צוזאַמען, — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן אונטער דער נאָז און אויפגעשטעלט זיך פון טיש.

זי האָט אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ. זי האָט זיך איינגעקוקט אין אים און מיט אַ פאַרזשמורעט אויג אים געפרעגט:

— אַזאַ נאַר איז דיין ווייב?... און אַז איך טראָג נישט קיין לייבצודעקל, האָב איך שוין נישט קיין שׂכל? נאָך ווייניק זאָלץ האָב איך צוזאַמען מיט דיר אויפֿגעגעסן, איך זאָל פאַרשטיין, אַז אויב דו פרעגסט, איז אויף עפּעס... — זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער שיסל און ווידער האַסטיק געריבן דעם חומוס ווי זי זאָל זיין אין כעס. זי האָט געאַרבעט און פון אַ זייט געקוקט ווי אירע רייד האָבן געווירקט אויף יעקבן.

יעקבס אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן, זיין נאָז האָט זיך איינגעצויגן. ער האָט געשמייכלט. אים האָט אַ הנאה געטאָן דעם ווייבס רייד און ער האָט איר אַ זאָג געטאָן נישט קוקנדיק אויף איר:

— אַז דו פאַרשטייסט וועל איך דיר מגלה זיין דעם סוד. איך קלייב זיך משדך זיין חיים בעל־עגלהס זון מיט יצחק דעם קרעמערס טאָכטער.

נעמי איז ווידער אַ מאָל שטיין געבליבן מיטן לעפל אין האַנט און אַן אָפן מויל:

— ניין! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אַז נישט און זי האָט אים געפרעגט: — ווי קומט ער צו איר?

איצט האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן. אַ ווילע האָט ער זיך איבערלייגט וואָס ער זאָל איר ענטפערן און האָט איר באַפוילן:

— דו זאָלסט זיך נישט אַרויסכאַפּן פאַר די ווייבער און אויך נישט פאַר קינעם, מען קען מיר קאַליע מאַכן, — האָט ער געוואָרנט.

— דו האָסט שוין דאָס שדכנות־געלט אין טאַש? — האָט זי געחוזקט פון אים און האָט אַ רימפּל געטאָן מיט די ליפּן ווי אַ פערד, וואָס הירזשעט. זי האָט זיך געצוווונגען לאַכן.

ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר די אויגן און האָט איר געזאָגט מיט פאַראיבל:

— יידענע! יצחק אַליין מאַכט נישט אַוועק דעם שידוך.

נעמי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט ווייטער געריבן דעם חומוס. זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

יעקב איז צוגעגאַנגען צום קראַן וואַסער. ער האָט זיך אָפּגעשווענקט די שפּיץ פינגער, זיי אויסגעריבן אין שטשערקעלע און איז אַוועק.

נעמי האָט אים נאָכגעקוקט ציי ער גייט אין קראָם אַריין. זי איז געווען נידעריק, צוזאַמענגענומען און געהאַט אַ באַחנט אָוואַל פּנים. אירע שוואַרצע, מיט אַ שרינט אין דער מיט, האָר זענען פון הינטן געווען פאַרדרייט אין אַ קאָקס. זי האָט געהאַט אַ דיקע שטימע. זי איז געקומען אין לאַנד אַריין פון איראַק אַן עלנטע, פאַרזעסענע מויד. זי האָט געהאָלפן דערציִען דעם ברודערס דריי קינדער, וואָס זענען געקומען אין לאַנד אַריין אַלס קיילעכיקע יתומים. איר אַרבעט איז געווען רוימען ביוראָ־

צימערן. זי האָט חתונה געהאַט מיט יעקבן, כאָטש ער איז געווען אַ סך עלטער פון איר, אַן אלמן און אַ זיידע פון אַ סך אייניקלעך. זי האָט געוואָלט דעם ברודערס קינדער זאָלן כאָטש האָבן אַ שטיף־טאַטן פון וויטנס. אַלע דריי קינדער, צוויי מיידלעך און דאָס יינגסטע יינגל, האָבן געלערנט פאַכן אין דער פרעמד.

יעקב האָט די לענג פון זיין קרעמל אַדורכגעשטאָמפּערט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ער זאָל אין דער טונקל זיך נישט אָנשטויסן אין עפּעס. דער שאַרפער טאַבאַק־ריח האָט אים אַ דריי געטאָן אין דער נאָז. ער האָט געעפנט דעם לאָדן און אויפגעשלאָסן די טיר. די טאַבאַק־ריחות האָבן אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, נישט אַדורכגעלאָזט די דעמפּיקע פייכטקייט פון גאַס. אויך די קראָם זיינע איז געווען קליין און שמאָל. אַלץ וואָס אין איר האָט זיך געפונען איז געווען אַ נידעריקע וואַנט־פּאָליצע מיט עטלעכע אויף איר אויסגעסדרטע שאַכטלעך טאַבאַק און ציגאַרעטן. לענג־אויס דער פּאָליצע איז געשטאַנען אַ שמאָל קאַסעטישל. דער גרינער קאַלך אויף די ווענט איז געווען אָפּגעריבן און האָט געגלאַנצט פון אַלטקייט.

יעקב האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים קאַסעטיש. ער האָט פון שופלעדל אַרויסגענומען דאָס תהילימל. ער האָט אויפגעמישט און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש. די בלעטער זענען געווען געל. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן ספר. ער האָט געזאָגט שטיל נאָר די ליפּן זיינע האָבן זיך געטרייסלט.

ווען אברהם דער בעקער און שכן איז אַריין צו אים אין זיינע אויסגעשמירטע מיט מעל און שוויס מלבושים, האָט יעקב זיך נישט אויפגעהויבן.

— שלום! — האָט אברהם אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אַליין גענומען דאָס פּעקל סיגאַרעטן.

יעקב האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ קוק געטאָן וואָס ער נעמט.

אברהם האָט אים אַוועקגעלייגט ס׳געלט אויפן טיש און איז אַוועק.

יעקב האָט אַריינגעשאַרט דאָס געלט אינעם אויסגערוקטן שופלעדל און ער האָט געזאָגט ווייטער.

שפּעטער איז אַריין אַ נידעריקער, ברייטבייניקער אַלטער ייד. ער האָט געהאַט אַ רויט, פליישיק פּנים, אַ קיילעכיקע פליישיקע נאָז און עטלעכע נאָך געבליבענע אין דער באָרד ווייסע האָר, אָבער נאָך גענוג דיקע פּאות.

— שלום! — האָט דער ייד אַ זאָג געטאָן. זיין שטימע איז געווען הייזעריק פון אַלטקייט.

— שלום וברכה! ירוחם! — האָט יעקב אים געענטפערט און אים געפרעגט:

— וואָס דאַרפסטו?

— אַ פּושקעלע שנופּ־טאַבאַק.

יעקב האָט אים דערלאַנגט און נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן.

ירוחם האָט אים אַוועקגעלייגט צוויי מעשענע מטבעות און געוואָלט גיין.

— ירוחם, וואָס הערט זיך? — האָט יעקב זיך אַ ווענד געטאָן צו אים.

— ברוך השם! די זין אַרבעטן, די משפּחה איז געזונט, די אייניקלעך וואַקסן און יידן האָבן אַ גאָט, — האָט ער אים געענטפערט.

יעקב האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ירוחם האָט געעפנט דאָס פּושקעלע טאַבאַק און האָט עס אַוועקגעשטעלט יעקבן.

יעקב האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „ניין".

ירוחם האָט אַריינגעשנופּט דעם עוקץ טאַבאַק, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די צוויי שפּיץ פינגער און ער האָט זיך אַ קוויק געטאָן: אַהה... ער האָט באַהאַלטן אין דער פּויסט דאָס פּושקעלע. ער האָט זיך אָנגעלענט מיטן עלנבויגן אויפן קאָסטעטיש און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

—וואָס הערט זיך ביי דיר?

— ברוך השם! — האָט יעקב אים געענטפערט. ער האָט זיך אַ צי געטאָן דאָס בערדל און האָט אַ זאָג געטאָן: — געהערט, אַז יידן ווערן רייך.

— „לכו ותפרנסו זה מזה" — האָט ירוחם אים געזאָגט.

— געהערט אַז זכריה קצב איז געוואָרן אַ גביר און אַז יצחק, וואָס דאַוונט מיט אונדז, איז אויך נישט קיין אָרעמאַן, — האָט יעקב פאַרגעזעצט.

ירוחם האָט זיך אָנגעלענט אויף זיינע ביידע עלנבויגנס און גערעדט צו יעקבן דירעקט:

— זכריה איז אַ גרויסער לייזער, ער זשויבט. אויך די קצבים קויפן ביי אים פליש. אָבער צו אונדזער יצחקן קומט ער נישט. יצחק האָט אַ סך פּלעצער — ער איז אַ גרויסער עושר.

— אַזוי? — האָט יעקב זיך פאַרוווּנדערט און צוגעגעבן: — נישט געוווּסט.

— מיין מאַן! די דזשאָרע גייט ווידער איבער, — האָט נעמי אים אַ זאָג געטאָן, שטיין־בלייבנדיק אין דער אָפענער דורכגאַנגס־טיר.

— אַ גוטן! — האָט ירוחם אים געזאָגט און איז אַוועק.

יעקב האָט אַ שאָקל געטאָן נעמין מיטן קאָפּ אַז ער האָט געהערט און האָט ווייטער געזאָגט פון ספרל אַרויס, שטיל.

נעמי איז צוריק אַוועק אין שטוב.

שפּעטער נאָך מיטאָג איז נעמי געזעסן אין שטוב ביים טיש. זי האָט אויס־געוואַרט די צייט זי זאָל גיין צו דער אַרבעט. זי האָט געטראָגן אַ ברוינעם ראָק און אַ ווייסע בלוזקע מיט לאַנגע אַרבל. כאָטש עס איז געווען מיטן טאָג איז אין דער נידעריקער שטוב געווען גרוילעך. די פענצטער־שויבן זענען געווען ווי פאַרשטעלט. די הויך־פאַרבעטע אייזערנע בעטן, די צווייטיריקע ברוינע שאַנק, און דער טיש מיט די בענקלעך, זענען געווען ווי איינגעגליווערט אינעם שטובן־חלל. זי איז געזעסן און געהאָרכט ווי דער זייגער אויף דער שאַנק גייט.

איצט איז יעקב שטיין געבליבן אין דער דורכגאַנגס־טיר. ער האָט נישט געוואָלט לאָזן די קראָם אַליין. — יידענע, טו מיר אַ טובה, — האָט ער זיך געוואָנדן צו נעמין, גוטמוטיק, ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן פּאַסירט צווישן זיי פריער.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, אים אָנגעקוקט, געוואָלט וויסן וואָס ער וויל.

— מאַך מיר אַ שליחות צו חיימען — האָט ער זי געבעטן.

— איך וועל נישט באַוויזן. איך מוז היינט זיין פריִער ביי דער אַרבעט,— האָט זי זיך פאַרטיידיקט.

זיין לענגלעך פּנים איז נאָך לענגער געוואָרן. ער איז נישט געווען גרייט אויף אַזאַ ענטפער.

אויך זי האָט זיך געפילט נישט באַקוועם פון איר ענטפער.

— גיי צו אַליין, דו וועסט זיך מיט אים באַלד אַדורכרעדן, — האָט זי אים פאַרשטיין געגעבן און צוגעגעבן: — איך וועל בלייבן אין קראָם. איך קען אויך פאַרקויפן און נישט נאָר וואַשן פאַלן — האָט זי אים געזאָגט מיט תקיפות. זי האָט אַ פאַרלייג געטאָן דעם קאָפּ אין אַ זייט און געוויזן אים אירע גרויסע, ווייסע ציין, ווי זי זאָל זיך מיט אים רייצן.

— יידענע, יידענע, יעדע אַרבעט איז כבוד, — האָט ער איר געזאָגט, ווי ער זאָל איר אויסרעדן.

— סתם גערעדט, — האָט זי זיך פאַרענטפערט און באַלד דערויף אים געזאָגט:

— גוט! איך גיי צו חיימען. וואָס זאָל איך אים זאָגן?... — זי האָט געוואָלט אים מפייס זיין פאַר אַלע רייד, וואָס זי האָט אים אָנגערעדט דעם גאַנצן פאַרמיטאָג.

— זאָג אים, אַז פאַרנאַכט, פאַר מנחה, וועל איך ביי אים זיין. איך האָב צו אים אַן ענין — האָט ער איר איבערגעגעבן.

— אפשר וועסטו באמת מצליח זיין און פאַרדינען שדכנות־געלט, — האָט זי אים געזאָגט און זיך צעשמייכלט. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל פירן דעם שידוך אָן איר הסכמה.

יעקב איז צוריק אַריין אין קראָם.

— שלום! — האָט זי אים נאָכגעשריגן. זי האָט איבערגעוואָרפן איבער זיך איר גרינעם שאַל. זי האָט אַריינגעשטופּט איר שנופּטיכל אין אַרבל אַריין. זי האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די שטובטיר און איז אַוועק.

נעמי איז איבערגעגאַנגען די עטלעכע געסלעך, זי האָט איבערגעקרייצט די צווייטע טייל פון קוואַרטאַל, פון יענער זייט מאַרק־גאַס. זי האָט איבערגעשפּאַנט די צעשטעלטע, אָפּגערוקטע פון זיך הייזלעך אַרום דעם ליידיקן פּלאַץ און איז אַרויף אויף דעם בעל־עגלה־מאַרק.

דער פּלאַץ איז געווען אַ גרויסער. די ערד האַרט אויסגעפּאַרן און אָנגעטרעטן. דער ריח פון מיסט האָט זיך געפילט שוין פון וויטנס. נאָר איינצלנע וועגענער זענען געשטאַנען אויפן פּלאַץ. די בעלי־עגלות זענען געשטאַנען אָנגעלענט אָדער געזעסן אויפן וואָגן. זיי האָבן נאָכגעקוקט נעמין צו וועמען זי גייט.

נעמי האָט געקוקט, געזוכט, ביז זי האָט דערזען חיימען.

— שלום! בעל־הבית! — האָט זי אים באַגריסט און האָט זיך פאַרהאַלטן.

— שלום, מאַדאַם! — האָט חיים איר געענטפערט און אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. חיים איז געווען אַ נידעריקער, ברייטבייניקער און בייכיקער ייד, ער האָט געהאַט קורצע, אויסגעאַרבעטע הענט און אַ קיילעכיקן קאָפּ ווי אַ פּילקע. זיין שוואַרצע ראַזירטע באָרד איז געווען גערדיכט. זיינע קליינע, ווי איינגעזעצטע אין פלייש, אויגן האָבן איבערראַשט זי אָנגעקוקט.

— דו ווייסט ווער איך בין? — האָט זי אים געפרעגט.

— הערסט אַ פראַגע! — האָט ער איר געענטפערט און זיך אַרויפגערוקט דעם קאַשקעט.

— מיין מאַן האָט מיך געשיקט צו דיר, — האָט זי אים געזאָגט.

— אַזוי!? — האָט ער אַ פרעג געטאָן און האָט צוגעבויגן דעם קאָפּ צו איר.

— אין אָוונט, נאָך מנחה, וועט ער זיין ביי דיר אין שטוב. ער האָט פאַר אייך אַן ענין, — האָט זי אים איבערגעגעבן.

די בעלי־עגלות פון אַרום האָבן נייגעריק זי באַטראַכט. חיים האָט געקוקט אויף איר אַ פאַרוווּנדערטער. ער האָט געוואָרט זי זאָל אים נאָך עפּעס זאָגן.

— שלום!! איך מוז גיין, — האָט זי אים געזאָגט און זי איז אַוועק.

— שלום, שלום! — האָט חיים איר נאָכגעשריגן און איר נאָכגעקוקט. ער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אַ פאַרטראַכטער. אַ ברוין פערד אונטער אים האָט זיך צעהירזשעט. דער אָפּהילך איז אַוועק איבער דער געגנט.

די וואָגן־רעדער האָבן זיך אַ קאָלער געטאָן. לאה, חיימס ווייב, האָט אויפגעהויבן די אויגן פון די הויזן, וואָס זי האָט געלאַטעט, זי האָט זיך אָנגעבויגן און אַ קוק געטאָן אין אָפענעם פענצטער אַ פאַרוווּנדערטע. נאָך געווען טאָג, דער אָוונט איז געווען נאָך ווייט און חיים האָט זיך שוין אומגעקערט מיטן פערד און וואָגן. זי האָט איבערגעריסן איר אַרבעט און גענומען גרייטן אים עסן.

חיימס הויף איז געווען אַ לאַנגער. אין צווייטן עק, דעם הויז אַנטקעגן, האָט זיך געפונען די שטאַל. ער האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד. דאָס געשפּאַן איז געבליבן ליגן אויףביידע אַנקסלען. ער האָט אָנגעפּאָיעט דאָס פערד, אַ צמאָקע געטאָן דעם קאַרע (אַ טונקל־ברוין, ווי שוואַרץ פערד) און ער אַליין איז אַריין אין שטאַל. חיים האָט אים היינט נישט אָפּגעפּוצט, ווי יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט. ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעמישט מיט דער האַנט דאָס עסן אין זשלויב. ער האָט דעם פערד אַ קלאַפּ געטאָן אין פּאַשלאַדעק און איז אַרויס פון שטאַל. ער האָט פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן אויפן פרענט דעם אַריינפאַר און איז אייליק אַריין אין שטוב.

ווי נאָר ער איז אַריבער די שוועל האָט חיים זיך אַ קוויק געטאָן: אַהה... ער האָט דערפילט די שטוביקע געמיטלעכקייט.

— שלום! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— שלום! פרי געקומען, — האָט לאה אים געענטפערט, נישט אויפהיי־

בנדיק דעם קאָפּ פון טאַפּ, אין וועלכן זי האָט געמישט. זי איז געווען אַ מיטל־וווקסיקע, דיקע פרוי. זי האָט געהאַט אַ לאַנג, צעקנייטשט פּנים און גרוילעכע אונטערגעשוירענע האָר, גרויסע אויגן און אַ ברייטע נאָז.

חיים האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס בלויע, אָפּבלאָקירטע צייגענע העמד און איז אַריין צום ווייב אין קיך. דאָס העמד איז איצט ביי אים געהאָנגען אויף אַן אויסגעשטרעקטן אונטערן קאָלנער פינגער. ער האָט זיך צוגעבויגן צום ווייב און האָט שטיל איר איבערגעגעבן: — יעקב דער טאַבאַק־הענדלער האָט געשיקט מיטן ווייב זאָגן, אַז ער וועט היינט צו אונדז קומען.

לאה האָט אים אָנגעקוקט. אירע שוואַרצע אויגן זענען געווען גלייזיק. חיים האָט איר נישט געענטפערט. ער איז אַריין אין באָד־צימער. ער האָט שנעל זיך אַרומגעוואַשן, זיך איבערגעטאָן און איז צוריק אַריין אין קיך. ער איז איצט געווען אָנגעטאָן אין בלויע קאָמגאַרן־הויזן און אַ געל, אַריבערגעלאָזט איבער די הויזן העמד. די קיך איז געווען גרויס און האָט אויך געדינט פאַר אַן עסצימער ווי אין אַלע הייזלעך אין קוואַרטאַל. דער טיש, וואָס איז געשטאַנען אין שטוב, איז געווען קיילעכיק. די בלאַט פון טיש איז געווען באַצויגן מיט אַ גרויער פאַרמייקע. אויפן טיש איז שוין געלעגן ברויט און אַ גאָפּל מיט אַ מעסער. חיים איז צוגעגאַנגען צום ברוינעם פאַרגלאָזטן קרעדענס, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט. לאה האָט זיך געפּאָרעט ביים גאַז. חיים האָט אַ נעם געטאָן אין האַנט דאָס פלעשל אַראַק, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אַ זויג געטאָן פון העלדזל. דער טרונק האָט זיך אַ בולבל געטאָן אים אין גאָרגל ווי וואַסער, וואָס זידט אויף. ער האָט אים אַראָפּגעשלונגען. — האַ! — האָט ער אויס־געהויכט, זיך אַ קוויק געטאָן און ער האָט צוריקגעשטעלט דאָס פלעשל אויפן אָרט. ער איז צוגעגאַנגען און אַ צופּ געטאָן פון ברויט אַ שטיק און האָט פאַר־ביסן. ער האָט געגעסן און געדרייט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך געפרעגט און זיך געענטפערט ביז ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— יידענע, וואָס וויל ער?

— ער דאַרף אַוודאי אַ „נאַגלע" (איבערפירן אַ פורלאַדונג) — האָט זי אים געענטפערט און אַוועקגעשטעלט אים אויפן טיש דעם טעלער, פון וועלכן עס האָט געיאָגט אַ פּאַרע.

ער האָט איבערגעריסן קייען ווי דער ביסן זאָל אים האָבן שטיין געבליבן אין האַלדז. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי זיין חלום זאָל אים האָבן פאַרשווונדן. זיינע אויגן זענען געווען גלייזיק. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט און זיך איבערגעבויגן איבערן טיש. די פּאַרע פון טעלער האָט פאַר־דעקט זיין פּנים. דער טעלער איז געווען אָנגעפילט מיט אַ רויטער, געדיכטער זופּ, וואָס איז געווען אַדורכגעבראָקט מיט שטיקלעך פלייש. ער האָט געגעסן אייליק, פולע לעפל און געפרייכט.

זי איז געזעסן אים אַנטקעגן און געקוקט ווי ער עסט.

— איך גיב שוין ווייטער, — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן, און געוואָלט זיך אויפשטעלן, זעענדיק אַז ער ענדיקט עסן.

— איך בין זאַט! — גיב נישט מער, — האָט ער איר געזאָגט.

— אַ שאָד, דאָס עסן וועט קאַליע ווערן, — האָט זי געפּרוווט אים איבעררעדן.

ער האָט אָפּגערוקט דעם טעלער פון זיך און זיך אויפגעשטעלט. זיין שטערן איז געווען פאַרשוויצט. ער האָט מיט די הענט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים און איז אַריין אין שטוב.

זי האָט געלאָזט שטיין די כּלים. זי האָט צוגעלענט די קיך־טיר און איז אים נאָכגעגאַנגען.

אין שטוב איז געווען שטיל ווי אין קיך. דאָרט אין דער קיך איז די לופט געווען דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון אייל, דאָ, אין שטוב, מיט נאַפטאַלין־ריח. חיים האָט געשפּרייזט אַהין און צוריק איבער דער שטוב. אַ מאָל מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן און אַ מאָל האָט מיט איבערגעלייגטע איבערן בויך. עטלעכע מאָל איז ער שטיין געבליבן הינטערן פענצטער און זיך איינגעהאָרכט צי אין דער שטאָל איז רויִק. פון אומגעדולד איז ער איין מאָל אויך שטיין געבליבן פאַרן וואַנטזייגער, ווי ער זאָל וועלן זען ווי די ווייזערס רוקן זיך. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אָנגעצונדן ס׳ליכט. די שיין האָט אים אַ בלענד געטאָן. ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך האָבן איבערגעלייגט, און האָט אַ זאָג געטאָן צום ווייב:

— ער קומט נישט וועגן אַ „נאָגלע"...

— וועסט באַלד וויסן, — האָט זי אים געענטפערט און געלאָטעט ווייטער די הויזן.

חיים האָט אָנגעשטעלט אַן אויער.

— ער גייט! — האָט ער נערוועז געזאָגט.

ביידע האָבן זיך צוגעהאָרכט. די טריט פון דרויסן זענען געוואָרן דייטלעך. חיים איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

אַ גאַנצע פויסט האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

חיים האָט געעפנט די טיר.

יעקב האָט געמרוזשעט די אויגן. ער איז נישט געוווינט געווען צו אַ ליכט פון פיר לעמפּלעך.

— ברוך הבא! — האָט חיים אים באַגעגנט און זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, געמאַכט אים אַ וועג.

— גוט אָוונט! — האָט יעקב געענטפערט און איז אַריין אין שטוב.

— ברוכים הבאים! — האָט לאה אַ זאָג געטאָן. זי איז זיצן געבליבן מיט דער נאָדל אין האַנט און אים באַטראַכט.

חיים האָט פאַרמאַכט די טיר און אַרויסגערוקט אַ בענקל פאַר יעקבן.

יעקב האָט זיך אַוועקגעזעצט.

חיים איז געשטאַנען.

יעקבס שוואַרצע אָפּגעטראָגענע מאַרינאַרקע איז געווען שוין גרוי פון אַלטקייט. זיין שוואַרצע סאַמעטענע פּעסקע איז געווען אָפּבלאַקירט. יעקב האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט באַטראַכט דעם ברוינעם, פאַרנירטן בופעט, אויף אויסגעבויגענע פיס, די העל־גרין געבעטע סאָפע, וואָס איז געווען איבער־געדעקט מיט אַ ניילאָן זי זאָל זיך נישט שטויבן, אויך דעם פּירקאַנטיקן טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ קאָלירט ניילאָן־טישטעך. ער איז געזעסן אויף אַ האַלב בענקל. אַזאַ וווינונג איז געווען אים פרעמד.

יעקב האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן טיש. ער האָט אַרויפגעלייגט איין האַנט אויף דער אַנדערער און געקוקט, באַטראַכט די שטוביקע.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט, — האָט חיים זיך געשמאָלצן און געקוקט יעקבן אין די אויגן.

יעקב האָט געשוויגן.

— זיי מכבד דעם גאַסט, — האָט חיים זיך אַ ווענד געטאָן צום ווייב.

לאה האָט אַוועקגעלייגט דאָס נייען און האָט זיך אויפגעשטעלט.

— ניין, ניין, מען דאַרף נישט, — האָט יעקב זיך געבעטן און פאַרענטפערט.

— ר׳ יעקב, איר וועט נעמען אַ גלעזל? — האָט חיים אים אַ פרעג געטאָן און זיך צוגעבויגן צו אים, געוואַרט אויף ענטפער.

— וואָס איז היינט, שבת? — האָט יעקב געפרעגט חיימען. — נו, גוט, אַ קאַלט ביסל וואַסער וועל איך טרינקען, — האָט ער מסכים געווען.

לאה איז אַריין אין קיך.

ביידע, יעקב און חיים, האָבן געשוויגן. יעדער האָט געקוקט אין אַן אַנדערער זייט. מיט אַ מאָל האָבן ביידע זיך אָנגעקוקט, אָבער זיי האָבן ווייטער געשוויגן. יעדער פון זיי האָט געוואַרט דער אַנדערער זאָל פרעגן.

לאה איז אַריין צוריק אין שטוב. זי האָט געבראַכט אויף אַ מעשן טעצל אַ גרין ניילאָן־קריגל און גלעזער. זי האָט עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— ביטע! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט.

חיים האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז לעמאָניאַד און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ר׳ יעקב, צום געזונט!

יעקב האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט שטיל געמאַכט אַ שהכל ווי די ליפּן זיינע זאָלן ציטערן און ער האָט אָפּגעטרונקען אַ ביסל פון גלאָז.

— אַהה, — האָט ער זיך אַ קוויק געטאָן, זיך מחיה געווען און אַוועקגע־שטעלט די גלאָז. — ווינסט שיין, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

לאה האָט אַדורכגעפירט די נאָדל דורך דער נאָגאַוויצע און זי האָט אַ שפּיי געטאָן אַן שפּייעכץ, ווי זי זאָל אַרויסוואַרפן פון מויל אַן איבעריקע זאַך, אַ סגולה קעגן אַ גוט אויג.

— יידן האָבן זיך ווויל אין ישׂראל. וועד עס האָט נאָר אַ שטיקל ערד, בויט זיך, אַ בייז אויג זאָל נישט שאַטן, — האָט יעקב איבערגעגעבן חיימען.

— יאָ, יאָ, דער קוואַרטאַל וואַקסט פון טאָג צו טאָג. נאָך אַ ביסל וועט נישט בלייבן אַליידיקער פּלאַץ אין קוואַרטאַל, — האָט חיים אים פאַרזיכערט.

— איך בין איצט פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך נישט דערקענט דעם מאַרק. ער האָט זיך אַריינגעצויגן אויך אין די זייטיקע געסלעך, — האָט יעקב געזאָגט.

— אַ קראָם ביי אונדז אין מאַרק קאָסט טייערער ווי אויף אַלנבי — האָט חיים פאַרזיכערט יעקבן.

— אַזוי? — האָט יעקב זיך געוווּנדערט — און וואָס פאַר אַ שפע איז פאַראַן אין לאַנד, — האָט יעקב זיך אַ ריס געטאָן.

— יאָ, אָבער דאָס יקרות ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער, — האָט לאה זיך אַריינגעמישט.

— גאָט זאָרגט יידן זאָלן האָבן פּרנסה, — האָט יעקב איר אָפּגעענטפערט.

— די קינדער זענען געזונט? — האָט יעקב אַ פרעג געטאָן, נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם.

— גאָט צו דאַנקען! — ביי די צוויי טעכטער און דעם זון פאַראַן שוין אייניקלעך, — האָט חיים אַ שטראַלנדיקער געענטפערט.

— און ווו איז יוסף, דער יינגסטער? נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט?

— האָט יעקב ווייטער געפרעגט.

חיים האָט באַלד אים נישט געענטפערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייב און האָט איר אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג. ער האָט זיך שוין משער געווען נאָך וואָס יעקב איז געקומען.

— אָט וואָס קומט ער אָן, — האָט חיים אַ צופרידענער פאַרזיכערט יעקבן.

יעקב האָט געוואָלט אויסנוצן די צייט, ביז דער זון וועט קומען.

— איך בין געקומען אָנשלאָגן אַ שידוך יוספן, — האָט ער געזאָגט חיימען.

יעקב האָט געקוקט אַראָפּ. ער האָט געוואָלט אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

לאה האָט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט די הויזן און האָט זיך איינגעקוקט אין יעקבן.

— באַלד פאַרשטאַנען, — האָט חיים געזאָגט. זיין פּנים האָט געלאַכט.

לאהס פּנים איז געוואָרן אָנגעצויגן, פאַרזאָרגט, עס זאָל נאָר זיין מיט מזל. ווידער איז אין שטוב געוואָרן שטיל. יעדער האָט געוואַרט דער צווייטער זאָל רעדן. מען האָט נאָר געהערט דעם גאַנג פון זייגער.

— אַ שידוך, אַ לאָטעריע! אַ הויז, אַ קעניגרייך! אַ משפּחה, — יידן פון דורות, — האָט יעקב אים אויסגערעכנט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ שפּיץ פינגער אויף באַשטעטיקונג.

לאה און חיים האָבן זיך איבערגעקוקט. ער האָט געשוויגן. זי האָט געוואַרט.

יעקב האָט געצעגערט. זיי זענען געווען נייגעריק.

— מיט יצחקן, וואָס האָלט די קראָם אויבן אין מאַרק, — האָט יעקב אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל מכריז זיין.

חיים איז געבליבן מיט אָן אָפּן מויל. לאה האָט געאָטעמט שווער. קיינער אין שטוב האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט, ווי יעדער פון זיי זאָל מורא האָבן צעשטערן די שטילקייט. חיים מיט לאהן האָבן שטיל דערשיטערט פאַר־דייעט די בשורה.

יעקב האָט מיט דער צונג אַרומגעווישט זיך די ליפּן און האָט ממשיך געווען:

— מען האַקט אים אָפּ די טירן. שדכנים לויפן איבער אים. זכריה קצב לאָזט אים נישט רוען... — ביי די לעצטע ווערטער איז זיין פּנים געוואָרן ערנסט, אָבער ער האָט באַלד ממשיך געווען: — אַפילו פון שטאָט קומען שדכנים צו אים.

לאה און חיים,ביידע האָבן נאָך אַלץ געשוויגן.

— אָבער מיר זענען דאָך אייגענע, — האָט יעקב פאַרגעזעצט. — איך דאַוון דאָך מיט יצחקן אין איין שיל, האָב איך אים געזאָגט, אַז דו ביסט זיין מחותן.

חיים און לאה האָבן נאָך אַלץ געשוויגן. זיי האָבן נישט תופס געווען אַז יעקב מיינט זייער יוסף. אַ ווײַלע שפּעטער האָט חיים אַ זאָג געטאָן:

— ער שטאַמט אויך פון טוניס...

דערויף האָט יעקב אים געענטפערט:

— דיך קען איך דאָך פון מדנין. איך ווייס דאָך ווער דיין משפחה איז. נישט שטענדיק ביסטו געווען אַ בעל־עגלה... — ער האָט געצויגן די ווערטער, חיים זאָל פאַרשטיין.

חיים האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייב. ער איז געווען שטאָלץ אויף יעקבס רייד.

יעקב האָט געזען חיימס פרייד. ער האָט זיך צוגעבויגן צום טיש און האָט זיך צערעדט; געלאָזן אויסגערעכנט:

— דער מחותן יצחק איז אַ גביר אדיר, אַ קראָם, וואָס מען זשויבט אין איר, אַ הויז אַ פּאַלאַץ, פּלעצער אומגעציילט, די זין זיינע גייט עס גוט. דיין יוסף קומט אַריין אין אַ מלכות... — ער איז שטיל געבליבן און זיי אָנגעקוקט.

די אויגן ביי חיימען און לאהן האָבן געפינקלט.

יעקב האָט זיי פאַרשטאַנען. זיי זאָלן חלילה נישט גרויס ווערן ביי זיך, האָט ער גענומען ווייזן די צווייטע זייט פון דער מטבע, ווי ער זאָל זיי אויסרעדן: — דו ביסט טאַקע נאָר אַ בעל־עגלה, דיין זון אַ שאָפער, וואָס צעפירט נאָר די גרינס אין מאַרק, אָבער יוסף איז אַ גוטער בחור. אַז ער וועט קריגן אַ נדן, וועט ער זיך קויפן אַ גרויסע מאַשין... — די ווערטער האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם, חיים מיטן ווייב זאָלן זיי באַנעמען.

די טיר האָט זיך געעפנט. יוסף דער זון איז אַריין אין שטוב. זיי זענען

געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין געשפּרעך, אַז קיינער האָט נישט געהערט אַז ער גייט.

— אָט איז ער! — האָט חיים זיך דערפרייט מיטן זון.

יעקב האָט אָפּגעמאָסטן יוספן פון אויבן ביז אַראָפּ.

יוסף איז געווען ענלעך צו דער מוטער. ער איז נאָר געווען יינגער און דאַרער פון איר. זיין עלטער איז געווען פאַר די דרייסיק. זיין פּנים איז געווען גלאַטיק. אין זיין בלויען, פאַרפלעקטן מיט אייל אָוועראָל האָט ער אויסגעזען מעכטיקער ווי ער איז געווען. ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. — שלום!

— האָט ער אַ זאָג געטאָן. ער האָט אַלע אָנגעקוקט און געוואָלט גיין ווייטער. ער האָט געוואָלט זיין פאַרגעשריטן, נישט שטערן די עלטערן.

— יוסף, ר׳ יעקב איז געקומען צו דיר, — האָט דער פאָטער אים געזאָגט.

דער זון איז שטיין געבליבן.

יעקב האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— זעץ זיך, — האָט ער אים געזאָגט און אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַ בענקל.

יוסף האָט געצעגערט ווי ער זאָל נישט האָבן קיין חשק זיך אַוועקזעצן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער אָפּגערוקט אַ בענקל און האָט זיך אַוועקגעזעצט יעקבן אַנטקעגן. ער האָט זיך אַרויפגערוקט דעם בערעט. אַ שוואַרצער לאָק האָט זיך אים אַפּירגעגליטשט. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז לעמאָניאַדע. ער האָט אָפּגעטרונקען אַ ביסל און מיט דער צונג זיך אָפּגעווישט די ליפּן.

טאַטע־מאַמע האָבן באַטראַכט זיין יעדע באַוועגונג.

יעקב האָט אַ ווונק געטאָן דעם פאָטער.

חיים האָט אויסגעבלאָזן די באַקן. ער האָט זיך צוגעגעבן מוט. דאָס איז געווען פון איבערראַשונג. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייב און האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום זון: — יוסף, איך וועל דיר זאָגן אין קורצן. ר׳ יעקב רעדט דיר אַ שידוך מיט יצחקס טאָכטער. דער קרעמער, וואָס האַלט אויבן אין מאַרק אַ קראָם... — ער האָט גערעדט שנעל. ער האָט יעדעס וואָרט געזאָגט באַזונדער און געוואָרפן מיט די הענט. ער האָט זיך געהאָלפן צונויפשטעלן די זאַצן.

יוסף האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, די אָדערן אויף זיין האַלדז זענען געווען אָנגעצויגן, זיינע אויגן שטאַר. ער האָט געקוקט אויפן טיש אַרויף, ווי ער זאָל טראַכטן. ער האָט אָפּגעהוסט און האָט געענטפערט, ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— מען דאַרף זען דאָס מיידל. מען דאַרף מיט איר רעדן. — ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, באַטאָנט יעדעס וואָרט. זיין קול איז געווען פאַרענדערט, דיק.

יעקב, וואָס האָט די גאַנצע צייט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, געקוקט אויף אים, און געוואַרט וואָס ער וועט זאָגן, האָט לייכט אָפּגעאָטעמט.

אויך די מוטער האָט זיך צוגעהאָרכט צו אים. אירע וויעס האָבן געציטערט,

די אויגן אירע האָבן געפינטלט. דעם פאָטערס אויגן האָבן געגלאַנצט. זיין „מור־זיניק" רעדט.

יעקב האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי ער זאָל זיצן איבער אַ ספר. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט אַ זאָג געטאָן יוספן:

— דאָס מיידל איז באַחנט. זי קען, זי אַרבעט אין אַ באַנק. — אַ ווײַלע שפּעטער, ווי ער זאָל זיך האָבן איבערגעלייגט, האָט ער צוגעגעבן: — אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. דעם פאָטער אירן פעלט נישט קיין געלט... — ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט צוגעגעבן: — זי וועט זיין אַ גוט ווייב און אַ גוטע מאַמע. — איצט האָט ער געוואַרט אויף אַן ענטפער.

יוסף האָט געשוויגן.

— איך האָב דעם טאַטן דערציילט וואָס פאַר אַ שידוך דאָס איז פאַר דיר, — האָט יעקב ממשיך געווען. ער האָט נישט געוואָלט דער געשפּרעך זאָל זיך איבעררייסן.

— יאָ, — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ נערוועז. ער האָט געוואָלט דער זון זאָל רעדן.

די שטילקייט האָט ווידער גובר געווען אַלע. אַלעמענס אויגן זענען געווען שטאַר.

— נו, וואָס זאָגסטו? — האָט יעקב זיך אַ ווענד געטאָן צו יוספן.

— מען קען רעדן, — האָט יוסף געענטפערט ווי ער זאָל זיך נייטן.

— עס זאָל זיין מיט מזל! — האָט יעקב אויסגערופן אַ דערפרייטער.

— אמן! — האָט אים געענטפערט חיים דער פאָטער און זיך געריבן די הענט פון פרייד.

— אָמן! אָמן! — האָט די מוטער נאָכגעזאָגט. צוויי צערינענע טרערן זענען איר שטעקן געבליבן אין די אויגן־ווינקלעך. פון אויפרעגונג האָט זי פאַרבראָכן די פינגער. אַלע זענען צופרידן אָבער איינער האָט נישט געקוקט אויפן אַנדערן. נאָר יוסף האָט זיך באַקוקט די נעגל פון די הענט. אַלע האָבן געהערט דעם גאַנג פונעם זייגער. דער נאַפטאַלין־ריח האָט זיך געפילט נאָך שטאַרקער.

— איך דאַרף גיין, — האָט יעקב אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אויפגעשטעלט.

— עס וואַרט מיך אַ געוואַלטיקע אַרבעט, — האָט ער שטיל צוגעגעבן.

— ר' יעקב, זייט מצליח! — האָט חיים אים אַ זאָג געטאָן. זיין פליישיק פּנים איז געווען צעגאָסן און רויט פון פרייד.

יוסף האָט זיך אויך אויפגעשטעלט פון אָפּשיי צו יעקבן.

— שלום, זייט געזונט! — האָט יעקב אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק צו דער טיר.

— שלום! שלום! — האָבן אַלע שטוביקע אים נאָכגעזאָגט. חיים איז פאַרלאָפן יעקבן דעם וועג און אים געעפנט די טיר.

יעקב האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַריבער די שוועל.

דער זון און די מוטער האָבן אים נאָכגעקוקט. דער פאָטער האָט אים אַרויסבאַגלייט. די שטוביקע האָבן געהערט טריט, וואָס האָבן זיך דערווייטערט.

ל

דאָס איינציקע לעמפּל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון דער נידעריקער סטעליע האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט אַ שיטערע גרינע ליכט. די זאַכן אין שטוב האָבן אויסגעזען ווי זיי זאָלן זיין צעפלאָסן, ווי שאָטנס זאָלן זיך אין זיי קלאַמערן. דאָס פענצטער האָט אויסגעזען ווי עס זאָל זיין פאַרשטעלט. יעקב איז געשטאַנען אָן אָנגעלענטער אין דער שאַנק און פאַמעלעך, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז ער וועט אַרויסרייסן אַ האָר, זיך געצויגן זיין שיטער בערדל. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי די ליכטשיין. עטלעכע שעה שוין ווי יעקב האָט זיך אומגעקערט פון חיימען. ער האָט אין צווישן באַוויזן אָפּעסן.

נעמי איז אַריין פון קיך און אים אָנגעקוקט. זי האָט זיך צוגערוקט צו דער פּוטרינע און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ביסטו אַזוי אויפגעלייגט, מיין מאַן? — זי האָט געקענט יעדע זיינע באַוועגונג. זי האָט זיך אויך משער געווען פאַר וואָס דאָס איז.

יעקב האָט זיך אָפּגעריסן פון שאַנק און זי אָנגעקוקט.

— נו, דערצייל, דערצייל! — האָט זי אים געמוטיקט און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

יעקב האָט געשטעלט אַ טריט ווי ער זאָל זיך קלייבן גיין, אָבער ער האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט איר אַנטקעגן. דער שטח אַרום זיי, צווישן דער שאַנק, די בעטן און דעם טיש איז געווען קליין.

— נו, דערצייל שוין דיין וויב — האָט זי אים אַ בעט געטאָן אַ נייגעריקע.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און איר פאַרטרויט דעם סוד: — איך האַלט ביים אויספירן דעם שידוך... — ער האָט זיך אויסגעגליכן און זיך אונטערגעלייגט די האַנטפלאַך אונטערן בערדל.

— אַ שדכן ביסטו נאָך נישט געווען? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן. — איך דאַרף מענטשן זאָלן רעדן... — האָט זי אים נישט אָפּגעלאָזט.

— איי, יידענע, וואָס פאַרשטייסטו, — האָט ער איר געענטפערט און מיט ביטול איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אָבער ער האָט איר אויפגעקלערט דעם ענין: — זכריהס זון וויל יצחקס טאָכטער. יצחק דער קרעמער וויל אים נישט פאַר אַן איידעם און דעם טאַטן נישט פאַר אַ מחותן. איך שדכן יצחקן חיימס זון פאַר אַן איידעם.

נעמי איז זיצן געבליבן מיט אַן אָפן מויל. אירע שוואַרצע אויגן האָבן

געגלאַנצט. זי האָט נישט געוווּסט וועגן דער מחלוקת. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי מיט דער האַנט אַרומגעווישט זיך די ליפּן און אים אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל נישט דו זאָלסט זיין פאַרמישט אין דעם סיכסוך. איך וויל נישט האָבן צו טאָן מיט זכריהן. איך וויל נישט מען זאָל מיר חלילה אויסהאַקן די שויבן. איך וויל שלאָפן רויִק... — זי האָט ביי יעדער אויסגערעכנטער טענה פאַרמאַכט אַ פינגער פון דער אויסגעשטרעקטער האַנט ווי זי זאָל ציילן די סיבות.

יעקב האָט מיט דער האַנט אַרומגענומען זיין בערדל און זיך איינגעקוקט אין איר.

נעמי האָט אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט זיך די באָקעס און אים געפרעגט:

— וואָס דאַרפסטו מענטשן זאָלן אונדז שעלטן? דער גראָשן איז דיר נייטיק? חלילה פאַראַן נויט אין שטוב?... — אַ היפּשע ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. זי האָט געקוקט אויף אים, ער אין דער זייט.

מיט אַ מאָל האָט זיין אויבערשטער טייל קערפּער זיך צעוויגט און ער האָט זיך צערעדט ווי ער זאָל רעדן צו זיך:

— איי, יידענע, יידענע, וואָס פאַרשטייסטו? אַ לייכטער גראָשן איז זיס... אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער ממשיך געווען: — אַ גראָשן? — האָט ער זיך אַ פרעג געטאָן און זיך געענטפערט: — איך וועל פאַרדינען אַ „פויטיקע”, רייך ווערן!

נעמי, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקוקט, האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— נאָך די פּרנסה האָסטו נישט געהאַט...

— אַ מצווה מזווג זווגים זיין, — האָט ער איר אָפּגעענטפערט.

— איך וויל נישט האָבן צו טאָן מיט מענטשן, — האָט זי ביי אים געפאָדערט.

ער האָט אויפגעהערט זיך וויגן. ער איז געבליבן זיצן אַ פאַרקוקטער אין דעם טיש־בלאַט און איר געזאָגט ווי ער זאָל איר געבן צו פאַרשטיין:

— זכריה רעדט אויס אויף יצחקן. איך וויל העלפן יצחקן און אויך פאַרדינען — ער וועט מיר נישט קאַרגן.

— אויב דו האַלטסט ביי ווערן אַ גביר, טאַ גיב־זשע אַ פאָר גראָשן אויף אַ שטיקל זייף און אַ פלאַש „אמא” און נישט איך זאָל יעדעס מאָל מוזן קויפן פון מיין געלט, — האָט זי פון אים געפאָדערט.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר און איר אָפּגעענטפערט:

— מען דאַרף נישט אויסגעבן געלט, דאָס זענען איבעריקע זאַכן.

— דו ביסט אַ קמצן, דו זאַמלסט געלט און דער זון נעמט עס ביי דיר צו אויף מאַכן געשעפטן, — האָט זי אים געזאָגט מיט איין אָטעם. זי אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר אירע ווערטער.

ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און געפרעגט:

— אַזוי האָט מען דיך דערצויגן אין שטוב, אָקעגנרעדן דעם מאַן?... — און מיט אַן ענערגישן קול צוגעגעבן: — יידענע, ביסט אַ מורדת!

נעמי, דערהערנדיק דאָס וואָרט האָט זיך איינגעשרומפּן, נאָך קלענער געוואָרן. זי האָט דערזען פאַר זיך איר טאַטן, וואָס איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געשטאָרבן. זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, און איז אַרויסגעלאָפן אויף דער טעראַסע. זי איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר אויף דער גאַס אַרויס און שטיל געיאָמערט. זי האָט געהאַלטן די האַנט אויפן מויל, מענטשן זאָלן נישט הערן.

שפרה, אַ פליישיקע פרוי מיט אַ ברייטן בוזעם, אַ פרוי אין איר עלטער, די שכנה, צו וועלכער נעמי איז נישט איין מאָל אַריין זיך אויסוויינען, איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען. זי האָט דערהערט און דערקענט נעמיס יאָמער.

— נעמי! — האָט זי אַ רוף געטאָן.

נעמי האָט איר נישט געענטפערט.

— נעמי! — האָט שפרה נאָך אַ מאָל אַ רוף געטאָן.

— שפרה, — האָט נעמי איר געענטפערט און זיך צעכליפּעט אויפן קול. שפרה איז צו איר צוגעגאַנגען.

נעמי האָט געשלוכצט אָן טרערן.

— וואָס האָט ווידער פאַסירט? — האָט זי געפרעגט.

— דער אַלטער קמצן, האַלט דעם גראָשן, — האָט נעמי איר דערציילט פול מיט געוויין. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צי יעקב הערט נישט און אַ פאַר־וויינטע גענומען איר דערציילן ווי זי זאָל שלינגען די ווערטער: — זכריה קצב וויל זיך משדך זיין מיט יצחק קרעמער. יצחק וויל אים נישט פאַראַ מחותן. מיין מאַן וויל משדך זיין יצחקן מיט חיים בעל־עגלה. ער וועט קריגן אַ סך שדכנות... נעמי האָט אויפגעהערט שלוכצן. זי האָט גענומען נקמה אין יעקבן און אַלץ דערציילט. איצט איז איר גרינגער געוואָרן.

שפרה האָט געשוויגן. אין דער פינצטער האָט נעמי נישט געזען ווי אַזוי שפרה רעאַגירט.

מיט אַ מאָל האָט שפרה צונויפגעקלאַפּט די הענט און זי האָט זיך געפרעגט:

— מיין קצב וויל ער נישט פאַר אַ מחותן? אַלע ווייבער, וואָס קויפן ביי זכריהן וועלן וויסן, — האָט זי זיך פאַנאַנדערגעשריגן. אין דער פינצטערער שטילקייט איז דער אָפּהילך פון אירע רייד געוועזן נאָך שטאַרקער.

פון פאַרמאַכטע פענצטער האָבן נייגעריקע ווייבער־קעפּ אַרויסגעקוקט. שפרה האָט געוואָלט לויפן. אָבער ווי זי זאָל זיך האָבן דערמאָנט, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— נעמי, גיי אין שטוב, — און זי אַריינגעשטופּט אין דער טיר. שפרה איז צוגעלאָפן צו אַ נידעריק אָפן פענצטער און האָט אַריינגעשריגן:

— רחל, קום! איך מוז דיר עפּעס דערציילן.

# יא

די טעג זענען געווען הייסע, די לופט אַדורכגעגליט. דער אָנקומענדיקער טאָג האָט געביטן דעם פאַרגאַנגענעם. דאָס לעבן ביי די מענטשן אין קוואַרטאַל האָט זיך געפירט לויט דעם שטייגער דאָרט. דעם וועג, וואָס יעקב האָט געמאַכט אין משך פון טאָג איז געווען פון שטוב אין שול און פון שול אין קראָם. אָבער היינט האָט יעקב אָנגעשטעלט אַן אויער, נישט ווי אין די פאַרגאַנגענע טעג. ער האָט געוואָלט הערן, זיך דערוויסן, וואָס רעדט די גאַס. ער האָט נישט איין ייד ביים דאַווענען אָדער זיינס אַ קונה געפרעגט וואָס עס הערט זיך? וואָס שמועסט מען? יעדער געפרעגטער האָט אים געענטפערט לויט זיין באַגריף. — עס וועט גוט זיין, אָדער: — גאָט וועט העלפן, — און געגאַנגען זיין וועג.

יעקב האָט נישט איין מאָל אָפּגעוואַרט יצחקן, געוואָלט אים טרעפן אָבער עס איז אים נישט אויסגעקומען. יעדעס מאָל איז אָדער ער, אָדער יצחק געקומען שפּעט צום דאַווענען. יצחק האָט לעצטנס געדאַוונט אין שטוב ביחידות. יעקב האָט פאַרשטאַנען, אַז יצחק מיידט אים אויס. אָבער יעקב האָט געוואָלט צואיילן דעם שידוך. ער האָט געטאָן אַלץ מענטשן זאָלן וויסן און רעדן וועגן דעם שידוך.

דאָס ערשטע מאָל ווען נעמי זיין ווייב איז געקומען פון גאַס, האָט ער אויך זי אַ פרעג געטאָן: — „וואָס רעדן מענטשן?...״ זי האָט געוווּסט וואָס ער איז אויסן, זי האָט אָבער אים געענטפערט: „מענטשן האָבן ליב רכילות״.

ער האָט זי אויך פאַרשטאַנען. ער האָט זי געפרעגט:

— וואָס רעדן די ווייבער וועגן דעם שידוך?

נעמי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— די וועלט שטייט אויף דיין שידוך, — האָט זי אים אָפּגעענטפערט און איז אַריין אין קיך.

דער אַלטער ירוחם איז אַריין צו אים אין קראָם און האָט געזאָגט יעקבן שלום!

— וואָס הערט זיך אין מאַרק? וואָס מאַכן די קצבים? — האָט יעקב אים געפרעגט. ער האָט געוואָלט מיט אים פאַרפירן אַ געשפּרעך איבער זכריהן.

— די שוחטים שעכטן און די קצבים האַקן פלייש, — האָט ער געענטפערט יעקבן און ער האָט זיך צעלאַכט. ער האָט געלאַכט ווי ער זאָל הוסטן. ירוחם האָט אַרויפגעלייגט די ניקלנע מטבע אויפן קאַסעטיש און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— גיב צו פאַררייכערן.

יעקב האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקל נאַרגילע־טאַבאַק.

— אַ גוטן! — האָט ירוחם אים אַ זאָג געטאָן. ער האָט גענומען דאָס פּעקל טאַבאַק און איז מיט שנעלע קליינע טריט פון אַן אַלטן מאַן אַוועק. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט רייכערן.

יעקב האָט מיט דער האַנט אַריינגעשאַרט די מטבע אין אָפענעם שופלעדל און אים נאָכגעקוקט.

יעקב האָט געטראַכט און געוואַרט, אָבער אין איינעם פון די טעג האָט ער באַשלאָסן, אַז דאָס איז די צייט און ער דאַרף מער נישט וואַרטן. אין אַ פּאַרמיטאָג, נעמי איז נישט געווען אין שטוב. האָט ער זיך איבערגעטאָן. ער האָט זיך אָנגעטאָן דאָס שוואַרצע אָפּבלאַקירטע רעקל און די סאַמעטענע פּעסקע. ער האָט פאַרמאַכט די קראָם, פאַרשלאָסן אַלע טירן און איז אַוועק אין גאַס.

יעקב איז דעם גאַנצן וועג געגאַנגען געלאָסן. אפילו ווען ער איז אַריבער־געגאַנגען יצחקס פאַרטקע האָט ער זיך נישט צוגעאיילט. ער האָט באַטראַכט די פלאַנצן און געאָטעמט מיט זייערע ריחות. אין פאָדערהויז האָט ער זיך פאַרהאַלטן און זיך איינגעקוקט, ווי ער זאָל זיך שפּיגלען אין די קאָלירטע פענצטער־שויבן. ער האָט זיך אָבער נאָך איבערגעלייגט ווי אַזוי ער זאָל זיך באַנעמען און וואָס ער זאָל זאָגן. די טיר האָט ער געעפנט האַסטיק. ער איז אַריין אין שטוב ווי ער זאָל זיך איילן.

אין קיך האָט שׂרה דערהערט, אַז די טיר האָט זיך געעפנט און זי האָט אַ רוף געטאָן:

— יצחק, עס איז ווער געקומען!

יצחק איז אַריין פון אַ זייטיק צימער.

— שלום, מחותן! — האָט יעקב אים באַגריסט הויך, אויפן קול. אָבער זיין שטימע האָט געציטערט פון אומזיכערקייט. ער האָט זיך אָבער גובר געווען און האָט אויסגעשריגן: — מזל־טוב!

יצחק איז בלייך געוואָרן. זיינע וויִעס האָבן געציטערט, ווי ער זאָל פינטלען מיט די אויגן. ער האָט אַ נעם געטאָן יעקבן אונטערן אָרעם און מיט אים געגאַנגען ווי ער זאָל אים אַוועקפירן. אין ווינקל אונטערן פענצטער זענען זיי שטיין געבליבן.

שׂרה האָט אַ קוק געטאָן דורך דער טיר פון קיך. אירע שוואַרצע אויגן זענען געווען אויסגעצויגן. די ברייטע גרינע שאַרץ, מיט וועלכער זי איז געווען אָרומ־געבונדן, איז אויף איר געהאַנגען ווי אַ פאָן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט געהערט זאָגן „מזל־טוב". זי איז באַלד צוריק אַריין אין קיך.

— מיט גאָטס הילף וועט זיין אַ שידוך. איך האָב זיך גוט אַריינגעטאָן אינעם ענין — האָט יעקב האָפּערדיק געזאָגט יצחקן. ער האָט זיך אַליין צוגעגעבן מוט.

— שאַ! שאַ! — האָט יצחק זיך אַ בעט געטאָן ביי יעקבן און אים אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט ער זאָל רעדן שטילער.

— איך מוז דאָך זיך באַמיִען, דו פאַרשטייסט דאָך — האָט יעקב אים געזאָגט מיטן זעלבן טאָן, ווי ער זאָל נישט האָבן באַמערקט און געהערט יצחקס בקשה.

יצחק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. ער האָט גוט פאַרשטאַנען יעקבס רייד.

שׂרה איז יעדעס מאָל, ווען יעקב האָט גערעדט, שטיין געבליבן אין קיך, מיטן מעסער אונטער דעם געשיילטן קאַרטאָפל. זי האָט געוואָלט פאַרשטיין.

— אַ ווילער בחור ביז גאַר! — האָט יעקב געריִמט יוספן. ער האָט נישט געוואָלט איבעררייסן דעם געשפּרעך. ער האָט באַשלאָסן דעם ענין שידוך דער־פירן הייִנט צו אַ טאָלק. ער האָט אָפּגעאָטעמט טיף, ווי עס זאָל אים האָבן פֿאַר־פּעלט אָטעם, און שטיל אונטער דער נאָז געזאָגט: — ער וויל זיך טרעפֿן מיטן מיידל.

יצחקס קאָפּ איז הענגען געבליבן ווי זיין נאַקן זאָל זיך האָבן אונטערגעבראָכן. זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן שטאַר געקוקט.

יעקב האָט אים פֿאַרשטאַנען. יצחק האָט אים לייד געטאָן, אָבער ער האָט נישט אָפּגעלאָזט.

— מען דאַרף צואיילן דעם ענין — האָט ער אים געזאָגט.

אויך איצט האָט יצחק געשוויגן.

שׂרה האָט איבערגעטראָגן אויפֿן קליינעם טיש אַרויף דאָס טעפּל מיט וואַסער און דאָס קײַשל מיט קאַרטאָפּל. זי האָט געוואָלט זיין נענטער צו די מענער, זיי בעסער הערן.

— איז אויך ווען באַשליסט מען די „זעונג“ — האָט יעקב געפֿרעגט יצחקן.

יצחק האָט אַ ניק געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער זאָל אים אויסשטרעקן. די גאָמבע זיינע האָט זיך אויסגעצויגן. ער האָט אַ דריי געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער זאָל ווייזן יעקבן זיין האַנטפֿלאַך. דאָס איז געווען דער ענטפֿער „מען וועט זען“.

יעקב האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט געפּועלט ביי יצחקן, אָבער ער האָט נאָך נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן.

— מען דאַרף נישט לאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַרייַן — האָט ער געפּרוווט איבעררעדן יצחקן.

יצחק האָט שוין ווידער געשוויגן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט יעקב אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער און געזאָגט:

— איך מוז גיין, שוין מיטאָג.

יצחק האָט אים נישט פֿאַרהאַלטן.

יעקב האָט גענומען גיין צו דער טיר. יצחק איז אים נאָכגעגאַנגען ווי ער זאָל גיין נאָך אַ טויטן.

יעקב האָט געפֿילט יצחקס האַרץ.

— גאָט וועט העלפֿן, אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן — האָט ער געטרייסט יצחקן. ער האָט געעפֿנט די טיר און געזאָגט יצחקן: — ווײסט מיר צו וויסן טאָן דעם טאָג פֿון דער „זעונג“ — ווי ער זאָל האָבן מיט אים אָפּגערעדט און ער האָט אַ זאָג געטאָן: — אַ גוטן!

יצחק האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און פֿאַרמאַכט נאָך אים די טיר.

יצחקן איז ענג געוואָרן אין דער גרויסער שטוב. ער האָט געאָטעמט מיט אַן אָפֿן מויל, ווי עס זאָל אים שווער זיין דער אָטעם. ער האָט געשפּרייזט אַרום דעם טיש, זיך געהאַלטן די גאָמבע ווי ער זאָל האָבן אַ באָרד. ער האָט געשפּרייזט איבערן צימער ווי אין אַ טורמע־צעלע.

שׂרה איז אַרײַן צו אים אין צימער. זי האָט אים אָנגעקוקט און זיך אויס־געוויישט די הענט מיט אַ שפּיץ פון דער שאַרץ.

יצחק האָט זי מער געפילט ווי געזען. ער איז שטיין געבליבן איר אַנטקעגן און זי אָנגעקוקט. נאָר היינט, ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר — דער באָבע — איז דער בליק פון זיינע גרויע אויגן ווייכער געוואָרן.

— ווען קומען די זין? — האָט ער זי געפרעגט. ער האָט געטראַכט וועגן זיי, אָבער ער האָט זי געפרעגט, ווייל ער האָט געוואָלט מיט איר רעדן.

זי האָט אים אָנגעקוקט אַ פאַרחידושטע. אירע שוואַרצע אויגן זענען געווען שטאַר.

— ווייסט נישט, אַז אויך אין אָוונט, זוכן זיי פּרנסה — האָט זי אים געענט־פערט און אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַ פאַרוווּנדערטע. זי איז געשטאַנען, נישט גערירט זיך פון אָרט. זי האָט פאַרשטאַנען און נאָך מער זיך משער געווען, אַז יצחק ראַנגלט זיך מיט זיך. זי האָט געוואָלט אים פרעגן פאַר וואָס, אָבער זי האָט נישט געוואָגט.

— יאָ, מיין ווייב — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן. ער האָט געדאַרפט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. ער האָט געפילט, אַז ער מוז איר דערציילן. ער האָט אָבער נישט געקענט אַרויסברענגען די ווערטער פון מויל.

אירע אויגן האָבן זיך ווי איבערגעדרייט, ווי זי זאָל קוקן אַרויף. מען האָט נאָר געזען אירע ווייסלען.

— ער שלאָגט פאַר אַ שידוך — האָט ער איר געזאָגט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. אירע אויגן זענען געוואָרן פייכט.

— אָבער עס האַלט נישט דערביי — האָט ער געזאָגט מער זיך ווי איר, און ווידער גענומען שפּרייזן אַרום דעם טיש. ער האָט געשפּרייזט מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ אַ פאַרשעמטער. אים האָבן געערגערט אירע נאַסע אויגן. ער האָט אויך נישט געוואָלט, אַז זי זאָל מיינען, אַז דאָס איז שוין דער שידוך. איר בליק האָט אים נאָכגעפאָלגט. ער האָט אים געפילט אויף זיך. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער איר געזאָגט: — אַ גוטער בחור, אַ שאָפער. — ווער זיין משפּחה איז האָט ער איר נישט געזאָגט.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן — אַה — ווי זי זאָל קרעכצן. די פאַרהאַלטענע אין איר אויג טרער, האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבער איר באַק. איצט האָט זי זיך שאַרף איינגעקוקט אין אים, ווי זי זאָל אים פאַרשן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען. מען רעדט וועגן אַ שׂמחה און יצחק, איר מאַן, איז צוגעלייגט.

ער האָט געקוקט אַראָפּ, אָבער ער האָט זי פאַרשטאַנען. — השם ירחם — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און האָט גענומען שפּרייזן. ער איז אַריין אין אַ זייטיק צימער.

זי האָט אים נאָכגעקוקט. אַ ווײַלע שפּעטער איז אויך זי צוריק אַריין אין דער קיך.

נאָך דעם ווי יעקב האָט זיך געטראָפן מיט יצחקן, האָט יעקב געוואָלט

און געמוזט זיך אויך טרעפן מיט חיימען. אָבער ער איז צו אים נישט געגאַנגען. ער האָט געוואַרט אויף אים. ער האָט געוואָלט חיים זאָל אים נאָכלויפן.

חיים איז אָבער געווען דער בעל־דבר, ער האָט געדאַרפט זיין דער מחותן, געבן זיין זון. יעקב האָט באַשלאָסן צו גיין צו חיימען. די עטלעכע געסלעך, וואָס האָבן אַדורכגעשניטן דעם קוואַרטאַל אין דער ברייט, האָט יעקב שנעל אַדורכגעשפּאַנט, ווי ער זאָל האָבן יונגע פיס. ער האָט אין די געסלעך געקענט יעדן שטיין אין ווינקל. ער איז געווען פון די ערשטע איינוווינער אין קוואַרטאַל. ער איז דעמאָלט געווען אַ באַלאַטע־לייגער. אַז ער איז צוגעקומען צו די ערשטע הייזלעך, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט אַרומגעצוימטע הייף אַרום זיך, האָט ער זיך אַרומגעקוקט. די געסלעך זענען נאָך נישט געווען פאַרמירט, צוליב די פרייע פּלעצער צווישן זיי.

די הייזלעך זענען געווען ניי געבויט. די פרישע קאַלך־ווייסקייט האָט פון זיי אַראָפּגעגלאַנצט. אויך דאָ זענען די דעכער געווען שיפּע, איינס אונטערן אַנדערן. יעקב האָט זיך געשלייכט צווישן די הייזלעך. שוין פון וווייטנס האָט ער דערפילט דעם שאַרפן מיסט־ריח. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ האָט ער דערזען חיימען. ער איז געשטאַנען ביים אַנהייב פּלאַץ. יעקב האָט גענומען גיין פּאַמעלעך און געקוקט. פערד מיט איבערגעבונדענע טאַרבעס איבער די קעפּ, האָבן פון זיי אַרויסגעגעסן. פערד מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן געדרימלט. דאָ און דאָרט אויף אַ וואָגן האָט אַ בעל־עגלה געגעסן. אַ בעל־עגלה, וועמעס וואָגן איז געשטאַנען אין דער זייט, האָט אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש זיין פערד און זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן. אויפן וואָגן איז שוין געזעסן אַ מענטש. דער רעש פון די קאָלערנדיקע זיך רעדער האָט אויפגעוועקט די דרימלענדיקע פערד.

חיים, דערזעענדיק יעקבן, האָט אים אַנטקעגן געשריגן: — שלום! ר׳ יעקב!... — ער האָט זיך אויסגעריבן די הענט אין די הויזן און האָט זיך איינ־געקוקט אין יעקבן. זיינע באַקן זענען געווען צעקנייטשט. ער האָט געשמייכלט.

יעקב האָט אים נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף אָפּקומען.

חיים האָט פאַרשטאַנען, אַז יעקבן פאַרדריסט און ער האָט זיך פאַר אים פאַרענטפערט:

— נישט געקענט קומען. דאָס פערד האָט זיך פאַרשטאָכן אַ פוס, געמוזט מיט אים גיין צום וועטערינאַר.

יעקב האָט געענוי נישט פאַרשטאַנען וואָס חיים האָט אים געזאָגט. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז נאָר אַ תירוץ. ער האָט געוואַרט אַז יעקב זאָל צו אים קומען. יעקב האָט באַטראַכט אַלץ אַרום. ער האָט געוואָלט געווינען צייט.

חיים האָט געוואַרט אומגעדולדיק. ער האָט געוואָלט הערן וואָס יעקב וועט אים זאָגן.

יעקב האָט געשוויגן. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אָפּגעאָטעמט און האָט אים געזאָגט:

— קוים זיך אָפּגעריסן. געוואָרט דו זאָלסט קומען. איך האָב געמוזט פאַר־מאַכן די קראָם און קומען צו דיר... — יעקב האָט אים אויסגערעדט.

— איך האָב געוואָלט היינט צוקומען — האָט חיים זיך פאַרטיידיקט.

די בעלי־עגלות אַרום האָבן באַטראַכט יעקבן און געקוקט אויף חיימען. זיי האָבן געוואָלט וויסן וואָס זיי רעדן.

יעקב האָט פאַרשטאַנען חיימס באַנעמען זיך און האָט אים אָפּגעענטפערט:

— יצחק האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיר צו וויסן טאָן ווען דאָס פּאַרל קען זיך טרעפן... — און באַלד צוגעגעבן: — איך מוז גיין עפענען די קראָם.

חיים האָט זיך איינגעקוקט אין יעקבן. חיימס פּנים איז געווען אויסגעצויגן. ער האָט נישט געוווּסט צי ער דאַרף זיין צופרידן מיט דער ידיעה. ער האָט אָבער געשוויגן, יעקב זאָל נישט מערקן זיין צווייפל.

— שלום! — האָט יעקב אים אַ זאָג געטאָן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

— שלום — האָט חיים אים נאָכגעזאָגט און אים נאָכגעקוקט. אָבער באַלד האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען אויסגלייכן דעם כאָמענט אויפן פערד. ער האָט נישט געוואָלט די בעלי־עגלות זאָלן זיך אָנשטויסן וואָס עס קומט פאָר. ער איז נישט געגאַנגען אונטערפירן יעקבן. ער האָט זיך געפירט אַזוי ווי דער זון האָט אים אָנגעזאָגט. פון אָנשטרענגונג, ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט פאַר יעקבן, איז אים הייס געוואָרן. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און דערמיט זיך געפאָכעט, געקילט. די בעלי־עגלות זאָלן נישט מערקן, האָט ער גלייכגילטיק זיך אונטערגעברומט.

אָבער יחזקאל און שמואל, די צוויי בעלי־עגלות, וועלכע זענען געשטאַנען נעבן חיימען, ווו עס זענען געווען זייערע שטיי־פּלעצער, האָבן אים נישט אַראָפּ־געלאָזט פון אויג.

שמואל, אַ הויכער, ברייטביינערקער, גרויער ייִד, מיט אַ פּירקאַנטיק פּנים, און אַ שראָם אויף דער לינקער באַק, האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, וואָס האָט איר אויסגעברייעט?... — און זיך צוגערוקט צו אים.

— עך, ווייס איך וואָס — האָט חיים אים אַ זאָג געטאָן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. מבטל געמאַכט זיין פראַגע.

יחזקאל, אַ מיטלוווּקסיקער שוואַרצער ייִד מיט פּיס אויסגעבויגענע ווי ביי אַ רייטער, האָט געטראָגן אַ גראַנאַט היטל מיט אַ לאַקירטן דאַשיק. ער האָט אַ זאָג געטאָן חיימען:

— מאַך דיך נישט פאַר אַ מפּיל־קינד, רעד! זאָלן חברים וויסן.

— זיין בויך מיט די סודות קען נאָך פּלאַצן — האָט שמואל אים געזאָגט און זיך צעלאַכט.

חיים האָט אויסגעגלאָצט די אויגן. ער האָט זיך איבערגעלייגט וואָס ער זאָל טאָן. ער האָט זיי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ זיי זאָלן זיך צו אים צורוקן; ער האָט זיך אָנגעלענט אין וואָגן.

שמואל און יחזקאל האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים.

חיים האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו זיי און האָט זיך פּאַר זיי פאַרטרויט. ער רעדט יוספן אַ שידוך, האָט ער זיי דערציילט און אַ קוק געטאָן אויף זיי פון אונטערן שטערן אַפיר.

— אָט אַזוי רעד! — האָט יחזקאל אים געזאָגט. ער האָט חיימען אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און אים אָפּגעריסן פון וואָגן.

— עפּעס אַ לייטישער שידוך? — האָט שמואל שטיל אים אַ פרעג געטאָן.

חיים האָט זיך אומגעקוקט צי עס הערט ווער נישט אונטער און האָט געזאָגט:

— דער פאָטער, אַ ייד אַ סוחר, אַ גביר.

— אַ מזל! — האָט שמואל אַ זאָג געטאָן.

— נישט געאײַלט! — האָט חיים אָפּגעענטפערט און אויסגעשטעלט אַ האַנט־פלאַך ווי ער זאָל זיי איינהאַלטן. — מען דאַרף דעם ענין גוט באַארבעטן. מען דאַרף וויסן וואָס און ווען — האָט חיים זיי באַלערנט. ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, זיך צוגעגעבן חשיבות. זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אויף ביידע. — עס קען נאָך ווערן אויס — האָט חיים צוגעגעבן און האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז עס קען פּאַסירן. ער האָט געוואָלט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק ביי זיי.

די בעלי־עגלות פון אַרום האָבן געקוקט אויף זיי. זיי האָבן געהערט נאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער און נישט פאַרשטאַנען.

— עס איז אָנגענומען אַז אויב מען שיקט אַ שדכן, האָט יענער צד שוין באַשלאָסן... — האָט יחזקאל געוואָלט פאַרשטאַרקן חיימס אמונה.

— חיים, דו דאַרפסט שטעלן משקה! דו וועסט זיך נישט אַרויסדרייען — האָט שמואל אים געוואָרנט.

— יאָ, יאָ! מיט גאָטס הילף — האָט חיים אים צוגעזאָגט און שטאַרק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז עס איז זיכער. דער בויך און די באַקן האָבן זיך אים אַ טרייסל געטאָן פון פרייד.

— ווען? — האָט שמואל אים געפרעגט. — עס דאַרף זיך גיסן בראָנפן, ווי וואַסער — האָט ער געפאָדערט.

— איך וויל שוין האַלטן דערביי — האָט חיים הויך, אויפן קול אים אַ זאָג געטאָן.

— דו האָסט אויפגעכאַפּט אַ יאַט — אַ שאָפער! — האָט יחזקאל אים געזאָגט.

חיימס פנים איז געגרינצלט געוואָרן. ער האָט שטיל געלאַכט פון פרייד.

— אונדזער שאָפער, דאָ צווישן אונדז, צווישן די וועגענער, אויף דעם אָ דאָ פּלאַץ — ער האָט געוויזן מיט די הענט — האָט זיך אויפגעכאַפּט — האָט יחזקאל דערמאָנט חיימען.

די בעלי־עגלות האָבן כסדר געקוקט אויף זיי און געהאָרכט. זיי האָבן געוואָלט וויסן וועגן וואָס יענע רעדן.

חיים האָט אַ שאָקל געטאָן יחזקאלן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַ צופרידענער געגלעט דאָס פערד.

# יב

די טעג זענען געווען הייסע. די זון האָט געגליט. די לופט איז געווען טרוקן. די שמאָלע געסלעך אינעם קוואַרטאַל זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט אָנגעגליטער חמימה. דער זומער איז געווען אין זיין פולן פאַרנעם. די היץ איז געלעגן אויף די טיפע דעכער ווי אַ משׂא, וואָס שפּאַרט פון הימל.

די קצבים אין געסל האָבן כסדר באַנעצט די ערד, דעם אַדורכגאַנג אין געסל. די פייכטקייט האָט געלינדערט די זויערקייט פון פאַרטריקנטן בלוט. היינט, זונטיק, דער ערשטער טאָג פון דער וואָך, זענען פאַראַן ווייניק קונים אין מאַרק. די פליישן זענען געווען פאַרשפּאַרט אין די קילשענק. די טישן אין די יאַטקעס זענען געווען ליידיק. די קצבים זענען געזעסן צעזעצט, ווער פון זיי אַרומגע־בונדן מיט אַ שאַרץ און ווער מיטן העמד איבער די הויזן. אַלע האָבן געוואַרט אויף די קונים. וווּ־נישט־וווּ האָט אַ קצב געדרימלט ווי ער זאָל קוקן מיט איין אויג. אין אַ סך יאַטקעס זענען געווען נאָר די געזעלן. זייערע בעלי־בתים זענען אַוועק טרינקען אַ קאַווע.

אין סקווער פון דעם יאַטקע־ און קראָמען־געסל איז געשטאַנען אַ קרענצל קצבים און געשמועסט. אַ הויכער בייכיקער קצב האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער זאָל אַרומנעמען מיט איר דעם גאַנצן מאַרק, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— נאָך אַ ביסל וועט אַ קאַץ נישט קענען אַדורך דאָ. אַ קראָם ביי אַ קראָם.

אַ נידעריקער, בייכיקער קצב מיט אַ ברייטער פּלייצע — ער האָט אויסגעזען ווי אַ פולער זאַק — האָט אים אונטערגעהאַלטן:

— יעדע לאָך דאַרף מען באַלייגן מיט גאָלד... — אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן: — איך וויל קריגן אַ שטשאַנקע פאַרן זון — אוממעגלעך.

די קצבים, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים האָב געהאָרכט וואָס ער רעדט.

— דערפאַר האָט דער שטאָטראַט גענומען שלעפּן מער שטייערן יעדן חודש

— האָט אַ זאָג געטאָן אַ מיטלוווקסיקער קצב, וואָס האָט געהאַלטן פאַרלייגט די הענט פון פאָרנט, ווי ער זאָל זיך אונטערהאַלטן דעם בויך.

אַ הויכער, קנאָכיקער קצב, ביי וועמען די הויזן זענען אַראָפּגעהאָנגען פון אונטערן רימען, ווי זיי זאָלן זיך טריקענען אויף אים, האָט אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— נאָר גיב!

אַ נידעריקער, נישט ראַזירטער קצב מיט פאַרשאַרצטע נאָגאַוויצעס, ווי ער

זאָל מורא האָבן אַז זיי וועלן זיך אים פאַרנעצן, האָט אויסגעשטרעקט אַ פינגער ווי ער וואָלט אָנגעוויזן דאָס אָרט, און געזאָגט:

— זיי ווילן פלאַסטערן די וועגן.

— מיט אַ קיבל אַספאַלט דעקסטו איבער אַ געסל — האָט דער ברייט־ביי־ניקער קצב אים אָפּגעענטפערט. די פינגער פון די קצבים זענען געווען פליישיקע. כמעט ביי אַלע זענען די אויגן געזעסן טיף און זיי זענען געווען פאַרלאָפּן.

אינעם ווינקל פון יאַטקע־געסל, נאָכן סקווער, אַ טיר ביי אַ טיר פון זייערע יאַטקעס, זענען געשטאַנען צוויי קצבים, ניסים, אַ הויכער ברייטביי־ניקער פאַר־שוין; זיין קאָפּ איז געווען קיילעכיק און נידעריק אָפּגעשוירן, ווי ער זאָל זיין אויסגעקראָכן. דער צווייטער קצב, משה, איז געווען אַ נידעריקער ברייטפּליי־ציקער פאַרשוין מיט אַ קורץ, קנאָכיק פּנים, מיט אַ פלאַטשיקער נאָז און אַ בולטן שטערן. ביידע האָבן זיך צוגעהערט וואָס דאָס קרענצל קצבים רעדט.

זכריה איז אָנגעקומען מיט דעם קראָם־געסל פון דער צווייטער זייט. ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, ווי ער זאָל זיי נישט זען. די קצבים אינעם קרענצל האָבן זיך איבערגעקוקט.

— ער קוקט אין הימל אַריין, ווי ער וואָלט ציילן די פייגל — האָט משה אַ זאָג געטאָן ניסימען.

— אַ גאָלדענער יונג, האָט אַ פאַרדרייטן קאָפּ מיטן זון — האָט ניסים אים פאַרטיידיקט.

— אַ מענטש דאַרף נישט וועלן אַלץ זאַגראַביען. די וועלט איז פאַר אַלע — האָט משה אים אָפּגעענטפערט.

ניסים האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט געשווינט זכריהן.

זכריה האָט די לעצטע צייטן אויסגעמיטן מענטשן, ווי ער זאָל זיי נישט זען. ער האָט געליטן און געשוויגן. זיין מוח האָט נישט תופס געווען. ער האָט בשום אופן נישט באַגריפן פאַר וואָס וויל אים יצחק נישט פאַר אַ מחותן. פון זינט ער איז זיך מתעסק מיט יצחקן האָט ער זיך דערווייטערט פון מענטשן, ווי ער זאָל זיי גרינגשעצן, אָבער זיין תקיפות און שטאָלץ זענען געווען געבראָכן. דער קאָפּ איז ביי אים איצט געלעגן אויף די אַקסלען. זיינע אויגן האָבן גע־גלאַנצט, אָבער זיי זענען געווען שטאַר. אים געזען אַמבעסטן פון דער נאָענט האָט סירענע. אין דער הויך איבער דער נאָז, צווישן די אויגן, איז ביי איר איצט געווען איינגעשניטן אַ טיפע קורצע פאַלד, אָבער אויף איר אויבערשטער ליפּ איז געלעגן אַ קוים מערקבאַר שמייכעלע. אויך אַרום איר שטאַנד איז איצט געווען שטיל. נישט געווען קיין קונים.

סירענעס שיסלען און שיסעלעך זענען געווען איבערגעדעקט, די אינגעווייד זאָלן נישט אויסטריקענען. איר העקל איז געשטאַנען אויף דער ערד אָנגעלענט אין אַ שעפל, ווי אַן איבעריקע זאַך. זי איז געזעסן מיט איבערגעלייגטע הענט איבער די קניִען און געקוקט פאַר זיך. פון לאַנגוויל האָט זי זיך אומגעקוקט.

אויבן אין געסל איז געשטאַנען מזל מיט נאָך אַ פרוי. זי איז אַראָפּגעקראָכן פון געזעס. זי האָט נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט די פרויען און זי איז מיט אַ פוילן טראָט אַוועק צו זיי. אירע קפקפים (הילצערנע סאַנדאַלן) האָבן געלאָפּעט אירע פּיאַטעס.

— אַהה! אויך סירענע קומט — האָט חנה, אַ נידעריקע, שוין גרויע פרוי מיט אַ לאַנג פּנים און פליישיקער נאָז, זיך דערפרייט מיט איר. אירע האָר זענען געווען אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל. אין מויל פון פאָרנט זענען ביי איר געווען עטלעכע גאָלדענע ציין. אירע שוואַרצע אויגן זענען געווען מאַט, שוין אויס־געלאָשן.

— איך בין שוין צוגעזעסן און נאָך נישט געזען קיין קונה — האָט סירענע זיי געזאָגט.

— וואָס ווילסטו, ביי אַזעלכע היצן! היינט קויפט מען אוגערקעס — האָט חנה איר געענטפערט. זי איז געווען די עלטסטע אין יאָרן און די עלטסטע אין זייער פאַך.

— אָבער עסן דאַרף מען — האָט מזל איר געענטפערט און נאָך מער צעשטעלט אין דער ברייט אירע פיס.

— אפשר וועל איך האָבן גליק — האָט חנה געזאָגט און זי איז שנעל אַוועק צו איר שטאַנד. אַ קונה איז צוגעקומען.

— מזל — האָט סירענע אַ זאָג געטאָן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און צוגע־בויגן צו איר דעם קאָפּ. זי האָט אָבער געשוויגן.

מזל האָט מיט צוויי פינגער־שפּיצן לייכט אַ צי געטאָן סירענעס אויערן־רינגל און אַריינגעקוקט איר אין די אויגן.

— אַ מחיה, ער רעדט נישט, ער שוויגט ווי אַ שטומער — האָט סירענע איר דערציילט.

— דער וואָרעם עסט אים — האָט מזל איר געענטפערט און זיך צעלאַכט. סירענע האָט זיך אומגעקוקט צי זכריה שטייט נישט הינטער איר.

— האָב נישט מורא! נאָר אין קצבים־געסל איז ער דער מלך. — האָט מזל איר אַ זאָג געטאָן.

איצט האָט אויך סירענע געקריגן מוט און זי האָט זיך צערעדט:

— ער מיינט, אַז מיט געלט קען מען אַלץ פאַרדעקן. יענער יצחק האָט מער געלט פון אים.

— אוף! — האָט מזל אַ זאָג געטאָן און אַ טרייסל געטאָן מיט דער האַנט, ווי זי זאָל וועגן יצחקס געלט.

— ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ ייִד, וואָס פרעגט נישט נאָך אים — האָט סירענע געזאָגט און אירע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן.

— נאָר איך דאַרף ליידן, ווייל איך האָב נישט קיין נדן פאַר מיין טאָכטער?

— האָט סירענע אַ פרעג געטאָן מזלען און זי האָט זיך אומגעקוקט צי מען הערט נישט.

מזל האָט זיך אין איר איינגעקוקט. אירע שוואַרצע אויגן זענען געווען מוטלאָז.

— איך מוז גיין — האָט סירענע אַ זאָג געטאָן און זי איז צוריק אַוועק. מזל האָט איר נאָכגעקוקט.

ניסים האָט ליב געהאַט אַ קאָרט. ער האָט זיין גרויסע יאַטקע פאַרשפּילט מיט עטלעכע יאָר צוריק. זכריה, זיין יוגנט־חבר האָט אים געהאָלפן זיך שטעלן צוריק אויף די פיס. ניסים איז איבערגעגאַנגען אין אַ קליינער יאַטקע. ער האָט דעמאָלט געגעבן זיך אַ שבועה ביי אַ ספר־תורה אין שול איבער זיין ווייב און די פינף קינדער, אַז ער וועט מער אין האַנט נישט נעמען אַ קאָרט. ניסים, וואָס קען אויסטרינקען אַ גלאָז אַראַק און פאַרבייסן מיט אַ געבאַקן הערץ, האַלט וואָרט. זייט דאַן פירט ער אַ שטיל משפּחה־לעבן. ער האָט געליטן צוזאַמען מיט זכריהן. ער האָט געוואָלט אים אָפּדינען, אים איצט העלפן, אָבער ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי. ער האָט געטראַכט פאַרשידן. ער אַליין האָט זיך איצט באַמיט נישט קומען זכריהן אין וועג, אָבער אין אַ נאָכמיטאָג, ווען ניסים איז געשטאַנען פאַר דער טיר, איז זכריה שטיין געבליבן אים אַנטקעגן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און געשוויגן.ביידע זענען געווען טרויעריק.

— זכריה, וואָס איז מיט דיר? — האָט ער אים אַ פרעג געטאָן און פאַרהאַקט די ציין. זיינע קינבאַקן זענען געווען בולט.

— צרות! צרות! — האָט זכריה זיך פאַר אים אָנפאַרטרויט און ער האָט מיט ביידע הענט געקראַצט זיך דעם קאָפּ.

— זכריה, דו?! — האָט ער אים אַ פרעג געטאָן און זיינע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן.

— ער האָט מיך געקוילעט אָן אַ מעסער. איך האָב נישט קיין טעם אין דער אַרבעט און נישט אין לעבן — האָט ער זיך פאַר אים געקלאָגט.

— וועלכע מיידל דו ווילסט פאַר אַ שנור, ברענג איך זי דיר! — האָט ער אים פאַרזיכערט און געמוטיקט.

זכריה האָט זיך אין אים איינגעקוקט, אָבער ער האָט געקוקט איבער אים, ווייט.

— יצחקס טאָכטער! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט כעס און איז אַוועק. ניסים איז געבליבן געפּלעפּט, מיט אָן אָפן מויל.

אויך שלום, דער זון, באַמיט זיך נישט צו טרעפן מער מיט די חברים. אים טוט וויי און ער שעמט זיך. ער קומט איצט אויך נישט צו מלכן — ער וויל נישט זיינע שטאָם־געסט און דער מאַטראָז זאָלן אים זען. לעצטנס זיצט ער ביי שווישין. זיין רעסטאָראַן געפינט זיך אין דעם קליינעם שמאָלן הויף־געסל אין דער זייט פון מאַרק. דער קוילן־סוואַנד איז דאָ געדיכטער ווי ביי מלכן, דאָס אָרט איז ענגער. אַלע קענען אים אויך דאָ. אָבער קיינער זעצט זיך צו אים נישט צו. ער טרינקט ביר און שוויגט. זיינע אָדערן אויפן האַלדז זענען אָנגעצויגן. זיין פּנים איז רויט, די אויגן אויסגעגלאָצט. די קינבאַקן בולט. פון מאָל צו מאָל

כאַפּט זיך אונטער אַ חבר, וואָס גיט פון ווייטנס דורך דער אָפענער טיר אַ קוק ווי ער זיצט און פאַרשווינדט.

שלום האָט נישט געליטן ווי אַ פאַרליבטער. ער האָט מיט שושנהן זיך אַפילו קיין איין מאָל נישט צונויפגערעדט. ער האָט איר קול נישט געקענט. אים האָט ווי געטאָן וואָס אינעם קוואַרטאַל איז פאַראַן אַ מיידל, וואָס האָט די העזה זיך אים אַנטקעגנצושטעלן.

אין אַ פאַרמיטאָג, די לופט איז געווען שווער און גרוי, די זון איז געווען ווי פאַרשטעלט, דער הימל האָט אויסגעזען ווי ער זאָל זיין נידעריק. אין קצבים־געסל איז אויך דאָס מאָל נישט געווען קיין קונים. נעמי איז געקומען פון דער צווייטער זייט געסל. זי האָט געשפּרייזט און געטראַכט וואָס זי קען קויפן. זי איז געגאַנגען צו סירענען קויפן. ביי סירענעס שטאַנד איז זי שטיין געבליבן. זי האָט זיך איינגעקוקט און באַטראַכט וואָס פאַר אַ סאָרט סחורה סירענע האָט איצט. זי האָט אָנגעטאַפּט אַ שעפּסן־קישקע צי זי איז נישט פאַרטריקנט.

— שלום! — האָט סירענע איר אַ זאָג געטאָן און זי געפרעגט: — וויפל געבן? זי האָט שוין געהאַלטן דאָס מעסער אין האַנט.

— שלום! — האָט נעמי בנעימותדיק איר געענטפערט און געזאָגט: — אַ שטיקל.

סירענע האָט איר אָנגעוויזן מיטן מעסער איבער דער קישקע און געקוקט אויף נעמין.

— אַ שטיקל קלענער — האָט איר נעמי געזאָגט.

סירענע האָט איבערגערוקט דאָס מעסער. זי האָט אָפּגעשניטן און זי האָט אַ זאָג געטאָן: — אַ לירע.

— רייסט נישט איבער? — האָט זי נעמי געפרעגט.

— ביי דיר? — האָט סירענע מיט פאַרדראָס זי אַ פרעג געטאָן. זיי האָבן זיך געקענט פון מאַרק. סירענע האָט געוווּסט וווּ נעמי וווינט, ביי וואָס זי אַרבעט און ווער איר מאַן איז, כאָטש זיי האָבן זיך קיין מאָל נישט אַדורכגערעדט. סירענע האָט איר פאַרפּאַקט אין פּאַפּיר די קישקע.

נעמי האָט געקוקט אויף זכריהן.

— דו אַרבעטסט ביי זכריהן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן סירענען און מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אויף אים.

— נאָך ביי אים דאַרף איך זיין אַן עבד! כ׳האָב גענוג צרות פון אים אַזוי אויך! — האָט סירענע איר געענטפערט.

— אַ שלעכטער מענטש? — האָט נעמי זי געפרעגט.

— אפשר איז ער נישט קיין שלעכטער, אָבער ער דערגייט די יאָרן — האָט סירענע זיך געקלאָגט.

נעמי האָט אַ קוק געטאָן צי זכריה הערט נישט און האָט אַ זאָג געטאָן סירענען:

— ער וויל זיך משדך זיין. מען וויל אים נישט.

סירענע האָט געשוויגן, ווי זי זאָל פון גאָרנישט וויסן. זי האָט נאָר נעמין אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט, זי זאָל שטיל זיין.

נעמי האָט פאַרשטאַנען. זי האָט איר אַ שטופּ געטאָן אין האַנט אַריין די לירע. זי האָט סירענען אַ זאָג געטאָן: שלום! — און איז אַוועק.

סירענע האָט אַריינגעוואָרפן דאָס מעסער אין שעפל אַריין. זי איז אָראָפּ־געשפּרונגען פון געזעס, האָט דעריאָגט נעמין און האָט איר אַ זאָג געטאָן.

— איך וועל דיך באַגלייטן. — באַלד דערויף האָט זי שטיל זי אַ פרעג געטאָן: — ער איז דאָך רייך ווי קורח! פאַר וואָס וויל ער אים נישט? ווי אָפּגערעדט זענען זיי ביידע שטיין געבליבן.

— נישט נאָר געלט דאַרף זיין, מענטשן מוזן זיך פּאַסן — האָט נעמי איר געענטפערט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צי מען הערט זיי נישט אונטער, און האָט אַ זאָג געטאָן סירענען: — מיין מאַן שדכנט יצחקס טאָכטער חיימס זון... — און מיט גאווה צוגעגעבן: — ער איז אַ שאַפער!

סירענעס פנים איז געוואָרן פאַרפלאַמט. דאָס נייעס האָט איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. זי האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. — שלום! — האָט זי שנעל אַ זאָג געטאָן נעמין און געלאָזט זי שטיין. זי האָט שוין אַלץ געוווסט. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפן. די ברוסטן האָבן זיך איר געטרייסלט און זי האָט גע־סאָפּעט. אַן אויפגערעגטע איז זי שטיין געבליבן ביי אירע שעפלעך. זי האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. זי האָט געטראַכט וואָס זי דאַרף טאָן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זכריהן און איז צו אים צוגעגאַנגען. ביי זכריהן איז געשטאַנען אַ קונה. סירענע האָט געסאָפּעט און געוואַרט.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער אַ פרעג געטאָן סירענען, נישט אַ קוק טוענדיק אויף איר. ער האָט ווייטער באַדינט דעם קונה.

זי האָט אים נישט געענטפערט.

— האָסט אַ נייעס פאַר אַ גראָשן? — האָט ער זי געפרעגט מיט ביטול.

אויך איצט האָט זי אים נישט געענטפערט. ערשט, אַז דער קונה איז אַוועק, איז זי אַדורכגעקראָכן אונטערן טיש און איז אַריין אין דער יאַטקע אָן צו פרעגן אים.

זכריה האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט איין אויג פאַר איר חוצפה.

זי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אים גערופן אין אַ זייט.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר נישט גערן.

— ווייסט! — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן און באַלד ממשיך געווען — יעקב דער טאַבאַק־הענדלער, וואָס וווינט אויבן אין קוואַרטאַל, שדכנט יצחקן, חיים בעל־עגלהס זון... — זי האָט גערעדט פּאַמעלעך, ווי זי זאָל ציילן די ווערטער. זי האָט געוואָלט, אַז יעדעס וואָרט זאָל אים אַ שטאָך טאָן. זי האָט גערעדט און אים באַטראַכט ווי דאָס נייעס ווירקט אויף אים.

דאָס בלוט האָט אים אַ שפּראָץ געטאָן אין פנים. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אויף איר.

זי האָט געקוקט אויף אים און געוואַרט.

ער האָט זי נישט געזען. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ הויך געטאָן: אַה! — ווי ער זאָל זיך האָבן אָפּגעקילט. ער האָט מיט דער האַנט זיך אויסגע־ריבן דאָס פּנים און אַ זאָג געטאָן:

— נאַרישע ייִדענע, לאַנג שוין פֿאַרגעסן דעם גאַנצן ענין... — אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער איר געגעבן אַ באַפֿעל: — גיי אַרבעטן!

סירענעס אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן פֿון נקמה. זי האָט זיך אָנגעבויגן און איז אַפּירגעקראָכן פֿון אונטערן טיש.

זכריה האָט געשפּרייזט איבער זײַן קלײנער יאַטקע ווי אין אַ שטײַג. ער האָט אַפֿילו נישט געענטפֿערט די קונים. שפּרייזנדיק איז ער אײן מאָל שטיין געבליבן און האָט זיך אַ פֿרעג געטאָן אויפֿן קול:

— איך נישט, אַ בעל־עגלה יאָ?

עטלעכע טעג איז זכריה אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט נישט געקוקט קיין מענטש אין די אויגן. סירענעס ידיעה האָט אים געעקבערט דעם מוח. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל טאָן. ער האָט אויך נישט געוואָלט זיך פֿאַרטרויען פֿאַר קיינעם. ער האָט נישט געוווּסט, אַז אויך דער זון ווייסט שוין וועגן דעם שידוך מיט חיימס זון. שלום האָט זיך געשעמט אים צו דערציילן. זכריה איז נישט געשלאָפֿן די נעכט. שעהן איז ער געזעסן אין בעט אַ פֿאַר־קלערטער, געזוכט אין דער פֿינצטער דעם אויסוועג.

אין אַ פֿרימאָרגן, איידער ער איז אַוועק עפֿענען די יאַטקע, איז ער צוגע־גאַנגען צו יעקבן. דעם וועג — די געסלעך, האָט ער אייליק דורכגעשפּאַנט; די טרעפּ ביי די איינגענג און די שטיינער אויפֿן וועג האָבן אים געפֿירט. ער האָט געקענט יעדעס ווינקל אינעם קוואַרטאַל. ער האָט נישט נאָר געקענט יעדעס הייזל, ער האָט אויך געוווּסט, ווער אין וועלכן הייזל וווינט. דער קאָפּ איז אים געווען שווער, ווי ער זאָל זײַן אָנגעגאָסן. ער איז נישט מסוגל געווען צונויפֿנעמען די געדאַנקען, טראַכטן. ער האָט אַפֿילו נישט געטראַכט איצט, אַז ער גייט צו יעקבן און אַז ער וועט באַלד דאַרפֿן מיט אים זיך איבערוווערטלען.

ביי דער טיר פֿון יעקבס קראָם איז ער שטיין געבליבן. ער האָט זיך צוגע־בויגן און אַרײַנגעקוקט. — שלום! — האָט ער אַרײַנגעשריגן און זיך אַרײַנגע־שלייכט אין דער קראָם.

יעקב האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון ספֿר. ער איז זיצן געבליבן אַ דער־שטוינטער. אין מאָמענט האָט ער דערזען פֿאַר זיך דעם גאַנצן פּלאַנטער: ער, יצחק, חיים און זכריה.

זכריה איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פֿאַרביסענע ציין. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן און זיך אײַנגעקוקט אין דער פּאָליצע־וואַנט. ער איז געשטאַנען, זיך נישט גערירט פֿון אָרט, ווי ער זאָל זיך נישט קענען באַוועגן. די צונג זײַנע איז געווען שטײף, ער האָט נישט געקענט רעדן. ער האָט אויך נישט געוווּסט וואָס ער זאָל רעדן.

— נו, וואָס דאַרף אַ ייד? — האָט יעקב אים אַ פרעג געטאָן. ער האָט געוואָלט העלפן זכריהן. איצט האָט יעקב פּאַמעלעך זיך אַ ציִ געטאָן אַ האָר פון זיין בערדל.

זכריה האָט אַלץ געשוויגן אָבער מיט אַ מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: — איך וועל רעדן דוגרי! (גלייך) איך וויל דעם שידוך! פאַרגיי מיר נישט דעם וועג!... — און ער האָט באַלד צוגעגעבן: — וועסט ביי מיר מער פאַרדינען...

— ער האָט געקוקט אויף יעקבן און געוואַרט אויף תשובה.

יעקב האָט מיט די שפּיצן פון צוויי פינגער אָפּגעצויגן זיך די אויבערשטע ליפּ. ער האָט נישט געהאַט קיין וואָנסע. זיין שטערן האָט זיך צעקנייטשט.

— אויך איך וועל דיר ענטפערן דוגרי, (גלייך) דו זאָלסט אַלץ באַלד פאַרשטיין

— האָט ער געזאָגט זכריהן: — ביי יצחקן אין שטוב פאַרטראָגט מען נישט דעם ריח פון פליישׁ... — איצט האָט יעקב אַרויפגעלייגט די עלנבויגנס איבערן קאַסע־טיש, ווי ער זאָל זיך ווען אָנהאַלטן.

שוואַרצע רעדער האָבן זיך אַ קאָלער געגעבן זכריהן פאַר די אויגן. ער האָט קוים געאָטעמט. ער האָט געוואָלט אַרויסלויפן, ער האָט אָבער נישט געקענט רירן מיט קיין אבר.

יעקב האָט באַשלאָסן וואָס שנעלער צו ענדיקן מיט זכריהן.

— חיימס זון איז אַ מעכאַניקער — האָט ער אים אַ זאָג געטאָן. ער האָט די עטלעכע ווערטער געזאָגט פּאַמעלעך, יעדעס וואָרט אַקצענטירט. ער האָט געוואָלט די ווערטער זאָלן אים אַריין אין מוח. נאָך יעדן וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט איז זכריה ווי קלענער געוואָרן, ווי די ערד זאָל אונטער אים זינקען.

זכריה האָט געמליאַסקעט מיט די ליפּן. עס איז אים געווען זויער אין מויל. ער האָט איבערגעלייגט זיינע עלנבויגנס איבערן קאַסעטיש. פּאַמעלעך האָט ער איבערגעלייגט איבער זיי זיין אויבערשטע טייל קערפּער און האָט געזאָגט יעקבן ווי ער זאָל אים פאַרטרויען אַ סוד:

— אַזאַ גוטן בחור גיט איר אַוועק אַזאַ אויסוואָרף? זי שלעפּט זיך דאָך אַרום מיט אַלע אַשכנזער. די גאַנצע שטאָט דאַרט קען דאָך זי... — ער האָט די ווערטער אָפּגעזאָגט ווי ער זאָל דאַווענען און איז אַרויס אָן אַ „שלום”.

יעקב איז זיצן געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ, שטאַר פאַרקוקט אין דער וואַנט.

זכריה איז פון יעקבן ווי אַרויסגעלאָפן. ער איז געגאַנגען שנעל און געסאָפּעט פון אויפרעגונג. זיין בויך האָט כסדר זיך אויפגעהויבן און זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַן אָנגעצויגענער בלאָזזאַק. ער איז געגאַנגען און זיך נישט אומגעקוקט. די ווענט אין די געסלעך האָבן אים איצט געפירט. פּלוצעם האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן. — אייזל! — האָט ער אויפן קול זיך אַ זאָג געטאָן און האָט פאַרשנעלערט דעם טראָט. זיין בליק איז געווען איצט שטאַר. ער האָט געקוקט אַראָפּ. דער שטערן זיינער איז געווען צעקנייטשט.

אין מיטן וועג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט זיך אומגעקוקט ווו

ער געפינט זיך. ער האָט איבערגעשפּאַנט דאָס שמאָלע קורצע געסל און האָט זיך אַ פאַרנעם געטאָן אויף לינקס. ער האָט אַדורכגעשפּאַנט אַ העלפט פון דעם ברייטן, לאַנגן געסל און פאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט דער בעל־עגלה־פּלאַץ. ער איז אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט פּלאַץ. אויך דער בעל־עגלה־פּלאַץ און דער דורכגאַנג דאָרט איז אים גוט באַקאַנט געווען. ער איז אָפט געקומען דאָ אַהער רופן אַ בעל־עגלה אויף אַ נאַגלע (אַ פורלאַדונג). ער איז געגאַנגען און געקוקט. ער האָט געזוכט חיימען. ער האָט נישט געזען, אַז די בעלי־עגלות קוקן אויף אים, וואַרטן ער זאָל זיי רופן. מיט אַ מאָל איז ער שטיין געבליבן און אַ וויז געטאָן מיט אַן אויסגעשטרעקטער אין דער הויך האַנט, מען זאָל אים זען.

חיים איז אָנגעפאָרן מיט זיין פערד־געשפּאַן. ער האָט זכריהן נישט באַמערקט. ער האָט געעפנט אַ פּאַסטראַנעק, געמאַכט לייכטער דעם פערד, דער וואָגן זאָל אים נישט ציִען.

— שלום! — האָט זכריה אַ זאָג געטאָן חיימען און אַרויפגערוקט זיך ס׳היטל — חיים זאָל אים בעסער זען.

— שלום, זכריה! — האָט חיים אים געענטפערט און זיך אין אים איינגעקוקט. זיי האָבן זיך געקענט.

זכריה האָט מיט דער האַנט זיך אָנגעכאַפּט אין וואָגן, ווי ער זאָל שטיין אויף איין פוס און האָט גענומען רעדן שנעל, ווי ער זאָל פאַרזעצן ס׳געשפּרעך.

— היט זיך פון אַן אומגליק! — איך בין דיך מתרה! יצחקס טאָכטער שלעפּט זיך אַרום מיט יונגען! דאָס זאָג איך דיר אויף פיר אויגן! ווי אַן אייגענער!... — זכריה האָט מיט אַ גאַפּן פינגער זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און האָט זיך אַרומגעקוקט צי מענטשן האָבן געהערט.

חיים האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיין איבערראַשט פון דער אַנטפּלעקונג און האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פאַרווונדערטע אויגן אויף זכריהן. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַראָפּגעצויגן דעם קאַשקעט איבער די אויגן, זכריה זאָל נישט מערקן אַז ער שמייכלט. ער האָט פאַרשטאַנען זכריהס מיין.

— חיים, געדענק, איך האָב דיך געוואָרנט! אַ גוטן! איך מוז לויפן עפּענען די יאַטקע — האָט אַ זאָג געטאָן און איז אײליק אַוועק.

חיים האָט מיט אַ פאַרבויגענעם פינגער זיך אַנגעריבן די שפּיץ נאָז. דאָס האָט ער געלאַכט פון זכריהן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַנגעבויגן און האָט אַרויסגענומען פון וואָגן די טאָרבע עסן פאַרן פערד.

זכריה איז נישט געגאַנגען מיטן קראָמען־געסל. ער איז אָנגעקומען דורך דעם אויבערשטן מאַרק־געסל. פון דאָרט איז ער אַריין אין דעם שמאָלן הויף־געסל און האָט פון וויטנס אַ רוף געטאָן: — שלום!

שלום, דער זון, איז געזעסן אין זיין איצטיקן רעסטאָראַן. ער האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן זיין שווערן קאָפּ פון ביר. ער האָט דערקענט דעם פאָטערס קול. ער איז אַרויס צו אים אַן צו באַצאָלן פאַרן ביר.

דער זון מיטן טאַטן האָבן געלאָזט זיך גיין אָן צו זאָגן זיך אַ וואָרט, און

אַפילו זיך נישט אָנגעקוקט. די עטלעכע קרעמער אין געסל, וואָס זענען געווען פריי, האָבן נייגעריק נאָכגעקוקט דעם טאַטן מיטן זון.

זכריה איז ווי צוגעלאָפן צו דער יאַטקע. דער זון איז אים נאָכגעקומען. אַז זכריה האָט גענומען אַרויפּרוקן די זשאַלוזיעס, האָבן די קצבים זיך דערפרייט דערזעענדיק אים. זיי זענען געווען צופרידן, אַז ער איז דאָ, אַז עס האָט אים גאָרנישט פּאַסירט.

סירענע, איינהערנדיק אַז ער רוקט אַרויף די זשאַלוזיעס, האָט זיך איבער־געבויגן, געטאָן ווייטער איר אַרבעט. זי האָט מורא געהאַט זיך אומקוקן.

זכריה האָט אַרויפגערוקט די זשאַלוזיעס ביז אין דער העלפט נאָר. ער מיטן זון זענען אַדורכגעקראָכן דורך די טישן. אין יאַטקע איז געווען האַלב פינצטער. זכריה האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין ווינקל. ער האָט געקוקט אַראָפּ און אַ זאָג געטאָן:

— זון מיינער, עס פּאַסט נישט פאַר אונדזער משפחה... — אָבער ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ, ער האָט נאָר אַ קאָלער געטאָן מיט דער צונג אין מויל, ער האָט זיך איינגעקוקט אין שלומען און אים אַ פרעג געטאָן מיט מוט:

— וואָס האָסטו זיך עפּעס פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט עפּעס אַ מויד פון אַ קרעמער ?... — אָבער גלייכצייטיק האָט ער באַטראַכט דעם זון ווי די ווערטער ווירקן אויף אים.

שלומס פּנים איז געווען רויט, צעיאָכמעט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און עס האָט זיך געשפּירט פון אים דער ריח פון ביר.

— איך וועל זי נישט לאָזן איבער מיין שוועל. זי האָט געמאַכט צו שפּאָט אונדזער משפּחה. אַלע לאַכן פון אונדז — האָט דער פאָטער געטענהט מיט פאַראיבל.

שלום האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, ווי די ווערטער זאָלן אים האָבן גע־טראָפן, אָבער ער האָט ווייטער געשוויגן. ער האָט נישט געוואָגט און נישט געוווסט וואָס ער זאָל ענטפערן דעם פאָטער.

דער פאָטער האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם זונס שטאָלץ איז איינגעבראָכן. ער האָט געוווסט, אַז ער מוז דעם ענין וואָס שנעלער פאַרענדיקן און האָט אים געזאָגט:

— אויב דו לאָזסט זי נישט אַוועק, ביסטו מער מיין זון נישט... — ביים סוף פון די ווערטער האָט ער שוין געשריגן און מיט אַ געמאַכטן כּעס אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש. אין געשפּרעך האָט ער זיך פאַרגעסן, אַז די קצבים און סירענע הערן. יעדעס וואָרט זיינס איז געווען אַדורכגענומען מיט שׂנאה.

זכריה האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך אָפּשוידערן. ער איז צוגעגאַנגען און אַרויפגערוקט די זשאַלוזיעס ביז אַרויף. ער האָט אַרויסגענומען פון קילע־באַנק און פונאַנדערגעהאַנגען עטלעכע שטיקער פלייש. ער האָט אָנגע־שליפן אויף דעם שטאָל אַ מעסער און גענומען זיך פאַרען ביי אַ שטיק פלייש,

ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען. זיין פּנים איז געווען רויט און באַדעקט מיט אַ דינעם שווייס.

שלומס קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן און איז ליגן געבליבן אויף זיין ברוסטקאַסטן, ווי ער זאָל וויינען. ער איז שטיין געבליבן, זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי אַ געליימטער.

— שלום! — האָט דער פאָטער אים אַ רוף געטאָן און אים אַ ציִ געטאָן ביי דער האַנט, ווי ער זאָל אים אַוועקשלעפּן אין אַ זייט. ער האָט אַ קוק געטאָן צי קיינער הערט נישט; ער האָט זיך צו אים צוגעבויגן און האָט אים איינגערוימט:

— אָבער נקמה דאַרף מען נעמען, איך אין פאָטער, דו — אין דער מויד. — זכריה האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און ווייטער אויסגעשיילט דאָס שטיקל פלייש פונעם פעטס.

שלום איז נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זכריה אַ זאָג געטאָן צום זון איבער דער פּלייצע אַריבער:

— אָבער מיט חכמה, די פּאָליציי זאָל מיט מיר נישט האָבן צו טאָן.

שלום האָט אַלץ געשוויגן.

דער פאָטער האָט מיטן מעסער און דערנאָך מיט די פינגער אַראָפּגעצויגן דאָס פאַרטריקנטע הייטל אויפן שטיקל פלייש. ער האָט זיך געפאָרעט און נישט געוווסט ווי שלום באַציט זיך צו זיינע רייד. דער פאָטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס מעסער. ער האָט זיך אויסגעדרייט צום זון און געזאָגט:

— וואָס שטייסטו? גיי, זוך אויף די חברה און פאַרברענג. — אָן צו וואַרטן האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער הויזנטאַש און אַרויסגעצויגן עטלעכע פּאַפּירענע באַנקנאָטן. דאָס געלט האָט ער אַריינגעשטופּט שלומען אין זיין הויזנ־טאַש און האָט אים אַ שטופּ געטאָן, ער זאָל גיין.

שלום האָט זיך אָנגעבויגן און איז אַפּירגעקראָכן פון טיש. ער איז אַרויס פון דער יאַטקע.

טעג ווי זכריה איז שוין רויִק, אָבער זיין פּנים איז אָפּגעצערט און אָפּגעצויגן. ער שווייגט, אָבער זיינע אויגן גליִען. ער שטייט ווידער אין דער יאַטקע, האַקט פלייש פאַר די קונים און האַנדלט מיט די קצבים. אויך צו סירענען באַציט ער זיך געלאַסן. אַמאָל האָט ער איר אויך געהאָלפן אונטערטאָטשען אַ שעפל מיט איינ־געווייד.

סירענע האָט געשוויגן. זי האָט מורא געהאַט צו רעדן אַ וואָרט. זי האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען מיט איר בעל־הבית.

אויך צו די קצבים, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט, האָט ער זיך באַצויגן בעסער ווי פריִער. ביי יעדער רעכענונג האָט ער פון די קצבים געפאָדערט נאָר אַ קיילעכיקע סומע. ער האָט זיי מוותר געווען די איינצלנע פונטן. ביי יעדער

אַפּרעכענונג האָבן די קצבים זיך אַליין נישט געגלויבט. פון אָנפאַנג האָט אַ קצב אים אַ פרעג געטאָן:

— און דעם פונט מיט די פּיאַסטערס ווילסטו נישט?

זכריה האָט דאָס געטאָן מיט אויסרעכענונג, ער זאָל יעדן קצב קענען ענטפערן:

— וואָס בין איך, יצחק דער קרעמער, וואָס נעמט פּראָצענט פון פּראָצענט?...

— נישט וואָרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער יעדעס מאָל פאַרגעזעצט: — ער איז דאָך מעביר נחלת אלמנות און יתומים — און האָט פאַרענדיקט: — פון וואַנען דען האָט ער אַזוי פיל פּלעצער?

געווען קצבים, וואָס האָבן געגלייבט. געווען קצבים, וואָס האָבן פאַרשטאַנען. אויך שלום האָט זיך ווידער געפירט ווי פריִער. ער שלעפּט געלט פון פאָטער און פאַרברענגט מיט די חברים ביי מלכן. אָבער איין זאַך פאַרגעסט ער נישט. ביי יעדער געלעגנהייט פאַרשוואַרצט ער דאָס פּנים פון יצחקס טאָכטער.

אין איינעם פון די אָוונטן איז שלום געזעסן מיט די חברים ביי מלכן. דער קוילן־סוואָנד איז געווען אַ דינער, אַפילו אָנגענעם. די אָוונט־קילקייט פון דער גאַס האָט געלופטערט דעם סוואָנד. דאָס ליכט אין רעסטאָראַן איז געווען אַ העלס. דער גרינער קאַלך אויף די ווענט איז איצט געווען מאַט. אין רעסטאָראַן זענען געווען אַ סך ליידיקע בענקלעך. נאָר יונגעלייט זענען איצט געזעסן ביי מלכן. די באַווייבטע זענען געווען שוין אין שטוב, ביי זייערע משפּחות.

ביי אַ טיש אין מיטן רעסטאָראַן זענען געזעסן שלום מיט זיינע חברים. אַלע דריי האָבן געטראָגן אַראַנזש־רויטע העמדער און גרין־שוואַרצע געקעסטלטע שמאַלע הויזן. זייערע פּנימער זענען געווען רויט, צעיאַכמעט. זייערע שוואַרצע טשופּרינעס זענען זיי אַראָפּגעהאָנגען איבער די אויגן, ווי זיי זאָלן זיין צוגע־קלעפּט צו זייערע שטערנס. זיי האָבן געגעסן געבאַקענע נירן און געטרונקען ביר. די דריי גלעזעלעך קאָניאַק אויף זייער טיש זענען געשטאַנען נישט באַרירט. שלום האָט כמעט נישט געגעסן. ער האָט נאָר געטרונקען. ער איז געזעסן מיטן גאָפּל אין האַנט און געקוקט אין טעלער אַריין. אָבער ער האָט כסדר געוואָרפן אַ בליק אין דער זייט. דאָרט איז געזעסן יוסף. ער האָט אים נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג.

יוסף האָט געטראָגן אַ ווייס העמד און גרויע הויזן. ער האָט געגעסן קאַבאַב מיט טשיפּס*) און פאַרטרונקען מיט אָראַנזשאַדע.

פּרץ און רפאל האָבן געגעסן פאַמעלעך. דאָס ביר האָבן זיי געטרונקען מיט קליינע שלוקן. יעדע ווײַלע האָבן זיי אַ נעם געטאָן די גלאָז אין האַנט און אָפּגע־טרונקען. זיי האָבן צוריק אַוועקגעשטעלט די גלעזער און יעדעס מאָל אַ קוק געטאָן צו יוספן. זיי האָבן געגעסן און זיך שטיל אַדורכגערעדט, פאַרטרויט

---

*) שמאַלע קאַטלעטן געבאַקענע אויף פייער און געבראָטענע אין אייל, געשניצטע קאַרטאָפל.

סודות. די געסט, וואָס זענען געזעסן נישט ווייט פון זיי, האָבן געהערט נאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער „עס איז כדאי", „זי איז גוט", „מען מוז", „איך און דו"... זייערע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגן אָבער די אויגן זייערע האָבן געגלאַנצט. שלום האָט געהערט זיי און געשוויגן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט פּרץ אויסגעקרימט זיין מויל, ווי די סלינע זאָל אים רינען און האָט אַ פרעג געטאָן:

— און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט אונדז אונטערקומען? — ער האָט, ווייזט אויס, נישט מסכּים געווען מיט רפאלן. זיין ברייטע גאָמבע איז איצט נאָך ברייטער געוואָרן.

ביידע, פּרץ און רפאל, האָבן אַ קוק געטאָן אויף שלומען. זיי האָבן געוואַרט ער זאָל רעדן.

אין דער זייט איז געזעסן דער מאַטראָז מיט איבערגעלייגטע הענט איבערן טיש. ער האָט אויף זיי געקוקט, ווי ער זאָל באַטראַכטן זיין אויסטאַטואירטע וואַסער־פרוי, וואָס שטייט אויפן גלאָבוס. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט אָבער גוט זיך צוגעהערט צו רפאלן און פּרצן.

שלום האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט. ער האָט געוואָלט זיך אַ טשעפּע טאָן מיט יוספן. יוסף האָט אים אָבער נישט געגעבן די געלעגנהייט. שלום האָט זיך צוגערוקט אַ גלעזל קאָניאַק. ער האָט אַ פאַרוואַרף געטאָן דעם קאָפּ און האָט זיך אַריינגעגאָסן אין מויל דעם קאָניאַק. ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס גלעזל און האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ — האָ! — האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן, און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעשריגן אַלע זאָלן הערן: — שאַפער! זוך זיך אויס אַן אַנדערע! זי דאַרף אַ שטאַרקערן פון דיר!

די געסט האָבן אים אָנגעקוקט. זיי האָבן נישט געוווּסט וועמען ער מיינט.

יוסף איז רויט געוואָרן פון בושה. דער ביסן איז אים שטעקן געבליבן אין האַלדז. זיינע אויגן האָבן געקוקט אויסגעשראָקן ווי אַ פיש, וואָס גייט אָפּשטיין.

דער מאַטראָז איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ פוס און אַ וואָרף געטאָן מיט די הענט. ער האָט געוואָלט צולויפן צו שלומען. ער האָט אָבער זיך אַ פאַרנעם געטאָן אין אַ זייט און איז צוגעגאַנגען צו יוספן און האָט אים געזאָגט:

— גלייב אים נישט! די קנאה רעדט פון אים! — זיין פירקאַנטיקער קאָפּ און זיין לאַנגע נאָז האָבן זיך געטרייסלט ווי אין אַ קאָנוווּלסיע.

יוסף האָט אָנגעקוקט דעם מאַטראָז ווי ער זאָל ביי אים בעטן. פון אויפרעגונג האָט ער נישט געקענט רעדן. די שטים־בענדער זיינע זענען געווען אים געליימט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געלאָזט דאָס עסן. ער האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש געלט פאַרן עסן און איז אַרויס פון רעסטאָראַן, ווי מען זאָל אים נאָכיאָגן.

מלך איז געשטאַנען אין דער זייט און געקוקט וואָס יוסף טוט.

דער מאַטראָז האָט זיך אַ קער געטאָן. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויפן אָרט און איז צוגעשפּרונגען צו שלומען.

— מנוול! דאָס וועט דיר נישט אָנגיין! — האָט ער אַ זאָג געטאָן שלומען אין פּנים אַריין.

די צוויי חברים זיינע זענען אויפגעשפּרונגען גרייט אים צו ממיתן — די רציחה האָט געקוקט זיי פון די אויגן.

דער מאַטראָז האָט אַ צעפּיר געטאָן זיינע לאַנגע אָרעמס. ער האָט מיט אימפּעט צונויפגעשלאָגן רפאלן מיט פּרצן. ער האָט זיי פאַנאַנדערגעשיידט און יעדן פון זיי אַוועקגעשטופּט אין אַן אַנדערער זייט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן שלומען ביים גאַרגל, שלום איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל, אָן אָטעם. דער מאַטראָז האָט מיט כּוח אים צוגעפירט צו דער טיר און אים אַרויסגעוואָרפן.

צעטומלטע זענען רפאל און פּרץ אַ לויף געטאָן צו דער טיר, ווי זיי זאָלן וועלן זיך וואַרפן אויפן מאַטראָז, אָבער זעענדיק, אַז שלום איז שוין אין דרויסן, זענען זיי אים נאָכגעשפּרונגען.

דער מאַטראָז האָט אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. די מענטשן האָבן אַפילו זיך נישט באַוויזן אָנצושטויסן וואָס עס קומט פאָר.

מלך איז מיט קליינע טריט צוגעגאַנגען און האָט אַראָפּגענומען דאָס געלט פון טיש, וואָס יוסף האָט פאַר אים אַוועקגעלייגט.

נאָך דער געשעעניש ביי מלכן האָט מען די חברה נישט געזען אין גאַס. זיי האָבן זיך געטראָפן, אָבער זיי האָבן זיך די מי געגעבן מענטשן זאָלן זיי נישט זען.

טעג שפּעטער, ווען שלום איז אַרויס אין גאַס, האָבן מענטשן אים נאָכגעקוקט. ער האָט געביטן זיין אָנטאָן און אויסזען. ער האָט פאַרשטעלט זיין מפּלה. ער האָט געשפּילט דעם העלד אינעם קוואַרטאַל. זיינע באַקנבערד זענען געווען לענגער און דיקער. זיינע האָר זענען געווען אויסגעפּעטעסט, ווי צוזאַמענגעקלעפּט. ער האָט געטראָגן קאָלירטע, רעשיקע העמדער, שמאָלע אויסגעפּאַסטע הויזן ווי אָט־אָט פּלאַצן זיי אויף אים. ער איז געגאַנגען אויף הויכע שפּיציקע קלעצלעך. ער האָט גערויכערט לאַנגע אויסלענדישע סיגאַרעטן און אַ מאָל אויך אַ ציגאַר. ער איז פאַרגאַנגען די מענטשן דעם וועג, זיי זאָלן זיך אין אים אָנשטויסן, אים זען. ער האָט געזוכט עפעקט. ער האָט געוואָלט איבעררעשן די מענטשן.

# יג

דער הימל איז געווען בלוי אַן אַ וואָלקנדל. די לופט איז געווען דורכזיכטיק. אַ מילד ווינטל האָט געקילט די היץ. די מענטשן האָבן היינט, נאָך די הייסע טעג, געאָטעמט לייכטער.

שושנה איז געגאַנגען פון דער אַרבעט אַהיים. זי איז געווען מיד. דאָס געסל זייערס איז איצט אין אירע אויגן געווען ברייטער. שושנה איז שטיין געבליבן ווי

זי זאָל וועלן זיך אָפּרוען, אָבער זי האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט. איר בליק האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף דעם בלוי־געשפּריצטן טינק פֿון זייער הויז. אָבער די סביבה איז געווען איר איצט פֿרעמד. זי האָט זיך געפֿילט עלנט.

— שושנה, — האָט ליזאַ, איר חברטע, זי אַ רוף געטאָן. ליזאַ האָט אַריבער־געקוקט איבער אַ געמויערטער מחיצה. זי האָט געוווסט, אַז שושנה דאַרף איצט קומען פֿון דער אַרבעט און האָט זי אָפּגעוואַרט.

— ליזאַ! — האָט שושנה זי אַ רוף געטאָן. זיך דערפֿרייט מיט איר. איר מיד אָנגעשטרענגט פּנים איז מילדער געוואָרן.

— קום! — האָט ליזאַ זי אַ רוף געטאָן און איר אַ וווּנק געטאָן מיטן קאָפּ זי זאָל גיין.

שושנה האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. זי איז אַוועק צו איר. זי איז געווען צופֿרידן, אַז זי וועט זיך קענען מיט איר אַדורכשמועסן.

ליזאַ איז איר אַנטקעגנגעלאָפֿן. זי האָט געטראָגן שטוב־לאַטשן און אַ רויט צעלאָזט ציצן־קלייד מיט שוואַרצע רעדער.

— קום צו דליהן וועלן מיר פּלאַפּלען אין דרייען, — האָט זי איר פֿאַר־געשלאָגן און זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם.

זי האָט זי אַריבערגעפֿירט איבערן שטעג, דער דורכגאַנג פֿון זייערס, ליזאַס הויז, צו דליהן. די הייזלעך דאָרט זענען נישט געווען געצוימט מיט פּלויטן. אַ קוסט, אַ פּלאָקן אין דער ערד אָדער אַן איבערגעצויגענער דראָט האָבן אָנגעוויזן דעם הויף. די שכנים דאָרט האָבן געוווינט איינער נעבן דעם אַנדערן. ליזאַס עלטערן האָבן געוווינט בשכנות פֿון דליהס עלטערן. די צוויי הייזלעך זענען געשטאַנען פֿאַר שושנהס הויז פֿון דער לינקער זייט.

דליהס הויז איז געווען פּירקאַנטיק ווי אַ קאַסטן, איבער וועלכן עס איז געלעגן אַ שיפֿער רויטער דאַך.

— שושנה! ליזאַ! — האָט דליה אַ גליקלעכע זיי אַ רוף געטאָן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און געכאַפּט אַ בליק. זי האָט דערקענט זייערע טריט. — קומט! קומט! — האָט זי זיי גערופֿן און זיי אַנט־קעגן געלאָפֿן. זי האָט געטראָגן בלויע הויזן און אַ צעלאָזענע גרינע בלוזקע.

— שלום! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און האָט שושנהן אַ שלעפּ געטאָן אין שטוב אַריין.

שושנהס פּנים האָט ווידער אַ ציטער געטאָן. דאָס איז געווען איר שמייכל נאָך אַ לענגערער צייט. דאָס צימער, וווּ זיי זענען אַריין, איז געווען פֿון אַ נאָרמאַלער גרייס און איז געווען איינגעריכטעט, ווי ביי אַ סך מענטשן אין דער סביבה. די דאָפּלטע סאָפֿע איז געווען רויט באַצויגן. איבערן צימער זענען געווען צעשטעלט אַ נידעריק קיילעכיק טישל מיט טאַבאַרעטן. אַ קליינע עטאַזשערקע מיט עטלעכע ביכער אין איר און אַ נידעריקער מיט אַ לאַנגן אַבאַזשור שטיי־לאָמפּ. אין דער זייט, ביים פֿענצטער, איז געשטאַנען די ניי־מאַשין און אַ טיש אַ פֿאַרלייגטער מיט שטיקלעך צוגעשניטענער סחורה. דליה

איז געווען אַ וועש־נייערין. זי איז איצט געווען אַליין אין שטוב. איר פּאָטער איז געווען אַ קאָנפעקציע־שניידער, ער האָט געניייט אין שטאָט ביי אַ גרויסער פירמע. ליזאַס עלטערן, דער טאַטע מיט דער מאַמען, האָבן אויף דער בן־יהודה גאַס געהאַט אַ קיכל אין אַ הויף. זיי האָבן דאָרט פאַנאַדערגעטראָגן טיי אין די קראָמען. ליזאַ האָט געפירט דאָס הויז.

— ביטע! — האָט דליה אַ זאָג געטאָן און אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט. זיי זאָלן זיך זעצן. אַלע דריי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער סאָפע.

— וואָס זאָל איך דיר ברענגען צו טרינקען? — האָט דליה געפרעגט שושנהן.

— גאָרנישט, — האָט זי געענטפערט דליהן און איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „ניין".

ביידע, ליזאַ און דליה האָבן באַטראַכט שושנהן.

שושנה האָט געשוויגן. זי האָט געקוקט אין אַ זייט. זי האָט אויסגעמיטן זייערע בליקן. אויף די שפּיצן פון אירע האָרוויִעס זענען נאָך געזעסן שוויס־שפּליטערס. כאָטש דאָס פענצטער און די טיר זענען געווען אָפן, האָט זיך אין שטוב געפילט דער ריח פון געפּרעסטן קראָכמאַל. אין צימער איז געווען שטיל. ביידע האָבן געוואַרט שושנה זאָל רעדן.

זי האָט כּסדר געפילט אויף זיך זייערע בליקן. זי האָט געאָטעמט שנעל. מיט אַ מאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן, נישט אומקוקנדיק זיך, ווי זי זאָל ממשיך זיין אַ געשפּרעך. דאָס איז געווען דער המשך פון איר אַריינטראַכטן זיך:

— „נישט געדאַרפט אַרויס פון קוואַרטאַל"... — און שוין שטילער צוגעגעבן

— „נישט געדאַרפט גיין אין שטאָט לערנען"... — אַז זי האָט געענדיקט, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— וואָלסטו געריבן די טעפּ ווי איך, — האָט איר ליזאַ געזאָגט און אויך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט זיך באַדויערט.

שושנה האָט געעפנט דאָס מויל. זי האָט אונטערגעלייגט אונטער די אויבערשטע ציין איר צונג און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געזאָגט:

— וואָס פעלט דליהן? זי האָט אַ פּאַך, זי קען אַלע, אַלע קענען זי. זי וועט זיך אָפּזוכן אַ בחור, חתונה האָבן, ווערן אַ מאַמע, ווי אַלע מיידלעך דאָ... — די לעצטע ווערטער האָט זי שוין געזאָגט אָן אָטעם. ביים סוף האָט זי טיף אָפּגעאָטעמט.

דליה מיט ליזאַן האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן.

— דו וועסט נאָך לאַכן פון אונדז אַלע, — האָט דליה איר אַ זאָג געטאָן געוואַגט.

ליזאַ האָט פאַרלייגט איין האַנט אויף דער אַנדערער, ווי זי זאָל זיך שטאַרקן און האָט געזאָגט שושנהן:

— דו וועסט נאָך זיין די דאַמע אין קוואַרטאַל. — ליזאַ האָט זי געמוטיקט.

שושנה האָט אָנגעקוקט ביידע. אירע אויגן זענען געווען שטאַר ווי זי זאָל קוקן ווייט. ביידע, דליהן און ליזען האָט אַ קלעם געטאָןביים האַרץ. ליזאַ האָט אָפּגעזיפצט. דליה האָט אָפּגעאָטעמט. זי האָט זיך געמאַכט לייכטער און האָט איר געזאָגט:

— האַרך נישט וואָס שלעכטע, בייזע מענטשן רעדן.

— פון קנאה — האָט ליזאַ צוגעגעבן. ביידע האָבן געוווּסט וואָס מען רעדט אויף איר אויס.

— קנאה? — האָט שושנה אַ פרעג געטאָן. — אַלע ווילן דעם טאַטנס געלט — האָט זי אַ זאָג געטאָן. די שטילקייט אין שטוב איז געוואָרן אַ גע־פּרעסטע. שושנה האָט געקניקט איין נאָגל־פינגער אין אַנדערן, ווי אַ מויז זאָל גריזשען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געזאָגט: — מיך אַרט נישט, זאָל מען רעדן, איך קען נאָר נישט פאַרטראָגן דעם טאַטנס פּיין... — זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי זאָל זאָגן „ניין".

די חברטעס אירע זענען געווען טרויעריק. זיי האָבן צוזאַמען מיט איר איבערגעלעבט אירע ליידן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט שושנה געעפנט די אויגן און האָט געזאָגט ווי זי זאָל ווייטער רעדן צו זיך:

— איך וואָלט אַוועק פון שטוב וווּהין די אויגן וואָלטן מיך געטראָגן, — און מיט כּעס שוין צוגעגעבן: — איך זאָל נישט זען די מענטשן... — איר פּנים איז געווען רויט. זי האָט אָפּגעזיפצט ווי זי זאָל אַ שלוקעכץ טאָן און געזאָגט: — אָבער דאָך זענען די מענטשן דאָ מיר נאָענט...

דליה און ליזאַ האָבן געשוויגן. זיי האָבן נישט געוואַגט עפענען ס'מויל. זיי האָבן אַפילו נישט געוואַגט זיך אָנקוקן איינע די אַנדערע. זיי האָבן מיטגעליטן מיט שושנהן. זיי אַליין זענען געווען נאָענט צום וויינען.

— מיין גורל, — האָט שושנה אַ זאָג געטאָן. זי האָט זיך באַדויערט. גלייכ־צייטיק האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אַ זאָג געטאָן: — „אַ דזשיב־דזשי" — ווי זי זאָל אַדורכשטופּן דאָס וואָרט דורך די ציין. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט. — אַך! — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן און מיט די הענט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים.

— האָב חתונה, — האָט ליזאַ איר געראָטן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. זי אַליין האָט זיך דערשראָקן פאַר אירע רייד. זי מיט דליהן האָבן געגנבֿי נישט געוווּסט אירע פאַרהעלטענישן מיט אפרימען. זיי האָבן נאָר געוווּסט, אַז זי טרעפט זיך מיט אים.

שושנה האָט פלעגמאַטיש אַראָפּגעלאָזט די הענט און האָט אָנגעקוקט ליזאַן. אַ לויטערע טרער האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבער איר באַק.

דליהס און ליזאַס אויגן זענען פייכט געוואָרן.

שושנה האָט געקוקט אויף זיי, און פּאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט, ווי זי זאָל נעמען אויף זיך אַ משׂא.

— שלום, — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן און גענומען גיין. זי איז געגאַנגען מיט אַ קליינעם און שווערן טריט.

ביידע מיידלעך זענען זיצן געבליבן ווי געליימט. זיי האָבן נאָר איר נאָכגעקוקט. לויטערע טרערן האָבן פאַרשטעלט זיי די ראיה... די אָנגעהיצטע, שווערע לופט האָט זיי אַרומגענומען, ווי זיי זאָלן שוועבן אין איר.

יצחק איז לעצטנס כּמעט פון שטוב נישט אַרויס. זיין גאַנג איז געווען די לענג פון זיין אויפנעם־צימער אָדער דער אַרום פון דעם לאַנגן, פּירקאַנטיקן טיש. אַז דער שטח איז אים ענג געוואָרן האָט ער געשפּאַנט פון צימער אין קיך און צוריק. ער האָט געשפּאַנט איבער די חדרים און זיין בליק איז געווען פאַרטראָגן ווייט. זיינע באַקן און אויגן זענען געווען איינגעפאַלן, זיין בליק איז געווען מאַט, ווי אויסגעלאָשן. די אַקסלען זיינע זענען געווען שפּיציק. זיין פּירקאַנטיקער קאָפּ איז אין זיי געלעגן. זיין גלאַטיק שיידל איז געווען רויט ווי עס זאָל זיין אָפּגעבריט. ער האָט געשוויגן, פון מאָל צו מאָל האָט ער שטיל אַ קרעכץ געטאָן, ווי עס ברומט אַ פאַרווונדעטע חיה. אַז ער איז מיד געוואָרן האָט ער זיך צוגעזעצט. ער איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ, ווי ער זאָל אויסקוקן, וואַרטן.

על פּי רוב האָט ער איצט געדאַוונט אין שטוב ביחידות. ווען ער איז שוין יאָ געגאַנגען צום דאַווענען, האָט ער זיך אַדורכגעשליכט דורך די געסלעך — ס'האָבן אים געשראָקן די מענטשנס בליקן. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מענטשן שושקען זיך, רעדן וועגן אים, ווי נאָר זיי דערזעען אים. אַפילו יעקב, אַז ער האָט זיך מיט אים געטראָפן ביים דאַווענען, האָט אים בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ביידע האָבן זיך די מי געגעבן זיי זאָלן זיך נישט פאַררעדן. יעקבן איז אַ שאָד געווען דאָס שדכנות־געלט. ער האָט אָבער נאָך זכריהס באַזוך ביי אים נישט געוווסט ווי דער אמת איז.

נישט נאָר יצחק, די גאַנצע משפּחה האָט מיט אים מיטגעוויינט אָן טרערן. שׂרה זיין ווייב האָט טאָג־טאָג, שעה־נאָך־שעה, יעדע מינוט געזען דעם צער פון איר מאַן און די קינדער. זי האָט נאָר נישט געוואָלט פרעגן יצחקן. זי האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער צער איז איצט אַזוי גרויס ביי איר אין שטוב. זי האָט כּסדר געוואָרט אויף דעם המשך פון דעם אָנגעשלאָגענעם שידוך. איר צער האָט זי פאַרטאָן אין די טעפּ און געגרייט עסן. יעדעס מאָל, ווען זי האָט נישט געקענט זיך קיין עצה געבן מיט די אָנגעקליבענע דאגות, איז זי שטיין געבליבן מיט דער כּלי, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט און מיט פאַרגלייזטע אויגן אַרויף געבעטן.

ברוך, דער זון, איז כּסדר אויפגעשטאַנען פרי, ער האָט אייליק זיך אַרומגעוואַשן און שנעל אָפּגעדאַוונט ביי זיך אין צימער. ער האָט זיך אַדורכגעשליכט דורכן אויפנעם־צימער און האָט אייליק, ווי אויף אָפּצוקומען אַ זאָג געטאָן —

שלום, — און איז אַוועק אין קראָם. ער האָט אויסגעמיטן דעם פּאָטערס בליק. ער האָט נישט געקענט צוזען דעם פּאָטערס צער.

די מוטער האָט אַ טרויעריקע אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט אַ ניכטערער פון שטוב. די מוטער איז דעמאָלט ווי קלענער געוואָרן. זי איז אין דער צייט אויך גרויער געוואָרן.

ברוך האָט נאָך מער געוווסט ווי דער פּאָטער. אים האָבן אויך די קונים אין קראָם געגעבן אָנצוהערן וואָס זכריה און זיין זון רעדן אויס. ער האָט אויך געוווסט וועגן דעם אינצידענט וואָס איז פאָרגעקומען ביי מלכן און ביים פריזיער. ער האָט אַפילו געוווסט ווי אַזוי דער מאַטראַז באַציט זיך צום עניק. פאַרנאַכט, אַז ער איז געקומען פון קראָם אין שטוב אַריין, האָט ער אַלץ געטאָן פאַמעלעך. ער האָט געגעסן לאַנג, געוואָלט עס זאָל אים צונעמען וואָס מער צייט, ער זאָל וואָס ווייניקער דאַרפן רעדן און ענטפערן די שטוביקע. ער האָט מורא געהאָט, זיך געהיטן ער זאָל נישט אָנפאַלן אויף דער שוועסטער. ער זאָל ביי איר נישט אויסלאָזן דעם אָנגעזאַמלטן אין אים כעס. ער האָט זיך באַמיט ער זאָל נישט מוזן זי פאַרבייגיין נאָענט.

אויך די שנור מיט די אייניקלעך זענען לעצטנס געקומען זעלטענער. די אייניקלעך זענען אַריין אין שטוב מיט געפילדער און רעש ווי פריִער. אָבער זיי האָבן באַלד דערפילט דער באָבעס און דעם זיידנס צושטאַנד, און זענען באַלד שטיל געוואָרן. דער זיידע איז זיי נישט אַנטקעגן געגאַנגען ווי שטענדיק מיט זיין שטראַלנדיקן שמייכל. ער האָט יעדן פון זיי אַ גלעט געטאָן, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יעדנס קעפּל, אָבער די באַוועגונג זיינע איז געווען מעכאַניש. די באָבע האָט, ווי שטענדיק, זיי אונטערגעטראָגן אַ קיכל, אַ צוקערל, אַ קיי־גומי אָבער אָן פרייד. זי איז איצט נישט צוגעלאָפן צו זיי ווי שטענדיק, זיי אַרומגענומען מיט אירע פליישיקע וואַרעמע אָרעמס. די שווערע שטילקייט איז געלעגן איבער די שטוביקע ווי אַ משא, און די צימערן ביי יצחקן זענען געווען ווי ליידיק, כאָטש די מענטשן האָבן אין זיי געוווינט. אויך ווען אַן אויסגעגעבענער זון איז געקומען באַזוכן טאַטע־מאַמע, איז דער וויזיט איצט געווען אַ קורצער. די באַגריסונג איז געווען אַ האַרציקע מיט כבוד, אָבער אָן פרייד. יעדער פון די זין איז אונטער־געזעסן, געפּרוווט זיך פרעגן, אָבער דער געשפּרעך האָט זיך נישט געקלעפּט. דער פּאָטער האָט געוואָלט מען זאָל אים וואָס ווייניקער פרעגן. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

שושנה האָט נישט נאָר אַלץ געזען, נאָר אויך געפילט. אַלץ אין איר האָט געטריקנט. זי איז פון טאָג צו טאָג מאָגערער געוואָרן. זי האָט געשוויגן. „אַלץ צוליב מיר" — האָט זי שטיל, אָן ווערטער זיך געזאָגט יעדעס מאָל. אירע אויגן זענען איינגעפאַלן. זי האָט נישט נאָר געשוויגן, זי האָט אַפילו מורא געהאָט צו באַוועגן זיך אין שטוב. זי האָט זיך געשלייכט איבער די צימערן, ווי אַ שאָטן. אויך אין שטאָט אַריין נאָך דער אַרבעט, זיך טרעפן מיט אפרימען, איז זי איצט געפאָרן זעלטענער. זי האָט זיך מיט אים געטראָפן מער ביי דער אַרבעט. זי האָט

זיך געהיטן, געוואָלט אָפּשטופּן דעם געשפּרעך מיטן פּאָטער, וואָס האָט געמוזט קומען.

די מוטער האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. דער פּאָטער איז געזעסן אָפּגערוקט פון טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. ער האָט נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טאָן. טאַטע־מאַמע האָבן געוואַרט אויף דער טאָכטער נאָך דער אַרבעט. זי האָט פון לאַנג שוין געדאַרפט זיין אין שטוב. דער פּאָטער האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער. ער האָט פאַמעלעך, ווי עס זאָל אים שווער זיין, זיך אויפגעהויבן און צוגעשפּאַנט צום פענצטער. זיין פּנים איז געוואָרן מילדער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געזען שושנהן. זי האָט זיך דערנענטערט אַהיים. לויטן וועג, מיט וועלכן זי איז געגאַנגען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך פאַרהאַלטן ביי אירע חברטעס.

שושנה האָט שטיל אָפּגעלענט און נאָך שטילער צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר. זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר און באַטראַכט די מענטשן. זי האָט געוואָלט זען וואָס פאַר אַ שטימונג עס הערשט אין שטוב.

— שלום! — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן.

— שלום! — האָט די מוטער איר אַרויסגעשריגן פון קיך אַרויס.

דער פּאָטער האָט זיך אויסגעדרייט, זי אָנגעקוקט.

שושנה האָט געהאַט אויף זיך אַ גרוי קלייד אָן אַרבל מיט שוואַרץ־גרינע געדרוקטע רעדער, וואָס האָבן זיך געקייקלט. דעם רימען פון איר האַנט־טאַש האָט זי געהאַלטן צונויפגעדריקט אין האַנט ווי אַן איבעריקע זאַך פאַר איר. זי איז געשטאַנען מיט פאַרצויגענע ליפּן און געקוקט אַראָפּ, ווי זי זאָל זיין געבוקט. זי האָט געוואַרט. זי האָט געוואָלט דער פּאָטער זאָל זי פרעגן פאַר וואָס זי איז געקומען אַזוי שפּעט.

דער פּאָטער האָט איר נאָר לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גענומען ווייטער שפּרייזן. די מוטער איז שטיין געבליבן אין דער אָפענער דורכגאַנג־טיר פון קיך אין שטוב אַריין.

— קום עסן! — האָט זי אַ זאָג געטאָן דער טאָכטער.

— איך וויל נישט, איך האָב געגעסן ביי דער אַרבעט, — האָט זי איילִיק געענטפערט דער מוטער און איז אַוועק צו זיך אין שטוב. די טיר האָט זי אָפן געלאָזט הינטער זיך.

די מוטער האָט איר פאַרשוויגן. זי איז לעצטנס געווינט געוווען צו אַזעלכע ענטפערס. שׂרה, די מוטער, האָט זיך אַוועקגעזעצט ווי זי זאָל זיך אַראָפּלאָזן אויפן טאַבאָרעטל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט ביים טישל. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. זי האָט נישט געהאַט קיין חשק און נישט געוווּסט וואָס זי זאָל טאָן ווייטער.

דער פּאָטער האָט צוגעשפּאַנט און זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט געסאָפּעט. די פיס זיינע זענען אים געווען גרויס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די

קניִען שטאַרן אים אין בויך אַריין. מיט אַ מאָל האָט ער זיך צוריק אויפגעשטעלט ווי ער זאָל האָבן באַקומען כּוח.

— שושנה! — האָט ער זי אַ רוף געטאָן, זיין קול האָט געציטערט. ער האָט אָבער נישט געוואַרט אויף איר. ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. ער איז אין דער אָפענער טיר פאַרגאַנגען איר דעם וועג. זי האָט געמוזט זיך צוריקרוקן. איר אַזוי גוט באַקאַנט פון שטענדיק צימער: די קרעם־לאַקירטע שאַנק, איר בעט, דאָס ביכער־שענקל, דער אָוואַל־גערעמטער וואַנט־שפּיגל און דער ראַדיאָ־פּאַטעפאָן האָבן זיך איר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן ווי אַלץ זאָל זיין דאָפּלט.

דער פאָטער און די טאָכטער זענען געשטאַנען זיך אַנטקעגן. זי האָט געקוקט אַראָפּ. דעם פאָטערס פאַרגלייזטע אויגן האָבן געקוקט שטאַר. זי האָט געפילט איבער זיך די רגע פון איר גורל. דער פאָטער, וואָס איז אַריין צו איר מוטיק מיט פאַרנעם, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער בויך זיינער איז אים איינגעפאַלן. די בושה האָט געשוועבט אַרום אים.

— דו גייסט אַרום מיט אַ בחור אין שטאָט? — האָט ער שטיל, פּאַמעלעך זי אַ פרעג געטאָן, ווי ער זאָל באַטראַכטן יעדעס וואָרט, איידער ער זאָגט עס. זיין קול איז געווען הייזעריק, געבראָכן, אָן לעבן, נישט ווי ער זאָל רעדן, נאָר ווי עס זאָל קאָרצן עפּעס אַן איבערגערוקטע זאַך.

שושנה האָט אים נישט געענטפערט. זי איז געשטאַנען מיט אַן אַריינגעלאָזטן קאָפּ אין די אַקסלען ווי אַן אונטערגעבראָכענע. זי האָט שטיל יאָמערלעך געשלוכצט. זי האָט געוויינט אָן טרערן.

אין פענצטער האָט זיך אַ באַוויז געטאָן די גרויקייט פון בין־השמשות.

יצחק, דער פאָטער, האָט געציטערט פון אויפרעגונג ווי ער זאָל פיבערן. ער האָט געוואַרט אויף איר תשובה. זיין געשטאַלט איז כּסדר ווי קלענער געוואָרן.

זי האָט דאָס נישט געזען, אָבער אירע אָנגעשפּיצטע חושים האָבן עס געפילט. זי האָט פאַרבראָכן די הענט, זיך איינגעקוקט אין פאָטער און כליפּענדיק אַ זאָג געטאָן מיט אָנשטרענגונג ווי עס זאָל פון איר אַרויסרעדן:

— גלייב נישט! איך בין אַ כּשרע טאָכטער... — איצט ערשט זענען די טרערן גערונען פון אירע אויגן ווי עס זאָלן פאַלן גרויסע רעגן־טראָפּנס.

יעדעס וואָרט אירס האָט אַדורכגעשטאָכן דעם פאָטער.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן — אַה! — אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט און איז אַרויפגעפאַלן אויפן פאָטער ווי אַן אונטער־געזעגטער בוים.

ער האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און געדריקט צו זיך. ער האָט געקושט אירע נאַסע אויגן. ער האָט געוויינט צוזאַמען מיט איר אָן טרערן. זיינע וויִעס האָבן געציטערט. די ליפּן זיינע האָבן זיך געטרייסלט. ער האָט געפילט דאָס זאַלץ פון אירע טרערן אויף זיינע ליפּן. דער אָוונטטונקל האָט אָנגעהויבן זיך איינגאָרען אין די ווינקלען. די שאָטנס האָבן גענומען אַרויסקריכן פון דאָרטן.

# יד

שושנה איז אויסגעשטיגן פון אויטאָ אַן אָפּשטעל פריִער. זי האָט געמוזט צוזאַמענגעמען אירע געדאַנקען, איידער זי טרעפט זיך מיט אפרימען. דער רעש פון אויטאָ, דער מענטשן־געפילדער, יעדעס אויסגערעדטע וואָרט, האָט זי דע־נערווירט. די נאַכט איז ערשט צוגעפאַלן. די הייסע טאָג־לופט האָט זיך געקילט. איר אָטעם איז געווען אַ קורצער. זי איז געגאַנגען און געקוקט אַראָפּ. זי האָט נישט געוואָלט זען קיין מענטש און נישט פאַרטראַגן די ליכט־שיין פון דער אלנבי־גאַס. זי האָט נישט געקענט פאַרגעסן, איר איז נאָכגעגאַנגען ווי אַ געשפּענסט דעם פאָטערס פראַגע. זיינע עטלעכע געציילטע ווערטער האָבן זי געשטיקט. זי האָט געוווּסט און געפילט, אַז איר גורל מוז זיך אַנטשיידן. איר האָט געשראָקן דער סיום פון איר לעבן. ווען זי איז אַרויס פון שטוב און איז געגאַנגען צום אויטאָ, האָט זי פון ווייטנס באַמערקט דעם ברודער ברוכן. ער איז געגאַנגען פון קראָם אַהיים. זי האָט געזאָגט דער מוטער, אַז זי פאָרט אין שטאָט צו דער שניידערין.

זי האָט געוווּסט, אַז באַלד וועט זי באַגעגענען אפרימען. אָבער זי האָט זיך נישט געפרייט, ווי שטענדיק, ווען זי איז געגאַנגען מיט אים זיך טרעפן. די פיס אירע האָבן זי נישט געטראָגן. עס איז איר שווער געווען צו טראָגן איר גורל אויף זיך.

ער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף איר ביי זייער, פון שטענדיק, אָפּגע־רעדטן אָפּשטעל.

— אפרים, שלום! — האָט זי אים אַ רוף געטאָן און אים באַגריסט. איר קול איז געווען ווייך און האָט געציטערט.

ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט דערקענט איר קול פון ווייטנס. אים האָט געוווּנדערט וואָס זי גייט צופוס. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, זי אַ צי געטאָן צו זיך און איר אַ זאָג געטאָן — שלום!

זי איז ווי אַרויפגעפאַלן אויף אים. זי האָט זיך אין אים איינגעקוקט. זי האָט געוואָלט אים גוט זען אין דער פינצטער.

ער האָט געטראָגן גרויע הויזן און אַ ווייס העמד. זיינע רויטע האָר האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין דער פינצטער, ווי זאַלן שטראַלן. זיי זענען געגאַנגען נעבן זיך. זיי האָבן געוואָלט זיך זיין נאָענט.

ביידע האָבן געשוויגן. ער האָט געקוקט אויף איר, זי אַראָפּ. ער האָט געוואַרט זי זאָל רעדן, ווי שטענדיק. ער האָט געוואָלט הערן איר קלינגענדיק קול. זי האָט זייער געוואָלט רעדן, זיך אַראָפּרעדן פאַר אים. זי האָט אָבער מרא געהאַט אָנצוהייבן.

— ביסט געקומען שווייגן? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן. ער האָט זי איינגע־האַלטן און זיך איינגעקוקט אין איר. ער האָט געוואָלט זען איר פּנים. זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

ער האָט לייכט זי אָנגענומען ביי דער גאָמבע און אויסגעגליכן איר קאָפּ.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט מורא געהאַט, אַז איר בליק קען איר פאַרראַטן.

— נו, גוט! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און אָפּגעלאָזט איר קאָפּ. ער האָט דערפילט צו איר מיטלייד. פון איר פּנים, פון איר אויסזען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס דריקט איר. ער האָט זיך אומגעקוקט, געוואָלט זען ווו ער געפינט זיך. אין ראָג פון דער גאַס, וואָס האָט געקרייצט מיט אלנבי האָט ער דערזען אַ קאַפע.

— קום! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און גענומען מיט איר גיין אין יענער ריכטונג.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

ער האָט באַשלאָסן אַוועקזעצן זיך מיט איר אין אַן אָפּגעזונדערט אָרט און נישט אין זייער שטאַם־קאַפע.

די שמאָלע איינגאַנגס־טיר, ווי אין אַ געוויינלעכער קראָם, איז געווען אָפן. זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען די איינציקע טרעפּ. ער האָט זי געפירט און געקוקט וווהין ער פירט זי. זי האָט זיך געלאָזט פירן.

אין קאַפע זענען זיי שטיין געבליבן. ביידע האָבן זיך אומגעקוקט ווו זיי געפינען זיך. דער לאָקאַל איז געווען אַ נאַרמאַלע קראָם. דאָס ליכט איז געווען טונקל. עס איז געהאָנגען אַ געוויינלעכער זשיראַנדאָל, ווי אין אַ פּריוואַטער דירה. אויבן, דער טיר אַנטקעגן, איז געשטאַנען אַ טונקל קאַסעטישל, וואָס איז געווען אויך אַ קילשאַנק. אויפן טיש איז געשטאַנען אַן אָפּגעקילט קעסעלע מיט געקאָכט וואַסער און אַ גלעזערנע גאַבלאָטקע מיט טשאַסטעס. אין זאַל זענען געשטאַנען עטלעכע טישלעך. דאָס קאַפע איז ענלעך געווען מער אויף אַ בופעט.

ביים קאַסעטיש איז געשטאַנען אַ גרויע, מיטלוואוקסיקע פרוי מיט אַ גוט פּנים פון אַ מאַמע. די פרוי האָט אין זייער פאַרהאַלטן זיך דערקענט אַ פאַרליבט פּאָרל. זי האָט זיי נישט געשטערט. זי האָט געוואַרט זיי זאָלן באַשליסן.

— דאָרט אין ווינקל? — האָט אפרים געפרעגט שושנהן און מיט אַ נייג פון קאָפּ אָנגעוויזן דאָס אָרט.

זי האָט אים געענטפערט מיט אַ קאָפּ־נייג „יאָ". זיי האָבן געוואָלט זיין אָפּגעזונדערט, מען זאָל זיי נישט שטערן.

ער האָט זי אָנגענומען ביים עלנבויגן זי צוגעפירט. ער האָט אָפּגערוקט איר אַ בענקל. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, ער נעבן איר. די אייגנטימערין איז געשטאַנען פאַררוקט אונטערן קאַסעטישל און זיי באַטראַכט פון דער זייט.

שושנה האָט געקוקט אין אַ זייט. איר בליק איז געווען שפּיזיק, איר פּנים פאַרצאַרנט.

אפרים האָט נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. זי האָט געטראָגן אַ גרינג ראָזע קלייד אָן אַרבל. איר טאַליע איז געווען אַרומגענומען מיט אַ קייט. זי האָט געהאַט מיט זיך אַ געשטיקטע טאַש און זי האָט געטראָגן טונקל־קרעם סאַנדאַלן, אויף נאַקעטע פיס. אים האָט געערגערט איר ווייטיק, אָבער ער האָט

נישט געוואָגט צו פרעגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך איבערגעבויגן צו איר ווי ער זאָל וועלן איר פאַרטרויען אַ סוד און זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס באַשטעלסטו?

— אַ לעמאָניאַדע, איך וויל נאָר טרינקען, — האָט זי געענטפערט און האָט אַ שלונג געטאָן פון ליידיקן מויל. זי האָט דערפילט, אַז עס איז איר טרוקן אין מויל.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פרוי. זי, איר גרויער קאָפּ, האָט אים דער־מאָנט זיין מוטער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צו איר צוגעגאַנגען.

— צוויי לעמאָניאַדעס — האָט ער זי אַ בעט געטאָן.

די פרוי האָט זיך אַ פּאַרע געטאָן. ער האָט געוואַרט.

שושנה האָט געצופּט די פראַנדזן פון טישטעך, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. זיי זענען געווען די איינציקע געסט אין קאַפע. עס איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט דעם גאַנג פון וואַנטזייגער און דעם ווענטילאַטאָר, וואָס איז אַראָפּ־געהאָנגען פון דער סטעליע. די לופט איז געווען אַן אָפּגעפרישטע. עס האָט זיך נאָר געפילט אויסגעוועפּטער קאַפע־ריח.

די פרוי האָט געוואָלט אַרויפשטעלן די גלעזער אויף אַ טעצל און זיי צוטראָגן אפרימען.

— אַ דאַנק, — האָט ער איר געזאָגט. ער האָט אַ נעם געטאָן די צוויי גלעזער אין ביידע הענט און איז מיט זיי אַוועק. — אַליין־באַדינונג, — האָט ער שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן שושנהן. ער האָט געוואָלט זי אויפהייטערן. ער האָט אַוועקגעשטעלט די גלעזער און זיך אַוועקגעזעצט.

ער האָט צוגעשטעלט צו איר מויל די שטרוי אין גלאָז און זי האָט דאַרשטיק אַ זויג געטאָן. זי האָט זיך אויסגעגליכן און איז זיצן געבליבן אַ פאַרקוקטע. איין אויג איז געווען ביי איר פאַרזשמורעט.

ער האָט אַרויסגענומען פון גלאָז די שטרוי, זי אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, און אָפּגעטרונקען עטלעכע שלוק לעמאָניאַדע. ער האָט אַלץ געטאָן פּאַמעלעך אָן צו זען וואָס ער טוט. ער האָט געקוקט אויף איר.

זי האָט געפילט אויף זיך זיין בליק. איר אָטעם איז געווען אַ שנעלער. די פאַרב אויף איר פּנים האָט כסדר זיך געביטן. אַ מאָל איז זי געווען רויט, אַ מאָל בלייך.

ער האָט אָפּגערוקט די גלאָז און זי אַ פרעג געטאָן:

— ווי האָסטו פאַרבראַכט די צוויי טעג, וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען? — ער האָט גערעדט שטיל, צוריקגעהאַלטן, זי זאָל חלילה נישט מיינען, אַז ער פאַרשט זי.

זי האָט פאַרלייגט אַ ליפּ אויף אַ ליפּ און האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך באַדויערט.

די דרייפערטל יאָר, וואָס זיי האָבן זיך געקענט, האָט ער זי קיין איין מאָל נישט געפרעגט ווי זי פאַרברענגט.

זי האָט אים אָנגעקוקט. זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ אַ פאַרוווּנדערטע, און אים אַ פרעג געטאָן:

— האָסט זיך געזאָרגט? — זי האָט פאַרמרוזשעט די אויגן. איבער איר פּנים האָט זיך פאַנאַדערגעשפּרייט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע.

— זיכער! — האָט ער איר געענטפערט און זיך איינגעקוקט אין איר. ער איז געווען צופרידן, אַז זי רעדט שוין. ער האָט געוואָלט דער שמועס זאָל זיך נישט איבעררייסן און אַ פרעג געטאָן טראַציק: — ווילסט נישט רעדן מיט אפרימען?

זי האָט איינגעביסן איר אונטערשטע ליפּ. זי האָט געוואָלט זיך שטאַרקן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אויסגעגליכן, געפּרוּווט זיין מוטיק. אָבער אירע אַקסלען האָבן באַלד זיך אַראָפּגעלאָזט, איר קאָפּ איז ווי ליגן געבליבן אויף זיי. זי האָט איינגעקלאַמערט איין האַנטפינגער אין דער אַנדערער און האָט אים געזאָגט:

— דער טאַטע האָט נעכטן מיך געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז איך גיי אַרום מיט אַ בחור... — זי האָט גערעדט לאַנגזאַם, שטיל, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, אָן איבעררייס. אָבער אַז זי האָט געענדיקט האָט זי זיך איינגעבראָכן און זיך צעוויינט.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר. זיינע אויגן זענען געווען טרויעריק. ער האָט מיט אַ פינגער אָפּגעווישט אַ טרער פון איר וויִע, און מיט דער צווייטער האַנט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. גלייכצייטיק האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער פרוי צי זי האָט געהערט וואָס שושנה האָט געזאָגט.

די פרוי איז געשטאַנען פאַררוקט אונטער דער גאַבלאָטקע זיי זאָלן זי נישט זען. זי האָט נישט געוואָלט זיי שטערן. זי, די דערפאַרענע פרוי, האָט זיי פאַרשטאַנען.

אפרים האָט עטלעכע מאָל נערוועז אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז, ווי ער זאָל האָבן דערפילט אַ האַרבקייט. זיינע גרינע אויגן זענען געווען פייכט ווי זיי זאָלן זיין איבערגעצויגן מיט אַ הייטל. די ציין זיינע זענען געווען פאַרקריצט, זיין לענגלעך פּנים איז געווען אויסגעצויגן. ער האָט אַריבערגעלייגט די הענט איבערן טיש. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיי, ווי ער זאָל זיי באַטראַכטן. אַ צייט לאַנג זענען זיי אַזוי געזעסן, זי אַ פאַרשטיקטע פון טרערן, ער אַ פאַרטראַכטער. אין קאַפע איז געווען שטיל. די שטילקייט האָט יעדן פון זיי דערמאָנט, אַז דער צווייטער עקזיסטירט.

אַ צייט שפּעטער האָט אפרים פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ ווי ער זאָל אים שווער זיין. ער האָט זיך אין איר איינגעקוקט.

— אַלץ דער דזשינדזשי — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן. ער האָט זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן איר אין באַק.

איר פּנים האָט אַ פלאַם געטאָן. זיינע ליפּן האָבן זי אָנגעגליט. זי האָט געפילט ווי דאָס בענקל אונטער איר זינקט, ווי די ערד זאָל זיך האָבן געעפנט.

די פרוי אַ פאַררוקטע אונטער דער גאַבלאַטע, וואָס האָט געקוקט אויף זיי פון דער זייט, האָט איצט גענומען איבערלייגן די טשאַסטעס אין דער גאַבלאַטקע. אַ ברייטער שמייכל האָט באַדעקט איר גוטמוטיק פּנים.

איצט האָבןביידע ווידער געשוויגן, אָבערביידן איז לייכטער געווען אויפן געמיט. זי, פון דעם וואָס זי האָט זיך פאַר אים פאַרטרויט און ער — פון דעם וואָס זי האָט אים דערציילט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זי געפרעגט:

— וואָס האָסטו געענטפערט דעם טאַטן? — ער האָט זיך אין איר אײַנגעקוקט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן. ער האָט געוואָלט זי זאָל פאַרשטיין, אַז ער שפּאַסט. ער האָט געוואָלט זי אויפהייטערן.

— וואָס האָב איך געקענט אים זאָגן? — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן. איצט האָט זי אים אָנגעקוקט פון דער זייט. זי האָט זיך געשעמט.

— דעם אמת, — האָט ער איר געענטפערט און געוואַרט ווי זי וועט רעאַגירן. זיין פּנים האָט געשמייכלט מיט ליבשאַפט.

זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און פאַרמרוזשעט די אויגן, ווי זיי זאָלן זיך איר פאַרמאַכן. זי האָט נישט געמערקט, אַז ער שמייכלט. נישט רירנדיק זיך פון אָרט האָט זי אים ווייטער דערציילט, ווי יעדעס אַרויסגעזאָגטע וואָרט זאָל זי שטיקן:

— אַלע אין קוואַרטאַל רעדן אויס אויף מיר... — אָבער מער רעדן האָט זי נישט געקענט. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם. זי האָט אַרויפגעלייגט די פויסטן אויפן טיש און אויף זיי אָנגעלענט דעם קאָפּ פון חרפּה.

די קאַפע־באַזיצערין האָט נישט געהערט וואָס זיי רעדן. זי האָט אָבער פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ. זי האָט מיטגעפילט מיט שושנהן.

אפרים איז געזעסן און געביסן זיך די ליפּן פאַמעלעך, ווי ער זאָל וועלן פילן וואָס שטאַרקער דעם ווייטיק. אַז דער פאָטער האָט זי געפרעגט איז אים געווען קלאָר, אַ טאַטע. אָבער אַז מענטשן אין גאַס רעדן אויף איר אויס, האָט אים ווײ געטאָן פאַר איר און אויך פאַר זיך, ווײַל ער איז דער גורם. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין איר. זיין בליק איז געווען פאַרנעפּלט אָבער דורכדרינגנדיק.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן און ביידע האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

ער האָט אַריבערגעלייגט די הענט איבערן טיש, ווי ער זאָל זיך אָנלענען אויף זיי. ער האָט געאָטעמט שווער, ווי ער זאָל בלאָזן פון זיך. ער האָט אויסגעצויגן די פיס אונטערן טיש און זיי צוריק אײַנגעצויגן.

— נישט וויכטיק וואָס מען רעדט. איך בין ביי דיר, — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל רעדן נישט צו איר. ער איז אײַנגעשרומפּן, ווי אַ שלימאַק אַרײַנגעקראָכן אין זיך, אָבער באַלד האָט ער אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און שטאָלץ זי אָנגעקוקט.

אירע אויגן זענען געוואָרן גרויס, אויפגעריסן. צוויי לויטערע טרערן האָבן אַ

פינקל געטאָן אין זיי. זי האָט געעפנט די ליפּן ווי זי זאָל כאַפּן דעם אָטעם. זי האָט זיך אויסגעגליכן. אירע ברוסטן האָבן אַ שטאַר געטאָן. אָבער זי האָט נישט געוואַגט אַ קוק טאָן אויף אים. די עטלעכע ווערטער זיינע, האָבן זי דערפרייט און געשראָקן. זי האָט זיך געגעבן די מי, געוואָלט זיך אויסטייטשן די ווערטער, אירס אַ טרער האָט אַ קאַפּע געטאָן אויפן טיש אַרויף. זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ ער זאָל נישט זען.

ער האָט אויף איר געקוקט, זי געזען און מיט איר מיטגעפילט. איר איבער־לעבעניש האָט אים ווי געטאָן. זי איז אים איצט נאָך נענטער געווען. מער האָט ער זיך נישט געקענט האַלטן. עס האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם.

— מיר שטעלן אַ חופּה — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן. ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, קוים געצויגן די ווערטער. ער האָט יעדעס וואָרט באַטאָנט. — האַ! — האָט ער אַ הויך געטאָן. ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט פאַרוואָרפן איבער איר זיין אָרעם און זי צוגעצויגן צו זיך. זיינע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין אירע ליפּן. דאָס איז געווען זייער ערשטער קעגנזייטיקער קוש.

די ליפּן פון דער פרוי אונטער דער גאַבלאָטקע האָבן געציטערט פון אויפ־רעגונג. זי האָט געהערט אפרימס צוזאָג. ער האָט גערעדט געגוג הויך.

זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזט. עס האָט זיי פאַרפּעלט אָטעם. זי האָט איינגע־קלאַמערט אירע האַנט־פינגער אין זיינע, זיי געדריקט מיט איר גאַנצן כוח. זי האָט געוואָלט עס זאָל איר ווייטאָן און געקושט די שפּיץ פינגער זיינע.

די פרוי האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר טאָן. זי האָט זיי נישט געוואָלט שטערן.

זייערע פּנימער זענען געווען צעפלאַמט. די אויגן זייערע האָבן געגלאַנצט.ביידנס אָטעם איז געווען קורץ און אייליק. די שטילקייט אין קאַפּע איז געווען ווי באַוועגלעך, זי האָט ווי געשוועבט אַרום זיי. דער ערשטער איז צו זיך געקומען אפרים.

— קום! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן. זיין קול איז געווען ווייך און האָט געציטערט. ער האָט האַסטיק אָפּירגערוקט דאָס בענקל פון אונטער זיך און איז אַוועק באַצאָלן.

זי האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט און ווי אַ שיכּורע אַוועק צו דער טיר. זי האָט זיך געשעמט קוקן דער פרוי אין פּנים. זי האָט געווישט זיך די אויגן, מענטשן זאָלן נישט זען. אָבער אירע אויגן האָבן כּסדר געטערערט.

אויך ער האָט נישט געקוקט דער פרוי אין פּנים. ער האָט איר אַוועקגעלייגט צוויי ניקלנע מטבעות, מער ווי עס איז איר געקומען, און שטיל אַ זאָג געטאָן: — „אַנטשולדיקט"...

די פרוי האָט צו אים גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט ער איר געזאָגט און איז אַוועק צו שושנהן.

די פינצטערניש פון דער נאַכט איז זיי אַנטקעגן געקומען, זיי איינגעהילט. די שיין פון די גאַסנליכט האָט זיי אָנגעדייט. די קילקייט האָט זיי געגלעט. זי האָט

זיך צוגעטוליעט צו אים. ער האָט זי געדריקט צו זיך און געקושט אירע אויגן, איר פּנים.

— אפרים, אפרים, — האָבן אירע ליפּן געמורמלט ווי זי זאָל קרעכצן. פאַרבייגייער זענען זיי אַרומגעגאַנגען. די קניִען האָבן זיך זיי אונטערגעבראָכן. עס האָט ביידן פאַרפעלט אָטעם. זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזט און זיך אָנגעקוקט. זי איז צו אים צוגעפאַלן ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים. זי האָט אָנגעלעגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסטקאַסטן. ער האָט זי אַרומגענומען און געלאָזט זיך מיט איר גיין, זי געפירט.

זי איז געגאַנגען ווי אַ לונאַטיקערין.

ער האָט זי געפירט צום אויטאָ. ביידע האָבן געפיבערט.

אין דער נאָענט פון אויטאָ־אָפּשטעל איז זי שטיין געבליבן. ער מיט איר. זי האָט אַראָפּגענומען זיין אָרעם פון אירע אַקסלען. ער האָט פאַרהאַלטן איר האַנט אין זיינער.

— אפרים, — האָט זי זיך אַ װענד געטאָן צו אים ווי זי זאָל זיך האָבן אויסגעניכטערט. איר קול איז געווען ווייך ווי זי זאָל צערטלען דאָס וואָרט.

ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט אין איר. זיינע אויגן זענען געווען פאַרזשמורעט ווי ביי אַ שטוב־חיה, וואָס גרייט זיך אַ שפּרונג טאָן.

— היינט איז דינסטיק, מען קען אַלץ באַווייזן — האָט זי אַ זאָג געטאָן. אַ ווילע שפּעטער האָט זי זיך אַ װענד געטאָן צו אים: — קום צוגיין אין שטוב שבת... — זי איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל ווי איבערגעשראָקן. עס איז איר ווידער באַפאַלן דער אַלטער פּחד צי זי האָט נישט צופיל געוואָגט, צי וועט ער קומען.

ער האָט נאָך שטאַרקער אויסגעשטרעקט זיין קאָפּ, אים דערנענטערט צו איר, ווי ער זאָל וועלן אים אָנשלאָגן אין אירן.

— גוט, אין אָוונט צו טיי, — האָט ער איינגעשטימט. זיין קול איז געווען דיק און הייזעריק.

זי האָט אָפּגעאָטעמט.

ער האָט ווידער פאַרוואָרפן זיין אָרעם איבער אירע אַקסלען. ער האָט זי אַ צי געטאָן און זי צוגעדריקט צו זיך.

איר קאָפּ איז ווידער אַ מאָל ליגן געבליבן אויף זיין ברוסטקאַסטן. זי האָט קוים געאָטעמט.

ער האָט צוגעדריקט זיין גראָבן פינגער צו אירע ליפּן. זי האָט אין אים איינגעביסן אירע ציין. ער האָט איר נישט געשטערט. ער האָט געוואָלט פילן דעם ווייטיק.

זי האָט געעפנט דאָס מויל און האָט אויסגעקושט דעם פינגער.

ער האָט נאָך שטאַרקער זי צוגעדריקט צו זיך און מיט איר געגאַנגען פאַרויס צום אויטאָ.

זי איז געגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער האָט זי געפירט.

אַ גרילץ פון אַן אָנגעפּאַרענעם אויטאָ, וואָס האָט זיך נישט ווייט פון זיי פאַרהאַלטן, האָט זי ווי איבערגעוועקט. זי האָט אָפּגעריסן איר קאָפּ פון אים און געעפנט די אויגן.

— אַן אויטאָ, — האָט זי אַ זאָג געטאָן אַן איבערראַשטע. זיי זענען אונטער־געלאָפן.

זי איז די ערשטע שטיין געבליבן ביים אויטאָ. זי האָט שוין נישט געוואָלט זיך מיט אים שיידן.

ער האָט זי אַ צי געטאָן נאָך זיך. ער איז איינגעשטיגן. זי נאָך אים.

דער שאָפער, אַ נידעריקער שוואַרצער בחור, וואָס האָט גענומען פון אפרימען געלט און אים דערלאַנגט די בילעטן, האָט נייגעריק אים באַטראַכט — ער האָט געוווסט ווער שושנה איז.

שושנה איז געשטאַנען און געוואַרט אויף אפרימען. עטלעכע פּאַסאַזשירן, קוואַרטאַל־איינוווינער, וואָס האָבן זי געקענט, האָבן זי באַטראַכט, אירע אויסגע־וויינטע אויגן.

אפרים און שושנה האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער לעצטער באַנק אין ווינקל. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט. זי איז מיט איר עלנבויגן געלעגן אָנגעלענט אויף זיין קני. זיי האָבן געשוויגן. דער אויטאָ האָט זיך געטרייסלט.

אַ הויכער, דאַרער פּאַרשוין, וואָס האָט געטראָגן אַ צעכראַטשעטע האַקי־העמד און אַן איינגעקוועטשטן שטרוי־קאַפּעלוש, וועלכער איז געזעסן הינטערן שאָפער, האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— נישט געגלייבט, אָבער אמת. — ער האָט געמיינט שושנהן. ער איז געווען אַן איינגייער ביי מלכן. ער האָט געוווסט אַלע מעשיות, וואָס שלום האָט דערציילט וועגן איר. — מענטשן זענען נישט משוגע — האָט ער שטיל צוגעגעבן.

דער שאָפער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ „יאָ" און אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, אויף אפרימען און שושנהן.

שושנה האָט געפילט, אַז מענטשן קוקן אויף איר. זי האָט זיך געפרייט אין האַרצן.

אפרים האָט באַטראַכט די מענטשן.

דער אויטאָ האָט כסדר אויף יעדן אָפּשטעל זיך פאַרהאַלטן. דער שאָפער האָט אַראָפּגעלאָזט און אויפגענומען פּאַסאַזשירן און געפאָרן ווייטער. אויף דער הויפּטגאַס זענען זיי אויסגעשטיגן. אפרים האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט באַ־טראַכט די פרעמדע פאַר אים סביבה. די ליכט דאָ איז געווען שיטערער ווי אין די שטאָטגאַסן. אונטער דער שיין האָבן זיך אויסבאַהאַלטן גאַסן־שאָטנס.

זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך. שושנה האָט געוואָלט ער זאָל זען אַלץ און אַלע. מענטשן, וואָס האָבן זי געקענט, האָבן זיי נאָכגעקוקט.

— איצט וועלן זיי האָבן וואָס צו רעדן, — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן.

ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט. ער האָט זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם.

אין מאָמענט האָט זי זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט געוואָלט באַפרייען איר אָרעם, אָבער זי האָט אים נישט אַרויסגעצויגן.

דעם וועג, די עטלעכע געסלעך, האָט זי אים אַריבערגעפירט ווי דורך אַ לאַבירינט. איצט זענען זיי געגאַנגען מיטן געסל שיף אַרויף. זי האָט זיך אָנגעלענט אויף אים און געשוויגן. זי האָט אַלץ נאָך געאָטעמט שווער. דאָס געסל, אין וועלכן זי איז אויסגעוואַקסן, האָט איצט אַנדערש אויסגעזען אין אירע אויגן. עס איז געווען ברייטער און לענגער. זי איז גרייט געווען צו גיין, אָנרירן יעדע וואַנט, וואָס זי איז פאַרבייגעגאַנגען. דאָ־דאָרט האָט פון אַ נידעריק פענצטער אַרויס־געקוקט אַ פּרויען־קאָפּ, זיי נאָכגעקוקט.

צוויי הייזלעך פאַר זייער הויז איז זי שטיין געבליבן. זי האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיין אָרעם.

— דאָס איז אונדזער הויז, — האָט זי אים געזאָגט, אָנוויזנדיק אים מיט דער האַנט.

ער האָט נישט רעאַגירט דערויף. ער האָט געקענט נישט נאָר שושנהן. ער האָט געוווּסט שוין אַלץ וועגן איר משפּחה.

דער בלוי פון די ווענט האָט אַרויסגעשיינט פון דער פינצטער. אפרים האָט אָנגענומען איר האַנט, געוואָלט זי אַרומנעמען.

זי האָט זיך אָפּגערוקט. אפשר וועט ווער פון די שטוביקע זיי זען. אָבער זי האָט ווידער איבערגעלאָזט איר האַנט אין זיינער.

— די עלטערן וואַרטן שוין אויף מיר, שוין שפּעט, — האָט זי אים געזאָגט, אָבער זי האָט נאָך אַלץ נישט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער. זי האָט געוואָלט פילן וואָס לענגער די וואַרעמקייט פון זיינע אברים, כאָטש זי איז געווען אומגעדולדיק, געוואָלט לויפן זאָגן די טאַטע־מאַמע, זיי דערפרייען מיט איר גליק.

ער האָט זי האַסטיק אַרומגענומען און זי געקושט.

זי האָט מיט כּוח זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט.

— שלום! — האָט זי אַ שריי געטאָן אַ פאַרסאָפּעטע און איז אַוועקגעלאָפן פון אים. זי איז געלאָפן מיט קליינע טריט און פון וועג אים אַריבערגעשריגן: — מאָרגן ביי דער אַרבעט... — און אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ער זאָל גיין, כאָטש עס איז געווען פינצטער.

ער האָט געזען ווי איר סילועט דערווייטערט זיך וואָס אַ מאָל מער ביז זי איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטער. ער איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע ווי ער זאָל וואַרטן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין פּאַמעלעך צוריק.

# טו

שושנה האָט אָנגעטאַפּט די טיר אין דער פינצטער, זי אויפגעפּראַלט און פאַרמאַכט נאָך זיך מיט אימפּעט. זי איז שטיין געבליבן אָן אָטעם. די ליכט האָט איר אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. זי האָט פאַרמרוזשעט די אויגן. — אָה! — האָט זי אויסגעסאָפּעט. זי איז געקומען צו זיך און זיך אַרומגעקוקט. זי האָט געוואָלט זען ווער עס איז דאָ אין שטוב. די אָנגעזאַמלטע הינטער די פאַרמאַכטע טירן און פענצטער נאַכטלופט איז געווען אַ שווערע. די ליכט אין שטוב איז געווען גרינלעך.

יצחק, דער פאָטער, וואָס האָט געשפּאַנט איבערן צימער איז שטיין געבליבן. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, זי אָנגעקוקט. זיין פאַרזאָרגט פּנים איז געווען פאַרגליווערט.

די מוטער איז אַריין פון קיך.

— שפּעט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן דער טאָכטער, און זי באַטראַכט פון דער זייט. דער מוטערס אויגן זענען געווען טריב, ווי זי זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט.

שושנה האָט געוואָלט אַ לויף טאָן צום פאָטער. זי איז אָבער אַרויפגעפאַלן אויף דער מוטער. זי האָט אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער מוטערס בוזעם און אַ זאָג געטאָן:

— איך בין אַ כּלה געוואָרן — און זיך צעוויינט.

דער אָפּהילך פון אירע ווערטער איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דער מוטערס בוזעם. זי האָט געהאַלטן אַרומגענומען די מוטער און געוויינט ווי אַ קינד. זי האָט זיך באַפרייט פון דעם אָנגעזאַמלטן ביי איר דורך דער צייט ערגער און פאַרדראָס.

דער מוטערס קאָפּ איז געלעגן איבער שושנהס. זי האָט זי געגלעט און געקושט, געוואָלט זי באַרויִקן ווי אַ קינד. דער מוטערס אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעהאַנגען און האָט געציטערט. אירע אויגן זענען געווען נאַס.

דער פאָטער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און געקוקט אויף זיי. זיינע אויגן זענען געווען אויפגעריסן, זיין מויל אָפן, ווי ביי אַן איבערראַשט קינד. אים האָבן נאָך איצט געקלונגען אין די אויערן דער טאָכטערס ווערטער, אָבער אים האָט זיך געדאַכט אַז ער האָט זיך פאַרהערט. זיינע אויגן זענען געלאָפן אַהין און צוריק אין די אויגן־לעכער. זיין בליק איז געווען שטאַר. ער איז געשטאַנען און געוואַרט.

שושנה האָט פּאַמעלעך, ווי זי זאָל נישט האָבן קיין כּוח, אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זי איז שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זי האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף די שטוביקע. זי איז נישט געווען זיכער ווי אַזוי דער פאָטער נעמט אויף איר בשׂורה, איר גליק.

דעם פאָטערס אויגן האָבן אַ פינטל געטאָן. ער האָט מיט די הענט זיך אָנגעג־טאַפּט די באַקן און איז לאַנגזאַם, ווי די פיס זאָלן אים נישט טראָגן, צוגעגאַנגען

צו דער טאָכטער. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט. ער האָט זי צוגעפירט און אַוועקגעזעצטביים טיש ווי אַ קינד.

די מוטער איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. אירע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט. זי האָט געמורמלט:

— סימן טוב, מזל־טוב.

דער פאָטער און די מוטער האָבן זיך פּאַמעלעך אַוועקגעזעצט, ווי זיי זאָלן מורא האָבן, אַז זיי וועלן צעשטערן די שטילקייט.

— אָה! — האָט שושנה אַ קרעכץ געטאָן. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן. זי האָט אָנגעקוקט די עלטערן. די געבליבענע ביי איר אין די אויגן טרערן־נעץ האָט איר פאַרשטעלט די ראיה. זי האָט זיי געזען ווי אויף אַ שלעכטער פאָטאָ־גראַפיע.

די עלטערן האָבן געקוקט אויף איר און געוואַרט.

שושנה האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער פון אונטערן שטערן אַפיר. זי האָט נערוועז זיך איבערגעזעצט אויפן בענקל און האָט אים געזאָגט:

— דאָס איז דער בחור, וואָס די מענטשן האָבן אויף אים אָנגערעדט... — זי האָט מיט די שפּיץ פינגער זיך אויסגעווישט די אויגן און זיי אַראָפּגעלאָזט.

אויך דער פאָטער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט פאַרצויגן די ליפּן און זיך פאַררויטלט. ער האָט געוווסט און געפילט, אַז די טאָכטער פאָדערט פון אים איר חרפה. ער האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און באַשטעטיקט איר נישט דערזאָגטן פאַרדראָס.

אַ ווײַלע האָבן אַלע אין שטוב געשוויגן, אָבער די שטילקייט האָט וויברירט. דער פאָטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— ברוך! — האָט ער אַ רוף געטאָן דעם זון. זיין קול איז געווען הייזעריק פון אויפרעגונג.

ברוך איז אַריין פון זיין צימער. ער האָט אַ קוק געטאָן און מיטן בליק אַרומ־גענומען די משפּחה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט. ער האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער, געוואַרט ער זאָל אים זאָגן.

— שושנה איז אַ כלה געוואָרן, — האָט דער פאָטער אים צווויסן געטאָן. זיין קול האָט איצט געציטערט פון פרייד און אויפרעגונג.

ברוך איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם.

— אַ־ה כ־ל־ה? — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ פרעג געטאָן: — מיט וועמען? ווי ער זאָל אַראָפּשלינגען די ווערטער. ער האָט זיך צוגעזעצט. די פּיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן.

— באַלד וועסטו און איך הערן, — האָט דער פאָטער אים אַ זאָג געטאָן.

— נו, טאָכטער, דערציייל, — האָט ער זיך געוואַנדן צו איר. ער האָט גערעדט שנעל. ער האָט געמאַכט זיך האַרץ, ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם, וואָס זי וועט אים זאָגן.

אַלע האָבן אייליק זיך צוגעבויגן צום טיש זיי זאָלן נישט פאַרלירן אַ וואָרט.

שושנה האָט זיך איינגעזעצט אין בענקל און האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט: ער איז אַ פּיין־מעכאַניקער. ער פאַרריכט שרייב־מאַשינען. זי האָט גערעדט פּאַמעלעך אָבער זי האָט געאָטעמט שווער. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל מיט מיטלייד אַ זאָג געטאָן:

— זיין גאַנצע משפּחה איז אומגעקומען ביי די דייטשן אין לאַגער. ער שטאַמט פון פּוילן, פון אַ גוטער משפּחה, — האָט זי צוגעגעבן.

ברוך האָט אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך אַוועקגעבויגן פון טיש און געזאָגט:

— ער פּאַסט אַריין אין דער משפּחה.

דער פאָטער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ. ער האָט פאַרגלייזט די אויגן און געמאַכט די ברכה „ברוך אַתה ה׳ אלהינו מלך העולם הטוב והמטיב". אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום ווייב:

— גאָט צו דאַנקען, אַז מיר מוזן נישט סתם אַוועקגעבן אונדזער טאָכטער.

— אין זיינע רייד האָט זיך געפילט פרייד. באַלד דערויף, ווי ער זאָל זיך האָבן איבערגעלייגט, האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן: — טעכטער פאַרשדכנען זיך אַליין. — אין די רייד איז געווען אַ ביסל פאַרדראָס.

— ליבע! — האָט ברוך אַ זאָג געטאָן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שוועסטער און געשמייכלט. דער פאָטער האָט נישט רעאַגירט. ער האָט נישט געוואָלט הערן דעם זונס רייד.

— היינט איז דינסטיק, אַ מזלדיקער טאָג, — האָט די מוטער געזאָגט. זי האָט ווידער אַ פאַרגלייז געטאָן די אויגן און געזאָגט: — סימן טוב, מזל־טוב.

שושנה האָט גוט געהערט, וואָס דער ברודער האָט געזאָגט. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך אַ ווענד געטאָן צו דער מוטער:

— ער איז הויך און האָט ברייטע אַקסלען. ער האָט גרינע אויגן און רויטע האָר... — אירע אויגן האָבן געגלאַנצט.

די מוטער האָט אָפּגעאָטעמט ווי זי זאָל אָפּסאָפּען. אַ שמייכל האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער איר קיילעכיק פּנים.

די הויט אַרום דעם פאָטערס אויגן איז געגרינצלט געוואָרן. ער האָט אויך געשמייכלט.

ברוך האָט באַטראַכט אַלע. ער האָט זיך געקוויקט מיט אַלעמענס פרייד, נאָך אַזוי פיל פּיין און ליידן.

— ווי הייסט ער? — האָט דער פאָטער זי אַ פרעג געטאָן.

— אפרים פריי, — האָט זי געזאָגט מיט שטאָלץ און זיך צעשמייכלט. זי האָט אַ ווייז געטאָן אירע ווייסע גרויסע ציין, אירע נאָז־לעפלעך האָבן אַ פלאַטער געטאָן.

— פריי, פריי, — האָט דער פאָטער איבערגעחזרט דעם נאָמען. דער נאָמען איז פאַר אים געווען אַ פרעמד וואָרט. אָבער ער האָט עס געזאָגט ווי ער זאָל זיך דערמיט שטילן. דער פאָטער האָט זיך אָפּגעבויגן פון טיש. ער האָט זיך אָנגעלענט אין בענקל־אָנלען און זיך אַ זאָג געטאָן: — אַ מיידל אַליין? — ער האָט אַ הייב

געטאָן מיט די אַקסלען אומבאַהאָלפן. ער האָט נישט געקענט שענקען זיך און איר, אַז זי האָט זיך אַליין פאַרקנסט. אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו דער טאָכטער: — און ווען וועלן מיר אים זען! — ער האָט זי געפרעגט ווי ער זאָל איר אויסרעדן. זיין קול איז אָבער געווען ווייך.

שושנה האָט זיך אַרויפגערוקט אויפן בענקל און זי האָט מוטיק און מיט גאווה געענטפערט דעם פאָטער:

— שבת פאַרנאַכט! אַזוי האָבן מיר זיך אָפגערעדט.

דער מוטערס קאָפּ האָט עטלעכע מאָל זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער זאָל ציטערן פון איבערראַשונג. זי האָט שוין געזען פאַר זיך דער טאָכטערס חתן און די צייט וואָס איז געבליבן אים אויפצונעמען. אירע אויגן האָבן אַ פינטל געטאָן. זי האָט פאַרצויגן די ליפּן און מיט די גראָבע פינגער זיך אויסגעווישט די אויגן.

דער פאָטער האָט מער נישט געקענט הערשן איבער זיך. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בענקל, ווי ער זאָל וועלן לויפן צו דער טאָכטער און אויס־געשטרעקט די הענט צו איר.

שושנה איז צוגעשפרונגען און זי איז דעם פאָטער אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס. דער פאָטער האָט זי אַרומגענומען און געדריקט צו זיך. ער האָט זי געהאַלדזט און געקושט און מיט ווערטער געשטיקטע פון טרערן, געשטאַמלט:

— איך האָב געוווסט ווער מיין טאָכטער איז. נישט איך בין שולדיק, — האָט ער זיך פאַר איר פאַרענטפערט.

שושנה האָט זיך געטוליעט צו אים, אים געקושט און שטיל געוויינט. אַלע האָבן שטיל מיט איר מיטגעוויינט.

די ערשטע האָט די מוטער זיך באַהערשט. זי האָט מיט אַ שפּיץ שאַרץ זיך אויסגעווישט די אויגן און מיט דער צונג אַרומגעווישט זיך די ליפּן. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אַרויסגענומען די טאָכטער פון פאָטערס הענט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך דער פאָטער אויפגעשטעלט און אַוועק אין אַ זייט. ער האָט געווישט זיך די אויגן מען זאָל נישט זען און האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער. ער האָט געאָטעמט שווער ווי ער זאָל בלאָזן פון זיך. זיינע ליפּן זענען געווען פאַרשלאָסן, זיין שטערן איז געווען צעקנייטשט און געקוקט אַראָפּ.

שושנה האָט זיך אויסגעדרייט און זיך אָנגעבויגן צו דער מוטער. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיך געקושט.

ברוך איז צו זיי צוגעגאַנגען.

שושנה האָט זיך אויפגעהויבן און זיך צעקושט אויך מיט אים. איצט האָבן אַלע זיך געווישט די אויגן.

די שטילקייט אין שטוב איז איצט געווען אַ לייכטע ווי זי זאָל שוועבן. די ליכט איז געווען העל ווי געלייטערט. דער פאָטער איז שטיין געבליבן און האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום זון:

— ברוך, גיי זאָג אָן די ברידער די בשׂורה! — און באַלד האָט ער ממשיך

געוועןֹ: — מאָרגן וויל איך זיי זען. שבת זאָלן זיי קומען מיט די משפחות... זיין קול האָט ווידער געקלונגען. ער איז ווידער געווען זיכער אין זיך.

— יאָ! איך שפּרינג שוין צו! — האָט ברוך געזאָגט דעם פּאָטער, און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— ברוך! איך גיי אויך! פיר מיך צו צו דליהן, — האָט שושנה אים געבעטן.

ער איז שטיין געבליבן און געוואַרט אויף איר.

— טאָכטער, אַזוי שפּעט? האָסט נאָך נישט געגעסן, — האָט די מוטער זיך ביי איר געבעטן.

— איך בין נישט הונגעריק, — האָט די טאָכטער איר געענטפערט און אַ שפּרונג געטאָן צום ברודער.

— זאָל זי גיין, זאָל זי זיך פרייען מיט אירע חברטעס, — האָט דער פּאָטער זיך אַריינגעמישט און ווייטער געשפּרייזט.

— קום באַלד צוריק, — האָט די מוטער נאָכגעשריגן.

— יאָ, מאַמע, — האָט די טאָכטער איר פאַרזיכערט.

דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

— גייט געזונט, — האָט די מוטער זיי געווונטשן.

דער פּאָטער איז שטיין געבליבן אין מיטן שטוב. ער האָט פאַרלייגט איין האַנט איבער דער אַנדערער ווי ער זאָל זיי אַריינשטופּן אין די אַרבל פון העמד. זיינע אַקסלען זענען געווען קאַנטיק. זיין קאָפּ איז געווען אויסגעשטרעקט. ער איז געשטאַנען און געקוקט. ער האָט געזען ווייט.

די מוטער איז געזעסן און געקוקט אויף אים.

די קילע נאַכט איז זיי אַנטקעגן געקומען. די שוועסטער און דער ברודער האָבן אָפּגעאָטעמט. די פינצטערקייט האָט זיי אַרומגענומען. זיי זענען געגאַנגען דורך די נישט געצוימטע הייף צום שטעג, וואָס האָט געפירט צו דליהן. ברוך האָט שושנהן געפירט ביי דער האַנט ווי אַ קינד, זי זאָל זיך נישט אָנשטויסן אין אַ וואַנט אָדער פאַלן איבער אַ שטיין.

ברוך האָט דערזען דליהס הויז און האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— ער איז אַן אשכנזער?

זי האָט פאַרשוויגן זיין פראַגע.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זי אַ פרעג געטאָן:

— ווו האָסטו זיך באַקענט מיט אים?

— ביי דער אַרבעט, — האָט זי אים געענטפערט.

— דאָס וועט זיין דער ערשטער אשכנזער אין דער משפּחה, — האָט ברוך איר אַ זאָג געטאָן. ער האָט עס פאַרשטאַנען פון איר שווייגן.

אויך איצט האָט זי אים נישט געענטפערט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אים געזאָגט:

— קענסט גיין... — זי האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיינער און אַ לויף געטאָן צו דליהס טיר.

— גיב אַכטונג, ווו דו גייסט! — האָט ער איר נאָכגעשריגן און איז אַוועק.

זי האָט אָנגעקלאַפּט און איז אַריין אין שטוב.

די מיידלעך, דליה און ליזאַ זענען אויפגעשפּרונגען. זיי האָבן געוואַרט אויף איר. זיי האָבן געוווּסט, אַז זי איז געגאַנגען זיך טרעפן מיט אפרימען און דערנאָך געדאַרפט צו זיי קומען. ביידע האָבן מיט אויסגעשראָקענע אויגן זי אָנגעקוקט. זיי האָבן נישט געוואָגט זי צו פרעגן. זיי האָט זיך געדאַכט, אירע צעפלאַמטע באַקן און די פאַרוויינטע אויגן זענען אַ שלעכטער סימן.

ליזאַ האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַ פרעג געטאָן שושנהן:

— נו?...

— איך האָב חתונה, — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן און אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן אירע טרערן פון גליק. עס האָט געדויערט ביז זי האָט אויפגעהויבן די אויגן. זי האָט געוואָלט רעדן ווייטער אָבער זי האָט נישט געקענט. די צערונענע טרערן איבער אירע ווײַעס האָבן געשימערט ווי אַ טוי־טראָפּן אויף אַ גרעזל.

די מיידלעך זענען פאַרגליווערט געוואָרן פון איבערראַשונג. זיי האָבן געוואָלט רעדן, אָבער אויך נישט געקענט. זייערע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן געפינקלט.

שושנה האָט זיי אויסגעשטרעקט די הענט. זיי זענען אַרויפגעפאַלן אויף איר. זיי האָבן זי אַרומגעכאַפּט, געדריקט און געקושט. שושנה האָט זיך געטוליעט צו זיי.

די שטוב איז איצט גרויס ווי זי זאָל זיין ליידיק. די ניי־מאַשין איז געווען איבערגעדעקט. דער טיש איז געשטאַנען אָפּגערוקט אין אַ זייט. די סחורות זענען געווען פאַרבונדן אין אַ פּעקל און זענען אויך געלעגן אין אַ זייט. דליהס משפּחה איז שוין געשלאָפן. צוויי פון די דריי לעמפּלעך אין זשיראַנדאָל זענען געווען אויסגעלאָשן. דאָס אָנגעצונדענע לעמפּל האָט געברענט ווי אַ פּאַקל; לאַנגזאַם האָבן די מיידלעך זיך באַרויִקט. זיי האָבן אָפּגעלאָזט שושנהן, אָבער זייערע פינגער האָבן געגלעט אירע באַקן, דעם האַלדז, די האָר.

— וואָס שטייען מיר? לאָמיר זיך זעצן, — האָט דליה פאַרגעשלאָגן און געוואָלט צוגיין צו דער סאָפע.

— טייערע מיינע, איך מוז גיין, איך האָב געלאָזט די עלטערן אַליין. זיי וואַרטן אויף מיר. זיי און איך אויך זענען מבולבל, — האָט שושנה אַ זאָג געטאָן. אירע אויגן זענען ווידער אַ מאָל נאַס געוואָרן, אָבער פון גליק.

די מיידלעכס טרערן האָבן אויך גענומען טריפן. ליזאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן. אירע פאַרבאַהאַלטענע טרערן האָבן זי געברענט. זי האָט געעפנט די אויגן.

— שוש! איך האָב דיר געזאָגט, אַז ער וועט זיין דיין חתן, — האָט ליזאַ זיך אַ רים געטאָן און זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ פון פרייד.

— מיידלעך, איך בין מיד פון גליק, — האָט שושנה זיך פאַרענטפערט פאַר

זיי. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַ פֿאַרשעמטע. זיי זענען כּסדר געווען נאָס. אויך זיי ביידע האָבן געשמייכלט צו איר דורך טרערן.

שושנה איז אַוועק צו דער טיר. זיי זענען איר נאָכגעגאַנגען. אין דער אָפֿענער טיר האָט זי זיך אויסגעדרייט צו זיי און אַ זאָג געטאָן: — שבת פֿאַרנאַכט קומט ער צו אונדז. איר זאָלט שטיין אין איינגאַנג, וועט איר אים זען.

— עס פּאַסט נישט, — האָט ליזאַ געפּרוּווט זיך אַנטקעגנשטעלן.

— גוט, גוט! — האָט דליה מסכּים געווען.

די מיידלעך האָבן אַרויסגעפֿירט שושנהן. די פֿינצטערניש איז זיי אַנטקעגן געקומען. זיי זענען שטיין געבליבן און זיך איינגעקוקט אין דער ווייט ווי זיי זאָלן וועלן אַדורכקוקן די פֿינצטערניש. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי זיך געלאָזט גיין. זיי זענען געגאַנגען איינע הינטער דער אַנדערער און געשוויגן. זיי האָבן נישט געוואָלט די שכנים זאָלן זיי הערן. ווי נאָר זיי זענען אַריבער דעם שטעג, האָט שושנה אַ זאָג געטאָן:

— גייט צוריק. אַ גוטע נאַכט! — האָט זי צוגעגעבן און איז אַוועק אַליין.

— אַ גוטע נאַכט! — האָבן זיי שטיל איר נאָכגעזאָגט, זיי זאָלן נישט איבערוועקן די שכנים. זיי זענען געשטאַנען און איר נאָכגעקוקט, ביז זי איז פֿאַרשוווּנדן. דעמאָלט זענען אויך זיי אַוועק אַהיים.

שושנה האָט שנעל געעפֿנט די טיר. זי איז אין שטוב ווי אַרײַנגעפֿאַלן. זי האָט שטיל צוגעמאַכט די טיר נאָך זיך און האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. זי האָט זיך געפֿרייט וואָס זי איז שוין צוריק ביי זיך אין שטוב, ווו עס איז ליכטיק. זי האָט אָנגעקוקט די טאַטע־מאַמע. די מוטער איז געזעסן, דער פֿאָטער האָט געשפּרייזט איבערן צימער, אַזוי ווי זי האָט זיי איבערגעלאָזט, ווען זי איז אַרויס פֿון שטוב.

— קום עסן, — האָט די מוטער איר איצט ווידער אַ זאָג געטאָן, און זיך אויפֿגעשטעלט פֿון בענקל.

— איך וויל נאָר טרינקען אַ גלאָז מילך, — האָט שושנה איר אָפּגעענטפֿערט.

די מוטער האָט זי אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט און אַרײַנגעפֿירט אין קיך.

דער פֿאָטער האָט זיי נאָכגעקוקט און ווייטער געשפּאַנט. ער האָט געשפּאַנט די גאַנצע צייט — אַ מאָל אַרום דעם טיש, אַ מאָל איבער דער לענג פֿון צימער און אַ מאָל איבערן האַלבן צימער נאָר. ער האָט נישט פֿאַרשנעלערט און אויך נישט פֿאַרלאַנגזאַמט זיין טריט. ער איז געגאַנגען ווי ער זאָל האָבן אַ באַשטימטן וועג.

— מאַמע, איך האָב געענדיקט, — האָט שושנה איר אַ זאָג געטאָן און האָט אַוועקגעשטעלט די גלאָז אויפֿן טיש.

— קום שלאָפֿן, — האָט די מוטער איר געענטפֿערט. זי האָט אָנגענומען שושנהן ביי דער האַנט און אַרײַנגעפֿירט אין שטוב. — אַ גוטע נאַכט, טאָכטער! — האָט די מוטער איר אַ זאָג געטאָן.

שושנה האָט פֿאַרוואָרפֿן די הענט איבער דער מוטערס האַלדז און זי געקושט.

דער פּאָטער איז שטיין געבליבן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיי און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַ גוטע נאַכט דיר און אַלע ייִדן... זיינע גרויע אויגן האָבן געהאַט אַ זילבערגלאַנץ. זיין לענגלעך פּנים איז איצט געווען ברייט.

די מוטער האָט אַראָפּגענומען דער טאָכטערס הענט פון זיך.

— גיי שלאָפן, — האָט זי גוטמוטיק איר אַ זאָג געטאָן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי זי זאָל אַוועקטרייבן אַ האָן. אירע אויגן האָבן געלאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט, — האָט שושנה געווונטשן די עלטערן ווי זי זאָל זינגען און זי איז אַוועק צו זיך אין צימער. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט, וואָס זי איז ווידער געווען אויפגעלייגט ווי אַלע מאָל פריִער.

די מוטער האָט אָפּגערוקט אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט ווי זי זאָל זיצן אין מיטן שטוב. זי האָט איבערגעלייגט די הענט איבערן בויך, ווי זי זאָל זיך אים אונטערהאַלטן און האָט געדרייט איין גראָבן פינגער איבערן אַנדערן. זי האָט געקוקט ווי יצחק, איר מאַן, שפּאַנט, ווי ער זאָל ציילן זיינע טריט. אַ צייט שפּעטער האָט זי זיך אַרומגעקוקט צי די טאָכטער איז נישטאָ און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— מיין מאַן, ביסט צופרידן?

ער האָט איר נישט געענטפערט. דערנאָך האָט ער איר אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז דעם ייִדס דרך: מגדל זיין און חתונה מאַכן קינדער.

אַ ביסל שפּעטער האָט זי אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל רעדן צו זיך:

— געוואָרט, אויסגעקוקט איר באַשערטן... — זי האָט מיט דער צונג אַרומגעווישט זיך די ליפּן און האָט אַ זאָג געטאָן: — געמיינט... — אָבער זי איז שטיל געבליבן. ביידע, ער און זי, האָבן דערפילט די שטילקייט. דער אָפּהילך פון זיינע טריט האָט זיך געטראָגן איבער דער שטוב.

יצחק איז שטיין געבליבן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר. ער האָט געוואָלט זי זאָל ממשיך זיין.

זי האָט געוווּסט, אַז זי מוז פאַרענדיקן דעם פריִער אָנגעהויבענעם זאַץ, אָבער זי האָט נאָר אַ זאָג געטאָן:

— סימן טוב! מזל־טוב!

— אמן! — האָט ער איר געענטפערט און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?

זי האָט אים נישט געענטפערט.

— רעד! שוויַיג נישט! — האָט ער ביי איר געפאָדערט.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אים אָנגעקוקט. זי האָט געקוקט אים אין פּנים אַריין און האָט געזאָגט:

— ער וועט מיר זיין פרעמד. איך האָב געוואַרט אויף אַן אייגענעם, איך זאָל קענען זיך מיט אים אַדורכרעדן, איך זאָל וויסן ווען ער איז גליקלעך און

חלילה, עס זאָל נישט זיין אויסגערעדט... — זי האָט פאַרגלייזט די אויגן און זי איז זיצן געבליבן ווי אַ מומיע.

ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ אָבער ער האָט געקוקט אין אַ זייט און האָט איר געזאָגט:

— אַלע זענען ייִדן... — און ווייטער געשפּרייזט.

די מוטער האָט אַ פאַרדריי געטאָן די אויגן און האָט געזאָגט:

— זאָלן זיי זיין גליקלעך! — זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, זי האָט צו זיי צוגעלייגט די שפּיץ פינגער און אויפגעהויבן די הענט צום הימל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַראָפּגעלאָזט די הענט און געעפנט די אויגן. איר פּנים האָט געצוקט. אַז זי האָט זיך באַרויִקט האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אים נאָכגעקוקט. — טאַטע פון דער טאָכטער! — האָט זי אים אַ רוף געטאָן.

ער איז שטיין געבליבן איר אַנטקעגן.

— זאָלסט נישט שפּאָרן דעם גראָשן. איך וויל איר, דער איינציקער טאָכטער, מיטגעבן אַלץ, — האָט זי אים געזאָגט. אינעם אופן ווי זי האָט געזאָגט די ווערטער האָט זיך געהערט פאַרלאַנג און תּחנונים.

— זי וועט קריגן אַלץ, אַזוי ווי ס'געהערט זיך אונדזער טאָכטער, — האָט ער זי פאַרזיכערט און גענומען ווייטער שפּרייזן.

— אַ גוטע נאַכט דעם טאַטן פון מיינע קינדער, — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַוועק אין צימער שלאָפן.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט ער איר נאָכגעווונטשן. היפּש צייט נאָך האָט יצחק געשפּאַנט ביז ער איז שטיין געבליבן. — אַהה, — האָט ער אָפּגעזיפצט, און מיט די הענט זיך אויסגעריבן דאָס פּנים, פאַרטריבן די מידקייט. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ. אַ ווײַלע האָט ער אויפגעהאַרכט צי די פרויען שלאָפן. ער איז אַוועק אין באַדצימער, ער האָט זיך אָפּגעגאָסן די הענט, זיך אויסגעוואַשן די אויגן און אויסגעשווענקט דאָס מויל. ער האָט זיך איבערגעטאָן און איז צוריק אַריין אין צימער.

ער איז צוריקגעקומען אַ באַרוועסער אין אַ לאַנג ווייס העמד מיט אַ ווייס קאַפּל אויפן קאָפּ. ער האָט אָנגעצונדן דעם שטיילאָמפּ ביים פאָטעל און ער האָט אויסגעלאָשן דעם זשיראַנדאָל. ער האָט אַרויסגענומען פון בופעט אַ ספרל און זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעל. ער האָט אונטערגעלייגט אונטער זיך די פיס און אָנגעטאָן די ברילן. ער האָט געעפנט דאָס ספרל און געבלעטערט די בלעטער. ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויגט און גענומען זאָגן:

— טוב לישׂראל אל הים לברי לבב...

אַ צייט שפּעטער האָט די טיר שטיל זיך געעפנט און נאָך שטילער זיך צוגעמאַכט. יצחק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון ספר און אַרויפגערוקט זיך די ברילן אויפן שטערן.

ברוך איז אונטערגעגאַנגען צו אים אויף די שפּיץ פינגער. שטיל, ווי ער זאָל שעפּטשען האָט ער אים איבערגעגעבן:

— אברהם און ציון האָבן געטאַנצט פאַר שׂמחה... זיי האָבן געוואָלט שוין קומען צו דיר. זיי האָבן נישט געקענט לאָזן די ווייבער מיט די קינדער אַליין אין שטוב. מאָרגן קומען זיי אַלע דיר ווינטשן... — ער האָט גערעדט שטיל און דייטלעך. דער פּאָטער האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — אַ גוטע נאַכט, טאַטע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם פּאָטער און איז אויף די שפּיץ פינגער אַוועק שלאָפן.

דער פּאָטער האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט אַראָפּגערוקט זיך די ברילן אויף דער נאָז און געזאָגט ווייטער:

— הריעו ליהוה כל הארץ... — ער האָט זיך געוויגט און מיט אים זיין שאָטן אויף דער וואַנט.

# טז

אויפן האָריזאָנט זענען געווען נאָך די לעצטע נאַכט־פּיילן. דער נאַר־וואָס אָפּירגעקומענער טאָגשיין האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער ווי אַן עלנטע טויב, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ פענצטער־קאַרניז. יצחק איז אויף די שפּיץ פינגער אונטערגעגאַנגען אונטער דער טאָכטערס טיר. זיין פּנים איז געווען אויסגערוט, אָבער זיינע אויגן זענען געווען אויפגעריסענע פון שלאָף. ער איז די נאַכט ווייניק געשלאָפן. אַלע אין שטוב זענען נאָך געשלאָפן. ער האָט געוואָלט זען די טאָכטער איידער ער גייט אַרויס פון שטוב. אַלע טירן זענען געווען פאַרמאַכט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ער האָט זיך באַגנוגנט מיט דער ווירקלעכקייט. ער איז מיט שטילע טריט אַוועק צוריק אין שטוב. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם טלית־זאַק און שטיל געעפנט און פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר. ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַוועק פון שטוב.

ביז איבער דער פּאַרטקע פון זיין פּאַרקן האָט ער נאָך געאָטעמט די וואַרעמ־קייט פון זיינע חדרים. ערשט אין געסל האָט ער דערפילט די מאָרגן־פרישקייט. ער האָט אָפּגעאָטעמט און געלאָזט זיך גיין. ער איז געגאַנגען דאַווענען מיטן באַשלוס, אַז ער דאַרף פריִער רעדן מיט יעקבן. די מילדע מאָרגנלופט אין די געסלעך האָט אים געפרישט. ער האָט געשפּרייזט איבער די געסלעך, אין וועלכע ער האָט אָפּגעלעבט זיין רוב לעבן. ער האָט באַטראַכט יעדן שטיין אין וואַנט. ער האָט אַריינגעקוקט אין יעדן פאַרבייגעגאַנגענעם הויף. ער האָט גוטמוטיק אָנגעקוקט די ווייבער, וואָס זענען אים פאַרבייגעלאָפן מיט אַ ברויט און פלעשל מילך אין דער האַנט. ער האָט באַטראַכט די ייִדן, וואָס האָבן געאיילט צו זייער אַרבעט. ער האָט יעדן געזאָגט שלום. עס איז אים געווען לייכט אויפן געמיט. ער האָט געשמייכלט בנחת. דער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט כּסדר זיך געביטן. אַ מאָל האָט ער פאַרמרוזשעט די אויגן און אַ מאָל זיי אויפגעריסן, געקוקט

פּאַרוווּנדערט. אַ מאָל האָט ער געהאַלטן די ליפּן פאַרמאַכט און אַ מאָל האָט ער געהאַלטן פאַרלייגט איין ליפּ איבער דער אַנדערער. ער איז געגאַנגען און געטראַכט ווי ער זאָל זיך נוהג זיין מיט יעדן און מיט אַלע.

— יעקבֿ! — האָט יצחק אים אַ רוף געטאָן פון ווייטנס.

יעקבֿ איז נאָר וואָס אַרויס פון שטוב מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און איז שטיין געבליבן אַ דערשטוינטער.

— אוי־וואַ! אוי־וואַ! — האָט ער פאַרוווּנדערט אַ זאָג געטאָן.

— גוט מאָרגן! — האָט יצחק אים באַגריסט און איז צוגעגאַנגען צו יעקבֿן. אַ צעשמייכלטער האָט יצחק אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ווּעמען, ווּעמען, אָבער דיך האָב איך זיך נישט געריכט צו טרעפן, — האָט יעקבֿ אים אַ זאָג געטאָן מיט אַ טאָן ווי ער זאָל אים פאַרהאַלטן.

יצחק האָט געלאַכט שטיל, אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— זאָג מיר מזל־טובֿ! — און ער האָט זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט פון הויז ביי וועלכן זיי זענען געשטאַנען.

— מזל־טובֿ! ר׳ יצחק! — האָט ער אים אָנגעוווּנטשן. ער האָט זיך אויך אָנגעלענט אין דער וואַנט אים אַנטקעגן. ער האָט אים אָנגעקוקט און אַ פרעג געטאָן מיט פאַרדראָס: — געטאָן אַ שידוך אַן מיר?

— די טאָכטער האָט זיך אַליין אויסגעשדכנט, — האָט יצחק אים געזאָגט, און האָט זיך צעלאַכט. ער האָט געוואָלט פאַרדעקן זיינע אייגענע ספקות.

— אַזוי גאָר? — האָט יעקבֿ אים אַ זאָג געטאָן און האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. אַ סימן, אַז דער שידוך גייט אים נישט איין.

יצחק איז געוואָרן ערנסט. זיין פּנים איז געוואָרן אָנגעצונדן. ער האָט פאַר־שטאַנען יעקבֿס חשד. אין דעם מאָמענט האָט ער זיך דערמאָנט אין די אַלע רכילותן, וואָס האָבן זיך געשפּינט אַרום זיין טאָכטער. ער האָט אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז פון אויפרעגונג און האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו יעקבֿן:

— ער איז אַ גוטער שטילער בחור, אַ פאַכמאַן און געלערנט. איך האָף אַז זי האָט געטראָפן, — האָט ער אים באַרויִקט.

יעקבֿ האָט אָנגעקוקט יצחקן, און געשוויגן. אים איז דער ענין נאָך נישט געווען קלאָר. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ פרעג געטאָן יצחקן:

— ווער איז ער?...

— ער איז אַן עולה פון פּוילן, געווען אין לאַגערן, שטאַמט פון אַ גוטער היים. די עלטערן זענען שוין נישטאָ, — האָט יצחק אים דערציילט. ער האָט געוואָלט צונישט מאַכן זיין חשד.

— אַן אשכנזער? — האָט יעקבֿ אַ זאָג געטאָן מיט אַ טאָן ווי ער זאָל זאָגן: אַ פּסול אין דער משפּחה.

יצחק האָט אים נישט געענטפערט, ווי ער זאָל נישט האָבן געהערט וואָס ער האָט אים געפרעגט.

יעקבֿ האָט פאַרשטאַנען זיין שווייגן. אים האָט פאַרדראָסן וואָס ער פרייט זיך

נישט מיט זיין חברס שׂמחה. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער וואַנט און זיך איינגעקוקט אין יצחקן.

יצחק האָט אים נאָכגעטאָן, זיך אויך אָפּגעריסן פון דער וואַנט. אַ ווײַלע האָבן ביידע ייִדן זיך אָנגעקוקט ווי זיי זאָלן זיך מעסטן.

— יצחק, — האָט יעקב זיך אַ ווענד געטאָן צו אים, — פאַרגעס די עוולה און דעם בזיון, וואָס מענטשן האָבן דיר אָנגעטאָן. פריי זיך מיט גאָטס זיווג און גרייט זיך צו דער חתונה...

— מיט גאָטס הילף — האָט יצחק אים געדאַנקט און אַ פרייך געטאָן. זיין פּנים איז געווען רויט פון גליק און דאַנקבאַרקייט צו יעקבן. — יעקב, — האָט ער זיך צו אים אַ ווענד געטאָן, — פאַר דיין טרחה און גוטן ווילן קען דיך נאָר גאָט באַלוינען. איך וועל דיך „מסלק" זיין ווי איך בין דיר חייב.

— זע נאָר, זע נאָר! וואָס שטייען מיר אין גאַס? קום צו מיר אין שטוב, וועט מיינע דערלאַנגען אַ טעפּל וואַרעמס, — האָט יעקב זיך פאַרענטפערט מיט פאַרדראָס.

— מען טאָר נישט אַראָפּ פון וועג. קום דאַוונען! — האָט יצחק פון אים געפּאָדערט און גענומען גיין. יעקב איז אים נאָכגעגאַנגען און זיך מיט אים אויסגעגליכן.

ביידע ייִדן זענען בנחת געגאַנגען דאַוונען.

אינהאַלט :

11 דער עולה
37 פלאַמענדיקע האָריזאָנטן
85 דער תחום
165 באַרג־יידן
283 טריט אין געסל